STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08776

KULTUR UN TSIVILIZATSYE

William Nathanson

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ו. נאטאנסאָן

קולטור און ציוויליזאציע

סעריע „ניי-סאָציאַליזם"

פארלאג „נייע געזעלשאפט"
י. באבינסקי, פרעזידענט
3129 לעקסינגטאָן עווע.
שיקאַגאָ

הויפט פארקויף
מאקס נ. מייזעל'ס פארלאג
424 גרענד סטריט
ניו יאָרק

1923

ארבייטער וועלט דרוקעריי 370 1126 בלו איילאנד עווע.

CULTURE AND CIVILIZATION

First of the Series

"NEO-SOCIALISM"

Copyright by

WILLIAM NATHANSON

Chicago, Ill., 1923

Printed in U. S. of America

דיר – שלום-רבֿקה
דער וואָנדערלוסטיק - נאַטשאַ,
מײַן ליבע פֿרוי און חבֿר
אין לעבן, געטרײַע וועכטער
פֿון אונדזער ליבענקען בנימין
וצחק ליבלש — שיינקע אויך
אַ מאַמע — מײַן ווערק: די
סעריע ,,נײַ-סאָציאַליזם".

מײַן ליבע און אָנגעזאָגטע
צו דיר, מײַן ירושה - רחל
פֿאַר דײַנע ערנסטע זאָרגן
ווי געווען ... און ...
צו ... און צו שאַפֿן...
מײַן ,,..." ...

פאָרוואָרט

אין דעם יאָר 1914 איז אין אונזער זשורנאַליסטיק שטאַרק אויפגעהויבען געוואָרען די פראַגע וועגען בילדונג פאַר די אידישע ארבייטער, וואָס א גרויסע צאָל פון זיי זיינען געווען א סברא, צו יענער צייט, אנאַלפאַבעטען.. האַנט אין האַנט מיט דער דאָזיגער פראַגע איז א סך גערעדט און געשריבען געוואָרען וועגען קולטור; אין דערזעלבער צייט איז אַרויסגעגעבען געוואָרען „די וועלט און די מענשהייט”, א בוך וואָס איז פול מיט „מאַטעריעלער” קולטור, „אינטעלעקטועלער” קולטור, „עסטעטישער” קולטור, „עטישער” קולטור און סתם קולטור.

אַט די דיסקוסיעס וועגען בילדונג פאַר די אַנאַלפאַבעטען, וואָס זיינען געלאָפען פּאַראַלעל צו די אָפּהאַנדלונגען וועגען קולטור, האָבען אויף מיר געמאַכט א מאָדנעם איינדרוק, און אַט פאַר וואָס:

פון מיין קינדהייט אָן, בין איך געווען א גרויסער מתמיד. מיין מאַמע׳ס צוזאָג אז זי וועט מיר קויפען א חומש איז געווען גענוג מיך ניט צו לאָזען שלאָפען א גאַנצע נאַכט, און איך פלעג ניט מיד ווערען צו זיצען איבער דעם חומש, און דערנאָכדעם איבער אַנדערע ספרים, גאַנצע טעג, און דאָך האָב איך קיינמאָל ניט ליב געהאַט, קיינמאָל קיין הנאה ניט געהאַט פון די פאַרשיידענע בילדונגס אנשטאַלטען: ניט פון די מיטעל־שולען און ניט פון די אוניווערסיטעטען, וואו מיר איז אויסגעקומען צו נעמען אלערליי קורסען, ווי מעדיצינישע, לערערישע און ריין פילאָזאָפישע, און דערפאַר האָב איך זיי קיינמאָל ניט געגעבען א געלעגענהייט מיך צו טיטולירען. א שפּעטערדיגע אינטראָספּעקציע האָט מיר געגעבען צו וויסען, אז דאָס איז אלץ געווען דערפאַר, וואָס איך האָב אויף יעדען שריט און טריט געשפּירט, אז די תורה אין אלע בילדונגס אנשטאַלטען

ווערט ניט געלערענט לשם תורה, דער גאנצער לערנען איז ניט צוליב דער אנטוויקלונג פון דעם מענשען אין דעם תלמיד, נאר צוליב דעם, אז דער תלמיד, ווען ער וועט ארויסקומען אין דער וועלט, זאל קאנען מיט גרויס איבערגעבענהייט דינען דער מאטעריעלער און מעכאנישער זייט פון דער עקאנאמיש־געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג.

די טראפ, אין די אלע אנשטאלטען, איז געשטעלט געווארען אויף דער „ניצליכקייט" פון דעם „עץ הדעת", און ניט אויף דער „ווערטפולקייט", מיט וועלכער עס אטעמען זיינע ווארצלען, צווייגען און בלעטער.

די דערשפירונג פון דעם גרויסען חלוק, וואס איז פאראן צווישען „נוץ" און „ווערט", האט מיך אויך ארויפגעפירט אויף דעם געדאנק, אז ציוויליזאציע, אין וועלכער דער מאדערנער מענש איז אזוי פארקאכט, קאן בשום אופן ניט אידענטיפיצירט ווערען מיט קולטור, וואס גאר פילע מענשען און פעלקער פארמאגען, אפילו ווען זיי זיינען ניט אזוי שטארק דורכגענומען מיט דער ציוויליזאציע, אדער האבען, אויף וויפיל דאס איז נאר מעגליך, גאר קיין ציוויליזאציע ניט, און אויף דעם זעלבען אופן קאן אויך בילדונג, דער מיטעל פאר עקסעלענץ פאר ציוויליזאציע, ניט אידענטיפיצירט ווערען מיט אנטוויקלונג, דעם „סינע־קווא־נאן" פון דער קולטור.

אין אן ארטיקעל „קולטור און אנטוויקלונג אין געגענזאץ צו ציוויליזאציע און בילדונג", געדרוקט אין די „שריפטען" פון 1914, האבען מיר דורכגעפירט, אויף ווי ווייט אונז דוכט זיך, צום ערשטען מאל, א ליניע, וואס זאל שטארק פאנאנדערטיילען און ארויסברייינגען די שטארקע אנטגעגענגעזעצקייט צווישען קולטור און ציוויליזאציע, און מיר האבען אין ליכט פון קולטור, אנשטאט ציוויליזאציע, אוועקגעשטעלט דאס ערציהונגס פראבלעם.

אונטער קולטור האבען מיר געוואלט זאל פארשטאנען ווערען יעדער אויסדרוק פון גייסט, וואס דינט דער פארטיפונג פון דעם מענשליכען גייסט און דער דערהויבונג פון דער מענשליכער נשמה; יעדער אויסדרוק, וואס שטרעבט און באצוועקט אוועקצוטראגען דעם מענשען אין די עולמות העליונים, בכדי ער זאל קאנען זיך מער און מער צונויפגיסען מיט דעם העכסטען גייסט אין דער וועלט און, אויף אזא, אדער אנאנדער אופן, דערשפירען א געוויסע אינטימע פארבינדונג צווישען זיין ענדליכען און באגרעניצטען „איך" און דעם אומענדליכען און אומבאגרעניצטען „איך", וואס נעמט ארום און שליסט אין זיך איין די גאנצע אוניווערס. אין דער קאטע־

גאָריע פון ציוויליזאציע האָבען מיר געוואָלט, זאָלען אריינגעהן אַלע המצאות פון דעם מענשליכען געדאנק, וואָס האָבען געפירט און פירען איצט דערצו, אז דאָס לעבען פון דעם מענשען זאָל אויסגעברייטערט ווערען, אוי־סערליך פארשענערט און פארפיינערט ווערען, און זאָל פון מאָמענט צו מאָמענט ארומגערינגעלט ווערען מיט מער און מער באקוועמליכקייטען.

דער דאָזיגער חלוק אין דעם זין און אין דער באדייטונג צווישען ציווילי־זאציע און קולטור איז שוין פון זיך אליין גורם א שטארקע באטאָנונג פון דעם פאקט, אז אַן אמת מענשליך לעבען הייסט נאָר אַזאַ לעבען, וואָס אין אים איז די ציוויליזאציע אונטערטעניגט צו דער קולטור, און ניט פאר־קערט, אַזאַ לעבען, אין וועלכען די ציוויליזאציע איז דער מיטעל, און די קולטור איז דער צוועק, און ניט „וויזא ווערזא”.

זינט יעמאָלט האָב איך געפּרואווט פון צייט צו צייט, אין דער עפענט־ליכקייט, דורך לעקציעס און ארטיקלען דאָ און דאָרט, אוועקשטעלען געוויסע געזעלשאפטליכע דערשיינונגען אין דעם ליכט פון קולטור אנשטאָט ציווי־ליזאציע.

אין אַן ענטפער אויף דר. זשיטלאָווסקי׳ס שטעלונג צו דער מלחמה, בין איך ארויסגעטראָטען געגען דער שטעלונג זיינער נאָך דערפאר, וואָס איך האָב געדיינקט, און איך דיינק נאָך איצט, אז פון א קולטור שטאַנדפונקט, פון דעם שטאנדפונקט וואָס אנערקענט די אבסאָלוטע אוממעגליכקייט צו וועגען און צו מעסטען און, אָביעקטיוו צו שאצען די ווערטען פון די מענש־ליכע נשמות, האָט קיין ציוויליזירט פאָלק קיין רעכט און קיין בארעכטיגונג ניט ארויסצוצווינגען זיין מאכט און געוועלטיגונג אפילו אויף דאָס, וואָס ער האָט אָנגערופען א „ניאם־ניאם” פאָלק.

אין ליכט פון קולטור האָבען מיר אויך אין „קעמפער” אַמאָל אוועק־געשטעלט דעם פאטריאָטיזם און נאציאָנאליזם.

אזוי איז עס געגאַנגען ביז עס איז געקומען דער באָלשעוויזם אויף דער וועלט, און אלע־ליי, ניט באָלשעוויסטיש־געשטימטע סאָציאליסטען, האָבען אָנגעהויבען אטאקירען און פּראָטעסטירען געגען די באָלשעוויקעס פאר זייער אונטערדריקען די פרייהייט פון וואָרט און שריפט, און געגען זייער סתם ניט סאָציאליסטישער אויפפירונג, ווי דאָס אָנהאַלטען פון די פּריווי־לעגיעס פון די באאמטע און די אַלע עקאָנאָמישע אומגלייכהייטען, וועלכע זיי האָבען געלאָזט הערשען אין לאנד ווי אין די אלטע גוטע צייטען.

דאָס האָט מיך געפיהרט דערצו, אז איך זאָל אָנשטעלען מיט גרויסער אָנ־שטרענגונג מיין „קולטור אויג" אויף דעם באָלשעוויזם, און איך האָב דערזעהן קלאָר און דייטליך, אַז דאָ האנדעלט זיך ניט נאָר וועגען דעם באָלשעוויזם, נאָר וועגען דעם גאַנצען מארקסיזם, און ניט נאָר וועגען דעם מארקסיזם, נאָר אויך וועגען דעם רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם, און אפילו וועגען דעם אנארכיזם גופא. איך האָב דערזעהן און דערפילט, אז אויב די רוסישע רעוואָלוציע האָט ניט געגעבען דער וועלט קיין ביישפּיעל פון גלייכהייט און פרייהייט, נאָך וועלכער אזוי פיעל מענשען דורשטען מיט אלע פיברען פון זייער נשמה, איז עס דערפאר, וואָס אלע די, וואָס האָבען געשריבען, גע־רעדט און געארבייט פאר דעם אָנקום פון דעם סאָציאלען איבערקער, האָבען, אָדער, ווי די סאָציאַליסטען פון אַלערליי לאַגערען, לגמרי ניט געגלויבט אין דער מעגליכקייט און נויטיגקייט פון דער אבסאָלוטער פריי־הייט און גלייכהייט, אָדער האָבען, ווי די אנארכיסטען, געגעבען דער אבסאָלוטער פרייהייט און גלייכהייט אַן אוטיליטאַריסטישע גרונדלאַגע. עס איז ביי זיי געוואָרען אַ פראַגע ווידער פון „גוף" און ניט פון „ווערט". מיט אַנדערע ווערטער, זיי האָבען אַלע, אָהן אַן אויסנאַם, געקוקט אויף דער קומענדער סאָציאַלער רעוואָלוציע פון דעם שטאַנדפּונקט פון ציוויליזאַציע, און ניט פון קולטור. . . .

אין אַ דעבאַטע ווידער מיט דר. זשיטלאָווסקי (דעם ערשטען מאַי, 1920) האָב איך זיך איינגעשטעלט פאַר דער וויכטיגקייט פון אבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט אין דער געזעלשאַפט, דען אָהן איר האָב איך גע־דיינקט, און דיינק נאָך איצט אויך, איז ניט שייך צו רעדען אינגאַנצען וועגען פּראָגרעס. און מענען די קומענדע רעוואָלוציעס, אַלע אין דער וועלט דעם מענשען געבען, אָבער כל זמן זיי וועלען אים ניט געבען די אבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט, אָהן וועלכער, נאַטירליך, די סאָציאַלע פרייהייט איז ניט מעגליך, וועט דער אידעאַל, וואָס טרייבט אין דער שטיל און אין דער טיף דעם מענשען צו מקריב זיין זיך פאַר דער רעוואָלוציע, ניט פאַרווירקליכט ווערען. ווי דאָס בלוט פון דעם נביא זכריה, אזוי וועט דער געפיהל פון דער געפעהרליכער אומגערעכטיגקייט, וואָס די מינדסטע עקאָנאָ־מישע אומגלייכהייט אנטהאַלט אין זיך, זידען און קאָכען ביז עס וועט פון דער גאַנצער מענשהייט קיין שריד ופליט ניט בלייבען, אָדער די גערעכטיגקייט, דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון קולטור, וועט זיגען פאָל־שטענדיג און פאָלקאָמען, אמוועניגסטענס, אויף דעם עקאָנאָמישען געביעט.

אויך די פראגע פון אבסאָלוטער פרייהייט פון וואָרט און שריפט, האָב איך אָנגערירט אין אַן אַרטיקעל אונטער דעם זעלבען נאָמען אין דער „פרייער ארבייטער שטימע.״

באלד נאָך דעם האָב איך אָנגעשריבען אַ לאנגע אָפּהאנדלונג וועגען דעם קלאסען קאמף אין ליכט פון קולטור אנשטאָט ציוויליזאציע, אין וועלכער איך האָב, ווי מיר דוכט זיך, מיט אותיות ומופתים באוויזען, אַז אַלע סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען, וואָס אַטאַקירען די באָלשעוויקעס, פאַר זייער שטעלונג צו דער איינפירונג פון גלייכהייט און פרייהייט, וואָלטען בשום אופן ניט אנדערש געהאַנדעלט ווען זיי, אנשטאָט די באָלשעוויקעס, וואָלטען די רעוואָלוציע געמאַכט. דען זיי אַלע, אַלס סאָציאַליסטען, זיינען געפאַנגען אין דער נעץ פון עקאָנאָמישען דעטערמיניזם, און אַלס אנארכיסטען פון קראָפּאָטקין׳ס חדר, ד. ה., אַלס אנאַרכיסטען, וואָס גלויבען אין דער רעוואָלוציע דורך סאָציאַלער, און ניט אינדיווידועלער אקציע, האָבען זיי זיך ניט באפרייט פון דעם מאַטעריאַליזם, וועלכער איז אין דער פילאָסאָפישער, ווי אויך אין דער וויסענשאפטליכער וועלט, אַן אַנאַכראָניזם. און די סאָציאַליסטען, וואָס זיינען, אַ דאנק דר. חיים זשיטלאָווסקי, אויסגעלייזט געוואָרען פון גלות פון דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם, זיינען אָבער נאָך אַלץ—אַ דאנק דעם איינפלוס פון קאנט׳ס „קריטיק פון ריינער פארנונפט״ אויף איהם, און זיין איינפלוס אויף זיי—צוגעשמידט צו די קייטען פון אינטעלעקטואַליזם און זיינע פועל יוצא׳ס: ראַציאָנאַליזם און רעלאַטיוויזם. און אַלס אַזעלכע מוזען זיי אינאיינעם מיט די אַנדערע סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען צוריקווייזען די עקזיסטענץ פון אבסאָלוטע ווערטען און מיט זיי אויך די ווערט פון פרייהייט און גלייכהייט „פער סע״, אָהן וועלכע עס איז אוטאַליטאַריסטישע צוועקען און אויסזיכטען, ווי דאָס פאָדערט די קולטור.

דער דאָזיגער קולטור־סאָציאַל־פילאָסאָפישער בליק אויף די צוקונפטיגע געשעהנישען ווערט, ווי ווייט מיר איז געלונגען, ארויסגעבראַכט אין דעם דאָזיגען בוך „קולטור און ציוויליזאציע״.

דער דאָזיגער בליק אויף דער צוקונפט האָט אונז אויך געמאַכט זיך צו פארטראַכטען וועגען די געשעהנישען אין דעם עבר, און דאָ האָבען מיר זיך פאראינטערעסירט אין די שייכות׳ן בכלל צווישען רעוואָלוציע און קולטור.

נאך א לאנגען נאכדיינקען און פארשען, בין איך געקומען צום באשלוס, אז די קולטור, און ניט די עקאנאמיק, איז דער שטארקסטער פאקטאר אין דער באשטימונג פון א ראלע, וואס א פאלק האט אין דעם גאנג און אינהאלט פון א רעוואלוציע. די קולטור, און ניט די עקאנאמיק, באשטימט וואס פאר א פאלק זאל געבען דער וועלט א לעקציע אין הלכות רעוואלוציע, די קולטור, און ניט עקאנאמיק, באשטימט דעם אופן און דעם אינהאלט פון דער רעוואלוציע וואס א פאלק מאכט דורך.

דעם דאזיגען געדאנק האב איך גאר אין גיכען ארויסצובריינגען אין דער צווייטער סעריע פון „ניי־סאציאליזם". און אין דער דריטער סעריע האב איך זיך אפצושטעלען באריכות אויף דער רוסישער קולטור.

און היות ווי די רוסישע קולטור האט זיך אמשטארקסטען און אמד טיפסטען אויסגעדריקט אין אירע דריי גרעסטע און טיפסטע, און פון דער גאנצער וועלט אנארקענטסטע דענקער: דאסטאיעווסקי, טאלסטאי און קראפאטקין, און היות ווי די ערשטע צוויי האבען זיך ארויסגעוויזען צו זיין די פיאנערען פון דעם געדאנקען־גאנג פון אונזער צייט, ווילען מיר זיך דערפאר אבשטעלען גאנץ ברייטליך אויף דאסטאיעווסקי'ן און טאלסטאי'ן, און דורך זיי ארויסברייינגען די פילאסאפישע קורצזיכטיגקייט פון קראפאטקינ'ען און, ממילא, פון דער גאנצער אנארכיסטישער באוועגונג.

די גאנצע ביז־איצטיגע סאציאליסטישע, אין דעם ברייטסטען זין פון ווארט, באוועגונג ליידט, לויט אונזער מיינונג, דערפון, וואס די טעארעטישע גרונדלאגע אירע איז געשאפען געווארען אין דער צייט, ווען עס האט געהערשט, אין דער לענג און אין דער ברייט, די מאטעריאליסטישע וועלט אנשויאונג, וועלכע האט געזעהן אין אלע גייסטיגע דערשיינונגען פון דער וועלט ניט מער ווי ארויסוויקלונגען, אויסדרוקען אדער גאר פונקציעס פון עפעס, וואס איז, אין זיין תוך און תמצית, ניט מער ווי בלינדער שטאף און ענערגיע. און דארט אפילו, וואו דער אידעאליזם האט זיך ניט געלאזט איינגאנצען איינגעשלונגען ווערען פון דעם מאטעריאליזם, האט דער אינטעלעקטואליזם אדער ראציאנאליזם גענומען די אויבערהאנט איבער דעם אינטואיטיוויזם און א ראציאנאליזם, און ביידע, סיי דער מאטעריאליסטישער און סיי דער אידעאליסטישער אינטעלעקטואליזם, זיינען געטרייע דינער פון דער ציוויליזאציע, און פון דעם געזיכטס־פונקט פון דער ציוויליזאציע זיינען עס אויסגעאר־

בײַט געװאָרען די סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע אידעאַלען, די װעג־װײַזער פֿון די איצטיגע סאָציאַל־ראַדיקאַלע באַװעגונגען.

די פֿילאָסאָפֿישע אַנשױאונגען, װאָס אונטער זײער אײַנפֿלוס זײַנען געשטאַנען די גרױסע דענקער, מאַרקס און קראָפּאָטקין, זײַנען שױן לאַנג אַראָפּ פֿון דער אַרענאַ פֿון דעם מענשליכען דענקען. עס װערט איצט פֿון טאָג צו טאָג פֿעסטער געשטעלט, אַז לעבען און גײַסט זײַנען, װאָס אַנבעלאַנגט זײער אַנטשטעהונג און אַנטװיקלונג, אַקוראַט אַזױ רעטזעלהאַפֿט אין דעם איצטיגען מאָמענט, װי זײ זײַנען געװען אין דער צײַט, װען דער מענש האָט נאָך ניט געװאוסט פֿון אַזאַ זאַך װי אַן „אלף בית”

אין אַן אַרטיקעל „װי האַלט עס איצט מיט דאַרװינ׳ען” אין דעם נאָר װאָס אָפּ געדרוקטען װערק „װיסענשאַפֿטליכע אַנװאָרפֿונגען” אונטער דער רעדאַקציע פֿון דזשײ. אַרטור טהאָמסאָן, לײענען מיר פֿאָלגענדעס:

„מען קען זאָגען, אַז דאָס פּראָבלעם פֿון דער אַנשטעהונג פֿון װאַריאַציעס איז ניט אַזױ טונקעל װי עס איז געװען אין דאַרװינ׳ס צײַט, אָבער אין דער אײנענער צײַט קאָן קײנער ניט פּרעטענדירען צו פֿאַרשטעהן װי אַזױ עס קומט אַרױס עטװאָס, װאָס איז באַשטימט נײַ. די צעלע מיט דעם זאָמען־קערענדעל אין איר איז אַ לעבעדיגער װעזען אין אַ אײן־צעליגער פֿאָזע פֿון עקזיסטענץ, און עס קאָן זײַן, אַז זײַנע װאַריאַציעס זײַנען דער אַרױסקום פֿון דער סאַמע ערשטער קװאַליטעט פֿון לעבעדיגע װעזענס, װעלכע זײַנען אײַנגעבאָרען אין דער זאָמען־צעלע. װאַריאַציע—דאָס קאָן זײַן, איז די פֿעהיגקײט פֿון צו קומען צום אױסדרוק.”

און װי מיט לעבען אַזױ, און נאָך מער, איז מיט גײַסט. עס איז איצט דער אײנשטימיגער װערדיקט פֿון דער װיסענשאַפֿט, אַז דער גײַסט קאָן צו קײן זאַך, אױסער זיך, ניט רעדוצירט װערען, און אַזױ שנעל װי די װיסענשאַפֿט האָט עס אײַנגעזעהן, האָט זי געבױגען דעם קאָפּ פֿאַר דער פֿילאָסאָפֿיע.

אין אַן אַרטיקעל „די װיסענשאַפֿט פֿון דעם גײַסט” אין די זעלבע װיסענשאַפֿטליכע אַנװאָרפֿונגען, שרײַבט דער מחבר:

אָנגענומען, אַז מיר װאָלטען געװען ביכולת צו פֿאַרשטעהן אַלע דערשײנונגען: כעמישע, פֿיזישע און פֿיזיאָלאָגישע, פֿון דעם דאָזיגען פֿאַרװיקעלטען מעכאַניזם, װאָלטען מיר אױך ניט געװען נעהענטער צו דער לײזונג פֿון דעם פּראָבלעם פֿון דער פֿאַרבינדונג צװישען די אָביעקטיװע און

סוביעקטיווע שטויסען פון די דערשיינונגען. . . . די שווערקייט פון דעם פּראָבלעם ווערט עטוואָס קלענער ווען מען נעמט אָן, אַז הינטער אַלע פיזישע און געדאַנקליכע דערשיינונגען איז פאַראַן אַ מעטאַפיזישע עסענץ, באַוואוסטע אָדער אומבאַוואוסטע; און אַז די פיזישע און גייסטיגע דערשיינונגען זיינען ניט מער ווי צוויי זייטען פון איין און דעם זעלבען מין עסענץ. אַזאַ עסענץ קען ניט דערקענט ווערען פון דער וויסענשאַפט, און די דיסקוסיע פון דער מעגליכקייט פון איר עקזיסטענץ און פון אירע איינענשאַפטען, געהערען צו דעם געביעט פון דער פילאָסאָפיע".

און די וויסענשאַפט זעהט איצט איין מער און מער, אַז אַלע אירע השערות מוזען, אין זייער סאַמע לעצטען זין, געפינען אַ געוויסען אָנשפּאַרפּונקט, און אַז די וויסענשאַפטס־מענער מוזען דערפאַר, בכדי צו זיין באמת שאַפענד און פּראָדוקטיוו, מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט זיך צוהערען צו דער פילאָסאָפיע, וועלכע האָט אַלע מאָל, און מוז איצט אויך, האָבען דאָס ערשטע און לעצטע וואָרט אין די ספּעקולאַציעס וועגען לעבען און גייסט; און ווי די וויסענשאַפט אָנערקענט איצט די סופּיריאָריטעט פון דער פילאָסאָפיע, אַזוי אָנערקענט איצט די פילאָסאָפיע די גרויסע נויטיגקייט און וויכטיגקייט פון אויפצוכאַפּען די אַנטפּלעקונגען, וואָס ווערען געמאַכט פון דער קונסט; דען זי, די קונסט, איז ווי די פילאָסאָפיע דיינקט איצט, מער פאַר איר מסוגל צוצוקומען צו דער רעאַליטעט פון דער וועלט.

די דאָזיגע אָנערקענונג איז אַן אויסדרוק און אַ סימפּטאָם פון דעם פאַקט, וואָס די דיינקענדע וועלט אָנערקענט איצט די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון די ראָלען פון געפיהל און ווילען, לגבי דער ראָלע פון דעם אינטעלעקט און דער פאַרנונפט.

„אָדער" זאָגט בערגסאָן „מעטאַפיזיק איז אַ שפּיעל בלויז פון אידעען, און אויב ניט, אויב זי איז אַן ערנסטע באַשעפטיגונג פון דעם געדאַנק, אויב זי איז אַ וויסענשאַפט און ניט בלויז אַן איבונג, מוז זי אַריבערשטייגען די באַגריפען בכדי צו דערגרייכען די אינטואיציע".

באַגריף איז דער טייטש אינטעלעקט, און אינטואיציע מיינט אַ סינטעז פון ווילען און געפיהל.

און די דאָזיגע אָנערקענונג פון דער גרויסער וויכטיגקייט פון דער אינטואיטיווער דערקענטניס, האָט געמוזט פירען און, ווי אונז דוכט זיך, וועט פירען מער און מער צו דעם, אַז דער אירראַציאָנאַליזם זאָל אין דעם

לעבען פון דעם מענשען און אין דעם אָנפיר פון דער געזעלשאַפט, נעמען אויף אַ באַוואוסטזיניגען אופן די אויבערהאַנט איבער דעם ראַציאָנאַליזם, און אַזאַ אינטואיטיוויזם מוז פירען צו דעם אַבסאָלוטיזם.

„רעלאַטיוו" זאָגט ווייטער בערגסאָן, אין דעמזעלבען איינפיר צו דער מעטאַפיזיק, „איז די סימבאָלישע דערקענטניס פון די פריהער עקזיסטי־רענדע באַגריפען, וועלכע געהען פון דעם פיקסירטען צו דעם באַוועגענדען, און ניט די אינטואיטיווע דערקענטניס, וועלכע זעצט זיך גופא אריין אין דעם, וואָס באַוועגט זיך, און זי אַדאַפּטירט דעם עצם פון זאַכען. די דאָזיגע אינטואיציע דערהגרייכט דאָס אַבסאָלוטע."

און צו דעם זעלבען שלוס, הגם אויף אַנדערע וועגען, קומט אויך ווים־קאָונט האָלדיין, אין זיין גרויס און טיף בוך „די ממשלה פון דער רעאַלי־טיוויטעט." ער זאָגט: „מיט זיין מאַכט פון דיינקען קאָן דער מענש אריינדרינגען כמעט אין יעדען סוד פון דער אוניווערס, ניט קוקענדיג אויף דעם אָרט, וואָס ער פאַרנעהמט אין דער אוניווערס און אויף דעם באַגרע־ניצטען באַנעם פון זיינע אָרגאַנען. דער געדאַנק איז עהנליך אין כאַראַק־טער צו די געגענשטאַנדען וואָס שאַפען דעם מאַטעריאַל פאַר זיין טראַכטען, און אַלס אַ פּועל יוצא דערפון וואָס די רעאַליטעט שטימט צענויף מיט דער דערקענטניס, אַנערקענט ניט דער גייסט קיין באַריער צווישען אים און דער רעאַליטעט אַלס אַן אַבסאָלוטען."

און וואָס איז פאַרגעקומען אין דער פילאָסאָפיע, מוז אויך פאַרקומען אין דער סאָציאָלאָגיע, וועלכע, אַלס אַ וויסענשאַפט פון לעבען, אין דעם פאַל פון געזעלשאַפטליכען לעבען, איז אינטים פאַרבונדען מיט דער פילאָ־סאָפיע. אָט האָט דאָך מאַרקס ניט געקאָנט צו טרעטען צום סאָציאַליזם איידער ער האָט, ווי ער אַליין דריקט זיך אויס, איבערגעקערט העגעל'ן מיט דעם קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

עס זעהט אָבער אויס, ווי להכעיס קאַרל מאַרקס'ן, ווערט איצט העגעל, פון דער גאַנצער דיינקענדער וועלט פעסטער, איידער ווען עס איז פריהער, אַוועקגעשטעלט מיט ביידע פיס אויף דער ערד און מיט דעם קאָפּ הויך און אַרויף צום הימעל. . . .

און ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דער ראַדיקאַלער סאָציאָלאָגיע, וועל־כע מוז זיך דורכאויס פאַרנעמען מיט אויסזיכטען און פאַנטאַזיעס וועגען

דער צוקונפט, מוז זי זיין אינטים צונויפגעבונדען ניט נאָר מיט דער ספּעקו־לאַטיווער פילאָסאָפיע, נאָר אויך מיט דער פאַנטאַסטישער קונסט.

דארום דענק איך, אז די דריי שטריכען, וואָס כאראקטעריזירען דאָס איצטיגען דיינקען און פיהלען פון דער מענשהייט: דער אידעאַליזם, דער אירראציאָנאליזם און דער אבסאָלוטיזם, מוזען ווערען די דריי יסודות פון דער סאָציאָלאָגיע בכלל, און פון דער ראדיקאלער סאָציאָלאָגיע בפרט. דאָס וואָלט געפירט דערצו, אז די סאָציאַלע רעוואָלוציע וואָלט פריהער פון אלץ באדייט א רעוואָלוציע, וואָס זאָל זיך אונטער אלע אומשטענדען און געשעהענישען, איינשטעלען פאר דער אבסאָלוטער פרייהייט פון וואָרט און שאַפט און פאר דער אבסאָלוטער עקאָנאָמישער און סאָציאָלאָגישער גלייכהייט, וועלכע זאָל מאכען א סוף צו יעדער פּריוויליגיע און צו יעט־ווידער מעגליכקייט פאר איינעם אין דער געזעלשאפט עקאָנאָמיש צו באַ־זיצען עטוואָס, וואָס דער אנדערער קאָן ניט באוויזען צו האָבען.

און אויך אלע אויסזעצונגען, וואָס זיינען געמאכט געוואָרען און וועלען געמאכט ווערען, געגען אזא גלייכהייט און פרייהייט, ווי למשל די געפערליכקייט, וואָס ליגט אין דער ערלויבעניש פאר יעדען איינציגען צו רעדען, וואָס ער דיינקט און פילט, און די אוממעגליכקייט דארום פון אזא אומבאגרעניצקייט אין אויסדרוק, ווי אויך די געפאר, אז די אבסאָלוטע גלייכהייט זאָל ניט אוועקנעמען די איניציאַטיוו ביי דעם מענשען, און זאָל אים דורכדעם ניט אריינוואָרפען אין אלגעמיינע דחקות און אָרימקייט—אויף די דאָזיגע און אנדערע אויסזעצונגען, איז פאראן איין ענטפער און דער ענטפער איז: דאָס וואָס איז אבסאָלוט ווערטפול מוז דורכגעפירט ווערען אָהן וועלכע עס איז ריקזיכטען אויף באלדיגע ראטזאמקייטען און ניצליכ־קייטען. די אבסאָלוטהייט איז, ווי די אונפארמיידליכקייט: זיי ביידע מאכען מעגליך דאָס, וואָס האָט אויסגעזעהן צו זיין אוממעגליך א רגע פריהער, איידער א געוויסער שטאַנדפּונקט איז איבערגעקאָכט און אסימי־לירט געוואָרען, אָדער א געוויסע געשעהעניש איז געוואָרען א פארגאנגענ־הייט. דער שטאַנדפּונקט פון אבסאָלוטע ווערטען, ווען ער וועט אריינ־געבראכט ווערען אין דעם בלוט און פלייש פון דעם געזעלשאפטליכען אָר־גאניזם, וועט רעוואָלוציאָניזירען די באגריפען פון מעגליכקייט און אומ־מעגליכקייט, ווי אויך די באגריפען פון פארגענניגען, גליק און וואוילזיין.

די גערעכטיגקייט פאָדערט אומבאַדינגט פרייהייט פון אויסדרוק, און גלייכהייט פון עקאָנאָמישען באזיץ; די דאָזיגע פאָדערונג איז, פון א קול־טור שטאַנדפּונקט, א קאַטעגאָרישע. אין די אינטערעסען פון א העכערער מענשליכקייט מוז זיך די ציוויליזאציע בויגען פאַר דער קולטור, און ווען נויטיג, זאָל זיך די ציוויליזאציע בויגען פאַר דער קולטור, אז ניט זאָל די ציוויליזאציע אינגאנצען אונטערגעהן, בכדי די קולטור זאָל לעבען!

חרוב זאָל ווערען די וועלט!
און מיר —
מיר, שבת׳דיגע
מיר, יום־טוב׳דיגע,
מיר, נשמה־יתרה׳דיגע אידען,
וועלען איבער אירע חורבות געהן....

— — — — — — —

צו אים, צו אים! . . .

דאָס מוז ווערען דער לאָזונג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אויב זי מיינט באמת צו געבען דעם מענשען דאָס, וואָס די עלעמענטאַרסטע גערעכטיג־קייט פאָדערט, אז ער זאָל האָבען, אלס א מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט, און אלס א קינד פון דער מענשהייט.

דאָס, גלויבען מיר, וועט זיין דער סאָציאַליזם אין דער צוקונפט. ניי וועלען זיין זיינע גרונדלאגען, און אנדערש—זיינע ציעלען און צוועקען.

מיר האָבען איצט א ניי־דאַרוויניזם, א ניי־רעאַליזם, א ניי־אידעאַליזם, אפילו שוין א ניי־מאַטעריאַליזם, פאַר וואָס ניט אויך א ניי־סאָציאַליזם?!...

א צוגאב צום „פארווארט״

מיין ערשטען דאנק וויל איך אויסדריקען מיין פריינד און חבר, דר. חיים זשיטלאווסקי, פאר דעם, וואס ער, מער פון אלע אנדערע, האט מיך ערמונטערט אין מיינע ארבייטען אויף דעם פילאסאפישען געביעט. איך וויל דא אויך באטאנען, אז ווען ניט מיין אינטימע באקאנטשאפט און פריינדשאפט מיט אים, וואלטען מיינע שאפונגען אפשר ניט ארויס געקומען אין דער אידישער שפראך.

מיין צווייטען דאנק קומט מיין פריינד, חבר און תלמיד, יעקב באבינסקי. גאט ווייסט, ווען מיין ווערק „נייר־סאציאליזם״ וואלט דערזעהן די ליכטיגע וועלט, ווען ניט ער. נאר א סך פון דעם אינהאלט פון בוך האב איך צו פארדאנקען אונזערע שמועסען און לאנגע ויכוחים איבער ריין פילאסאפישע און סאציאל־פילאסאפישע פראגען.

מיין פריינד און חבר—דעם יונגען דיכטער זעליג העללער—בין איך שולדיג א גרויסען דאנק פאר זיין אומערמידליכער ארבייט אויף דעם מאנוסקריפט „קולטור און ציוויליזאציע״. ער האט אוועקגעגעבען א סך צייט און מיה אויף דער קלארקייט פון שפראך. ער האט מיר אויך אנגעוויזען אויף אייניגע ווערק, וואס מיט זיי האב איך זיך באנוצט אין מיינע פארשונגען. די אויסצוגען פון דאנטע זיינען דורך אים איבערזעצט געווארען.
זאל אויך דא מיט דאנק דערמאנט ווערען מיין פריינד קלמן מרמר, וועלכער האט מיר א סך מוט צוגעגעבען, אויסהערענדיג א קליינעם טייל פון מיין ארבייט; און פריינד ט. ל. מילנער (לערער פון „י. ל. פרץ פאלקס־שול״), וועלכער האט געשיינקט צייט און מיה אויף דער קארעקטור, און אויף דער אויסבעסערונג פון פילע שטעלען.

מיין לעצטען הארציגען דאנק דריק אוים דעם גרויסען צאל צוהערער פון מיינע פארלעזונגען און דעם קליינעם צאל פון מיינע תלמידים דער פלאץ ערלויבט מיר ניט אלעמענס נעמען אויסצורעכענען. זיי אלע אבער האבען מיט זייערען טיפען אינטערעס און הויכער אפשאצונג מיר נעגעבען פיל מוט צו טראכטען און צו פארשען, צו ארבייטען און צו שאפען. . . .

ערשטער טייל

קולטור און אנטוויקלונג
אין בעגעגנואץ
צו ציוויליזאציע און בילדונג.

קולטור און אַנטוויקלונג
אין געגענזאַץ
צו ציוויליזאַציע און בילדונג

איך האָב געהערט און האָב עס ניט פאַרשטאַנען. וואונדערליכע זאַכען, וואָס איך האָב ניט געוואוסט. **איך האָב געהערט פון דיר נאָר וואָס דער אויער קאָן הערען. איצטער האָט דיר מיין אויג געזעהן. דאריבער פאַרדריסען מיר מיינע רייד. איך האָב חרטה אין שטויב און אַש.**

(איוב, קאַפּיטעל מ״ב).

איבערזעצונג אין דר. זשיטלאָווסקי׳ס שריפטען ב. ז. 236.

און ווער איז געווען, ווען ער האָט די וועלט באַשאַפען, די ע־רד אויסגעמאָסטען, דעם הימעל אויסגעשפּרייט, די שטערען אריינגעזעצט? און ווער שפּייזט דעם פויגעל אונטער׳ן הימעל און פאַרזאָרגט דאָס ווילדע טהיער אין וואַלד און אויפ׳ן פעלד? מן הסתם ווייסט ער וואָס ער טהוט. און ווייטער איז ער אויף די קניהען געפאַלען פאַר׳ן גרויסען אומבעקאַנטען, וואָס זיין גערעכטיגקייט איז אונז ניט צוגענגליך וואָס זיין קלוגהייט קאָן פון אונז ניט פאַרשטאַנען ווערען. ווארום קען זיין, אז גאָט שטראָפט פאַר אַזעלכע זינד, וואָס מיר ווייסען פון זיי נישט. עס קאָן אויך זיין, אז גאָט פּרואווט. און באַשטעהט דער מענש די פּרואוו, ווערט ער העכער איז זיין גענאָד: א י ו ב באַקומט צוריק דאָפּעלט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט. אָבער די פּראָבלעם פון לעבען און ליידען בלייבט אָפען.

(י. ל. פּרץ, „דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער).

1.

* אויב קולטור איז געוואָרען, ווי עמערסאָן האָט געדיינקט, דאָס „וואָרט פון אַמביציע" נאָך אין די אַכציגער יאָרען פונ׳ם ניינצענטען יאָרהונדערט, האָט די דאָזיגע קולטורעלע אַמביציע שוין אינ׳ם צווייטען צענדליג פון דעם צוואַנציגסטען יאָרהונדערט דערגרייכט אַ מדרגה פון אינטענסיוויטעט; אזא אינטענסיוויטעט, וואָס איז זעלטען צו געפינען אין דער אנטוויקלונגס געשיכטע פון דעם מענשליכען גייסט. און ווען מיר זאָלען, בעת מיר רעדען שוין וועגען עמערסאָן, אויך דערמאָנען זיינע צוויי גייסטיגע

*) דער דאָזיגער ערשטער טייל פון בוך איז געווען געדרוקט אין אַ פערקירצטער פאָרם אין די שריפטען פון 1914.

ברידער: קארלייל און טאלסטאי, וואלטען מיר שוין האבען אויסגערעכענט אלע פון די גאונים, וואס זענען געבארען געווארען כמעט אין דעם אנ־הויב פון דעם ניינצענטען יאהרהונדערט, און האבען געוויזען א גוואלדיגען ווידערשטאנד צו דער כוואליע פון ציוויליזאציע, וואס האט זיך, אין זייער יארהונדערט, מיט אימפעט פאנאנדערגעשפרייט איבער דעם ים פון מענש־ליכער טעטיגקייט.

די דאזיגע דריי פאעטישע־מאראל־פילאזאפען זענען די אמת'ע פיאנערען פון דעם איצטיגען קולטור דראנג. דער שטריך, וואס האט פאראייניגט די דריי, אין א סך פרטים דיאמעטראל פארשיידענארטיגע, פילאזאפען, איז געווען און איז געבליבען זייער וואונש און זייערע האפנונגען, אז קולטור, אין דעם בעסטען און טיעפסטען זין פונ'ם ווארט, זאל נעהמען ביי דעם מענשען די אויבערהאנד איבער דער ציוויליזאציע.

ווי עס ווייזט אויס, געהט עס דערצו, אז זייער וואונש זאל דערפילט ווערען, און זייערע האפנונגען זאלען מקוים ווערען.

קולטור! דאס איז איצט דער געשריי, וואס די אויערען אונזערע פארנעה־מען פון אלע זייטען, און אויך, אויב ניט דער עיקר, מצד דעם איצטי־גען אידישען לעבען און שטרעבען, סיי אין אמעריקא, סיי אין רוסלאנד.

דא און דארט הילכט דער געשריי: קולטור! מען רעדט און מען שרייבט מבח קולטור — קולטור „מאטעריעלע", קולטור „אינטעלעק־טועלע", קולטור „עסטעטישע", קולטור „רעליגיעזע" און — סתם קולטור.

אונז דוכט זיך אבער, אז פון דעם, וואס מיט דעם געשריי „קול־טור!" הערט זיך אויך, און נאך שטארקער, דער געשריי: „בילדונג!" און וואס איינצייטיג מיט דער פאדערונג פאר פארלעזונגען, קורסען און קלאסען, הערט זיך אויך די פאדערונג פאר שולען פאר דעם באדייטענדען פראצענט פון „אנאלפאבעטען" — פון די דאזיגע פאראלעלע געשרייען זעהט מען, אז דער ענטהוזיאזם פאר גייסטיגער דערהויבונג האט אויפ־געכאפט ניט דעם אמת'ן און, יעדענפאלס, ניט דעם טיעפערען זין פון קולטור. די געפאהר איז גרויס, אז, ניט פאנאנדערשיידענדיג צווישען קול־טור און ציוויליזאציע, זאל די התלהבות פאר א גייסט־פלאטער ניט אננעה־מען א וועג, וואס געהט פארביי די קולטור, און וואס פיהרט ניט צו די פאר־טיעפונג און צו דעם שוואונג פון גייסט, וואס אין איהם נויטיגט זיך אזוי שטארק די מענשהייט פון דעם צוואנציגסטען יארהונדערט.

אונזער אויפגאַבע אין דער דאָזיגער אַרבייט וועט זיין, ערשטענס און הויפּטזעכליך, אָנצואווייזען די גרויסע נפקא מינה, וואָס דאַרף אַריינגעבראַכט ווערען צווישען ציוויליזאַציע און קולטור, און צווייטענס אָנצודייטען אויף דעם, אַז בילדונג, דער מיטעל פאַר עקסעלאַנץ פאַר ציוויליזאַציע, קאָן בשום אופן ניט באַטראַכט ווערען פאַר אַ טרייב־קראַפט פון קולטור, וועלכע איז געוואָרען, און וועט נאָך מעהר ווערען, דער לאָזונג פונ'ם *צוואַנציגסטען יאָרהונדערט*.

מיר אונטערשטרייכען אַזוי שטאַרק צוואַנציגסטען יאָרהונדערט דערפאַר, מחמת דער ניינצענטער יאָרהונדערט, מיט אַלע זיינע גראַנדיעזע און וואונדערבאַרע אויפטהואונגען אויף אַ סך פון די געביטען פון מענשליכער טעטיגקייט, קאָן זיך ניט באַריהמען מיט אַ סך אויפטואונגען אויף דעם *קולטורעלען* געביעט. דער ניינצענטער יאָרהונדערט, און הויפּטזאַכליך אין זיין צווייטער העלפט, האָט קיין זאַך ניט פּראָדוצירט, וואָס זאָל פון דאָס נייע אַברישען דעם מענשען'ס נשמה, און וואָס זאָל, ווי דורך אַ כשוף, אַ הויב טאָן דעם מענשען'ס גייסט אין די אומענדליכע הימלען אַריין, און מאַכען דורך דעם, דעם מענשען צו דערפילען אַ געוויסע שייכות צווישען איהם און דער וועלט איבער איהם, ווי דאָס האָט געטאָן, למשל, שפינאָזא אינ'ם זיבענצעהנטען יאָרהונדערט, און קאַנט, פיכטע און העגעל אין ענדע פון אַכצענטען און אין אָנהויב פונ'ם ניינצענטען יאָרהונדערט. די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאָר האָט די מענשהייט אוועקגעגעבען כמעט אין גאַנצען איהר ענערגיע דער וועלט, וואָס איז אויסענווענינ פון דעם מענשען. איר גאַנצע אויפגאַבע און איר העכסטער ציעל איז געוואָרען צו באַזיעגען די דרויסענדיגע וועלט, כדי אַרויסצובאַקומען פון איר אַלץ, וואָס קאָן העלפען מאַכען דעם מענשען'ס לעבען *אַנגענעהמער, באַקוועהמער* און *צופרידענער*. די לעצטע אייגענשאַפטען ערשעפען אָבער ניט דעם לעבענס־קוואַל ביז'ן גרונד. ניט אין אַזעלכע אייגענשאַפטען, זעהט אויס, ווערט די לעבענס־תמצית מאַניפעסטירט. אמת, אַז באַקוועמליכקייטען פילען אָן דעם מענשען'ס לעבען מיט פאַרגעניגען, זיי זיינען אָבער ניט מספיק אויף צו מאַכען דאָס לעבען פול גליק און, באַזונדערס, גליקזעליגקייט. דער ערדישער לעבען, מעג ער זיין איבערפול מיט באַקוועמליכקייטען, קאָן ניט צופרידענשטעלען דעם ערנסט־דענקענדען און טיעף־פיהלענדע מענשען. אַזאַ מענש רוהט ניט, אַזוי לאַנג ווי ער דערשפירט ניט אַ לעבען, וואָס איז מעהר פערמאַנענט, וואָס שמעקט מיט אַ מעהר אומאַי־

בערגעריסענער דויער, איידער דאָס ערדישע לעבען. דאָס ערדישע לעבען, אפילו אונטער די בעסטע באַדינגונגען, ווערט פאַר איהם פול מיט יסורים און פיין, אויב ער קאָן ניט דערזעהן ווי זיין לעבענס פאַדעם איז אריינגעוועבט אין דעם אומענדליכען געוועב פון דער אייביגקייט. א טיעפער מענש זעהט ניט קיין זין אין דעם מענשליכען לעבען, אויב ער קאָן ניט דאָס מענשליכע לעבען, אין זיין אייגענער פערזענליכקייט, ווי עס איז אינטים פאַרבינדען מיט אַן איבערמענשליכען, און אומאויפהערליכען לעבען.

אַט דער דאָזיגער דורשט נאָך אַ נחת רוח, וואָס נאָר אַ שוועבען אין די עולמות העליונים קאָן געבען, און וואָס איז ניט אויף אַ האָר געשטילט געוואָרען פון אַלע ריעזיגע נצחונות, וואָס דער מענש האָט געהאַט איבער דער נאַטור — אַט דער דאָזיגער דורשט האָט געפיהרט צו אַ נייעם באַגריף וועגען דער מהות פון לעבען, צו אַן אַנדער שטעלונג צום לעבען, און צו גאָר אַנדערע אופנים פון לעבענס־אונטערזוכונגען און באַטראַכטונגען. דער דורשט נאָך אַ טיעפערען נשמה־אינהאַלט, נאָך אַ באַדייטענדערען זין פון לעבען, האָט שטאַרק און מעכטיג אָנגעהויבען צו רעדען אין אַזעלכע גאונים ווי בערגסאָן, אויקען, רוים, דזשיימס, לאַדזש, מעטערלינק, אַנדרעיעוו, פּרץ, טאַגאָר, האַמ־סון, וואַסערמאַן און אַנדערע. די מענשהייט פון אונזער יאָרהונדערט הויבט אָן צו שיינקען מעהר און מעהר אויפמערקזאַמקייט דער שטים פון די דאָ־זיגע גאונים, זי הויבט אָן מעהר אויף זייער זייט דעם אויער צו נייגען.

אַט די אַלע גאונים, וואָס מיר האָבען אויסגערעכענט, און זייערע חברים, זיינען איינִיג אין אויסמאָלען זיך דאָס לעבען ווי אַ צווישען־ערשיינונג פון מאַטעריע און גייסט. מאַטעריע איז נאָר דאָס חיי שעה, דאָס חיי עולם איז דורכאויס גייסטיג, און דאָס מענשליכע לעבען איז אַ סינטעז פון גשמיות און רוחניות. ווען מען זאָל זיך אויף אַ מעטאַפאָרישען אופן פאָרשטעלען דאָס לעבען ווי אַ קנויל אָדער אַ קוגעל, וואָס הערט זיך ניט אויף צו קייקלען, און קייקלענדיג זיך האַלט ער אין איין אַרויפנעהמען אויף זיך נייע פאָרמען און נייע אינהאַלטען, יעמאָלט וואָלט די מאַטעריע און גייסט רעפּרעזענ־טירט די צוויי פּאָלוסען פון דעם דאָזיגען באַשטענדיג ווערענדיגען לעבענס־קוגעל.

ה. נאָמבערג אין זיין ערצעהלונג „ראַיאַ־מאַנאַ” רעדט וועגען אַ ראַסע, וואָס האָט אַ מאָל געוואוינט ביי די ברעגען פונ׳ם הייליגען גאַנגוס. „זייער האַרץ,”—זאָגט נאָמבערג,—„איז געווען אָפען און וואַכענדיג פאַר׳ן גייסט

און זאכען פון גייסט. די ארבייט האבען זיי ניט ליעב געהאט און זייער לעבען האט ניט געקאנט אויספילען דאס, וואס א מענש טהוט אום צו דערהאלטען זיין לעבען. זיי האבען ליעב געהאט דאס לעדיג געהן, דאס גארנישט טאן, דאס טראכטען און חלום'ען, דאס לאנגע ליגען אויפ'ן גראז, פארבענקט אנצוקוקען זיך אין די טיעפעניששען פון הימעל און אין דעם אבגרונד פון דער אייגענער נשמה". און ראיא־מאנא, דער נביא פון דער דאזיגער ראסע, האט דערזעהן דאס, וואס די נביאים ביז איהם האבען ניט געזעהן: ער האט דערשפירט די דאפעלטע געשטאלט פון דער געטליכקייט.

ווי עהנליך צו דער דאזיגער ראסע בכלל הויבען ווידער אמאל אן צו זיין די מענשען פון אונזער יארהונדערט, און ווי מערקווירדיג אייניג מיט „ראיא־מאנא" זענען די גאונ'ישע וועגווייזער פונ'ם נייצענטען יארהונדערט. אויך זיי האבען דערשפירט א דאפעלטע געשטאלט, א צווייערליי שטימונג אינ'ם לעבען, וואס איז, לויט זייער מיינונג, דער אינטימסטער אויסדרוק פון דער געטליכקייט. לויט די דאזיגע פילאזאפען, וויסענשאפטסמענער און קינסטלער קומט אויס, אז די צענטראל טענדענץ פונ'ם נײנצענטען יארהונדערט האט באנקראטירט אין איהר איבערצייגונג, אז די ביאלאגיע און פיזיאלאגיע וועלען, סוף כל סוף דערווייזען, אז לעבען, איז בלי ספק, ניט מעהר, איידער א פארוויקעלטע צונויפשטעלונג פון ערשיינונגען און פונקציעס, וועלכע האבען זייער מקור אין קערפערליכע געגענשטאנדען און אביעקטען.

יעדע נייע וויסענשאפטליכע אונטערזוכונג שוואכט מעהר אפ די דאזיגע איבערצייגונג און שרייבט איהר צו אלץ מעהר נאאיוויטעט. דאס שטיצט די פילאזאפען זעהר פיעל אין זייערע מיינונג, אז די עסענץ פון לעבען איז גאר לגמרי מחוץ לגבול פון וויסענשאפטליכער חקירה ודרישה. דאריבער ווערען אפטער די אנצוהערענישען, אז א חוץ דער גשמיות'דיגער זייט פארמאגט דאס לעבען א רוחניות'דיגע זייט. די רוחניות'דיגע זייט קאן נאטירליך דערבליקט ווערען פון נאר א הויך אנגעשטעלט גייסטיג אויג. דורך וויסענשאפטליכע פארשונגען, געצייג און מעטאדען, מעגען זיי זיין ווי קאמפליצירט און וואונדערבאר, קאן די דאזיגע זייט פון לעבען *ניט אנטדעקט ווערען*. זי קאן אבער *יא דערקענט* אדער

אנטפּלעקט ווערען בדרך נבואה אָדער אינטואיציע, אָדער וועלכען עס איז אנדער ספּעציפיש ספּיריטועלען מעטאָד.

און אַקוראט ווי דאָס לעבען פאַרמאָגט צוויי געשטאַלטען, אזוי פאַרמאָגט אויך אונזער געדאַנק צוויי פאַרשיידענע גאַנגען, און אונזער גייסטיגע טעטיגקייט דריקט זיך אויס אין צוויי פאַרשיידענע פאָרמען: איין פאָרם איז די קולטורעלע, די צווייטע איז די, וואָס מיר וואָלטען אָנגערופען—די ציוויליזירטע. קולטור און ציוויליזאציע זיינען צוויי פאַרשיידענע, אָבער פּאַראַלעלע געדאַנקען אָדער גייסט־אויסגוסען.

דער מענש איז אַ וועזען אין וועמען עס האָבען אַלע מאָל געקעמפּט פאַר דער אויבערהאַנט און פאַר דער דאָמינירענדער ראָל צוויי שטרעבונגען: די שטרעבונג צו פאַבריצירען זאַכען, וואָס זאָלען מאַכען דאָס לעבען מער באַקוועם, און די שטרעבונג צו דערגעהן דעם זין און תכלית פון דעם לעבען.

אַ דאַנק דער ערשטער שטרעבונג האָט ער באַקומען דעם טיטעל ה אָ מ אָ פ א ב ע ר—דער מענש פון דער מעכאַניק, און אַ דאַנק דער צווייטער שטרעבונג איז ער געקרוינט געוואָרען מיט דעם נאָמען ה אָ מ אָ ס אַ פּ י ע נ ס — דער מענש פון דער פאַרנונפט. און צו יעדער צייט ווען די שטרעבונג פון דעם מענשען, דורך אַלערליי דערפינדונגען בדייטער און באַקוועמליכער צו מאַכען זיין לעבען, האָט זיך געשטאַרקט אויף דעם חשבון פון דער שטרעבונג דורך אַלערליי אַנטפּלעקונגען פון די נאַטור און וועלט־אַל סודות צו פאַרטיפען און גייסטיג צו פאַרשענערען דאָס לעבען, צו יעדער צייט ווען דער מענש האָט אָנגעווענדט דאָס גאַנצע אָדער גרעסטען טייל פון זיין קלוגשאַפט און וויזהייט אויף די דערפינדונגען פון געצייג און מאַשינעריי, אויף דער ארויסברייננגונג פון וועגען און מיטלען, וואָס זאָלען צוגעבען מער אויסערליכען פּראַכט און גלאַנץ זיין לעבען — קורץ, צו יעדער צייט ווען די פאַבריקאַציע אָדער ציוויליזאציע האָט גענומען די אויבערהאַנט איבער דער „סאַפּיענציע" אָדער קולטור, איז דער מענש געוואָרען לעדיג און אינהאַלטסלאָז און גייסטיג דעגראַדירט. און ווער וויים אויב דער אונטערגאַנג פון אַ סך פעלקער קאָן ניט צוגעשריבען ווערען צו דעם פאַקט, וואָס דאָס באַטרעפענדע פאָלק, אַלס גאַנצעס, האָט אָנגעהויבען מקריב צו זיין אַלערליי ווערטען און הייליגקייטען אויף דעם מזבח פון נוצען און באַקוועמליכקייטען.

אונז פריינט זעהר און זעהר וואָס בלויז אַכט יאָר נאָכדעם ווי די דאָזיגע ארבייט אונזערע איז, אין אַ פאַרקירצטער פאָרם, געדרוקט געוואָרען—טרעט

ארום דער נייער, גרויסער דייטשער דיינקער אסוואלד שפענגלער, אין זיין ווערק „דער אונטערגאנג דעם אבענדלאנדעס" און שטעלט זיך איין פאר דעם געדאנק, אז קולטור און ציוויליזאציע — דאס זיינען די נשמה און דער קערפער פון א פאלק. די קולטור ווי די נשמה לעבט אייביג און די ציוויליזאציע ווי דער קערפער איז צייטווייליג און פארניכטבאר. און היות ווי ער גלויבט, אז יעדעס פאלק ווי יעדער אינדיוויד מוז שטארבען, קומט ער צום שלוס, אז די איבערוועלטיגונג פון דער ציוויליזאציע איבער דער קולטור פון א פאלק איז א סימן אדער א סימפטאם פון דעם פאלקס דערנעהנטערונג צום טויט.

אויף אזא אופן קומט ביי אים אויס, אז דער גרויסער ערפאלג פון אייראפא אויף אלע געביטען פון ציוויליזאציע, און דאס קניהען און בוקען זיך פון די דאזיגע פעלקער פאר דער ציוויליזאציע, און זייער אומגעהויערע אונטערשאצונג פון דער קולטור, באטייט, אז דער אונטערגאנג פון די דאזיגע פעלקער, וואס דאס איז לויט זיין מיינונג, דער שיקזאל פון יעדען פאלק, דערנעהנטערט זיך, און אז דערפאר איז ביי זיי אזוי גרויס געווארען די תאוה צו אלץ, וואס געהט פארביי, צו אלץ, וואס איז צייטווייליג, צו אלץ, וואס האט א באלדיגען נוץ, און ממילא האט געמוזט קליין ווערען דער חשק פאר אלץ, וואס איז אייביג און אומפארניכטבאר, און פאר אלץ, וואס איז פול מיט ווערטען, הגם עס ברייגנט ניט קיינע נוצען פון דעם מאמענטאלען שטאנדפונקט.

מיר טיילען ניט די מיינונג פון אסוואלד שפענגלער, אז דער שיקזאל האט איין מאל פאר אלע מאל באשטימט דעם אונטערגאנג פון יעדען פאלק, ווי דאס איז דער פאל מיט דעם יחיד.

אפילו בנוגע דעם יחיד איז שוין פאראן א פילאזאף אין דער פערזאן פון האנרי בערגסאן וואס גלויבט אדער האפט, און וואס שטעלט זיך אויף יעדען פאל פאר אלס מעגליך דעם געדאנק, אז דער מענש זאל א מאל, אויף אזא אדער אנאנדער אופן, בייקומען דעם טויט.

רעדענדיג אין זיין בוך „די באשאפענדע עוואלוציע" וועגן דעם זין פון עוואלוציע, זאגט בערגסאן: „אויף אזא אופן ווערען, אין די אויגען פון א פילאזאפיע, וואס פרואווט פון דאס ניי איינצוזאפען דעם אינטעלעקט אין דער אינטואיציע, פארשווינדען פילע שוועריגקייטען, אדער זיי ווערען קלאר און ליכטיג ווי די ליכט גופא. ניט נאר אבער פארלייכטערט אזא דאקטרין די מעטאפיזישע ספעקולאציעס, נאר זי גיט אונז אויך מער קראפט צו

לעבען און צו האנדלען, דען מיט איר פילען מיר זיך שוין ניט מער איזאָלירט אין דער מענשהייט, די מענשהייט זעהט ניט אוים מער צו זיין איזאָלירט אין דער נאטור, וועלכע זי דאָמינירט. ווי דאָס קלענסטע קערענדעל שטויב איז צענויפגעבונדען מיט אונזער זון־סיסטעם און ווערט מיט איס געשלעפּט אין יעדער אומגעטיילטער באוועגונג, וואָס פירט ריקווערטס אָדער אין דער נידער, און וועלכע איז די מאטריאליטעט גופא, אזוי זאָגען עדות אלע אָרגאני־זירטע וועזענס פון די נידעריגסטע ביז די העכסטע, פון די ערשטע התחלות פון לעבען ביז צו דער צייט אין וועלכער מיר געפינען זיך, אז עס איז פאראַן אַן איין־און־איינציגער אָנטרייב, וועלכער שטויסט די אין זיך גופא אומטיילבארע באוועגונג, וועלכער געהט אין דער אנטקעגענגעזעצטער צו דער מאטעריע ריכ־טונג. אלע לעבעדיגע באשעפענישען האלטען זיך אינאיינעם, און אלע גיבען זיי זיך אונטער דעם מורא'דיגען אָנשטוים, די חיה שטעלט זיך אוועק העכער איבער דער פלאנץ, דער מענש שפרייזט אריבער די חיה, און די גאנצע מענש־הייט אין רוים און אין צייט איז איין אומגעהויערע גרויסע ארמעע, וואָס גאלאָ־פירט נעבען אונז, פריהער פאָר אונז, און הינטער אונז, אין אַן אלץ איבערוועל־טיגענדען אָנגריף, און איז בכח בייצוקומען יעדען ווידערשטאנד און גובר צו זיין אלע הינדערניסען, פיליכט אפילו דעם טויט."

אזאַ אָפּטימיזם, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער גאנצער געשיכטע פון פילאָזאָפיע, וועלכער האָט געקאָנט פיהרען צו דעם גלויבען און צו דער האָפענונג אויף א מעגליכקייט, אז די מענשהייט זאָל ווען עס איז גובר זיין איר בלוטיגסטען, און וואָס האָט ביז איצט אויסגעזעהן צו זיין אייביגען שונא — דעם טויט, נעמט זיך ביי בערגסאָנ'ן פון זיין באגריף וועגען דער באשאפענדער עוואָלוציע. לויט דעם דאָזיגען באגריף וויקעלט זיך די צוקונפט ניט ארוים גענצליך פון דער פארגאנגענהייט, נאָר זי ווערט אין א גרויסען און וועזענטליכען טייל געשאפען פון דאָס ניי. די עוואָלוציע, דערמיט, וואָס זי ווערט א באשאפענדע, שאפט אין דער צוקונפט נייע פאָר־מען און אינהאלטען, וועגען וועלכע דער עבר האָט קיינע השגות ניט געהאט, ווייל ער האָט זיי אפילו פּאָטענציעל אין זיך ניט אנטהאלטען.

דערמיט וואָס בערגסאָן האָט אריינגעפירט אין דער פילאָזאָפיע דעם באגריף פון אבסאָלוטען ווערן, אנשטאט דעם אבסאָלוטען זיין, און דערמיט, וואָס ער האָט אויסגעטייטשט דעם ווערען ניט אלס אנ'ארויסוויקלונג פון דעם וואָס איז פּאָטענציעל געווען, נאָר אלס שאפונג פון עפּעס, וואָס איז

אבסאָלוט ניי, דערמיט, וואָס ער האָט אַנטקעגנען שפּינאָזאַ׳ס אבסאָלוטער אייי־ביגקייט פון דער סובסטאַנץ, אוועקגעשטעלט די אבסאָלוטע דויער, האָט ער מעגליך געמאַכט פאַר אונז צו באַטראַכטען די צוקונפט, ניט נאָר אין פאָרם, נאָר אין אַ גרויסען זין אויך אין אינהאַלט, אַלס ניי און פריי פון דער פאַר־גאַנגענהייט.

דאָס אַלזאָ, וואָס איז געווען, קאָן ניט אָנגענומען ווערען אַלס אַ מוסטער פאַר דעם, וואָס וועט זיין, דערהויפּט דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען לעבען און גייסט, וואָס אין זיי קומט אַם שטאַרקסטען צום אויסדרוק די גע־שפּאַנטקייט פון דעם שאַפונגס פּראָצעס. דאָס וואָס איז איינמאָל געשעהן אין דער לעבעדיגער און גייסטרייכער וועלט, דאָס וואָס האָט אין איר פון צייט צו צייט אָדער כסדר פּאַסירט, קאָן ניט אָנגענומען ווערען אַלס אַ באַ־ווייז פאַר דעם, אַז אַזוי וועט אויך אויף ווייטער מוזען פּאַסירען.

אַלע באַווייזען, אַלזאָ, פון דער געשיכטע, וועלכע אָסוואַלד שפּענגלער ברייננגט פאַר דעם, אַז יעדעס פאָלק, ווי דער יחיד, האָט זיך זיין קינדהייט, יוגענט און עלטער, וועלכע שליסט זיך מיט דעם פינאַל פון אַלע, די וועלטיגע פינאַלען — דעם טויט, קאָנען צוריקגעוויזען ווערען אויף דעם גרונד פון דער קרעאַטיווער עוואָלוציע, וועלכע דערלויבט ניט דער פאַר־גאַנגענהייט צו דיקטירען און צו באַשטימען די צוקונפט, און מאַכט אויף אַזאַ אופן אוממעגליך פּראָויסצוזאָגען די ריכטונגען, אין וועלכע די צוקונפט וועט געהן. בכלל, איז איינער פון די גרעסטע אויפטואונגען פון אונזער תקופה דאָס וואָס זי האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין דער צייט ווען די פאַרגאַנגענהייט קאָן אריינברייננגען אַ סך קלאָרקייט אין דער געגענוואַרט, און אין דער צייט ווען זי ווערט אין איהר פולער גאַנצקייט אַ טייל פון דער צוקונפט, דען דאָס וואָס איז איינמאָל געוואָרען קאָן שוין ניט אויס ווערען, קאָן זי אָבער ניט דערקלערען די געגענוואַרט, און ממילא ניט געניצליך באַשטימען די צוקונפט.

די טענדענץ פון דעם צוואַנציגסטען יאָרהונדערט, צוריקצושטעלען אין איר גאַנצער פעסטקייט די השערה: אַז קוואַליטעט קאָן ניט צוריקגעפירט ווערען צו קוואַנטיטעט, האָט געטריבען די דיינקער פון אונזער צייט אָנצופּי־לען מיט קוואַליטעט און דיפערענצירונג די צייט גופא.

די צייט האָט אויפגעהערט צו ווערען די איינהייטליכע גערדאַנקליכע אַרויסשטראַלונג, די ריינע אַבסטראַקציע, אין וועלכע אַלע קאָנקרעטע געשע־

הענישען קומען פאר. זי איז, אנשטאט דעם, געווארען אין איר מעטאפיזישער געשטאלט די „טראכט" פון וועלכער אלע געשעהענישען זעצען ארויס. זי גופא איז געווארען א קאנקרעטהייט, און אלס אזעלכע מוזען אירע דריי אויס־דרוקען: פארגאנגענהייט, געגענווארט און צוקונפט — יעדער איינער פאר זיך, האבען א געוויסע איינענארטיגקייט, א געוויסע זעלבסטשטענדיגקייט און איינער קאן ניט דורכאויס פון דעם אנדערען באשטימט ווערען, און אודאי און אודאי ניט דערקלערט און פאראויסגעזאגט ווערען.

אן אנדייטונג ווענען אזא באגריף ווענען צייט און אויף דעם גרויסען אונ־טערשייד דערפאר, וואס דארף דורכגעפירט ווערען צווישען צייט און רוים אלס גערדאנקליכע וועזענהייטען, געפינט זיך שוין ביי הענעל'ן. ער האט אנ־געגומען די גערדאנקליכקייט, אין וועלכער קאנט האט ארייננעזעצט די אנ־שויאונגען פון צייט און רוים, ער איז אבער באשטאנען אויף די קוואליטאטי־ווע דיפערענצירונגען, וועלכע די צייט פארמאגט יא, און דער רוים ניט.

ביז בערגסאן איז אבער ניט געקומען אויף דער וועלט מיט זיין קרעאטי־ווער עוואלוציע, און איינשטיין מיט זיין רעלאטיוויטעטס טעאריע, האט די וועלט, פון אונזער יארהונדערט, זיך אבגעשטעלט אויף הענעל'ס, פול מיט באדייטונג אנמערקונג, ווענען די ספעציפישע אייגענשאפטען און אייגענ־ארטיגקייט פון דער „צייט".

פון גרויס וויכטיגקייט זיינען דאריבער די פאלגענדע ווערטער פון דעם ענגלישען דיינקער וויסקאונט האלדיין, אין זיין ווערק „די ממשלה פון רע־לאטיוויטעט": „וואס קאנט האט געזאגט ווענען דעם ענין פון רוים און צייט אלס פארמען בלויז פון אינטואיציע און דאריבער פון א זעלבסט־עקזיסטי־רענדען און אומאפהענגיגען כאראקטער, איז דערנאכדעם אויפגענומען גע־ווארען פון הענעל'ן אין א קריטיק, וועלכער מען האט ניט געשיינקט קיין גרויס אויפמערקזאמקייט ניט דא, און ניט אין דייטשלאנד. צו הענעל'ן איז די ריינע פארם פון צייט געווען ניט מער ווי אן אבסטראקציע,—„איינגעשאוטע ווערדען"—א ווערען וואס קאן דירעקט געשפירט און באגריפען ווערען— אזא ווערען האט הענעל באטראכט אלס דעם ווירקליכען כאראקטער פון דער צייט, און אלס אזעלכע קאן זי פון רוים ניט אפגעטיילט ווערען. פאר אים איז צייט ניט געווען די רוימיזירטע און דאריבער פאלש פארגעשטעלטע צייט, מיט וועלכער די מאטעמאטיקער פארנעמען זיך. „די מאטעמאטיק" האט הענעל געשריבען, „נויטיגט זיך אין אן אינדיפערענטען אויסענוועניגסטען

און אומבאַלעבטען אינהאַלט, און דערפאַר פאַרנעמט זי זיך מיט אַ פּאַר־גליוועדטער און פאַראַליזירטער פאָרם פון צייט, מיט דער צייט פון אַ קוואַנ־טאַטיווער איינהייט".

דאָ קומען זיך זעהר נאָהענט צענויף העגעל און בערגסאָן.

און די דאָזיגע נאָהענטקייט צווישען בערגסאָן און העגעל באַדייטעט בכלל, לויט אונזער מיינונג, אָדער שפּילט אָפּ, בעסער געזאָגט, די נאָהענט־קייט פון די צוויי אָנהויבען: דער אָנהויב פון דעם צוואַנציגסטען יאָרהונ־דערט און דעם אָנהויב פון דעם ניינצענטען יאָרהונדערט. אין יעדען פון די דאָזיגע אָנהויבען איז פיעל געוויכט געלייגט געוואָרען אויף קוואַליטעט. און צווישען די צוויי אָנהויבען האָט זיך אַריינגעריסען די לעצטע העלפט פון דעם ניינצענטען יאָרהונדערט, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכענט דערמיט, וואָס זי האָט דורכאויס געשטעלט די טראָפּ אויף קוואַנטיטעט, אַנשטאָט קוואַליטעט, און אויף אינטעלעקטועלער אַבסטראַקציע, אַנשטאָט געפילפו־לער קאָנקרעטהייט.

2.

די קאָנקרעטהייט, מיט וועלכער די איצטיגע דיינקער פילען אָן דעם באַ־גריף פון צייט, באַפרייט די צוקונפט פון איר קנעכטשאַפט צו דער געשיכטע, און מאַכט מעגליך צו טראַכטען וועגען אַ זיג אפילו איבער דעם טויט פאַר דעם אינדיווידו, אַזוי גוט ווי פאַר דעם פאָלק, ד. ה. צו טראַכטען וועגען עפּעס, פון וואָס, אויף ווייט ווי אונזער דערקענטניס געהט, איז ניט פאַראַן קיין שפּור אין דעם אומענדליכען עבר.

דאַריבער אַנשטאָט צו זאָגען ווי שפּענגלער: אַז ווען אַ פאָלק האַלט ביים שטאַרבען אלס אַ פּועל יוצא פון זיין אַלטקייט, הויבט שטאַרק אָן גע־וועלטיגען די ציוויליזאַציע, וועלכע איז אַן אויסדרוק אָדער אַ סימפּטאָם פון אַלץ, וואָס איז קערפּערליך און מוז דאַריבער פאַרגעהן, זאָגען מיר פאַרקערט, אַז פעלקער זיינען אונטערגעגאַנגען און פעלקער וועלען אונטערגעהן, כל זמן די קולטור וועט ניט באַוויזען צו ווערען דער ציעל און צוועק פון מענש, פאָלק און מענשהייט, און וועט אַזוי אַרום צווינגען די ציוויליזאַציע צו ווערען אַ מיטעל בלויז פאַר אַלערליי קולטור צוועקען. אַ יחיד מוז ניט שטאַרבען ווען די קולטור ווערט פון אים אַוועקגענומען, אָדער ווען זי ווערט אויסגערונען, אַלס

מענש קאָן ער אָבער ניט לעבען אָהן קולטור, אָהן א וועלכער עס איז באַוואוסטזיניגקייט וועגען דער עקזיסטענץ פון כחות, וואָס זיינען איבער אים און ריכטען, אויף אזא אָדער אַנאַנדער אופן, זיין ערדישע עקזיסטענץ אין רעגיאָנען, וועלכע זיינען דורכנעמען מיט זין און ווערט. אויף וויפיעל א פאָלק באַדייטעט אן אָרגאַנישע צענויפגעבונדקייט פון מענשליכע געשטאַלטען ד. ה. פון וועזענס, וואָס דורך זיי האָט זיך דורכגעזעצט א באַדייטענד הויכער גראַד פון קולטור, אויף אזוי פיעל איז קלאָר, אז מיט דעם פאַלען פון דער קולטור מוז, אזוי אָדער אַנדערש, פאַלען דאָס פאָלק.

ביאָלאָגען זאָגען אונז, אז די חיה האָט אויף אזוי פיעל אריבערגעשטייגט די פלאַנץ דערפאַר, וואָס זי האָט זיך—א דאַנק מסתמא דעם אינטענסיווערען לעבען און גייסט, וואָס האָבען זיך דורך איר אָרגאַניזם דורכגעזעצט—אַנגעהויבען צו באַוועגען, און זי איז אויף אזא אופן געוואָרען אומאָפּהענגיג פון א באַשטימטען אָרט אין רוים, ווי דאָס איז די פלאַנץ, וואָס ווערט דורך אירע וואָרצלען געהאַלטען געשמידט צו א באַשטימטען שטיקעל באָדען אויף גאָטס ערד. דער מענש, ווידער, האָט איבערשטייגט די חיה דערפאַר, וואָס ער—אויך א דאַנק מסתמא דעם העכערען גראַד פון שטאַרקייט, מיט וועלכער דער לעבען און גייסט שטראָם האָט זיך דורכגעבראָכען און דורכגעריסען דורך זיין אָרגאַניזם—האָט באַוויזען, ניט נאָר אליין זיך קאָנען צו באַוועגען, נאָר צו מאַכען גאָר א סך זאַכען זיך צו באַוועגען פון איין עק וועלט צו דעם אַנדערען. דאָס איז געווען און וועט זיין דער אויפטו פון דער פאַבריקאַציע פעהיגקייט אין דעם מענשען.

נאָך גרעסער איז געווען דער אויפטו פון דעם מענשען, און נאָך א מער מעכטיגער שטראָם פון לעבען און גייסט האָט זיך געפאָדערט פאַר דעם מענשען, אויף צו מאַכען די גאַנצע אוניווערס זיך צו דרעהען אַרום דער צענטראַלער אַקס פון זיין אייגענעם איך. די אַנשטעהונג פון דעם מענשען פאַלט אייגענטליך צענויף מיט דער אַנטשטעהונג פון א זעלבסטבאַוואוסטזיין. און אין וואָס דען באַשטעהט די אַנטוויקלונג פון דעם מענשען, זיין גייסטיגעם שטייגען, אויב ניט דערין, וואָס ער הויבט אָן אַלץ מער און מער, אויף אזא אָדער אַנדער אופן, פאַרבינדען זיין אייגענעם איך, אָדער זעלבסט, מיט אַן אוניווערסאַלען איך אָדער זעלבסט — א פאַרבינדונג וואָס גיט צו מער ווערט און א העכערע תכלית צו דער מענשליכער עקזיסטענץ אויף דער וועלט?

זיין בוך „קרעאטיווע עוואָלוציע" הויבט אָן בערגסאָן מיט די ווערטער: „די עקזיסטענץ, וואָס וועגען איר האָבען מיר די גרעסטע זיכערהייט, און וואָס זי, ווייסען מיר אמבעסטען, איז בלי ספק אונזער אייגענע, מחמת וועגען יעדען איינציגען אנדערען אָביעקט האָבען מיר באַגריפען, וואָס קאָנען באַטראַכט ווערען אלס אויסענווענינגסטע און אויבערפלעכליכע, בעת די עמפינדונג וועגען אונז גופא איז אַ אינווענינגסטע און א טיעפע", און נאָכדעם ווי בערגסאָן, שטיצענדיג זיך אויף די לעצטע וויסענשאַפטליכע טעאָריעס און היפּאָטעזען, קומט צום שלום, אַז „פאר א באוואוסטזיניגען וועזען צו עקזיסטירען מיינט זיך צו ענדערען, און ענדערען מיינט רייף צו ווערען, און רייף צו ווערען מיינט אָנצוגעהן מיט דעם באשאַף פון זיך גופא אויף אָן אומענדליכען אופן", ווענדעט ער באַלד אָן דעם זעלביגען שלום אויף דער גאַנצער אוניווערס. „די אוניווערס," זאָגט ער, „דויערט און וואָס מער מיר שטודירען די טבע פון „צייט", מער וועלען מיר פארשטעהן, אז דויער מיינט ערפינדונג, דער באשאַף פון פאָרמען, די אומאויפהערליכע פּראָדוצירונג פון דעם, וואָס איז אַבסאָלוט ניי".

און אָט אזוי האָבען אייגענטליך אַלע טיעפע פילאָזאָפען פון סאָקראַטעס'ן ביז בערגסאָנ'ען דערבליקט אלע טיפענישען פון דעם וועלט־אל דורך א פּאַרטיפונג פריהער פון אלין אין זייער אייגענעם זעלבסט.

דעקארט האָט ניט געקאַנט געפינען קיין שטאַרקערען שטיץ פונקט פאר אַלע זיינע פילאָזאָפישע השערות און קיין גרעסערע גאַראַנטיע פאַר דער זיכערהייט פון זיין עקזיסטענץ, ווי די איינגעבאָרענע פעהיגקייט צו דיינקען און צו דערקענען. „איך דיינק" — זאָגט ער, — „און דאריבער בין איך". און אויף דעם גרונד פון דער זיכערהייט אין זיין אייגענער עקזיסטענץ, בויט ער שוין אַ גאַנצע פּיראמידע פון זיכערהייטען, איינע שטאַרקער פאר דער אַנדערער און די שטאַרקסטע איז די זיכערהייט בנוגע דער עקזיסטענץ פון גאָט.

שפינאָזא קומט צו דעם באַשלוס, אַז די סובסטאַנץ איז עטוואָס אזעלכעס, וואָס האָט געקאָנט נאָר פון זיך און דורך זיך גופא אנטשטעהן, און אַז זי איז דערפאר פריי און אומאָפּהעניג פון וועלכער עס איז אויסענווענינג ליגענדער סבה. צו דעם באַשלוס קומט ער ניט דורך וועלכע עס איז וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען פון דער וועלט אַרום אים, נאָר דורך דער שפירונג, אַז זיין אייגענער זעלבסט מוז זיין אומאָפּהעניג און אונטערוואָרפען נאָר צו אזא

גוטמוטנדיגקייט, וועלכע האָט איהר וואָרצלען אין אַן אבסאָלוט פאָלקאָמענער, און דאריבער זיך זעלבסט פאראורזאכענדער קראַפט.

און וואָס האָט געצוואונגען קאנט'ן אריבערצוואווארפען א בריק איבער דעם אפּגרונד, וואָס ער האָט אין זיין „קריטיק פון דער ריינער פארנונפט" אליין געשאַפען, צווישען דער ריינער פארנונפט און דער, מיט געטליכקייט דורכגעדרונגענער, רעאליטעט, אויב ניט דער קאטעגאָרישער אימפּעראטיוו, וועלכען ער האָט דערשפּירט, אראָפּלעזענדיג זיך אין די טיפסטע טיפענישען פון זיין זעלע, וועלכע ליגען אויף יענער זייט שוועל פון דער ריינער פארנונפט?

און דורך דעם קאטעגאָרישען אימפּעראטיוו קומט קאנט פּנים אל פּנים מיט דער אלערהעכסטער קראַפט, מיט א געטליכקייט, וועלכע זיין, קאנט'ס, לאָגיק האָט, אין זיינע בארימטע אנטינאָמיען, געלאָזט הייגגען אין דער לופ־טען, מחמת די ארגומענטען פאר איר זיין האָבען ניט איבערגעוואָגען די ארגומענטען פאר איר ניט־זיין.

די פארטיפונג אָבער אין דעם זעלבסט, וועלכער איז, ניט נאָר קרישטאָל קלאָרע און קאַלטע פארנונפט, נאָר אויך פלאם פייערדיגער און הייס־ברי־הענדער כאאָטישער געפיל — אָט די דאָזיגע פארטיפונג האָט מיט דער גאַנ־צער שווערקייט פון אומצווייפעלהאפטיגקייט א ציה געטאָן אין דער „קריטיק פון דעם „פּראקטישער פארנונפט„ דעם וואָגשאָל אויף דער זייט פון א זיכערען זיין פון א העכערער קראַפט, וועלכע איז אידענטיש מיט אַן אבסאָלוטען באַ־וואוסטזיין און אַן אבסאָלוטער זעלבסטשטענדיגקייט, וואָס דאָס מיינט ממילא א פאָלקאָמענע אומאָפּהענגיגקייט פון דעם, וואָס מיר פארשטעהען אונטער דעם וואָרט אורזאך. אזא אוניווערסאלע קראַפט, וועלכע מיר דער־שפּירען דורך אונזער ספּעציפיש מענשליכער זעלבסט־דערקענטניס, גיט דעם מענשליכען לעבען א וועלכע עס איז אָפּשאַצונג, און בריינגט אריין אין איהם די באגריפען פון הויך און נידעריג, שעהן און העסליך, אמת און שקר, גוט און שלעכט, פאָלקאָם און אומפּאָלקאָם, אבסאָלוט און רעלאטיוו.

צו קענען דעם זעלבסט און דורך אים צו דערקענען די וועלט ארום דעם זעלבסט, צו שפּירען דעם זין און תכלית פון דעם אייגענעם זעלבסט, און דורך אים צו באַנעמען דעם זין און תכלית, דעם ווערט און דעם באדייט פון דער גאנצער עקזיסטענץ, דאָס איז אייגענטליך די אויפגאַבע פון דער קולטור, דאָס איז איר זין און באַדייט. עס איז די קולטור וואָס האָט דורך אירע צווייגען:

רעליגיע, פילאָזאָפיע און קונסט, געפירט דעם מענשען פון זיין זעלבסט צו א העכערען, אוניווערסאלען און אלץ איבערשטייגענדען זעלבסט, וועלכער מאכט בכלל מעגליך צו רעדען וועגען צילען און צוועקען, זינען און ווערטען. עס איז די קולטור, וואָס מאכט דעם מענשען פאר דעם „האמא סאפיענס", פאר דעם מענשען, וואָס זוכט אומאויפהערליך א פארבינדונג מיט דעם, וואָס שטייגט איבער זיין באגרעניצקייט און ענדליכקייט, א צענויפגיסונג מיט דעם, וואָס איז אייביג און אומענדליך, דען דער מענש האָט אלע מאָל אויף א שטאַרקערען אָדער שוואכערען אופן געפילט, אז אָהן אזא פארבינדונג אָדער צענויפגיסונג, פארלירט דער זעלבסט יעדען מינדסטען אינהאַלט, און די צוויי־פיסיגע חיה, יעדעם ברעקעלע מענשליכקייט.

„דער זעלבסט", זאָגט רוים, „איז ניט קיין חפץ, נאָר א כונה וועלכע איז פארקערפערט אין א באוואוסטזיניגען לעבען. די אינדיווידואליטעט אין פאַל פון יעדען מענשליכען וועזען באַטייט די וועזענטליכע איינציגקייט פון דעם דאָזיגען לעבען". רוים וויל אָבער, אז דער מענש זאָל קיין מאָל ניט פארגעסען, אז זיין אונטערשייד פון אַלעם איבעריגעס אין דער אוניווערס אין קאָנטראַסט מיט אַנדערע זעלבסטען, זיין איינציגקייט, זיין פרייהייט, זיין אינדיווידואַלי־טעט הענגען אַלע אָפּ דערפון, וואָס די וועלט אין וועלכער מיר לעבען, איז אין איר גאַנצקייט דער אויסדרוק פון איין באַשטימטען און אַבסאָלוטען ציעל, די אויספירונג פון א געטליכען ווילען.

רוים זאָגט ווייטער: „היות, ווי די וועלט אין איהר גאַנצקייט איז איין און איינציג, איז דאריבער אויך יעדער טייל פון דעם דאָזיגען גאַנצען לעבען, יעדער פראגמענט פון דער דערפאַרונג, יעדער פולסירונג פון ווילען אין דער אוניווערס, יעדער אַבזיכט, וועלכער האָט ערגעץ וואו זיין פארקערפּערונג געפונען, איין און איינציג, און טאַקע צוליב זיין שייכות צו דעם איינאונאיינ־ציגען. און איין־און־איינציג איז יעדער טייל גענוי אויף אזוי וויט, אויף וויפיעל ער האָט א שייכות צו דעם גאַנצען, און ניט אויף אזוי וויט אויף וויפיעל דו נעמסט אוועק זיינע שטריכען און באַגאַבונגען פון זייער שייכות צו גאָט און באַטראַכסט זיך אין דעם ליכט פון ענדליכע שייכות'ן. ווען דער ענדליכער פראגמענט ווערט אוועקגענומען פון זיין שייכות צום גאַנצען זעהט ער אויס אַלס עטוואָס, וואָס איז מער אָדער ווייניגער אומבאגרייפליך, און דאריבער אויך אַלס עטוואָס, וואָס איז מער אָדער ווייניגער אומבאַשטימט און אַלגעמיין — בלויז אַן איינצעל פאַל פון א טיפּ, א מיטגליד פון א סעריע,

א צייטווייליגער אויסדרוק פון אן אומצופרידענעם ווילען — א פאקט וואס זוכט אנדערע פאקטען, וואס זאלען אים דערקלערען — א ברעקעל דערפא־רונג, וואס איז אונטערוואָרפען צו פארשיעדענע פסיכאלאָגישע געזעצען. — א סאָרט לעבען וואס קאן אויסגעטייטשט ווערען אויף אזא אופן און באלד אויף אנאנדער אופן."

אין זיין שטאַרקער באגער צו עקספלואטירען די ארומיגע וועלט, און אויסצונוצען זי פאר אלערליי באלדיגע און אוממיטעלבארע נוצען און צוועקען, איז דער מענש זעהר אָפט געטריבען געוואָרען אויף פיצעלאך און ברעקע־לאך צו צושפּאלטען אלץ, וואס ער האט געפונען אויסענווייניג פון זיך, אלץ, וואס ער האט נאָר געקאָנט באטראכטען פאר עטוואס, וואס איז ניט ער, פאר עטוואס וואס איז ניט זיין איך, און איז מיט דעם זעלבסט ניט פאר־בונדען אָרגאניש.

דער דאָזיגער באגער האט טאקע דעם מענשען אזוי ווייט פאריאָגט פון זיין אייגענעם איך, אז ער האט פארגעסען אין דער אוממיטעלבאר־קייט פון דעם דאָזיגען איך, וועלכער קאָן נאָר אלס גאנצעס און אין דער אינטימער פארבינדונג מיט דעם „אלץ" פון דער וועלט דערקלערט ווערען. די טויזענדער און מיליאָנען קלענערע און גרעסערע ערפינדונגען אין די פאר־שיעדענע טיילען און פראגמענטען פון דער וועלט, האבען מיט זייער אוי־סערליכער אימפּאָזאנטקייט און מיט זייער מעגליכקייט אָנגעווענדעט צו ווערען אויף דער באלדיגער אויסברייטערונג פון לעבען און אויף דער תכף־דיגער באַרייכערונג פון אלע באקוועמליכקייטען פון לעבען, ניט געלאָזט דעם מענשען זיך צו פארטיפען אין דער באדייטונג פון די אלע ערפינדונגען פאר דעם שייכות צווישען דעם מענשען און דער וועלט אלס גאנצעס, און פאר דעם שייכות פון זייביידען, מענש און וועלט, צו דער רעאליטעט, וועלכע שליסט זיי ביידע איין און גיט דורך דעם, דעם מענשליכען לעבען א זין און א ווערט.

די וויסענשאפטליכע צוברעקלונג פון דער וועלט אלס גאנצעס אין אירע אומענדליכע טיילען און טיילכעלאך האט אלץ מער און מער פארטונקעלט פאר די אויגען פון דעם מענשען דאס בילד פון דעם וועלט־אל אין זיין אומ־מיטעלבארער גאנצקייט. די איינע נאך דער אנדערער ערפינדונג פון די אורזאכען, וואס דערקלערען די פארשיידענע ערשיינונגען אין יעדען טייל

באזונדער פון דער וועלט, מיט וועלכע דער לעצטער יאַרהונדערט האָט זיך אויסגעצייכענט, די האָפנונג דורך די דאָזיגע דערקלערענדע אורזאַכען און דערקלערבאַרע דערשיינונגען צוקומען צו דער אורזאַך פון אַלע אורזאַכען, און דער גוואַלטיגער אינטערעס אין די מאָמענטאַלע רעזולטאַטען פון די ער־פינדונגען, האָבען מורא׳דיג פאַרקלענערט דעם מענשליכען אינטערעס, און גאַנץ אָפט געפירט צו א בוכשטעבליכער פאַרגעסענהייט אין דער רעאַלי־טעט, וואָס אין איר טרעפען זיך צענויף אַלע אורזאַכען. אין זיין גייס־טיגען פאַלען, אין זיין קולטורעלער ריקווערטס באַוועגונג איז דער מענש גע־נאַנגען אַזוי ווייט ווי זיך גאַר צופרידענשטעלען מיט דער אויבענאויפיג אויסזעהענדיגער אומדערקלערבאַרקייט פון דער מהות פון דער וועלט.

צו זעהן אין דער אומדערקלערבאַרקייט גופא, ד. ה. אין דער אוממעג־ליכקייט איבערצוזעצען די מהות פון דער וועלט אין די טערמינען פון לאָגיק און מאַטעמאַטיק, א דערקלערונג פאַר דער תמצית פון דעם אוניווער־סאַלען און אייביגען גייסט, אָדער צו שפּירען אין דער דאָזיגער לאָגישער און מאַטעמאַטישער אומדערקלערבאַרקייט די עצם וועזענטליכקייט פון דער רעאַ־ליטעט, און אין אונזער, די לאָגיק איבערשטייגענדען, זעלבסט, א אומאויפ־הערליכע אַרויסשטראַלונג אָדער אוממיטעלבאַרסטען אויסדרוק פון דער מהות פון דעם וועלט־אַל — אזא זעהן אָדער שפּירען, איז פרעמד געוואָרען דעם מענשען פון דער תקופה, אין וועלכער דער אַנאַליז האָט אינגאַנצען באַהערשט דעם סינטעז, און די אינדוקציע האָט זיך פון דאָס ניי געשטאַרקט איבער דער דעדוקציע. די נאַטור מיט איר קאַוזאַליטעט, וועלכע מוז געפאָרשט און אַנטדעקט ווערען, האָט אים בלינד געמאַכט צו דער רעאַליטעט מיט איר זעלבסט־פאַראורזאַכטליכקייט, וועלכע מוז דערבליקט און אַנטפּלעקט ווערען.

ווייטער זאָגט רוים: „עס איז אמת, אז די מענשליכע נאַטור ביז צו דער מינדסטער אויסענווייניג באַשרייבליכער איינצעלהייט פון זעלבסט אויסדרוק פון א צייטווייליגען שניט, איז א נאַטור ערשיינונג, א טייל פון דער אוניווערסאַלער נאַטור, און זי קאָן דאַריבער גראַד אַזוי גוט דערקלערט ווע־רען אין קאַוזאַלע טערמינען ווי וועלכער עס איז אנדערער פאַקט. פון דער אנדערער זייט, שאַפט אָבער דער דאָזיגער וועג צו באַטראַכטען דעם מענשען, זיינע אייגענע באַגרענצונגען, נעמליך, די באַגרענצונגען פון דער

וועלט, וועלכע לאָזט זיך באַשרייבען. מחמת אַזוי צו באַטראַכטען אַ מענשען, הייסט ניט צו באַטראַכטען אים אַזוי ווי ער אַליין, באַטראַכט באַוואוסטזיני־ געררהייד זיין אינעווענינגסטען לעבען, ד. ה. צו באַטראַכטען אים אַלס עפּעס, וואָס באַזיצט אַן אינערליכען זין. צו דערקלערען דעם מענשען אין קאַוזאַלע טערמינען, הייסט צו זעהן אים ווי אַ בעאָבאַכטער פון אויסוועניג זעהט אים, אָדער וואָלט געקאָנט אים זעהן, און ניט ווי ער גופא מיינט צו זיין, ווען ער דריקט אויס זיין ווילען אין זיינע מעשים. אויף אַזאַ אופן קומט אויס: ער־ שטענס, אַז געווי דאָס, וואָס דו דערקלערסט קיינמאָל ניט קאַוזאַל וועגען דעם מענשען, איז אין דער ווירקליכקייט זיין אורשפּרונגליכער כאַראַקטער אַלס אַ זעלבסט, און דאָס איז, זיין באַוואוסטזיניגער זין גופא, אויף אַזוי ווייט ווי ער איז זיינער. און צווייטענס, האָט יעדע קאַוזאַלע דערקלערונג צו טאָן מיט די טיפּען און אַלגעמיינע כאַראַקטערען פון די געשעהענישען, וואָס קאָנען באַשריבען ווערען, און קיינמאָל ניט דערמיט, וואָס איז אינדיווידועל אין געשעהענישען, מחמת דער יחיד איז, ווי מיר האָבען געזעהען, דער אומ־ דעפּעניערבאַרער אָנבליק פון דער עקזיסטענץ, און דאָס וואָס דו קאָנסט ניט רעפינירען, קאָנסטו ניט דערקלערען אין קאַוזאַלע טערמינען."

און רויס מאַכט דעם פאָלגענדען סך הכל פון זיין דיסקוסיע וועגען דער איין און איינציגקייט און באַזונדערקייט פון דעם מענשען: „דו קאָנסט", זאָגט ער, „זיך אונטערנעמען צו דערקלערען קאַוזאַל, פאַר וואָס איך האָב איצט דעם דאָזיגען כאַראַקטער און די דאָזיגע סביבה, און פאַרוואָס איך בין אונטער־ וואָרפען צו אַזעלכע אָדער צו אַנדערע קאָנסעקווענצען פון מיין פאַרגאַנגע־ נער דערפאַרונג. יאָ, אַלץ וועגען מיינע ווערטער, מיינע מאַניערען, מיינע שטימונגען, מיינע געפילען אָדער מיינע פּלענער וואָס קאָן באַשריבען ווערען אַלס אַ שטריך, וואָס איז אַלגעמיין פאַר מיר און פאַר יעדען אַנדער וועזען אין דעם וועלט־אַל. אַלץ, וואָס איז פאַראַן אין מיר און וואָס קאָן אויסגע־ דריקט ווערען אין אַלגעמיינע טערמינען, אָדער וואָס איז ביכולת פון אויי־ סענוועניג באַטראַכט צו ווערען, קאָנסטו, און דו מוזט זיך אונטערנעמען מיט דעם שכל קאַוזאַל צו דערקלערען אַלס עפּעס, מיט וואָס עס האָט צו פאַר־ דאַנקען מיינע אבות, מיין דערציהונג, מיינע אומשטאַנדען, מיין סביבה און דער אָפּהענגיקייט פון דער נאַטור אין אַלגעמיין! וואָס עס בלייבט אָבער קאַוזאַל אומדערקלערבאַר, איז גראַד טאַקע מיין וועזען אַלס דער דאָזיגער יחיד, וואָס האָט ניט קיין גלייכען צו זיך אין גאָט'ס וועלט. אַזוי, אַז ווען דו זאָלסט מיך פרעגען: וואָס איז מיין געגענוואַרטיגען באַוואוסטזיין דריקט

אוים ניט דעם טייל, וואָס קאָן אָפּגעזונדערט ווערען, נאָר דעם ניט אָפּגעזונדערטען אָנבליק פון מיין נאַטור, וואָס ניט גאָט און ניט דער מענש קאָן דערקלערען קאָוזאַל, וועל איך ענטפערען: בלויז מיין באוואוסטזיניגע כונה צו זיין אין גאָטס וועלט „איך זעלבסט" און ניט קיין אנדערער. אין דעם דאָזיגען זין אליין איז מיין לעבען—ניט אלס אַן אָפּהעניגעס וועזען, נאָר אלס דאָס לעבען, וואָס דריקט אוים א ראַציאָנאַלען צוועק צו געווינען אַן איין און איינציגען שייכות צו דער גאַנצער אוניווערס, אַן איין און איינציגען קאָנטראַסט צו אַלע אַנדערע זעלבסטען, און אַן איין און איינציגען בייַשפּיעל פון אָפּהעניגקייט פון אַלעם איבעריגעס—עפּעס אַזעלכעס, וואָס קאָן איצט ניט, און וועט קיינמאָל ניט קאָנען, קאָוזאַל דערקלערט ווערען און צו קיין אַנדער זאַך רעדוצירט צו ווערען."

מיר האָבען אַזוי ברייטליך ציטירט רויס'ן, מחמת די דאָזיגע אַלע ווערטער זיינע, וואָס מיר האָבען דאָ געבראַכט, זיינען זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם געדאַנקען פלוס פון דעם צוואַנציגסטען יאָרהונדערט און ברייַנגען אַרוים זעהר בולט דעם קאָנטראַסט צווישען די פלוסען פון דעם געדאַנק אין מיטען פון דעם נייַנצענטען יאָרהונדערט און אין אָנהויב פון דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט.

דער צוואַנציגסטער יאָרהונדערט צווינגט אַלץ מער און מער אַרויף אויף דעם מענשליכען געדאַנק די אוממעגליכקייט און, דערהויפּט די אומנויטיגקייט צו דערקלערען די אנטשטעהונג און אנטוויקלונג פון לעבען און גייסט, מחמת די אורזאַכען סיי פון זייער אַנשטעהונג, סיי פון זייער אַנטוויקלונג ליגט ניט אויסענוועניג פון זיי, נאָר איגוועניג אין זיי, און זיי פאַלען דארום צענויף מיט דער אנטשטעהונג און אנטוויקלונג פון דער רעאַליטעט גופא, וועלכע טראָגט אין זיך די אורזאַכען פון אַלע אַנטשטעהונגען און אַנטוויקלונגען, און מהאי טעמא שליסט זי, אלס אַזעלכע, אוים יעדער פראַגע וועגען אורזאַך. דען אויב רעאַליטעט מיינט בכלל עפּעס, מיינט זי: זעלבסט באַשאַפונג און אינוועניגסטע אנטשטעהונגען און אנטוויקלונג, און, ממילא, אַבסאָלוטע און פאָלקאָמענע אומאָפּהעניגקייט פון אַלץ, וואָס קאָן באַצייכענט ווערען מיט דעם וואָרט אויסערליכקייט. און די דאָזיגע אַבסאָלוטע פרייהייט פון אַלץ, וואָס איז ניט רעאַליטעט מאַכט אוממעגליך אַנצואַווענדען צו איר דעם באַגריף פון קאָוזאַליטעט; דעם באַגריף, פון וועלכען די וויסענשאַפט

קאָן זיך קיינמאָל ניט באפרייען, ווארים איר אויפגאבע איז ניט די רעאַליטעט אלס גאנצעס צו באַנעמען דורך א פאַרטיפונג אין דעם אינערליכען זעלבסט, נאָר, פארקערט, איר באשטרעב איז אין אלע איינצעלהייטען זיך צו באַקענען מיט די פארשיידענסטע אויסדרוקען פון דער רעאַליטעט, און, איבערצוזעצען זיי אין די איינפאכסטע און אַלגעמיינסטע טערמינען, וואָס זאָלען אין זיך קיין ברעקעל זעלבסטשטענדיגקייט ניט פארמאָגען.

דער דאָזיגער געדאנק האָט שוין זעהר פיעל אויפגעטאָן פאר דער דורכ־פירונג פון די ספערען און גרעניצען צווישען וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע. בעת ער האָט ניט פארקלענערט די ראָלען און די פונקציעס פון דער וויסענשאַפט אויף די אַלע געביטען, וואו עס הערשט אומגעשטערט די קאַוזאַליטעט־קייט פון אורזאכען און פאָלגען, האָט ער אָבער פעסטגעשטעלט די הילפסלאָזיגקייט און ממילא די נוץ־און ווערטלאָזיגקייט פון דער וויסענשאַפט דאָרט, וואו עס הערשט, ווי שפענגלער רופט עס, דער שיקזאַל אנ־שטאָט דער קאוזאליטעט, דאָרט וואו, ווי בערגסאן דיינקט, די אינטואיציע קאָן שפירען דאָס, וואָס דער שכל קאָן ניט משיג זיין, דאָרט וואו די איכות קאָן ניט איבערגעזעצט ווערען אין קיין כמות, דאָרט וואו, ווי רוים וואָלט געזאָגט, די איין און איינציגקייט שליסט אבסאָלוט אויס יעדע אַלגעמיינקייט.

„היות“, זאגט דיואי, דער צווייטער גרויסער דיינקער נאָך רוים'ן אין אמעריקא, „דער חילוק צווישען ערגער און בעסער איז צענויפגעבונדען מיט די איכות פון דער דערפארונג, מוז דאריבער יעדע פילאָזאָפיע פון וויסענ־שאפט, וועלכע שליסט אוים די איכות פון דעם עכטען אינהאַלט פון רעאַלי־טעט, אויף א נויטווענדיגען אויפן ארויסלאָזען דאָס, וואָס איז עכט אינטערע־סאנט און אומגעהויער וויכטיג פאר דער מענשהייט“.

און דאָס איז אייגענטליך וואָס די פילאָזאָפיע פון וויסענשאפט פון דער לעצטער העלפט פון דעם ניינצעגנטען יאָרהונדערט האָט געפרואווט צו טאָן. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט ביז גאָר אויף אויסצושליסען קוואַליטעט פון דער וועלט דערמיט, וואָס זי האָט אינטעלעקטואַליזירט דעם מענשען און מאַטע־ריאַליזירט דעם אינטעלעקט.

מיט שפינאָזא'ן האָט זי אָנגעהויבען פון דאָס ניי צו גלויבען, אז די נעפיהלען און די עמאָציעס פון דעם מענשען, זיינע באַגערען און ליידענ־שאפטען, זיינע נייגונגען און שטימונגן וועלען קאָנען ווען עס איז אונטער־

וואָרפען ווערען אונטער מאַטעמאַטישע פאָרמולען, און די ראציאָ אָדער דער אינטעלעקט פון דעם מענשען וועט דורך דער לאָגיק זיינער, וועלכע געהט האַנט אין האַנט מיט דער מאַטעמאַטיק, קאָנען קאָנטראָלירען און פיהרען די נשמה פון דעם מענשען, וועלכע אַנטפּלעקט זיך אין דעם ברען און פייער פון די געפיהלען און די עמאָציעס.

די דאָזיגע פילאָזאָפיע פון דער וויסענשאַפט איז ניט געגאַנגען דעם גאַנצען וועג מיט שפינאָזא'ן. זי האָט ניט, ווי ער, אָנגענומען, אז די גע־פיהלען און די מאַטעריע, וועלכע קאָנען ביידע, ווי ער האָט געדיינקט, אריינ־געפּאַסט ווערען אין מאַטעמאַטישע און לאָגישע קאַטעגאָריען, זיינען צוויי אָנבליקען פון איינער און דער זעלבער רעאַליטעט, וועלכע ער האָט מיט אַן אבסאָלוטער און פאָלקאָמענער גאָטהייט אידענטיפיצירט. די פילאָזאָפיע פון פריהער מיט א פּאָר צענדליג יאָר האָט געוואָלט אין דעם סאַמע נידע־ריגסטען געפינען די שפּורען פון דער אַנטוויקלונג פון דאָס העכסטע, און אַנשטאָט אַן אַלמעכטיגען אַלוויסענדען און אַלזעהענדען גאָט, האָט זי, ביי דעם אורשפּרונג פון דער אוניווערס, אוועקגעשטעלט א מעכטיגע, אָבער בלינ־דע מאַטעריע. די פילאָזאָפיע פון דעם דאָזיגען פעריאָד איז אויף אזא אופן געוואָרען א מאַטעריעלע און א מעכאַנישע — א פילאָזאָפיע, וואָס פּאַסט זיך אויסגעצייכענט פאַר ציוויליזאַציע, וועלכע ווייס נאָר פון אויסערליכקייט און פון קוואַנטיטעט, פון איינהייטליכקייט און אַלגעמיינקייט.

„די מעכאַנישע פילאָזאָפיע", זאָגט דיואי „האָט געלייקענט די רעאַלי־טעט פון קוואַליטעט אין דער ווירקליכער און אָביעקטיווער עקזיסטענץ. קלאַנגען, קאָלירען, ציעלען, אַזוי גוט ווי דאָס גוטע און שלעכטע זיינען באַ־טראַכט געוואָרען אַלס ריין סוביעקטיווע זאַכען, אַלס איינדרוקען בלויז אין דעם געדאַנק. די אָביעקטיווע עקזיסטענץ איז באַהאַנדעלט געוואָרען אַלס אַזעל־כע, וואָס האָט בלויז קוואַנטאַטיווע אָנבליקען, אַלס אַזוי פיעל מאַסע און באַ־וועגונג, מיט דעם אונטערשייד בלויז, וואָס אין איין פּונקט אין רוים איז געווען א גרעסערע צענויפזאַמלונג פון מאַסע ווי אין דעם אַנדערען, און וואָס אין געוויסע ערטער איז די באַוועגונג געגאַנגען מיט שנעלערען טעמפּאָ ווי אין אַנדערע. ניט באַזיצענדיג קיין קוואַליטאַטיווע אונטערשיידונג צייכענס, האָט דער נאַטור געפעהלט א באַדייטענדע וואַריאַציע. די טראָפּ איז גע־שטעלט געוואָרען אויף איינהייטליכקייטען און ניט אויף דיווערזיטעטען. דער אידעאַל איז געווען די ערפינדונג פון איין מאַטעמאַטישער פאָרמול, וואָס

זאָל אויף איין מאָל אָנגעווענדעט ווערען צו דער גאַנצער אוניווערס, און פון איר זאָל עס ארויסגעדרונגען ווערען די שיינבארע ווארייעטעטען פון די ער־שיינונגען".

דער דאָזיגער אידעאַל אָבער, וועלכער האָט זעהר פיעל מיטגעהאָלפען דעם וואוקס און דער פאָנאַנדער בליהונג פון דער ציוויליזאציע, האָט ניט גע־קאָנט צולאַנג האַלטען אויף אַ געניגענדער הויך די מענשליכע נשמה, וועלכע איז, ווי די נשמה פון דער אוניווערס גופא, אַן איינהייט, אָבער בשום אופן ניט קיין איינהייטליכקייט, און איז דארום פול מיט קוואליטאטיווע דיפע־רענצירונגען, וועלכע קאָנען ניט פון קיין לאָגיק און קיין מאַטעמאַטיק אויס־געשעפט ווערען.

די וועלט איז, ווי טאגאָר זאָגט, אַ שעפּפונג און ניט בלויז אַ קאָנסטרוק־ציע. זי איז מער איידער אַ סינטאַקס, זי איז אַ פּאָעמא און אַלס אַזעלכע קאָן נאַטירליך איר זין דורך קיינע כללים ניט אויסגעדריקט ווערען און איר מהות קאָן דארום ניט פון דעם אינטעלעקט בלויז באַנומען ווערען, די נשמה פון דעם מענשען אין איר אַבסאָלוטער גאַנצקייט מוז אריינגעהען אין דער דערקענטניס פון דער אוניווערסאַלער וועזענטליכקייט.

„דער סאמע לעצטער אמת אין דעם מענשען איז ניט," זאָגט טאגאר, „אין זיין אינטעלעקט אָדער אין זיינע פארמעגענס. ער איז אין זיין אילו־מינאציע פון דעם גייסט... אין זיין דערקענטניס פון דער וועלט ניט בלויז אלס אַ שפּייכלער פון מאַכט, נאָר אלס אַ וואוינ־אָרט פון מענשליכען גייסט מיט זיין אייביגער מוזיק פון שעהנקייט און זיין אינעווייניגסטען ליכט פון געטליכער איינוועזענהייט".

מאַכט, ברייטקייט און איבערוועלטיגונג, דאָס איז, וואָס די ציוויליזאַ־ציע זוכט. די מעכאַנישע פילאָזאָפיע דינט איר אידעאל אויסגעצייכענט, די קולטור אָבער שטרעבט צו אַבסאָלוטהייט, טיפקייט און פאָלקאָמענהייט און אלס אזעלכע מוז זי צו יעדער צייט, ווען זי שטארקט זיך איבער דער ציוויליזאציע, ארויסטרעטען געגען אַ פילאָזאָפיע, וואָס וויל מאַטעריאליזירען דאָס לעבען און מעכאַניזירען דעם גייסט. און דערפאר האָט דער אָנהויב פון דעם צוואַנציגסטען יאָרהונדערט, אַ דאַנק דער בײנקשאַפט פון דעם מענ־שען נאָך אַן אינהאַלטסרייכען און ווערטפולען לעבען, וועלכען די ציווילי־זאציע האָט אים ניט געקאָנט געבען, אָנגעהויבען אלס מער און מער צוריק־

צואווייזען די מעכאנישע פילאזאפיע. געבענדיג קרעדיט דער מעכאנישער און ראציאנאלער אדער אינטעלעקטועלער פילאזאפיע פאר אלעס גוטעס, וואס זי האט געטאן אויף דעם געביט דערהויפט פון דעסטרוקטיווער ארבייט, האט ער זיך אבער לגמרי אנטזאגט צו אנערקענען זי אלס א פאקטאר אין דער קאנסטרוקטיווער ארבייט, אין דער ארבייט פון שאפען נייע ווערטען און טיעפערע אינהאלטען פאר דעם מענשליכען לעבען.

„די מעכאנישע פילאזאפיע", זאגט דיואי, „רעפרעזענטירט ניט דעם עכטען אינהאלט פון דער וויסענשאפט. זי נעמט אן די טעכניק פאר דער זאך גופא, דעם אפאראט און די טערמינאלאגיע פאר דער קוואליטעט, דעם מעטאד פאר זיין געגענשטאנד. עס איז אמת, אז די וויסענשאפט באגרע־ניצט איהרע באהויפטונגען צו די באדינגונגען, וועלכע מאכען מעגליך פאר אונז צו פאראויסזאגען און קאנטראלירען די פארקומעניש פון די געשעהע־נישען, איגנארירענדיג די קוואליטעטען פון די געשעהענישען. דערפון נעמט זיך איר מעכאנישער און קוואנטאטיווער כאראקטער. דערמיט, אבער, וואס זי לאזט ארויס די קוואליטעטען פון חשבון, שליסט זי זיי ניט אויס פון דער רעאליטעט, און זי גיט זיי אויך ניט איבער צו א רעגיאן, וואו עס הערשט דער ריינער גייסט. זי שטעלט צו בלויז מיטלען, וואס קאנען אויסגענוצט ווערען פאר צוועקען. אזוי, דאס בעת דער פראגרעס פון דער ווי־סענשאפט האט באמת פארגרעסערט דעם מענשענס מאכט איבער דער נאטור, מאכענדיג מעגליך פאר אים אוועקצושטעלען זיינע צערטלענדיגע ציע־לען אויף א שטארקערען, איידער ווען עס איז פריהער, באזיס, ווי אויך צו פארגרעסערען כמעט אהן א שיעור די פארשיידענארטיגקייט פון זיינע אקטי־וויטעטען, האט די פילאזאפיע, וועלכע האט זיך אונטערנומען צו פארמולירען אירע אויפטואונגען, געפיהרט צו אן אומפראדוקטיווער און מאנאטאנער ווידערפארטיילונג פון שטאף און רוים".

און נאכדעם ווי דיואי רעכענט אויס די פארדינסטען און אויפטואונגען פון דעם אינטעלעקטואליזם, זאגט ער: „זיין איינפלוס איז אבער געווען גרעסער אין דער צעשטערונג פון אלטע פאלשקייטען איידער אין דער אויפ־בויאונג פון נייע פארבינדונגען און שייכות'ן צווישען מענשען, זיין פאר־מאליטעט און פוסטקייט נעמט זיך דערפון, וואס ער באגרייפט די פאר־נונפט אלס עטוואס, וואס איז פאלקאמען אין זיך גופא. זיין פיינדליכע שטעלונג צו היסטארישע אינסטיטוציעס, זיין גלייכגילטיגקייט צו דער וויר־

קונג פון געוואוינהייט, אינסטינקט און עמאָציעס אלס א ווירקענדער פאַק־טאָר אין לעבען, האָט אים אומפעהיג געמאַכט אין דער אַנדייטונג פון ספּע־ציפישע צילען און מעטאָדען. די הוילע לאָגיק, ווי וויכטיג זי זאָל ניט זיין אין דער איינאָרדנונג און אין דער קריטיק פון דעם עקזיסטירענדען געגענ־שטאנד, קאָן ניט געבען קיין נייעם געגענשטאנד פון זיך גופא".

דער ראציאָנאַליזם אלזאָ, אפילו ווען ער איז ארויסגעפלאָסען פון אַן אי־דעאליסטישען קוואל, און נאָך מער, ווען ער האָט אָנגענומען דעם מאטעריא־ליזם אלס א גרונדלאגע, האָט זעהר פיעל מיטגעהאָלפען דעם אומגעהויער אנטוויקלונג פון טעכניק און ציוויליזאציע, דאָס האָט אָבער, אין דער אייגענער צייט, געפירט צו דער פארפלאכונג פון דער מענשליכער נשמה, און צו דער פארגליווערונג פון דער מענשליכער קולטור.

די וויסענשאַפט, מיט וועלכער דער פּראָגרעס פון דעם מענשליכען גע־דאנק פאר דעם לעצטען האלב פון דעם ניינצענטען יאָרהונדערט איז אידענ־טיפיצירט געוואָרען, האָט ניט געקאָנט שאַפען קיין נייע ציעלען און אינ־האלטען פאר דעם מענשליכען לעבען, זי האָט ניט געקאָנט אפילו מאָדיפיצי־רען זיינע אלטע ציעלען און אינהאלטען, מחמת זי האָט, אריבערטרעטענדיג אירע אייגענע גרעניצען, און אריינרייסענדיג זיך א פארשכור'טע פון אירע ערפאָלגען, אין די גרעניצען פון פילאָזאָפיע, געשאַפען היפּאָטעזען פאר דער אנטשטעהונג און אנטוויקלונג פון דעם לעבען בכלל און פון דעם מענשליכען לעבען בפרט, וועלכע האבען, ווי מיט דעם שארפסטען שווערד געשניטען די פליגלען פון דער מענשליכער פאנטאזיע און האָבען ווי די שטארקסטע ווינטען געטראָגען אָהן א שיעור זאמד, וועלכער האָט זיך מיט דער שווער־קייט פון בליי געלייגט אויף די אָפּגרונטען פון די כוואליעס פון די מענשליכע נייגונגען, געפילען און עמאָציעס.

כל זמן דאָס לעבען איז אוועקגעשטעלט געוואָרען אין צייט, אין אָרט, אין אינהאלט און אין ווערט אויף דער זעלבער מדרגה ווי דער קערפּער דורך וועלכען דאָס לעבען צירקולירט, ווי דאָס האָט געטאָן למשל דער גרויסער בי־אָלאָג ערנעסט העקעל, אין דער צייט ווען די וויסענשאפט האָט געוואגט צו פילאָזאָפירען, האָט דאָך דאָס לעבען געמוזט פול און פיעל ווערען מיט כמות, אנשטאט איכות, מיט באשטענדיגקייט, אנשטאט אייביגקייט, מיט מיטלען, אנשטאט ציעלען, מיט פונקטען, אנשטאָט צוועקען, מיט נוצען אנ־

שטאט ווערטען, ד. ה. מיט אלץ וואס כאראקטעריזירט און קאן באטראכט ווערען אלס דער איינציגער אויסדרוק אדער פונקציע פון עפעס, וואס אין זיין אמת'ר תמצית, באזיצט ניט קיין נשמה און ניט קיין גייסט.

דער צוואנציגסטער יארהונדערט האט אבער אנגעהויבען דערמיט, וואס ער האט אין דער פערזאן פון דעם גרויסען וויסענשאפטסמאן און דיינקער סער אליווער לאדזש, שארף און קלאר אוועקגעשטעלט די פראגע: קאן מען זיך טאקע באמת ניט ערלויבען פון א וויסענשאפטליכען שטאנדפונקט אנצונעמען דעם הפוך פון דער היפאטעזע, וועלכע האט פאר א געוויסער צייט פאראדירט אלס שטרענג וויסענשאפטליכע? מוז מען, אום ניט צו פארלירען די רעפוטא־ציע אלס א וויסענשאפטסמאן, אננעמען, אז די מאטעריע איז די סיבה און דער לעבען איז דער פועל יוצא? „איז לעבען", פרעגט אליווער לאדזש, „אויך א זאך וועגען וועלכער באשטענדיגקייט קאן באהויפטעט ווערען?, ווען עס פארשווינדט פון א מאטעריעלער סביבה, ווערט עס ארויסגעשלאגען פון עקזיסטענץ, אדער עס ווערט בלויז אריבערגעטראגען אין אנאנדער סביבה, וואו עס איז אזוי אוממעגליך צו אידענטיפיצירען און צו דערקענען ווי די גאזען פון א פארברענטען מאנוסקריפט, אדער דעם נעבעל פון א פערשוואונדענעם וואלקען? איז דאס לעבען א צייטווייליגער קליינליכער צוזאמענשטעל, וועל־כער איז פארבונדען מיט געוויסע קאמפליצירטע גרופירונגען פון שטאף־אטאמען און ווערט אויפגעלייזט אין גארנישט, ווען די גרופירונג ווערט איבערגעאנדערשט, אדער איז דאס לעבען עטוואס, וואס איז ניט מאטעריע, און וואס אין זיך גופא איז עס פונדאמענטאל, עטוואס וואס נוצט די דאזיגע צוזאמענשטעלונג פון שטאף, בכדי צו ערשיינען אין דערמיט פון א מאטע־ריעלער סביבה, אליין אבער איז ער ווזענטליך אומאפהעניג פון איר?"

און זיין ענטפער צו דער דאזיגער פראגע איז, און דאס איז דער ענטפער פון דעם אנהויב פון דעם צוואנציגסטען יארהונדערט: „לעבען קאן זיין ניט נאר עטוואס וואס איז אולטרא־ערדיש, נאר עטוואס, וואס איז ניט מאטע־ריעל, עטוואס, וואס איז אויסעגוועניג פון אונזערע איצטיגע קאטעגאריען פון שטאף און ענערגיע, און וואס איז דאך אזוי רעאל ווי זיי, נאר אנדערש ווי זיי, און וואס נוצט זיי אויס פאר זיינע אייגענע צוועקען."

אזא היפאטעזע נעמט שוין נאטירליך אויף אוועק די באשטענדיגקייט פון אונטער דעם באדען פון דער מאטעריע. די מאטעריע ווערט אויף אזא

אופן ווירקליך בלויז דער חומר אין דער האנט פון דעם באשאפער — דעם גייסט. דאס לעבן ווידער, ווערט דער באשאפער און צושטערער פון דער מאטעריע.

לאדזש איז זיכער אז די צושטערונג און די שאפונג פון דער מאטעריע קאנען ארומגענומען ווערען פון א דערגרייכבארער ווייטקייט פון א וויסענשאפטליכען באגריף און אריינגעהן אין דער ממשלה פון עקספערימענטאלער מעגליכקייט. און מיט דער צערשטערבארקייט און אפהעניגקייט פון דער מאטעריע, באקומט די אומצושטערבארקייט, די אומאפהעניגקייט און די זעלבסט-פאראורזאכליכקייט פון לעבען און גייסט א טיפערען זין און באטייט, און דורך דעם קומען צום פארגרונד די אייביגע ווערטען, און שטעלען אלע מער און מער אוועק אין הינטערגרונד די באלדיגע נוצען.

די אלע אנשטרענגונגען פון דער וויסענשאפט אנצופילען דעם פילאזאפישען מאניזם מיט א מאטעריאליסטישען אינהאלט און צו נאטוראליזירען גאט אנשטאט צו פארגעטליכען די נאטור, ווי דאס האט געטאן שפינאזא, האבען זיך ניט איינגעגעבען. דער געדאנקען-גאנג פון דעם צוואנציגסטען יארהונדערט האט זיך אנגעהויבען מיט א שטארקען פראטעסט געגען אזעלכע באגריפען און באנעמונגען, און דער דאזיגער פראטעסט ווערט שטארקער פון טאג צו טאג אין די געביטען פון וויסענשאפטליכען, פילאזאפישען און קינסטליכען דיינקען און שאפען.

„די וואס דיינקען", זאגט לאדזש, „אז די רעאליטעט שעפט זיך אויס מיט אירע ערדישע אויסדרוקען, האבען בלי ספק זייערע אייגענע פילאזאפיע, צו וועלכער זיי זיינען בארעכטיגט און צו וועלכער זיי זיינען אויף יעדען פאל ווילקאמען. ווען זיי טרעטען אבער ארויס צו לערנען אנדערע, אז מאניזם באדייט א באגרענצונג פון גייסט צו די מעגליכקייטען פון מאטעריע ווי זי איז איצט דערקענט, ווען זיי לערנען אז פאנטעאיזם מיינט צו אידענטיפיצירען גאט מיט דער נאטור אין שמאלען זין; ווען זיי נעמען אן אז גייסט, און וואס זיי רופען אן מאטעריע, זיינען אזוי אינטים פארבונדען, אז עס איז ניט מעגליך קיין איבערשטייגונג; אז אהן די העמיספערען פון דעם מארך, וואלט דער באוואוסטזיין און די אינטעליגענץ און די עמאציע און די ליעבע, און אלע העכערע אטריבוטען, וואס צו זיי געהט די מענשהייט פארווערטס אויף אן לאנגזאמען אופן, וואלטען אויפגעהערט צו זיין;

אז דער אויסדרוק נשמה באדייטעט, ווי העקעל זאָגט, א „סכום פון פלאזמא באוועגונגען אין די צעלען פון דער גאַנגליע“, און אז דער אויסדרוק גאָט איז באגרעניצט צו אָפּעראַציעס פון א דערקענטען עוואָלוציאָנערען פּראָצעס, און ער קאָן פאַרגעשטעלט ווערען אלס דער אומבאגרעניצטער סכום פון אַלע נאַטור קרעפטען, דער סכום פון אַלע אַטאָמישע קרעפטען און אַלע אַנדערע וויבריאַציעס — דאַן מוזען זיך אַזעלכע פילאָזאָפען צופרידענשטע־לען מיט אַן אוידיענץ פון אומגעבילדעטע פּערזאָנען, אָדער, ווען זיי שריי־בען ווי וויסענשאַפטסמענער, מוזען זיי זיך ריכטען אויף א געגען־ארויס־טרעטונג פון אַנדערע וויסענשאַפטסמענער, וועלכע זיינען פעהיג, יע־דענפאלס לויט זייער אייגענער אָפּשאַצונג, ברייטער א ביסעל ארומצונעמען מיט זייער בליק די עקזיסטענץ, און צו באגרייפען די מעגליכקייטען, וואָס צו זיי זיינען געווען בלינד די שמאָלע און צופיעל באשטימטע פילאָזאָפען“.

3.

די נייעסטע שטראָמען פון דעם מענשליכען געדאַנק שטימען אַלץ מער און מער צענויף מיט דער קריטיק פון סער אָליווער לאָדזש אויף ערנסט העקעל. העקעל ווערט אַלץ מער און מער, ווי לאָדזש האָט פאָראויס גע־זאָגט, „די איבערבלייבענדע שטים פון דעם מיטען פון דעם נייַנצענטען יאָהר־הונדערט. זיין שטים ווערט מער און מער די שטים פון איינעם, וואָס שרייט אין דער ווילדערניש, ניט אַלס א פּיאָניער אָדער א אוואַנגאַרד פון פאָרווערטס־געהענדער ארמעע, נאָר אלס א פאַרצווייפעלטער געשריי פון א באַנער טרעגער, וועלכער איז אַלץ דרייסט און אומדערשראָקען, אָבער פאַר־לאָזען פון די זיך צוריקציהענדע רייהען פון זיינע חברים, בעת זיי מאַרשי־רען אויף די נייע באַפעהלען אין א פרישער און מעהר אידעאַליסטישער ריכטונג“.

דער אידעאַליזם אין דער פילאָזאָפיע פון דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונ־דערט האָט געטריבען אַלע וויסענשאַפטען, בלויז די ראַדיקאַלע סאָציאַלאָגיע ניט אריינגערעכענט, צו רעווידירען זייערע שטאַנדפונקטען און צו פאַרטראַכ־טען זיך וועגען דעם „אפשר פאַרקערט“, ד. ה. אז אפשר איז מאַטעריע א פאָרם אָדער אַן אויסדרוק בלויז פון גייסט, און ניט אז גייסט איז ארויס־וויקלונג פון מאַטעריע. און אויף אַזא אופן שטאַרקט זיך איצט פון טאָג צו טאָג אין דער וויסענשאַפט די אידעאַליסטישע געגענווירקונג.

אין זיין טיף פילאָזאָפיש וויסענשאַפטליך בוך „די ממשלה פון רעלאַטיוויטעט״ וואָס איז נאָך קיין יאָר נאָך נאָך נים אַלט, זאָגט וויסקאונט האַלדיין אויסדריקליך, אַז אַ דאַנק דעם אידעאַליזם אין דער פילאָזאָפיע רייסען זיך אָפּ די ביאָלאָגען פון די דאָגמאַס פון אַ אויסשליסליך מעכאַנישען שטאַנדפּונקט און זיי ערקלערען דרייסט און אומדערשראָקען, אַז לעבען קאָן אויסגעטייטשט ווערען און אויסגעדריקט ווערען אין באַגריפען, וואָס געהערען בלויז צו דעם ראַנג פון לעבען.

„זיכער זיינען די כעמישע און פיזישע באַגריפען פון גרוס ווערט אין דער באָאָבאַכטונג פון אַן אָרגאַניזם. מען דאַרף זיי האָבען אויף צו דער־קלערען געוויסע פּאַרהעלטניסען אין דעם פּראָצעס פון אַריינגעמען און אַרויסגעבען ענערגיע. דאָס זיינען פּאַרהעלטניסען, וואָס דער אָרגאַניזם פּרעזענטירט, אין געמיינשאַפט מיט אַנדערע געגענשטאַנדען אין דער אויסענוועניגסטער נאַטור, אָזעלכע אָבער פּאַרהעלטניס־דערקלערונגען זיינען ניט אַדעקוואַט צו דער פולער רעאַליטעט. זיי זיינען ניט מער ווי אַבסטראַק־ציעס, אונטער וועלכע די רעאַליטעט קאָן ווי געהעריג באַטראַכט ווע־רען, נאָר יעמאָלט, ווען מען דיינקט, אַז אין זיי קאָן ניט געגעבען ווערען קיין פולער אָדער זאָגאַר גענוגענדער באַנעם פון לעבען. אַ ציעל אַרבייט גאָר אַנדערש פון אַן אורזאַך. זיין אַקטיוויטעט איז אַ געגענוואַרטיגע אַקטיווי־טעט. אויספירונג, אין וועלכער זיין אַקטיוויטעט דריקט זיך אויס האָט ניט קיין צוזאַמענהאַנג פון אורזאַכען און פאָלגען. אונזער דער־קענטניס וועגען אים, ווערט באַשטימט פון גאָר אַנאַנדער גאַנג פון באַ־גריפען.״

דער דאָזיגער באַגריף וועגען לעבען, אַלס אַ ספּעציפישער אויסדרוק פון דער רעאַליטעט, וואָס קאָן אין קיינע אַנדערע אויסדרוקען ניט איבערזעצט ווערען און צו קיינע אַנדערע זאַכען אַ חוץ לעבען ניט רעדוצירט ווערען, האָט לעצטענס גאָר אַנאַנדער אינטערפּרעטאַציע געגעבען צו דעם מאָניזם.

אמת טאַקע, זאָגט די נייעסטע פילאָזאָפיע, אַז די וועלט איז אַבסאָלוט גענומען איינע, און איר מהות איז איין און איינציג און אומטיילבאַר, דערפון איז אָבער נאָך ניט געדרונגען, אַז איר אַנטוויקלונג מוז דוקא זיין אַ גראַד ליניגע אין צייט און רוים, אַז דאָס לעבען מוז זיין אַ מין סאָרט אַרויס־זעצונג פון דער מאַטעריע, און דער גייסט אַן אַרויסשפּראָצונג פון ביידע —

שטאָף און לעבען. די איין און איינציגקייט פון דער אלוועלטליכער מהות שטערט בשום אופן ניט דער מעגליכקייט פון פאָרצושטעלען זיך די אוני־ ווערסאלע אנטוויקלונג אלס א רייהע פון פארשיידענע אנטפלעקונגען פון דער וועלט־אל תמצית, איינע טיפער פאר דער אנדערער, איינע נעהנטער פאר דער אנדערער צו דער רעאליטעט. און צוליעב דער פארשיידענארטיג־ קייט און טיפקייט און רעאלער נאָהענטקייט, קאָן יעדער אויסדרוק און יעדע אנטפלעקונג דערקלערט און פארשטאנען ווערען, נאָר אין די טערמינען, וואָס זיינען באשאפען געוואָרען פאר דער, און ניט פאר דער אנדערער קאטעגאָריע.

אויף אזא אופן איז עס ניט, ווי די מאטעריאליסטען האָבען זיך פאָר־ געשטעלט א פראגע בלויז פון צייט, א פראגע בלויז פון מער וויסען און דערקענען די אייגענשאפטען פון דער מאטעריע אום צוקאָנען דאָס לעבען אין מאטעריאל ממשות'דיגע איינהייטען אויפצולייזען, נאָר עס איז א פראגע פון צו דערקענען און צו דערשפירען דאָס לעבען אלס א וועזענהייט, וואָס איז אין איהר תוך און תמצית אבסאָלוט אומאפּהענגינג פון אלץ, וואָס ווערט געוועהנטליך אונטער מאטעריע פארשטאנען, מעגען זיינע פארבינדונגען מיט דער מאטעריע זיין ווי אינטים און ווי אָרגאַניש פאר צייטווייליגע ציעלען און צוועקען.

און ווי מיט לעבען אזוי איז אויך, און נאָך מער, נאטירליך, מיט גייסט— דער העכסטער אנטפלעקונג פון דער רעאליטעט. אלץ קאָן אין די טערמי־ נען פון גייסט דערקלערט ווערען, דען אָהן גייסט איז קיין דערקענטניס ניט מעגליך. זייביידע מוזען דאריבער אידענטיפיצירט ווערען אויף אזא אָדער אנאנדער אופן. און אויף אזוי פיעל אויף וויפיעל אלץ מוז, אויף דעם נויט־ וועדיגסטען אופן, וואָס מיר קאָנען זיך נאָר פאָרשטעלען, אין א לאָגישער אָדער אין אן אינטואטיווער דערקענטניס אויסגעדריקט ווערען, אויף אזוי פיעל מוז דער סאמע לעצטער „עפּעס„, צו וואָס אלץ זאָל רעדוצירט ווערען, זיין א רוחניות'דיגער; דער סאמע־לעצטער טערמין אין דער אוניווערסאלער פאר־ גלייכונג—מוז זיין גייסט. אלץ אין דער וועלט מוז באטראכט ווערען אלס זיין אויסדרוק אָדער אנטפלעקונג, און ער אליין איז זיין אייגענער אויסדרוק און זיין אייגענע אנטפלעקונג. אלץ געפינט אין אים זיין ענדע־פונקט און זיין לעצטען ציעל און צוועק, ער אליין אָבער איז זיין אייגענער ציעל און צוועק, און ער האָט ניט קיינע פונקטען אויסער זיך, און דערין באשטעהט דאָס, וואָס מיר באגרייפען אלס זיין אומענדליכקייט, וואָס דאָס מיינט אייגענט־

ליך די אַלע לעצטע ענדליכקייט, און דאָס איז דער זין און באַדייט פון אַב־סאָלוטהייט, אייביגקייט און פאָלקאָמענהייט — פון די אַטריבוטען, וועלכער דער מענש שרייבט צו דער העכסטער וועלט קראַפט; דעם זעלבסט פון אַלע זעלבסטען — דעם אוניווערסאַלען זעלבסט.

„דער גייסט", זאָגט האָלדיין, „איז דאָס, וואָס אין זיינע טערמינען קאָנען אַלע פאָרמען פון דער רעאַליטעט אויסגעדריקט ווערען, אָבער וואָס אַליין קאָן ער ניט אויסגעדריקט ווערען אין קיינע טערמינען, אויסער זיך גופא. אין זיין אינוועניגסטער גאַנצקייט זיינען פאַראַן פאַרשיידענע באַ־גריפליכע פאָרמען, וואָס ווייזען זיך אַרויס אַלס פאָרמען פון אַלגעמיינער אַנווענדונג. אַלס אַזעלכע ווערען זיי אויפגעדעקט, ווי איינשטיין'ס צייט און רוים סיסטעמען, ווי עפּעס, וואָס געהערט צופעליך צו די פאַקטען פון דער רע־אַליטעט און פון דערקענטניס. זיי שטעלען מיט זיך פאָר ראַנגען אָדער גראַ־דען אין דער דערקענטניס, וועלכע האָבען אַ שייכות איינע צו די אַנדערע. זיי קאָנען אָבער בשום אופן ניט רעדוצירט ווערען איינע צו די אַנדערע, מחמת זיי זיינען אורשפּרינגליך, סיי אין באַגריף און סיי ווי זיי ווערען אויסגעדריקט אין קאָנקרעטע און אקטועלע פאַקטען, וועלכע זיינען אָהן זיי — אָהן די אורשפּרינגליכע פאָרמען פון דער רעאַליטעט — קיין פאַקטען ניט."

אין אַנדערע ווערטער, און ווידער אין די ווערטער פון האָלדיין, הייסט עס, אַז דער גייסט איז ניט קיין איזאָלירטע זאַך. ער איז ניט קיין אַטריבוט אָדער אייגענשאַפט פון אַ זאַך. ער איז אַ זעלבסט באַשאַפענדע, זעלבסט־אַנטהאַלטענדע און אַ זעלבסט באַגרייפענדע אַקטיוויטעט, וואָס אין איר פאַלט צענויף און ווערט רעפּראָדוצירט אַלץ, וואָס איז געווען, איז, און וועט זיין. ער איז זעלבסט־אַנטוויקעלטע אויסטייטשונג און די פאַרטיפונג פון באַ־דייטונגען, וועלכע מאַכען די רעאַליטעט דאָס וואָס זי איז.

ווייט, אונגעהויער ווייט, זיינען אַוועק אַזעלכע באַגריפען וועגען דער עסענץ פון דער וועלט, פון די באַגריפען וועגען דעם זעלבען ענין, וואָס זיינען אויסגעדריקט אין די ווערק פון העקעל: „דער רעטזעל פון דעם אוניווערס" און „די וואונדער פון דער וועלט" — אין די ווערק וואָס האָבען פאַר אַ ווילע אַזוי שטאַרק אויסגענומען ביי דעם גרויסען און ברייטען עולם, וועלכער, פאַרבלענדט פון דער ציוויליזאַציע, האָט געמיינט, אַז די פאַרגעניגענס פון

דעם גוף וועלען קאָנען פאַרנעמען דאָס אָרט פון די נשמה—גליקזעליגקייטען, אָדער, אַז עס וועט זיך זיי ווי עס איז איינגעבען צו געפינען אַ זין אין לעבען, אפילו יעמאָלט, ווען די נשמה זאָל קאָנען אויפגעלייזט ווערען אין קאָנקרעטע גוף טיילכעלאַך.

מיט טאַגאָרען אָבער הויבט אָן דער ערנסטער טייל פון דער מענשהייט צו פילען און צו אָנערקענען, אַז גליק איז ניט דאָס זעלבע וואָס פאַרגעניגען, און אַז שעהנקייט איז ניט איינגענעמקייט. גליק איז אַ רעזולטאַט פון דעם אָפּטיילען זיך פון דעם איך. ער לעבט אויף דער פרייהייט פון דעם גייסט. שעהנקייט איז יענער אויסדרוק פון דער רעאַליטעט, וואָס שטעלט צופרידען אונזערע הערצער נאָר מיט זיין אייגענער אורשפּרינגליכער ווערט, און ניט מיט וועלכער עס איז אַנדערע צוציהונגען.

און ווי מיט דער שעהנקייט, אַזוי איז אויך מיט אַלע אַנדערע אויסדרוקען פון דער רעאַליטעט. זיי אַלע מוזען האָבען אַן אורשפּרונגליכען ווערט, וואָס דער מאַטעריאַליזם קאָן זיי ניט געבען. און ווען די ספּעציפיש מענשליכע שייכות'ן פאַרלירען די אורשפּריינגליכע ווערטען, אַלס זייער באַזיס, מוז דער מענש־ליכער לעבען פאַרלירען זיין זין. פאַרלאָזען האָבען העקלען זיינע חברים, די פּיאָניערען פון דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג, און דער ערנ־סטער טייל פון דער מענשהייט טרייסעלט זיך אַלץ מער און מער אָפּ פון דעם באַגריף, וועלכער האָט אוועקגעשטעלט די מאַטעריע אין צייט און אין אָרט פון דער אומענדליכקייט פון אורזאַכען און פאָלגען, ער באַפרייט זיך אַלץ מער פון דעם אַזוי אָנגערופענעם רעאַליסטישען עוואָלוציאָנס־באַגריף, וועלכער האָט געזעהן אין דער אַנטוויקלונג ניט מער ווי אַן ארויסוויקלונג אין אַן אומאונטערבראָכענער ליניע פון דעם העכערען דורך דעם נידעריגען, און די הויכקייט פון דעם סאַמע העכסטען איז באַשטאַנען בלויז אין זיין קאָמפּליצירטקייט. ער באַפרייט זיך פון די און עהנליכע באַגריפען דערפאַר, ווייל ער האָט שוין דערשפּירט, און מיט איס וועט גאָר אין גיכען דער גרעסטער און וועניגער טיפער טייל פון דער מענשהייט דערשפּירען, די שרעקליכע פּוסטקייט און אינהאַלטלאָזיגקייט און ווערטלאָזיגקייט פון דעם מענשליכען לעבען, וואָס ליגט פאַרבאַהאַלטען אין יעדען קנייטשעלע פון אַ מאַטעריאַליס־טישער וועלט אַנשויאונג, אין יעדער וויברירונג פון דעם בליק, וואָס זעהט אין דער מאַטעריע די סאַמע לעצטע אורזאַך און דעם אַבסאָלוטען באַדינג פאַר דעם לעבען און גייסט.

דער דאָזיגער בליק האָט מעכאַניזירט די שייכות'ן צווישן מענטש און מענטש, ער האָט אַרויסגענומען פון זיי יעדעס ברעקעלע סוביעקטיוויטעט, אויסגעלאָשען דעם פייער, וואָס צינדט זיך אָן פון דער האַרציגקייט און נשמה'דיגקייט מיט וועלכע מענטשליכע באַציהונגען דאַרפען זיין דורכגעדרונגען.

„מיר זיינען געצוואונגען", זאָגט דיואַי, „מודה צו זיין, אַז אפילו אין העכסטע געזעלשאַפטליכע גרופּען זיינען פאַראַן פילע שייכות'ן, וואָס זיינען נאָך ניט געזעלשאַפטליך. אַ גרויסער צאָל פון מענטשליכע פאַרוואַנדשאַפטליכקייט שטעהען נאָך אַלץ, אויף צו אַ מאַשין ענליכען, באַזיס. מענטשען נוצען איינער דעם אַנדערען נאָר אַזוי, אַז זיי זאָלען קאָנען אַרויסקריגען פון זיי אָדער דורך זיי די געווינשטע רעזולטאַטען, ניט רעכענדיג זיך מיט די עמאָציעס און אינטעלעקטועלע דיספּאָזיציעס און ניט מיט דער הסכמה פון די וואָס ווערען אויסגענוצט. אַזעלכע וועגען פון נוצען דעם מענטשען דריקען אויס פיזישע הויכקייט, אָדער די הויכקייט פון אינטעלעקטועלער געשיקטקייט, טעכנישער פעהיגקייט און קענטעניש אַרומצוגעהן מיט געצייג. דאָס איז אָן אויסדרוק פון מעכאַנישער און פינאַנציעלער הויכקייט. אויף אַזוי ווייט ווי די שייכות'ן פון עלטערען צו קינדער, לערער צו תלמידים, בעלי־בתים צו אַרבייטער, רעגירער צו רעגירטע בלייבען אויף אַזאַ באַזיס, בילדען זיי ניט קיין אמת'ע געזעלשאַפטליכע גרופּע, ווי איינג די אַקטיוויטעטען זאָלען זיי ניט צובינדען איינס צו דעם אַנדערען. דאָס אַרויסגעבען פון באַפעהלען און דאָס אונטערוואַרפען זיך צו זיי, מאָדיפיצירט אַקטיוויטעטען און רעזולטאַטען, עס פירט אָבער בשום אופן ניט דערצו, אַז מענטשען זאָלען זיך טיילען מיט זייערע כונות, און עס פירט אויך ניט צו דער מיטטיילונג פון זייערע אינטערעסען".

אַזעלכע מעכאַניש טרוקענע און אָביעקטיווע מאַטעמאַטישע באַציהונגען צווישען מענטש און מענטש, האָבען ניט געקאָנט פאַרטיפען דאָס מענשליכע לעבען. זיי האָבען דאָס ניט געקאָנט אפילו אוועקשטעלען אויף דער קולטורעלער הויך, אויף וועלכע עס איז געשטאַנען אין געוויסע תקופות פון אַ פריהערדיגער אַנטוויקלונג.

און קנוט האַמסון איז גאַנץ גערעכט ווען ער זאָגט אונז, אַז „אין פריהערדיגע צייטען האָבען פּאָעטען געקאָנט זיך פאַרגינען צו זיין עקסטראַוואַגאַנט. געווען איז דאָרט אַ רייכקייט, און אומגעהויער רייך און זאָרגלאָז האָבען זיי זיך געהויבען אין דער הויך מיט גלאָררייכער גלייכגילטיגקייט. פאַר וואָס

ניט, עס איז נאָך געבליבען גענוג. אנדערש איז עס מיט די מחברים פון אונזער צייט; זיי זיינען קלוג און עמפינדליך. זיי ווייזען אָבער אונז ניט ווי די אלטע האָבען עס געטאָן, קיין פארפלייצונג, קיין שטאַרקען שטורם, קיין רייכען אויסברוך פון פלאם פייערדיגער פרימיטיווער קראַפט".

און אין דעם זעלבען בוך „פלאכער באָדען" — א נאָמען, וואָס איז זעהר כאראקטעריסטיש, פאר דעם דור, וועלכער איז דערצויגען געוואָרען אויף די אלערליי איזמען, וועלכע האָבען געוואָלט בויען נייע וועלטען אויף די יסודות פון מאטעריע און ענערגיע — זאָגט אונז קנוט האמסון דורך איינעם פון זיינע העלדען, אז עס איז קוים ריכטיג צו זאָגען, אז די מענער און פרויען פון אונזער צייט זיינען קאָרופּטירט. זיי האָבען פשוט דערגרייכט, דיינקט ער, א געוויסע שטופע פון לערקייט. זיי זיינען דעגענערירט און קליינליך געוואָרען. „פלאכער באָדען, בלוט אָרימער באָדען, אָהן וואוקס און פרוכט־באַרקייט."

און וואָס איז עליזיוס, איינער פון די טיפען אין האמסונ'ס לעצטען ווערק „די ברכה פון דער ערד", וואָס איז ער, אויב ניט קיין פּראָדוקט פון דער אויבערפלאַכער און געקינצעלטער ציוויליזאציע, וועלכע האָט דעם מאטע־ריאליזם צו פאַרדאַנקען מיט איר פרוכטלאָזער פאַנאַנדערבליהונג.

„אָרימער עליזיאוס—בעסער אפשר ווען ער וואָלט געווען געאַרבייט אויפ'ן לאנד, די גאנצע צייט. איצט איז ער אָבער א מענש, וואָס האָט זיך אויסגעלערענט צו שרייבען און צו נוצען דעם אלפאבעט; נישטאָ אין אים קיין אינהאלט, נישטאָ קיין טיפקייט, און נאָך אלעמען איז ער ניט קיין פּעך־שווארצער טייוועל פון א מענשען: איז ניט פארליעבט, נישט אמביציעז, כמעט ווי גאָרנישט איז עליזיאוס, ער איז אפילו נישט קיין שלעכטע זאך פון א גרוי־סען פארנעם—דאָס קינד האָט פארלאָרען דעם באָדען, און ער האָט געליטען דערפון, אלץ צו וואָס ער נעמט זיך איצט פירט צוריק צו עפּעס, וואָס איז שוואַרץ אַנטקעגען דעם ליכט."

פּראָדוקטען פון דעם מאַטעריאליזם און זיין פרוכט ציוויליזאַציע זיינען אויך אַזוינע טיפּען אין וואסערמאַנ'ס וואונדערבאַרען ראָמאַן „קריסטשיאַן וואַנשאַפע", ו.ז.וו. פּאַס און קראַמאַן.

פּאַס זאָגט: „מיין ארבייט איז צו פאָרשען און ניט צו מאָראַליזירען. איך האָב אויפגעהערט זיך מקריב צו זיין צו פאַנטאָמען. איך גלויב שוין ניט מער

אין אידעען אָדער אין דעם זיעג פון אידעען. אויף ווי ווייט עס אנבעלאַנגט מיר, איז שוין דער קאמף אָן אנטשידענער, און שלום איז דערקלערט געוואָרען. איך האָב געמאכט אַ קאָנטראקט מיט זאַכען ווי זיי זיינען... דאָס איז די פרוכט פון מיין אריינבליק אין דעם נוצפולען, אין דעם ווירקזאמען, אין אַלץ, וואָס העלפט דעם מענשען אַקטועל און ממשות'דיג".

און אַלס אַ רעזולטאט פון דער פילאָזאָפיע פון אַ פּאָס, וועלכע הויבט שוין אָן ביסלעכווייז צו פארשווינדען, זיצט זיך הער קראמאַן ביי אַ טיש פול מיט די געשמאַקסטע מאכלים אין דער וועלט, און קוויקענדיג זיך מיט זיי זאָגט ער: עס איז הערליך! פשוט הערליך! דאָ זיינען די ווירקליכקייטען פון לעבען. דאָ זיינען מיינע מזבחות, מיינע רעליקוועז, די בימות פון מיינע שטילע תפילות. די אומשטערבליכע נשמה איז אין רוה, און דאָס דער־האבענע און דאָס אומדערגרייכבארע ליגט אין שטויב הינטער מיר".

אָט אין די דאָזיגע קורצע, אָבער שאַרפע, פשוט'ע, אָבער באַדייטונגספולע ווערטער פון קראמאן, שפּיגלען זיך אָפּ ביידע געשטאַלטען פון לעבען, ביידע אויסגוסען פון גייסט אין דעם מאָמענט ווען איינער, אין דעם פאַל, דער אויסגוס וואָס הייסט ציוויליזאציע, נעמט די אויבערהאַנט איבער דעם אויס־דרוק, וואָס הייסט קולטור. און דער דאָזיגער מאָמענט, דער מאָמענט, ווען דער אינטערעס אין דער ציוויליזאציע פארטונקעלט די קולטור אינטערע־סען, איז אַלע מאָל געווען, און איז איצט נאָך מער דער מאָמענט פון גרויס נעפאר פאר דער מענשהייט. די געפאר איז אויף אַזוי פיעל גרעסער אויף וויפיעל דער קולטור שוואונג אין דער לעצטער צייט, איז קלענער אין פאר־גלייך מיט ווי ער איז געווען ווען עס איז פריהער.

און אָט פאר וואָס דער איצטיגער שטארקער גייסטיגער קריזיס, דער אויף טויט און לעבען קאמף צווישען קולטור און ציוויליזאציע, האָט ארויפ־געוואָרפען אַזאַ שרעק און ציטער אויף די גרוסע דיינקער און פּאָעטען. איינינע, ווי אָסוואַלד שפּענגלער, זיינען, ווי מיר האָבען געזען, זיכער, אַז דער דאָזיגער מאָמענט באַטייט דער אונטערגאַנג פון מיטעל אייראָפּאַ, און זיי ציטערען, אַז ער זאָל חלילה ניט באַדייטען די פארניכטונג פון גע־זעלשאַפט בכלל, און דערהויפּט פון די געזעלשאַפטען אין דעם מערב קאָנטינענט.

„די געזעלשאַפט", זאָגט טאגאָר, „ליידט פון אַ טיפען געפיל פון אומ־גליקליכקייט... אירע מיטגלידער זיינען באַרויבט פון אַ גרויסען טייל פון

זייער מענשליכקייט. דער דאָזיגער געפיל טליהט זיך לאַנגזאַם אין דעם אומ־באַוואוסטען גייסט פון דער געזעלשאַפט ביז איר לעבען ווערט רעדוצירט צו אַש אָדער אַז ניט קומט פאַר אַ פלוצלינגע פאַרבינדונג. די אונטערדריקטע פערזענליכקייט פון מענשען ברייננגט ארויס אַן ענטצינדליכען מאָראַלישען גאַז, וועלכער טויטעט מיט זיין עקספּלאָדירענדער קראַפט".

און רעדענדיג צווישען די שייכות'ן צווישען דעם מזרח און דעם מערב, ווייזט אָן טאַגאָר אויף דעם, ווי אזוי די גאַנצע וועלט איז היינט צו טאָג אין די הענט פון דעם מערב און ער איז זיכער, אַז דער מערב וועט די וועלט פאַרניכטען, אויב ער וועט ניט אָנהויבען אויסנוצען זי פאַר דער גרויסער שעפּפונג פון דעם מענשען. „דער מאַטעריאַל פאַר אזא שעפּפונג איז אין די הענט פון דער וויסענשאַפט, זיין באַשאַפענדער געניע אָבער איז אין דעם מענשענס ספּיריטועלען אידעאַל."

און די געפאַהר פון דער ציוויליזאַציע באַשטעהט אייגענטליך דערין, וואָס זי האָט דעם מאַטעריאַל פאַר דער זאַך אין דער זאַך גופא פאַרוואַנדעלט, זי האָט פון דעם, וואָס האָט געזאָלט זיין אַן אויסגעצייכענטער מיטעל—אַ ציעל געמאַכט. זי האָט דעם ווערט פון דעם שאַפען, וועלכער איז פול מיט גליק און גליקזעליגקייט פאַר יעדען איינעם, וואָס דערשפּירט אים, אויפגעלייזט אין דעם נוץ, וועלכער איז פול מיט צייטווייליגע איינגענעמליכקייטען און באַ־קוועמליכקייטען, אָבער, וואָס טראָגט ניט אין זיך קיין ברעקעל אייביגע פרייד און נשמה גליק.

„אין דער מאָדערנער ציוויליזאַציע" זאָגט ווייטער טאַגאָר, „פאַר וועל־כער אַן אומגעהויער גרויסער צאָל מענשען ווערען אויסגענוצט אַלס מאַ־טעריאַל, און די מענשליכע שייכות'ן זיינען אין אַ גרויסער מאָס געוואָרען אוטאָליטאַריסטישע, ווערט ניט דער מענש פאַלשטענדיג אָנטפּלעקט. די אַנטפּלעקונג פון דעם מענשען ליגט ניט אין דעם פאַקט, וואָס ער איז אַ מאַכט, נאָר אין דעם פאַקט וואָס ער איז אַ גייסט. דער איבערגעוויכט פון דער טעאָריע, וואָס אָנערקענט די מאַכט פון דער מאַשין אין דער אוני־ווערס און אָרגאַניזירט מענשען אין מאַשינען, איז ווי די אויפרייסונג פון דער מורא'דיגער אין איר קראַפט, אין איר, פון פייער און רויך קריכענדיגער, לאַווא, וועלכע דעקט צו מיט איר אַש די פון דורות געבויטע מענשליכע שויך־ערטער און פאַרשטיקט דאָס לעבען".

דאָס איז ריכטיג, אָבער ניט, ווי טאגאר זאָגט, אין דער מאָדערנער ציוויליזאציע, נאָר אין דער ציוויליזאציע בכלל. דער מענשליכער לעבען און גייסט, אָדער בעסער געזאָגט דער מענש דורך וועלכען דער העכערער גראד לעבען און גייסט זעצט זיך דורך אָדער אנטפּלעקט זיך, ווערט דערשטיקט ווען די מאכט און קראפט, וואָס ליגט אין דער ציוויליזאציע, הויבט אָן גובר צו זיין די עכטקייט און פאָלקאָמענהייט, וואָס מיט זיי איז דורכגעדרונגען די קולטור.

קולטור איז דער וואונש און באגער פון דעם מענשען צו באנעמען דאָס איבערמענשליכע, זיין אימפּולסיווע שטרעבונג צו גרייכען אין די הימלען, וואו ער דערוואַרט צו קריגען אָן אָנהאַלט און א שטיץ־פּונקט פאר זיין לעבען, אין דעם מאָמענט, ווען דאָס ערדישע און פארבייגעהענדע פארלירט פאר אים אינטערעס. און אַלץ וואָס דער מענש האָט דערזעהן און באנומען אין זיין פליהען אין די הימלען אריין, איז קריסטאַליזירט געוואָרען אין דער פאָרם פון קולטור אוצרות, וועלכע זיינען אזוי טייער דער מענשהייט.

ציוויליזאציע אונטערשיידט זיך פון קולטור דערמיט, וואָס זי שטעלט די טראָפּ אויף דאָס מענשליכע אנשטאָט דאָס איבערמענשליכע, אויף דאָס ערדישע אנשטאָט דאָס הימלישע, אויף דאָס פּראקטישע אנשטאָט דאָס ספּעקולאטיווע. ציוויליזאציע איז פאראינטערעסירט אין די גשמיות׳דיגע און ממשות׳דיגע געשטאַלט פון דעם וועלט־אַל. קולטור שטרעבט זיך צו פאראייניגען מיט דער רוחניות׳דיגער און ממשות׳לאָזער געשטאַלט פון דעם מהות פון דעם וועלט־אַל.

דער דאָזיגער אונטערשייד צווישען ציוויליזאציע און קולטור מאכט פארשטענדליך, פאר וואָס עס קומען פון צייט צו צייט ארויס מענשען ווי רוסאָ, קארלייל, עמערסאָן און טאָלסטאָי, וועלכע פארדאמען אויף דעם שטארקסטען אופן די ציוויליזאציע, וואָס אויף איר האָט די מענשהייט אוועקגעלייגט אזוי פיעל מיה און ענערגיע. א טאָלסטאָי אָדער א רוסאָ, א קארלייל אָדער אָן עמערסאָן טוען דאָס דערפאר, וואָס זיי דיינקען, און מיט רעכט, אז די ציוויליזאציע האָט געדיענט נאָר איין זייט פון דעם מענשליכען לעבען, און האָט לגמרי פארנאכלעסיגט די אנדער זייט פון לעבען, וואָס נאָר אין איר קאָן מען דערזעהן דעם אמת׳ן זין.

זייער פאָדערונג צו דעם מענשען האָט, גאָר אין אנדער ווערטער, אויסגעדריקט די זעלבע פאָדערונג, וואָס סאָקראטעס האָט געשטעלט דעם

מענשען, ווען ער האָט געטענה'ט, אַז דאָס עיקר וויסען איז דאָס וויסען פון זיך זעלבסט. ער האָט דאָס אַזוי געטענה'ט דערפאַר, מחמת ער האָט געוואָלט אוועקנעמען דעם מענשען פון דעם פאַרבלענדענדען פראַכט און גלאַנץ פון דער אויסענוועניגסטער וועלט, זייענדיג זיכער, אַז ווען דער מענש וועט זיך פאַרטיפען אין זיין אייגענער אינוועניגער וועלט, וועט ער ווערען אָהן אַן אַן ערך מער פולזיניגער, גליקליכער און אינטערעסאַנטער.

אין אַ בוך „כאַראַקטער און מיינונגען אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען", זאָגט דזשאָרדזש סאַנטאַיאַנאַ פאָלגענדעס וועגען סאָקראַטעס'ן און פלאַטאָנ'ען:

„אַ געוויסע אָפּזונדערונג פון דער עקזיסטענץ און פון דער האָפנונג אויף אַ מאַטעריעלען גלאַנץ האָט זיך דורכגעזייט אין קריסטענטום דורך דעם פלאַטאָניזם. סאָקראַטעס און זיינע נאָכפאָלגער האָבען באַוואונדערט די אויסענוועניגסטע וועלט, זיי האָבען אָבער ניט באַזונדערס שטאַרק זי באַגערט, אָדער געוואָלט זייער לעבען אין איר פאַרלענגערען, אָדער ערוואַרטעט זי צו פאַרפייִנערען. וואָס זיי האָבען געדאַנה'ט, איז וועגען אַן אידעע אָדער אַ „גוטס", וואָס איז געלעגען אויסענוועניג פון דער וועלט ווי מיר זעהן זי, און וואָס איז אויסער די ראַמען פון צייט. דאָס איז אַ „גוטס", וועלכען דער נאָכדיינקענדער אינטעלעקט האָט געקאָנט אַריינזאַפּען אין זיך, אין דעם בוכשטאַבליכען זין פון וואָרט.

„זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט, אַז דאָס שטרעבען נאָך דעם גוטען וואָס זעהט אויס צו זיין דער צוועק פון מענשליכער אויפפירונג, פילט אָן מיט באַגייסטערונג יעדע באַוועגונג פון דער נאַטור. די נאַטור איז געווען אַ פילאָזאָף, וואָס יאָגט זיך נאָך אַן אידעע. די נאַטור וויסענשאַפט האָט אָנגענומען אַ מאָראַליזירענדע ווענדונג, פון וועלכער זי איז נאָך ניט אינגאַנצען אַרויסגעוואַקסען. סאָקראַטעס האָט געפאָדערט פון דער אַסטראָנאָמיע, אַז זי זאָל, אויב זי וויל זיין אַן אמת'ע וויסענשאַפט, ווייזען פאַר וואָס עס איז בעסער אַז די זון און די לבנה זאָלען זיין אַזוי ווי זיי זיינען. און פּלאַטאָ, געהענדיג נאָך ווייטער פאַר סאָקראַטעסען, פאַרזיכערט אונז, אַז די אויגען זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרען אין פאָרענט פון קאָפּ, מחמת דער פאָרענט

איז אַ מער חשוב'ער אָרט, און אַז די גערערים זיינען לאַנג, בכדי מיר זאָלען האָבען צייט צווישען די מאָלצייטען שטודירען פילאָזאָפיע".

און הגם די פילאָזאָפיע פון שפינאָזאַ'ן, מיט זיין אבסאָלוטער אייביג־קייט און נויטווענדיגקייט, ביז בערגסאָנ'ען, מיט זיין אבסאָלוטער דויער און פרייהייט, האָט, אַזוי צו זאָגען, נייטראַליזירט די מענשליכע באַגריפען פון גוטס און שלעכטס אין דעם סדר העולם. און זי האָט אויך אַזאַ מין אופן צונישט געמאַכט אַלע מענשליכע ענטפערס צו דער פראַגע „צוליב וואָס?", ־ען זי באַציהט זיך אויף יעדער איינציגער ערשיינונג באַזונדער, ווי למשל אויף דער זון, דער לבנה, די אויגען און די געדערים, מיט אַנדערע ווערטער, הגם די פילאָזאָפיע פון דעם רענעסאַנס ביז אויף אונזער צייט איז געגאַנגען אַלץ מער אין דער ריכטונג פון אָפּצושאַפען די טעלעאָלאָגיע אין דער פענאָ־מענאַלער וועלט, און וועלכע די אייזערנע נאַטור געזעצען האָבען אויף אַ נויטווענדיגען אופן געמוזט אַרויסשטויסען די אַלערליי באַלדיגע און סוף כל סוף'יגע צילען און צוועקען; האָט זי, די זעלבע פילאָסאָפיע אָבער — אַ דאַנק דעם, וואָס זי האָט אַ פעסטען באָדען געשאַפען פאַר דער השערה פון דער עקזיסטענץ פון אַן אוניווערסאַלען גייסט, וואָס צווישען אים און דעם מענשליכען גייסט, זיינען פאַראַן זיכטבאַרע און אומזיכטבאַרע פאַר־בינדונגען—פאַרשטאַרקט אונגעהויער דעם באַגריף פון דער עקזיסטענץ פון אַבסאָלוטע ווערטען אין דער אוניווערס. און ווי פאַרשיידען בערגסאָן'ס אַנ־שויאונגען זאָלען ניט זיין פון שפינאָזאַ'ס, זיינען זיי אָבער ביידע איינס דע־רין, אַז אין דער שטרעבונג פון דעם מענש צו דערקענען גאָט און זיינע וועגען אויף אינטואיטיווען אופן, איז פאַראַן אַ גרויסער זין, און די דאָזיגע דערקענטניס פון גאָט, אָדער די באַהעפטונג מיט דער נשמה פון דעם וועלט־אַל, איז דער העכסטער ציעל און צוועק פון דעם מענשען. פון איר נעמען זיך אַלע שטרעבונגען, און אין איר טרעפען זיך אַלע וואונשען און באַגע־רען, וואָס דרינגען דורך דאָס פענאָמענאַלע מענשליך לעבען.

און אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל די נייעסטע פילאָסאָפיע באַטאָנט שטאַרק די נויטיגקייט פון אַן אינטואיטיווער דערקענטניס פון דער העכסטער קראַפט אין דער וועלט, בכדי צו געבען דער מענשליכער ערדישער עקזיס־טענץ אַ זין און אַ צוועק, און אויף אַזוי פיעל אויף וויפיעל זי באַטראַכט אַ טיפע זעלבסט־דערקענטניס אַלס דעם סינע־קווא־נאָן פאַר דער אַנטוואי־

טיווער רעדקענטניס פון דעם אוניווערסאלען זעלבסט, אויף אזוי פיעל שפירט זיך אין דער פילאָזאָפיע דער גייסט פון סאָקראַטעס'ען און ער זאָגט עדות אויף דער אומאונטערבראָכענקייט פון דער אידעאַליסטישער ליניע, אין דער פילאָזאָפיע פון סאָקראַטעס'ן ביז בערגסאָן'ען.

אָפּגעשטעלט האָט זיך אויף מאָמענטען דאָס שמידען פון דער אידעאַליסטישער „גאָלדענער קייט", עס איז אָבער קיינמאָל ניט איבערגעריסען געוואָרען. אזא מאָמענט איז געווען די לעצטע העלפט פון נייינצענטען יאָרהונדערט. דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דעם נייינצענטען יאָרהונדערט איז דער, וואָס ער איז אין זיינע הויפט טענדענצען אוועק מיילען ווייט פון דעם וועג, וואָס די סאָקראַטיקער האָבען אויף אים געטראָטען.

דער לעצטער יאָרהונדערט האָט, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, אוועקגעשענקט זיין גאַנצען אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט דער וועלט אויסענוועניג פון דעם מענשען און דער פראַקטישער זייט פון לעבען. דערהויפּט, אויב ניט דער איינציגער ציעל פון די טאָנגעבער פון דער לעצטער עפּאָכע איז געווען צו באַהערשען און צו עקספּלואַטירען די אויסענוועניגסטע וועלט, כדי צו פארגרעסערען די נוצען, וואָס דער מענש קאָן ציהען פון דער דאָזיגער וועלט, אָדער פון דער נאַטור. און אין דער דאָזיגער תקופה האָט ווירקליך געשטייגט די ציוויליזאַציע מיט איהרע ממשות'דיגע רעזולטאַטען און עפעקטיווע נוצען. דער סכום פון וויסען און פון דערקענען אַלץ נייערע און נייערע זאַכען און געגענשטאַנדען האָט געוואַקסען אָהן אַן אויפהער. און, היות, ווי אין דעם וואוקס פון דער ציוויליזאַציע האָט דער אינטעלעקט פון דעם מענשען געשפּילט די גרעסטע ראָל, האָט טאַקע דער נייינצעהנטער יאָרהונדערט געלעגט זיין גאַנץ געוויכט אויף דער אינטעלעקטועלער, שכל־דיגער זייט פונ'ם מענשליכען גייסט, ערוואַרטענדיג, אז מיט דעם ריינעם שכל, מיט דער קלאָרער לאָגיק וועט דער מענש מיט דער צייט קאָנען אַלץ דערזעהן, און אויף א לאָגיש מאַטעמאַטישען אופן קאָנען אַלץ אויסרעכענען.

דער גייסט פון מענשען אָבער, ווייזט אויס, איז א סאָקראַטישער. ער באַשטעהט ניט בלויז פון קריסטאָל קלאָרען און מאַרמאָר גלאַטען שכל, וואָס איז פארקאָכט אין דעם דערגרונטעווען די אויסענוועניגסטע וועלט, און וואָס פיהלט זיך ווי א פיש אין וואַסער נאָר אין דער דערקענטבאַרער וועלט. א חוץ דעם שכל וואַרפט זיך און צאַפּעלט זיך נאָך עפּעס א וועזען אינ'ם

גייסט פון מענשען. און אַט דאָס עפּעס, אַ חוץ דעם רייגעם שכל אָדער אינטעלעקט — רופט עס אינסטינקט, געפיהל, נשמה, זעלבסט, פּראַקטי־שע פאַרנונפט, קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו, אָדער וואָסער אַ נאָמען איהר ווילט אליין — האָט אין׳ם סוף פון׳ם נייגצעהנטען יאָרהונדערט דערשפּירט אַ מורא׳דיגע פּוסטקייט, אַ מאָדנע אינהאַלטלאָזיגקייט און פּאַרוואָהרלאָזיג־קייט.

די דאָזיגע שטימונג פון דער נשמה איז גוט כאַראַקטעריזירט אין דער צוואה פון מאָריץ בענדיטענזאָהן׳ס זוהן: „איך געה אוועק פון דער וועלט— שרייבט ער נישט פון נחת, נישט פון עגמת נפש, נאָר פון לעער־קייט. איך שטאַרב, ווייל איך בין אַן עקר, אַזוי מיט׳ן גוף, אַזוי מיט דער נשמה. מען האָט זיך מיט מיר אויפגעפיהרט, ווי אַ פויער — מיט אַ חזיר. מען האָט מיך געשטאָפּט...״ (פּרץ „פיער דורות — פיער צוואות״).

און בעקער, אין וואַסענמאַנ׳ס ראָמאַן „קריסטשיאַן וואַנשאַפּע״, זאָגט: „מיין קערפּער זוכט די ערד, די טיפעניסען, די באַפלעקונג און די נאַכט. מיין אינערליכסטער וועזען טריפט ווי אַ וואונד. איך פיל די בייטש און די שווערקייט פון שיקזאַל, און דעם שרעק פון דער צייט, איך בין מתפלל צו גאָט. איך בין אַ שאָטענדיגע פיגור אין דער גייסטיגער פּראָצעסיע פון זאַכען, וואָס זיינען אין געבורט־שמערצען באַשאַפען געוואָרען. דער צער פון דער וועלט צערייבט מיך אויף שטויב״...

און איוואַ, די גרעסטע און שענסטע טענצערין אין דער וועלט, איוואַ, וועלכע האָט גענאָסען אין לעבען פון אַלץ, וואָס די ציוויליזאַציע קאָן נאָר געבען, אויך זי דערשפּירט סוף כל סוף דעם שרעק און טרויער, די שלעכט־סקייט און אומגערעכטיגקייט, וואָס אין זיי האָט די ציוויליזאַציע אַריינגע־וואָרפען די גאַנצע וועלט.

„יאָ״, זאָגט זי, נאָכדעם ווי זי האָט געהאַט די זכיה צו באַזוכען דעם פּעטראָפּאַוולאָווסק־פעסטונג, „און דאָך רעדען נאָך מענשען,, און לאַכען, און די זון שיינט נאָך אַלץ. דער דאָזיגער צימער איז אָנגעפילט מיט פּאַר־טרעפליכע חפצים. לאַקייען שטעהען אויף די טרעפּ. פּופּציג פּוּס פון דאַנען שטעהט די קייזערליכע בעט מיינע. אַלץ איז מיינס, וואָס איך ריר אָן איז מיינס. זיי וואָלטען מיר געגעבען די קיילעכדיגע ערד גופא, ווען זיי זאָלען זי האָבען צו געבען, און ווען איך זאָל עס פאַרלאַנגען און איך וואָלט

זי ארייגגעוואָרפען ווי א ביליארד קוגעל אין אַן עקעלדיגער לוזשע, אזוי, אַז זיי זאָלען ניט קאָנען מער פאראומרייניגען מיט איר פאַרדאָרבענהייט און פייניגונגען דאָס לאַנד פון די שטערען. איך בין פשוט אזוי פול מיט האַס, אַז איך ווייס שוין ניט מער וואו אים צו באַהאַלטען און ווי אזוי זיך אויס־צולייזען פון אים. איך גלויב שוין ניט מער אין קיין זאַך; ניט אין דער קונסט, ניט אין די פּאָעטען, ניט אין זיך אליין. איך האָב בלויז און צו־שטער, איך בין אַ פאַרלאָרענע נשמה."

און אין דעם מאָמענט דערמאָנט זי זיך אין דעם אויסצוג פון דאַנטע'ס „געטליכער קאָמעדיע".

„אָ, סימאָן מאגאָ, אָ, איינזאַמער תלמיד!
דו, פאַר וועמען גאָטס געבאָטען האָבען געדאַרפט זיין
אַ קדשי־קדשים, האָסטו מיט רויב־גיריגקייט
פאַר זילבער און פאַר גאָלד פאַרשאַכערט."

„איר האָט זיך אַ גאָט געמאַכט פון גאָלד און זילבער,
און מיט וואָס אונטערשיידט איר זיך פון'ם געצענ־דינער?
איר דינט צו הונדערט געטער און ער בלויז צו איינעם".

און אַז די געפיהלען פון הפקרות און פון זיך לאָזען וואוילגעהן פון איין זייט, און די געפיהלען פון איבערדריסיגקייט און נישטיגקייט פון דער אַנ־דער זייט, וואָס מיט זיי איז איצט דורכגענומען די גאַנצע ליטעראַטור, זיינען ווירקליך אַן אויסדרוק פון דעם מענשליך געזעלשאַפטליכען לעבען, ווי עס איז איצט אין דער גאַנצער, אזוי אָנגערופענער, ציוויליזירטער וועלט, זעהט מען פון די קאָרעספּאָנדענצען אין די פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלען ווע־גען דעם לעבען פון יענער זייט ים. מיר דערמאָנען זיך דאָ בלויז אין צוויי קאָרעספּאָנדענציעס: איינע פון נחום גאָלדמאַן אין „טאָג" וועגען בערלין און אַ צווייטע פון שלום אש אין „פאָרווערטס" וועגען פאַריז.

נחום גאָלדמאַן דערציילט, אַז בערלין איז פאַרפלייצט מיט פּראָסטיטו־ציע, און אַז די אויסגעלאַסענהייט אויף יעדען ווינקעל פון די בערלינער גאַסען האָט דערגרייכט אַזאַ אינטענסיווע מדרגה, אַז בערלין איבערשטייגט איצט פאַריז אפילו מיט איר גופ'דיגען „זיך לאָזען וואויל געהן".

און וועגן פאריז שרייבט שלום אש:

„ווען עס איז נאָך אפשר דאָ אין פראנצויזישען פויערטום א געזונטער נערוו, א קליינע האָפענונג פאר א פראנצויזישער צוקונפט, איז די שטאָט אינגאנצען פארדאָרבען. פאריז איז געוואָרען איין גרויסער בית זונה... דאָס ווייבערשע פלייש יעהרט אויף אַלע עקען גאס אין אַלע קאפעען, אין אלע רעס־טאָראנען, און עס איז געוואָרען א פארפוילטע ביליגע סחורה. די פרוי האָט פארלוירען דעם רייץ, דאָס מיסטישע פארבאָרגעניש, וואָס הילט ארום די פרוי און וואָס רייצט אונז צו איר, צו אנטדעקען דאָס געהיימנים פון איר, צו באזיגען זי, אויפצורייסען דעם זיגעל, וואָס ליגט פארשלאָסען אין איר נשמה — אָט דער זיגעל איז אויפגעריסען איבער דער פרוי אין פאריז. קיין מיסטישעס, קיין געהיימנים הילט זי שוין מער ניט ארום."

און דאָס איז דאָך אייגענטליך כאראקטעריסטיש פאר דעם גאנצען לע־בען פון אונזער צייט: ניטאָ מער קיין מיסטישעס, נישטאָ מער קיין פאר־באָרגענישען, נישטאָ מער קיין געהיימניסען. אלץ איז אדער שוין גע־וואויגען און געמאָסטען געוואָרען, אָדער עס געפינט זיך נאָך אין די רעגי־אָנען, צו וועלכע די מענשליכע דערקענטנים איז נאָך ניט צוגעקומען. וועט זי אָבער באווייזען צוצוקומען אהין וועט, אזוי איז געווען די האָפענונג פאר עטליכע צענדליג יאָר, אלץ קלאָר ווערען. און די דאָזיגע קלאָרקייט, וועלכע וועט מיט איין מאָל ווען עס איז ארויסזעצען פון דעם שטאָף און דער ענער־גיע, וואָס שטעלט צענויף די וועלט, וועט פארטרייבען און פאריאָגען אויף אייביג אַלע מיסטעריען, אלע וואונדער און אלע רעטזעלען, און אַן אָפענע און א נאקעטע וועט די וועלט בלייבען שטעהן פאר איר האר, דעם בשר ודם, וואָס הייסט מענש...

קיין וואונדער ניט, וואָס ווען טילטעל אין מעטערלינקס „בלויער פוי־געל" פרעגט די מאדאם „לוקסום" אויב זי וויים ניט, וואו דער בלויער פויגעל — דער סימבאָל פון אלע מיסטעריען — באהאלט זיך ערגעץ, ענט־פערט זי:

„דער בלויער פויגעל... ווארט א ווייליגקע... יאָ איך געדיינק... עמיצער האָט מיר דאָ ניט לאנג געזאָגט עפעס וועגען אים... דאָס איז א פויגעל וואָס איז ניט גוט צו עסען, גלויב איך... אויף יעדען פאל, מאכט מען אויף אונזער טיש פון אים קיין מאכלים ניט... דאָס מיינט, אז מיר האָבען וועגען אים קיין גוטע מיינונג ניט..."

א דאנק אלזא דעם מאטעריאליסטישען אינטעלעקטואליזם און דער ראַ־ציאָנאליזירטער ציוויליזאציע, איז ביי דעם מאָדערנעם, רחמנא לצלן, מענשען די הויפּט פראגע געוואָרען: קאָן מען יאָ, אָדער קאָן מען ניט מאכען עפּעס א געשמאקען מאכל פון דער זאך, וואָס מען זוכט? די ווערט פון דער זאך אינטערעסירט דעם מענשען ניט מער, ווי די מיסטעריעזע בלויקייט פון דעם פויגעל אינטערעסירט ניט די „לוקסוסען". ער וויל און באגערט דאָס „פליייש" פון דעם פויגעל... די נוץ פון דער זאך האט פארשטעלט פאר זיינע אויגען אלע ווערטען פון דער זאך, און דער פועל יוצא איז נאקעטקייט, לערקייט און פארלאָרענקייט...

און אָט פארוואָס, ווי אן ענטפער אויף אלע גרויסע עראָבערונגען פונ'ם אינטעלעקט און אונגעהייערען פראכט און גלאנץ פון דער ציוויליזאציע, האט זיך דערהערט, פון דער טיעף פונ'ם געניע'ס נשמה, די מעלאָדיע פון הכל הבל.

דאָס איז אָבער ניט געווען קיין דורכאוים פעסימיסטישע מעלאָדיע, און זי איז אויך ניט געווען קיין לאנג אָנהאלטענדיגע. ביי דאָס רוב פון די נייערע דיינקער איז דער הכל הבל געוואָרען א באדינגליכער. זיי האָבען גע'טענה'ט, אז אלץ איז זינלאָז, אויב דער אינטעלעקט, דער בשר ודם'יגער לעבען און די ציוויליזאציע זאָלען זיין די איינציגע טריאדע, וואָס דער מענש קאָן זעהן, פיהלען און שפּירען. עס האט אָבער ניט לאנג זיי גענומען אויסצוגעפינען, אז די דאָזיגע טריאדע איז ניט די איינציגע.

אזוי שנעל ווי די דאָזיגע דענקער, די פיאָנערען פון אונזער יאָהר־הונדערט, האָבען, ניט אכטענדיג אויף אלע אויפטואונגען פון דער מאָדער־נער ציוויליזאציע, דאך דערשפּירט אן אינווענייגסטע לעדיגקייט און ווערטה־לאָזיגקייט, האָבען זיי זיך מיט יאוש אוועקגעריסען פון דער וועלט, וואָס רינגעלט ארום דעם מענשען, און האָבען זיך מיט א מורא'דיגען אימפּעט אריינגעשליידערט אין דעם, וואָס מעטערלינק רופט „מארע טענעבראָרום" פון דעם מענשליכען „איך" אָדער „זעלבסט". און אין דעם „פּראָפונדיס" פונ'ם זעלבסט, אין די מעמקים פון זייער נשמה האָבען זיי דערזעהן די צווייטען געשטאלט פונ'ם קאָסמאָס. פון דער דאָזיגער געשטאלט שטראהלט ארוים ספּיריטואליטעט, אנשטאָט אינטעלעקט,

איבערמענשליכעס, אַנשטאַט מענשליכעס, קולטור, אַנשטאַט ציוויליזאַציע.

„אויב, זאָגט דער דייטשער פילאָזאָף אויקען, לעבען בלייבט לגמרי אין דעם גבול פון דאָס גאָר מענשליכע, און אויב אונזערע אייגענע באַלדיגע אינטערעסען שטעלען צונויף דעם גאַנצען עצם מהות פון דעם לעבען אזוי, אַז מיר קאָנען ניט האָפען אַריינגעפיהרט צו ווערען אין אַן אַנדער לעבען, אַ לעבען וואָס גיסט זיך צונויף מיט דער גאַנצער רעאַליטעט, יעמאָלט מעגען מיר, ווי התפעלות'דיג זיך איבערנעמען מיט אונזער גרויסקייט. יעמאָלט מעגען מיר אויסטראַכטען די העכסטע פּרעסטיזשען און מעגען, אין אַ געמיטה פון גאוה און באַריהמעריי, שטעלען אונז, אָדער אונזער קלאַס העכער פון דעם פּעבעל; דאָך אָבער, אין תוך גענומען, איז דאָס אַלץ קליינליכקייט, און ניט קיין ערהאַבענקייט, אַ קליינינגקייט וואָס טרעט נאָך בולט'ער אַרויס אין דער אילוזיע פון גרויסקייט. אין דער דאָזיגער בלויז מענשליכער ספערע איז ניט פאַראַן קיין ערהאַבענקייט, קיין עכטע גרויסקייט, ניט פאַראַן אַזעלכעס, וואָס זאָל אַרויסרופען אַ יראת הכבוד, וואָס זאָל באַוועלטיגען און דערהויבען אין דער אייגענער צייט. דאָס קאָן געשעהן נאָר יעמאָלט ווען עס וואַכט אויף אין מענשען דאָס איבערמענשליכע, דאָס וואָס צו איהם זאָל דער מענש אָהן ספק און על פּי אַן אינערליכען הכרח צושרייבען אַ פאָלקאָמענע סופּעריאָטעט. אין דער אייגענער צייט מוז אָבער דער מענש דערפיהלען די אינטימסטע קרובה'שאַפט צווישען איהם און דאָס איבערמענשליכע אין איהם אָדער *איבער* איהם. ער מוז זיין ביכלת צו באַטראַכטען דאָס איבערמענשליכע ווי עפּעס אַזעלכעס, וואָס, אויף אַ געוויסען אופן, געהערט צו איהם, צו דעם בשר ודם זעלבסט. נאָר אַזאַ בליק מאַכט מעגליך אַן אמת'ע ערהאַבענקייט פון דער מענשליכער מהות, און נאָר אַזאַ ערהאַבענקייט פיהרט צו דער גרעסטער באַפרייאונג פון אַלע באַפרייאונגען, און דאָס איז די באַפרייאונג פון לעבען, פון דער שמאָלקייט, פון דאָס בלויז מענשליכע".

4.

און אין יעדער תקופה פון דער מענשליכער געשיכטע, וואָס אין איהר איז דאָס נאָר מענשליכע באַטאָנט געוואָרען, האָט דאָס נאַטור וויסען און די ציוויליזאַציע געוואונען אין פּראָמינענץ, ווייל ביידע דיענען זיי דער פּראַקטי־

שער זייט פון לעבען, דער זייט וואָס געפינט איהר אויסדרוק אין דעם באגריף פון נוצליכקייט. דאָס איז די פאָרם פון לעבען, וואָס איהר האָט די וויסענשאַפט אוועקגעשענקט איהר שטארקסטע אויפמערקזאמקייט, און געדיענט איהר מיט אַן אונבאַשרייבליכער טרייהייט.

הויבט אָבער אָן אין אַ געוויסער עפּאָכע דאָס איבערמענשליכע, דאָס הויל רוחניות'דיגע דאָמינירען, הויבט נאָר אָן גרעסער ווערען די צאָהל מענשען, וואָס אין זייער הארץ געפינט אַן אָבקלאַנג דער מיסטישער קול דממה דקה וואָס לאָזט זיך הערען פון דער טיעפסטער טיעפעניש אין דער נשמה פון די גאוני הדור, יעמאָלט פארנעהמט דעם אויבען־אָן די נשמה־גריבלעריי און די קולטור. די טראָפּ ווערט דענסטמאָל געשטעלט אויף די ספּעקולאַטיווע זייט פון לעבען, וועלכע לעגט דאָס גאנצע געוויכט אויף דאָס ווערטהפולע.

און דאָס ווערטהפולע שטעהט אין אַ זעהר גרויסען קאָנטראַסט צום נוצפולען. זאכען און פּאַסירונגען, וואָס ווייזען זיך ארויס לגמרי נוצלאָז פאר דער פּראַקטישער זייט פון לעבען, וועלכע איז אויבען־אויפיג און באגרעניצט, קאָנען דאָך זיין פון אַ ניט אָפּצושעצענדען ווערטה פאר דער ספּעקולאַטיווער זייט, וועלכע איז טיעף און אומענדליך.

ניט צוליעב די נוצען, למשל, וואָס די תפיסה האָט איהם געבראַכט, האָט אָסקאַר ווײלד געדאַנקט דעם רבונו של עולם דערפאַר, וואָס די געזעלשאַפט האָט איהם אהין אַריינגעוואָרפען. זיין לויב־געזאַנג צו גאָט און זיין באַטראַכטען די תפיסה אַלס אַ חסד פון איהם, האָט זיך גענומען דערפון, וואָס די תפיסה און די אַלע יסורים און מאַטערנישען, וואָס זענען איהם באַפאַלען אין גאַנצע „באַטאַליאָנען” פאר דער תפיסה און אין דער תפיסה, האָבען געפיהרט איהם צו אַן אַנטפּלעקונג פון נייע ווערטען אין לעבען, וואָס דורך זיי האָט ביי איהם דאָס לעבען אַ שפּאָגעל נייעם זין באַקומען. די נייע ווערטען אין לעבען האָבען געוויזען איהם דאָס לעבען אין אַנייער געשטאַלט.

און נאָר די מענשליכע טהעטיגקייט, וואָס ציעלט הויפּטזעכליך געוואָהר צו ווערען דעם זין און דאָס ווערט פון לעבען, די תמצית און תכלית פון דעם וועלט־אַל, קאָן זיך באמת רופען קולטור.

די הויפט צווייגען פון דער קולטור זיינען פילאָזאָפיע, רעליגיע און קונסט.

גראָד די דאָזיגע דריי צווייגען זענען אינ'ם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט פארנאכלעסיגט געוואָרען, און די ערשטע צוויי האָבען שוין אָנגעהויבען כמעט ווי פארוועלקט צו ווערען. זעהר כאראַקטעריסטיש פאר דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט זיינען די פאָלגענדע ווערטער, וואָס אין זיי האָט אויסגעגאָסען זיין צאָרן אויף דער פילאָזאָפיע דער גרויסער פאטהאָלאָג ווירכאָוו. „דו, פילאָזאָפיע", זאָגט ער, „ביזט געוועזען מיין שונא, פון וועלכען איך בין גליקליכערווייזע נצול געוואָרען, מחמת דו האָסט מיך אָנגערעדט צו ספעקולאציעס פול מיט חלומות. אָהן דיר אָבער האָב איך מיך אויסגעלערענט געטריי צו קוקען דורך מיין מיקראָסקאָפ אויף די פאקטען ווי זיי זיינען".

אזא בליק אויף דער פילאָזאָפיע איז געוועזען שטארק אין וועג דעם קולטור שטראָם. אזא בליק האָט מיט דער קראפט פון א שטורם־ווינט אוועקגעריסען דעם מענשען פון אַלע אייביגע ווערטען, דעם מאָראַלען ווערט — דעם העכסטען און אבסאָלוטסטען ווערט אין דער וועלט—ארייננערעכענט. די פראגע: „וויפיעל וועט עס געבען מיין ציוויליזירטען לעבען?" איז געוואָרען פאר אים א סך וויכטיגער איידער די פראגע: „וויפיעל איז עס ווערט פאר מיין זיין אין דער אייביגקייט?" דער דאָזיגער בליק האָט צושטערט, אין די אויגען פון דעם מענשען, יעדעם ברעקעל זעלבסטשטענדיגען ווערט, וואָס מיט אים איז פול דאָס לעבען פון דעם, ווער עס זעהט אין דער זעלבסטשטענדיגקייט פון גייסט די תכלית פון אַלץ אין דער וועלט. דאָס איז א זעלבסטשטענדיגקייט, וואָס לאָזט דעם גייסט ווירקען אויף אַלץ, און ווערען געווירקט פון אַלץ, וואָס ליגט אין אים, אָבער ניט אויסענוועניג פון אים.

ווער עס גלויבט ניט אין דער זעלבסטשטענדיגקייט פון גייסט, קאָן ניט גלויבען אין זיין אייגענער זעלבסטשטענדיגקייט, און ער מוז אויף אזא אופן אין אַלע זיינע אויפפירונגען, אין זיינע איבערלעבונגען, אין אַלע זיינע פריידען און ליידען, אָפּהייננגען פון אַלץ אין דער וועלט, נאָר ניט פון זיך אליין. און וואו דער זעלבסטשטענדיגער „איך" אָדער טיפער „זעלבסט" איז ניט דער מקור פון אַן איבערלעבונג, ברייננט זי, די דאָזיגע איבערלעבונג, אַלץ, נאָר ניט קיין גליקזעליגקייט, און זי קאָן צו אַלץ פיהרען, נאָר ניט צו א העכערען טיפּ מענש, דען מיט דער פארלייקענונג פון

דעם גייסט'ס זעלבסטשטענדיגקייט ווערט אוועקגענומען יעדעם ברעקעלע לאַ־גישער גרונד פאַר אַ באַשטרעב צו זיין אַ העכערער און אַ בעסערער מענש. די אַנשטרענגונג אַרויסצולעזען דאָס העכערע פון דעם נידעריגען און צו געפינען אַ מאַטעריעל־ממשות'דיגען אויסדרוק פאַר אַלץ, וואָס גערט אונטער דעם נאָמען גייסט, האָט געמוזט גערן האַנט אין האַנט מיט דער אַנ־שטרענגונג אויסצוטייטשען אויף אַן אוטיליטאַריסטישען אופן, אַלע באַגרי־פען פון העכער, שעהנער און בעסער, און דערמיט האָט די פראַגע: וויפיעל איז אין תוך גענומען די זאַך ווערט, געמוזט ביסלעכווייז רעדוצירט ווערען צו דער פראַגע, וויפיל קאָן די זאַך געבען אין די קוואַנטאַטיווע טערמינען פון וואָג און מאָס.

און מער פון אַלע ווערטען האָט פון דער דאָזיגער רעדוצירונג פון קוואַליטעט צו קוואַנטיטעט, געמוזט ליידען—און האָט טאַקע געליטען—די מאָראַל ווערט, דען זי איז ריינער פאַר אַלע ווערטען פון קוואַנטיטעט, זי איז פון אַלע ווערטען די טיפסטע אין קוואַליטעט, זי איז פון אַלע ווערטען די ווייטסטע פון יעדען מין געקינצעלטקייט, זי, מער פון אַלע ווערטען, קאָן אויסקומען מיט אַ מינימום פון אויסערליכקייט, זי, מער פאַר אַלע ווערטען, קאָן, אין איין הרף עין, געבען און אוועקנעמען אַן אייביגקייט פון גליק און גליקזעליגקייט, און דאַריבער קאָן זי מער פאַר אַלע אַנדערע ווערטען אידענטי־פיצירט ווערען מיט דעם אויסדרוק נשמה. און ווען די נשמה איז אין גלות, מוז די גאַנצע וועלט זיין אין קנעכטשאַפט, מעגען מיר זיך ווי אַנשטרענגען זי צו באַפרייען.

„וואָס וועט אַרויסקומען דעם מענשען", פרעגט סאַנטיאַנא, „ווען ער וועט באַפרייען די וועלט, אויב זיין נשמה אין ניט פריי? מאָראַלישע פריי־הייט איז ניט קיין אַרטיפיציעלער באַדינג, דען דער אידעאַל איז דער מאַמע־לשון פון ביידע, אי פון דעם האַרצען אי פון די חושים. אַלץ וואָס פאָדערט זיך איז, אַז מיר זאָלען זיך אָפּשטעלען און לעבען, בכדי הנאה צו האָבען פון לעבען, און צו דערהויבען אונזערע הערצער צו זאַכען, וועלכע זיינען ריינע גוטסקייט אין זיך גופא, אַזוי אַז זיי צו געפינען און ליב צו האָבען זאָל פאַרשאַפען אַזאַ גליק, וואָס זאָל ניט קאָנען פאַרפינסטערט און פאַר־טונקעלט ווערען פון קיין געשעהניש אין דער וועלט".

פון אַזאַ ליבע צו ריינער גוטסקייט, וואָס ליגט פאַרבאַהאַלטען אין יעדען קנייטשעלע און שפּעלטעלע פון זאַכען, אויף וויפיל זיי זיינען אַן

אויסדרוק פון און דורך דער גייסטיגער רעאַליטעט, פון אזא גליקזעליגקייט, וואָס אין איר זאָל מען ניט קאָנען אָפּטיילען די נחת רוח פון דער עגמת נפש, וואָס זאָל זיין אַ מין צענויפגוס־פונקט פון אַלע ליידען און פריידען, און וואָס זאָל גענערט ווערען פון אינוועניג, און זאָל זיין פאַלשטענדיג פריי אין איר אבסאָלוטער אומאפהענגיגקייט פון אַלץ, וואָס ליגט אויסערוועניג פון דעם זעלבסט; פון אזא ליבע, פון אזא גליקזעליגקייט און פון אזא מאָראַלער אומאפהענגיגקייט האָט די צווייטע העלפט פון דעם נײַנצענ־טען יאָרהונדערט ניט געוואוסט. זי האָט געוואָלט די גאַנצע אינערליכקייט אויסבייטען אויף אויסערליכקייטען און צוריקפירען אַלץ, וואָס מיר באַציי־כענען מיט דעם וואָרט נשמה, צו עפּעס, וואָס קאָן אויף אַ וואָגשאָל געלייגט ווערען. און וואָס מער דער מענש איז אין דער אויסערליכקייט געצווי־גען געוואָרען, און וואָס מער די קוואַליטאַטיווע גאַנצקייט פון דער נשמה האָט אָנגעהויבען קוואַנטיטאַטיוו צוברעקעלט ווערען, אַלץ מער האָט דער מענש זיך אָנגעהויבען רעכענען מיט נוצען, אַנשטאָט ווערטען, און די צו־געפּאַסטקייט, אַנשטאָט זיטליכקייט, איז געוואָרען דער אידעאַל פאַר זיין אויפפירונג.

„די גאַנצע מענשליכע וועלט‟, זאָגט טאַגאָר „אין איר גאַנצער לענג און ברייט, האָט געפילט דעם גראַוויטאַציאָנס־ציה פון דעם גיגאַנטי־שען פּלאַנעט פון זשעדניגקייט, מיט די קאָנצענטרישע רינגען פון די, אָהן אַ שיעור נעבען פּלאַנעטען, וואָס האָבען פאַראורזאַכט אין אונזער געזעל־שאַפט אַ מערקבאַרע אָפּווייכונג פון דעם מאָראַלען קרייז־וועג. אין פרי־הערדיגע צייטען האָבען די אינטעלעקטועלע און גייסטיגע כחות פון דער ערד געהאַלטען הויך זייער ווירדע פון אומאפּהענגיגקייט, און זיי האָבען זיך ניט געוויגט מיט אַ שווינדעל אין קאָפּ איבער די צופלוסען און אָפּפלוסען פון דעם געלד־מאַרק.‟

פערלאָזען איז די מאָראַל געוואָרען אין דער צייט ווען דער מאַטעריא־ליזם און די ציוויליזאַציע האָבען געהערשט. די אָפּהענגיגקייט האָט געמוזט פאַרלאָרען געהן, פאַרשוואונדען האָט געמוזט ווערען דער זין און ווערט פון דעם מענשליכען לעבען, און מיט זיי יעדע אָנרעגונג צו טרייבען דעם לעבען אין דער הויך און אין דער טיף אַנשטאָט אין דער ברייט און אין דער לענג.

„יעדע גייסטיגע אַקטיוויטעט‟, זאָגט ווייטער טאַגאָר „וואָס ווערט ניט באַטראַכט אַלס אַן אומאפּהענגיגע ווערט, געהט פאַרלאָרען. אַלס אַ מיטעל

בלויז, קאָן דער דאָזיגער לעבען ניט דערגרייכען דעם אינערליכען צוואַנג, די אינערליכע געהויבענקייט, די קראַפט פון זעלבסט־דערהאַלטונג, אַזוי, אַז די נשמה זאָל זי אַנכאַפּען און זי פאַרוואַנדלען אין אַן אָריגינעלער און קאָנ־סטרוקטיווער אַקטיוויטעט. אַזאַ לעבען, אַ לעבען, וואָס זעהט ניט אין דעם גייסט אַ זעלבסטשטענדיגען ווערט, איז פאַר׳משפּ׳ט צו גייסטיגער אומפּרוכט־באַרקייט. ער איז ניט גענוג אויף אויפצואוועקען דעם מענשען פון זיין לעטאַרגישען שלאָף און אַפּאַטישקייט. ער שטעלט ניט אוועק פאַר דער נשמה, פון קיין בקשה ניט רירענדען, „אַנטוועדער—אָדער“.

די מענשליכע נשמה זעהט אויס אָבער, קאָן ניט לעבען אָהן קיין „אַנט־וועדער—אָדער׳ס“, אָהן קיין קאַטעגאָרישע באַפעהלען, וואָס קומען פון דעם גייסט, וואָס צווינגט דעם מענשען פילאָזאָפיש צו ספּעקולירען, אויף אַ קינסטליכען אופן צו חלומ׳ן. ספּעקולאַציעס פול מיט חלומות, צו וועלכע דער וויסענשאַפטסמאַן וויכראַוו האָט געפילט אַזאַ שטאַרקען האַס, האָבען דאָך ביסלעכווייז באַזיגט די פאַקטען ווי זיי זיינען.

ווי אַ וואַסער שטראָם אַ שטאַרקער, וואָס ווען עס ווערט אָפּגעהאַלטען אויף אַ ווייַלע, זעצט עס זיך דורך מיט מער רעש און אימפּעט שפּעטער, אַזוי האָט, אין דעם אָנהויב פון דעם צוואַנציגסטען יאָרהונדערט, זיך דורכגעבראָ־כען דער אָפּגעהאַלטענער קולטור שטראָם — מיט אַ מער שטורמישען דראַנג, איידער ווען עס איז פריהער. און מיט פאַראַד ווערען ווייטער אויפגענומען די פראַגען, וואָס שווימען אַרויף אויף דער אויבערפלאַך פון דעם דריי־צווייגיגען קולטור־שטראָם, די פראַגען, וואָס ווערען ניט אַרויס־געלאָזען פון די אויגען פון קונסט, רעליגיע און פילאָזאָפיע.

וואָס עס כאַראַקטעריזירט דעם אָנהויב פון דעם צוואַנציגסטען יאָר־הונדערט איז דאָס, וואָס עס שפּירט זיך זעהר שטאַרק פון דאָס ניי די וויכ־טיגקייט פון דער פילאָזאָפיע. דער וויסענשאַפטמאַן הויבט אָן אַלץ מער איינצוזעהן, אַז אַלע זיינע פאָרשונגען און אונטערזוכונגען, אַלע זיינע ערפינדונגען און אנטדעקונגען זיינען ניט מער ווי טראָפּפּעלאַך אין אַן אוני־ווערסאַלען וואַסער־שטראָם, געצײַלטע בלעטלאַך אין אַ וואַלד, וואָס פילט אויס דעם גאַנצען וועלט־אַל, אָדער פונקען פון אַ פייער, וואָס נעהמט אַרום די גאַנצע אומענדליכקייט. און, ווערענד דורך דעם שטראָם קאָנען דער־קלערט ווערען די טראָפּענס, דורך דעם וואַלד—די בלעטלאַך און דורך דעם

פייער—די פונקען, קאָן עס אָבער פּאַרקערט ניט געטאָן ווערען. עס מוז פריהער געשאַפען ווערן אַ סינטעטישער בליק אויף דעם שטראָם, אויף דעם וואַלד, אויף דעם פייער, בכדי די טראָפּענס, די בלעטער און פונקען זאָלען קאָנען אנאליטיש געשטודירט ווערען. און אַלע רעזולטאַטען פון דער אַנאַליטיק, מעגען זיי זיך צעהלען אין די מיליאָנען, וועלען קיינמאָל ניט אָנרירען די רעאַליטעט פון דער וועלט, דעם תוך און תמצית פון דער אוניווערס, ביז אויף זיי וועט ניט אָנגעשטעלט ווערען דער סינטעטישער בליק, אַ בליק וואָס אים פאַרמאָגט נאָר דער פילאָזאָף.

נאָך אין 1906 האָט דער גרויסער פּסיכאָלאָג און פילאָזאָף מינסטערבערג געזאָגט אין זיין רעדע וועגען וויסענשאַפט און אידעאַליזם פאָלגענדעס: „די אַנטי־פילאָזאָפישע תקופה פון דעם לעצטען האַלבען־יאָרהונדערט פאַלט צוריק, און אַ פילאָזאָפישע אומפאַסונג פון די טיפסטע וועלט פּראָבלעמען הויבט זיך אָן צו פילען אין די פילאָזאָפישע קרייזען. דער אַנאַליז פון באַאָבאַכטונג ווערט ענדליך דערגענצט פון דעם סינטעז פון געדאַנק. יעדער געלערנטער, מעג ער זיין אַ פיזיציסט אָדער אַ ביאָלאָג, אַ היסטאָריקער אָדער אַ מאַטעמאַטיקער, אַ פילאָלאָג אָדער אַ טעאָלאָג, פילט ווידער די נויט פון אַ קריטישער נאָכפאָרשונג פון די פונדאַמענטאַלע באַגריפען, מיט וועלכע ער באַנוצט זיך אין זיין ספּעציפישער אַרבייט, און אַזאַ שטודיום פון דעם פונדאַמענט, איז זעהר אָפט דער גאַנצער באַדייט פון פילאָזאָפיע. צו לאַנג איז די דאָזיגע שטודיום פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען אין משך פון דער תקופה, וואָס איר וועלט־אַנשויאונג איז געווען אַן אויבערפלעכליכע, ניט געקוקט אויף דער גרינדליכקייט פון די באַשרענקטע ספּעציאַליזירטע וויסענשאַפטליכע אויספאָרשונגען."

די וויסענשאַפט הויבט אָן אַלץ מער און מער צו פילען, אַז איר גאַנצע אומאָפּהענגיגקייט איז נאָך אַלעמען ניט מער ווי די אומאָפּהענגיגקייט פון דער צעלע אין דעם קערפּערליכען אָרגאַניזם.

אמת טאַקע, יעדער צעלע האָט זיך איר פונקציע, און איר געוויסע זעלבסטשטענדיגקייט, און אפשר אויך צו אַ געוויסען גראַד אַן אינדיווידואַליטעט, דאָך אָבער ליגט איר וואָוילזיין אין דעם ערפאָלג פון אַלע אירע אויפטואונגען, אין דעם וואָוילזיין און אין דער אָריענטירונג פון דעם קערפּער אַלס גאַנצעס.

די וויסענשאפט איז א צעלע אין דעם דערקענטנים ארגאניזם, וואס רופט זיך פילאזאפיע, און אלס אזעלכע איז זי בלויז א טייל פון א גאנצעס. וואס מער עס דרינגט אין אונז אריין דעם באגריף, פאר וועלכען דער צוואנציג־סטער יאהרהונדערט שטעלט זיך שטארק איין, אז יעדע איינציגע איינהייט, וועזענהייט אדער אינדיווידואליטעט איז ניט קיין אגרעגאט בלויז פון טיילען און טיילכעלאך, ניט קיין חבור פון איינפאכערע קאמפלעקסען, נאר דאס איז עפעס אזעלכעס, וואס קאן אין אומצייליגע טיילען צופאלען ווערען; צע־נויפגעשטעלט ווערען אבער אין א גאנצעס, געמאכט צו ווערען אין אן אינ־דיווידועלער איינהייט, קאן עס ניט דורך קיינע טיילען אין דער וועלט, מחמת יעדע איינהייט איז א שעפפונג — און א שעפפונג איז א גאנצקייט, וואס מען קען עס אהן א שיעור טיילען, אבער עס קען קיינמאל ניט צענויפגעשטעלט ווערען; וואס מער מיר ווערען דורכגענומען מיט דעם באגריף, אז גאר פילעס, און אמאל זאגאר אלע אין די טיילען, קאן דערקלערט ווערען דורך דעם גאנצען, אלע טיילען צוזאמען קאנען אבער ניט דערקלערען דאס גאנצע; וואס מער עס זינקט אין די מחות פון די מענשען דער באגריף, אז דאס העכערע און מער קאמפליצירטע אנטהאלט אין זיך די דערקלערונג פאר דעם נידעריגערען און איינפאכערען — אלץ מער ווערט קלאר, ערשטענס, אז פילאזאפיע איז ניט, ווי ספענסער און אנדערע פון דעם רעאליסטישען חדר, האבען זיך פארגעשטעלט, בלויז א סכום פון אלע וויסענשאפטען, נאר אז פילאזאפיע איז א באנעם אדער א שפירונג פון דעם גאנצען אין דעם זיין פון דער וועלט, אן אריינדרינגונג אין דעם אבסאלוטען, וואס קאן בעסער געמאן ווערען מיט דער מיטהילף פון דער וויסענשאפט, פאר וועלכער אבער, אלע וויסענשאפטען צוזאמענגענומען זיינען ניט גענוגענד, דען עס פאדערט זיך פאר דעם א שטאנדפונקט, וואס איז גאנץ אנדערש פאר דעם שטאנדפונקט פון דער וויסענשאפט, און אויך גאנץ אנדערע זעהונג פעהיגקייטען, מיט וועלכע נאר דער פילאזאף איז באגאבט.

צווייטענס ווערט קלארער פון טאג צו טאג, אז אהן א זיכערען גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון אן אבסאלוטהייט, אין דער עקזיסטענץ פון א אוני־ווערסאלער אינדיווידואליטעט, מיט אן אבסאלוטען זין און ווערט, האבען אלע וויסענשאפטליכע פארשונגען מיט אלע זייערע רעזולטאטען קיין ציעל און קיין צוועק ניט, קיין זין און קיין ווערט ניט.

זיין רעדע „אידעאליזם און וויסענשאפט” האט מינסטערבערג געשלאסען מיט די פאלגענדע, פאר אונזער תקופה זעהר באדייטענדע, ווערטער: „ווען דער וויסענשאפטסמאן זאגט אונז, אז אלע אזעלכע געדאנקען פון אבסאלוט־הייט און אייביגקייט זיינען בלויז פסיכישע אידעען, וועלכע מוזען, על פי א קאוזאלער נויטווענדיגקייט, פארקומען אין א מארך פון אזא סארט ארגאניזם, אונטער אזעלכע געזעלשאפטליכע ווירקונגען אין דעם טייל פון דער פיזישער אוניווערס, און אז דער גאנצער אידעאליזם איז אויף אזא אופן בלויז דער רעזולטאט פון קאוזאלע פארבינדונגען וואס, וועגען זיי קאן נאר די וויסענ־שאפט געבען א רעכנונג, דאן קאנען מיר גערען זאגען, אז ער איז פאלשטענ־דיג גערעכט, אויף אזוי ווייט, ווי עס באלאנגט דעם וויסענשאפטליכען אינטערעס. אויך דער פילאזאף און זיינע געדאנקען זיינען באמת א טייל פון דעם אוניווערס און אלע אירע קאוזאלע געזעצען זיינען אנווענדבאר אויף די פראדוקטען פון זיין מארך. דער וויסענשאפטמאן פארגעסט בלויז, אז די דאזיגע גאנצע קאוזאלע דערקלערונג האט קיין ברעקעל באדייטונג ניט, און אלע זיינע באהויפטונגען—קיין אמת ניט, און זיין אוניווערס—קיין רעא־ליטעט ניט; אויב ער און מיר זעצען ניט פאראויס קיין אידעאליסטישען גלוי־בען אין די אבסאלוטע מאסשטאבען פון די אייביגע ווערטען, וואס דורך זיי קאנען מיר אונטערשיידען דאס אמת'ע פון דאס ניט אמת'ע, דאס גוטע פון דאס שלעכטע, דאס רעאלע פון דאס ניט רעאלע. מען קאן אויף קיינעם ניט ארויפצווינגען קיין איבערצייגונג. מען מוז פאר זיך אליין באשליסען, וועל־כע אידעאלען מיר ווילען הויך האלטען, צי ווילען מיר אז די וועלט זאל זיין א וועלט פאר אונז, צי בלויז א חלום און א כאאס. אזוי פיעל מוזען מיר אבער פארשטעהן, אז אויב מיר גלויבען ניט אין די אבסאלוטע אידעאלען פאלט זיך די וויסענשאפט פאנאנדער.”

די פילאזאפיע פון דעם צוואנציגסטען יאהרהונדערט אנערקענט די גרויסע אויפטואונגען פון דער וויסענשאפט אויף אלע געביטען, אין דער זעלבער צייט אבער, באטאנט זי שטארקער, ווי ווען עס איז פריהער, אירע באגרענ־צונגען, זי צווינגט די וויסענשאפט אלץ מער און מער צו באגרייפען, אז די רעגיאנען פון דער פילאזאפיע, פון דער קונסט, פון דער רעליגיע, זיינען גאנץ אנדערע רעגיאנען פאר די וויסענשאפטליכע. יעדער איינער פון זיי האט א באזונדער צוטריט צו דער רעאליטעט און יעדער פון זיי—די וויסענ־שאפט, די קונסט, די פילאזאפיע, די רעליגיע אלס באזונדערע און ספעציפי־

שע אויסדרוקען פון דער קולטור—מוזען זיך רעכענען מיט די אנטפּלעקונגען ווי זיי ווערען געמאכט פון דער רעאליטעט צו יעדען איינציגען צווייג פון דער קולטור באזונדער.

אָט זיינען למשל אַ פּאָר קינסטליכע אנטפּלעקונגען וועגען געטליכקייט, ליבע און טויט אין מירבאָס ראָמאַן „קאלוואַרי“:

וועגען געטליכקייט:

„זי שלאָפט נאָהענט צו מיר מיט אַ טיפען רוהיגען שלאָף, ווי אַ קינד. און צום ערשטען מאָל רופט דאָס באַזיץ פון פרוי ניט אַרויס אין מיר קיין חרטה, קיין עקעל. איך קאָן ניט אויסדריקען מיינע געפילען אין דעם דאָזיגען מאָמענט. וואָס איך פיל איז עטוואָס, וואָס קאָן ניט דעפינירט ווערען, עט־וואָס וואָס איז אויסערגעווענליך זיס און אין דער אייגענער זייט זעהר טיעף הייליג, אַ מין רעליגיעזען עקסטאַז, עהנליך צו דעם, וואָס איך האָב געפילט אין דער צייט פון מיין ערשטען הייליגען אָווענט מאָלצייט. איך דער־קען די זעלבע מיסטישע אנטציקונג, דעם זעלבען גרויסען און מיסטישען שרעק. עס איז ווי אַ צווייטע אנטפּלעקונג פון גאָט, וואָס קומט פּאָר אין דעם שטאַרק גלאַנצענדיגען ליכט פון מיין נשמה... עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז גאָט איז אַרונטער געקומען צו מיר צום צווייטען מאָל...“

וועגען ליבע זאָגט מירבאָס העלד:

„איך האָב געדיינקט צו אנטלויפען. צו זאָגען דזשוליעטען: איך געה אוועק, איך וועל זיין צוריק אין אַ שטונדע; און קיינמאָל זיך ניט צוריק־קערען צו דער דאָזיגער הויז, וואו דער באַלקען דריקט מיך מער איידער דאָס דעקעל פון אַ טויטען־קאַסטען, וואו די לופט האָט מיך געשטיקט, וואו עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז דאָס מעבעל גופא זאָגט צו מיר: פּאַרלאָז דעם דאָזיגען פּלאַץ! אָבער ניין: — איך האָב זי ליב געהאַט, און עס איז געווען אָט די זעלבע דזשוליעט, וועלכע איך האָב ליב געהאַט, און ניט די אַנדערע, וועלכע האָט געשוועבט פאַר מיר אין מיינע חלומות... איך האָב זי ליב געהאַט מיט אַלע אירע מעלות, וועלכע האָבען מיך געמאַכט צו ליידען, איך האָב זי ליב געהאַט, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס איר האָט געפעהלט פאַרשטאַנד, איך האָב זי ליב געהאַט מיט איר גאַנצער פּוסטקייט, מיט אַלע אירע פאַר־דעכטיגטע פּערווערזיעס. איך האָב זי ליב געהאַט מיט דער פּייניגענדער ליבע פון אַ מוטער צו איר שטאַרק געקריינקטען קינד“.

און אט ווי דער זעלבער העלד זעהט דעם טויט:

„יא, דער טויט איז שעהן, הייליג און דערהאבען! טויט איז דער אנ־הויב פון דעם גרויסען אויסענוועניגסטען ליכט... אה! צו שטארבען... זיך אויסצוציהען אויף א מאטראץ, וואס איז ווייכער איידער דער ווייכסטער פוך אין דעם פויגעל׳ס נעסט... ניט מער צו טראכטען... ניט צו הערען מער דעם רעש פון לעבען. צו פילען די אומענדליכע זיסקייט פון דעם גאר־נישט... צו זיין א נשמה!...“

נון, וואס קאן א שטייגער די וויסענשאפט אדער אפילו די פילאזאפיע זאגען וועגען אזעלכע קינסטלערישרעליגיעזע אנטפלעקונגען. זיי קאנען זיי בשום אופן ניט איבערזעצען אין קיינע קוואנטיטאטיווע טערמינען, און נאך וועניגער ארומנעמען זיי מיט וועלכע עס איז לאגישע באגריפען, אדער אריינשטעלען זיי אין וועלכע עס איז באשטימטע קאטעגאריען פון פארנונפט.

און דאך פיהלט יעדער איינציגער לעזער, וואס שטעהט אויף אן אנטוויק־לונגס שטאפעל פון א געוויסער הויך, אז א שטיק רעאליטעט איז אנטפלעקט אין די דאזיגע איבערלעבונגען און דורכפיהלונגען, אז א שטיק אוניווער־סאלער תוך און תמצית איז אויסגעדריקט אין זיי. עפעס איז פאראן אין זיי פון די אבסאלוטע, אייביגע און קאנקרעט־טראנסצענדענטאלע ווערטען פון אמת, שענקייט, דערהאבענקייט און הייליגקייט.

מיר קאנען זיך ניט פארשטעלען די רעאליטעט אנדערש, ווי אלס איינע און אן אבסאלוטע. אבסאלוט איינע מוז אויך זיין די דערקענטנים, וואס פון איר „טראכט“ קומט ארויס די קולטור. אין דער רעאליטעט אבער, אין דער דערקענטנים און אין דער קולטור, זיינען פאראן פארשיידענע גראדען און שטאפלען, פארשיידענע געזיכטספונקטען, וועלכע זיינען פאראנטווארט־ליך פאר דער רעאליטעט פון דעם מענשליכען וויסען. דער דאזיגער רעלא־טיוויזם איז גענוג שטארק אויף פעסטצושטעלען די גרעניצען צווישען די פארשיידענע אויסדרוקען אדער גראדען, צווייגען פון דער קולטור, און אויף איינצופלאנצען אן אכטונג איינער פאר דעם אנדערען צווישען די טרעגער פון די פארשיידענע קולטור צווייגען.

„די מעלה“, זאגט דיואי, „וואס די וויסענשאפטליכע מעטאדען פאר־מאגען איז די, וואס דורך זיי קאנען רעזולטאטען דערגרייכט ווערען און פאר־

מולירט ווערען מיט א גענויקייט, וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכען. פאַר דער דאָזיגער מעלה אָבער מוז באַצאָלט ווערען א פּרייז. און אויב די וויסענשאַפט זאָל ניט, מיט עכטער זעלבסטאַנטזאַגונג, באַגרעניצען איר געזיכטס־פּונקט, וועט זי זיך גאָר אין גיכען געפינען אין פרעמדע רעגיאָנען... די וויסענשאַפט אין אַלגעמיין, אַלס א מאָס־סיסטעם, איז אין זיך גופא פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. אפילו אין דער פיזיאָלאָגיע זיינען די באַגריפען און מעטאָדען פון פיזיקע און כעמיע ניט נאָך בכח אָנגעווענדעט צו ווערען צו די דערשיינונגען פון דעם לעבעדיגען וועזען, אויף אויסצוגעפינען, למשל, וויפיעל ענערגיע ער נעמט אריין און וויפיל ער גיט ארויס. נאָר זיי זיינען אויך וויכטיג פאַר דער עקזאַקטער דערקענטניס פון די דאָזיגע דערשיינונגען. די וויסענשאַפט איז פאַראינטערעסירט אין דעם מעכאַנישען שטאַנדפּונקט, לויט וועלכען דער אמת איז די מעסטבאַרע צענויפמישונג פו דעם באַגריף, וואָס מיר האָבען וועגען דעם אָביעקט, מיט דעם אָביעקט גופא, אַלס עפּעס, וואָס איז אויסענווענדיג און אומאָפּהענגיג פון דעם באַגריף".

און עס וואַקסט איצט פון טאָג צו טאָג די אַנערקענונג, אַז דער מעכאַנישער שטאַנדפּונקט איז ניט דער איינציגער, פון וועלכען די רעאַליטעט פון דער וועלט קאָן באַטראַכט און באַנומען ווערען, און זיכער ניט דער העכסטער און וויכטיגסטער. עס ווערט איצט קלאָרער מעהר און מעהר, אַז די מעכאַניק גופא קריגט א זין און א באַטייט נאָר דערפאַר, וואָס זי קאָן איינגעשלאָסען ווערען אין דעם העכערען, טיפערען און ברייטערען שטאַנדפּונקט, און דאָס איז דער גייסט־און־דער־דערקענטניס־שטאַנדפּונקט, דאָס איז דער שטאַנדפּונקט וואָס זעהט אין גייסט און אין אים זיך וואָרצלענדע, דערקענטניס פעהיגקייט, די תמצית פון דער רעאַליטעט, דער פייער, וואָס פון אים זיינען אַלע אַנדערע ערשיינונגען פונקען אָדער שטראַהלען.

„ביי דעם גרונד פון די דאָזיגע אַלע שטאַנדפּונקטען", זאָגט האַלדיין, איז די קאַרדינאַלע און אומאויפלייזבאַרע רעאַליטעט פון דער דערקענטניס. אין איר זיינען זיי אַלע איינגעשלאָסען. אין זיי, און אין אַלע פאַרשטעלונגען, וואָס אַנשטעהען פון זיי, איז זי בכח זיך אויסצודריקען. זי איז דער סאַמע לעצטער מעדיום, וואָס אין זיינע טערמינען מוז אַלעס אַנדערס אויסגעדריקט ווערען, ער אַליין קאָן אָבער ניט אויסגעדריקט ווערען אין קיינע אַנדערע טערמינען אחוץ זיינע אייגענע".

און קוים ווערט גייסט, באוואוסטזיין, דערקענטניס, קורץ, די פּסיכיק, אנשטאָט דער מעכאַניק, אנערקענט אלס דער מיטעל אָדער אָנהויב־פּונקט פון דער וועלט, שטאַרקט זיך שוין ממילא די ווערט פון דעם מענשליכען לעבען און אויף אַזאַ אָדער אַנאַנדער אופן ווערט שוין דער מענש געטריבען אָנצור־קניפּען זיין אינדיווידועלען לעבען אין דעם אוניווערסאַלען לעבען, אין אַ לע־בען, וואָס שטייגט אַריבער אין אַלע הינזיכטען דעם ערדישען לעבען, און שאַפט דורך דער דאָזיגער איבערשטייגונג אַ זין און אַ ציעל פאַר דעם דאָזי־גען, פון אַ מעכאַנישען שטאַנדפּונקט, זין־און־צוועקלאָזען לעבען.

מיט דעם גייסט, ביי דעם מקור און ענדציעל פון דעם וועלט־אַל, געהט אַריבער דער רעלאַטיוויזם, וועלכער איז נויטיג פאַר דער טאָלעראַנץ פון די קולטור טרעגער אין אַן אבסאָלוטיזם, וועלכער איז די נשמה פון דער קול־טור. דען די סוביעקטיווע דערשפּירונג פון דעם אבסאָלוטען, די סוביעק־טיווע דערגרייכונג פון דעם סאַמע לעצטען גראַד אָדער פונקט אין אַ מענ־שענ׳ס איבערלעבונג, איז דער תוך און תמצית פון דער קולטור. וואָלט דער מענש ניט געשפּירט אין געוויסע מאָמענטען פון זיין לעבען, אַז ער גיסט זיך צענויף מיט דעם אבסאָלוטען אמת, מיט דער אבסאָלוטער שיינקייט, מיט דער אבסאָלוטער גערעכטיגקייט אָדער מיט דער אבסאָלוטער ליבע, וואָלט ער פאַרלאָרען יעדען מינדסטען חשק צו זוכען און צו פאָרשען, צו ערפינדען און צו אַנטדעקען, דען נאָך אַלעמען זיינען אַלע ערפינדונגען און אַנטדעקונגען ניט מער ווי די פונקען פון אַ גרויסען פייער, דער פייער פון דער אַנטפּלעקונג פון דעם אבסאָלוטען. און ניט פריהער איידער דער דאָזיגער פייער האָט אַרומגעכאַפּט דעם מענשען, איז ער, דער איצטיגער מענש, מענש געוואָרען.

דער קאַמף פון דער פילאָזאָפיע פון דעם צוואַנציגסטען יאָרהונדערט ווערט געפירט, דערפאַר, ניט נאָר געגען דעם ווייסענשאַפטליכען מאַטעריאַליזם, נאָר אויך געגען דעם פילאָזאָפישען רעלאַטיוויזם, געגען דעם סקעפּטיזם, וואָס איז אַלע מאָל געוועזען אַ מין איבערגאַנגס שטופע פון דעם מאַטעריאַליזם צו דעם אידעאַליזם.

וועגען דעם ענין פון רעלאַטיוויזם זאָגט מינסטערבערג פאָלגענדעס:

„מיר קאָנען אַלע די נייע סקעפּטיסטען, וואָס רופען זיך היינט עמפּיראָ־קריטיציסטען און הומאַניסטען און פּראַגמאַטיסטען, און וואָס רעדען היינ־טיגע צייטען מיט רייצענדע און באַצויבערענדע עפּיגראַמען. צו זיי געהערען

די ראדיקאלע עמפיריציסטען און די „רעלאטיוויסטען" און די „אריסטאָ־קראטען" פון דייטשלאנד און זייערע סימפּאטיזירער פון ענגלאנד און אמע־ריקא. און זיי אַלע קאָנען באגריסט ווערען אלס די יעניגע, וואָס האָבען אָנגעהויבען צו געהן אין דער ריכטיגער ריכטונג. זיי הויבען באמת אָן מיט אויסגעצייכענטער באפרייאונג פון דער אבסטראקטער קאָנסטרוקציע פון דעם נאטור וויסענשאפטסמאן. זיי זעהען קלאָר, אַז דער מענש איז ניט דער פּסיכאָפיזישער מעכאניזם, וועלכען די וויסענשאפט האָט געוואָלט פון אים מאכען. זיי פילען דעם פּולס פון דעם ווירקליכען לעבען, און אנ־ערקענען דעם סוביעקט אלס א פרייען אגענט אין דעם היסטאָרישען צווי־שען־שפּיעל. און דאָך איז זייער גאנצער באגריף ווערטלאָז, מחמת זיי שטע־לען זיך אָפּ האלב וועג, פּונקט ווי די אלטע סאָפיסטען האָבען זיך אָפּגע־שטעלט, אנשטאט צו געהן מיט סאָקראטעס'ן און פּלאטאָנ'ען".

דאָס געהן צוריק צו סאָקראטעס'ן און פּלאטאָנ'ען איז איינע פון די כאַ־ראקטעריסטישע שטריכען פון דעם צוואנציגסטען יאָרהונדערט, און דאָס איז, ווי מיר דיינקען, דערפאר, וואָס פּלאטאָ אזוי גוט ווי סאָקראטעס, און סאָק־ראטעס בעסער פאר אַלע די, וואָס זיינען געווען פאר אים, און אויך פאר די, וואָס זיינען געווען נאָך אים, האָט געוואוסט און געפילט , אַז קיינע פילאָ־זאָפישע ספּעקולאציעס און קיינע וויסענשאפטליכע היפּאָטעזען קאָנען ניט באפרייען דעם מענשען פון דעם געפיל און שפּירונג, אַז די וועלט איז א מיס־טעריע, און אַז דער זין און ווערט פון דעם מענשליכען לעבען שטייגט מיט דער גרויסקייט פון דער וועלט־מיסטעריע, און די גרויסקייט פון דער וועלט מיסטעריע ליגט אין דער אבסאָלוטהייט פון דער וועלט, אלס גייסט, און די אבסאָלוטהייט פון דעם וועלט־גייסט געפינט איר אויסדרוק אין די אבסאָלוטע ווערטען פון אמת, שיינקייט, גערעכטיגקייט און גוטסקייט, וועלכע זיינען די וועגווייזער פון דעם מענשליכען לעבען און די אָנרעגער פון א העכערען און טיפערען לעבען.

די לעצטע העלפט פון דעם נייצעגטען יאָרהונדערט האָט זיך אָנגע־שטריינגט מיט אַלע כחות אויף צו פארקלענערען די וועלט־מיסטעריע, און און אויף אזוי פיעל איז טאקע פארקלענערט געוואָרען אין יענער תקופה דער זין און דער ווערט פון דעם מענשליכען לעבען, און עס האָט לאנג ניט גענומען ביז וואנען דער מענש האָט זיך אָנגעהויבען פילען קליין און נישטיג.

זאָגט מעטערלינק אין זיין בוך „די אייביגקייט": „עס איז זעהר געפערליך אויף דעם אָרט פון איין מיסטעריע און דערצו א גרעסערער, אוועקשטעלען אַנאַנדערע און צו דערצו נאָך אַ קלענערע מיסטעריע. אין דער היערראַכיע פון דעם אומדערקענטען שטייגט תמיד די מענשהייט פון דעם נידעריגען צו דעם העכערען. אראָפּצונידערען פון דעם העכערען צו דעם נידעריגען מיינט צוריקצוקעהרען זיך צו אַ צושטאַנד פון דעם פּרימיטיווען מענשען, וועלכער געהט אַזוי ווייט אין זיין באַרבאַריזם, ווי אוועקצושטעלען אויף דעם אָרט פון דעם אומענדליכען א פעטיש אָדער א קמיע. די מאָס פון דער מענשליכער גרויסקייט, איז די גרויסקייט פון די מיסטעריע, וועלכע ער קולטיווירט, אָדער אָדער וועלכע ער האַלט אָן."

און עס איז דער דאָזיגער אָנטריב צו געהן פאָרווערטס, אַנשטאָט ריקווערטס, עס איז דער איינגעבאָרענער באַשטרעב זיך צו יאָגען נאָך דעם העכערען אַנשטאָט צו געניסען אין דער פולער מאָס פון דעם נידעריגען, וואָס צווינגט דעם מענשען צו זוכען די פעדים, וואָס בינדען, אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן צענויף דאָס ערדישע און צייטווייליגע לעבען מיט דעם איבערערדישען און אייביגען לעבען, און די וועגען, וואָס פירען פון דעם ענדליכען און אומבאַדייטענדען צו דעם אומענדליכען, וואָס איז פול מיט זין און באַדייט.

„עס זעהט אויס", זאָגט וויסקאונט האַלדיין, „צו זיין אימאַנענט, אַז מיר מוזען זוכען גאָט. די פיזיציסטען זוכען היינט צו טאָג די גרונדען פאַר דער פענאָמענאַלער וועלט פון רוים און צייט אין דער אַרבייט פון נאָכדיינקונג. ווי פּראָפעסאָר עדינגטאָן באַמערקט אין זיין אַרטיקעל, וואָס איך האָב שוין פריהער ציטירט, איז דאָס אַריינמישען זיך פון דעם גייסט אין די געזעצען פון דער נאַטור א סך ווייט גרייכענדער, ווי מען שטעלט עס זיך געוויינטליך פאָר. דאָס איז אַ באַמערקונג, וואָס פאָדערט אינטערפּרעטאַציע, אָבער אין איר איז פאַראַן אַ טיפער אמת. און דעם זעלבען זין איז ניט וועניגער ווייט גרייכענד דאָס אַריינמישען זיך פון דעם גייסט אין די געזעצען, וואָס זיינען אָנווענדבאַר צו אַנדערע פאַזען פון דער אוניווערס. און דאָס איז דערפאַר, ווייל די ווירקזאַמקייט פון דעם פּרינציפּ פון רעלאַטיוויטעט קאָן טראַנספאָרמירט ווערען אין איר אָנווענדונג, ווי דאָס איז דער פאַל, ווען ער ריכטעט אונזער דיינקען וועגען רוים. גאָט קאָן קוים זיין וועניגער איידער דער פּראָצעס פון גייסט אין זיין אידעאַלער פאָלשטענדיגקייט — דער פּראָ־

צעס, וואָס אין אים רעאַליזירט זיך אומאויפהערליך, דער אַלץ אומפאַסענדער גייסט, אין אַ רייהע פון מדרגות, וועלכע זיינען לאָגיש אָפּגעטיילט איינע פון דער אַנדערער, אויף ווי ווייט זיי זיינען פאַרשיידען אין די דאָמינירענדע באַגריפען, וואָס ליגען ביי דעם באַזיס פון יעדען איינציגען פון זיי.״

דאָס זיינען ווערטער, עכט כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער תקופה און וויל די דאָזיגע ווערטער זיינען ניט ווייניגער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צייט, אין וועלכער עס האָבען געלעבט סאָקראַטעס און פּלאַטאָ, זיינען זיי אַ לעבעדיגער עדות פאַר דעם געדאַנק, אַז הינטער אַלע רעלאַטיוויטעטען ליגט אַן אַבסאָלוטהייט. זי, די דאָזיגע אַבסאָלוטהייט, איז עס פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער אומאיבערגעריסענקייט פון דער אידעאַליסטישער קייט אין דער פילאָ־סאָפיע, פאַר דער אוממעגליכקייט אויסצוואָרצלען דעם ראָמאַנטיזם אין דער קונסט און פאַר דעם אומאויפהערליכקייט פון דעם רעליגיעזען דראַנג, וועלכער האָט אויף אַזאַ אָדער אַנאַנדער אופן, אין אַזאַ אָדער אַנאַנדער צייט, דורכגענומען יעדע איינציגע חיה, פון דעם מאָמענט אָן, וואָס זי איז מענש געוואָרען. דער דאָזיגער דראַנג איז אייגענטליך דער ערשטער אויסדרוק פון דער מענשליכקייט. פאַר אים איז ניט געווען קיין מענשליכקייט, פּונקט ווי אָהן אים קאָן קיין מענשליכקייט ניט געמאָלט ווערען.

אין דעם זעלבען מאָמענט, ווען עס איז אַנטשטאַנען אַ זעלבסט־באַוואוסטזיין, דער באַוואוסטזיין, וואָס צייכענט אויס דעם מין מענש פון אַלע אַנדערע מינים, איז אויך אַנטשטאַנען דער באַוואוסטזיין פון אַן איבער־זעלבסט. און די פאַרטיפונג פון דעם מענשען אין זיין אייגענעם זעלבסט, מוז פירען צו אַ אינטענסיווערען באַוואוסטזיין פון אַן איבערזעלבסט, און צו אַן איינגער און אינטימער פאַרבינדונג צווישען דעם אינדיווידועלען און אוניווערסאַלען זעלבסט.

„אין אונזער אייגענער מענשליכער ערפאַרונג״ זאָגט האַלדיין, „מוזען מיר זוכען דעם אויסענוועניגסטען אַלץ צוזאַמענפאַסענדען זעלבסט. מיר דאַרפען ניט זוכען אויסער אונז אַן אַבסאָלוטען וועזען, וואָס קאָן ניט דער־גרייכט ווערען מיט אַזאַ דערקענטנים ווי אונזערע. מיר מוזען קוקען אויף אונזערע געדאַנקען, ווי אויף ערפאַלגרייכע מיטלען, און שטודירענדיג דעם כאַראַקטער פון די גראַדען פון גייסט, אויף וועלכע דאָס נאָכדיינקען ווייזט אונז אָן, דאַרפען מיר מערקען די ריכטונג, וועלכע זיי צייגען אָן אונזער נאָכ־

דיינקען. צו דעם זעלבסט ווי מיר ערפאסען אים אין אונזער מענשליכען לע־בען, מוזען מיר זיך ווענדען פאר אונזער ווענדונגס־פונקט, און צו קיין זאך ניט, וואס האט ניט קיין אנאלאג אין די כאראקטעריסטישע שטריכען פון דעם דאזיגען זעלבסט... מיר מוזען געדיינקען, אז אונזער ערפארונג גופא לערענט אונז, אז די איינציגע דערקלערונג, וואס שטעלט ענדליך צופרידען, איז די דערקלערונג פון אויבען אראפ, די דערקלערונג, וואס געפינט אין די באגריפען, וואס געהערען צו די נידעריגע גראדען, אונדערשיידענע כאראקטעריסטישע שטריכען, וועלכע אנטפלעקען זיך גופא אלס אן אויסגאנג פון עטוואס, וואס איז העכער און מער פאלקאממען אין דערקענטנים".

דער דאזיגער געדאנק וועגען דער אבסאלוטער אוממעגליכקייט צו דער־קלערען דאס העכערע דורך דעם נידעריגען, דער געדאנק וועגען דער אבסא־לוטער נויטיגקייט פון צו דעפאנירען ערגעץ וואו א פאלקאממענע אבסאלוט־הייט אדער אן אבסאלוטע פאלקאממענהייט, כדי צו קאנען מאכען אויף א פארנינפטיגען אופן אלערליי השערות וועגען דער פענאמענאלער וועלט; דער געדאנק וועגען אן אבסאלוטער דערקענטנים אלס א תנאי פאר אלערליי רע־לאטיווע דערקענטניסען איז דער געדאנק, וואס האט פון דאס ניי באהערשט דאס מענשליכע פילען און טראכטען, און ער איז דער הפוך פון דעם רעאליזם, וואס האט געהערשט אין דער צווייטער העלפט פון דעם נייצענטען יארהונ־דערט, וועלכער האט געוואלט ארויסדרינגען דאס העכסטע פון דעם נידעריג־סטען.

5.

די דיינקענדע וועלט הויבט ערשט איצט אן צו באגרייפען דעם זין און די טיפקייט פון שפינאזא'ס דעפיניציעס פון סובסטאנץ, וועלכע ער האט געגע־בען גלייך פון אנפאנג אין זיין עטיק. שפינאזא באשטעהט אין זיין דעפיני־ציע פון סובסטאנץ אויף דעם, אז דער באגריף וועגען סובסטאנץ מוז זיין גענצליך אומאפהענגיג פון אלע אנדערע באגריפען. דאס מיינט, מיט אנ־דערע ווערטער, אז דער באגריף וועגען סובסטאנץ קאן ניט ארויסגעלעזען ווערען פון קיינע אנדערע באגריפען, און אז ניט פריהער איידער די סוב־סטאנץ, דאס העכסטע אין דער וועלט, ווערט באנומען, קאנען די באגריפען וועגען אלע אנדערע זאכען אין דער וועלט האבען א זין אדער אן אינהאלט.

אלס א שריט פאָרווערטס אין דער שפּינאָזאַ'שער ריכטונג קאָן, גלויבען מיר, באטראַכט ווערען די שטאַרקערע פערזאָניפיצירונג פון דעם סובסטאַנץ די שטאַרקערע באַטאָנונג וועגען דעם, אַז די פּערזענליכקייט פון דעם אינדיווידועל אָדער סוביעקט, וואָס דאָס איז זיין העכסטער אויסדרוק, מוז אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן אריבערגעטראָגען ווערען אויף דער וועלט מהות; דערמיט ווערט די ספּינאָזיסטישע סובסטאַנץ נאָך ווייטער אַוועקגענומען פון דער סובסטאַנץ, מיט וועלכע דער מאַטעריאַליזם און דער רעאַליזם האָט אָפּערירט, און עס ווערט אַ גרעסערע נאָהנטקייט געשאַפען צווישען דער מענשליכער און אוניווערסאַלער פּערזענליכקייט.

„דער זעלבסט". זאָגט האָלדיין, „עקזיסטירט אין אַלע זיינע מעגליכע פאָרמען אויף אַ שטופע, וואָס דייטעט אָן פּערזענליכקייט. די העכסטע זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ, די זעלבסטקייט וועלכע איז דער באַזיס, ניט נאָר פון דעם אינדיווידועלען סוביעקט, נאָר פון דער גאַנצקייט פון דער אוניווערס מוז אַמווייניגסטענס דאַריבער זיין פּערזענליך. היות אָבער, ווי מיר מוזען אָננעמען, אַז אַלס איינער, וואָס שטימט גענצליך צענויף מיט זיין אייגענער אַקטיוויטעט, מוז ער אין זיך איינשליסען דעם אונטערשייד צווישען דעם זעלבסט און דעם ניט זעלבסט, וועלכער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מענשליכער באַגרענעצקייט און ענדליכקייט, און דאָך זאָל ער אָנהאַלטען דעם דאָזיגען אונטערשייד בלויז אַלס זיין אייגענעם אַקט און זיין אייגענע באַשטימונג, לכן מוז ער זיין (אויב עס איז ערלויבט זיך צו באַנוצען מיט גיט קיין פאָלקאָמענעם אויסדרוק), ניט נאָר פּערזענליך, נאָר איבער פּערזענליך, צוליעב דעם, וואָס זיין רעאַליטעט שפּרייט זיך אויס פון יענער זייט פון די באַגרענעצונגען פון דעם ענדליכען. דער אומענדליכער באַזיס פון יעדען דיינקען, אַזוי גוט ווי פון יעדען זיין, קאָן ניט זיין קיין סובסטאַנץ, נאָר מוז זיין סוביעקט, ווען עמענס אָביעקט איז קיין זאַך ניט, וואָס ליגט אויסערווענדיג פון זיך גופא. אין דעם דאָזיגען זין איז גאָט אימאַנענט. עס איז דער גרויסער פּרינציפּ פון דער רעלאַטיוויטעט פון דער גאַנצער מענשליכער דערקענטניס, וואָס צווינגט אים צו זוכען די פאָרם אין וועלכער די דאָזיגע רעלאַטיוויטעט ווערט אין אַנקלאַנג געבראַכט מיט דעם לעצטען אמת".

און ווען איינער רעדט וועגען דער אימאַנענץ פון גאָט, קאָן ער נאַטירליך זיך ניט העלפען צו פילען אויף זיך דעם איינפלוס פון שפּינאָזאַ'ן. און דערפאַר

ענדיגט טאַקע האָלדיין זיין בוך דערמיט וואָס ער דערמאָנט דעם לעזער אין שפּינאָזא'ס: „עסט דעאוס אין נאָביס“ (פאַראַן א גאָט אין אונז).

ווען מען דערמאָנט זיך, אַז ענגלאַנד צוליב אורזאַכען, וועלכע אונז וועט אויסקומען אין די שפּעטערדיגע ארבייטען צו אַנאַליזירען, איז געווען דאָס לאַנד אין וועלכען דער איינפלוס און די ווירקונג פון שפּינאָזא'ן האָט זיך אַמווייניגסטען געשפּירט, ווערט קלאָר, אַז שפּינאָזא'ס איינפלוס אין ענגלאַנד איצט, קאָן דערקלערט ווערען נאָר דערמיט, וואָס דער אַפּריאָריסטישער און אינטואיטיווער אידעאַליזם האָט לעצטענס דורכגעבראָכען אַזא טיפען און ברייטען וועג, אַז אפילו די אַפּאָסטעאָרי און עמפּיריציסטישע ענגלאַנד האָט ניט געקאָנט ווידערשטעהן דעם שטאַרקען אַנשטורם.

און אין איר פּערזאָניפיצירען די סובסטאַנץ און אין איר שאַפען דורך דעם אַ קאָנקרעטערע און אייגגערע פאַרבינדונג צווישען מענש און גאָט, ניט חלילה דורך דער אונטערשאַצונג פון גאָטס גרויסקייט, נאָר דורך דער דערהויבונג פון דער קוואַליטעט פון דעם מין מענש, אויך אין דער דאָזיגער ווענדונג געהט ענגלאַנד מיט דעם שטראָם פון אינטואיטיוויזם, וועלכער האָט אָפּגעוואַשען טראַנסצעדענטאַליזם פון דער אויבערפלאַך פון דעם מענשליכען דיינקען אין דעם צוואַנציגסטען יאָרהונדערט. דער אינטואיטיווער פּאָזיטיוויזם פאַרנעמט אַלץ מער דאָס אָרט פון דעם טראַנסצערענטאַלען אַגנאָסטיציזם. דער קוואַנטיטיווער רעאַליסטישער מאַטעריאַליסטישער מאָניזם טרעט אָפּ זיין פּלאַץ דעם קוואַליטאַטיווען רעאַליסטיש ספּיריטועלען מאָניזם. די איין און איינציגקייט פון דעם אוניווערסאַלען גייסט, און פון זיין דירעקטסטען און אינטימסטען אויסדרוק—קולטור, ווערט אויף אַזא אופן טיפער, איידער ווען עס איז פריהער, פעסטגעשטעלט. די קוואַליטאַטיווע דיפערענצירונג פון די אויסדרוקען פון גייסט און פון די צווייגען פון קולטור רירען ניט אָן די אידענטיטעט, וועלכע ליגט אונטער די דאָזיגע אַלע דיפערענצירונגען. און האָט דער אוניווערסאַלער גייסט, וועמענס מהות איז זעלבסטבאַוואוסטזיין, געפונען אַ געוויסען אויסדרוק, אָדער דורכגעבראָכען זיך דורך אַ געוויסער געשטאַלטונג פון זעלבסט באַוואוסטזיין, מעג זי אויסזעהען ווי אַ מענש, ווי דאָס אין דער פאַל אויף דער ערד טייל פון דער אוניווערס, אָדער מעג זי, די דאָזיגע זעלבסטבאַוואוסטזייניגע געשטאַלטונג, האָבען אַנאַנדער אויסזעהן, מוז זי, מאָמענטענווייז אַמווייניגסטען, דעם גייסט און דעם זעלבסטבאַוואוסטזיין אין זיין גאַנצער אבסאָלוטהייט, דערשפּירען.

„דער מענש און גאָט" זאָגט האָלדיין, „זיינען ניט קיין נומערישע זיך אונטערשיידענדע סוביעקטען אין דערקענטניס. זיי זיינען דער איין פונדאַמענטאַלער גייסט, וואָס ווייזט זיך אַרויס אין פאַרשיידענע שטופען, אָדער לאָגישע פאַזען אין דעם פּראָגרעס פון דער רעאַליטעט, וועלכער פאַרלירט אָבער ניט זיין אידענטיטעט דורך די אַלע פאַנאַנדערצווייגונגען. דאָס איז די אידענטיטעט, וואָס ליגט אונטער דער צענויפמישונג פון געדאַנקען און מאַכט זיי פאַר דעם, וואָס זיי זיינען, און וואָס דורך דעם וואָס זיי זיינען ווערען געשאַפען שייכות'ן צווישען מענש און מענש. עס איז די זעלבע אידענטיטעט אין דעם אונטערשייד, וועלכע שאַפט א שייכות צווישען מענש און גאָט."

די פּערזאָניפיצירונג אָדער סוביעקטיוויזירונג פון דער סובסטאַנץ און די קאָנקרעטיזירונג פון די שייכות'ן צווישען גאָט און מענש האָבען געמוזט פירען צו דעם אַנטי־אינטעלעקטואַליזם אין דעם אידעאַליזם, דען דער אינטעלעקט אַליין שטעלט נאָך ניט צענויף אַ פּערזאָן אָדער אַ סוביעקט. אַמפּולסטען און אַמשטאַרקסטען דריקט זיך אויס די פּערזענליכקייט, די סוביעקטיוויטעט אָדער אינדיווידואַליטעט אין דעם מענשען אין האַנדלונג, און יערע האַנדלונג איז אַ סינטעז פון דיינקען, פילען און ווילען, אַן אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישען דעם אַלץ אין דעם באַוואוסטזיין און דעם אַלץ אין דעם אונטער באַוואוסטזיין. די מהות פון דער פּערזענליכקייט איז די נשמה אין אירע טיפסטע טיפעניש'ן, און די נשמה שליסט אין זיך איין דעם אינטעלעקט, און שליסט ניט אויס די געפיהלען און דעם ווילען. זי איז דער פּונקט, וואו באַוואוסטזיין, אונטער־באַוואוסטזיין און איבער־באַוואוסטזיין טרעפען זיך צענויף. דאָס נאָרמאַלע און אומנאָרמאַלע, דאָס ראַציאָנאַלע און דאָס איר־ראַציאָנאַלע פליסען פון איר אַרויס.

און וואָס מער די טראָפ ווערט אין דעם צוואַנציגסטען יאָרהונדערט געשטעלט אויף דער נשמה, אַלס גאַנצעס, אַנשטאָט אויף דעם אינטעלעקט, אַלס אַ טייל בלויז פון איהר, אַלץ מער אויפמערקזאַמקייט הויבט אָן געשיינקט צו ווערען צום אומבאַוואוסטען.

אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט די אורזאַך, וואָס וואַסערמאַנ'ס העלד וואַנשאַפע גיט אָן פאַר זיין ליבע צו דער וויסענשאַפט פון פּסיכיאַטריע ;

„אין איר, איז איין מיסטעריע אָנגעזאמעלט אויף דער אנדערער. דאָרט שפּרייטען זיך פאנאנדער נאָך ניט קיין אויסגעפּאָרשטע, און נאָך ניט קיין אַנדעקטע לענדער—גרויסע עפּידעמיעס פון דער נשמה קראַנקהייטען, פון די געשלעכטער, טיף איינגעוואָרצעלטע חלאת'ן פון גאנצע פעלקער, א מורא'דיגער געיעג צווישען הימעל און ערד, נייע גרופּען פון פּסיכישע באַנ־דען, וואָס ציהען זיך פון איין יאָר טויזענד ביז דעם אנדערען און פון איין מענשען ביז דעם אַנדערען, און וואָס, ווען זייער נאַטור וועט אנדעקט ווערען, וועט די דאָזיגע אַנטדעקונג צוטרייסלען די גאנצע סטרוקטור פון דער וויסענ־שאַפט."

און דאָ דערמאָנען מיר זיך, אז שטיצענדיג זיך גאָר אין א גרויסער מאָס אויף פּסיכיאַטריע, האָט בערגסאָן, אין זיין גרויס ווערק „מאַטעריע און זכרון", ארויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז די מאַטעריע גופא מוז אין איר לעצ־טען אַנאַליז רעדוצירט ווערען צו א פּסיכישען צושטאַנד, אָדער צו א מין קריסטאַליזירונג פון דעם פליסענדען גייסט, און אַז די שטיק מאַטעריע אָדער קריסטאַליזירטער פּסיכישער צושטאַנד, וואָס מען רופט מאַרך, איז ניט מער פאַראַנטוואָרטליך, אָדער קאָן ניט מער באַטראַכט ווערען, אַלס די אורזאַך פון דעם זכרון און אַלע אַנדערע אַטריבוטען, וואָס שטעלען צענויף דעם גייסט, ווי דער דראָט איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער עלעקטריע, וואָס געהט דורך אים דורך, אָדער דער פּאַפּיר און פען פאַר די געדאַנקען למשל, וואָס זיינען אויסגעדריקט אין געטהע'ס „פאוסט" אָדער אין שעקספּיער'ס „האַמלעט".

בכלל איז דאָס אַראָפּלאָזען זיך פון דעם מענשליכען באַוואוסטזיין אין די טיפענישען פון דעם אונטערבאוואוסטזיין, אויך איינע פון די וויכטיגסטע שטריכען, וואָס צייכענען אוים די גייסטיגע שטרעבונג פון דעם אָנהויב פון דעם צוואַנציגסטען יאָרהונדערט. דאָס מענשליכע דיינקען הויבט אָן איצט מער און מער צו באַטראַכטען דעם אונטערבאוואוסטזיין פאַר דעם פאַרבינ־דונגס קאַנאַל צווישען דעם מענשליכען באַוואוסטזיין און דעם אוניווערסאַלען באַוואוסטזיין, צווישען דער מענשליכער דערקענטניס און דער סאַמע העכס־טער און סאַמע לעצטער וועלט־אַל דערקענטניס.

און אַ דאַנק דעם, זיינען אויך געקומען צום פאָדערגרונד אין דער באַ־טראַכטונג פון די טרייבקרעפטען און מאָטיווען פון מענשליכע האנדלונגען, די אינסטינקטען, געפילען און עמאָציעס — אָט די אַלע בויענדע און צו־

שטערענדע קרעפטען, וואס ארבייטען אונטער דעם באוואוסטזיין, ווי די לא־ווע פון די פייער שפייענדע בערג ארבייטען אונטער דער ערד.

די ליניע, וואס בערגסאן האט געלאזט דורכשניידען פון דעם אינ־סטינקט ביז צו דעם העכסטען אויסדרוק פון דעם מענשליכען גייסט — דער אינטואציע, וועלכע גיסט צענויף דעם מענשען מיט דער רעאליטעט, די דאזיגע ליניע איז פול מיט „זיג־זאגען”, זי איז אבער דורכאויס אן אומאונ־טערבראכענע. אויף אזא מין אופן ווערט פון דאס ניי אנערקענט די גרויס־קייט וואס ליגט פארבאהאלטען אין דער פרימיטיוויקייט פון דעם מענשען. די נאטירליכקייט ווערט, ווי אין די גוטע אלטע צייטען פון רוסא, אוועק־געשטעלט איז געגענזאץ צו דער געקינצעלטקייט; און די עכטקייט פון דער קולטור, להפוך צו דער לערקייט פון דער ציוויליזאציע.

די דאזיגע אנערקענונג פון דער גרויסער טיפקייט, וואס ליגט פארבא־האלטען אין די טיפענישען פון דער פרימיטיוויטעט, דער שטארקער פאר־דאכט וועגען דעם אז זי, די פרימיטיוויטעט, גרעניצט זיך ערגעץ וואו מיט די אבסאלוטע און פאלקאמענע כחות פון דער וועלט, איז פאראנטווארטליך, ווי מיר דיינקען, פאר דעם גרויסען איינפלוס, וואס די רוסישע קולטור, אין איר שטארקסטען אויסדרוק — דער שענער ליטעראטור, האט איצט אויף דער גאנצער וועלט.

און אויב פון אלע רוסישע דיינקער־דיכטער, אויסגערעכענט אפילו טאלסטאי'ען, איז דאסטאיעווסקי דער יעניגער, וואס ציהט, ווי דער שטארק־סטער מאגנעט, די אויפמערקזאמקייט פון דער וועלט צו זיינע שאפונגען, וועלכע זיינען אלט א קימא לן פון פופציג יאר, און אויב, פון אלע דאסטא־יעווסקי'ס ווערק, איז זיין „ברידער קאראמאזאוו” דאס אנערקענטע גרעסטע ווערק היינט צו טאג, איז עס דערפאר, וואס דאסטאיעווסקי האט מער פאר אלע אנדערע רוסישע שרייבער נעגלויבט אין דער גרויסקייט און הייליגקייט פון די פרימיטיווע כחות פון דעם מענשען—ער, מער פאר אלע, האט גע־זעהן אין דער פרימיטיווקייט דעם וועג צו דער אורשפרינגליכקייט, ער האט מער פאר אלע, אין זיין צייט, געפילט און געשפירט אין דעם קלאפען פון דעם מענשענס הארץ דעם שטארקסטען אויסדרוק פון דעם אוניווערסאלען גייס־טיגען טיק־טאק.

דער גרויסער דייטשער ליטעראטור קריטיקער הערמאן העסע קאן פשוט ניט געפינען גענוג שטארקע טערמינען אויסצודריקען זיין לויב גע־

זאנג און זיין הויכשאצונג פון דאָסטאָיעווסקי'ן בכלל און פאר זיין געניאַלען ווערק „ברידער קאראמאזאָוו" בפרט.

אינטערעסאַנט איז דאָ זיך צו דערמאָנען, אז פּעטער קראָפּאָטקין האָט אין 1905 אין זיין אָפּשאצונג איבער דער רוסישער ליטעראטור געשריבען, אז ער האָט קיינמאָל קיין געדולד ניט געהאט צו ענדיגען „ברידער קאראַמאזאָוו". דאָס איז דערפאר וואָס קראָפּאָטקין איז געווען, ווי מיר וועלען עס זעהען אין אונזערע ווייטערדיגע ארבייטען, אין זיין דיינקען, אַ פּראָדוקט פון דעם געדאנקען פלוס פון דער צווייטער העלפט פון דעם ניינצענטען יאָרהונדערט, וועלכע האָט אלץ, וואָס געהט אונטער דעם נאָמען גייסט, דעם באַוואוסטזיין, אַזוי גוט ווי דעם אונטערבאוואוסטזיין, געוואָלט צוריק פירען צו שטאָף און קראפט און צו זעהן אין אלץ, וואָס מיר באצייכענען מיט דעם וואָרט נשמה, ניט מער ווי אַ העכסט קאָמפּליצירטע אָרגאַנישע פאראייניגונג און אַ שווערע, אָבער דאָך אויפלייזבארע, פארבינדונג פון כעמישע און פיזישע עלעמענטען, וועלכע קאָן אויף אַזאַ, אָדער אַנאַנדער אינטעלעקטועל-מאַטעמאטישען אופן טראַנספאָרמירען זיך פריהער אין אַ פיזיאָלאָגישען און דערנאָכדעם אין אַ גייסטיגען קאָמפּלעקס. ממילא האָט צו אים ניט געקאָנט אַפּעלירען און דארום אויך ניט פאראינטערעסירען דאָסטאָיעווסקי'ס אראָפּלאָזען זיך אין די תהום'ן פון דער מענשליכער נשמה ווי אין אַ „מארע טענעבראַרום", ווי אין אַ ים פון די פינסטערסטע פינסטערנישען, און די אָפּגרונטען, וואו עס הערשט אומגעשטערט דאָס, וואָס זעהט אויס צו דעם מענשען צו זיין כאָאָס און משוגעת. ער האָט זיך אראָפּגעלאָזט אהין מיט דער האָפנונג און אָפט מיט דער זיכערהייט דאָרט צו דערזעהן דאָס גרויסע קאָנקרעט טראַנסצעדענטאַלע ליכט, די אבסאָלוט פאָלקאָמענע פארנונפט, וואָס פון איר איז דאָס פענאָמענאַלע ליכט און פינסטערניש, די פענאָמענאַלע קלאָרקייט און מטושטש'קייט, נאָרמאַלקייט און אומנאָרמאַלקייט, ניט מער ווי צוויי פארשיידענע אַנבליקען, צוויי פארשיידענע וואַריאַציעס; דאָרט צו דערזעהן דעם „אלץ", וועלכער, מחמת זיין אבסאָלוטער זעלבסטשטענדיגקייט און אוניווערסאַלער פאָלקאָמענהייט, מוז זיין די יעניגע גייסטיגע געשטאַלטונג, וואָס זאָל אַרומנעמען דאָס גאַנצע ז י י ן און ו ו ע ר ע ן פון דער וועלט און אַליין פון קיין זאַך ניט אַרומגענומען צו ווערען; דאָרט צו דערזעהן און טיף אריינבליקען דורך אונזער אייגענעם זעלבסט אין דעם אוניווערסאַלען זעלבסט, וואָס זיין באַנעם און ווילען קאָן דערקלערען שטאָף און קראפט, נאַטור און געזעץ, מענש און פארנונפט, וואָס ער אַליין אָבער קאָן ניט דער־

קלערט ווערען אנדערש ווי דורך זיך גופא דורך דעם „זיך" אין וועלכען אלע אונזערע „איכ'ן" און „זעלבסט'ן" זיינען איינגעשלאָסען.

און בעת, דאָס אין וואָס מיר זיינען איינגעשלאָסען, קאָן אמאָל צו אונז קלאָר ווערען, קאָן עס אָבער צו אונז קיינמאָל ניט דערקלערט ווערען. עס קאָן אמאָל, ווי דאָסטאָיעווסקי האָט געדיינקט, מיט דעם הארצען דערשפּירט ווערען, אָבער ניט מיט דעם קאָפּ צוגעלידערט ווערען; אָדער ווי בערגסאָן האָט נאָך אים זיך אויסגעדריקט, אינטואיטיוו באַנומען ווערען, אָבער ניט מיט דעם אינטעלעקט אָדער מיט דער פאַרנונפט צוזאַמען געפאַסט ווערען.

איבער פופציג יאָר האָט דאָסטאָיעווסקי געמוזט וואַרטען ביז זיינע פּאָעטיש -פּראָפעטישע אנטפלעקונגען האָבען דורכגעבראָכען די מאַטעריאַ־ליסטישע וואַנט פון אַלערליי וויסענשאַפטליכע ערפינדונגען און אנטדעקונגען. אַ ריכטיגע אָפּשאַצונג פון דאָסטאָיעווסקי'ס שאַפען האָט ניט געקאָנט קומען, איידער די קולטור ווערטען האָבען אָנגעהויבען אוועקגעשטעלט ווערען עט־וואָס העכער פאַר די נוצען פון דער ציוויליזאַציע, און ממילא ניט פריהער איידער עס האָט אָנגעהויבען אויפגעגעבען צו ווערען די האָפנונג, ווען עס איז צו רעקאָנסטרואירען דעם גייסט דורך די מאַטעריעל ממשות'דיגע עלע־מענטען.

„נאַטירליך", זאָגט העסע, „קאָן איינער, אויב אים געפעלט אזוי, באַ־טראַכטען די „ברידער קאַראַמאַזאָוו" פון אַ ליטעראַרישען שטאַנדפּונקט, אַלס אַ קונסטווערק. ווען דאָס אומבאַוואוסטע פון אַ גאַנצען קאָנטינענט און פון אַ גאַנצען דור האָט געמאַכט פון זיך פּאָעזיע אין דעם קאָשמאַר פון אַן איינצעלנעם פאַנטאַזיאָר, בעת עס איז ארויסגעקומען אין זיין שרעקליכען בלוט פאַרגליווערענדען געשריי, קאָן איינער בעטראַכטען דעם דאָזיגען געשריי פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַ געזאַנגס לערער. בלי ספק איז דאָסטאָיעווסקי געוועזען אַ זעהר באַגאַבטער פּאָעט, ניט קוקענדיג אויף די אָפּשייליכקייטען אין זיינע ביכער. פון אַזעלכע אָפּשייליכקייטען איז אַן איינפאַכער און ריינער פּאָעט, אַזעלכער ווי למשל טורגעניעוו, פריי. ישעיה איז אויך געוועזען אַ באַ־גאַבטער פּאָעט. אָבער איז דאָס דען וויכטיג? אין דאָסטאָיעווסקי'ן, דערהויפּט אין זיינע „קאַראַמאַזאָווס", געפינט מען איבערטריבענע און געשמאַקלאָזע זאַ־כען. אַזעלכע זאַכען, וואָס פּאַסען זיך ניט פאַר קיין קינסטלער, פּאַסען דאָרט וואו דער מענש שטעהט שוין אויף יענער זייט פון קונסט. עס מאַכט ניט. אפילו אַלס קינסטלער ווייזט זיך ארויס פון צייט צו צייט דער דאָזיגער רוסי־

שער נביא; ער מאַכט זיך באוואוסט, ער מאַכט זיך בארימט פון איין עק וועלט ביז צו דעם אַנדערען... עס קאָן זיין, אַז וואָס ווייניגער א וועלט בוך איז א ווערק פון קונסט, אלס אמת'ר איז זיין נביאות..."

אויף אזוי ווייט שטימען מיר איין מיט העסע'ן.

ווען אָבער העסע, געהט אין די פוס טריט פון דעם פילאָזאָף אָסוואלד שפּענגלער, וועלכען מיר האָבען שוין פריהער דערמאָנט, און גלויבט אין דעם אונטערגאַנג פון אייראָפּא, און וויל באטראכטען דעם גרויסען איינפלוס פון די ברידער קאַראַמאַזאָוו אויף דעם געדאַנקען גאַנג פון דער וועלט אלס א סימן אָדער אויסדרוק פון דער דערנעהנטערונג פון אייראָפּאַ'ס חורבן, שטימען מיר מיט דעם ליטעראַטור קריטיקער העסע, אזוי ווייניג איין, ווי מיר שטימען איין מיט דעם פילאָזאָף שפּענגלער.

„עס זעהט מיר אויס", זאָגט העסע „אַז וואָס איך רוף אָן דעם אונטערגאַנג פון אייראָפּא איז פאָראויסגעזאָגט און דערקלערט מיט אויסערגעווענליכער קלאָרקייט אין דאָסטאָיעווסקי'ס ווערק, און אין דער עכט קאָנצענטרירטער פאָרם אין די ברידער קאַראַמאַזאָוו. עס ווייזט מיר אויס, אַז דער אייראָפּעאישער און באזונדערס דער דייטשער יוגענד, איז באשערט צו געפינען זייער גרויסען שרייבער אין דאָסטאָיעווסקי'ן.—ניט אין געטהע'ן, ניט זאָגאר אין ניטשע'ן. אין דער העכסטער מאָדערנער פּאָעזיע, איז איבעראַל פאראן א דערנעהנטערונג צו דאָסטאָיעווסקי'ן, הגם עס איז אָמאָל רוי און אימיטאַטיוו. דער אידעאַל פון קאַראַמאַזאָוו וועלכער הויבט שוין אָן צו פארצערען די אייראָפּייאישע נשמה, דאָס איז, וואָס איך פארשטעה, דער אונטערגאַנג פון אייראָפּא. דער דאָזיגער אונטערגאַנג איז אַן אומקער צו דער מוטער, א צוריקקער צו אזיע. צו דעם קוואַל, צו די „פאוסטישע מוטערס" און ער וועט אויף א נויטווענדיגען אופן פירען, ווי יעדער טויט אויף דער ערד, צו א נייעם געבורט... א דרינגענדע אויפפאָדערונג קלינגט ארויס פון די דאָזיגע קאַראַמאַזאָוס פאר דעם סימבאָל, נאָך וועלכען זייער גייסט שטרעבט, א גאָט וואָס איז אויך א טייוועל. דאָסטאָיעווסקי'ס „רוסישער מענש" איז דורכגעדרונגען מיט דעם דאָזיגען סימבאָל. דער גאָט-טייוועל, דער פּרימיטיווער דעמיורג, דער וואָס איז געווען דאָרט פון אָנפאַנג, דער וואָס שטעהט אליין אויף יענער זייט פון דעם פארבאָרגענעם. דער וואָס ווייס ניט קיין טאָג און קיין נאַכט, ניט קיין גוטס און קיין שלעכטס, דער וואָס איז דער גאָרנישט און דער אַלץ".

דאָס איז אַלץ זעהר ריכטיג וועגען דעם „רוסישען מענשען."

פארוואָס אָבער דאַרף דער דאָזיגער טיף ביז צום סאַמע אָפּגרונט „רוּ־סישער מענש" צענויפגעמישט ווערען מיט דעם „אַזיאַט" און ווערען אויף אַזאַ אופן, דורך זיין איינפלוס אויף דער וועלט, אַן אָנזאָג פון אייראָפּאַ'ס אונ־טערגאַנג, איז פּונקט אַזוי ווייניג באַגרייפליך ווי אייראָפּאַ'ס אונטערגאַנג גופא.

דאָ, גלויבען מיר, איז ווייטער שולדיג די אומקלאָרקייט אין די באַגריפען פון ציוויליזאַציע און קולטור, און צוליב דער דאָזיגער אומקלאָרקייט אין די באַגריפען פון ציוויליזאַציע און קולטור, צוליב דער דאָזיגער אומקלאָרקייט ווערט דער רוסישער מענש, נאָר צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך ניט אַרויפ־געדראַפּעט הויך גענוג אויף דער לייטער פון ציוויליזאַציע, באַטראַכט אַלס אַן אַזיאַט, הגם ער איז אַזוי טיף קולטורעל, און זיין איינפלוס ווערט באַ־טראַכט אַלס אַ סימפּטאָם פון צוריקגאַנג, אַלס אַן אָנזאָג פון דעם טויט, וואָס וועט מיט זיך ברענגען, אָדער וואָס דורך אים וועט קומען אַ נייער געבורט.

„דער רוסישער מענש" זאָגט ווייטער העסע, „עקזיסטירט שוין פון לאַנג. ער האָט עקזיסטירט ווייט אויסער רוסלאַנד, ער געוועלטיגט איבער האַלב פון אייראָפּאַ, אין די לעצטע יאָרען האָט מען גאַנץ קלאָר געקאַנט הע־רען אַ טייל פון דעם מורא'דיגען אויפרייס. דאָס ווייזט אויף דעם, וואָס איי־ראָפּאַ איז מיעד, דאָס ווייזט אויף דעם וואָס אייראָפּאַ וויל געהן צוריק אַ היים, דערין וואָס אייראָפּאַ וויל רוה, דערין וואָס זי וויל ווידער באַשאַפען און ווידער געבאָרען ווערען".

דאָס איז זיכער אמת. אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט דעם אונטער־גאַנג פון אייראָפּאַ, מיט דעם אונטערגאַנג, ווי שפּענגלער שטעלט זיך פאָר, פון די אייראָפּעאישע פעלקער? פאַרוואָס מוז עס דוקא מיינען, אַז אַנדערע פעל־קער וועלען ווערען די טרעגער פון דער נייער קולטור? פאַר וואָס זיך ניט פאָר־שטעלען אַז די עקספּלאָדירונג, וואָס שפּירט זיך אין דער לופט, באַדייט—דער אונטערגאַנג פון דער ציוויליזאַציע און דער ווידער געבורט פון דער קולטור, וואָס וועט געטראָגען ווערען פון די זעלבע פעלקער, וועלכע האָבען געטרי־בען די ציוויליזאַציע ביז אַ פּונקט, וואָס האָט ווירקליך געדראָהט מיט דער פאַרניכטונג פון דאָס העכסטע און בעסטע אין דעם מענשען; און אַז די גרויסע סימפּאַטיע און באַוואונדערונג וואָס די רוסישע ליטעראַטור בכלל, און דאָס־טאָיעווסקי בפרט, רופט אַרויס אין דער וועלט, דער גרויסער איינפלוס און שטאַרקע ווירקונג פון דעם רוסישען מענשען באַדייט אַן אויפלעבונג פון

דער קולטור, א גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון אן אוניווערסאלען זעלבסט, וואס דאס מיינט ממילא א שפירונג פון א זין און תכלית אין דער וועלט, אהן וועלכע קיין פאלק קאן ניט לעבען, און בפרט די פעלקער, וואס דורך זיי האט זיך אמשטארקסטען דורכגעזעצט די מאראל—קולטור, ווי דאס איז דער פאל מיט דעם רוסישען פאלק.

אזא אויפלעבונג פירט אויף א נאטירליכען אופן צו דער פרימיטיווער קייט, וואס גרעניצט זיך מיט דער אורשפרינגליכקייט, און צו אן אור־שפרינגליכקייט, וואס איז דער אנהויב און דער סוף פון אלץ, און אלס אזעלכע, מוז זי אין זיך אנטהאלטען, דאס, וואס זעצט זיך דורך, דורך דער מענשליכער דערקענטניס אלס גוטעס און שלעכטעס, ליכטיגעס און פינסטער־עס, געטליכעס און טייוואלישעס,—זי, די אורשפרינגליכקייט, מוז אין זיך אנטהאלטען דעם אלץ און דעם גארנישט. און דאס איז אייגענטליך וואס נעטהע׳ס „מוטערס" באדייטען. און היות ווי דאס, און ניט קיין אנדער זאך, איז דער תוך און תמצית פון דער קולטור, היות ווי קולטור איז אידענטיש מיט דער שטרעבונג די אורשפרינגליכקייט צו דערגרונטעווען, און אין איר אויסדרוק, צו געפינען דעם זין און ווערט פון לעבען, מוז נאטירליך די אויפ־לעבונג פון דער קולטור פירען צו די „פאוסטישע מוטערס". — אבער וואס האט עס צו טאן מיט דעם אונטערגאנג פון אייראפא און מיט דער צושטע־רונג פון נאציעס?

דער געשריי „צוריק צו דער מוטער, צוריק צו דער נאטור, צוריק צו דעם אורשפרינגליכען תוך און תמצית", וואס דאס אלץ מיינט צוריק צו די ווערטען פון קולטור, און נידער מיט די נוצען פון דער ציוויליזאציע — דער דאזיגער געשריי, וואס געפינט זיין אויסדרוק אויך אין דער באוואונדערונג און אין דער סימפאטיע מיט דעם, וואס העסע רופט, „רוסישער מענש", נעמט זיך, ווי מיר דיינקען, קודם כל דערפון, וואס דער אידעאליזם האט פארטריבען דעם מאטעריאליזם, און אין דעם אידעאליזם האבען דעם אויבען אן גע־קראגען דעם וואלונטאריזם, דער אינטואיטיוויזם, דער איררציאנאליזם. קורץ, אט די אלע „איזמען" וואס שטעלען די טראפ אויף געפיל אנשטאט געדאנק, אויף ווילען אנשטאט אינטעלעקט.

דאס האט געמוזט שטארקען דעם סוביעקטיוויזם איבער דעם אביעק־טיוויזם, דאס האט געמוזט אפציהען די אויפמערקזאמקייט פון דער אויס־סענוועניגסטער וועלט, וועלכע קאן אין דער לענג און אין דער ברייט געמאס־

טען ווערען, און וועגדען דעם מענשליכען אינטערעס און די מענשליכע אויפ־מערקזאמקייט צו דער אינעווענינגסטער וועלט, וועלכע ווייס ניט פון קיין מאָס און קיין וואָג, דען זי באזיצט בלויז א טיעף...

דער מענש האָט זיך געמוזט ארומזעהן, אז וואָס מער עס האָבען זיך געמערט זיינע פארלאַנגען און וואָס גרעסער אין צאָל עס זיינען געוואָרען די פארגעניגענעס, וועלכע די אויסענוויינינגסטע וועלט, וואָס זי האָט די ווי־סענשאַפט באוויזען צו עקספּלאָאַטירען, האָט אים צוגעשטעלט, אַלץ קלענער אין אינטענסיוויטעט איז געוואָרען די פרייד און גליקזעליגקייט, וואָס נאָר א טיפע אינעווענינגסטע וועלט קאָן געבען.

דער מענש האָט אָנגעהויבען איינצוזעהן דעם גרויסען אמת, וואָס ליגען אין די ווערטער פון דעם מאָנאך אין די ברידער „קאראמאזאָוו“.

„קוק אויף די וועלטליכע און אויף אַלע די, וואָס האָבען זיך געשטעלט העכער איבער די מענשען פון גאָט. איז ניט נאָטס געשטאַלט און גאָטס אמת פארדאָרבען געוואָרען אין זיי? זיי האָבען וויסענשאַפט, אָבער אין דער וויסענשאַפט איז ניט פאראן קיין זאַך אחוץ דאָס, וואָס איז דער געגנשטאַנד פון זינליכקייט. די ספּיריטועלע וועלט, דער העכערער טייל פון דעם מענ־שענס וועזען איז גענצליך צוריקגעוויזען געוואָרען, אויפגעלייזט געוואָרען מיט א מין טריאומף, זאָגאר מיט האס. די וועלט האָט פּראָקלאמירט די ממשלה פון פרייהייט, דערהויפּט אין דער לעצטער צייט, אָבער וואָס זעהען מיר אין זייער פרייהייט? קיין זאַך ניט א חוץ שקלאַפעריי און זעלבצושטערונג, דען די וועלט זאָגט: דו האָסט פארלאַנגען — שטעל זיי צופרידען, דען דו האָסט די זעלבע רעכט, וואָס די רייכע און די מעכטיגע. האָב קיין מורא ניט צופרידענצושטעלען און זאָגאר צו פארמערען דיינע פארלאַנגען. דאָס איז די מאָדערנע דאָקטרין פון דער וועלט. אין איר זעהען זיי פרייהייט.

און וואָס איז דער פּועל יוצא פון די דאָזיגע רעכט צו מולטיפּליצירען די פארלאַנגען. אין דעם רייכען—איזאָלירונג און גייסטיגער זעלבסטמאָרד, אין דעם אָרימען — קנאה און מאָרד, דען מען האָט זיי געגעבען די רעכט, מען האָט זיי אָבער ניט געוויזען דעם וועג ווי אזוי צופרידענצושטעלען זייערע פארלאַנגען.

זיי באשטעהען אויף דעם, אז וואָס מער די וועלט באזיגט די דיס־טאַנץ, און וואָס מער זי מאַכט געדאַנקען אין דער לופטען צו פליהען, אַלץ

מער און מער ווערט די וועלט פאראייניגט, מער און מער צענויפגעבונדען אין א ברידערליכען צוזאמענלעבען.

אָ, גלויבט ניט אין אזא באנד פון פאראייניגונג. אויסטייטשענדיג די פרייהייט אלס א פארגרעסערונג און א פארשנעלערונג פון די צופרידענשטע־לונגען פון די פארלאנגען, האָבען די מענשען פארדאָרבען זייער נאטור. דען עס האָבען זיך אנטוויקעלט אין זיי א סך זינלאָזע און נארישע פארלאנגען און געוואוינהייטען. זיי לעבען בלויז פאר געגענזייטיגער קנאה, לוקסוס און בארימעריי...

...איך האָב געקאַנט א קעמפער פון פרייהייט, וועלכער האָט מיר אליין געזאָגט, אז ווען מען האָט אים ניט געגעבען קיין טאבאק אין תפיסה, האָט ער זיך געפילט אזוי אומגליקליך, אז ער איז כמעט געווען גרייט צו פאר־ראטען זיין אידעאל אום צו קריגען נאָך א מאָל טאבאק. און אזא מענש זאָגט: איך קעמף פאר דעם אידעאל פון דער מענשהייט.

ווי קאָן אזא קעמפען, צו וואָס טויג ער?... און עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס אנשטאָט צו געווינען פרייהייט, האָבען זיי געזונקען אין שקלאַ־פעריי, און אנשטאָט צו דינען דעם אידעאל פון ברידערליכער ליבע און מענש־ליכער אייניגקייט, זיינען זיי אריינגעפאלען אין מחלוקת און אָפגעזונדערט־קייט. און דערפאר שטארבט אָפּ אלץ מער און מער אין דער וועלט די אי־דעע פון דינען דער מענשהייט, די אידעע פון ברידערליכער ליבע און סאָלי־דאריטעט אין דער מענשהייט. דען ווי קאָן א מענש אָפטרייסלען פון זיך זיינע געוואוינהייטען, וואָס קאָן ווערען פון אים, אויב ער איז אזא שקלאַף צו דער געוואוינהייט פון צופרידענשטעלען די אומצייליגע פארלאנגען, וועל־כע ער האָט פאר זיך אליין באשאַפען? ער איז איזאָלירט און וואָס געהט אים אָן די איבעריגע מענשהייט. זיי האָבען באוויזען צענויפצוזאמלען א גרויסע צאָל זאכען. די פרייד איז אָבער פארקלענערט געוואָרען אין דער וועלט".

און דאָס, וואָס דאָסטאָיעווסקי האָט געזעהן און געפילט מיט יאָרען צוריק, זעהט שוין און פילט שוין איצט א באדייטענדער טייל פון דער מענשהייט. זיי זעהען שוין איין, אז קיינע ענדערונגען אין דער געזעלשאַפט, קיינע געזעל־שאפטליכע רעוואָלוציעס וועלען דעם מענשען ניט ברענגען קיין גליק און קיין פרייד, כל זמן ער וועט זיך ניט באפרייען אין א גרויסער מאָס פון דער וועלט וואָס רינגעלט אים ארום, און דאָס קאָן געטאָן ווערען נאָר אויף איין

און איינציגען אופן, אויף דעם אופן פון צו פארקלענערען זיינע פיזישע פארלאנגען, בכדי צו קאָנען זיך אפּגעבען מיט די באַגערען און זוכענישען פון די איבערנאַטירליכע עקזיסטענצען. אמת, די דאָזיגע באַגערען און זוכעני־שען שטעלען קיינמאָל ניט צופרידען, דערפאר זיינען זיי אָבער אן אומדער־שעפּליכער קוואל פון גליקזעליגקייט און פרייד.

פוסט און ליידיג פילט זיך איצט דער מענש אין אַ וועלט, וואָס איז פול מיט אלדאָס גוטס אין דעם מאַטעריעלען זין. און ניט פארגעסען דאַרף מען, אז די פוסטקייט און ליידיגקייט פילט זיך אַמשטארקסטען אין דעם לאנד, וואָס האָט אויסגענומען אין דער וועלט מיט איר רייכקייט. אין אַ לאנד וואָס ווען עס זאָל וועלען, וואָלט עס אַ וועלט אַ גאַנצע געקאָנט שפּייזען.

די פוסטקייט און ליידיגקייט נעמט זיך דערפון, וואָס דער מענש האָט פארלאָרען יעדען איינציגען אָנהאַלט אין אַ וועלט, וואָס זאָל אין אלע הינ־זיכען אריבערשטייגען די וועלט, וואָס מיר נעמען ארום מיט אונזער באַ־גרעניצקייט. און נעמט נאָר דער מענש אָן די פיזישע וועלט אלס זיין איינ־ציגען אָנשפּאר־פּונקט, מוז מיט דער צייט יעדער גייסטיגער פונק אין אים אויסגעלאָשען ווערען, און יעדער אידעאל אנטרונען ווערען. און פון אלע פייערען וואָס האָבען געצינדען אַמאָל זיין נשמה, בלייבט בלויז אַש און קויהל.

שוין צום סוף פון דעם נייצענטען יאָרהונדערט האָט דו פּרעל אין זיין „פילאָזאָפיע פון מיסטיציזם" געשריבען: „אויב מען זעהט אין דער וועלט בלויז אַ הויפען פון כעמישע זאַכען און שערבלאך, וואָס אויף זיי פירט אָן אויך דער מענש אַ כעמישע עקזיסטענץ, בלייבט ניט אין איר קיין אָרט פאר גרויסע אידעען. דער מאָדערנער מענש, ווען ער זעהט ביינאַכט אין די הימלען, ווי די איבערפליסיגקייט פון די שטערען פינקעלט פּראַכטפול איבער אונזערע קעפּ, ווערט ער ניט מעטאַפיזיש אויפגערעגט פון דער דאָזיגער קאָמ־פּליקאַציע פון פּלאַמענדע וועלטען, נאָר וויסענשאַפטליך. ער זעהט נאָר איין זייט פון זאַכען: דעם געזעץ פון דער מעכאַניק לויט וועלכען אלץ באַוועגט זיך. ווי אויף אונזער פּלאַנעט דערקענט ער נאָר די געזעצען פון פיזיקע און כע־מיע. ער איז עהנליך צו איינעם, אין וועמען די אויפפירונג פון אַ סימפּאָניע רופט ארוים בלויז ספּעקולאַציעס וועגען די צוטרייסלונגען פון דער לופט".

די לעצטע ווערטער פון דו פּרעל'ן כאַראַקטעריזירען אויסגעצייכענט די ציוויליזאַציע און די ווירקונג, וואָס זי האָט געהאַט אויף די מענשען פון דער לעצטער העלפט פון דעם נייצענטען יאָרהונדערט. דאָס איז דאָך איוי־

גענטליך, וואָס האָט פּאַסירט מיט דעם מענשען אין דער צייט ווען דער מאַ־טעריאַליזם און די ציוויליזאציע האָבען אַרומגענומען דעם גאַנצען מענשליכען האָריזאָנט. די צוטרייסלונג פון דער לופט האָבען אים פאַרכאַפּט מער, איי־דער די צוטרייסלונג פון דער נשמה, דען ער האָט געהאָפט, אַז אין די לופט צוטרייסלונג וועט זיך אים איינגעבען צו געפינען די אורזאַכע און דערקלע־רונגען פון אַלערליי סימפּאָניעס — פון דער סימפּאָניע פון ליבע און שענ־קייט, פון די סימפּאָניעס פון אמת און גערעכטיגקייט.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז סימפּאָניעס קאָנען ניט מער דערקלערט און אויסגעשעפּט ווערען דורך די צוטרייסלונגען פון דער לופט, ווי קולטור קאָן דערקלערט און אויסגעשעפּט ווערען דורך דער ציוויליזאַציע.

דאָ דערמאָנען מיר זיך אין דעם קאַמף, וואָס געהט אָן אין דער נשמה פון פּיר'ן — דעם העלד פון באַדזשער'ס „גרויסער הונגער", — צווישען דער מעלאָדיע, וואָס איז אַרויסגעקומען פון זיין שוועסטער לואיז'עס פידעלע, אויף וועלכען זי האָט געשפּילט צום לעצטען מאָל פאַר איר טויט פאַר די קראַנקע אין שפּיטאָל, און די קלאַנגען וואָס קומען אַרויס פון אַלערליי האַמערס, אַלערליי געצייגען, און אַלערליי מאַשינען, וואָס אים, אַלס אינזשענער, איז אויסגעקומען צו הערען. אין דעם דאָזיגען קאַמף זעהען מיר א סימבאָל פון דעם קאַמף צווישען קולטור און ציוויליזאַציע.

צו יעדען מאָמענט, ווען ער האָט דערשפּירט אין זיך דעם גרויסען הונגער נאָך א גייסטיגער עקזיסטענץ אין דער וועלט, צו יעדען מאָמענט, ווען ער האָט דערשפּירט א צענויפגיסונג מיט דער אייביגקייט, אין יעדען מאָ־מענט ווען די קולטור אין אים האָט זיך געשטאַרקט איבער דער ציוויליזאַ־ציע, האָט ער דערזעהען פאַר זיך די געשטאַלט פון זיין פיזיש אָרימער, אָבער גייסטיג רייכער שוועסטער לואיז, און אין זיינע אויערען האָבען אָנגעהויבען קלינגען די טענער פון איר שפּילען.

אַזאַ מאָמענט, איז למשל, געווען דער, ווען ער האָט צום ערשטען מאָל דערשפּירט זיין שטאַרקע ליבע צו מערלע'ן.

„קיין זאַך קאָן ניט פאַרגליכען ווערען צום ערשטען טאָג פון ליבע. דיין גאַנצעס וויסען, דיינע רייזעס, דיינע מעשים און חלומות — אַלץ איז ניט מער ווי טרוקענע האַלץ געשלעפּט און צענויפגעהויפט. און איצט איז געקו־מען דער פונק. און דער גאַנצער הויפען פלאַמט אויף, וואַרפענדיג זיין רויטען גלוט איבער דער ערד און איבער דעם הימעל, און דו ציהסט אויס

דיינע קאַלטע הענט און וואַרימסט זיי און ציטערסט פון פרייד, וואָס א נייע ברכה איז געקומען אויף דער ערד".

„און אַלץ וואָס דו האָסט ניט געקאָנט פאַרשטעהן — די שייכות צווי־שען דעם פונקט פון דער אייביגקייט אין דיין נשמה און דער קראַפט אויבען און דעם גאַנצען אומענדליכען רוים — איז פּלוצלונג אַזוי קלאָר געוואָרען, אַז דו טוסט ציטערען פון פרייד, אריינבליקענדיג אין די לעצטע טיפענישען פון דער אומענדליכער רעטעניש."

אין אַזאַ מאָמענט האָט ער געזעהן פאַר זיך לואיז'ען א לעבעדיגע, אַקוראַט אַזוי ווי זי איז געווען, ווען זי האָט דערקוויקט אַביסעל די קראַנקע אין שפּיטאָל מיט די טענער פון איר מוזיק.

לואיז פאַרלירט אָבער באַלד איר העלקייט און פאַרשווינדט ווי א פלאַם, וואָס ווערט אויסגעלאָשען און עס קומט א ברויזענדער ליאַרם נעהנטער און נעהענטער, רייבענדיג, קראַכענדיג, קלאַפּענדיג און ער ווייס איצט גאַנץ גוט וואָס דאָס איז: דאָס איז דער געזאַנג פון דעם שטאָל.

דאָס ברויזען פון דעם שטאָל פון די שיפען פון די באַנען מיט זייערע געלע טייוואָלישע אויגען, לויפענדיג פול מיט מענשליכע געפאַנגענע, וואו־הין? גיכער, גיכער—געטריבען פון קאָנקורענץ, פון דעם שטאָלענעם טיי־וועל, וואָס יאָגט דעם מענשען אָהן א רוה אָדער אָפּשטעל, וואָס טרייבט דעם פולס פון דער וועלט צו פיבער, האַלוצינאַציע און משוגעת.

דאָס קראַכען פון שטאָל, דאָס פאַלען פון באַלקענס, דאָס זשומען פון רעדער, דער צוזאַמענשטויס פון שטאַנגען, אייזערנע הענטלאַך און קייטען, דער קלאַנג פון די דאַמף האַמערס ביי דער אַרבייט — אַלץ איז אין דעם דאָזיגען גערויש—דער פייער פלאַקערט אויף מיט גיהנום'שע אויגען אין יעדען פינסטערען ווינקעל, און די מענשען באַוועגען זיך אין גרויסע מחנות אין דעם רויטען גלוטה ווי טייוואָלים. זיי זיינען שקלאַפען פון שטאָל און פייער. וואָס ווערען ווי מיט בייטשען געטריבען פאָרווערטס, קיינמאָל ניט רוהענדיג."

דער שטאָל און די פידעל... די קולטור און די ציוויליזאַציע — די קול־טור, וואָס פאַרטיפט דעם מענשען און קניפּט אָן זיין לעבען אָן א העכערער עקזיסטענץ און שאַפט דורך דעם א זין און א ווערט, א ציעל און א צוועק אין לעבען, און די ציוויליזאַציע, וואָס פאַרפלאַכט דעם מענשען, רייסט אים ווי

מיט צוזאַנגנען אוועק פון אַלץ, וואָס איז איבער דעם מענשען איבער דער נאַ־טור, איבער דאָס באַלדיגע און צייטווייליגע און וואַרפט אים אַריין אין קע־סעל גרוב פון דאָס בלויז מענשליכע, בלויז נאַטירליכע און בלויז צייטווייליגע, און לאָזט אים גאָר אין גיכען הייגנגען אין דער לופטען אָהן אַ וואוהין, אָהן אַ פאַרוואָס און אַ צוליב וואָס.

קיין וואונדער ניט, וואָס דער מענש האָט גאָר אין גיכען אָנגעהויבען ביסלעכווייז צו רעבעלירען געגען דער ציוויליזאציע.

„איך גיב צו“, זאָגט פיר, „אַז דער גרויסער עוואָלוציאָנערער פּלאַן מיט זיינע וואונדער פון שטאָל און מופתים פון דער וויסענשאפט, געהט מאַרשי־רענדיג פאָרוועהרטס אויף אַ זעהר זיגרייכען אופן, בייטענדיג דעם אויסזעהן פון דער וועלט, פאַרשנעלערענדיג איר פולס צו אַ מער און מער פיבערישערע היץ. וואָס פאַר אַ גוטעס וועט עס אָבער טאָן דעם פויער, ווען ער וועט קאָנען פליהען אין דער לופט אויף זיין רעדעל־טראַגער, בעת עס איז ניט געבליבען אויף דער ערד קיין טעמפּעל און קיין הייליגער טאָג. וואָס פאַר אַ שליחות קאָן ער האָבען צווישען די וואָלקענס ווען קיין הימעל שפּרייט זיך ניט אויס ווי אַ געוועלב איבער זיין נשמה“.

„דאָס איז די ברענענדע פראַגע מיט אונז אַלעמען; מיט דיר אין דער מדבר, אַזוי גוט ווי מיט אונז אונטער דעם פאַל. מיר זעהט אויס, אַז מיר דאַרפען האָבען איינעם, וואָס זאָל מאַכען אונזער רעליגיע ניי, ניט בלויז אַ נייעם נביא, נאָר אַ נייעם גאָט... אַ טעמפּעל, אַ טעמפּעל פאַר דעם נייעם גייסט פון דעם מענשען, וועלכער הונגערט פאַר דער אייביגקייט, ניט פאַר דעם פּלאַפּלען פון תפילות, נאָר פאַר דעם לויבגעזאַנג פון דעם מענשענס גרויס־מוטיג האַרץ, וועלכער געהט שאַלענדיג גלייך אין הימעל אַריין. וועט עס קומען, — וועט ער ווען עס איז אויפגעבויעט ווערען?“

קיינע אַרבייטען, קיינע ערפאָלגען אויף דעם עקאָנאָמישען און מאַטערי־עלען געביט, קיינע פון די עקספּלואַטאַציעס פון דער נאַטור, קיינע פון די פּיעלע זיגען, וואָס פיר, אַלס אינזשינער, האָט געהאַט איינעם נאָך דעם אַנדערען איבער דער גרויסער וועלט, וואָס רינגעלט אים און אונז אַרום, האָט ניט געקאָנט שטילען די, אין אים טיף איינגעוואָרצעלטע, בייגקשאַפט נאָך עטוואָס, וואָס שטעהט העכער איבער דעם אַלעמען, וואָס קאָן אין די טערמינען פון מאַטעריע און ציוויליזאציע אויסגעדריקט ווערען.

„איך פיל", טענה'ט פיר „אז עס פעהלט א געוויסער אַנריר פון שיינקייט אין אונזער אומאויפהערליכען שטארקען באגער צו שאפען עטוואָס נייעס. אַלע מאָל עטוואָס נייעס. מער גאָלד, מער שנעלקייט, מער שפייז — דאָס איז אַלץ נאָך וואָס מיר יאָגען זיך".

עס פעהלט די שיינקייט דערפאר, וואָס דער באגער האָט זיך קאָנצענטרירט אויף צייטווייליגע און פארניכטבארע זאכען; אויף זאכען, וואָס האָבען א מאטעריעלע ממשות'דיגקייט אָבער ניט קיין גייסטיגע דויערהאפטיגקייט. עס איז א באגער נאָך ציוויליזאציע און ניט נאָך קולטור. און דערפאר דערפילט זיך פיר ווי א פארטריבענער אין גלות. ער ליידט ווי, ער אליין דריקט זיך אויס, פון א רעליגיעזער היימלאָזיגקייט.

ער דערהערט אין זיך א שטים, וואָס פרעגט איהם:

„וויפיל מאָל ביזטו און מערלע געלעגען שטארק האלטענדיג איינער דעם אנדערענס הענט, און אייערע געדאנקען האָבען געוואנדערט צוזאמען האנט אין האנט, זוכענדיג איבער דער ערד און צווישען די שטערען א געוויסען וועזען, צו וועמען איר וואָלט געקאָנט תפילה טאָן, ניט קיין תפילה פון א קנעכטיש בעטענדיגען געשריי פאר מחילה און געפעליגקייט, נאָר א יובעלענדע דאנק-זאָגונג פאר די מתנות פון לעבען.

אָבער וואו איז ער געווען?

ער איז ניטאָ און דאָך — איז ער פאראן."

און פאראן איז ער דערפאר, ווייל אָהן אים קאָן פיר ניט לעבען. און וועלכער טיף דיינקענדער מענש קאָן עס יאָ?

און דאָס אליין, וואָס דער מענש האָט דערשפירט זיין אינהאלטסלאָזיגקייט, און ממילא זיין ווערטלאָזיגקייט, אזוי שנעל ווי ער האָט פארלאָרען זיין גלויבען אין א טראנסצענדענטאלער וועלט פון וועלכער די ממשות'דיג-פענאָמענאלע וועלט איז אן ארויסשטארונג אָדער אן אָנבליק, דאָס אליין, וואָס ער פילט, אז עס איז אוממעגליך פאר אים לאנג אָנצוהאלטען זיין גייסטיגען באלאנס אָהן וועלכע עס איז פעדים, וואָס זאָלען אים צענויפבינדען מיט א וועלט, וואָס איז פול מיט אבסאָלוטע אינהאלטען און ווערטען; דאָס אליין איז דער גרעסטער באווייז, אז עס זיינען פאראן זיכטבארע און ניט קיין זיכטבארע, אָבער אויף אזא אָדער אנאנדער אופן פילבארע פעדים, וואָס ציהען זיך פון דעם זעלבסט צו דעם איבערזעלבסט, פון דער פערזענליכקייט צו דער איבערפערזענליכקייט. קורץ, פון דעם מענשען צו גאָט...

און דאָס האָט דאָסטאָיעווסקי געפילט מיט אַלע פיברען פון זיין נשמה. אין דער צייט, ווען דער מיסטיציזם אין אַלע זיינע פאָרמען, איז באַטראַכט געוואָרען פאַר אַן אַנאַכראָניזם, האָט דאָסטאָיעווסקי אין זיינע „ברידער קאראַ־מאַזאָוו" געלאָזט דעם רוסישען מאָנאך זאָגען:

„פילעס אויף דער ערד איז פאַרבאָרגען פון אונז, דערפאַר אָבער האָט מען אונז געגעבען אַ פאַרטרעפליך מיסטישען חוש פון אונזער לעבעדיגען צובונד מיט דער אַנדערער וועלט, מיט דער העכערער הימלישער וועלט. און די וואָרצלען פון אונזערע געדאַנקען או געפילען זיינען ניט דאָ, נאָר אין אַנדערע וועלטען. דערפאַר זאָגען עס די פילאָזאָפען, אַז מיר קאָנען ניט פאַר־שטעהן די רעאַליטעט פון זאַכען אויף דער ערד."

„גאָט האָט גענומען זאַכען פון פאַרשיידענע וועלטען און האָט זיי פאַר־זייט אויף דער דאָזיגער ערד. אין זיין גאָרטען איז ארויסגעוואַקסען און אַלץ איז אַרויסגעקומען, וואָס האָט געקאָנט אַרויסקומען. אָבער וואָס עס וואַקסט איז לעבעדיג נאָר דורך די געפילען פון זיין קאָנטאַקט מיט אַנדערע מיסטע־ריעזע וועלטען. ווען דער דאָזיגער געפיל הויבט אָן ווערען צו שוואַך און ווערט פאַרניכטעט אין דיר, וועט דער הימלישער וואוקס אָפּשטאַרבען אין דיר. דאַן וועסטו זיין גלייכגילטיג צום לעבען, און דו וועסט עס זאָגאר האסען. דאָס איז וואָס איך דיינק."

און דאָס איז וואָס באַזשער דיינקט, ווען ער לאָזט פירען זאָגען: „איך האָב פאַרשטאַנען ווי דער בלינדער שיקזאַל קאָן אוועקנעמען און רויבען אונז פון אַלץ, און דאָך וועט עטוואָס צום סוף בלייבען אין אונז, וואָס קיין זאַך אין הימעל און אויף דער ערד קאָן עס ניט גובר זיין.

אונזערע קערפּערס זיינען פאַר'משפט צום טויט, אונזער גייסט קאָן אויס־געלאָשען ווערען, דאָך טראָגען מיר אינוועניג אין אונז דעם פונק, דעם זאָמען־קערענדעל פון אַן אייביגקייט פון האַרמאָניע און ליכט פאַר ביידע, פאַר דער וועלט און פאַר גאָט... גרויס כבוד צו דיר, גייסט פון דעם מענשען... דער טויט קאָן דיך אויסמעקען, דאָך ביזטו אַלץ אומבאַזיגבאַר און אייביג!"

און מיט באַדזשער'ען דיינקען אַזוי, אָדער בעסער געזאָגט, פיהלען אַזוי, היינט צו טאָג, אַלע קינסטלער און אַלע פילאָזאָפען, און מיט אים פאַרלאָזען זיי זיך אַלע איצט אויף דעם געפיל, ווען עס האַנדעלט זיך ווענען צוקומען צום מקור פון דער וועלט, און אויף דעם געפיל מער איידער אויף דעם אינטעלעקט.

דען דאַרט וואו עס האנדעלט זיך וועגען גייסט, איז דער סוביעקטיוויזם שטאַר־קער פאר דעם אָביעקטיוויזם. און די תמצית פון סוביעקטיוויזם איז געפיל און ניט אינטעלעקט, און ביידע זיינען זיי ניט מער ווי אויסדרוקען פון דער העכערער פארנונפט. אין איר גיסען זיך עס צענויף די אלע אויסדרוקען ווי פארשטאנד, געפיל און ווילען, ווי זיי טוען עס אין דעם מענשען גופא, ווען עס קומט צו אַן אינטענסיוו טיפער און אבסאָלוט העכער האנדלונג, ווען עס קומט, מיט אנדערע ווערטער, צום פולסטען, וואָס איז נאָר מעגליך, אויס־דרוק פון זיין זעלבסט...

ווי פארשיידען עס זאָלען ניט זיין די זעהונגס פונקטען, פון וועלכע עס געהען ארויס די דיינקער און קינסטלער, וועלכע הויבען אָן פון דעם איצטיגען דור באוואונדערט צו ווערען, ווי פארשיידען עס זאָלען ניט זיין די בילדער געצייכענט פון די פאַנטאַזיעס פון א מעטערלינק, א סטרינדבערג, א טאַגאָר, א פּרץ און א האמסון, א בערגסאָן, אָן אויקען און א ברעדלי, געהען זיי זיך אלע צונויף אין דעם פונקט, וועלכער איז אמבעסטען ארויסגעבראכט געוואָרען און אמשטארקסטען באַטאָנט געוואָ־רען פון רוסאָ, טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי, און דאָס איז דער פונקט, אַז דורך די געפילען און ניט דורך דער לאָגיק, קאָן מען צוקומען אמנעהענטסטען צו דעם מקור פון דער וועלט, און אַז דער העכסטער מאָמענט אין דעם מענשליכען לעבען איז די צענויפפאלונג פון זיין הארץ מיט דעם הארץ פון דער אוניווערס און אַז די זיכערסטע גאַראַנטי פאר דעם, אַז די אוניווערס באזיצט א הארץ און קאָן דערפאר ניט זיין קיין הפקר וועלט, איז, ווי פּרץ דריקט אויס, דאָס, וואָס אויך אין אים, אין דעם מענשען, שלאָגט א הארץ.

מיט דער גרויסער אנערקענונג פון דער ראָלע פון דער הארץ לגבי דער ראָלע פון דעם קאָפּ, האָט אָנגעהויבען צו שטייגען די אָפּשאַצונג פון דער אי־נערליכע איינפאַכקייט און טיפקייט, אין פארגלייך מיט דער אויסערליכער אי־בערגעשפּיצטקייט און ברייטקייט, און ווי א מאָל רוסאָ'ס, „צוריק צו דער נאַ־טור" האָט באדייט — צוריק צום איינפאַכען און טיפען לעבען, אזוי איצט „צוריק צו דער ערד" מיט א קנוט האמסון און אַנדערע, באדייט—צוריק צו א נאָרמאלערען און איינפאַכערען, דערפאַר אָבער א געזונטערען אין גוף, און טיפערען אין גייסט, לעבען—א לעבען, וואָס אין אים זאָל די עקספּלואַטאַ־ציע פון דער ארומיגער וועלט דינען בלויז אַלס א מיטעל פאר דער באַרייכע־רונג און דערהויבונג פון דער אינערליכער וועלט. א לעבען אין וועלכען די

קולטור זאָל הערשען איבער דער ציוויליזאציע, און ניט פאַרקערט.

אויף אַ מערקווירדיג שעהנעם אופן איז דער קאַמף צווישען ציוויליזאציע און קולטור און די טענדענצען פאַר דעם סוף פון סוף'יגען זיעג פון דער קולטור איבער דער ציוויליזאציע ארויסגעבראַכט געוואָרען אין קנוט האַמסונ'ס בוך „די ברכה פון דער ערד".

ווער איז איסאַק, דער הויפּט העלד פון בוך?

אַ מענש וואָס זיין פאַרגאַנגענהייט איז בלאַנק, ער האָט, זעהט אויס, גענצליך איבערגעריסען מיט איר, עס ציהט איהם צו דער ווילדערניש. צו דער נאַטור, וואָס איז נאָך פון קיין מענשליכער האַנט ניט אָנגערירט געוואָרען. און דאָרט אין דער ווילדערניש וויל ער פון דאָס ניי ארבייטען און בויען, לעבען און שאַפען.

„דער מאַן קומט געהענדיג צו צפון צו. ער טראָגט אַ זאַק. דעם ערשטען זאַק מיט שפייז און אַ ביסעל געצייג. אַ שטאַרקער ניט פאַלירטער יונג מיט אַ רויטער גרויסער באָרד, און קליינע שראַמען אויף דעם פּנים, און אויף די הענט, סמנים פון אַלטע וואונדען — האָט ער זיי געקראָגען אַרבייטענדיג אָדער קעמפענדיג? אפשר איז דער דאָזיגער מענש געווען אין תפיסה און זוכט אַן אָרט זיך צו באַהאַלטען, אָדער אַ פילאָזאָף וואָס זוכט רוה — דאָס אָדער אַנדערש, עס קומט, די פיגור פון אַ מענשען אין גרויסער איינזאַמקייט..."

דאָס איז איסאַק, ווען איר דערזעהט איהם צום ערשטען מאָל. ווען איר פאָלגט איהם נאָך אָבער אין אַ משך פון עטליכע צענדליגע יאָר, זעהט זיינע האַנדלונגען, פילט מיט זיינע געפילען און טראַכט מיט זיינע מחשבות, קומט איר צום שלוס, אַז ער האָט טאַקע געמוזט זיין אין תפיסה — דאָס איז אָבער די תפיסה, וואָס אין איר געפינען זיך איצט נאָך אַ סך ערנסטע מענשען אָדער אפשר יעדער איינער, וואָס איז באמת ערנסט. דאָס איז די תפיסה וואָס הייסט „ציוויליזאציע".

און ווי יעדער טיפער מענש, הגם ניט קיין פראָפעסיאָנעלער פילאָזאָף, האָט איסאַק ווירקליך געזוכט רוה, די רוה וואָס נאָר דאָס צוריקציהען זיך פון ציוויליזאציע קאָן געבען. און ארבייטענדיג זעהר שווער אויף בייצוקומען די וועלט וואָס רינגעלט איהם ארום, דורכבערעכענדיג מיט זיינע איינגענע פרימיטיווע כחות די ווילדע נאַטור, פאַרגעסט אָבער ניט איסאַק צו אַרבייטען

אויך אויף זיך אליין, אויף בייצוקומען אלץ, וואָס איז אים אין וועג פון צו ווערען אַ בעסערער מענש אויף צו ווערען דאָס, וואָס אונטערשיידט אין דער ווירקליכקייט דעם מענשען פון דער חיה, און דאָס איז אויף צו ווערען אַ מאָ־ראַלישער וועזען, אַ וועזען וואָס שפּירט די העכסטע קראַפט אין דער וועלט און נייגט זיין אויער צו די קאַטעגאָרישע באַפעהלען פון: „דאָס מעגסטו יאָ טאָן, און דאָס טאָרסטו ניט טאָן."

„גאַנץ אָפּט", זאָגט אונז האמסון, „טראַכט דער אַנאַלפאַבעט איסאַק וועגען די קרעפטען פון אויבען, וואָס היטען די טריט פון מענשען. קוקען אים נאָך איצט אין דעם דאָזיגען מאָמענט, צו זעהן צי פאַרדינט ער אַ ברכה אָדער ניט. איסאַק האָט אַ סך נאָכגעטראַכט וועגען די קרעפטען פון אויבען, ער האָט געזעהן גאָט מיט זיינע אויגען, אין אַ געוויסער נאַכט אין שניט־צייט. אין וואלד — עס איז געוועזן אַ מערקווירדיגע זעהונג..."

און אין דעם קאַמף, וואָס איסאַק פירט אָן מיט זיין פרוי אינגער פאַר אַ העכערער מאָראַלישער אויפפירונג שפּיגעלט זיך אָפּ דער קאַמף צווישען דער ציוויליזאַציע און קולטור.

אינגער דערשטיקט איר'ס אַ קינד באַלד ווי עס ווערט געבאָרען. ווען זי דערזעהט, אַז דאָס קינד איז געבאָרען געוואָרען מיט דעם זעלביגען פיזישען חסרון, מיט וועלכען זי איז געבאָרען, און וועלכער האָט אַזוי שטאַרק פאַרבי־טערט איר לעבען, ביז זי איז געקומען צו איסאַק'ן. זי ווערט פאַרשיקט אין תפיסה פאַר עטליכע יאָר, און דאָרט אין תפיסה, ווערט זי ציוויליזירט.

„זי האָט זיך אויסגעלערענט אַלערליי זאַכען אין דעם דאָזיגען אַנשטאַלט... זי איז געקומען צוריק אַזוי דערצויגען און געבילדעט נאָך איר לאַנגען חבר'ן זיך מיט אַנדערע מערדערינס. אפשר האָבען די מענער זי אויך עטוואָס אויסגעלערענט — די אויפזעהער און די דאָקטוירים. זי האָט דערציילט איינ־מאָל איסאַק'ן, וואָס אַ יונגער דאָקטאָר האָט געזאָגט וועגען איר קליינעם פאַרברעכען. „פאַר וואָס זאָל עס זיין אַ קרימינאַלער פאַרברעכען צו הרג'ענען קינדער — אפילו געזונטע קינדער? זיי זיינען דאָך נאָך אַלעמען ניט מער ווי שטיקלאָך פלייש".

די גאַנצע תפיסה, וועגען וועלכער האמסון רעדט אין זיין בוך „די ברכה פון דער ערד", זעהט אויס צו זיין ניט מער ווי אַ סימבאָל

פון דער ציוויליזאַציע, וועלכע שטרעבט צו זיין ביכלת צו מעסטען אַלץ אויף דעם אַרשין, און לאָגיש אויסצורעכענען וואָס מען מעג, און וואָס מען טאָר ניט.

איסאַק איז אָבער אַ קינד פון דער ערד און אַ טרעגער פון דער נייער קולטור אָדער בעסער געזאָגט דער אָנזאָגער פון אַ נייער שטעלונג צו די שייכות׳ן צווישען ציוויליזאַציע און קולטור. אַלס אַ זעלכער פילט ער וואָס מען מעג יאָ און וואָס מען טאָר ניט, ניט רעכענענדיג זיך מיט די אַלע חכמות וואָס שפּריצען אַרויס פון דעם ריינעם אינטעלעקט, אין וועלכען די ציוויליזאַציע איז אַזוי פאַרקאָכט. און מיט איין ריר בלויז פון זיין שטאַרקער, הגם פול מיט צערטליכקייט האַנט גיט ער צו פאַרשטעהן אינגער אַז אים וועט זי ניט בויגען. אים דעם בויער פון דער צוקונפט וועט זי, דער פּראָדוקט פון דער געגענוואַרט ניט באַאיינפלוסען.

„צו דיינקען״, זאָגט קנוט האַמסון, „אַז אַ מענשענס האַרטער אָנכאַפּען ביי דער האַנט האָט געקאָנט אויפטאָן אַזעלכע וואונדער! אַזוי האָט עס אָבער געדאַרפט זיין: דאָ איז געווען אַ געזונטע, שטאַרקע און גאַנץ פאַרנינפטיגע פרוי, וועלכע איז אָבער קאַליע געוואָרען און איז אַראָפּגעגאַנגען פון דעם דרך הישר, זייענדיג לאַנג פאַרשפּאַרט אין אַ געקינסטעלטער אַטמאָספערע — און זי האָט זיך אָנגעשטויסען אין אַ מענשען וואָס איז געשטאַנען פעסט אויף זיינע פיס. ער האָט קיין מאָל אויף קיין מאָמענט ניט פאַרלאָזען זיין נאַטירליכען אָרט אויף דער ערד, אויף דעם באָדען, קיין זאַך האָט אים ניט געקענט באַוועגען. ער איז געווען, זייט מיר דערקאָנען אים, און איז געבליבען אַן ערד אַרבייטער אין קערפּער און אין דער נשמה. אַ שטענדיגער אַרבייטער אויף דעם לאַנד.

אינגער איז דער שטאָדטישער סימבאָל פון דער ציוויליזאַציע. איסאַק איז דאָס לאַנד, די ערד, דער סימבאָל פון דער קולטור. און די קולטור מוז, מיט איר שטאַרקען אָבער צערטליכען ריר גובר זיין די ציוויליזאַציע. זי מוז ווערען דער ציעל, און די ציוויליזאַציע—בלויז דער מיטעל.

„איסאַק״, זאָגט אונז קנוט האַמסון צום סוף פון זיין בוך „איז אַ גייסט וואָס האָט זיך ערהויבען פון דער פאַרגאַנגענהייט צו צייגען די צוקונפט. אַ מענש פון דער צייט ווען די קולטיווירונג האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבען. אַן איינזידלער אין דער ווילדערניש פון פאַר ניין הונדערט יאָר, און אַ מאַן פון היינטיגע צייטען.

איסאק זייהט זיין קאָרן, און דאָס ליכט פון דער אונטערגעהענדער זון פאלט אויף זיין קאָרן, וואָס טוט א בליאסק אין דעם פאָרם פון א בויגען און פאלט צו דער ערד ווי דאָס פאלען פון גאָלד... דער וואלד און דאָס פעלד קוקען זיך איין. אלץ איז מאיעסטעטיש און פול מיט קראַפט — א סעקווענץ און א צוועק פון זאכען..."

האמסונס שילדערונג פון איסאַק'ן דערמאָנט אונז אין דער אויסטייטשונג, וואָס געאָרג בראַנדעס גיט אין זיין בוך „איינדרוקען פון רוסלאנד" צו ריפּינ'ס מייסטער ווערק „א בילד פון טאָלסטאָי'ען."

בראַנדעס קוקט אויף דעם בילד און זאָגט: „וואָס פאר א וואונדערבאַרער פויער, די דאָזיגע האלטונג, די דאָזיגע אונגעהויערע קראַפט און איינפאַכקייט. דאָס איז דער פויער מיט דער באַטראַכטונג אלס א העלד, אלס א געניע, אלס א קולטיוואטאָר. דאָס איז מיקיטא, דאָס קינד פון דאָרף. דער העלד פון אגריקולטור מיט דעם וואונדערליכען אקער אייזען, וואָס ציהט זיינע שניט פול מיט בענטשונג איבער דעם גרעניצלאָזען פליין פון רוסלאנד. עס איז דער נאַציאָנאלער העלד איליא מוראמעץ גופא, וועלכער איז נאָך א טויזענד־יאָריגען טויט אויפגעשטאַנען תחית המתים, בכדי נאָך א מאָל צו קולטיווירען דעם רוסישען באָדען, די רוסישע ערד.

ער איז אין אונזער צייט דער לעצטער פון די גרויסע פון דער גרופּע קולטיוואטאָרס אין דער דאָזיגער אומגעהויער גרויסער אימפּעריע.

וואָס איז דאָס אזעלכעס וואָס ער קולטיווירט? וואָס איז דאָס אזעלכעס, וואָס די דאָזיגע אלע יונגע און אלטע מענשען גרייטען צו און קולטיווירען מיט א גוטער כונה?

שווארצע לאנד, פרוכטבארע לאנד, נייע לאנד, לאנד פול מיט תבואה־קערנדלאך, די ברייט צענויפגעשטעלטע רייכע ווארימע נאטור... דער ברייטער אומבאגרעניצטער שטח, וואָס פילט אָן דעם גייסט מיט מעלאַנכאָליע און האָפענונג... דאָס אומבאגרייפליך טונקעל מיסטעריעזעס... ער טראַכט פון נייע רעאליטעטען, און פון א נייעם מיסטיציזם... „רוסלאנד און די צוקונפט"...

דאָס זיינען די ווערטער, מיט וועלכע בראַנדעס פארענדיגט זיין בוך „איינדרוקען פון רוסלאנד". דאָס בוך איז געדרוקט געוואָרען אין 1888.

און טוט מען א טראכט וועגן דעם איינפלוס אין דעם איצטיגען מאָמענט פון רוסלאנד אויף דער גאנצער וועלט, דערמאָנט מען זיך אין דעם ציטער פון שרעק און באוואונדערונג, האפנונג און פארצווייפלונג, וואָס רוסלאנד האָט ארויסגערופען אין דער גאנצער מענשהייט, און אויב מען פארגעסט ניט דערצו, ווי שטארק און טיף טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי האָבען אריינגעדרונגען און דורכגעדרונגען אלע ווינקעלאך, אין וועלכע עס שפירט זיך א מענשליך לעבען, מוז מען צוגעבען, אז דאָס זיינען ווירקליך געווען נביאישע ווערטער. און אונז דוכט זיך, אז די גרויסקייט, טיפקייט און שטארקייט פון דער ניט ציוויליזירטער רוסלאנד איז אויך א גאראנטי פאר דעם, אז דער אויפרייס, וואָס שפירט זיך איצט אין יעדען ווינקעלע פון דער וועלט, באדייט, ניט ווי שפענגלער און העסע שטעלט זיך פאָר, אן אונטערגאנג און א פארניכטונג פון אייראָפא און די אייראָפייאישע פעלקער, דאָס באדייט ניט קיין זיג, אפילו ניט קיין צייטווייליגען זיג, פון דעם „אזיאטיזם“ איבער „אייראָפייאיזם“. עס באדייט ניט אן אָנקום פון נייע טרעגער פון קולטור, עס באדייט ניט דעם אָנקום פון נייע מענשען, נאָר דעם אָנקום פון א באנייאונג אין די זעלבע מענשען.

דער אָנקומענער אויפרייס און איבערקער וועט פירען צו דעם, אז די מענשען וועלען אָננעמען א נייע שטעלונג צו די שייכות'ן צווישען ציוויליזאציע און קולטור, צו די שייכות'ן צווישען מאטעריע און גייסט, צו די שייכות'ן צווישען דעם איינצעלנעם איך און דעם אוניווערסאלען איך, צו די שייכות'ן צווישען מענש און גאָט...

מען האָט אָפט, ווי העסע דערציילט, געזאָגט, אז עס איז א גוטע זאך, וואָס דאָסטאָיעווסקי'ס קאראמאזאָוו'ס זיינען ניט אנטוויקעלט געוואָרען אין די הענט פון דאָסטאָיעווסקין ביז צו זייער לעצטער פאזע. דען ווען יאָ, וואָלט ניט נאָר רוסלאנד, נאָר די גאנצע מענשהייט וואָלט עקספלאָדירט אין דער לופטען.

יאָ, ניט דערפירט ביז צום סוף האָט דאָסטאָיעווסקי זיין הויפט העלד אליאָשא קאראמאזאָוו. וואָס ער האָט ניט געטאָן, וועט אָבער פריהער אָדער שפעטער געטאָן ווערען פון אנדערע אונטער זיין איינפלוס און ווירקונג, ווי דאָס שפירט שוין זיך איצט אין דער לופט, און ווען דאָס וועט געטאָן ווערען

וועט זיכער פאָרקומען אַ מורא'דיגע עקספּלאָדירונג. אָבער ניט פון רוסלאַנד און ניט פון דער גאַנצער וועלט, נאָר, ווי מיר זיינען דערין זיכער, בלויז פון דער ציוויליזאַציע.

דער נייער מיסטיציזם, די נייע רעאַליטעט, וואָס וועגען זיי האָט בראַנ־דעס גערעדט מיט פערציג יאָר צוריק, באַדייטעט איצט בלויז איין זאַך און דאָס איז אַ זיג, אַ פאָלקאָמענעם זיג, פון דער קולטור איבער דער ציוויל־זאַציע. אין ליכט פון דער קולטור דאַריבער, אַנשטאָט ציוויליזאַציע דאַר־פען יעצט אוועקגעשטעלט ווערען און קריטיש דורכגענומען ווערען אַלע מענש־ליכע שייכות'ן און אַלע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס.

צום סאַמע ערשטען דאַרף קומען די בילדונג אינסטיטוציע. דען זי איז דאָך פון אַלע אינסטיטוציעס אין דער מענשליכער געזעלשאַפט, די וויכטיגסטע.

C.

„דער הויפּט צוועק פון בילדונג איז צו באַרייכערען דאָס וויסען פון דעם מענשען, און דאָס דאָזיגע וויסען אין דעם פּראָצעס פון בילדונג ווערט געגעבען מיט דער כונה, אַז דער מענש זאָל זיין פעהיג צו העלפען דער פּראַק־טישער און ניצליכער זייט פון לעבען אי פון דעם יחיד, אי פון דער געזעל־שאַפט, און ער זאָל זיין ביכלל צו טרייבען ווייטער און אויף אַ פאָלקאָמע־נערען אופן די ציוויליזאַציע. אַלע בילדונגס אַנשטאַלטען דינען הויפּט־זעכליך די ציוויליזאַציאָנס־צוועקען“.

אזוי האָבען מיר געשריבען אין דעם יאָהר 1914, און עס פרייט אונז צו זעהן, אַז די אַנערקענונג פון דעם, דירעקטען, שייכות צווישען בילדונג און ציוויליזאַציע, ווערט איצט פון טאָג צו טאָג אַ מער אָנגענומענער פאַקט.

פילע טעגליכע צייטונגען האָבען לעצטענס ציטירט אַ רעדע פון וויט־מער, פּראָפעסאָר פון פּסיכאָלאָגיע אין דעם פּענסילווייניא אוניווערזיטעט. מיר נעמען אַרויס פאָלגענדען זאַץ: „בילדונג איז די המצאה פון ציוויליזאַ־ציע אויף צוריקצוהאַלטען אונז פון קאָנפליקטען מיט פּראָבלעמען. דער מעטאָד מיט וועלכען מען באַנוצט זיך, איז צו ווייזען דעם תלמיד ווי צו ליי־זען פּראָבלעמען, אַנשטאַט צו זעהן, אַז ער אַליין זאָל זיי לייזען“.

די ציוויליזאציע שטרעבט, ווי מיר האָבען געזעהן, צו געהן בלויז אין דער ברייט, איר אויפגאַבע דערפאַר אויף דעם געביעט פון דערציהונג, איז צו פארשנעלערען דעם פּראָצעס פון דערוואַרבונג פון וויסען. איר מאָטאָ מוז זיין און איז: וואָס א גרעסערע באַקאַנטשאַפט מיט אַלץ מער און מער גע־גענשטאַנדען אין אַזאַ קורצער צייט ווי נאָר מעגליך. און בעת אַלע בילדונגס אַנשטאַלטען האָבען, איינער אויף א בעסערען און איינער אויף אַן ערגערען אופן, באַוויזען צו שאַפען אַלע מעגליכקייטען און פאַרלייכטערונגען אויף מיטצוטיילען צום שילער פאַקטען, און באַקענען אים מיט געגענשטאַנדען, האָבען זיי אָבער אין דער זעלבער צייט אָפּגעשניטען כמעט אַלע וועגען, וואָס פירען צו זיין באַרייכערונג, וואָס זאָלען אים טרייבען צו פאַרטראַכטען זיך און פאַרקלערען זיך וועגען זאַכען און דערשיינונגען און צו מאַטערען זיך אויף דעם „פאַרוואָס" און ווי „אַזוי", וואָס דאָס וואָלט גורם געווען אַז דער ענטפער זאָל קומען פון אים אַליין און ניט פון אַנדערע, פון אינוועניג און ניט פון אויסענוועניג, און עס זאָל זיין אויף אַזאַ אופן א אינטואיטיווע שאַפונג און ניט קיין מעכאַנישע אַרבייט, און אַז די פאַרמערונג פון וויסען זאָל קומען צו אים אַלס א וועזענטליכער און אָרגאַנישער וואוקס פון פלאַנץ און חיה, און ניט אַלס דער אויסענווערטיגער און מעכאַנישער חבור, וואָס פאַרגרעסערט די וואָג און מאָס, ווי למשל, פון שטיינער.

„קיין געדאַנק, קיין אידעע„ זאָגט דיואי, „קאָן אויף קיין אופן ניט אי־בערגעגעבען ווערען אַלס אַן אידעע פון איין פּערזאָן צו דער אַנדערער. דאָס וואָס מען זאָגט, איז צו דעם, וועמען מען זאָגט עס, א געגעבענער פאַקט, אָבער, ניט קיין אידעע. די מיטטיילונג קאָן סטימולירען די אַנדערע פּערזאָן צו רע־אַליזירען די פראַגען פאַר זיך גופא און אויסצוטראַכטען אַן עהנליכע אידעע, אָדער זי קאָן דערשטיקען זיין אינטעלעקטועלען אינטערעס, און אונטערדרי־קען זיין אנטשטעהענדע אָנשטרענגונג צו טראַכטען. דאָס, אָבער, וואָס ער קריגט דירעקט, קאָן ניט זיין קיין אידעע. נאָר ווען ער ראַנגעלט זיך, לכתחילה, מיט די תנאים פון דעם פּראָבלעם, זוכענדיג און אויסגעפינענדיג זיין אייגענעם וועג, נאָר יעמאָלט דיינקט ער".

אקוראַט ווי מען קען זיין הויך ציוויליזירט און ניט קולטיווירט, אַזוי קאָן מען אויך זיין הויך געבילדעט און ווענעג אַנטוויקעלט. אַנטוויקלונג פאָ־דערט די סוביעקטיווע טיפקייט פון דיינקען, וואָס קיין וויסען, מעג ער זיין ווי עקסטענסיוו, קאָן ניט געבען. און דער אָביעקטיוויזם, וועלכער האָט א דאַנק

דעם מאַטעריאַליזם און דעם אינטעלעקטואַליזם ארומגעכאַפּט, אין די לעצטע פופציג יאָר פון דעם נײַנצענטען יאָרהונדערט, דעם האַרײַזאָנט פון דעם מענשליכען דיינקען האָט געפירט דערצו, אז דאָס אָביעקטיווע, וויסען וואָס ריהרט ניט אָן די נשמה זאָל ארויסזעצען פון זיין פּאָזיציע דאָס סוביעקטיווע נשמה׳דיגע דיינקען, און דורכדעם זאָל בילדונג פארנעמען דאָס אָרט פון אנטוויקלונג.

און דאָס אליין, וואָס פּסיכאָלאָגען, דערציהער און פילאָזאָפען האָבען לעצטענס אָנגעהויבען אזוי שטארק צו באַטאָנען דעם אונטערשייד צווישען דעם אָביעקטיווען וויסען און סוביעקטיווען דיינקען, דאָס אליין, וואָס דאָס דיינקען ווערט איצט מער און מער באַטראַכט אלס אַ פּועל יוצא פון דער העכסטער אָנשטרענגונג פון אלץ, וואָס שטעלט צענויף דעם מענשען, פון די געפיהלען, אזוי גוט ווי פון דעם ווילען, און פון דעם ווילען אזוי גוט ווי פון דעם אינטעלעקט, דאָס אליין, וואָס מען קוקט איצט אויף דעם דיינקען ווי אויף אַן אויסדרוק פון דער גאַנצער נשמה און ניט בלויז פון דעם טייל אירען, וואָס געהען אונטער די נעמען אינטעלעקט, ראציאָ אָדער פארנונפט, איז אַ באַווייז פאר דעם, אז די קולטור שטארקט זיך איבער דער ציוויליזאציע. די באַטאָנונג פון דער וויכטיגקייט פון געפיהל און ווילען אין דער מענשליכער גייסטיגער טעטיגקייט איז אַן אויסדרוק אָדער אַ רעזולטאַט פון דעם שטארק געוואָרענעם קולטור שטראָם, דען קולטור זוכט דאָס גאַנצע און ניט קיין פראַגמענטען; זי שטעלט דעם סינטעז העכער איבער דעם אַנאַליז.

אין זיין בוך „די פּסיכאָלאָגיע פון דיינקען" זאָגט פילסבורי: „די באַוועגונג פון געדאַנק קאָן באַטראַכט ווערען אלס אַ געגענווירקונג צווישען ציעל און אומגעבונג, וואָס יעדער איינער פון זיי מאָדיפיצירט אין אַ געוויסער מאָס דעם אַנדערען".

און פון דער דאָזיגער דעפיניציע פאָלגט ממילא, אז וואָס אָרימער אין קוואַליטעט די ציעלען זיינען, וואָס קלענער זייער פארנעם, אלץ מער איז דאָרט פאַראַן אומגעבונג, דאָס מיינט מער אָביעקטיוויטעט איידער סוביעקטיוויטעט און אלץ שוואַכער ווערט דער דיינקונגס פּראָצעס. די לאָגיק, וועלכע איז ניט מער ווי אַן אויסדרוק פון אַבסטראַקטע שייכות׳ן, מעג טאַקע בלייבען אין איר פולער שטאַרקייט, דאָס טראַכטען גופא אָבער, וואָס איז פול מיט קאָנקרעטע אינהאַלטען, מוז פארלירען זיין טעמפּאָ, מוז קלענער ווערען אין אינטענסיוויטעט.

„לאָגיק“, זאָגט ווייטער פּילסבורי, „איז אַנדערש פון דער פּסיכאָלאָ־גיע פון דיינקען, מחמת זי איז הויפּטזעכליך פּאַראינטערעסירט מיט דעם געדאַנק, ווי ער ווערט אויסגעדריקט אין שפּראַך, דער געדאַנק גופא אינ־טערעסירט זי ווייניג. אין איר אויספיר איז זי פּאַראינטערעסירט אין דער צושטעלונג פון אַ באַווייז פאַר דער באַהויפּטונג, נאָכדעם ווי זי איז נעגעבען געוואָרען אין שפּראַך. זי האָט זיך ניט פאַרנומען מיט דער אַנטשטעהונג פון דער באַהויפּטונג. די פּסיכאָלאָגיע פון דיינקען איז, אָדער זאָל זיין, פּאַראינטערעסירט מיט דעם פּראָגרעס פון טראַכטען אַלס גאַנצעס... אונזער לעצט בילד פון דעם פּראָצעס פון טראַכטען, ווי ער געהט אָן אין דעם אינדיווידּ, איז אַ בילד פון דער אַנטוויקלונג פון אַ סיסטעם פון דערקענטניס, וואָס פּראָגרעסירט אומאויפהערליך פון אַן אָריגינעלען כאַאָס צו אַ פּאָלקאָ־מענער אָרדענונג. נאָר אויף אַזוי ווייט אויף וויפיעל עס איז פאַראַן אַ סיס־טעם איז פאַראַן אַ באַוואוסטזיין, דער סיסטעם אָבער מיט זיין באַוואוסטזיין איז אַנטוויקעלט פון אַן אָריגינעלער ניט סיסטעמאַטיזירטער דערפאַרונג.“

און דער אָריגינעלער כאַאָס, וואָס פון איהם זעצט אַרויס, ווי פּילסבורי שטעלט זיך פאָר, די גאַנצע סיסטעמאַטישע דערקענטניס, איז ווי עס דיינקען איצט גאָר פילע, אין דער פילאָזאָפישער און קינסטלערישער וועלט, אינטים און אָרגאַניש פאַרבונדען מיט דער רעאַליטעט, וועלכע איבערשטייגט אַלץ דאָס, וואָס מיר באַצייכענען מיט די נעמען געפיל, ווילען און פאַרנונפט, דען זי, די רעאַליטעט, איז דאָס אַלץ אינאיינעם גענומען, זי איז דער סינטעז פון געפיל, ווילען און פאַרנונפט, און אויף אַזוי פיעל, איז זי שוין עפּעס מער, עפּעס אַנדערש.

אָט די נייע ריכטונג אין דעם מענשליכען דיינקען שפּיגעלט זיך אָפּ אַם שטאַרקסטען אין די באַטראַכטונגען פון דעם דייטשען ליטעראַטור קריטיקער הערמאַן העססע איבער דאָסטאָיעווסקי'ס ווערק „דער אידיאָט“. ער שרייבט: „זיין (דעם אידיאָט'ס) דיינקען איז דאָס, וואָס איך רוף אָן „מאַגיש.“ דער דאָזיגער רחמנות האָבענדיגער אידיאָט לייקענט דאָס גאַנצע לעבען, יעדעס דיינקען און פיהלען, און אַלץ וואָס „וועלט“ און „רעאַליטעט“ מיינט צו אַנדע־רע. פאַר אים איז רעאַליטעט עטוואָס, וואָס איז לגמרי אַנדערש ווי פאַר זיי. זייער רעאַליטעט איז פאַר אים אַ שאָטען. און מחמת ער זעהט און שלאָגט פאָר אַ נייע רעאַליטעט, ווערט ער דער שונא...

מושקין איז אַנדערש פאר די אנדערע דערפאר, וואָס אַלס אַן אידיאָט און אַן עפּילעפּטיק, וועלכער איז אין דער אייגענער צייט אַן אויסערגעוועגליך קלוגער מענש, האָט ער אַלץ מער און מער טונקעלע שייכות'ן מיט דעם אומבאַוואוסטען. ער האָט געהאַט זעלטענע אויגענבליקען פון אינטואַטיווער געוואָרען, צופאַליגע סעקונדען פון די הימלען גרייכענדע התפעלות. פאַר אַ בליץ־שנעלען מאָמענט האָט ער געפיהלט דאָס אַל־זיין, דאָס אַל־פיהלען, דאָס אַל־ליידען, דאָס אַל־פאַרשטעהן, ער האָט דערקענט אַלץ, וואָס איז פאַראַן אין דער וועלט. דאָ ליגט דאָס קערענדעל פון זיין מאַגישען וועזען. ער האָט ניט געשטודירט, און ער איז ניט באַגאַבט מיט מיסטישער חכמה, ער האָט אפילו ניט געשטרעבט דערצו, ער האָט בלויז דערפאַרען די זאַך גופא. ער האָט ניט בלויז געהאַט צופאַליגע באַדייטענדע געדאַנקען און אידעען. ער איז בוכשטעבליך געשטאַנען אַ מאָל, און מער ווי איין מאָל, אויף דעם מאַגישען גרעניץ, וואו אַלץ איז באַ'יאָ'עט, וואו ניט נאָר דער ווייטסטער געדאַנק איז אמת, נאָר אויך דער הפוך פון אַזאַ געדאַנק איז אמת".

דאָס איז וועגען דעם „אידיאָט" גופא, און וועגען דער באַדייטונג פון דעם אידיאָט און פון דעם, וועלכער האָט איהם, ווי אַ ביין פון זיין ביין און פלייש פון זיין פלייש, באַשאַפען—וועגען דער באַדייטונג און וויכטיגקייט פון מושקינ'ען בפרט און דאָסטאָיעווסקי'ן בכלל, פאַר דעם איצט און דער צוקונפט, זאָגט העסע: „די צוקונפט איז ניט זיכער, אָבער דער וועג וואָס ער ווייזט, קאָן האָבען בלויז איין באַדייטונג. עס באַדייט אַ נייע ספּירטועלע דיספּענסאַציע. דאָס נעהמט אונז אַוועק פון יענער זייט פון מושקינ'ען, דאָס ציינט אַן אויף אַ מאַגישען דיינקען, אויף אַן אַקצעפּטירונג פון כאַאָס, אויף אַ צוריקקעהר צו אַנאַרכיע, צוריק צו דעם אומבאַוואוסטען, צו דעם, וואָס האָט ניט קיין געשטאַלט, צו דער חיה, צוריק צו דער צייט, וואָס איז ווייט אַוועק איבער דער חיה, צוריק צו די התחלות פון אַלץ; ניט אויף צו שטעהן דאָרט, ניט אויף צו ווערען חיה אָדער פּרימעטיווער שטאָף, נאָר בכדי אָנצוהויבען אין אַ פרישער ריכטונג, בכדי צו אַנטדעקען נייע ספּראָזשינעס פון אַנטוויקלונג און האַנדלונג טיעף אין די וואָרצלען פון אונזער וועזען; בכדי צו צוקומען צו אַ העכערער און דערהאָבענער שאַפונג, אָפּשאַצונג און פאַנאַנדערטיילונג פון דער וועלט...

...יעדער איינער פון אונז מוז איינמאָל, פאַר אַ מאָמענט אין זיין לעבען, דערפאַרען עטוואָס, פון וואָס מושקין האָט דערפאַרען אין זיינע בליץ־שוי־

נענדע סעקונדען, עטוואס, פון וואס דאסטאיעווסקי אליין האט דערפארען אין דעם מאמענט, ווען ער איז געשטאנען פנים אל פנים מיט דער פאראורטיי־לונג און מיט א נבי'אישער זעהונג האט ער זיך גענומען געהן פארווערטס..."

אויף וויפיל עס ווערט, די לעצטע עטליכע צענדליג יאר, גרוים וויכטיג־קייט געלייגט אויף דער וועלט פון ניט סיסטעמאטיזירטער דערפארונג, וועלכע געפינט זיך אויף יענער זייט שוועל פון אונזער באוואוסטזיין, אויף וויפיעל דער אונטערבאוואוסטזיין הויבט אן אלץ מער און מער באטראכט צו ווע־רען אלס די גייסטיגע טעריטאריע, וואס גרעניצט זיך מיט דעם איבערבא־וואוסטזיין אדער מיט דעם סאמע העכסטען און אבסאלוטען באוואוסטזיין, אויף אזוי פיעל ווערט אלץ מער און מער אריינגעבראכט אין דעם דיינקען און אין דעם טראכטען אן אינטואיטיווער עלעמענט, דער עלעמענט, וואס איז דורכ־נעדרונגען מיט אלע אויסדרוקען פון דעם, וואס הייסט נשמה; דער עלעמענט וואס איז סינטעסיזירט פון געפיהל, ווילען און פארנונפט, אויף אזוי פיעל ווערט אלץ מער סוביעקטיזירט דאס דיינקען, און דורך דער אפגעטיילט פון דעם אינפארמיטיווען וויסען, און אויף אזוי פיעל וועט בילדונג מוזען אפגע־שיידט ווערען פון אנטוויקלונג.

„פאראן", זאגט דיואי, „א גוט באגרינדעטער אונטערשייד צווישען דעם וויסען, וואס איז אביעקטיוו און ניט פערזענליך, און דעם דיינקען, וואס איז סוביעקטיוו און פערזענליך. אין איין זין איז וויסען דאס, וואס מיר נע־מען אן אלס זעלבסטפארשטענדליך, עס איז דאס, וואס איז פעסטגעשטעלט, דאס, מיט וואס מען איז פארטיג געווארען און אונטער קאנטראל אוועקגע־שטעלט. וועגען דעם, וואס מיר ווייסען פאלשטענדיג, דארפען מיר ניט טראכטען... אנדערש איז עס אבער מיט דעם דיינקען. עס הויבט זיך אן פון ספק אדער אומזיכערהייט, עס באצייכענט אן אונטערזוכענדען, זיך נאכיא־גענדען און פארשענדען געמיט־צושטאנד, אנשטאט דעם געפיל פון מייסטער־שאפט און באזיץ"

מייסטערשאפט און באזיץ — דאס איז דאך אייגענטליך נאך וואס די וועלט האט זיך אהן אן אטעם געיאגט, אין דער צייט ווען עס האט זיך דעם מענשען אנגעהויבען צו דוכטען, אז באלד, באלד און ער וועט אויף א פינקט־ליך מאטעמאטישען אופן קאנען אויסדריקען די גאנצע אוניווערס אין די טער־

מינען פון שטאָף און ענערגיע. פעסטגעשטעלטקייט און זיכערקייט איז גע-וואָרען יעמאָלט דער אידעאַל, וואָס אויף זיין פארווירקליכונג האָט די וויסענשאַפט געלייגט אַ סך האָפנונג.

און וואו נאָר עס איז פאראַן אַזוי פיעל באַשטימטקייט און געשטעלטקייט און אַ דורשט נאָך פעסטקייט און זיכערקייט, דאָרט מוז מען אָפּווענדען דעם בליק פון דעם אייגענעם זעלבסט, וועלכער איז פול מיט וואַקלונגען און אומזיכערהייטען, שטימונגען און נייגונגען, געמיטען און גע־זיכטספּונקטען, וואָס בייטען זיך פון רגע צו רגע, און מען מוז ווענדען דעם בליק אין דער וועלט, וואָס איז אויסענוועניג פון דעם זעלבסט, אין דער וועלט פון דעם איינאַרטיגען און איינהייטליכען רוים, וואָס ווייסט פון ברייטקייט, און ניט פון די טיפקייט, פון עקסטענסיוויטעט און ניט פון אינטענסיוויטעט. און די דאָזיגע אַלע דריי שטריכען: איינהייטליכקייט, איינאַרטיגקייט און עקסטענסיוויטעט כאַראַקטעריזירען די ציוויליזאַציע און איהר קינד — די בילדונג, וואָס זיי ביידען האָט אַזוי ליב געקראָגען דער דור, וואָס איז דורכגע־נומען מיט ראַציאָנאַליזם און, וואָס האַלט איצט אין פאַרשווינדען.

אין זיין פאָרעדע צו דעם ערשטען און אים באַרימט מאַכענדען ווערק „צייט און פרייער ווילען“ אָדער „די דאַטאַ פון באַוואוסטזיין“ (1888) האָט בערגסאָן געשריבען: „דאָס פּראָבלעם, וואָס איך האָב אויסגעקליבען, איז אַ פּראָבלעם, וואָס איז אַלגעמיין צו מעטאַפיזיק און פּסיכאָלאָגיע, דאָס פּראָבלעם פון פרייען ווילען. וואָס איך פּרואוו צו באַווייזען איז, אַז די דיס־קוסיע צווישען די דעטערמיניסטען און זייערע געגנער באַדייט אַ פריהער־דיגע צענויפמישונג פון דויער מיט עקסטענסיוויטעט, פון נאָכפאָלגונג מיט גלייכצייטיגקייט, פון קוואַליטעט מיט קוואַנטיטעט“.

און ניט נאָר האָט בערגסאָן אַריינגעבראַכט אַ קלאָרקייט אין דעם זין און באַדייטונג פון די דאָזיגע טערמינען, נאָר ער האָט אויך מער איידער ווער עס איז פאַר אים באַטאָנט דעם פאַקט, אַז נאָר דאָרט, וואו עס איז פאַ־ראַן דויער, גלייכצייטיגקייט און קוואַליטעט, דאָרט איז פאַראַן דער אינטענסיווער און העכערער אויסדרוק פון גייסט. די באַטאָנונג פון דעם דאָזיגען פאַקט אָבער האָט ערשט ניט לאַנג אָנגעהויבען ווערען דאָס אייגענטהום פון אַ גרעסערען טייל פון דער מענשהייט, און דערפאַר, האָט ביז איצט אין דעם אינדיווידועלען און געזעלשאַפטליכען לעבען פון

דעם מענשען, דעם אויבען אַן פארנומען עקסטענסיוויטעט און קוואַנטיטעט, און צוליב זיי האָט אזא גרויסע ראָלע אָנגעהויבען צו שפּילען די ציוויליזאציע אנשטאָט דער קולטור, און די בילדונג אנשטאָט דער אנטוויקלונג.

„אין די לעצטע הונדערט יאָר", זאָגט ה. ג. וועלס: „האָט זיך פאנאַ־ דערגעשפּרייט זעהר שטארק דאָס, וואָס מיר רופען אַן בילדונג. אין דער אייגענער צייט אָבער ווען בילדונג איז פאנאנדערגעשפּרייט געוואָרען, איז פאָרגעקומען אַן איינגעשרומפּענקייט און אַן אָפּשוואַכונג פון אירע ציעלען. בילדונג אין דער פארגאנגענהייט האָט געשטרעבט צו מאַכען פון דעם גראָ־ בען וואולגארען און אייגעננוציגען אינדיווידואום א פריהער א קריסט, א בירגער און דערנאָך אַן איידעלען מענשען. היינט צו טאָג פרעטענדירט אפילו ניט די בילדונג דאָס צו טאָן."

און בילדונג אלס אזעלכע וועט עס, ווי מיר דיינקען, ניט אָנהויבען צו טאָן, דען וואָס איר אינטערעסירט אין דעם אינדיווידואום איז ניט דער מענש אלס אזעלכער. בילדונג איז אויסען די געשיקטקייט און די פעהיגקייט אין אים, וואָס קאָן ברענגען דער געזעלשאפט באַלדיגע נוצען. אויב מען האָט אין דער פארגאנגענהייט יאָ אין זינען געהאַט די מענשליכקייט, איז עס גע־ ווען דערפאַר, וואָס מען האָט יעמאָלט געלייגט מער געוויכט אויף דער אנטוויקלונג פון דעם קולטור מענשען, איידער אויף דער אויסבילדונג פון דעם געשיקטען און פעהיגען ארבייטער פאַר דער ציוויליזאציע. שוין לאַנג צוריק האָט קאַנט איינגעזעהן די נפקא מינה צווישען אויסלערנען און אויפקלערען. „דער מענש", האָט ער געשריבען „קאָן אָדער איינגעבראָ־ כען ווערען, דרעסירט און מעכאניש געלערענט ווערען, אָדער אויפ־ געקלערט ווערען. פערד און הינט ווערען איינגעבראָכען און דער מענש קאָן אויך איינגעבראָכען ווערען. עס איז אָבער ניט גענוג, אַז קינדער זאָלען בלויז איינגעבראָכען ווערען, עס איז א סך וויכטיגער, אַז זיי זאָלען זיך אויסלערנען צו דיינקען".

און עס זיינען די שלעכטע מעטאָדען פון דערציהונג, וואָס האָבען קאַנ־ ט'ן שוין יעמאָלט געמאַכט זיך צו פארטראַכטען אַז, „אפשר וואָלט דער מענש גאָר גליקליכער געווען, ווען ער זאָל לעבען אונטער ניט ציוויליזירטע באַדינגונגען. דען די ציוויליזירטע באַדינגונגען העלפען אַקוראַט אזוי ווייניג ווי די בילדונגס־מעטאָדען אויף צו מאַכען דעם מענשען קלוג און גוט, און וואו עס איז ניטאָ קיין חכמה און קיין גוטסקייט, קאָן ניט זיין קיין גליק."

אויף וויפיל אָבער די לעצטע העלפט פון דעם ניינצענטען יאָרהונדערט איז געגאַנגען באַרג אַראָפּ פון דעם גיגאַנטישען קאַנט, אויף אַזוי פיל האָט ער, דער מענש, מער און מער אידענטיפיצירט גליק מיט פאַרגעניגען, און פריידיגקייט מיט פרייליכקייט, און אַנשטאָט צו זוכען די חכמה און גוטסקייט, וואָס ניט גליקזעליגקייט און פרייד, האָט ער זיך מיט לייב און לעבען אריינגעוואָרפען אין דער שכל׳דיגקייט און ניצליכקייט פון זאַכען און דערשיינונגען, און האָט זיך געלאָזט פאַר׳שכור׳ן פון דעם פאַרגעניגען און קערפּערליכען וואוילזיין, וואָס ער האָט אין זיי געפונען. ער האָט פאַרביטען דעם ווערט פון חכמה און גוטסקייט אויף דעם נוץ פון שכל און געשיקטקייט. און דאָס האָט אים געפירט צו ציוויליזאַציע אַנשטאָט קולטור, און צו בילדונג אַנשטאָט אַנטוויקלונג.

און פונקט ווי די ציוויליזאַציע האָט אַרויסגענומען פון דער מענשליכער אַרבייט און טעטיגקייט יעדעס ברעקעלע חכמה און גוטסקייט, און האָט אַ דאַנק דער מאַשין פאַרוואַנדעלט דעם מענשען אין אַ מיט-הענט-מאַכענדיגער חיה, אַנשטאָט מיט אַ קאָפּ-אַרבייטענדיגען מענשען; אַזוי האָט די בילדונג אַרויסגענומען פון די אַלע בילדונגס-אַנשטאַלטען יעדעס ברעקעלע פון מאָראַלישער כונה, יעדעס ברעקעלע ווייזהייט, וואָס אַ מענש קאָן קריגען נאָר יעמאָלט, ווען ער לערענט צוליב דעם גרויסען ווערט און טיפען זין, וואָס איז פאַרבאַהאַלטען אין דער לעהרע גופא, און ניט צוליב וועלכע עס איז אויסזיכטען אויף אוטאַליטאַריסטישע צילען און צוועקען. און פונקט ווי די ציוויליזאַציע האָט מיט אַלע כחות געשטרעבט אויסצומעסטען און אָפּצוּוועגען די קוואַליטעט און אינטענסיוויטעט פון דער מענשליכער אַרבייט, און האָט דורכדעם אַרויסגענומען פון דעם מענשען זיין שעפּפערישקייט, וואָס פּרירט און גליווערט דאָרט, וואו עס דערשפּירט וואָג און מאָס, אַזוי האָט די בילדונג זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט אויף אויסצו׳חשבונ׳ען וויפיל תורה דער אָנגעשלאָסענער אין אַ בילדונגס-אַנשטאַלט מוז אריינגעמען אין זיך אין פאַרלויף פון אַ באַשטימטער צייט, און פון וואָס פאַר אַ קוואַליטעט די תורה זיינע מוז זיין, אום ער זאָל אַנערקענט ווערען אַלס אַ געבילדעטער מענש, און דערמיט נאַטירליך האָט זי אַוועקגענומען יעדעס ברעקעלע מעגליכקייט פאַר אים פון פרייער אַנטוויקלונג, יעדע געלעגענהייט פון זעלבסט אַנטוויקלונג, וואָס אָהן איהר איז ניט שייך קיין קרעאַטיווע טעטיגקייט.

„די ערציהונג", האָט עמערסאָן געזאָגט, „דאַרף זיין אזוי ברייט ווי דער מענש; זי דאַרף באַגינסטיגען און ארויסברייננגען יעדען איינציגען עלעמענט, וואָס איז פאַראַן אין אים... צו דער איינבילדונגס קראַפט מוז מען זיך ווענ־דען. פאַר וואָס זיך האַלטען אַלע מאָל אויף דער אויבערפלאַך און קיינמאָל ניט עפענען די אינערליכקייט פון דער נאַטור, ניט דורך וויסענשאַפט, וועלכע איז נאָך אַלץ אויבערפלאַך, נאַר דורך פּאָעזיע? איז דען ניט דאָס גרויסע און דאָס אומענדליכע א טייל פון דעם גייסט? און דאָך, ווערט דאָס אומ־ענדליכע אמווינציגסטען אָנגעריהרט. וואָס פאַר א לעהרע, וואָס פאַר א בוך היינט צו טאָג אפּעלירט צו דעם אומענדליכען?"

דער אַפּיעל פון דעם אומענדליכען האָט אויפגעהערט, אין דער צייט, ווען די מאַטעריע און די מאַטעמאַטיק זיינען געוואָרען די צוויי געטער, צו וועלכע דער מענש האָט אָנגעהויבען דינען. אזוי לאַנג ווי דער מענש האָט געזעהן אין זיך אַליין דעם העכסטען און פּילפאַכסטען אויסדרוק פון דער אוניווערס, האָט ער דאָך געמוזט, בכדי זיך זעלבסט צו דערקלערען, שטרעבען צו צוקומען צו דעם נידעריגסטען און איינפאַכסטען, וואָס א געוויסען צאָל פון זיי, אין א געוויסער קאָמבינירונג האָט געזאָלט צענויפ־שטעלען דאָס העכסטע, וואָס איז שוין ממילא געוועזן דאָס בעסטע. אויף אזא אופן האָבען זיינע אונטערזוכונגען און פאָרשונגען אים געמוזט פירען פון דעם אומענדליכען צו דעם, וואָס האָט זיך אויסגעוויזען צו זיי ענדליך.

און פּאַסירט האָט מיט דעם מענשען און זיין אַראָפּלאָזען זיך צו דער ענדליכקייט און מיט זיין גאַנצען זיעג איבער דער וועלט, וואָס רינגעלט אים אַרום, דאָס זעלבע וואָס מיט דעם פּרוש און דעם בער.

„דער פּרוש", אזוי דערציילט פּרץ, „האָט גובר געווען. אונטערגעגנ־בען האָט זיך דער ווילדער צוויטיגער בער. זיין הינטיש „סקאָמלען" באַטייט: לאָז מיך צו דיר, ווי א הונט וועל איך דיך דינען, צו דיינע פיס ליגען, דיינע הענט לעקען, דיר געטריי אין די אויגען קוקען און טרעפען דיין פאַר־לאַנג, און אַז דו וועסט זיך פאַרטראַכטען וועל איך ליגען ציכטיג און שטיל, אפילו קיין פליג נישט כאַפּען".

„און דער פּרוש האָט אים געעפענט און דער בער איז ארויפגעגאַנגען צום פּרוש און האָט זיך געלייגט שטיל צו זיינע פיס און זיינע אויגען האָבען געזאָגט: „דו ביזט מיין גאָט... איך האָף צו דיר, און גלויב אין

דיר... דיינע געדאנקען זיינען הייליג, מיט דיינע כונות ועסטו וועלטען איבערבויען... און דער פרוש גלעט מיט ליבשאפט דעם בער, זיין היימיש געמאכטען בער, דעם בער וואס גלויבט אין אים — און פארטראכט זיך און וויל זיך ארייגלאזען אין זיינע מחשבות, זיך מתכון זיין צו דעם, וואס מען באדארף, אויפצוואוועקען די נשמה פון דער וועלט...

ער האט אבער שוין ניט געהאט מיט וואס צו טראכטען... ער אליין האט שוין די גאנצע פריהערדיגע נשמה ניט געהאט... מיט וויפיעל דער בער איז ארויף צו אים, מיט אזוי פיעל איז ער אראפ צו דעם בער..."

נעגאנגען איז דער מענש אזוי וויים פון דעם העכערען צו דעם נידע־ריגען, געזוכט האט ער אזוי לאנג צו דערקלערען דאס העכסטע און בעסטע דורך דעם נידעריגערן און דורך נייטראלען, וואס צוליב זיין בלינדקייט און צוועקלאזיגקייט איז דאס ניט גוט און ניט שלעכט, אז ער האט ענדליך דער־פילט, אז ווען עס זאל חלילה יא מעגליך זיין צוצוקומען אהין און זאגען: דאס איז דער סוף, און ווען די דערקלערונג פון דעם העכסטען זאלווירקליך ליגען אין דעם נידעריגען און ניט פארקערט, וואלט דאך ווירקליך ניט געבליבען קיין ברעקעל זין און ווערט, קיין ברעקעל ציעל און צוועק אין דער אוניווערס בכלל, און אין דעם מענשליכען לעבען בפרט.

גליקליכערווייזע האט דער מענש אין דער זעלבער צייט אויך דערזעהן אז אומענדליך איז דער וועג צו דעם ענדליכען, און, אז די זוכעניש גופא פון וועלכער עס איז דערקלערונג, יעדע דערוואַרטונג צו זעהן אן אורזאך און פאלגע צווישען דעם נידעריגסטען און העכסטען, יעדער מינדסטער פרואוו אריינצולייגען אדער צו געפינען באדייטונג אין די דערשיינונגען, אין די איינפאכסטע, אזוי גוט ווי אין די פילפאכסטע, האט א זין נאר יעמאלט, ווען מען בעטראכט זיך גופא, דעם העכסטען אויסדרוק פון דער פענא־מענאלער וועלט, און דאס סאמע נידעריגסטע וואס אונזער פאנטאזיע קאן אויסמאלען פאר אונז אין דער זעלבער וועלט, אלס ארויסשטראלונג פון א וועלט וואס איז אבסאלוט די העכסטע, און אין וועלכער אלע און אלעס איז איינגעשלאסען, און אין דער דאזיגער איינגעשלאסענקייט ווארצלען זיך אלע אבסאלוטע זינען און ווערטען, וועלכע זיינען פאראנטווארטליך פאר אלע אונזערע שטרעבונגען און פאר אלע, וואס ווערט ארומגענומען מיט דעם באגריף ציעל און צוועק.

און אזוי שנעל נאָר ווי עס הויבט אָן אנערקענט צו ווערען אזא זאַך ווי אבסאָלוטע ווערט, די ווערט וואָס ליגט אין דער זאַך גופא, און איז ניט אָפּהעניגג פון אויסזיכטען און דערוואַרטונגען אויף נוצען, וואָס קאָנען מאַטעמאַטיש אויסגערעכענט ווערען, אזוי שנעל ווי די אבסאָלוטהייט פון ווערט הויבט אָן אין פילע פאַלען צו באזייטיגען די רעלאַטיוויטעט פון ניצליכקייט, אזוי שנעל מוז אריינגעבראַכט ווערען אַן ענדערונג אין די מעטאָדען און אין די ציעלען און צוועקען פון דערציהונג. די ענדערונג מוז באַשטעהן אין דעם, וואָס א סך געוויכט וועט אַראָפּגענומען ווערען פון בילדונג און ארויפגעלייגט ווערען אויף אנטוויקלונג. עס וועט אַלץ מער און מער געשטרעבט ווערען צו דעם, אז דאָס וואָס ווערט געלערענט זאָל אַפּעלירען צו דער נשמה פון דעם שילער און זאָל אויף א דירעקטען אָדער אומדירעקטען אופן ארויסרופען ביי דעם שילער א באוואונדערונג פאַר דאָס גרויסע, דאָס אומענדליכע און מיסטעריעזע און א ליבע פאַר אַלץ, וואָס איז שעהן, דערהאבען און עהרליך.

„אזוי לאַנג", זאָגט דיואי, „ווי וועלכער עס איז געגענשטאַנד רופט ארויס א באַלדיגע פאַראינטערעסירטקייט, איז עס מער ניט נויטיג צו פרעגען, וואָס איז די פעולה דערפון. דאָס איז א פראַגע וואָס מען קאָן פרעגען נאָר וועגען אינסטרומענטאַלע ווערטען. געוויסע גוטסקייטען זיינען ניט גוט פאַר קיין זאַך. זיי זיינען בלויז גוטסקייטען. יעדער אַנדערער באגריף פירט צו אַן אבסורד... ניט די שילער אָין ניט די לערער וואָלטען געקאָנט פּאַראויסזאָגען מיט וועלכער עס איז גענויקייט די ציעלען וואָס דאָס לערנען וועט פּארווירקליכען אין דער צוקונפט. און כל זמן די נייגעריגקייט האַלט אָן, איז עס גאָר ניט ראַטזאַם צו פּרוּווען צו ספּעציפיצירען די באַזונדערע גוטסקייטען, וואָס וועלען ארויסקומען פון דעם לערנען. דער באַווייז אז עס איז גוט ליגט אין דעם פּאַקט, וואָס עס אַפּעלירט צום שילער. זיין אָפּרוף איז די נוץ דערפון".

די נוץ, אַלזאָ, ליגט אין דער ווערט פון דער זאַך. דאָס איז דער קולטור שטאַנדפּונקט, און אויף דעם געביעט פון דער דערציהונג באַדייט עס אַנטוויקלונג אַנשטאָט בילדונג, עס באַדייט דאָס וואָס דער מאַטעריאַליזם און דער ראַציאָנאַליזם, סיי דער מאַטעריאַליסטישער סיי דער אידעאַליסטישער, האָבען ניט געקאָנט געבען.

אין זיין בוך „געזאַמעלטע עסעיס" זאָגט אויקען: „מיר ווילען, אַז בילדונג זאָל זיך פאַרשפּרייטען אויף אַלע זייטען און מיר אַרבייטען פאַר דעם דאָזיגען צוועק מיט אונזער גאַנצער קאַפּאַציטעט... פאַרמאָגען מיר אָבער אַליין דאָס וואָס מיר ווילען מיטטיילען? האָט דען אונזער דור אַ בילדונג פון אַן איינהייטליכען כאַראַקטער מיט וועלכען מען זאָל קאָנען פאַנגען די גאַנצע מענשליכע נשמה און זי אַנטוויקלען פון אַן אינעווענינג-סטען מיטלפּונקט?... מיר האָבען ניט מיט וואָס אויפצוועקען דעם מענ־שען אַלס גאַנצעס, אַז ער זאָל זיך איבערגעבען צו דער זאַך מיט מאַכט און געפיל. עס פעהלט דערצו דאָס „אידעאַלע גוטעס, וואָס זאָל קאַטעגאָריש באַ־פעהלען, עס פעהלט דער אַלץ־אַרומנעמענדער־סינטעז פון לעבען, וואָס קאָן געבען צו אונזער גאַנצער אַרבייט איינהייט, האַרמאָניע און פּראָפּאָרציע... וויסענשאַפט און קונסט זיינען די הויפּט מיטלען אויף צו דערוועקען אַ ספּיריטועלען לעבען. עס מאַכט אָבער אַן אומגעהויערען אונטערשייד צו טוען זיי דאָס דירעקט דורך זייערע אייגענע פעהיגקייטען, אָדער דורך זייערע שייכות'ן צו אַ ספּיריטועלען לעבען אַלס גאַנצעס — אַ שייכות, דורך וועל־כער זיי ווערען פאַרטיפט און געשטאַרקט, און געווענדט צו אַ באַשטימטען ציעל. אַן אמת מענשליכע און געזעלשאַפטליכע בילדונג מוז פאָדערען אַזאַ שייכות. אונזער אויפגאַבע מוז זיין, אַז דורך דעם, וואָס מיר ברייגגען עפּעס צו דעם מענשען, זאָלען מיר אים אויפוועקען צו אַ זעלבסט־אַקטיוויטעט. און בכדי צו געבען אים אַ באַזיס פאַר אַזאַ אַקטיוויטעט מוזען מיר קלאָר מאַכען צו אים דעם שאַרפען „אַנטוועדער — אָדער", וואָס איז אַנטהאַלטען אין דער מענשליכער עקזיסטענץ. מיר מוזען אים רופען דורך אַ גרויסער או־ניווערסאַלער ריכטונג צו אַן אינערליכער אומאָפּהענגיגקייט, צו אַ שטאַרקייט און גלויבענס־פולקייט אין זיין אייגענעם וועזען. עס איז זעהר נויטיג אַז מיר זאָלען אים מאַכען צו אַנערקענען די גרויסקייט און ווירדע פון דעם מענשען אין דער ספּיריטועלער נאַטור, און אין דער זעלבער צייט די באַ־גרענצונגען און דער תהום, וואָס טיילען אים אָפּ פון דעם ענד־ציעל. מיר מוזען אים געבען אַ באַוואוסטזיין פון זיין אינעווענינגסטער גרויסקייט און וויכטיגקייט, וואָס ליגט אין דער קלענסטער סיטואַציע פון לעבען, אָדער אין דער סאַמע באַשיידענסטער, אויסערליכער גענומען, ספּערע פון פליכט".

וועגען די לעצטע ווערטער פון אויקענ'ען וועגען דער גרויסקייט און וויכטיגקייט, וואָס ליגט אין די קוים באַמערקבאַרע סיטואַציעס פון לעבען

און אין די שפורען פון מאָראַל וואָס זיי שיינקען מענשען זעהר אָפּט די קלענסטע אויפמערקזאמקייט, האָבען מיר זעהר פיעל געטראַכט, דערהויפּט ווען אונז איז אויסגעקומען צו לייענען דאָס וואונדערבאַרע ווערק, גאָרקי'ס „מיין קינדהייט“.

זיין באָבע איז קיין מאָל אין קיין שול ניט געגאַנגען, אפילו דעם „אלף בית“ ניט אויסגעלערענט, דאָס געדרוקטע אָדער געשריבענע וואָרט איז אויף אייביג געבליבען פאר איהר א סוד, זי האָט זיך קיין מאָל מיט קיין גרויסע מענשען ניט באַקאַנט, קיין מאָל ניט געשטעלט געוואָרען פּנים אל פּנים מיט סיטואַציעס פון א גרויסען פאַרנעם, און דאָך, קאָן זיך דאָס לעבען פון זעהר ווייניג גרויסע און אפילו פון הייליגע מענשען, זיך פאַר־גלייכען, אין העלדישקייט און אמת'ער מענטשליכקייט און מאָראַלישער שיינ־קייט און דערהאבענקייט, מיט דעם לעבען פון דער דאָזיגער אויסערליך געגנו־מען, איינפאַכסטער און אומוויסענדסטער פרוי.

זי האָט זיך ניט געלערענט, זי האָט זיך אָבער אַנט־וויקעלט.

איהר איז אויסגעקומען אין אירע קינדער יאָרען ארומצוגעהן מיט איר מאַמע פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט, איבער גאָט'ס שטיק וועלט, וואָס הייסט רוסלאַנד. און אלץ וואָס זי האָט מיט אירע אויגען גע־זעהן, מיט אירע אויערען געהערט איז געוואָרען פאר איהר אַן אומדער־שעפּליכער קוואַל, וואָס האָט אומאויפהערליך גענערט איר פיהלען און דיינקען, איהר נשמה און גייסט, און דערהויבען האָט זי זיך אזוי הויך ווי אַן אונענדליכער טורעם איבער אַלץ, וואָס האָט זי ארומגערינגעלט. אויסגעבויט האָט זי אינווייניג אין זיך זעלבסט אַזאַ גיבראַלטאַר שטאַרקע פעסטונג, וואָס האָט איהר ביז צום טויט באַשיצט געגען די מיזעראַבעלסטע קליינליכ־קייטען, און די עקעלהאַפטסטע שמוציגקייטען פון א טאָג־טעגליכען לעבען, וואָס האָט אין זיין נידעריגקייט אין חיה'שקייט קיין גלייכען צו זיך. ביינע־קומען האָט זי מאָראַליש אַלע שטרויכלונגען, וואָס זיינען איהר אין וועג געשטעלט געוואָרען, נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט געפונען א דערקלערונג פאר אלץ, וואָס זי האָט מיט איהרע חושים באַנומען און מיט דעם געדאַנק באַ־רופען, אין דער עקזיסטענץ פון אַן אַלערהעכסטער און אבסאָלוט מעכטי־גער קראַפט, וואָס זי גופא פילט אַן אַלץ, מיט א זין און א באַדייט,

וואָס דערקלערען די לאָגיק, הגם זיי קאָנען ניט פון דער לאָגיק באַנומען ווע־רען, דען זיי מוזען פריהער אינטואיטיוו דערשפירט ווערען.

איהר גאָט האָט געווירקט ניט נאָר אויף איהר, נאָר אויך אויף איהר אייניקעל — דער שפּעטערדיגער מאַקסים גאָרקי. „איהר גאָט”, זאָגט ער, „איז געווען גאַנץ פערשטענדליך צו מיר, איך האָב געוואוסט, אז איך טאָר ניט זאָגען אין זיין אנוועזענהייט קיין ליגען. איך וואָלט זיך גע־שעמט דאָס צו טאָן. דער געדאַנק וועגען אים האָט ארויסגערופען אין מיר אזא אומאיבערווינדליכען געפיהל פון שאַנדע, אז איך האָב איהר קיין מאָל קיין ליגען ניט געזאָגט, עס וואָלט פשוט געווען אוממעגליך עטוואָס צו באַהאַלטען פון דעם דאָזיגען גאָט”.

און אין אַן אַנדער אָרט זאָגט ער: „אין יענע טעג זיינען מיינע געדאַנ־קען און געפיהלען וועגען גאָט געווען די הויפּט דערנערונג פון מיין נשמה און זיי זיינען געווען די שענסטע טעג פון מיין עקזיסטענץ. אַלע אַנדערע איינדרוקען וואָס איך האָב באַקומען, האָבען בלויז מיר געעקעלט מיט זייער אכזריות׳דיגקייט און אומריינקייט און האָבען דערוועקט אין מיר א געפיהל פון גרויזאַמקייט און ווידערווילען. גאָט איז געווען דער בעסטער און ליכ־טיגסטער פון אַלע וועזענס וואָס האָבען געלעבט אַרום מיר — דער באָבע׳ס גאָט, אָט דער טייערער פריינד פון דער גאַנצער שעפּפונג”.

און ווען מיר האָבען געלייענט אין דעם דאָזיגען בוך וועגען דער שטאַר־קער ווירקונג וואָס עס האָבען געמאַכט אויף דער נשמה פון דעם שפּעטער־דיקען גרויסען און גוטען גאָרקי, דער באָבע׳ס פרימאָרגענדיגע און אווענדיגע תפילות, וועלכע זיינען געווען אומגעהויער רייך און וואַריאַציעס און דורכ־געדרונגען און דורכגעוויקט מיט א ברענענדער ליבע צו גאָט, צו זיין וועלט און צו יעדער קלענסטער באַשעפעניש אין איר, האָבען מיר זיך דערמאָנט אין די תחינות פון שרה׳ן, שלמה ר׳ חיים׳ס מאַמע.

„איהר לייענען” זאָגט מענדעלי, „איז געווען פול מיט געפיהל, איהר נגונ׳דעל דערביי האָט גערירט, געצופּט ביי דער נשמה, א שטיין אפילו וואָלט פון אירע טרערען אויך צוגאָסען געוואָרען”.

און נאָכדעם ווי ער גיט איבער וואָרט פאַר וואָרט א שטיק פון דער תחינה ערב־יום־כפור, זאָגט ווייטער מענדעלי: „לאָז נאָכדעם לאַכען ווער עס קאָן, לאָז ער זאָגען, אויב עס לייגט זיך איהם דאָס מויל, אז דאָס איז

נארישע זאכען. — אהער ליכט, אהער א סך אזעלכע ריינע נשמות־ליכט! א סך אהער אזעלכע ברענענדיגע געפיהלען, ריינע הערצליכע ווערטער, היי־סע טרערען, געבעט, ליעבשאפט צו תורה און חכמה, ליעבשאפט צו מענ־שען! און דאס אלצדינג ביי וועמען איז עס? ביי אידענעס, ביי פראסטע אידענס, וואס אנקוקענדיג זיי דאכט זיך, זיי זיינען גאר נישט; וואס אנ־קוקענדיג זיי פון מארק דאכט זיך זיי זיינען משונה פארגרעבט... הלואי א סך אזעלכע ווייבער מיט די זעלבע געפיהלען און אזעלכע ווערטער!

„דאס מעגען הערען יענע, יענע... מעגען הערען און—שטומען!" דאס האט געשריבען מענדעלי ווענגען זיין באבע מיט עטליכע צענדליג יאר צוריק, און איצט שרייבט גארקי וועגען זיין פרומער באבע, וועלכע האט אין קיין בילדונגס אנשטאלט ניט אריינגעשמעקט און אין קיין ביכעל ניט אריינגע־קוקט: „אזוי האט זי שטענדיג גערעדט, באנוצענדיג זיך מיט אזעלכע אויסערגעוועהנליכע הארמאנישע ווערטער, אז זיי האבען ווי שמעקענדיגע, העלע, אימער־דויערנדע בלומען, געשלאגען טיפע ווארצלען אין מיין זכרון... אלץ ארום איר איז געווען פינסטער, אבער אינוועניג האט זי געלויכטען מיט אן אויסלעשבארען פריידיגען און גליהענדען פלאם, וועלכער האט זיך אטפלעקט אין אירע אויגען... ביז זי איז געקומען אין מיין לעבען בין איך, זעהט אויס, געווען פארשלאפען, און פארבאהאלטען אין דער טונקעלהייט; אבער, ווען זי האט זיך באוויזען, האט זי מיך אויפגעוועקט און מיך גע־פירט צו דעם ליכט פון טאג... איהר, אומאייגענוצינע ליבע פאר דער גאנ־צער שעפפונג, האט מיך באריכערט און מיר געגעבען די קראפט, וועלכע איז נעווען אזוי נויטיג פאר א שווערען לעבען..."

ביידע, זעהט אויס, אי מענדעלע אי גארקי, און מיט זיי אלע גרויסע קינסטלער און אלע גרויסע דיינקער פון דעם צוואנציגסטען יארהונדערט, שפירען, פיהלען און ווייסען, אז וואו עס איז ניטא קיין ברענענדיגע גע־פיהלען, קיין ריינע הארציגע ווערטער, קיין הייסען טרערען, קיין געבעט, קיין ליבשאפט צו תורה און חכמה, קיין ליבשאפט צו מענשען, דארט קאן ניט זיין קיין טיפער, און ממילא ניט קיין ווערטפולער, לעבען. אמת'ע הארציגקייט ווידער און א ליבשאפט, וואס זאל טרייבען דעם מענשען אין דער הויך און אין דער טיף, קאן זיין נאר יעמאלט, ווען מען קוקט אויף דער וועלט פון אויבען אראפ און ניט פארקערט, נאר יעמאלט ווען מען לאזט אלץ, וואס נעמט אונז ארום, אלץ, וואס קומט צו אונז און נעמט זיך פון

אונז, זיך קאָנצענטרירען ווי שטראַלען אין אַ ברען גלאָז, אין אַן אַבסאָלוט העכסטער גייסטיגער קראַפט, וועלכע איז אַזוי ווייט און אַזוי נאָהענט צום מענשען, אַזוי אַנדערש פון דעם מענשען און דאָך אַזוי עהנליך צו אַלעם גייסטיגעם אין נשמה'דיגעם וואָס זעצט זיך דורך דורך דעם מענשען.

אויף וויפיל די לעצטע העלפט פון דעם נייצענטען יאָרהונדערט האָט אָנגעהויבען קוקען אויף דער וועלט פון אונטען אַרויף, אויף וויפיל זי האָט געשטרעבט צו דער צוריקפירונג פון דויער צו צייט, פון קוואַליטעט צו קוואַנטיטעט, פון אינטענסיוויטעט צו עקסטענזיוויטעט און פון אַבסאָלוטהייט צו רעאַליטיווויטעט, אויף אַזוי פיל ווי פיל זי האָט געוואָלט אויפצולייזען דאָס העכסטע אין דאָס קלענסטע און דאָס פילפאַכסטע אין דאָס איינפאַכסטע, אויף אַזוי פיל האָט ביסלעכווייז געמוזט אויסגעלאָשען ווערען די האַרציגקייט, די הייסקייט און די ליבשאַפט, אויף אַזוי פיל האָט די ווערטפולקייט געמוזט אָפּטרעטען איהר אָרט צו דער נוצפולקייט, אויף אַזוי פיל האָט די תורה געמוזט ווערען אַ מיטעל בלויז אויף צו מאַכען דעם לעבען מער באַקוועם, און די חכמה איז אויסגענוצט געוואָרען אויף אַלערליי המצאות פאַר דער עקספּלואַטאַציע פון דעם גרויסען בער—די נאַטור, און דאָס האָט ממילא געפירט צו אַ פּוסטען לעבען, מער און מער צו אַ לעבען וואָס האָט ניט קיין אינהאַלט, אַ לעבען, וואָס האָט ניט קיין זין און קיין ווערט, קיין ציעל און קיין צוועק.

דער דור וואָס האָט נאַטוראַליזירט יעדע מאַכט און קראַפט און ראַציאָנאַליזירט יעדען נשמה אויסדרוק, האָט דורך זיין דערציהונג ניט געקאָנט וועקען צו קיין זעלבסט־אַקטיוויטעט, האָט ניט געקאָנט געבען דעם מענשען קיין מאָראַלישען שטיץ־פּונקט, קיין גייסטיגען אינהאַלט, וואָס זאָל איהם שטאַרקען און הויבען איבער דער טאָג־טעגליכקייט און דער פּראַקטישקייט, וואָס ציהט דעם מענשען אַראָפּ אַלץ מער און מער אין דער נידער, ווי דער בער האָט אומבאַוואוסטערהייד געצויגען דעם פּרוש. אין אַזאַ תקופה, האָט דער מענש זיך נאָר געקאָנט בילדען אין דער ב ר י י ט, אָבער ניט זיך אַנטוויקלען אין דער ט י ף . . . די אויפגאַבע פון דער ציוויליזאַציע האָט געקאָנט זיין נאָר איינע, און דאָס איז צו בילדען, די אויפגאַבע פון דער קולטור אָבער איז געווען און וועט אַלע מאָל זיין צו אַנטוויקלען. און ווי די ציוויליזאַציע קאָן העלפען דער קולטור און איז, אין פילע פאַלען, נויטיג פאַר דער קולטור, אַזוי איז אויך די בילדונג נויטיג און קאָן זיכער

מיטהעלפען דער אנטוויקלונג פון דער קולטור. ביידע אבער, אי די ציוויליזאציע, אי די בילדונג טארען ניט באטראכט ווערען אלס צילען. זיי מוזען אלע מאל זיין בלויז מיטלען. און ווי די ציוויליזאציע דארף דינען דער קולטור, אזוי דארף די בילדונג דינען דער אנטוויקלונג. אנטוויקלונג איז דער וועג, וואס פיהרט צו א רייכערער און טיפערער קולטור, און צו אן אינהאלטסרייכערען און ווערטפולערען לעבען.

און אויב עס דארף איצט געלעגט ווערען א סך געוויכט אויף קולטור און איהרע הויפט־רעפרעזענטאנטען, פילאסאפיע, רעליגיע און קונסט, דארף האנט און האנט דערמיט א סך געוויכט אראבגענומען ווערען פון בילדונג...

דער קולטורעלער מעמד פון א מענשען שטייגט ניט דורך בילדונג, נאר דורך דערציהונג, וואו ניט דאס וויסען, נאר דאס פיהלען, טראכטען און דיינקען שפילען די הויפט־ראלען, אין דעם דערציהונגס־פראצעס נעהען אריין טיפע איבערלעבונגען, שטארקע נשמה־צוטרייסלונגען, אומפארגעסליכע איינדריקען, באריהרונגען מיט דערהאבענע פערזענליכקייטען, פראכטפולע פאסאזשען און אויסערגעוועהנליכע געגענשטאנדען. צו זיין גוט דערצויגען הייסט, צו ווערען וואס עפטער פון פארשיידענע ווירקונגען סטימולירט צו א באשטענדיגען שטרעבען צו עפעס העכערעס, איידער דאס רעאלע און געוועהנליכע. די דערציהונג קומט פאר אויף צווייערליי אופנים: אויף א באוואוסטען און צוועקמעסיגען און אן אומבאוואוסטען און צופעליגען. צו דערציהען עמיצען ציעלבאוואוסט הייסט, צו שטעלען איהם אונטער פאראויסגעפלאנטע באדינגונגען, וואס זאלען ווירקען אויף דעם וואוקס און שוואונג פון זיין גייסט. אזא באוואוסטזיניגע דערציהונג רופט זיך, אין קאנטראסט צו דער נאטירליכער אדער אינסטינקטיווער דערציהונג, אנטוויקלונג. און ווען מען האט ברעה קולטיווירען זיך, אדער אנדערע, דארף מען אין זינען האבען אנטוויקלונג און ניט בילדונג.

אויף ווי גרוים דער אונטערשיעד איז צווישען ציוויליזאציע מיט איהר מיטעל—בילדונג און קולטור—וואס פאדערט נאר אנטוויקלונג, זעהט מען דערפון, וואס אלע רעוואלוציעס אין דעם געדאנקען־גאנג פון דער מענשהייט האבען געמוזט אויסגעקעמפט ווערען אין דער קולטורעלער גאס, דאס

הייסט אין פארשיידענע קלובס, אין צאָהלרייכע עפענטליכע זאַל־דיסקוסיעס און פאַרלעזונגען, און אין די ניט אנערקענטע זשורנאַלען.

אין זיין „געשיכטע פון ציוויליזאַציע" שטעלט זיך באָקאָל זעהר לאַנג אָפּ אויף אַזאַ סאָרט קאַמף פאַר אַ נייער קולטור בשעת, און פאַר, דער פראַנצויזי־שער רעוואָלוציע. ערשט נאָך אַ גרויסען קאַמפף, וואָס אין איהם האָבען זיך באטייליגט מאַסענווייז מענשען אָהן בילדונג, האָבען די פּאַטענטירטע ביל־דונגס־אַנשטאַלטען בעל כרחה געעפענט זייערע טיהרען פאַר די נייע געדאַנקען־ווענדונג, וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען צו זיין אַ העכע־רער גראַד פון קולטור־שטייגונג.

די פילאָסאָפישע סיסטעמען, וואָס פאַרנעמען איצט אין דער גע־שיכטע־פילאָסאָפיע אַ בלעטעל, מיט וועלכען די מענשהייט שטאָלצירט, האָבען אַמאָל ניט געטאָרט דערמאָנט ווערען אין די בילדונגס־אַנשטאַלטען. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען בנוגע צו רעליגיעזע השערות און קונסט־קאָנ־צעפּציעס. און אַקוראַט אַזאַ שטעלונג נעמען איצט אָן די אוניווערזיטע־טען בנוגע צו דעם, וואָס זענגלט אונטער דעם נאָמען פון דעם ראַדיקאַלען געדאַנק, וועלכער איז, אין תוך גענומען, ניט מעהר ווי אַ נייער קולטור־בליק, וואָס געהט שאַפען נייע ווערטען און אינהאַלטען פאַר דעם לעבען פון יחיד און פון דער געזעלשאַפט, נייע באַגריפען וועגען די שייכות'ען בין אדם למקום און בין אדם לחברו.

דאָס אַלץ איז דערפאַר, מחמת די דאָזיגע אַלערליי שולען זיינען אינ־סטיטוציעס, וואָס דער מאָטיוו פון זייער גרינדונג איז געוועזן צו העלפען צופּאַסען זיך און די געזעלשאַפט צום לעבען אין זיין פּראַקטישער געשטאַלט. אַלס אַזעלכע מוזען זיי זיך פאַרנעמען דערמיט, וואָס איז שוין אנערקענט געוואָרען פאַר זיכער און ניצליך, און פאַרטרייבען פון זיך דאָס צווייפעל־האַפטע און דאָס אומזיכערע, דאָס הייסט אַלץ, וואָס געהט אַריינברענגען אַן איבערקעהר אין דעם, וואָס איז ביז איצט געוועזן. דער הויפּט־צוועק פון בילדונג איז דאָס אַלטע צו קאָנסערווירען, און ניט דאָס נייע צו פּראָ־דוצירען אָדער שאַפען.

ווייל מען אָבער נייע קולטור־אוצרות שאַפען, מאָר מען פון אויג ניט אַרויסלאָזען די אַנטוויקלונג, וועלכע שטרעבט צו העלפען דעם מענשען צו

דערקענען זיין ראָל און זיין ווערטה אין דעם וועלט'אַל, און צו דערגרונטעווען דעם זין פון'ם קאָסמאָס, וואָס פון איהם איז דער מענש אַ טיילכעל.

די מעלה פון אַנטוויקלונג אין פאַרגלייך מיט בילדונג איז אויך די, וואָס ווערענד פאַר דערוואַקסענע מענשען איז שווער, און גאַנץ אָפט אוממעגליך זיך צו בילדען, דאָס הייסט, אויסצולערנען זיך די למודים וואָס ווערען געגעבען אין די שולען פאַר קינדער, איז דאָס אָבער פאַר זיי בפירוש יאָ מעגליך זיך אַנטוויקלען קולטורעל. די בילדונגלאָזיגקייט איז גאָר ניט אַזאַ גרויסער שטער פאַר אַנטוויקלונג, ווי אַנדערע מיינען דאָס. אפילו פאַר „אַנ'אַלפאַבעטען" איז ניט אוממעגליך צו תופס זיין און הנאה האָבען פון פּאָרלעזונגען איבער פילאָסאָפישע, רעליגיעזע און קונסט פּראָבלעמען. דאָס איז פונקט אַזוי מעגליך, ווי עס איז מעגליך פאַר אַ מענשען, וואָס ווייס ניט ווי צו האַלטען אַ פּיעדעל אין האַנד און ווי צו לייענען נאָטען, הנאה צו האָבען פון גוטער מוזיק.

די אָבהאַנדלונגען איבער די פאַרשיידענע קולטורעלע פּראָבלעמען, רופען אַרויס אפילו ביי דעם אונגעבילדעטען, דאָס וואָס דזשיימס רופט אָן, אַ „פּראָבלעמאַטישען ציטער". עס עפענען זיך פאַר איהם נייע האָריזאָנטען, נייע מחשבות הויבען אָן צו שווירבלען און גריבלען אין זיין מוח, נייע געפיהלען וואַכען אויף אין זיין האַרץ. ער דערזעהט נייע אינהאַלטען און אַ טיעפען זין אין לעבען, ער דערשפּירט אין זיך אַ שטאַרקערען זעלבסט, און דורך דעם ווערט ער מוטהיגער און אַנטשלאָסענער אין זיין קאַמפּף פאַר אַ מעהר מענשליכערען און פאַר אַ גייסטרייכערען לעבען.

דאָס וואָרט פּראָבלעמען דריקט אויס נאָך איין נפקא מינה צווישען בילדונג און אַנטוויקלונג. בילדונג פאַרנעמט זיך מיט דאָס וויסען פון אַלץ, וואָס איז ניט פּראָבלעמאַטיש. אַנטוויקלונג סטימולירט דעם גייסט דורך דעם, וואָס ער רופט אַרויס דעם גרעסטען אינטערעס און די שטאַרקסטע נייגעריגקייט אין אַלץ, וואָס איז העכסט פּראָבלעמאַטיש. און דאָס העכסט פּראָבעלמאַטישע איז אייגענטליך די תמצית פון קולטור. און „וואָס מעהר עס פעהלט איין איצט דעם מענשען צו קלערען טאָמער איז קיין מאָס און קיין וואָג נישט פאַרהאַנדען?" (פּרץ, „די נייע

בעוועגונג״), אלץ גרעסער ווערט דער פארנעהם פון דאס פראבלעמאטישע. וואס מעהר די וויסענשאפט פארלירט איהר האפנונג אויף אריינברייננגען וואג, מאס און רעכנונג אין די דאמענען פון לעבען און גייסט, און וואס מעהר די פילאסאפיע הויבט אן צו באטראכטען ספאנטאנואיטעט, פריי־הייט, אריגינאליטעט און שעפפונג פאר די אייגענשאפטען פון לעבען און גייסט, אלץ מעהר שטייגט די אומפארמיידליכקייט און אייבינקייט, און מיט זיי צוזאמען דער יחוס און ווערט פון פראבלעמען. און מיט׳ן וואוקס פון דעם דרך ארץ פאר׳ן פראבלעמאטישען, שטארקט זיך במילא דער דראנג פאר קולטור.

און וויל מען באמת קולטור, טאר מען ניט פארגעסען, אז דער וועג צו איהר איז אנטוויקלונג. מען דארף אויך האלטען אין זכרון, דאס פון די צוויי פאקטארען פונ׳ם מענשליכען פראגרעס, איז כמעט פאר א גאנצען יארהונדערט באטאנט געווארען איינער, און דאס איז ציוויליזאציע און ממילא שוין אויך בילדונג. עס איז איצט געקומען די צייט צו קאנצענטרירען אביסעל מעהר ענערגיע און אויפמערקזאמקייט אויף דעם צווייטען פאקטאר — קולטור און אויף איהר סינע־קווא־נאן — אנטוויקלונג.

דער דאזיגער פאקטאר פירט דעם מענשען אהין, וואו דאס וואכע־דיגע גרענעצט זיך מיט דאס הייליגע, דאס ערדישע מיט דאס הימלישע, דאס צייטווייליגע מיט דאס אייביגע, דאס פראקטישע מיט׳ן ספעקולאטי־ווען; קורץ, דאס מענשליכע — מיט דאס איבערמענשליכע. און ווען מען טראכט וועגען אזא גרעניץ, שאדט ניט זיך צו דערמאנען די ציטאטע, וואס עמערסאן ברייננגט ערגעץ: „וואס פאר א ווערטלאזער חפץ איז דער מענש, ווען ער קאן ניט א שטייג טאן איבער זיך זעלבסט!״

דאס פראבלעם בלייבט יעדענפאלס אפען, און די אפענע פראבלעמען זיינען די נשמה פון אנטוויקלונג און קולטור, און אויב זיי בלייבטען ניט די מענשליכע וועגען, לייטערען זיי אבער דעם מענשליכען גייסט. . . .

צווייטער טייל

דער קלאסען קאמף
אין ליכט פון קולטור
אנשטאט ציוויליזאציע.

דער קלאַסען קאַמף
אין ליכט פון קולטור
אַנשטאַט ציוויליזאַציע.

„איך שרעק מיך פאַר באַצוואונגענע, וואָס זיגען, עס קאָנען פון זיי באַצווינגער ווערען און יעדער באַצווינגער זינדיגט קעגען מענשליכען גייסט".

„און איר וועט מעכאַניזירען דאָס לעבען און הייסען עס פאַרברענען אין קאַשאַרען".

„עס וועלען קיין שטיבער אָהן פענסטער ניט זיין; נאָר אין נעבעל וועלען איינגעהילט זיין נשמות".

„און איהר וועט זינקען אין אומגערעכטיגקייט, און איהר וועט ניט פיהלען דעם זומפ אונטער אייערע פיס".

„איך וויל, איך האָף צו אייער זיעג, נאָר איך שרעק מיך און ציטער פאַר אייער זיעג".

„איהר זייט מיין האָפענונג, איהר זייט מיין שרעק".

(י. ל. פרץ, „האָפענונג און שרעק").

אין דער אַרבייט „קולטור און אַנטוויקלונג" האָבען מיר אָנגעוויזען אויף דער אומקלאָרקייט, וואָס הערשט אין די מוחות פון די מענשען בנוגע דעם זין און באַדייט פון די טערמינען קולטור און ציוויליזאַציע. דאָרט האָבען מיר שטאַרק באַטאָנט דעם אונטערשייד, וואָס דאַרף, לויט אונזער מיינונג, געמאַכט ווערען צווישען „קולטור און ציוויליזאַציע". „ציוויליזאַציע", זאָגען מיר דאָרט, „אונטערשיידט זיך פון קולטור דערמיט, וואָס זי שטעלט די טראָפ אויף דאָס *מענשליכע*, אַנשטאָט דאָס *איבערמענשליכע*, אויף דאָס *ערדישע*, אַנשטאָט דאָס *הימלישע*, אויף דאָס *פּראַקטישע*, אַנשטאָט דאָס *ספּעקולאַטיווע*. ציוויליזאַציע איז פאַראינטערעסירט אין דער גשמיות'דיגער געשטאַלט פון דעם וועלט־אַל. קולטור שטרעבט זיך צו פאַראייניגען מיט דער רוחניות'דיגער און ממשות'לאָזער געשטאַלט פון דער מהות פון דעם וועלט־אַל."

אין דערזעלבער ארבייט, ווערט אויך די אויפמערקזאמקייט פון דעם לעזער געצויגן צו דעם פאקט, אז די צווייטע העלפט פון דעם נייצענטען יאָרהונדערט צייכנט זיך אויס, אין געגענזאץ צו דער ערשטער העלפט פון דעם זעלבען יאָהרהונדערט, דערמיט, וואס אין איר האט די ציוויליזאַציע, און ניט די קולטור, געשפילט די גרעסטע און שטארקסטע ראָלע. זי, די ציוויליזאציע, האט אין די יאָרען אומגעפער פון 1850 ביז 1900 כמעט אומגעשטערט געוועלטיגט איבער דער נשמה און איבער דעם גייסט, איבער דאס הארץ און איבער דעם מוח פון דער מענשהייט. דאס איז געווען די תקופה, ווען דער מענש האט זיך ארייגגלאָזט אין דער זוכעניש פון וואויל־זיין, מיינענדיג, אז דארט וועט ער זיין גליק געפינען.

אלע אנטדעקונגען און ערפינדונגען פון דער, מיט ריזיגע שריט מאר־שירענדער וויסענשאפט, האבען אויסגעזעהן דעם מענשען צו זיין ניט מער ווי א מיטעל צו פארגרעסערען די באקוועמליכקייטען פון זיין לעבען אויף דער וועלט, און אויף צו געבען דעם דאָזיגען ערדישען און אויסענווייניגסטען לעבען מער פראכט און גלאנץ.

דער גרויסער זיעג פון דעם מענשען איבער דער גרויסער און ברייטער וועלט וואס רינגעלט אים ארום; די פילע טריאומפען איבער דער אומבא־לעבטער נאטור, וואס האבען געפירט דערצו, אז זי, וועלכע איז געווען שטום־שווייגענד פאר טויזענדער יאָרען, זאָל אנהויבען צו רעדען און אנטפלעקען פילע און פילע פון אירע סודות; די אלע ביז איצט אומגעהערטע ערפאָלגען אויף די געביטען, דערהויפט פון די מאטעמאטיש־פיזישע וויסענשאפטען, וואס האבען זיך אפגעגעבען דער עיקר מיט דער גרויסער וועלט, וואס שטעהט אויסענווענינ פון דעם מענשען, האבען אים געטריבען ווייט ארויס פון דער אינווענינסטער וועלט. זיי האבען אים כמעט אינגאנצען אוועקגענור־מען פון זיין אייגענעם זעלבסט. פרעמד האט אים אנגעהויבען ווערען זיין איי־גענע וועלט, וואס ציהט זיך אין דער טיף, און וויים קוים פון א לענג אדער פון א ברייט.

די וועלט, וואס אין איר באטייט מער פון אלץ דאס, וואס איז ווערט־פול, דאס וואס דויערט אומענדליך, דאס וואס מאכט מעגליך טיפע און איינדרוקספולע איבערלעבונגען — די דאָזיגע וועלט, איז אונטערוואָרפען געוואָרען צו א וועלט, וואס אין איהר שפילט די הויפט ראָלע דאס ניצליכע,

דאס פארבייטנייהענדע און אלץ דאס, וואס גיט פארגעניגען און וואוילטאג. בלינד איז דער מענש געווארען צו אלץ, וואס גיט דעם לעבען אן אינווענינג־סטע שענקייט און הערליכקייט, און עפענט פאר אים אן אומדערשעפלי־כען קוואל פון אמת'ער נשמה־פרייד.

אין זיין בוך, „פראבלעמען פון לעבען", זאגט אויקען: „די ארבייטען פון די פריהערדיגע יארהונדערטען, נייך, פון די לעצטע עטליכע צענדליג יאר, זיינען געווען פרוכטבאר אהן א שיעור. א נייע קולטור איז אנט־שטאנען, און נייע בליקען אויף דער אוניווערס זיינען געשאפען געווארען. איר טריאומפירענדער פראגרעס אבער, האט אין זיך ניט איינגעשלאסען קיין גלייכגילטיגען פארשריט פון דעם אינווענינגסטען לעבען. איר פאר־בלענדענדער זיג איז ניט געוואונען געווארען פאר דעם גייסט און פאר דער סובסטאנץ פון דעם מענשען. מיט אומ'רחמנות'דיגער ענערגיע האט זי אונז געטריבען מער און מער צו דער וועלט, וואס איז אויסענווענינג פון אונז, זי האט אונז אונטערגעווארפען צו נויטווענדיגקייטען, און פאר־שקלאפט צו אונזער סביבה... אויפגעבלאזען פון ערפאלג, פילען מיר זיך דאך פוסט און ארעם. מיר זיינען געווארען בלויז די געצייג און די אינסטרו־מענטען פון אן אומפערזענליכער ציוויליזאציע, וואס לכתחילה נוצט זי און נאכדעם פארלאזט זי אונז, קרבנות פון א מאכט, וואס טרעט אכזריות'־דיג מיט די פיס פעלקער און אינדיווידען, ניט רעכענענדיג זיך מיט לעבען און טויט, ניט וויסענדיג פון קיין פלאן און פון קיין פארנונפט, פריי פון יעטווידער ליבע און זארג פאר דעם מענשען".

די לעצטע יארצענדליגע, וואס וועגען זיי רעדט דער פילאזאף אויקען, איז געווען די צייט ווען די מאטעריאליסטישע וועלטאנשויאונג, געטראגען אויף די פליגלען פון דער טריאומפירענדער וויסענשאפט, האט באהערשט דעם מענשליכען דיינקען אין זיין גאנצער לענג און ברייט.

די מאטעריאליסטישע אנשויאונג זעהט אין דעם הויכען און קאמפלי־צירטען אויסדרוק פון דער וועלט אן ארויסוויקלונג פון עפעס, וואס איז ני־דעריגער און אייננפאכער. זי קאן דאריבער ניט שטעלען צו דעם מענשען, וועלכער איז, ווי זי נעמט אן, דער העכסטער און פילפאכסטער אויסדרוק פון אלץ, וואס איז פאראן אין דער וועלט, אזעלכע ציעלען און צוועקען, אי־דעען און אידעאלען, וואס זאלען גרייכען ווייט איבער דעם מענשען.

דער מאטעריאליזם וואס וויל, און וואס האט פאר א קורצער צייט

ווירקליך געהאפט, אז ער וועט קאנען רעדוצירען דאס דיינקען און דאס פילען, דאס גייסטיגע און דאס נשמה'דיגע, דאס אומ'ממשות'דיגע און אומ־געשטאלטעטע צו עפעס אזעלכעס, וואס דיינקט ניט און פילט ניט, צו עפעס אזעלכעס, וואס איז ממשות'דיג און קאנקרעט און האט א פארם און א געשטאלט און, וואס האט געשטרעבט צו פארוואנדלען אלץ, וואס האט קוואליטעט, אין עפעס, וואס באזיצט בלויז קוואנטיטעט, האט אנדערש ניט געקאנט ווי זעהן אין דעם גוף, אין דעם אויסגעצייכענטען מאטעריאל פאר דער לאבאראטאריע, דעם קוואל און דעם מקור פון דער נשמה, וועלכע לאזט זיך בשום אופן ניט ארייןלעגען אין וועלכען עס איז שמעלצ־טיגעל. קיין זאך האט ניט באוועגט דעם מאטעריאליזם צו דערבליקען דעם אפגרונד, וואס טיילט אפ דעם פארגעניגען און גליק, וואס די צופרידענשטעלונגען פון די קערפערליכע תאוות גיבען דעם מענשען, פון דעם נחת רוח און דער גליקזעליגקייט, וואס די איבערלעבונגען פון דער נשמה פארשאפען אים.

און דארט, וואו דאס סאמע העכסטע איז ניט מער, ווי אן אנטוויקלונגס גראד פון דעם נידעריגען, דארט וואו דאס הימלישע ווערט ניט באטראכט אלס עפעס, וואס איז, אין זיין תוך און תמצית, לגמרי אנדערש פון דעם ערדישען, דארט קאנען ניט די העכסטע באשטרעבונגען און טיפע באגערען פון דעם מענשען אוועקגעטראגען אים אזוי הויך און ווייט אין די הויכע וועלטען, אז ער זאל זיך איינגאנצען אן דער ערד פארגעסען. אונטער דעם בליק פון מאטעריאליזם קאן דאס העכסטע זיך ניט אפשיידען אזוי ווייט פון דעם נידעריגסטען, אז עס זאל צווישען זיי אן אפגרונד געשאפען ווערען, און דאס נידעריגע קאן קיין מאל ניט, ווי אונטער דעם בליק פון אידעאליזם, באטראכט ווערען אלס א פונק פון דעם העכסטען. די ספעקולאציעס איבער גאט, מענש און וועלט פון דעם יעניגען, וואס שטעהט אויף דעם שטאנדפונקט פון מאטעריאליזם, קאנען קיין מאל ניט זיין פון אזא הויכען און ברייטען שוואונג, אז ער זאל פון זיין אויג ארויסלאזען דאס פראקטישע און דאס וועלטליכע, און ער זאל בלויז אין זינען האבען דאס איבערמענשליכע און דאס געטליכע.

עס איז דעריבער גאנץ באגרייפליך, פארוואס די ראלע, וואס די ציוויליזאציע האט געשפילט אין נעגענזאץ צו דער קולטור, איז געוועזען אם גרעסטען און אם מעכטיגסטען אין יענער צייט, ווען די ווירקונג און דער אייגפלוס פון דעם מאטעריאליזם איז געוועזען אם שטארקסטען און אם ברייטסטען.

און וואס ברייטער דער מאטעריאליזם האט ערגעץ וואו זיך פאנאנדערגע־שפרייט, אלץ מער איז די קולטור איינגעשלונגען געווארען פון דער ציוויליזאציע.

„אין דעם גאנצען גרויסען מערב קאנטינענט", זאגט דער גרויסער דיכטער און דיינקער טאגאר אין זיין קליינעם אבער וואונדערליכען ביכעל „סאדהאנא", „זעהען מיר, אז די נשמה פון דעם מענשין איז הויפטזאכליך פאראינטערעסירט אין דעם זיג פון דער ברייטער וועלט ארום זיך... זיין פארליבע איז דורכאוים פאר דער וועלט, וואס ווייסט בלויז פון שטח, און ער שטעלט אוועק אין א זייט, — ניין, ער גלויבט קוים — אין דער וועלט פון אינעווענינגסטען באוואוסטזיין, וועלכע איז די וועלט פון אויספירונג."

די מאטעריאליסטישע וועלטאנשויאונג, וואס האט ווי א פייער פון אלע עקען ארומגעכאפט אין משך פון א געוויסער צייט, דער מערב קאנטינענט, האט געמוזט, אויף א נויטווענדיגען און אומפארמיידליכען אופן, פירען צו אזא מין מאטעריאליזירונג. זי האט געמוזט ברייגנען דערצו, אז אלץ, וואס איז צייטליך און געהט פארביי, אלץ, וואס קאן מיט דער צייט צעשטערט און פארניכטעט ווערען, אלץ, וואס איז רעלאטיוו און פארגלייכבאר, זאל אוועק־געשטעלט ווערען העכער איבער דעם, וואס איז אייביג און אבסאלוט, העכער איבער דעם, וואס קאן ניט צעשטערט ווערען און אויסגעראטען ווערען, העכער איבער דעם, וואס זיין אינערליכסטע ווערט הענגט ניט אפ פון צייט און ארט, און וואס אויסענווענינגסטע אומשטאנדען און פארביילויפענדע געשע־הענישען קאנען עס ניט דורכאוים באשטימען.

אין דער צייט, ווען דער מאטעריאליזם איז געווארען כמעט אלהערשענד אין גאנץ אייראפא, אין דער צייט, ווען אלע וויסענשאפטען האבען אנגע־הויבען צו פארצייכענען איין זיעג נאך דעם אנדערען איבער דער גרויסער אומוויסענהייט, וואס האט געהערשט בנוגע דער נאטור און אלע אירע ער־שיינונגען, אין דער צייט, ווען עס האט זיך דעם מענשען, וועלכער איז פשוט פאר'שכור'ט געווארען פון די דאזיגע נצחונות, אנגעהויבען חלומ'ען, אז באלד, באלד און די נאטור וועט ליגען פאר אים ווי אן אפען בוך און זיך בעטען, אז מען זאל זי לעזען — אט אין דער צייט איז געקומען אויף דער וועלט דער מארקסיסטישער סאציאליזם.

דער מארקסיזם האט אריינגעפלאכטען אין דער סאציאלאגיע און אין דער פאליטישער עקאנאמיע, אין די לערען, וואס שטודירען דעם טייל פון

דער נאטור, וואס הייסט — מענש, די מאטעריאליסטישע וועלטאנשויאונג, אזוי, אז דער מאטעריאליזם, אין דער געשטאלט פון עקאנאמישען דעטער־מיניזם, איז געווארען דער סינע קווא נאן, דער עפעס, וואס אהן אים, קאן נים געמאלט זיין דער סאציאליזם, ווי קארל מארקס און ענגעלס האבען אים פארמולירט און ארויסגעבראכט.

דער מארקסיזם ווערט היינט צו טאג פארשיידען פארשטאנען און אויף אלערליי אופנים אויסגעטייטשט פון די פארשיידענע פירער און טעא־רעטיקער פון דער סאציאליסטישער באוועגונג. זיי אלע אבער זיינען, כל זמן זיי רופען זיך מארקסיסטען, איייניג צווישען זיך אויף אזוי ווייט ווי עס געהערט זיך אן דער פילאזאפישער גרונדלאגע פון דעם מארקסיזם; ד. ה., אויף אזוי ווייט ווי עס געהערט זיך אן דער מאטעריאליסטישער וועלטאנשויאונג, אין געגענזאץ צו דער אידעאליסטישער. און נאך שטארקער איז זייער איייניגקייט דארט, וואו עס האנדעלט זיך וועגען דעם היסטארי־שען מאטעריאליזם, וועגען דעם מאטעריאליזם, וואס וויל זעהן אין די מיטלען פון פראדוקציע און אין די עקאנאמיש־געזעלשאפטליכע שייכות'ן בכלל, דעם הויפט פאקטאר פון דער מענשליכער אנטוויקלונג.

דער היסטארישער מאטעריאליזם, אזוי גוט, אויב נאך נים מער, איי־דער דער פילאזאפישער מאטעריאליזם, באשטעהט עקשנות'דיג אויף דער מעגליכקייט צו רעדוצירען און שטופענווייז צוריקצובריינגען דאס העכסטע צו דעם נידעריגסטען, דאס גייסטיגע צו דעם מאטעריעלען, דאס לעבענס־פולע צו דעם לעבענסלאזען, דאס ווערטפולע צו דעם נוצפולען.

אין זיין בוך „די עטיק און דער מאטעריאליסטישער באגריף פון גע־שיכטע" האלט קאוטסקי אין איין טענה'ן, אז דאס סאמע געוועגליכסטע און עכט טייוועלישעס אין אונז איז, אין תוך גענומען, דאס אייגענע ווי דאס, וואס זעהט אויס אין אונז צו זיין העכסט דערהויבען און געטליך. צווישען דעם מאראלישען געזעץ און דעם אינסטינקט פון פרוכפערונג זעהט נים קאוט־סקי קיין ברעקעל נפקא מינה. און אין דעמזעלבען בוך זאגט קאוטסקי אויסדריקליך, אז „דער מענש, סיי אלס דיינקער, סיי אלס מאראלישער וועזען, אונטערשיידט זיך נים אין זיין תמצית פון די חיות". דאס איינציגע, דיינקט ער, וואס צייכענט אויס דעם מענשען פון דער חיה איז דאס, וואס דער מענש קאן מאכען געצייג, וועלכע ער נוצט אויף צו פראדוצירען זיינע לעבענס מיטלען, אויף זיך צו באשיצען און, ווען אויך נויטיג, אנדערע צו

אטאקירען. און ערשט יעמאלט, ווען ער לערענט זיך אויס צו פאבריצירען פראדוקציאנס מיטלען, הערט אויף דער חיה׳שער מענש און עס הויבט זיך אן דער מענשליכער מענש.

דא נאטירליך שטעלט זיך באלד די פראגע: פארוואס גראד אזוי און ניט אקוראט פארקערט? מיר קאנען זיך דאך גראד אזוי גוט פארשטעלען, אז דער מענש איז געקומען צו דער ערפינדונג פון פראדוקציאנס מיטלען דער־פאר, וואס דער געדאנק אדער גייסט, וועלכער אנטוויקעלט זיך זעלבסטשטענ־דיג און אומאויפהערליך, האט אין דעם חיה־מענשען דערגרייכט דעם העכס־טען גראד פון אנטוויקלונג?

דער איינציגער תירוץ אויף דער דאזיגער הארבער שאלה איז, „אז וועגען דעם „טאמער פארקערט" ווילען די היסטארישע מאטעריאליסטען ניט וויסען און ניט טראכטען, ווייל זיי האלטען זיך שטאל און אייזען אין דער גרונדלאגע, וואס מארקס און ענגעלס האבען געגעבען דעם סאציא־ליזם.

נאך אין 1859 האט מארקס אין זיין הקדמה צו דער „קריטיק פון דער פאליטישער עקאנאמיע", געשריבען: „אין דער געזעלשאפטליכער פראדוק־ציע, וואס מענשען פירען אן, טרעטען זיי אריין אין באשטימטע שייכות׳ן, וואס זיינען אומפארמיידליך און אומאפהענגיג פון זייער ווילען. די דאזיגע פראדוקציאן פארהעלטניסען שטימען מיט א באשטימטער פאזע פון אנטוויקלונג פון זייערע מאטעריעלע פראדוקציאנס קרעפטען. דער גאנצער סך הכל פון די דאזיגע פראדוקציאנס פארהעלטניסען שטעלען צענויף די עקאנאמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאפט — דערווירקליכער פונדא־מענט, וואס אויף אים דערהויבען זיך די לעגאלע און פאליטישע בנינים, מיט וועלכע עס שטימען באשטימטע פארמען פון דעם סאציאלען באוואוסטזיין. דער מאדוס פון פראדוקציע אין דעם מאטעריעלען לעבען באשטימט דעם אלגעמיינעם כאראקטער פון דעם סאציאלען, פאליטישען און גייסטיגען פראצעס פון לעבען. עס איז ניט דער באוואוסטזיין פון די מענשען, וואס באשטימט זייער עקזיסטענץ, נאר פארקעהרט, זייער גע־זעלשאפטליכע עקזיסטענץ באשטימט זייער באוואוסטזיין".

ענגעלס אין זיין בוך „אוטאפישער און וויסענשאפטליכער סאציאליזם" שרייבט: „די לעצטע אורזאכע פון אלע געזעלשאפטליכע פארענדערונגען

און פּאָליטישע רעוואָלוציעס דאַרפֿען געזוכט ווערען ניט אין דעם מענשענס מאָרך, ניט אין זיין שאַרפֿען אַריינבליק אין דער אייביגער וואַרהייט און גע־רעכטיגקייט, נאָר אין פאַרענדערונגען פון די מאָדוסען פון פּראָדוקציע און אויסבייט. זיי דאַרפֿען געזוכט ווערען ניט אין דער פ י ל אָ ז אָ פ י ע , נאָר אין דער ע ק אָ נ אָ מ י ק פון יעדער באַזונדער עפּאָכע".

און אין דעם קאָמוניסטישען מאַניפעסט האָבען ביידע, אי מארקס אי ענגעלס, בפירוש געזאָגט, אַז מע באַדאַרף ניט קיין טיפע אינטואיציעס אויף צו פאַרשטעהן, אַז דעם מענשענס געדאַנקען, מיינונגען און באַגריפען, מיט איין וואָרט, דעם מענשענס באַוואוסטזיין, ענדערט זיך מיט יעדען בייט אין די תנאים פון זיין מאַטעריעלער עקזיסטענץ, פון זיינע געזעלשאַפטליכע שייכות'ן און פון זיין געזעלשאַפטליכען לעבען. עס קאָן זיין, אַז טאַקע דערפאַר וואָס די גרויסע דיינקער, וואָס זיינען געקומען אויף דער וועלט זינט דער קאָמו־ניסטישער מאַניפעסט איז געשריבען געוואָרען, זיינען יאָ געווען באַגאַבט מיט גרויסע אינטואיציעס, האָבען זיי איגנאָרירט ניט ערנסט גענומען די פילאָזאָ־פישע גרונדלאַגע פון דעם מאַרקסיסטישען סאָציאַליזם און געשענקט קנאַפּע אויפמערקזאַמקייט צו דעם מאַטעריאַליזם בכלל.

אין אמת'ן גערעדט, איז דער מאַטעריאַליזם, אלס אַ פילאָזאָפישער בליק אויף דער וועלט, קיין מאָל ניט געווען קיין פּראָדוקט פון דער פילאָ־זאָפיע. ער איז געבאָרען געוואָרען אויף דעם שוים פון דער נאַטור וויסענ־שאַפט, און ער האָט פאַר אַ לענגערע צייט געדיענט אַלס אַן אויסגעצייכענטע שטוים קראַפט פאַר די אַלע פאָרשונגען און אונטערזוכונגען, וועלכע האָבען זיך באַצויגען אויף פראַגען, וואָס האָבען געקאָנט, פריהער אָדער שפּעטער, אויף אַן עקספּערימענטאַלען אופן, פּאָזיטיוו פאַרענטפערט ווערען. אַזוי שנעל אָבער ווי די פילאָזאָפיע, וואָס שטעלט זיך אָפּ דער עיקר אויף די פראַגען, וואָס געהען אַרויס פון די גרעניצען פון פאָזיטיוויטעט און זינליכער ערפאַ־רונג, האָט געוואָרפען אירע דערקענטניס טעאָרעטישע שטראַלען אויף דעם מאַטעריאַליזם, איז ער ווי אייז פון זונענשטראַלען צעגאַנגען געוואָרען.

ניט קיין בעסערען אָפּשניט ווי דער פילאָזאָפישער מאַטעריאַליזם קאָן האָבען דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם פון דער פילאָזאָפיע. מחמת ביידע זיינען זיי קינדער, וואָס זיינען פון איינעם און דעם זעלבען שורש אַרויסגע־קומען, ביידע זיינען זיי פּראָדוקטען פון איינער און דער זעלבער ווענדונג פון

געדאנק, פועל יוצא'ס פון איינער און דערזעלבער קוואליטעט פון מענשליכען טעמפעראמענט. ניט קוקענדיג דאריבער דערויף וואס דער מארקסיזם, כדי פעסטצושטעלען זיין היסטארישען מאטעריאליזם, האט זיך אנגעשטרענגט ביז גאר כדי בטל ומבוטל צו מאכען אלע אידעאליסטישע פילאזאפען פון פלאטא ביז העגעל, און העגעלען אליין איבערקערען מיט דעם קאפ אראפ און די פיס ארויף, געהען פונדעסטוועגען אלע גרויסע פילאזאפען פון דער לעצטער צייט, מער און מער אין די וועגען פון פלאטא, אריסטאטעל, דעקארט, שפינאזא, קאנט און העגעל.

זיי אלע — פילאזאפען ווי בערגסאן, וואונט, אויקען, דזשיימס, רויס, דיואי, מאך, אווענאריאוס, הארטמאן, שאפענהויער, ניטשע, מינסטערבערג, ספענסער און ברעדלי—וועלכע געהען זיך פאנאנדער אין צענדליגע פארשיידענע ריכטונגען, און יעדע ריכטונג אין צענדליגע פארשיידענע בליקען אויף די שייכות'ן צווישען וועלט, גאט און מענש, געהען זיך אבער אלע ווי איינער צענויף אין זייער נעגאטיווער שטעלונג צום מאטעריאליזם, אין זייער שארפער קריטיק אויף דעם מאטעריאליזם ווי ער איז פארמולירט געווארען פון פיעלע נאטור פארשער, און ווי ער איז, אין זיין היסטאריש מאטעריאליסטישער געשטאלט, אנגעווענדעט געווארען אויף דער כלומר'שט שטרענג וויסענשאפטליכער באגרינדונג פון דעם סאציאליזם.

פערציג יאר נאכדעם ווי די וועלט האט דערזעהן דעם קאמוניסטישען מאניפעסט, איז ארויסגעקומען דאס טיעף און גרויס בוך פון דעם גרעסטען פילאזאף פון היינטיגער צייט, האנרי בערגסאן. דאס בוך הייסט „צייט און פרייער ווילען, אדער די דאטא פון דעם באוואוסטזיין".

אין דעם בוך געפינען זיך די פאלגענדע פאר דעם היסטארישען מאטעריאליזם, באדייטענדע ווערטער: „מיר האבען, הייסט עס, אנגענומען די עקזיסטענץ פון א גלייכארטיגען רוים, און מיט קאנט'ן האבען מיר אפגעטיילט רוים פון דער מאטעריע, וואס פילט אים אן. מיט אים האבען מיר צוגעגעבען, אז דער גלייכארטיגער רוים איז אן אויסדרוק פון אונזער אינטואיטיווער אנשויאונג. אונטער דעם פארשטעהען מיר פשוט, אז דער גייסט פון אנדערע באשעפנישען, ווי דער גייסט פון די חיות, הגם ער באנעמט געגענשטאנדען, אונטערשיידעט ער אבער ניט די דאזיגע געגענשטאנדען אזוי קלאר איינעם פון דעם אנדערען אדער פון זיך אליין. אן אינטואציע פון א גלייכארטיגען מעדיום, אן אינטואיציע, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר דעם

מענשען, מאַכט מעגליך פאַר אונז אויסערליך צו פאַרקערפּערען אונזערע באַגריפען אין שייכות איינער צום אַנדערען. אַזאַ אינטואיציע אַנטפּלעקט פאַר אונז די אָביעקטיוויטעט פון זאַכען, און אַזוי דייטעט זי אָן פאַראויס, און גרייט צו דעם וועג פאַר אַ געזעלשאַפטליכען לעבען אויף צווייערליי אופנים: פון איין זייט דורך דעם, וואָס זי מאַכט אַלץ פאַרטיג פאַר שפּראַך, און פון דער צווייטער זייט דורך דעם, וואָס זי ווייזט אונז אָן אויסענוועניגסטע וועלט, וועלכע אונטערשיידט זיך גאַנץ קלאָר פון אונז אַליין, און וואָס אין איר עמפּינדונג האָבען אַלע אונזערע געדאַנקען אַ געמיינזאַמען חלק".

פון די דאָזיגע ווערטער זעהען מיר, אַז דער גרעסטער פאַרשטעהער פון דעם נייעסטען געדאַנקען־גאַנג שטעלט זיך איין, אין געגענזאַץ צום פילאָזאָפישען און היסטאָרישען מאַטעריאַליזם, פאַר דעם געדאַנק, אַז דער חילוק צווישען דעם מענשען און דער חיה איז אַ חילוק ניט נאָר אין גראַדען, נאָר טאַקע אין תוך און תמצית. דער מענש איז אַנדערש פון דער חיה אין די איכות'ן אַזוי גוט ווי אין די כמות'ן. דער מענש באַזיצט אַן אינטואַציע, וואָס די חיה באַזיצט ניט, ער באַנעמט מיט זיין גייסט אַ געוויסען אויסדרוק, אַ שיין אָדער קראַפט, וועלכע די חיה באַנעמט ניט. אָט די דאָזיגע אינטואַציע, אָט די דאָזיגע ספּעציפיש מענשליכע עמפּינדונג, אָט דער דאָזיגער פונק, אַזוי צו זאָגען, פון דעם אַלוועלטליכען גייסט, אָדער אפשר נאָר אַ מין שטראָם פון דער אוניווערסאַלער באַוואוסטזיינ'ס פליסיגקייט, וואָס נעמט דורך נאָר דעם מענשען און קיין אַנדער חיה ניט, איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער געזעלשאַפטליכער איינאָרדענונג פון דעם מענשען, אַן איינאָרדענונג, וואָס האָט ניט קיין גלייכען צו זיך אין קיין צוזאַמענלעבען פון אַנדערע לעבעדיגע באַשעפענישען.

אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז ניט די געזעלשאַפטליכע עקזיסטענץ איז, ווי מאַרקס דיינקט, דער באַשטימענדער פאַקטאָר פון דעם מענשליכען באַוואוסטזיין, נאָר פאַרקערט, אַז דער העכערער גראַד פון באַוואוסטזיין, וואָס האָט זיך דורכגעזעצט דורך דעם מענשען איז עס. דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען איז אַלזאָ ניט די „פּרימאַ קאַוזאַ", ניט די ערשטע אורזאַך פון דער אַנטשטעהונג און אַנטוויקלונג פון דעם מענשליכען באַוואוסטזיין.

אויב עס איז שוין יאָ אַ פראַגע פון אורזאַך און פאָלגע, איז שוין ניכער דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען אַ פועל יוצא פון דער זעלבסטשטענדיגער און אומאויפהערליכער אַנטוויקלונג פון דעם באַוואוסטזיין אין דעם מענשען. און

א דאנק דער דאזיגער אנטוויקלונג פון דעם געדאנק, איז דער היה־מענש פארוואנדעלט געווארען אין א מענשליכען מענש און, אלס אזעלכער, האט ער אנגעהויבען זיך צו באנוצען מיט פראדוקציאנס מיטלען. די פראדוקציאנס מיטלען זיינען אויף אזא אופן, ניט ווי קאוטסקי דיינקט, די אורזאך פון דער מענשליכקייט, נאר פארקערט, די אומוואנדלונג פון א חיה'שער מענש־ליכקייט אין א מענשליכער, וועלכע איז א רעזולטאט פון דער עוואלוציע פון געדאנק, וועלכע ווערט געטריבען פון אן אינערליכען, פון דרויסען ניט באַ־שטימטען אימפעט, זי — די דאזיגע אומוואנדלונג, די דאזיגע, אזוי צו זאגען, גייסטיגע מעטאמארפאזא, האט געפירט צו דער ערפינדונג פון געצייג, און דורך די געצייג צו די מיטלען פון עקאנאמיש געזעלשאפטליכער פראדוקציע.

אין זיין מער באקאנטען בוך „באשאפענדע עוואלוציע", וואו בערגסאן נעמט דורך די גאנצע עוואלוציאנס טעאריע אין דעם ליכט פון די נייעסטע פארשונגען אין דער וויסענשאפט, און די נייעסטע ספעקולאציעס אין דער פילאזאפיע, קומט ער צום שלוס, אז ניט נאר דער געדאנק, אדער דאס באוואוסטזיין, נאר אז אלץ, וואס מיר באצייכענען מיט דעם נאמען לעבען, אנטוויקעלט זיך, בויט זיך, באגייט זיך און פארצווייגט זיך הויפטזעכליך, אדאנק דער אינערליכער און אריגינעלער קראפט, וואס דאס לעבען גופא באַ־זיצט און וואס נעמט זיך ניט פון קיינע אויסענוועניגסטע אומשטאנדען. „דאס לעבען", זאגט בערגסאן, „איז א טענדענץ, און דער תמצית פון א טענדענץ איז צו אנטוויקלען זיך אין דער פארם פון א גארב, שאפענדיג דורך זיין עצם וואוקס פארשיידענע ריכטונגען, וואס צווישען זיי ווערט דער אימפעט פון לעבען פאנאנדערגעטיילט".

און ווער עס זעהט טיף אין דעם לעבען גופא אן אריגינעלען אנשטויס, אן אינערליכע אנרעגונג, וואס קומט אויף דער וועלט איינצייטיג מיט דעם לעבען, דער קאן שוין מער ניט באטראכטען די סביבה אלס דעם ערשטען, דעם איינציגען, אדער אפילו אלס דעם עיקר פאקטאר אין דעם עוואלוציאנס פראצעס. אונטער אזא בליק פארלירט די מאטעריעלע סביבה איר קאנטראָ־לירענדע און דירעקטירענדע מאכט אויף דער אנטשטעהונג און אנטוויק־לונג פון דעם לעבען. קיינע מעגליכע אין דער וועלט קאמבינאציעס, פון מאטעריעלע, ד. ה., פון פיזישע און כעמישע כחות, קאנען ניט דער־קלערען דעם לויף און צענויפשטעל פון דעם קלענסטען און איינפאכסטען לעבענס פראצעס.

אונטער דעם זעלבען בליק מוז די סביבה, אין דער פאָרם פון בלינדע פּראָדוקציאָנס מיטלען און שטומע עקאָנאָמישע פארהעלטניסען, פּאַרלירען איר איניציאַטיווו ווירקענדע און פּראָגרעסיוו אָנשטויסענדע קראַפט אויף דעם „זיין" און „ווערען" פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. קיינע מאָדוסען און מיטלען פון פּראָדוקציע, קיינע ריינע עקאָנאָמישע געזעלשאַפטליכע סטרוקטורען אָדער פארהעלטניסען, קאָנען אויף אַ האָר ניט קלאָרער מאַכען, ווי אזוי דאָס סאַמע מינדסטע טראָפּעלע פון געזעלשאַפטליכען באַוואוסט־זיין איז אויף דער וועלט געקומען; און ממילא קאָנען זיי ניט באַטראַכט ווער־רען אַלס דירעקטירענדע און באַשטימענדע אורזאַכען פון דעם צוזאַמענלעבען פון מענשען.

„אַז די צופּאַסונג צו דער סביבה", זאָגט בערגסאָן, „איז דער נויטיגער תנאי פאַר דער עוואָלוציע, דערין צווייפלען מיר ניט אויף קיין איין מאָמענט. עס איז גאַנץ אויגענשיינליך, אַז יעדער מין פון חיות וואָלט פארשוואונדען, ווען ער זאָל ניט באַווייזען זיך צו בויגען אונטער די תנאים פון עקזיסטענץ, וואָס ווערען אויף אים ארויפגעלייגט. עס איז אָבער איין זאַך צו אָנערקענען, אַז די אומשטאַנדען זיינען קרעפטען, וואָס די עוואָלוציע מוז זיך רעכענען מיט זיי, און אַ צווייטע זאַך צו באַהויפּטען, אַז זיי זיינען דירעקטירענדע אור־זאַכען פון דער עוואָלוציע. די לעצטע טעאָריע, איז די טעאָריע פון מעכאַ־ניזם. זי שליסט אבסאָלוט אוים די היפּאָטעזע פון אַן אָריגינעלען אָנשטויס, איך מיין, פון אַן אינערליכער טרייב־קראַפט, וואָס האָט געשטויסען דאָס לעבען דורך מער און מער קאָמפּליצירטע פאָרמען צו העכערע און העכערע שיקזאַלען. און דאָך איז אַזאַ אָנטרייב אויגענשיינליך".

רעדענדיג וועגען דעם באַוואוסטזיין פון דער חיה און דעם באַוואוסטזיין פון דעם מענשען, אונטערשטרייכט בערגסאָן זעהר שטאַרק, אַז די נפקא מינה איז ניט בלויז אַ קוואַנטיטיווע, נאָר אויך אַ קוואַליטאַטיווע. אמת טאַקע, אַז דער מענש האָט מיט דער הויכקייט און טיפקייט פון זיין באַ־וואוסטזיין צו פאַרדאַנקען פיעלע זאַכען, ווי צום ביישפּיל: דער אַנטוויקלונג פון דעם מאַרך, דער אַנטשטעהונג פון דער שפּראַך און דעם לעבען אין אַ גע־זעלשאַפט, וואָס דאָס מיינט שוין אויך די פּראָדוקציאָנס מיטלען און עקאָנאָ־מישע פאַרהעלטניסען. אָבער קיין איינער פון די דאָזיגע פאַקטאָרען אין דער אַנטוויקלונג זיינען ניט קיין פּרימערע, זיינען ניט די סאַמע ערשטע און די די־רעקטירענדע קרעפטען פון דער אַנטוויקלונג פון דעם באַוואוסטזיין. זיי זיינען

די פּאַקטאָרען, פון צווייטען גראַד, וואָס דער זעלבסטשטענדיגער און אָריגי־נעלער אַנטוויקלונגס כח פון לעבען האָט ארויסגעבראַכט.

„אונזער מארך, אונזער געזעלשאַפט און אונזער שפּראַך זיינען נאָר די אויסענווענינגסטע און די פּארשיידענאַרטיגסטע סמנים פון איינער און דער זעלבער אינעווענינגסטער הויכקייט. איטליכער אויף זיין שטייגער דערציילט וועגען דעם אויסערגעווענליכען ערפאָלג, איינציג אין זיין אַרט, וואָס דאָס לעבען האָט געמאַכט אין אַ געוויסען מאָמענט פון זיין אַנט־וויקלונג. זיי דריקען אויס דעם אונטערשייד ניט נאָר אין גראַד, נאָר אויך אין מין, וואָס טיילט אָפּ דעם מענשען פון דער איבעריגער חיה'שער וועלט... דאָס באַוואוסטזיין פון אַ לעבעדיגען וועזען... קאָן ניט אָפּגע־טיילט ווערען פון זיין מאַרך אין דעם זעלבען זין ווי אַ שאַרפער מעסער קאָן ניט אָפּגעטיילט ווערען פון זיין שאַרף. דער מאַרך איז די שאַרף, וואָס מיט איר שניידט דאָס באַוואוסטזיין אין דעם געדיכטען געוועב פון גע־שעהנישען. דער מאַרך אָבער איז ניט פון דער זעלבער גרויס מיט דעם באַוואוסטזיין, מער איידער די שאַרף איז מיט דעם מעסער. פון דעם פאַקט דאַריבער, וואָס צוויי מאַרכען, ווי דער מאַרך פון דער מאַלפּע, און דער מאַרך פון דעם מענשען, זיינען זעהר עהנליך איינער צו דעם אַנדערען, קאָנען מיר ניט ציהען דעם שלוס, אז די אַנטשפּרעכענדע באַוואוסטזיינס קאָנען פאַרגליכען ווערען, אָדער מיט איין מאַסשטאַב געמאָסטען ווערען."

מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט עטוואָס לענגער אויף בערגסאָנ'ען און דער־ווילע נאָר אויף אים, ערשטענס דערפאַר, וואָס דער בערגסאָניזם איז דער קווינטעסענץ פון דער נייעסטער פילאָזאָפיע. אין דעם בערגסאָניזם האָט די נייעסטע פילאָזאָפיע דערגרייכט ביז היינט צו טאָג איר העכסטע מדרגה פון אַנטוויקלונג. דער בערגסאָניזם באַדייט פאַר דעם אָנהויב פון דעם צוואַנציגסטען יאָרהונדערט אַזוי פיעל, ווי די פילאָזאָפיע פון קאַנט האָט באַדייט פאַר דעם נייצענטען יאָרהונדערט. ביידע האָבען אַ געוואַלטיג שטאַרקען שטויס געגעבען די פילאָזאָפיע אויף דעם וועג פון נייע ספּעקולאַ־טיווע מעגליכקייטען, ביידע האָבען זיי געשאַפען נייע ווענדונגס־פּונקטען פאַר איר ווייטערער אַנטוויקלונג.

צווייטענס האָט אונז בערגסאָן פאַרהאַלטען אַזוי לאַנג דערפאַר, וואָס דורך די אויסצוגען, וואָס מיר האָבען פון אים געבראַכט, האָבען מיר אָמ־

שטארקסטען געקאנט דעמאנסטרירען דעם קאנטראסט צווישען דעם פילא־זאפישען און היסטארישען אידעאליזם פון איין זייט, און דעם פילאזאפישען און היסטארישען מאטעריאליזם פון דער אנדערער זייט — צווישען דעם אידעאליזם וואס דרינגט דורך יעדעםווינקעלע פון דער נייעסטער פילא־זאפיע, אזוי גוט ווי ער האט דורכגעדרונגען יעדעם שפעלטעלע פון דער אל־טער פילאזאפיע — און דעם מאטעריאליזם, וואס די נאטור וויסענשאפט האט פאר א ווייל|ע אנגענומען אלס איר שטיץ־פונקט, און וועלכען מארקס און ענגעלס האבען אוועקגעלייגט אלס דעם פונדאמענט פון זייער סאציא־ליסטישער געביידע.

שוין פון דעם זאץ אליין: „דער מארך איז די שארף, וואס מיט איר שניידט דאס באוואוסטזיין אין דעם געדיכטען געוועב פון געשעהע־נישען" ווערט קלאר די געגענזעצליכקייט צווישען אידעאליזם און מא־טעריאליזם, צווישען דעם בליק, וואס זעהט אין דעם באוואוסטזיין אדער אין דער פסיכיק דעם אריגינעלען און ווירקענדען פאקטאר פון דעם זיין און ווערען פון דער וועלט, און דעם בליק, וואס זעהט אין דעם שטאף אדער אין דער פיזיק, די קראפט, וואס טרייבט און באשטימט די געשעהענישען אין דער נאטור און אין דער געזעלשאפט.

וואס דער מארך איז פאר דעם באוואוסטזיין פון דעם אינדיווידד, איז די עקאנאמישע סטרוקטור, אדער דער פראדוקציאנס פראצעס, פאר דעם געזעל־שאפטליכען באוואוסטזיין. ווי דער מעסער מיט זיין שארף, אזוי שניידט דער געזעלשאפטליכער באוואוסטזיין מיט דער עקאנאמישער סטרוקטור אין דעם געוועב פון די פאליטישע, סאציאלע און ספיריטועלע געשעהענישען פון דער געזעלשאפט. אויף אזא מין אופן בלייבט דער באוואוסטזיין דער דע־טערמינירענדער פאקטאר, און ניט, ווי מארקס און ענגעלס האבען גע־וואלט, די עקאנאמישע פארהעלטניסען און די פראדוקציאנס מיטלען.

דער קאנטראסט צווישען דער גאנצער נייעסטער פילאזאפיע, אדער דעם בערגסאניזם, און דעם גאנצען היסטארישען מאטעריאליזם אדער דעם מארק־סיזם איז אייגענטליך דער זעלבער, נאר אויף דער פארקערטער זייט, וואס איז געוועזן אמאל צווישען דעם מארקסיזם און דעם העגעליאניזם.

דער געדאנק האט פאר העגעל'ן א זעלבסטשטענדיגען ווערט, און די פרא־צעסען פון דער אנטוויקלונג פון דעם געדאנק האבען זיך זייערע אייגענע

געזעצען, וואס ווערען ניט באווירקט פון קיין זאך און קיין קראפט, וואס שטעהט אויסערהאלב פון דעם געדאנק אדער גייסט.

אלץ, וואס איז ניט געדאנק און ניט גייסט איז, על פי העגעל, ניט דאס אמת ווירקליכע, ניט דאס עכט רעאלע, נאר א שיין אדער אן אפשפּיגלונג, אן אויסענוועניגסטער און צייטווייליגער אויסדרוק פון דער העכסטער קראפט, וואס איהר מהות איז גייסט אדער געדאנק.

מארקס האט זיך בארימט דערמיט, וואס ער האט איבערגעדרייט העגעלען, און וואס ער האט זיין דיאלעקטיק אוועקגעשטעלט מיט דעם קאפּ אראפּ. און ער רעדט וועגען זיך גופא אלס מאטעריאליסט אין געגענזאץ צו העגעלען דעם אידעאליסט.

„מיין דיאלעקטישער מעטאד איז ניט נאר פארשיידען פון דעם העגעליאנישען, נאר ער איז דער דירעקטער היפך. ביי העגעל'ן איז דער פּראצעס פון דעם מענשליכען מארך, ד. ה. דער פּראצעס פון דיינקען, וועלכען, אונטער דעם נאמען „די אידעע", פארוואנדעלט ער אין א זעלבסטשטענדיגען סוביעקט, דער דעמירונג פון דער ווירקליכער וועלט, און די ווירקליכע וועלט איז בלויז די אויסערליכע פענאמענאלע פארם פון דער „אידעע". ביי מיר ווידער איז פארקערט: די אידעאלע וועלט איז נישט מער ווי די מאטעריעלע, אפּגעשפּיגעלט דורך דעם מענשליכען גייסט און איבערזעצט אין פארמען פון געדאנק."

דער אויפטו פון מארקסען אלס סאציאל־פילאזאף איז באשטאנען ווי לאבריאלע דענקט, און מיט רעכט, דערין וואס ער, מארקס, הייסט עס, האט אוועקגעשטעלט אין א זייט די ריטמישע באוועגונג פון דער אידעע גופא, דעם ספּאנטאנעם ארויסקום פון געדאנק, און ער האט אנגענומען די ריטמישע באוועגונג פון רעאלע זאכען, א באוועגונג וואס פּראדוצירט געדאנק צום סוף.

מיט אנדערע ווערטער מיינט עס, אז מארקס'עס אויפטו אויף דעם סאציאל פילאזאפישען געביט איז באשטאנען דערין, וואס ער האט אוועקגעשטעלט העגעלען אין א זייט, און ער האט פאר זיין סאציאלער וויסענשאפט, אין דער פארם פון סאציאליזם, אנגענומען די זעלבע גרונדלאגע, וואס א סך פון די נאטור וויסענשאפטליכע האבען אנגענומען פאר זייערע לערען, און דער נאטור פילאזאפישער מאטעריאליזם איז אויף אזא אופן געווארען א היסטארישער מאטעריאליזם.

די נייסטע פילאָזאָפיע אָבער, אַזוי גוט ווי די נייסטע וויסענשאַפט, געהען דוקא גאָר אַ גרויסן שטח אין די וועגען פון העגעל. זיי שטעלען אַוועק אין סאַמע פאָדערגרונד די ריטמישע באַוועגונג פון דעם געדאַנק, וואָס פּילט אויס די אוניווערס אין איר גאַנצער לענג און ברייט, און אין איר גאַנצער הויך און טיעף. און דאָס איז די תמצית פון דעם העגעליזם.

אויקען, אין זיין בוך „פּראָבלעמען פון לעבען", גיט איבער אין פאָלגענדע ווערטער די כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון העגעל'ס פילאָזאָפיע: „העגעל מאַכט דעם געדאַנק ניט פאַר עפּעס, וואָס איז פאַראַן איינמאָל פאַר אַלע מאָל און, וואָס, מחמת זיין אייביגע שלמות, שטרעבט און באַוועגט זיך ניט מער אין זיין פאָלקאָמענהייט, נאָר פאַר אַ פּראָצעס, וואָס פּראָגרעסירט און אַנטוויקעלט זיך אויך איצט אין דער צענויפשטימונג מיט זיינע אייגענע געזעצען. ער איז ניט עפּעס וואָס עקזיסטירט זייט ביי זייט מיט זאַכען, נאָר עפּעס אַזעלכעס, וואָס שליסט זיי אַלע אין זיך איין, און גיט זיי ארויס פון זיך גופא. פאָלגליך ווערט דער פּראָצעס פון דעם געדאַנק, דורך זיין פּרעטענזיע אויף אַלע פּראָדוקטען פון דער וועלט געשיכטע, אַ וועלט פּראָצעס — די אמת'ע סובסטאַנץ פון דער גאַנצער רעאַליטעט, און אונטערוואַרפט צו זיין לאָגיק די גאַנצע ברייטע וועלט."

דער שטריך, וואָס פאַראייניגט אַלע גרעסטע פילאָזאָפען פון אונזער צייט, וועלכע געהען זיך אין גאָר אַ סך פונקטען פאַנאַנדער איינע מיט די אַנדערע, און אַלע אינאיינעם מיט העגעלען, איז דאָס, וואָס זיי אַלע שטעלען אַוועק דאָס באַוואוסטזיין אין אַזאַ, אָדער אַנאַנדער פאָרם, ניט צום סוף פון דעם עוואָלוציאָנס פּראָצעס, נאָר ביים סאַמע אָנהויב, ניט אַלס אַ שפּעטערדיגער רינגעלע אין דער קייט פון די עקאָנאָמישע געשעהנישען און פאַסירונגען, נאָר אַלס דאָס רינגעלע, וואָס האָט מעגליך געמאַכט, סיי די אַנטשטעהונג, סיי די אַנטוויקלונג פו דער גאַנצער קאָסמאָס קייט.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ווענדונג פון דער נייער פילאָזאָפיע און סימפּטאָמאַטיש פאַר דעם ספּיריטואַליזם, וואָס באַהערשט דאָס פילאָזאָפישע דענקען פון היינטיגער צייט איז דאָס, וואָס אויך ענגלאַנד, דאָס לאַנד פון לאָק, יום, מילל און ספּענסער, דאָס לאַנד פון עמפּיריציזם, סקעפּטיציזם, אַגנאָסטיציזם אין דעם פעלד פון פילאָזאָפיע — אויך זי, האָט איצט געגעבען דער וועלט, אין דער פּערזאָן פון ברעדלי, אַן אומגעהויער באַדייטענדען דיינקער, וואָס שטעלט זיך איין פאַר דעם אַבסאָלוטיזם און ספּירי־

טואליזם, און פֿאדערט אויף די דיינקער זיך נאך אמאל צו פֿארטראכטען וועגען דעם תוך און תמצית פון דער העגעלשער פֿילאזאפֿיע.

ער שליסט זיין טיעף בוך, „שיין און ווירקליכקייט", איינס פון די זעהר ווייניג אָריגינעל פֿילאזאפֿישע ווערק, מיט די פֿאלגענדע ווערטער: „און די רעאליטעט איז אן ערפֿארונג, וואס שפרייט זיך פֿאנאנדער איבעראל, און וואס שטעהט העכער איבער אלע שייכות'ן. איר כאראקטער איז דער געגענזאץ פון אלץ, וואס איז מעכאניש, און סוף כל סוף איז זי די איינציגע פֿאלקאמענע פֿארווירקליכונג פון גייסט. מיר קאנען זיך אלזא דערלויבען צו שליסען אונזער בוך מיט דעם, וואס מיר באשטעהען דערויף, אז די רעאליטעט איז ספירימועל. פֿאראן א גרויס ווארט פון העגעל, א ווארט, וואס איז גוט באקאנט, און וואס איך וואלט ניט געוואלט עס גוטהייסען אהן א געוויסער דערקלערונג. איך וועל אבער ענדיגען מיט עטוואס, וואס איז אפשר מער זיכער און מער תוך'עדיג איידער דאס, וואס העגעל האט געהאט צו זאגען דער וועלט: עס איז ניטא, און עס קאן ניט זיין קיין רעאליטעט וואס ווערט ניט באהערשט פון גייסט, און וואס מער א זאך איז רוחניות'דיג, אלס מער איז זי רעאל."

די רעאלסטע זאך אלזא, על פי דער נייער פילאזאפיע, איז דער גייסט, וואס זיין באוועגונג איז פאראנטווארטליך פאר אלץ, וואס שטעלט צענויף דעם וועלט־אל אדער די אוניווערס, און ממילא מוז זיך סוף כל סוף, אין א קלענערען אדער א גרעסערען גראד שפירען און פילען זיין ווירקונג איבעראל און אומעטום, אין יעדען זאמדעלע אויף ברעג פון ים און אין יעדען אינדיווויד פון דער מענשהייט.

לויט מארקס'ן אבער קומט אויס, פארקערט, אז די ווירקליכסטע זאכען אין דער וועלט, וואס זייער ריטמישע באוועגונג פראדוצירט דעם געדאנק און דעם גייסט ערשט צום סאמע סוף, און דירעקטירט און רעגולירט נאכהער זיין אנטוויקלונג, זיינען די מאטעריעלע קרעפטען אין דעם קאסמאס בכלל, און די עקאנאמישע כחות אדער די פראדוקציאנס מיטלען אין דער געזעלשאפט בפרט.

„דער מאניפעסט", זאגט ענגעלס אין דער פארעדע צו דעם קאמוניסטישען מאניפעסט, „איז אונזער געמיינשאפטליכע שאפונג, און דערפאר באטראכט איך עס אלס מיין פליכט צו דערקלערען, אז דער פונדא־

מענטאַלער זאַץ, וואָס בילדעט זיין קערענדעל געהערט צו מאַרקס'ן. דער דאָזיגער זאַץ איז, „אַז דער הערשענדער מאָדוס און אויסבייט, ווי אויך די סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס פאָלגט פון אים אויף אַ נויטווענדיגען אופן, בילדעט אין יעדער היסטאָרישער עפּאָכע דעם באַזיס, וואָס אויף אים איז געבויט, און פון אים אַליין קאָן דערקלערט ווערען די פּאָליטישע און אינטעלעקטועלע געשיכטע פון דער דאָזיגער עפּאָכע".

דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט, דאָס ווערק, וואָס אין אים, ווי קאַוטסקי דיינקט, קאָנצענטרירען זיך אַלע שטראַלען פון די סאָציאַל דעמאָקראַטישע געדאַנקען ווי אין אַ ברען גלאָז, און וואָס האָט אויפגעלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער גאַנצער וועלט־אנטשויאונג פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע — דער דאָזיגער מאַניפעסט האָט געוואָלט אַראָפּזעצען פון דעם הויכען פּעדעסטאַל דעם גייסט און דעם געדאַנק פון דער וועלט, דעם אינטעלעקט און דעם ווילען פון דעם מענשען, אויף וועלכען ער איז דאָרט אויפגעשטעלט געוואָרען פון אַזעלכע ריזען־דיינקער ווי פּלאַטאָ, סאָקראַטעס, דעקאַרט, לייבניץ, שפּינאָזאַ, קאַנט און העגעל, און אַרויפזעצען דאָרט די בלינדע טויטע מאַטעריע פון דעם קאָסמאָס און די ווילענלאָזע און מאָראַללאָזע פּראָדוקציאָנס מיטלען פון דער געזעלשאַפט. נאָך ווייטער פאַר מאַרקס'ן זיינען געגאַנגען די מאַרקסיסטען. זיי האָבען גאָר געוואָלט גאָט'ס נאָמען אויסמעקען פון דער וועלט. שטאַרקער פאַר גאָט, האָבען זיי געדיינקט, זיינען די פּראָדוקציאָנס כחות און עקאָנאָמישע פאַרהעלטניסען פון דער געזעלשאַפט, און אַלע באַגריפען דאַריבער איבער גאָט הענגען אָפּ פון די דאָזיגע עקאָנאָמישע פאַרהעלטניסען.

לויט די מאַרקסיסטען קומט אויס, אַז די זעלבע עלעקטרישע און דאַמף קרעפטען, וואָס באַוועגען די קאָלבען און ציין רעדער פון די באַנען, שיפען און לופט שיפען, און די רעדלאַך פון אַלע מאַשינען און ווערקשטאַטען, באַוועגען אויך די אידעען און באַגריפען פון דעם מענשען וועגען גאָט, און אַלע זייערע איבערציינגונגען וועגען די שייכות'ן פון מענש צו מענש און די געגענזייטיגע שייכות'ן צווישען גאָט, וועלט און מענש.

„די אידעע פון גאָט, וועלכע ווערט איינגעפלאַנצט און שפּראָצט אויף אין דעם מענשליכען מאַרך דורך די אומדערקענטע עלעמענטען אין דער נאַטירליכער אומגעבונג, איז ניט עפּעס אומפאַרמיידליכעס, נאָר, פאַרקערט, זי בייט זיך לויט דער צייט און דעם אָרט. זי וויקעלט זיך פאַנאַנדער לפי ערך

צו דעם, ווי עס אנטוויקעלט זיך דער אופן פון פּראָדוקציאָן, ווּעלכער טראַנספאָרמירט די געזעלשאפטליכע סביבה". (לאפאַרג : סאָציאלע שטו־דיען.)

ווי מיט גאָט אזוי איז מיט דער מאָראל.

קאוטסקי זאָגט אונז אין זיין עטיק, אז עס איז געווען דער מאַטעריאליס־טישער באַגריף פון געשיכטע, וואָס האָט דער ערשטער פאַלשטענדיג פון דעם טראָן אראָפּגעזעצט די מאָראל אידעע אלס דירעקטירענדען פאַקטאָר פון דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג. ער האָט עס אונז געלערענט ארויסצודריננען אונזערע געזעלשאפטליכע צילען בלויז פון דער דערקענטניס פון די מאַטע־ריעלע גרונדען.

די מאָראל ווערט פון דעם מארקסיזם אוועקגעשטעלט אונטער דעם דירעקטען איינפלוס און אונטער דער אוממיטעלבארער ווירקונג פון שטאָף און עקאָנאָמישע קרעפטען, און דער גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון א גאָט ווערט באַטראַכט אלס א פועל יוצא פון אזעלכע אָדער אַנדערע אומשטענדען, וואָס וועלען לגמרי פארשווינדען ווערען מיט דער פארניכטונג פון דעם קאַ־פּיטאליסטישען אופן פון פּראָדוקציע.

פּאול לאפארג איז זיכער, אז אזוי שנעל ווי די מיטלען פון פּראָדוק־ציע וועלען איבערגעהן אין דער רשות פון דער געזעלשאַפט, וועט שוין מער קיין אומדערקענטבארעס ניט זיין אין דער געזעלשאַפטליכער אָרדענונג, און יעמאָלט וועט דער גלויבען אין גאָט אָהן צווייפעל עלימינירט ווערען פון דעם מענשליכען געדאנק.

לאפארג'ן פארדריסט זעהר שטארק, וואָס אזעלכע גאונים ווי קאוואַ־ריעד, פאראדי און דארווין האָבען זיך ניט דערהויבען צו דער אמת'ער הויך פון דעם מאַטעריאַליזם אין זייערע באַטראַכטונגען וועגען גאָט און זיין עק־זיסטענץ, און בעת זיי האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון דעם טעאיזם, זיינען זיי דאָך פארבליבען אגנאָסטיקער, מענשען וואָס האלטען זיך אָפּ פון וועלכער עס איז פּאָזיטיווער באהויפּטונג וועגען דעם זיין אָדער ניט זיין פון גאָט. ער דענקט, און דאָ האָט ער דוקא רעכט, אז דער זאָגען גופא: „איך ווייס ניט, צי עס איז יאָ דאָ, צי עס איז ניטאָ קיין גאָט", איז שוין א זעלבסטפארשטענד־ליכע אנערקענונג פון גאָט'ס עקזיסטענץ. לויט לאפארג'ס מיינונג, איז די דאָ־זיגע אנערקענונג פון גאָט'ס עקזיסטענץ נויטיג פאר די דאָזיגע גאונים כדי צו

פארשטעהן די געזעלשאפטליכע וועלט, וואס זעהט אויס צו זיין ליבער א שפילזאך פון צופאל איידער עטוואס וואס ווערט רעגירט, ווי ער, לאפארג, דער תלמיד פון מארקס'ן, איז דערין אבסאלוט איבערצייגט, דורך דעם געזעץ פון נויטווענדיגקייט, אקוראט אויף דעם זעלבען אופן, ווי די נאטור־וועלט ווערט פון די אייזערנע נאטור געזעצען רעגירט און קאנטראלירט. און דאס ווערט געזאגט מיט דער גרעסטער אומוויסענהייט וועגען דעם, אז דער גלויבען אין א גאט קאן געהן זייט ביי זייט מיט דעם שטארקסטען גלויבען אין אן אוניווערסאלער געזעצנויטווענדיגקייט.

לאפארג און אלע מארקסיסטען מיט אים, ווייסען, ווייזט אויס ניט, אדער אפשר מאכען זיי זיך ניט וויסענדיג, וועגען דעם, אז עס האט געלעבט אין דער וועלט א שפינאזא, וואס האט, ווי קיינער פאר אים און קיינער נאך אים, נעגלויבט באמונה שלמה אין א גאט אלס אין דער סבה פון אלע סבות און דער תכלית פון אלע תכליתים, און אין דער אייגענער צייט האט ער, מיט דער גאנצער קראפט פון זיין געניאליטעט, דורכגעפירט אין דער לענג, ברייט און טיף פון דער גאנצער וועלט, אויף דעם שטרענגסטען און עכט מאטעמאטישען אופן, דעם געזעץ פון נויטווענדיגקייט.

דער סאציאל דעמאקראטישער טעמפעראמענט שטויסט אלע מארקסיסטען אזוי ווייט אוועק פון דעם גייסט פון א קאנט, אז זיי הויבען ניט אן צו וויסען, אז דער גאטגלויביגער קאנט האט עס געגעבען דעם גרעסטען שטויס צו דער מאדערנער נאטורפארשונג און וויסענשאפטליכער דערקענטניס, דערמיט, וואס ער האט געגעבען א לאגישע און פילאזאפישע באגרינדונג פאר דער אומפארמיידליכקייט, נויטוועדיגקייט און אייביגקייט פון די נאטור געזעצען.

די איצטיגע מארקסיסטען האבען ניט קיין ברעקעל אינטערעס אין בערגסאנ'ן, וועלכער מאלט פאר אונז אויף א קינסטלעריש פילאזאפישען אופן דעם וועלט־אל, אלס א גייסט אדער א גאט אזוי אריגינעל און טיף, אז עס ווערט מעגליך פאר אונז זיך פארצושטעלען ווי די שטרענגסטע נאטור געזעצמעסיגקייט אין אלץ, וואס איז געשעהן און געשעהעט קאן געהן האנט אין האנט מיט דער אבסאלוטער פרייהייט און אומבאשטימטקייט אין אלץ, וואס וועט געשעהען.*)

---

*) זעה „ביילאגען“.

די מאַרקסיסטען גייען ניט אָן די שאַרף שניידענדע קריטיק פון דער נייעסטער פילאָזאָפיע אויף דער וויסענשאַפט פאַר איר אַריינרייסען זיך אין גרעניצען און ספערען, וואָס געהערען ניט צו איר. יעדע איינציגע וויסענשאַפט קאָן אַרומנעמען אין אירע אונטערזוכונגען נאָר אַ טייל פון דעם גרויסען וועלט־אַל, נאָר אַ געוויסע און באַשטימטע גרופּע פון נאַטור ערשיינונגען, און דערפאַר מוזען פאַלש זיין אירע השערות וועגען די פּרינציפּען, וואָס נעמען אַרום און דרינגען דורך אַלע וואָרצלען און אַלע צווייגען, אַלע צווייגעלאַך, בלעטעלאַך און בליהונגען פון דעם גרויסען געוויקס, וואָס הייסט אוניווערס. עס איז אמת, אַז אין אַ טראָפּען וואַסער שפּיגעלט זיך אָפּ די זון אַזוי גוט ווי אין דעם גרעסטען ים. ווען דער טעלעסקאָפּ זאָל אָבער אָנגעשטעלט ווערען אויף דער אָפּשפּיגלונג פון דער זון אַנשטאָט אויף דער ווירקליכער זון, וואָלטען קיינע השערות ניט געקאָנט געמאַכט ווערען וועגען דעם ווירקליכען אויסזעהן פון דער זון און וועגען איר שייכות צו אַלע אַנדערע פּלאַנעטען אין דער וועלט. און ווען אַזעלכע השערות זאָלען יאָ געמאַכט ווערען, וואָלטען זיי ניט אויסגעהאַלטען קיין קריטיק.

דער אוניווערסאַלער כח, וואָס איז איינס מיט דעם „אַלץ פון דער וועלט", מוז פריהער דערבליקט ווערען אין זיין גאַנצער גאַנצקייט פון דעם אַלץ אַרומכאַפּענדיג אויג פון דעם פילאָזאָף, און נאָכדעם ערשט, ווען ער ווערט אויף אַזאַ אופן אין זיין גאַנצער פולקייט אַרומגענומען, און נאָכדעם ערשט ווען ער ווערט פאַרגליכען מיט דעם בליק פון די וויסענשאַפטלייט, וואָס שניידט דורך בלויז אַ געוויסע סעקציע פון דעם אוניווערס, בלויז אַ געוויסען אויסדרוק אָדער אַ געוויסע אָפּשפּיגלונג פון דעם דאָזיגען צענטראַלען כח, קאָנען געוויסע היפּאָטעזען וועגען די גרונט סבות פון אַלע סבות געמאַכט און פאָרמולירט ווערען, ערשט יעמאָלט קאָנען געוויסע וועלט־אַל בילדער געמאָלען ווערען.

„פאַרגעסענדיג זיך", זאָגט ברעדלי, „אין אירע אייגענע גרעניצען, און ניט זייענדיג געטריי צו אירע אמת'ע צילען, פּרוּווט זעהר אָפט די וויסענשאַפט פון דער נאַטור בלויז צו רעדען וועגען די ערשטע פּרינציפּען. זי ווערט טראַנסצעדענט און שלאָגט פאַר אַ דאָגמאַטישע און אומקריטישע מעטאַפיזיק. צו באַהויפּטען למשל: אַז אין דער געשיכטע פון דער אוניווערס בכלל איז שטאָף געקומען פריהער פאַר געדאַנק, מיינט אָנצונעמען, אַז איינוועניג, אין דעם אַבסאָלוט גופא, איז פאַראַן אַנטוויקלונג און נאָכפאָלגונג,

און עס מיינט אויך צו מאכען פאר ווירקליך, אויסגעוועניג פון דעו אוני־ווערס אלס גאנצעס, בלויז א געוויסען עלעמענט אין דעם זיין פון דעם אבסאלוט.״

נאר איינער, וואס האט ניט קיין באגריף וועגען די שאפונגען פון די אלטע און נייע טיפע דיינקער, קאן באמת מיינען, ווי לאפארג און אנדערע געטרייע תלמידים פון מארקס׳ן, אז די נויטווענדיגקייט פון דער נאטור נע־זעצען לאזט ניט איבער קיין ארט פאר גאט׳ס זיין אויף דער וועלט. נאר דער, וואס פיהלט ניט און זעהט ניט דעם נייעם שוואונג פון דעם מענשלי־כען גייסט, קאן זיך פארשטעלען, אז די פליגלען פון די, מיט מענשליכע הענט, געבויטע ווינט מילען קאנען פארטרייבען די מיסטעריען, וואס זיינען פארבארגען אין יעדען זאמדעלע און שטיינדעלע אויף דער פלאך פון דער ערד און אין יעדען וואלקענדעל און שטערענדעל אין דעם הימעל, אדער אז די פליגלען פון די לופט שיפען וועלען אריינטרייבען דעם מענשען אין די העכ־סטע הימלען אריין צו מאכען א סוף דארט פון גאט׳ס הערשאפט.

די מינדסטע פארטיפונג אין די פראבלעמען פון קולטור ווייזט אונז, אז יעדער טריאומף פון מענשליכען געדאנק איבער דער נאטור ברייננט דעם מענשען פנים אל פנים מיט נייע, פריהער ניט געזעהענע רעגיאנען, וואס זיינען פול מיט פינסטערנישען און פארבארגענישען, און עפענט פאר אים מער האריזאנטען אין דער ווייט און אין דער טיעף פון דער אומענדליכקייט.

דער חוש פאר דעם אומענדליכען, די שפירונגען פון דער מיסטעריע אין דער נאטור און איבער דער נאטור, אין דעם געזעץ פון דער נאטור און אין דעם כאאס פון דעם קאסמאס, וועלכע זיינען די נשמה און דער תמצית פון דער קולטור, פעהלען לגמרי ביי די טעארעטיקער און די פראקטי־קער, די פירער און דער מאסע פון דער מארקסיסטיש סאציאליסטישער באַ־וועגונג.

.2

דער גאנצער באגריף פון די מארקסיסטען וועגען די שייכות׳ן צווישען מאטעריאליזם און צווישען ראדיקאליזם און פראגרעס, און וועגען די שייכות׳ן פון זיי אלע צו דער בורזשואזער ארדנונג, צו דער אר־בייטער באוועגונג און צו דעם צוקונפטיגען סאציאליסטישען סיסטעם, צו־

פאלט זיך ווי א קארטען הויז אונטער דער ווירקונג פון די נייעסטע אויסדרו־קען פון קולטור; ווי א זייפען־בלאז ווערט ער צורונען פון דעם אטעם פון דער נייער פילאזאפיע און וויסענשאפט, נייער קונסט און רעליגיע.

די נייע ווענדונג פון מענשליכען געדאנק, די נייע אויסטייטשונגען פון דעם באדייט און זין פון ציוויליזאציע און קולטור, וועלען מוזען שאפען, אויב זיי טוען דאס שוין איצט ניט, נייע באגריפען וועגען פראגרעס און ראדיקאַ־ליזם אדער קאנסערוואטיזם, גאנץ נייע גרונדלאגען פאר דער באוועגונג, וואס דארף אויסלייזען די געזעלשאפט פון דעם פיין און שמערץ, וואס דריקען איצט די נשמה און דעם גוף פון אן אומגעהויער גרויסער צאל פון אירע מיטגלידער.

דער היסטארישער מאטעריאליזם און עקאנאמישער דעטערמיניזם אלס א סאציאל פילאזאפישע גרונדלאגע פירען דעם מארקסיזם דערצו, אז ער זאל בויען דעם גאנצען מענשליכען פראגרעס אויף דעם באזיס פון ציוויליזאציע, אויף דעם פונדאמענט פון מעכאניק און טעכניק.

די וויכטיגקייט פון די נייע ערפינדונגען און אנטדעקונגען פון דעם מענשליכען געדאנק באשטעהט לויט דעם מארקסיזם ניט דערין, וואס זיי דערהויבען און פארטיפען דעם מענשליכען גייסט, נאר דערין, וואס זיי מאכען ברייטער און מאטעריאל רייכער דאס מענשליכען לעבען.

פאר דעם מארקסיזם איז ניט פון גרויס וויכטיגקייט דאס וואס, דורך די דאזיגע ערפינדונגען און אנטדעקונגען, ווערען אנטפלעקט צום מענשען אלץ מער און מער סודות פון דער נאטור, וואס יעדער איינער פון זיי דערציילט וועגען דער אלמעכטיגקייט און אומענדליכקייט פון דעם וועלט גייסט; איהם נעהט ניט אן דאס, וואס יעדער מאל, ווען א נייער סוד ווערט אנטפלעקט צום מענשען, ווערט די מענשליכע נשמה דערהעכערט און דער־נעהנטערט צו דער וועלט נשמה, דער מענשליכער גייסט ווערט שטארקער צענויפגעשמאלצען מיט דעם גייסט, וועלכער איז אידענטיש מיט דעם, וואס דער מענש פארשטעהט אונטער געטליכקייט.

דער מארקסיזם שטעלט אוועק אין פאדערגרונד פון דער מענשליכער אנטוויקלונג די עקאנאמישע פראדוקציע, און ניט די גייסטיגע דערהויבענ־קייט.

אין זיין עטיק זאגט אונז קאוטסקי, אז פון איצט אן און ווייטער ביל־דעט דער טעכנישער פראגרעס דעם פונדאמענט פון דער גאנצער אנטוויקלונג

פון דעם מענשען. אויף אים, און ניט אויף וועלכען עס איז אנדער פונקט, רוהט אלץ דאס, מיט וואס דער מענש אונטערשייט זיך פון דער חיה.

און לאבריאלא אין זיין בוך „סאציאליזם און פילאזאפיע" פרעגט: „קאן עמיצער באשולדיגען מארקס'ן, אז ער האט וועניג אויפמערקזאמקייט גע־שענקט דער מענשליכער אינטעלעקטואליטעט? ווער, אויב ניט ער, האט גע־זעהן די וויכטיגקייט פון די מינדסטע שאפונגען פון דעם ערפינדערישען גייסט? וואו ווייזט זיך די אינטעליגענץ ארויס אין אזא שטארקער בולט'קייט ווי אין דער טעכנאלאגיע, וואס איר היסטארישע ראלע איז אוועקגעשטעלט געווארען אין דער פאדערשטער רייהע אויף דעם אויפפאלענדסטען אופן אין דעם בוך „דאס קאפיטאל"?

לאבריאלא זאגט ווייטער, אז ער ווייסט גאנץ גוט, אז דער פראנצויזישער גייסט האט א גאנץ קנאפע אכטונג פאר די מאשינען בויער, וואס זיינען ניט פעהיג צו דעקלאמירען פון דער בינע מורא'דיגע קענ־טאטען וועגען די רעכט פון מענשען. איינפאכע שטערבליכע אבער, דענקט לאבריאלא, גלויבען מיט הער בארדאו, אז די דאמף מאשין האט געהאט א גרעסערען איינפלוס אויף דער געזעלשאפטליכער ארגאניזאציע איידער אלע סיסטעמען פון פילאזאפיע.

אין די דאזיגע ווערטער פון בארדאו, וואס דורך זיי וויל לאבריאלא ארויסברייינגען דעם קאנטראסט צווישען דעם מארקסיזם און דעם פראנצוי־זישען גייסט, ווערט אויך אויף דעם בולט'סטען אופן אויסגעבראכט דער אונטערשייד און די אנטגעגענזעצקייט צווישען ציוויליזאציע און קולטור, דער אונטערשייד צווישען דעם גייסט און דער געניאליטעט, וואס מארקס האט פארטראטען, און דעם גייסט און געניאליטעט, וואס זיין ערשטער פאר־שטעהער פון דער מאדערנער צייט, איז געוועזען רוסא. רוסא איז געוועזען דער ערשטער, וואס האט זיך איינגעשטעלט פאר דער מאכט פון ווילען, אינטענ־סיוויטעט פון געפיהל און זאפטיגקייט פון אימפולס אין געגענזאץ צו דער ריינקייט פון דער פארנונפט, אויסגעהאלטענקייט פון דער לאגיק און טרוי־קענקייט פון דעם אינטעלעקט. ער איז געוועזען דער ערשטער, וואס האט, ווי ניטשע מיט צענדליגע יארען נאך אים, געפאדערט, אז אין יעדען וויכטיגען טאט, אין יעדער פאראנטווארטליכער האנדלונג זאל, ווי די מוטער אין קינד, זיין דער גאנצער איך, דער געדאנק אזוי גוט ווי דער געפיל, און דער געפיל

אזוי גוט ווי דער ווילען. ער האט געוואגט ארויסצוטרעטען אין קאמף געגען קולטור מיט אלע אירע ווערטען.

רעדענדיג אין זיין בוך „באלשעוויזם" וועגען די פראנצויזישע און רוסישע רעוואלוציעס, פארגלייכט בערטראנד ראסעל רוסא'ן מיט מארקס'ן. „רוסא", זאגט ער, „איז סענטימענטאל און ווייך. ער אפעלירט צו די עמאציעס און וואשט אפ אלע שארפע קאנטורען. מארקס ווידער, איז סיסטעמאטיש ווי העגעל, פול מיט הארטען אינטעלעקטועלען אינהאלט. ער אפעלירט צו דער היסטארישער נויטווענדיגקייט און צו דער טעכנישער אנטוויקלונג פון אינדוסטרי, און וועקט אין אונז דעם געדאנק, אז מענשליכע וועזענס זיינען ווי ליאלקעס אין דעם שרויף־שטאק פון אלמעכטיגע מאטעריעלע קרעפטען.

דער דאזיגער בליק אויף דעם מענשען ווי אויף א דראט פופע אין די הענט פון ניט באלעבטע און מיט קיין גייסט ניט באזעלטע קאסמישע קרעפטען, איז כאראקטעריסטיש פאר אלע לעהרען, וואס שטעלען ציוויליזאציע העכער איבער קולטור, דעם מארקסיזם נאטירליך ניט אויסגעשלאסען.

אין דער מארקסיסטיש־סאציאליסטישער טעאריע און אין דער גאנצער סאציאליסטישער באוועגונג, וואס ווערט, על פי דעם מארקסיסטישען שולחן ערוך, איינגעשטעלט, איז די מאשין די סאמע ערשטע און וויכטיגסטע זאך, און דער מענשליכער גייסט דאס סאמע לעצטע און אומוויכטיגסטע. און, וואו דער מענשליכער גייסט ווערט שוין יא גענומען אין אנבעטראכט, איז דאס דער ראציאנאלער טייל זיינער, דער טייל, וואס קאן אויף א קאלטבלוטיגען אופן אלץ אויסרעכענען און אויס'חשבונ'ען, און ניט דער אירראציאנאלער טייל פון גייסט, ניט דער טייל, וואס איז דורכגעדרונגען מיט ווילען, געפילען און אימפולסען. און, וואס אהן א חשבון און אן אויסרעכענונג טרעפט זעהר אפט צום פונקט אויף אן אינטואיטיווען און אינסטינקטיווען אופן.

ענגעלס, למשל, דענקט, אז אונטער א סאציאליסטישער ארדענונג וועט די געזעלשאפט גרינג קאנען באשטימען וויפיעל שטונדען ארבייט עס זענען פאראן אין א דאמף מאשין, וויפיעל אין א העקטאליטער ווייץ פון דעם לעצטען שניט, וויפיעל אין א הונדערט ארשין געוואנט פון א געוויסער קוואליטעט. זי וועט יעמאלט קאנען וויסען וויפיעל ארבייט יעדער זאך,

וואָס ווערט באַנוצט, פאַדערט פאַר איר פּראָדוצירונג. זי וועט קאָנען דירעקטירען דעם פּלאַן פון פּראָדוקציע אין אַנקלאַנג מיט די מיטלען פון פּראָדוקציע. און דערביי זאָגט ענגעלס אויסדריקליך, אַז די ארבייטס קראַפט פון דעם מענשען געהערט צו די פּראָדוקציאָנס מיטלען. (אנטי דיורינג.)

אַזוי און נימ אַנדערש דאַרף און קאָן זיין דער שטאַנדפּונקט פון יעדען איינעם וואָס שווערט טרייהייט צו דעם עקאָנאָמישען דעטערמיניזם און צו דעם, וואָס איך וואָלט גערופען, מאַטעריאַליסטישען ראַציאָנאַליזם.

די מענשליכע אַרבייטס קראַפט, די קראַפט פון דעם מענשליכען גייסט ווערט אַוועקגעשטעלט אין דער זעלבער ליניע מיט די פּראָדוקציאָנס מיטלען. די ארבייטס שעה'ן וואָס פאַדערען זיך אויף דער פּראָדוקציע פון זאכען וואָס א מענש געברויכט, ווערען געשאַצט און געמאָסטען אקוראַט אזוי ווי דער מענש זאָל ווירקליך זיין א מאשין, אקוראַט אזוי ווי אונזער דיינקען, וואָס איז, על פּי לאַפּאַרגען, א פונקציע פון דעם מארך אויף דעם זעלבען שטייגער ווי פאַרדייאונג איז א פונקציע פון מאָגען, וואָלט ווירקליך געווען דער איינציגער און אַלהערשענדער אויסדרוק פון דער נשמה, אַקוראַט אזוי ווי די מענשליכע ענערגיע, מענשליכע פּראָדוצירענדע אַרבייטס קראַפט, זאָל איינגאַנצען נימ אַפּהייגנען פון דעם ווילען און די געפילען, פון די געמיטען און די שטימונגען, וואָס זעצען אַרויס פון דער מענשליכער נשמה ווי א לאַווא פון א פלאַם פייערדיגען ווולקאַן.

מענשליכע אַרבייט ווערט אידענטיפיצירט מיט די פּראָדוקציאָנס מיטלען, אַקוראַט אַזוי ווי מענשען וואָלטען גאָר ניט אַרויסגעבראַכט און געשאַפען קיינע זאַכען, וואָס זייער נוץ און ווערט קאָן פון קיין חכם אין דער וועלט ניט געוואָגען און ניט געמאָסטען ווערען; אַקוראַט אזוי ווי א מאָמענט ארבייט, ביי וועלכער דער מענש שטעלט איין זיין לעבען, און וואָס פון איר הענגט אָפּ דאָס לעבען פון טויזענדער אַנדערע מענשען, קאָן אויף וועלכען עס איז אופן פארגליכען ווערען אין לענג פון צייט און אין ווערט פון לעבענס מיטלען מיט אַנדערע אַרבייטען, וואָס זיינען פון א ווייניגער ריזיקאַלישען און פאראַנטוואָרטליכען כאַראַקטער.

און ווי עס זעהט אויס אין ליכט פון ציוויליזאַציע דער הייליגער ציעל, דער סאָציאַליזם, אַזוי מוז אויף א נאַטירליכען אופן אויך אויסזעהן דער מיטעל אָדער דער וועג, וואָס פירט צום סאָציאַליזם, און דאָס איז דער

באַרימטער קלאַסען קאַמף, דער צייכען און דער פאַן, ווי קאַוטסקי רופט אים, וועלכען מאַרקס און ענגעלס האָבען געגעבען דעם אַרבייטער קלאַס, וואָס אונ־טער זיי דאַרף ער באַקעמפען זיינע בורזשואַזע שונאים און איינפירען אַן אָר־דענונג פון גלייכהייט, פרייהייט און ברידערליכקייט.

אין דעם ליכט פון דעם ציוויליזאַציאָנס־שטאַנדפונקט, וואָס שלאָגט זיינע טיעפע וואָרצלען אין דעם עקאָנאָמישען דעטערמיניזם און מאַטעריאַליס־טישען ראַציאָנאַליזם, מוז דער קלאַסען קאַמף פאַרשטאַנען ווערען אַלס אַ קאַמף צווישען צוויי קלאַסען: צווישען דעם קלאַס, וואָס באַזיצט די פּראָדוקציאָנס מיטלען, און דעם קלאַס וואָס באַזיצט זיי ניט. און ממילא מוז מען שוין אויך גלויבען, באמונה שלמה, אַז אין דעם מאָמענט ווען די געזעלשאַפט אַלס גאַנצעס וועט ווערען די באַזיצערין פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען, וועלען ניט זיין מער קיין קלאַסען אין דער געזעלשאַפט, און, פאָלגליך, וועט אין דער איינענער צייט פאַרשווינדען דער קלאַסען קאַמף, און אין יעדען ווינקעל פון דער געזעלשאַפט וועלען הערשען שלום ושלוה, אחדות און חבר׳שאַפט. מחמת דער קלאַסען אַנטאַגאָניזם איז דאָך על פּי דעם מאַרקסיזם ניט קיין פּועל יוצא דערפון, וואָס עס עקזיסטירען אומצייליגע גראַדען פון אומגלייכהייט אין דער געזעלשאַפט, נאָר עס איז דער רעזולטאַט דערפון וואָס עס זיינען פאַראַן באַזי־צער פון פּראָדוקציאָנס מיטלען און אַזוינע וואָס באַזיצען זיי ניט. אַזוי שנעל דערפאַר ווי די פּראָדוקציאָנס מיטלען, דער מאַרקסיסטישער קוואַל פון אַלדאָס גוטס און בייז אין דער געזעלשאַפט, ווערען ריקוויזירט און מאָנאָפּאָליזירט פון דער געזעלשאַפט און הויבען אָן פון איר אַלס גאַנצעס אָפּערירט צו ווערען, בלייבט פון דעם דאָזיגען אַנטאַגאָניזם קיין סמן און קיין זכר ניט.

און אַזאַ מין נביאות געפינען מיר טאַקע אין דעם קאָמוניסטישען מאַני־פעסט.

„ווען דער פּראָלעטאַריאַט", לייענען מיר דאָרט, „וואָס איז דורך דער מאַכט פון אומשטענדען געצוואונגען, אין פאַרלויף פון זיין קאַמף געגען דער בורזשואַזיע זיך זעלבסט אַלס קלאַס צו אָרגאַניזירען, הויבט זיך אויף דורך אַ רעוואָלוציע צו דער לאַגע פון אַ הערשענדען קלאַס, און אַלס אַ הערשענדער קלאַס שאַפט ער גוואַלדזאַם אָפּ די אַלטע פּראָדוקציאָנס פאַרהעלטניסען, שאַפט ער שוין ממילא אָפּ אינאיינעם מיט די פּראָדוקציאָנס פאַרהעלטניסען, די באַדינגונגען, וואָס אונטער זיי קאָן עקזיסטירען קלאַס אַנטאַגאָניזם און קלאַסען בכלל, און דערמיט גופא שאַפט ער אָפּ זיין אייגענע הערשאַפט אַלס

קלאס. אויף דעם אָרט פון דער אלטער בורזשואזער געזעלשאפט מיט אירע קלאסען און קלאסען געגענזאצען, וועלען מיר איינפירען אן אסאָציאציע, וואָס אין איז די פרייע אנטוויקלונג פון יעדען איינציגען, דער תנאי פאר דער פרייער אנטיקלונג פון אלע.״

דער מארקסיזם, וואָס שרייבט צו אלע שרעקען און צרות אין דער געזעל־שאפט צו די פּראָדוקציאָנס מיטלען, קאָן זיך ניט פאַרשטעלען, אז אין דעם קלאס, וואָס באזיגט און באהערשט דעם בורזשואזען קלאס, קאָן טאקע, תיכף נאָך דער באהערשונג און נאָך דעם זיעג, אנטשטעהן א נייע שפּאלטונג אין צוויי אָדער מעהר קלאסען, מיט א שפּאָגעל נייעם אנטאגאָניזם.

דער מארקסיזם, וואָס זעהט דעם וואָרצעל פון שלעכטסקייטען פון דער איצטיגער אָרדנונג אין דער עקספּלואטאציע פון איין מענשען דורך דעם אנ־דערען, וועלכער איז דער בעל הבית פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען, דער מארק־סיזם, וואָס איז לגמרי בלינד צו די בייזוויליגקייטען און שלעכטסקייטען, וואָס וואָרצלען אין דער עקאָנאָמישער און סאָציאלער אומגלייכהייט צווישען מענש און מענש אין א געזעלשאפט, וואָס האָט זאָגאר די גאנצע דעה איבער די פּראָדוקציאָנס מיטלען— דער דאָזיגער מארקסיזם מוז זעהן אין דעם גע־זעלשאפטליכען באזיץ פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען, די גאנצע גאולה פון דער געזעלשאפט.

און גלויבט שוין איינער אין דער גרויסער ראָלע און אין דעם שטארקען כשוף פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען, מוז ער שוין אויף א לאָגיש קאָנסעקווענ־טען אופן אוועקשטעלען פאר זיך אלס דעם באלדיגען ציעל און צוועק פון דעם סאָציאלען איבערקער די פארגרעסערונג פון דער פּראָדוקציע. דער זיעג־רייכער פּראָלעטאריאט דארף קודם כל אָנשטרענגען זיינע כחות דערויף, אז די פּראָדוקטיוויטעט זאָל דערגרייכען דעם העכסטען מעגליכען גראד פון אינטענ־סיוויטעט.

דער פּראָלעטאריאט דארף, על פי מארקס און ענגעלס, באנוצען זיין פּאָלי־טישע הערשאפט אויף דריי זאכען: ערשטענס, אויף ארויסצורייסען בים־לעכווייז דעם גאנצען קאפּיטאל פון דער בורזשואזיע; צווייטענס, אויף צו קאָנצענטרירען אלע פּראָדוקציאָנס אינסטרומענטען אין די הענט פון דעם שטאט, ד. ה. מיט אנדערע ווערטער, אין די הענט פון דעם הערשענדען קלאס, דריטענס, אויף צו פארמערען אזוי שנעל ווי מעגליך די פּראָדוקציאָנס קרעפ־טען.

ווענען דער נויטיגקייט פון גלייכער פאנאנדערטיילונג פון די פראָדוק־טען צווישען די מיטגלידער פון דעם ארבייטער קלאס, ווענען דער אויפגאבע פון צו מאכען אוממעגליך פאר איין טייל פון דעם פראָלעטאריאט צו ווערען פריוועליגירט לגבי דעם אנדערען טייל, ווענען דער געפאר, אז דער פריווע־ליגירטער קלאס זאל אין זיינע אינטערעסען אונטערדריקען און אויף אלער־ליי אופנים אויסנוצען דעם אנדערען טייל פון דעם זעלבען זיגרייכען פראָ־לעטאריאט, ווענען דער מורא׳דיגער מעגליכקייט, אז די קנאה און שנאה, וואס אן אומגלייכהייט נאך א סאָציאלער רעוואָלוציע וועט ארויסרופען, זאל פירען צו א נייעם אנטאגאָניזם — ווענען אזעלכע און ענליכע זאכען, וואס האבען א שייכות מיט אבסאָלוטער גערעכטיגקייט און גלייכהייט, דענקט דער מארקסיזם ניט, און די מארקסיסטען פארשפארען נאטירליך ווענען זיי צו טראכטען.

וואס עס נעהט יא אן דעם מארקסיזם אין דער נייער אָרדענונג נאך דער סאָציאלער רעוואָלוציע איז, ערשטענס, די הערשאפט פון דעם ארבייטער קלאס אין די אינטערעסען, נאטירליך, פון דעם ארבייטער קלאס. (ווענען צוויי אָדער מער ארבייטער קלאסען מיט באזונדערע געגענזעצליכע אינטע־רעסען, פאנטאזירט דאך דער מארקסיזם ניט.) די צווייטע זאך, וואס נעהט דעם מארקסיזם אין לעבען, איז דער אָנטרייב פון דער פראָדוקציע אויף א גרויסען מאסשטאב.

די אינטערעסען פונ׳ם ארבייטער קלאס, וועלכער איז פון דער עקאָנאָ־מיש היסטאָרישער נויטווענדיגקייט באשטימט געוואָרען אויסצולייזען די וועלט פון אלע אירע פלאָגען און מאטערנישען, ווערען פון דעם מארקסיזם אוועקגעשטעלט העכער איבער אלץ אין דער וועלט. אלץ, וואס איז געווען הייליג און טייער דעם מענשען, מוז פאלען צו די פיס פאר די דאָזיגע אינ־טערעסען. און, היות ווי די דערהויבונג פון דעם גאנצען ארבייטער קלאס, ווי ער שטעהט און נעהט, צו עושר און צו כבוד, צו הערשאפט און געוועל־טיגונג, איז דער פועל יוצא פון די עקאָנאָמישע פארהעלטניסען אין דער געזעלשאפט, מוזען, פאָלגליך, אלע אידעאלען און באשטרעבונגען פון דעם מענשען זיך קניהען און בוקען פאר דער מאיעסטעט פון אלץ, וואס האט אויף זיך דעם עטיקעט פון עקאָנאָמישע קרעפטען.

און דערפאר איז לעניין, לויט אונזער מיינונג, דער אויסגעהאלטענסטער און קאָנסעקווענטסטער מארקסיסט אין דער וועלט, (דערהויפט דאָרט וואו עס

האנדעלט זיך ניט וועגן מעטאדען פון א רעוואלוציע, מחמת אין די מעטאָדען פון רעוואלוציע איז לענין, ווי א סך אנדערע באלשעוויקעס, א שעהן ביסעל אנארכיסטיש) געראכט ווען ער זאגט אין זיין ביכעל, „די פּראלעטארישע רעוואלוציע", אז נאר אזא בורזשואזער דעמאקראט ווי קאוטסקי קאן זיך ערלויבען ניט צו אנערקענען, אז די אינטערעסען פון דעם פּראלעטאריאט און פון דעם פּראלעטאריש רעוואלוציאנערען קלאסען קאמף שטעהען העכער איבער אלץ. אלס א ראיה, אז דאס איז א כשר'ער מארקסיסטישער בליק אויף דער זאך, ברייננגט ער די פאלגענדע, זעהר כאראקטעריסטישע פאר דעם מארקסיזם, ציטאטע פון ענגעלס: „היות ווי דער שטאט איז נאר א ציטווייליגע אינסטיטוציע, וואס דארף אויסגענוצט ווערען אין דער צייט פון דער רעוואלוציע כדי גוואלטזאם צו אונטערדריקען די, וואס שטעלען זיך אנטקעגען איר, איז עס דאריבער א פאלקאמענער אבסורד צו רעדען וועגען א פרייען פאלקסשטאט. אזוי לאנג ווי דער פּראלעטאריאט דארף נאך אלץ האבען דעם שטאט, דארף ער אים ניט האבען אין די אינטערעסען פון פרייהייט, נאר אויף צו אונטערדריקען די געגנער, און ווען עס ווערט מעגליך צו רעדען וועגען פרייהייט, הערט אויף דער שטאט, אלס אזעלכע, צו עקזיסטירען".

ווען ענגעלס רעדט וועגען געגנער מיינט ער, נאטירליך, די בורזשואזיע און די עקספּלואטאטארען, אים האט ניט געקאנט איינפאלען, אז אמת'ע הארפאשניקעס, אזעלכע, וואס האבען קיינמאל אין זייער לעבען ניט עקספּלואטירט, קאנען זיך שטעלען אין צייט פון נאך א רעוואלוציע געגען די, וואס האבען כלומרשט אין די אינטערעסען פון דעם גאנצען ארבייטער קלאס זיך איינגעטיילט דערוויילע מער פריווילעגיעס און אביסעל מער באקוועמליכקייטען, אזוי, אז די אונטערדריקונג וועט אנגעווענדעט ווערען ניט נאר אויף די איבערבלייבאכצען פון דעם בורזשואזען קלאס, נאר טאקע אויף א גרויסען טייל פון דעם ברודער ארבייטער קלאס גופא.

און אזוי לאנג ווי די עקאנאמישע און פּאליטישע גלייכהייט, וועגען וועלכע דער מארקסיסטישער סאציאליזם קימערט זיך ניט, וועט ניט איינגעפירט ווערען, וועט ניט מעגליך זיין צו רעדען וועגען פרייהייט, און דער שטאט דאריבער, אלס א זעלכער, וועט ניט אויפהערען צו עקזיסטירען.

ווער עס גלויבט נים, אז די פרייהייט און די גלייכהייט, וואס נאך זיי בייגקט און לעכצט די מענשליכע נשמה, מוז גלייך נאך דער סאציאלער רע־

וואלוציע איינגעפירט ווערען אין איר פולער און גאנצער אומרירבארקייט, דער וועט קיינמאל זיך ניט קאנען ארויסדרעהען פון דעם פאר'כשופ'טען קרייז פון שטאט, פרייהייט און אנארכיע, אין דעם זין פון כאאס, טומעל און אומארדנונג.

און צו גלויבען אין דער אבסאלוטהייט פון פרייהייט און גלייכהייט דערלויבט ניט דער ראציאנאליסטישער מאטעריאליזם, וואס זיין קווינט־עסענץ איז רעלאטיוויזם. אין דער ארבייט „פרייהייט פון ווארט און שריפט"*) האבען מיר שוין אנגעוויזען, אז די אלע טענות, וואס די פראגרע־סיווע און ראדיקאלע וועלט האט געגען די באלשעוויקעס פאר זייער אונ־טערדריקונג פון פרייהייט, דארפען געריכטעט ווערען געגען דעם מארקסיס־טישען סאציאליזם, וועמענס עקאנאמישער דעטערמיניזם האט אים בלינד געמאכט צו ריין מענשליכע אידעאלען, וואס שטעהען העכער ניט נאר אי־בער די אינטערעסען פון דעם פראלעטאריאט, נאר אפילו איבער די אינטע־רעסען פון דער גאנצער מענשהייט. דער מארקסיסטישער סאציאליזם וויל ניט וויסען פון די ריינע אדער אבסאלוטע אידעאלען פון גערעכטיגקייט, פרייהייט, גלייכהייט און שענקייט און אנדערע, וואס זעצען זיך דורך, דורך דעם מענשליכען גייסט און טראגען אים אוועק מיליאנען מייל ווייט פון דער חיה און ברייינגען אים אלץ נעהענטער און נעהענטער צו דעם, וואס ווערט, אויב ניט פארשטאנען, איז געפילט, אונטער דעם ווארט געטליכקייט.

די דאזיגע אידעאלען, די פונקען, די שפראצונגען, אדער אויסדרוקען פון דעם אוניווערסאלען גייסט, קאנען, ווי אלץ, וואס זעצט זיך בלויז דורך אנאנדער זאך, בלייבען אין דער וועלט אהן דעם מענשען, און ווארטען אויף א נייער געלעגענהייט זיך דורכצוברעכען; דער מענש אבער קאן ניט בליי־בען מער מענש, ווען די אידעאלען ווערען פון אים אוועקגענומען. א וועזען, וואס אין אים קאנען מער ניט די דאזיגע און אנדערע אידעאלען געפינען א וועג, איז נאך אלץ א לעבעדיגע באשעפעניש, אבער שוין ניט מער קיין מענש, אפילו אויב ער האט נאך די געשטאלט און דעם אויסזעהן פון א מענשען.

אזא סארט פילאזאפיע, אזא מין וועלט אנשויאונג איז לגמרי פרעמד דעם מארקסיסטישען סאציאליזם, און דערפאר קאן לויט אים גאר אזא זאך ווי

---

*) זעה ביילאגען.

ריינע, ניט קיין ספּעציפיש פּראָלעטאַרישע אָדער ספּעציפישע בורזשואַזע פרייהייט, ניט געמאָלט זיין. דער אַרבייטער האָט געדאַרפט קעמפן מיט אַלע זיינע כחות קעגן די אונטערדריקונגען פון די קאַפּיטאַליסטן, ער האָט זיך געמוזט איינשטעלן פאַר דער פרייהייט פון וואָרט און שריפט אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, לפּנים וועגן, אין דעם נאָמען פון פרייהייט, אין תוך גענומען, אָבער, איז דאָס על פּי דעם עקאָנאָמישן דעטערמיניזם געווען ניט מער, ווי א קאַמף פאַר עפּעס, וואָס האָט געדינט די הייליגע אינטערעסן, ווי זיי ווערן אויסגעטייטשט און פאַרשטאַנען פון דעם אוואַנ־גאַרד פון דעם אַרבייטער קלאַס, ד. ה., פון די, וואָס האָבן די מאַכט אין זייערע הענט. און אויב די דאָזיגע הייליגע אינטערעסן פאָדערן, אַז די פרייהייט זאָל אין תפיסה זיצען, איז דאָס די הייליגע פליכט פון די דאָזיגע מאַכט־האָבער, אין די אינטערעסן פון דעם אַרבייטער קלאַס, זי אַהין אַזוי אַריינצושפּאַרען, אַז זי זאָל די ליכטיגע שיין ניט אָנקוקען.

מען האָט עס דאַריבער געקאָנט ערוואַרטען, אַז אונטער דעם באָל־שעוויסטישען רעזשים, ווי אונטער יעדען אַנדערען רעזשים, וואָס ווער, ווי ער, זיין דער פולער אויסדרוק פון דער מאַרקסיסטיש־סאָציאַליסטי־שער טעאָריע, זאָל די פרייהייט זיין אין גלות רחמנא לצלן.

3.

די ווירקליכקייט פון דעם באָלשעוויזם איז אַזאַ, ווי די, וואָס האָבן זיך לכתחילה קריטיש געשטעלט צום מאַרקסיסטישען סאָציאַליזם, האָבן ער־וואַרטעט און פאָראויסגעזאָגט, אַז זי וועט זיין, אין אירע הויפּט שטריכען נאַטירליך.

אין זיין בוך וועגען באָלשעוויזם דערציילט אונז בערטראַנד ראַסעל, אַז די פּאָליציי אין רוסלאַנד נעמט א סך א גרעסערען אַנטייל אין דעם טעגליכען לעבען פון לאַנד איידער אין אַנדערע לענדער. א סך א גרעסערען איידער דעם אַנטייל, וואָס זי האָט גענומען למשל אין פּרייסען מיט פינף און צוואַנציג יאָר צוריק, ווען עס איז אָנגעפירט געוואָרען א קרעפטיגער קאַמף געגען סאָציאַליזם.

אָלגין, וואָס האָט באַזוכט רוסלאַנד א פּאָר יאָר שפּעטער נאָך ראַסעל'ן דערציילט אין זיינע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס", אַז ווען ער האָט גע־פרעגט צי מעגען ניט־קאָמוניסטען אויך נעהן אַרבייטען אַלס סובאָטני־

קעס, האָט מען אים געענטפערט, אַז דאָס איז די איינציגע זאַך, וואָס מען דאַרף אויף איר אין רוסלאַנד קיין דערלויבניס ניט האָבען.

אין דעם פּראָטעסט פון די אַנאַרכיסטען, וואָס איז אונטערגעשריבען אויך פון אַלעקסאַנדער בערקמאַן און עמאַ גאָלדמאַן לייענען מיר: „אַז אויסער די מאַסען אַרעסטען און פיזישע גוואַלט געגען די אַנאַרכיסטען, פירט די רע־גיערונג אַ סיסטעמאַטישען קאַמף געגען דער ערציהערישער אַרבייט פון אַלע אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציעס. זי האָט צוגעמאַכט פיל פון זייערע קלובּס און דעם מאָסקווער אָפיס פון דעם אַנאַרכאָ סינדיקאַליסטישען פאַרלאַג „גאָלאָס טרודאַ"... דער סיסטעמאַטישער גייעג אין אַלגעמיין אויף אַנאַר־כיסטען און בּפרט אויף אַנאַרכאָ סינדיקאַליסטען מיט דעם רעזולטאַט, אַז יעדע תפיסה אין סאָוועט רוסלאַנד איז געפּאַקט מיט אונזערע קאַמעראַדען, שטימט איין אין צייט און גייסט מיט לענינס רעדע אויפ'ן צענטען קאָנ־גרעס פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ביי דיזער געלעגענהייט האָט לענין דערקלערט, אַז דער ריקזיכטסלאָזער קריעג מוז דערקלערט ווע־רען געגען די, וועלכע ער רופט אָן די קליין בירגערלעכע אַנאַרכיסטישע עלע־מענטען, און וועלכע אַנטוויקלען זיך, לויט זיין מיינונג. זאָגאַר אין דער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי גופא צוליב די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע טענדענצען פון דער אַרבייטער אָפּאָזיציע."

און אָט דאָ ניט לאַנג צוריק איז געווען געמעלדעט, אַז לענין האָט אויף אַן אַנדער צוזאַמענפאַר דערקלערט, אַז אַ קריעג אויף לעבען און טויט מוז אָנגעפירט ווערען געגען די מענשעוויקעס און געגען די סאָציאַליס־טען רעוואָלוציאָנערען. ד. ה. מיט אַנדערע ווערטער, אַז אַ קריעג מוז דער־קלערט ווערען געגען די, וואָס האָבען אַנדערע באַגריפען און אַנדערע איבער־צייגונגען וועגען אַ נייער סאָציאַלער אָרדנונג איידער די, וואָס לענין און זיין פּאַרטיי האָבען.

לענינ'ס דערקלערונגען שטימען צענויף אין זין און אין גייסט מיט דעם מאַרקסיסטישען סאָציאַליזם, וועלכער, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, רעכענט זיך ניט מיט דער פרייהייט „פּער סע", נאָר מיט דעם, אויף וויפיל זי דינט די אינטערעסען פון דעם אַרבייטער קלאַס. און ווער, אויב ניט דער אַוואַנגאַרד פון דעם אַרבייטער קלאַס, קאָן מאַטעמאַטיש און פּינקטליך באַשטימען, וואָס איז יאָ גוט, און וואָס איז ניט גוט אין די אינטערעסען פון דעם אַרבייטער קלאַס; ווער אויב ניט דער טייל זיינער, וואָס האָט זיך, לויט די אייזערנע גע־

זעצען פון דעם עקאָנאָמישען דעטערמיניזם, אוועקגעשטעלט ביי דעם רודער פון דער מלוכה פון לאַנד.

דער פאַקט אליין וואָס זיי שטעהען ביי דעם רודער, איז פאַר די באָלשעוויקעס דער גרעסטער באַווייז, אז זיי זיינען דאָרט אוועקגעשטעלט געוואָרען דורך די אייזערנע געזעצען פון דער היסטאָרישער מאַטעריאַליסטישער נויטווענדיגקייט, און עס איז דאריבער זייער הייליגע פליכט אונטער אייזערנע גראַמעס אוועקצוזעצען די יעניגע, וואָס שטעלען זיך געגען דער געזעצליכקייט פון דער היסטאָרישער נויטווענדיגקייט. האָט דער עקאָנאָמישער שיקזאַל באַשטימט, אז די באָלשעוויקעס זאָלען פירען און דורכפירען די רעוואָלוציע, זיינען שוין אויף אַ לאָגישען אופן אַלע די וועלכע דיינקען, אז די רעוואָלוציע דאַרף אַנדערש געפירט ווערען, קאָנטר רעוואָלוציאָנערען, מעגען זיי אפילו האָבען די אינטערעסען פון דעם ארבייטער קלאַס אזוי שטאַרק צום הארצען ווי די באָלשעוויקעס.

וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבען אפילו מיליאָנען הערצער, ווען עס האַנדעלט זיך מכח אַ מאַטעריאַליסטיש געשיכטליכען געזעץ. און וואָס נאָך פאַר אַ גרעסערער באַווייז קאָן זיין פאַר דעם, אז עס דאַרף אזוי זיין, ווי דאָס וואָס עס איז אזוי.

פליכט על פּי מאַרקס׳ן איז דאָך ניט מער ווי אַן אָפּשיגלונג דערפון, וואָס איז, אָדער מוז אזוי זיין. צו זאָגען פאַרקערט, אז עס מוז, דאַרף, און זאָל אזוי זיין, ווייל די פליכט דיקטירט עס, הייסט דאָך שוין צו רעדען אויף דער שפּראַך פון דעם אידעאַליזם, אַ שפּראַך וואָס פאַר אים האָט דער מאַרקסיזם קיין אויערען ניט.

דאָס אלזאָ, וואָס זיי, די באָלשעוויקעס, און ניט קיין אַנדערע פריינד פון די ארבייטער, זיינען די פּיאָנערען פון דער נייער אָרדענונג, גיט זיי, אלס מאַרקסיסטען, דאָס רעכט, עס לייגט ארויף אויף זיי אַ פליכט, אויסצוראָטען אויף אַלערליי אופנים אַלע, וואָס שטעלט זיך אין וועג די אינטערעסען פון דער הייליגער רעוואָלוציע און פון דעם ארבייטער קלאַס, ווי זיי פאַרשטעהען זיי, און ווי זיי וועגען און מעסטען זיי אָפּ.

ווי מיט דער פרייהייט אזוי אויך מיט דער סתם מענשליכקייט, מיט דער מאָראַלישער אויפפירונג. נישטאָ קיין מענשליכקייט, אָן און פאַר זיך, נישטאָ קיין מאָראַל, וואָס זאָל זיך באַציהען אויף דעם בורזשוא און ארבייטער גלייך.

אזא זאך, ווי אן אלגעמיינע מענשליכע טאט, אדער האנדלונג, אן אלגע־מיינע מאראלישע באנעמונג, אדער אויפפירונג איז ניט שייך. די מאראליש־קייט אדער מענשליכקייט פון אן אקט הענגט אפ, על פי דעם מארקסיזם און דעם באלשעוויזם פון דעם צעטעלע, וואס איז אויף אים ארויפגעקלעפט. דער זעלבער אקט, וואס איז אוממענשליך, אוממאראליש, ווען ער טראגט אויף זיך דעם שטעמפעל בורזשוא, קאן זיין שעהן, מענשליך און מאראליש ווען עס ווערט ארויפגעקלעפט אויף אים א נייער צעטעל, פון וועלכען עס לייכטען ארוים די אותיות „א—ר—ב—י—י—ט—ע—ר”.

דאס איז דער שטאנדפונקט פון דעם רעלאטיוויזם, פאר וועלכען דער ראציאנאליזם, סיי דער מאטעריאליסטישער, סיי דער אידעאליסטישער, האט זיך אלע מאל געלעגט אין דער לענג און אין דער ברייט.

דער באגריף למשל, אז אויב א שפיאן איז א העסליכע באשעפעניש (און ווער קאן דאס אפלייקענען?), איז ער העסליך, ווען ער טוט די דאזיגע מיאוסע ארבייט סיי פאר דער בורזשואזיע, סיי פאר דעם ארבייטער קלאס; סיי ווען ער טוט עס אין די אינטערעסען פון רעאקציע, סיי אין די אינטערעסען פון דעם העכסטען ראדיקאליזם, און אין די אינטערעסען פון דער רעוואלוציאנערס־טער סאציאלער רעוואלוציע אין דער וועלט.

אזא באגריף געהט ניט אריין אין דעם באנעם פון דעם מארקסיסטישען דיינקען. עס איז דאריבער עכט סאציאליסטיש, לויט דעם מארקסיסטישען בליק, אז ווען דער ארבייטער קלאס נעמט אריבער אין זיינע הענט די פאלי־טישע מאכט, זאל די שפיאנעריי אנגעהן ווי גאר אין די אלטע צייטען, און נאך מיט א גרעסערען טעמפא, א דאנק דער צורודערקייט און שטורמישקייט פון דער רעוואלוציאנערער צייט.

„קיינער אין רוסלאנד וויים ניט” זאגט ראסעל, „ווער פון זיינע באַ־קאנטע איז א שפיאן פון דער „אויסעראָרדענטליכער קאמיסיע”. אפילו אין תפיסה צווישען די געפאנגענע זיינען פאראן שפיאנען, וואס באקומען גע־וויסע פריווילעגיעס, אבער ניט זייער פרייהייט”.

און טאמער מיינט איר, אז די „טשערעזוויטשייקע” איז טאקע חלילה עפעס א געפערליכע זאך, קומט דער בארימטער פראנצויזישער סינדיקא־ליסט און זאגט אונז, ווי די צייטונגען גיבען דאס ווערטערליך איבער, אז די „טשערעזוויטשייקע” איז גאר ניט אזוי שרעקליך ווי מען שטעלט זיך זי־

פאר. ערשטענס, זאגט ער, איז ניט פאראן מער ווי איין „טשערעזוויטשיי־קע" אין א גובערניע, און דאס מיינט בסך הכל פיער און פערציג טשערעז־וויטשייקעס אין גאנץ רוסלאנד, און בסך הכל צוויי טויזענד שפיאנען וואס טוען די אמת כשר'ע ארבייט פון שפיאנירען.

אזוי פילען און רעדען מענשען, וואס קוקען אויף מענשליכע באציהונגען און אויף דער מענשליכער עטיק דורך די ברילען פון דעם אינדוסטריעלען דעטערמיניזם.

און אויב עס איז אזוי מיט פרייהייט און מענשליכקייט, מיט רעכט און גערעכטיגקייט, מיט שענקייט און העסליכקייט, פאר וואס זאל עס אנדערש זיין מיט גלייכהייט? די אבסאלוטע עקאנאמישע און סאציאלע גלייכהייט איז קיינמאל ניט אוועקגעשטעלט געווארען אלס ציעל פאר דער סאציאלער רע־וואלוציע, קיינמאל ניט באטראכט געווארען, ניט פון מארקס'ן און ניט פון ענגעלס'ן, אלס דאס קערענדעל פון דער נייער געזעלשאפטליכער ארדע־נונג.

מארקס און ענגעלס האבען געלערענט אבער און ווידער אמאל, אז אין דער צייט פון דער סאציאלער רעוואלוציע דארף דער פראלעטאריאט שטרעבען בלויז דערצו, אז די מאכט און הערשאפט, וואס ליגען אין די הענט פון דער בורזשואזיע, זאלען איבערגעהן אין די הענט פון דעם ארבייטער, אזוי אז ער, אנשטאט דער בורזשואזיע, זאל ווערען דער הערשענדער און רעגירענדער קלאס. דערמיט גופא, וואס די געזעלשאפט, באשטעהענד פון איין און איינ־ציגען קלאס, דעם ארבייטער קלאס, ווערט די באזיצערין פון די פראדוקציאנס מיטלען, ווערט א סוף צו יעדער קלאסען אדער גרופען שטרייטיגקייט אין דער געזעלשאפט. דער בארימטער קלאסען קאמף ווערט א זאך פון דער פארגאנגענהייט, און רוהה און פריעדען הויבען אן צו הערשען צווישען אלע מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט, צווישען אלע לענדער פון דעם ארבייטער שטאט.

ווענען א נייעם קלאסען קאמף, וואס זאל אנטשטעהן, אויב די רעווא־לוציע זאל ניט באווייזען איינצופירען די עקאנאמישע גלייכהייט, האט מארקס און ענגעלס, ווי מיר האבען שוין געזעהן, ניט א טראכט געטאן. און דערפאר האט עס ניט געקאנט קומען אויף דעם זין די באלשעוויקעס צו מא־כען אפילו דעם פרואוו אין דער ריכטונג פון גלייכהייט.

דער קאמוניסטישער מאניפעסט זאגט בפרוש, אז דער שטריך, וואס אונטערשיידט דעם קאמוניזם פון אנדערע „איזמען“ איז ניט דער אפשאף פון אייגנטום. דער קאמוניזם, טענה'ט מארקס און ענגעלס, נעהמט חלילה ניט אוועק ביי קיינעם די מאכט צו מאכען פאר אייגענם די געזעלשאפטליכע פראדוקטען. אלץ וואס ער טוט, איז נאר דאס, וואס ער נעמט אוועק די מאכט צו אונטערי‍אכען די ארבייט פון אנדערע מיט דער הילף פון די פראדוקטען, וואס ער אפראפריאירט.

ווען מיר, געפינען אלזא איצט, אז אין דער באלשעוויסטישער רוסלאנד איז ניטא קיין סמן פון עקאנאמישער גלייכהייט, ווען מיר געפינען, אז ארבייטער ביי א געוויסער ארבייט קריגען מער באצאלט, האבען מער באקוועמליכקייטען איידער די, וואס ארבייטען ביי אן אנדער ארבייט, ווען מיר דערוויסען זיך, אז די איינגעשטעלטע ביי דער מלוכה האבען אזעלכע פריווילעגיעס, וואס ניט קיין אנגעשטעלטע קאנען אפילו חלומ'ן וועגען זיי; דארפען מיר געדיינקען, אז אזוי דארף זיין לפי דעם מארקסיסטישען קאדעקס. אזוי און ניט אנדערש האט עס געקאנט איינגעפירט ווערען פון די, וואס זעהען דאס „זיין“ און דאס „ווערען“ פון דער וועלט אין דעם ליכט פון ציוויליזאציע און ניט אין דעם ליכט פון קולטור. אזוי און ניט אנדערש וועט עס אלע מאל און אומעטום איינגעפירט ווערען, כל זמן די אנפירער און דורכפירער פון דער רעוואלוציע, וועלען זיין מענשען, וואס וועלען גלויבען, אז ווען די געזעלשאפט וועט קאנען זעטיגען אויף אן אנשטענדיגען שטייגער די פרימיטיווסטע, עלעמענטארסטע און נויטווענדיגסטע באדערפנישען פון יעדען מיטגליעד אירען, וועלען מיטגליעדער זיין צופרידען, אז אנדערע מיטגליעדער פון דער זעלבער געזעלשאפט, זאלען זייערע באדערפנישען צופרידענשטעלען אויף א בעסערען און גרויסארטיגערען שטייגער איידער זיי, און זיי וועלען זיך אויך ניט קימערען וועגען דעם, וואס אנדערע האבען די מעגליכקייט און געלעגענהייט צו אנטוויקלען און נאכצוקומען נייע באדערפנישען און געהויבענערע פארלאנגען און באגערען.

ווער עס האט אבער געקוקט פון א קולטור שטאנדפונקט אויף מענשען און אויף זייערע באציהונגען צו זיך און צו אנדערע, ווער עס לייענט די מענשליכע געשיכטע אין דעם ליכט פון דער בכורה און ניט אין דעם ליכט פון די לינזען, דער האט געקאנט מיט דער גרעסטער זיכערהייט פאראויסזאגען, אז א סאציאלע רעוואלוציע, וואס וועט פון דעם ערשטען מאמענט אן

ניט פראקלאמירט, די אבסאליוטע גלייכהייט, עקאנאמישע און סאציאלע, פאר אלע מענשען, וואס שטעלען צענויף די געזעלשאפט, וועט ניט ברייגנען קיין גליק און קיין צופרידענהייט צו די יעניגע, אין וועמענס אינטערעסען, אין וועמענס נאמען און מיט וועמענס כהות און אפפערוויליגקייט די רעוואַ־ליוציע ווערט געמאכט.

און די לאגע אין רוסלאנד איז יעצט פאקטיש אזא, ווי מען האט גע־קאנט פאראויסזעהן, און ווי גאר פיעלע האבען עס פאראויסגעזען. אלגין דערציילט אונז אין זיינע קארעספאנדענצען, אז „מען זידעלט די קאַ־מוניסטען. וואו איר גערט און וואו איר שטעהט, איז מען פייער און פלאם אויף די קאמוניסטען. די קאמוניסטען זיינען שולדיג, אין אלצדינג זיינען זיי שולדיג. אזוי רעדען ניין פון צען רוסישע בירגער. . . .

אזוי ווי עס קלעקט ניט פאר אלע, האט מען איינגעפירט, אז בעאמטע זיינען בילכער. מיט יעדען צוג פארט א „שטאבנאי" וואגאן, א געהייצטער, רעזערווירט פאר באאמטע. רייצט עס דעם עולם „טו א קוק זיי פארען ווי די פריצים, און מיר דארפען זיך וואלגערען ווי די בהמות".

ניט דאס, וואס עס איז ניטא קיין קוילען אויף צו הייצען אלע וואגאנען, פארדריסט ניין צענטעל פון דער רוסישער באפעלקערונג, נאר דאס, וואס אין דעם געהייצטען וואגאן, פארט דער בעאמטער. און דער געזונטער פארשטאנד פון דעם דורכשניטליך אינטעליגענטען ארבייטער, און די ניט איבערגעשפיצטע געפילען פון דעם פויער וועלען, פריהער אדער שפעטער, אים אונטערזאגען, אז מעג די נייע ארדענונג זיין אן ארדנונג פון דעם ברודער ארבייטער, מעג זי געהן אונטער וואסערען נאמען זי וויל זיך, איז זי אבער ניט, און זי וועט קיין מאל ניט זיין די סאציאליס־טישע ארדנונג, וואס אויף איר לייגט א גרויסער טייל פון דער מענשהייט אזוי פיעל האפענונג. אזוי לאנג ווי איין מיטגליעד פון דער גע־זעלשאפט, אונטער דער דאזיגער ארדנונג, וועט זיין מער פריווילעגירט און אין א בעסערען עקאנאמישען צושטאנד פאר דעם אנדערען מיטגליד, וועט זי, די דאזיגע ארדענונג, צו זייערע געפילען ניט אפעלירען.

אין זיין דיסקוסיע מיט קאוטסקי'ן אין דעם בוך „פראלעטארישע רעוואַ־לוציע" זאגט לענין, אז די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט סימפאטיזירען מיט דער סאוועטען רעפובליק בלויז דערפאר, וואס זיי זעהען אין איר א פ ר א ל ע ט א ר י ש ע דעמאקראטיע, א דעמאקראטיע פאר דעם ארימען

און ניט קיין דעמאָקראטיע פאר דעם רייכען, ווי עס איז דער פאל מיט יעדער בורזשואזער דעמאָקראטיע.

אלע ווייסען שוין איצט, אז דאס איז ניט אמת. דער אמת איז, אז דער פראָלעטאריאט פון דער גאנצער וועלט סימפּאַטיזירט איצט וועניגער מיט דער סאָוויעטען רעפּובליק. די פעדעראטיווע רוסישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק האָט פארלאָרען איר חן אין די אויגען פון די ארבייטער, און דאס איז דערפאר, וואס זיי ווערען מער און מער געוואָר, אז אויך אין רוסלאנד, וועל־כע האָט זיך א נאָמען געגעבען „סאָציאַליסטישע רעפּובליק", זיינען פאראַן אָרימע און אָרימע, מער פּריווילעגירטע און וועניגער פּריווילעגירטע, און גאָרניט קיין פּריווילעגירטע. אמת, די פּראָלעטארישע דעמאָקראטיע האָט אוועקגעשטעלט אנאנדער לייטער, זי האָט אָבער איבערגעלאָזט די זעלבע צאָל און גראדען פון שטאַפּלען. און עס איז נאַטירליך, אז דער פּראָלע־טאריאט זאָל זיין איצט מער אומצופרידען מיט די שטאַפּלען פון דעם געזעלשאַפטליכען לייטער אין א סאָציאַליסטישער רוסלאנד, איידער אפילו מיט דעם פיעל שטאַפּעלדיגען בורזשואזען לייטער פון אמעריקא. מחמת פון דער בורזשואזער אָרדענונג האָט א חוץ אַן ערגערען אָדער בעסערען ביסען ברויט און פוטער קיינמאָל ניט ערווארטעט, פון א סאָצי־אַליסטישער אָרדענונג אָבער, האָט ער א סך מעהר און א סך אנדערע זא־כען ערווארטעט. ער האָט דאָך אויף איר אזוי פיעל האָפענונגען גע־לייגט, זי האָט דאָך געדארפט אזוי פיעל וואונדען היילען, ניט נאָר פון זיין אויסגעאַרבייטען קראנקען קערפּער, נאָר אויך פון זיין אויסגעמאַ־טערטער און צעריסענער נשמה.

ניט וויסענדיג די פאלשע גרונדלאגען פון דעם מארקסיזם, האָט ער געמיינט, אז דער סאָציאליזם וועט צופריעדענשטעלען די טיעף איינגע־וואָרצעלטע אין אים באשטרעבונגען און באגערען נאָך גערעכטיגקייט, גלייכהייט און פרייהייט. דער פּראָלעטאריאט זעהט אָבער מער און מער איין, אז אנשטאָט א בורזשואזען קלאס און אַן ארבייטער קלאס, שאַפט זיך אין רוסלאנד, ווי עס וועט זיך, לויט אונזער מיינונג, שאַפען אין יעדען איינציג לאנד, וואו די גלייכהייט וועט ניט באהערשען דעם עקאָנאָמישען און סאָ־ציאַלען לעבען, צוויי נייע קלאסען, א פּריווילעגירטער הערשענדער קלאס און א קלאס אָהן פּריווילעגיעס.

„ווען אַ רוסישער קאָמוניסט" זאָגט ראַסעל, „רעדט וועגען דיקטאַטור מיינט ער עס בוכשטעבליך, ווען ער רעדט אָבער וועגען פּראָלעטאַריאַט, מיינט ער עס אין אַ פּיקוויקישען זין. ער מיינט דעם קלאָסען באַוואוסטען טייל פון דעם פּראָלעטאַריאַט, און דאָס הייסט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. ער שליסט איין מענשען, וואָס זיינען פּאַר קיין פאַל ניט קיין פּראָלעטאַריער, (אַזעלכע ווי לענין און טשיטשערין, וואָס האָבען די ריכטיגע מיינונגען) און ער שליסט אויס לוין ארבייטער, וואָס האָבען ניט קיין ריכטיגע מיינונגען, און וואָס זיי שטעמפּעלט ער אַלס די משרתים פון דער בורזשואַזיע".

און ווען אָלגין דערציילט דער וועלט, אין זיינע באַריכטען וועגען רוסלאַנד, ווי אייזען פעסט די רוסישע מיליטערישע דיסציפּלין איז, ווי מען ענטפערט ניט קיין וואָרט ווען טראָצקי רעדט, ווי מען רירט ניט קיין גליעד, ווי מען שטעהט ווי פאַרגליווערטע; גלויבען מיר, אַז גאָר אַ גרויסער טייל פון דעם פּראָלעטאַריאַט פילט אינסטינקטיוו, די גרויסע געפאַר, וואָס ליגט אין דער מעגליכקייט, אַז די דאָזיגע דיסציפּלינירטע אַרמעע זאָל גאָר אין גיכען אויסגענוצט ווערען פון דעם פּריווילעגירטען הערשענדען טייל פון דעם ארבייטער קלאַס אויף צו אונטערדריקען און האַלטען אין גייסטיגער און סאָציאַלער שקלאַפעריי אַלע די, וואָס האָבען ניט געהאַט די זכיה צו ווערען דער אַוואַנגאַרד פון דעם פּראָלעטאַריאַט, די ריכטיגע און אמת'ע אויסטייטשער פון דער מאַרקסיסטישער תורה.

אין 1898 האָט קאַוטסקי, אין זיין פאָרוואָרט צו דער אידישער אויסגאַבע פון קאָמוניסטישען מאַניפעסט געשריבען, אַז אַנשטאָט דער צושפּאַלטונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין ארבייטער אַריסטאָקראַטיע און ארבייטער מאַסע, וואָס האָבען שוין זאָגאַר אָנגעוואָרען די האָפענונג אויף בעסערעס, האָט זיך אַנטוויקעלט די אַלגעמיינע סאָלידאַריטעט פון דעם גאַנצען פּראָלעטאַריאַט.

יעדער איינער מוז מודה זיין, אַז איצט, אין 1921, געפינט זיך דער ארבייטער קלאַס מער ווי ווען עס איז פריהער צושפּאָלטען אין אַן ארבייטער אַריסטאָקראַטיע פון איין זייט, און אַן ארבייטער מאַסע פון דער צווייטער זייט. און ווען אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע אין אַ לאַנד נוצט ניט אויס גלייך פון אָנהויב די מאַכט פון דעם פּראָלעטאַריאַט אויף פעסט צושטעלען און אין לעבען אַריינברענגען די פאָלקאָמענסטע געזעלשאַפטליכע

גלייכהייט צווישען איין פראלעטאריער און דעם צווייטען, צווישען איין ארבייטער, מעג ער זיין ווי לא יצלח'דיג און נאריש, און דעם אנדערען, מעג ער זיין ווי פעהיג און קלוג, וועט בלי שום ספק די ארבייטער אריס־טאקראטיע אויף דעם עכט דעספאטישען אופן עקספלואטירען די ארביי־טער מאסע.

לאנג, לאנג צוריק האט מאנטעסקיו געשריבען, אז „ווען געזעל־שאפטען ווערען געבארען, זיינען עס די, וואס שטעהען בראש פון די רע־פובליקען, וואס פאסען אינסטיטוציעס, און דערנאכדעם, זיינען עס די אינ־סטיטוציעס, וואס פארמירען די הויפט אנפירער פון די רעפובליקען". דאס זיינען אלטע ווערטער, וואס הערען אבער קיין מאל ניט אויף צו זיין ניי.

ווען די אנפירער פון די רעוואלוציעס וועלען זיין דורכגעדרונגען מיט דעם געדאנק און דעם געפיל, אז אהן עקאנאמישער גלייכהייט קאן קיין פאליטישע פרייהייט ניט זיין און, אז אהן גלייכהייט און פרייהייט קאן קיין געזעלשאפט אין דער וועלט לאנג ניט געדויערען, מעג איר אינדוסטרי געפירט ווערען אויף דעם גרעסטען מאסשטאב, און מעג זי האבען אלע מעגליכקייטען אויף צופרידען צו שטעלען די מאטעריעלע באדערפנישען פון די מיטגליעדער; ווען זיי, אלס די בויער פון דער נייער געזעלשאפט, וועלען באגרייפען, ווי אונז דוכט זיך, דעם דאזיגען סאמע איינפאכסטען און קלארסטען אמת, און ווען דער דאזיגער אמת וועט ווערען א טייל פון זייער גאנצען איך, וועלען זיי גלייך פון אנהויב אן פראקלאמירען און דעקלא־רירען די דאזיגע פרינציפען פון פרייהייט און גלייכהייט אלס די הייליגסטע. דערמיט אליין וועלען די דאזיגע פרינציפען אנהויבען אריינגעהן אין דעם בלוט און אין דעם פלייש, אין דעם זאפט און אין דעם מארך פון דער בא־שעפעניש, וואס רופט זיך נייע סאציאלע ארדנונג, זיי וועלען ווערען די פונדאמענטען און די קערענדלאך פון די נייע אינסטיטוציעס, וועלכע וועלען שפילען די גרויסע ראלע אין בילדען און פארמירען די צוקונפטיגע ווארט־זאגער און טאטען־טוער פון דער געזעלשאפט.

די אנפירער פון די איצטיגע רעוואלוציעס פארשטעהען אויך, אזוי יעדענפאלס זאגען זיי, אז די דאזיגע פרינציפען זיינען שעהן און ערהאבען; זיי לאזען זיך אבער נאך ניט אריינוועבען אין די יסודות פון דעם געזעל־שאפטליכען לעבען. „עס איז אוממעגליך" דאס איז דער ענטפער אויף

דער טענה: פאר וואס גיט איר ניט דאס רעכט יעדען זיין מיינונג און איבערצייגונג אויסצודריקען, פאר וואס זעהט איר ניט, אז איין מיטגליד זאל עקאנאמיש ניט זיין מער ווערט און סאציאל העכער פאר דעם צווייטען.

דער אמת איז דאך אבער, אז וואס עס איז אין דער ווירקליכקייט מעג־ליך אדער אוממעגליך, וואס עס איז יא אדער ניט דורכפירבאר אין לעבען הענגט אפ זעהר פיעל, און זעהר אפט אינגאנצען, פון דער שטעלונג, וואס מיר נעמען צו זאכען, פון די נייגונגען און שטימונגען איינגעבארענע און דערווארבענע, וואס פילען אן, פון קיין אויג ניט געזעהענע קעמערלאך פון אונזער נשמה.

אט האט דאך למשל די גאנצע וועלט, די ראדיקאלע אזוי גוט ווי די קאנסערוואטיווע ערשט מיט עטליכע יאהר צוריק גערדיינקט, אז א שלום צווישען רוסלאנד און דייטשלאנד איז אן אבסאלוטע אוממעגליכקייט, און אז רעדען וועגען אזא זאך קאנען נאר פאררעטער און שפיאנען. די וואס האבען אבער געהאט די דעה און די מאכט איבער רוסלאנד, האבען געפילט און גערדיינקט, אז א שלום דארף און מוז געשלאסען ווערען, און די מיינונ־גען און די ווארנונגען פון דער גאנצער וועלט האבען זיי ניט צוריקגעהאל־טען פון צו מאכען דעם דאזיגען, אין די אויגען פון מיליאנען מענשען, אומזיניגען און אוממעגליכען שריט. און ווען דער שריט איז גענומען גע־ווארען און געמאכט געווארען, איז די אוממעגליכקייט געווארען א מעג־ליכקייט, דער אבסורד, די אומגעלומפערטקייט האט באקומען א זין, און האט זיך אנגעהויבען לעגען אויפ'ן שכל פון די, וואס האבען עס באטראכט פאר אן אומזין און משוגעת, וואס האבען געשטעלט אין געפאר ניט נאר רוסלאנד, נאר, די שעה זאל ניט זיין, די גאנצע וועלט.

די פאלקס ווערטלאך, אז „וואו עס איז פאראן א ווילען, דארט איז פאראן א וועג", און „אז מען זוכט געפינט מען", האבען איצט מיט זיך די הסכמה פון דער נייעסטער פסיכאלאגיע און פון דער נייעסטער פילאזאפיע.

די נייע פילאזאפיע האלט, אז ניט נאר מען קאן גאר ניט אויפטון אהן דער אנשטרענגונג פון דעם ווילען, נאר אפילו טראכטען וועגען עפעס טון, און אפילו ספעקולירען סתם אין דער וועלט אריין, ווי דאס טוען די פילאזא־פען, קאן מען אויך ניט אהן א אינטענסיווער ארבייט פון דעם ווילען, וואס ציט אן ניט נאר יעדען נערוו, נאר אויך יעדען מוסקול. מיר דיינקען מיט יעדער צעל און יעדער ברעקעלע געוועב פון אונזער וועזען. דער דא־

זיגער פילאָזאָפישער באגריף, דוכט זיך אונז, איז אויף דעם וואונדערבאר־
סטען אופן אויסגעדריקט אין ראַדין'ס באַרימטער סטאטוע: „דער דענקער".

דער גרויסער פסיכאָלאָג און פילאָזאָף דזשיימס דיינקט, אז קיין מענש אין דער וועלט האט ניט אויפגעטאָן אלץ, וואס ער האט געקאָנט אויפטון, קיין מענש האט ניט אויסגעשעפּט זיין גאַנצע ענערגיע, ניט אויסגענוצט אלע זיינע מעגליכקייטען פאר דעם אופטו פון זאכען, ווייל יעדער איינער וויפיל ער זאָל ניט האבען אויפגעטען, וואלט געקאָנט מיט א ביסעל מער אָנשטרענגונג פון דעם ווילען, אויפטון א סך מער, און וויפיל וועגען איינער זאָל ניט האבען אויסגעפונען, וואָלט ער, מיט נאָך אַ ביסעלע מער אָנשטרענ־גונג, געקענט נאָך איין וועג אויסגעפינען.

די נייע וויסענשאפט, וואס רופט זיך די „לאָגיק פון דער וויסענשאפט", קומט אינאיינעם מיט דער נייער פסיכאָלאָגיע צום שלוס, אז קיין ערפינדונג און קיין אנטדעקונג איז ניט געמאכט געוואָרען און ווערט ניט געמאכט סתם אין דער וועלט אריין, ד. ה. דורך א געלונגענעם צופאל בלויז, נאָר יעדע איינציגע ערפינדונג און אנטדעקונג איז א פועל יוצא פון גרויסע קאָנפליקטען אין דעם גייסט און אין דער נשמה פון דעם ערפינדער און אנטדעקער, זיי זיינען א רעזולטאט דערפון, וואס דעם באטרעפענדען פערזאָן איז אוממעגליך געוואָרען אין דעם אלטען זיך צו אָריענטירען, און ער ווערט אויף אזא אופן פון אן אומבאוואוסטער קראפט געטריבען צו זוכען עטוואס נייעס, און די זוכע־נייש אליין איז שוין א שריט פאָראויס אויף דעם וועג פון דער ערפינדונג און אנטוויקלונג פון עפעס, וואס איז ניי אין פאָרם אָדער אין אינהאלט.

אזוי שנעל ווי דער ראדיקאליזם פון די קומענדע דורות וועט אויפהערען ציהען זיין יניקה פון דעם עקאָנאָמישען דעטערמיניזם אָדער היסטאָרישען מאטעריאליזם, וואס האט קיין מאָל קיין גרויס געוויכט ניט געלייגט אויף דער פערזענליכער פרייהייט, אויף דעם כח וואס רעוואָלוציאָניזירט אלטע און שאפט נייע וועלטען, און אויף דער עקאָנאָמישער גלייכהייט, וועלכער איז דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון געזעלשאפטליכער גערעכטיגקייט, אזוי שנעל ווי דער ראדיקאליזם וועט זיך באפרייען פון דעם מאטעריאליזם אין אלע זיינע פאָרמען, וועט מוזען אויפשטעהן א דור, וואס וועט ארויסגעבען פון זיך פירער, און וואס וועט זיך לאָזען פירען נאָר פון אזעלכע, וואס וועלען עס באטראכטען פאר דער גרעסטער פארשוועכונג צו שטעמפּלען אלס סאָציאַ־ליסטיש אַן אָרדנונג, וואס האט די פרייהייט פארשפּאַרט און די גלייכהייט

ניט אנערקענט. עס וועלען אויפשטעהן פירער, וואס וועלען בשום אופן ניט דערלויבען אין דעם נאמען פון אן אידעאל, וואס האט אזוי פיעל פייער־לאך פון גלויבען אנגעצונדען אין די מענשליכע נשמות, וואס האט אזוי פיעל האפענונגען געוועקט אין די געמיטער פון די מענשען, די אומגלייכהייט גוט צוהייסען, און די פרייהייט צו פארבויגען. עס וועלען קומען פירער, וואס וועלען האלטען צו הייליג אן אידעאל, וואס האט זיך געשטעלט געגען אונ־טערדריקונג און עקספלואטאציע, אז מען זאל אין זיין נאמען קאנען פרייהייט אונטערדריקען און גלייכהייט אין א זייט פאררוקען.

כל זמן אבער, דער מארקסיזם, מיט זיין עקאנאמישער דעטערמינאציע און זיין באגריף פון מאטעריאליזם אין דער געשיכטע, וועט באהערשען די מוחות און די נשמות פון די, וואס שטרעבען צו א סאציאלען איבערקער, כל זמן מען וועט זיך רעכענען מער דערמיט, וואס דער גערדאנק קאן דערגרייכען, איידער דערמיט, וואס די נשמה קאן דערגרונטעווען, כל זמן מען וועט קאנ־צענטרירען די אויפמערקזאמקייט אויף די באקוועמליכקייטען פון דעם גוף, מער איידער אויף דער קולטור, וועט אין יעדען לאנד מוזען געשעהן נאך דער רעוואלוציע דאס, וואס האט געשעהן אין רוסלאנד, דאס וואס א סך רעוואלוציאנערען און ראדיקאלען פון דעם ניט מארקסיסטישען חדר האבען פאראויסגעזעהען און פאראויסגעזאגט אז עס וועט געשעהן, אויב די רעווא־לוציע וועט געפירט ווערען פון שטרענגע מארקסיסטען.

נאך גאר אין אנהויב פון דעם באלשעוויסטישען רעזשים, באלד נאך ווי ראסעל האט מיט זיינע סאציאליסטישע, אבער ניט מארקסיסטישע, אויגען א בליק געטון אויף אים, האט ער געזאגט: „איך גלויב, אז דאס איז וואס וועט וואַרשיינליך פאסירען אין רוסלאנד: עס וועט עטאבלירט ווערען אן אריסטא־קראטישע ביוראקראטיע, וואס וועט קאנצענטרירען אויטאריטעט אין אירע אייגענע הענט און וועט באשאפען א רעזשים א מער דריקענדען און א מער אכזריות'דיגען ווי דער רעזשים פון קאפיטאליזם. די מארקסיסטען האבען קיינמאל ניט גענוג אנערקענט, אז די ליבע צו מאכט איז אקוראט אזא שטארקער מאטיוו און אקוראט אזא גרויסער קוואל פון אומגערעכטיגקייט ווי די ליבע צו געלט.

„...מאכט איז זיס, און בלויז איניקע מענטשן זאָגן זיך אָפּ פריוויליק פון איר... עס איז כמעט אומפארמיידליך, אַז מענטשן, וואָס ווערן אוועקגעשטעלט אין דער לאגע, מיט וועלכער די באָלשעוויקעס זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרען, און וואָס, ווי זיי באהויפּטען, מוזען זיך אין איר די קאָמוניסטען גופא אוועקשטעלען, וואו נאָר די סאָציאלע רעוואָלוציע איז ערפאָלגרייך, אַז זיי וועלען גאָר קיין חשק ניט האָבען זיך אָפּצוזאָגען פון דעם מאָנאָפּאָל איבער דער מאכט און וועלען געפינען אורזאכען אויף צו בלייבען ביי איר ביז א נייע רעוואָלוציע וועט זיי ארונטערוואַרפען. וועט עס ניט זיין פאטאל גרינג פאר זיי, אָהן א וועלכען עס איז בייט פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור, ארויסצוגעבען א דעקרעט וועגען הויכע שכירות פאר הויכע רעגיערונגס באַאמטע און אויף אַזאַ אופן אריינפירען אומגלייכהייטען פון פארמעגען? וואָס פאר א מאָטיוו וועלען זיי האָבען דאָס ניט צו טון? וואָס פאר א מאָטיוו איז מעגליך אחוץ אידעאַליזם, ליבע פאר דער מענשהייט, אומעקאָנאָמישע מאָטיוועו פון דעם מין, וואָס די באָלשעוויקעס מאכען זיי צו גאָרנישט".

וואָס ראַסעל האָט פאָראויסגעזאָגט איז מקוים געוואָרען שנעלער נאָך אפשר ווי ער אליין און אנדערע האָבען עס ערוואַרטעט.

אנדערש זיין האָט עס ניט געקאָנט.

קוים נאָר עקזיסטירט אין דער געזעלשאפט אן אויסגערעכענטע באַלוינונג פאר ארבייט, וואָס ווערט געטון פון מענשליכע הענט און מענשליכען מארך, קוים נאָר ווערט מענשליכע ענערגיע געוועגען און געמאָסטען, און אירע אויסדרוקען אין פארשיידענע פאָרמען באקומען אנערקענונג דורך א העכערען און נידעריגען לוין, מוז שוין אומבאַדינגט די איינקלאסיגקייט פון דער געזעלשאפט געהען צו גרונד. קוים ווערט נאָר די געזעלשאפטליכע גלייכהייט אָנגערירט אויף א האָר, מוז זי, די דאָזיגע אומגלייכהייט, גלייך מיט זיך ברייננגען די פאנאנדערטיילונג פון דער געזעלשאפט אין קלאַסען, וואו איין קלאס אונטערדריקט און עקספּלואטירט, אויף אַזאַ אָדער אַנאַנדער אופן דעם אנדערען. מענשען, וואָס צוליב דער נויטווענדיגקייט אָדער חשוב'קייט פון זייער ארבייט ווערען אוועגקעשטעלט אין א בעסערער לאגע פאָליטיש אָדער סאָציאל פאר די אַנדערע, קאָנען זיך בשום אופן ניט באטראַכטען אינאיינעם מיט די אנדערע אלס מיטגליעדער פון איין קלאס, און אן אומ'רחמנות'דיגער קלאסען אנטאַגאָניזם מוז אויף אן אומפאר־

מיידליכען אופן אנטשטעהן. די מענשען, וואס וועגען און מעסטען, שאצען און טיילען צו, מוזען זיך אויף א מאמענט דערפילען אלס בעלי־בתים אדער הערשער איבער די, צו וועמען די חלקים ווערען אפגעוועגען און אפגע־מאסטען, איבער די, וועמענס ארבייט עס ווערט געשאצט, און וועמען דער לוין ווערט צוגעטיילט. די דאזיגע בעלי־בתים מוזען תכף דערשפירען די זיסקייט פון צו זיין דאס אויבערשטע פון שטויסעל, און עס נעמט ניט לאנג ביז זיי הויבען אן צו טאן אלץ אין זייערע כחות אויף אנצוהאלטען די דאזיגע פריווילעגירטע פאזיציעס, און אויב זיי קאנען עס ניט דערגריי־כען און שעהנע און עהרליכע אופנים, וועלען זיי עס זיכער טאן, ווי עס איז אלע מאהל אהן אן אויסנאם געטאן געווארען, אויף אופנים, וואס זיינען מיאוס און עקעלהאפט.

צו מאכט געוואוינט מען זיך צו, און מאכט מאכט א מענשען אויס־מענש.

„איך קוק", שרייבט אלגין „אויף טראצקי'ן. מערקווירדיג, ווי גיך מען געוואוינט זיך צו מאכט. מיר שטעלט זיך פאר, אז טראצקי'ן רירען שוין ניט די אייזערנע באטאליאנען, אט דער ציטער, וואס געהט דורך די גראהע רייהען. זיין פנים איז קאלט, און עס קוקט אויס, אז די גאנצע צערעמאני איז ביי אים נאר א טייל פון דער טעגליכער ארבייט, א פליכט, ניט קיין יום טוב."

ווי אויסגעצייכענט דאס שטימט צענויף מיט דעם ענטפער, וואס דער סאלדאט האט געגעבען טאלסטאי'ען.

טאלסטאי דערצעלט ערגעץ וואו, אז אין הויף פון א קלויסטער האט זיך א סאלדאט אכזריות'דיג נאכגעיאגט נאך אן אלטען בעטלער, וועלענדיג פאר־טרייבען אים פון הויף, וואו ער האט ניט געטארט שטעהן און בעטלען. טאלסטאי דערזעהענדיג עס, איז צוגעלאפען צום סאלדאט און האט אים א פרעג געטון: „האסטו גאר קיינמאל ניט געלעזען דעם טעסטאמענט? דער סאלדאט איז אויף א רגע שטעהן געבליבען אהן לשון, אוים גרויסער אפשיי פאר דעם אלטען טאלסטאי. ער איז אבער באלד צו זיך געקומען און האט גע־ענטפערט טאלסטאי'ען: „האסטו גאר קיינמאל דעם מיליטערישען קאדעקס ניט געלעזען?

דער מיליטערישער קאָדעקס, דער סאָלדאַטישער שינעל, די פּאָזיציע פון דעם בעאַמטען בייטען די פּסיכאָלאָגיע, בייטען די נייגונגען, די שטימונגען און די באַגריפען פון דעם מענשען גאַר צו א גרויסען גראַד. און מעגען זיי אַלע אָנהויבען מיט די בעסטע אבזיכטען אפילו, און מיט דעם הייליגסטען וואונש צו דינען די אינטערעסען פון די אָרימע און פאַרוואָגעלטע, מוזען זיי א דאַנק דעם, וואָס זיי ווערען אוועקגעשטעלט אין אַן אויסערוועהלטער לאַגע, אויף א פּסיכאָלאָגיש נויטוועדיגען אופן, אויסלאָזען דערמיט, וואָס זיי ווילען דינען זייער אייגענע אינטערעסען, און זיי ווילען שטרעבען צו פאַר־אייניגען זיך מיט די, וועמענס אינטערעסען עס פאַלען צענויף מיט זייערע אינטערעסען, דאָס הייסט מיט אַנדערע, וואָס האָבען אויך פּאָזיציעס, קאָדעק־סען און אוניפאָרמס. אויף אַזאַ אופן בילדעט זיך א קלאַס פון פּריווילעגירטע, א קלאַס פון הערשער און אונטערדריקער, און יעדער איינער פון זיי הויבט שוין אָן צו פילען, אַז ער דינט שוין ניט מער די אינטערעסען פון זיך אַליין, נאָר פון דעם גאַנצען כלל, און עס נעמט גאָר ניט לאַנג ביז זיי הויבען אָן צו אי־דענטיפיצירען די אינטערעסען פון דעם דאָזיגען קלאַס מיט די אינטערעסען פון דער גאַנצער געזעלשאַפט,און אין איהר נאָמען ווערען געמאַכט אַלע אַרויסטרעטונגען, און אין איהר נאָמען ווערען געטראָטען מיט די פיס אַלע מענשליכע רעכטע און אַלע אידעאַלען, וואָס אין זייער נאָמען איז די רע־וואָלוציע געמאַכט געוואָרען.

„עס איז אַ פּשוט'ער אונזין", זאָגט ראָסעל, „צו פּרעטענדירען, אַז די הערשער פון אַזאַ גרויסער אימפּעריע ווי סאָוויעט רוסלאַנד, ווען זיי ווילען זיך צוגעוואוינען צו מאַכט, ווילען אָנהאַלטען זייערע פּראָלעטאַרישע פּסי־כאָלאָגיע און ווילען פילען, אַז זייערע קלאַסען אינטערעסען זיינען די איי־גענע ווי די אינטערעסען פון די געוואוינליכע אַרבייטער. דאָס איז, אין דער אמת'ן, שוין ניט דער פאַל איצט אין רוסלאַנד, מעג דער אמת זיין ווי פאַר־באַהאַלטען דורך שעהנע פראַזען. די רעגיערונג האָט א קלאַסען באַוואוסט־זיין און א קלאַסען אינטערעס, וואָס איז גאַנץ פאַרשיידען פון דעם אינטע־רעס פון דעם עכטען פּראָלעטאַריער, וועלכער דאַרף ניט צענויפגעמישט ווערען מיט דעם פּאַפּירענעם פּראָלעטאַריער פון דעם מאַרקסיסטישען פּלאַן. אין א קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג האַלטען זיך די רעגירונג און די קאַפּיטאַ־ליסטען אינאיינעם און בילדען איין קלאַס. אין רוסלאַנד האָט די רעגיערונג איינגעזאַפּט אין זיך די קאַפּיטאַליסטישע אינטעלעקטואַליטעט אינאיינעם מיט דער גייסטיגער פעהיגקייט פון א רעגיערונג, און דער דאָזיגער צענויפגוס האָט

נעגעבען א פארגרעסערטע מאכט דעם העכערען קלאס. איך זעה אבער קיין שום אורזאך ניט, וואס זאל אונז מאכען דיינקען, אז פון אזא סיסטעם וועט ארויסקומען פרייהייט און גלייכהייט, אחוץ די אורזאכען, וואס נעמען זיך פון פאלשער פסיכאלאגיע און פון א שלעכט פארשטאנענעם אנאליז פון דעם מקור פון פאליטישער מאכט.״

און די פאלשסטע פסיכאלאגיע אין דעם מארקסיסטישען סיסטעם איז דאס, וואס ער רעכענט זיך בכלל ניט מיט פסיכאלאגיע. די גאנצע פסיכיק פון דעם מענשען ווערט פון אים באטראכט ניט אלס א זעלבסטשטענדיגער און אומאפהענגיג ווירקענדער פאקטאר, נאר אלס א שפּענדעלע אויף די גרויסע און מעכטיגע כוואליעס פון מאטעריעלע, פיזישע און עקאנאמישע וואסערען אין די ימים פון דער אוניווערס, נאטור און געזעלשאפט. דערפאר איז דאס לאגיש און קאנסעקווענט פון זיין זייט, ד. ה., לויט די פרעמיסען פון וועלכע עס געהט ארויס, צו דיינקען, אז דערמיט גופא, וואס עס וועלען איבערגעאנדערשט ווערען די עקאנאמישע פארהעלטניסען אין דער געזעלשאפט, וועט שוין א גרויסער טייל, אויב ניט די גאנצע אומגערעכטקייט אפּגעשאפט ווערען, און די גלייכהייט און פרייהייט, אויב זיי זיינען באמת נויטיג פאר דער געזעלשאפט, וועלען שוין פון זיך גופא איינגעפירט ווערען. דער שטאט, אויב ער איז באמת ניט נויטיג פאר דער געזעלשאפט און אויב מען קאן, ווען עס איז, זיך אהן אים באגעהן, וועט פון זיך אליין אפּשטארבען.

די רעוואלוציאנערען און אלע די, וואס ארבייטען פאר א נייער ארדנונג, דארפען דאריבער ניט דאגה'ן וועגען אזעלכע זאכען ווי גלייכהייט, פרייהייט און גערעכטיגקייט. זיי דארפען זיך ניט פארנעמען מיט די פראגען, צי דארף די פארם פון דער רעגירונג זיין אזא אדער אנאנדערע, צי דארף מען אפשר גאר קיין רעגירונג ניט. זיי, די סאציאלע איבערקערער, דארפען די גאנצע ענערגיע פארשווענדען אויף דעם, אז די מיטלען פון פראדוקציע זאלען ווערען דאס אייגענטום פון דער געזעלשאפט, און דער בעל הבית פון דער געזעלשאפט זאל ווערען דער ארבייטער. דאס איז דער היילינער ציל, וואס איז פון אייביג אן באשטימט געווארען פון דער געשיכטע, וואס ווערט אויף אלערליי מאטעריאליסטישע אופנים נעטריבען. בכדי דעם דאזיגען ציעל צו דערהנרייכען מעג מען די פרייהייט פארבויגען, וועגען דער גלייכהייט זיך ניט ווייסענדיג מאכען: ערשטענס דערפאר, ווייל זיי זיינען בלויז מיטלען

צום ציעל, און צווייטענס דערפאר, ווייל אבסאלוטע גלייכהייט און פרייהייט זיינען, סיי ווי, בלויז אויסגעטראכטע זאכען. די פרייהייט, אלזא, וואס איז אזוי נויטיג פאר דעם ארבייטער אין א בורזשואזער ארדנונג, מעג דער־פאר אין אן ארבייטער ארדנונג דוקא שפילען די קלענסטע ראלע, און דאס וואס איז א גוואלדיגע אומגערעכטיגקייט, ווען א קאפיטאליסטישער קלאס באנוהט עס, מעג גאר אלס א גרויסע גערעכטיגקייט באטראכט ווערען, ווען דער ארבייטער קלאס איז דער איניציאטאר פון דעם.

אנדערש איז אבער פאר די און מיט די, וואס זעהען אין דער מענשלי־כער פסיכיק גופא אן אומגעהויער שטארקען און, צו א גרויסען גראד, אומאפ־העגגיגען פאקטאר און קראפט, וואס ווירקט אויף די פארהעלטניסען פון מענשען פון דער געזעלשאפט. פאר זיי בלייבט אן אומגערעכטיגקייט אויף אלע מאל אן אומגערעכטיגקייט, מעג זי באגאנגען ווערען אפילו פון דעם אוואנגארד פון דעם ארבייטער קלאס. יעדע אומגערעכטיגקייט איז א פגימה אויף דער מענשליכער קולטור, און וואו די קולטור ליידט, דארט קאן קיין גליק ניט זיין, און צו רעדען דארט וועגען פראגרעס איז אן אבסורד.

נאך מיט דריטהאלבען טויזענד יאר צוריק האבען מענשען שוין גע־טראכט וועגען דער אומגערעכטיגקייט, וואס מוז באגאנגען ווערען פון מענ־שען, וועלכע ווערען באשטימט אלס רעגיערער, צו די וואס ווערען אוועק־געשטעלט, אדער שטעלען זיך אליין, אזוי צו זאגען, אין דער לאגע פון רע־גירטע. שוין אין „פלאטא'ס רעפובליק" לייענען מיר דעם פאלגענדען מערק־ווירדיגען זאץ: „די פארשיידענע פארמען פון רעגירונגען מאכען געזעצען דע־מאקראטישע, אריסטאקראטישע, טיראנישע, אלע אין זינען האבענדיג זייערע אייגענע אינטערעסען, און די דאזיגע געזעצען, וואס ווערען געמאכט פון זיי פאר זייערע אייגענע אינטערעסען, זיינען דאס די גערעכטיגקייט, וואס זיי שטעלען צו צו זייער אייגענע אונטערטאנען, און זיי באשטראפען דעם יעני־גען, וואס איבערטרעט זיי, אלץ א געזעץ ברעכער, און דאס איז, וואס איך מיין, ווען איך זאג, אז אין אלע רעגירונגען איז פאראן דער זעלבער פרינציפ פון גערעכטיגקייט, און דאס איז דער אינטערעס פון דער רעגירונג."

אין דעם דאזיגען זאץ פון פלאטא'ס „רעפובליק" האב איך מיך דערמאנט, ווען איך האב געלייענט אלגינ'ס ארטיקעל, אין וועלכען ער גיט איבער כמעט ווערטערליך א געשפרעך, וואס ער האט געהאט מיט אן אינטעליגענטען

ארבייטער אין רוסלאנד. דאָס זעהט אויס צו זיין אַן ארבייטער, וואָס האָט פלאַטאָ'ס „רעפּובליק" ניט געלייענט, נאָר איינקוקענדיג זיך מיט ליכטיגע אויגען אויף דער ארבייט פון דער רויטער ארמעע, אויף דער ארבייט פון דער קאָמוניסטישער רעגיערונגס אדמיניסטראציע, קומט ער צום לעצטען געדאַנק, וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרען אין דער רעפּובליק מיט איבער צוויי טויזענד יאָר צוריק.

דער פּויער און ארבייטער, וואָס טרעט אריין אין דער רויטער ארמעע, אָדער וואָס נעמט אָן אַן אַמט אין דער סאָוויעטען רעגיערונג קאָן שוין ניט מער, לויט דער מיינונג פון דעם דאָזיגען אינטעליגענטען ארבייטער, אין זינען האָבען און דינען די אינטערעסען פון די ארבייטער און פּויערים, ווייל דערמיט גופא, וואָס ער איז געוואָרען אַ רויטער סאָלדאט און אַ רעגיערונגס בעאַמטער, איז ער געוואָרען אַ מיטגליעד פון אַנאַנדער קלאַס.

דערבּיי דאַרף מען אין זינען האָבען, אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען אַ רעגיערונג און אַן ארמעע, וואָס האָט זיך, אַזוי צו זאָגען, נאָר וואָס אויסגעפּיקעט פון דעם איי, אַן ארמעע און אַ רעגיערונג, וואָס האָט מיט אייגענע אויגען נאָך געזעהן דאָס בלוט, וואָס צענדליגע טויזענדער קדושים האָבען פאַרגאָסען פאר דער פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט און וואָס אין זייערע אויערען קלינגען נאָך די אויסגעשרייען: „לעבען זאָל די פרייהייט"! פון די, וואָס זיינען אויף אייביג שטום געוואָרען... און זיי געדענקען נאָך גאַנץ גוט, אַז די דאָזיגע אויסגעשרייען זיינען געמאַכט געוואָרען אָהן וועלכע עס איז אויסטייטשונגען, אָהן וועלכען עס איז קאָמענטאַרען. עס איז געווען אַ קאַמף ניט פאר ארבייטער פרייהייט, נאָר טאַקע פאר סתם מענשליכער פרייהייט, פאר אַ פרייהייט, וואָס שטעהט העכער פאר אַלע עקאָנאָמישע אינטערעסען אין דער וועלט, ווייל אָהן איר איז דער מענשליכער לעבען, מעגען די עקאָנאָמישע צושטאַנדען זיין די בעסטע, גאָר ניט ווערט אין דעם זין פון מענשליכקייט.

היינט וואָס וועט שוין זיין, ווען די אויגען פון די, וואָס שטעהען איצט ביים רודער, וועלען אויסגעלאָשען ווערען, און אַ נייער דור וועט אויפשטעהן, וואָס זיין נשמה וועט ניט דורכגענומען ווערען מיט דעם ציטער, וואָס נאָר די פרישקייט פון דער רעוואָלוציע קאָן ארויסרופען? ווי שטאַרק און טריי וועט די ארבייטער רעגיערונג און ארבייטער ארמעע דינען זייערע אייגענע

אינטערעסען, ווען דאס בלוט פון דעם קאמף פאר פרייהייט און גלייכהייט, פאר גערעכטיגקייט און ברידערליכקייט וועט שוין זיין פארגליווערט און פארטריקענט? און אויב דער קאמף צווישען די צוויי קלאסען בורזשואזען און ארבייטער, ווען ער איז אן ערפאלג, פירט דערצו, אז אנשטאט אן ארבייטער און בורזשואזען קלאס, זאלען ווערען ווידער צוויי קלאסען, א הערשענדער און א באהערשטער, אדער א פריוועליגירטער און ניט פריוועליגירטער, אדער אונטער וואסער א נאמען זיי זאלען דארט ניט געהן, מיינט עס, אז אויף די חורבות פון דער בורזשואזער ארדנונג וועט אויפשטעהען אן ארדנונג, וואס וועט זיין אנדערש אין פארם, אבער דיזעלבע אין אינהאלט. עס מיינט, אז די אונטערדריקונג, די אומגערעכטיגקייט, די פאלשקייט און פארדארבענקייט, וואס שרייט ארוים איצט פון יעדען אבר פון דעם געזעלשאפטליכען קערפער, וועלען אריבער געטראגען ווערען, ווי זיי שטעהען און געהן, פון דער בורזשואזער ארדנונג אין דער ארדנונג, אין וועלכער דער ארבייטער וועט זיין דער גאנצער דעה זאגער.

כל זמן מען בעטראכט דעם קלאסען קאמף בלויז אלס א פועל יוצא פון די עקאנאמישע פערהעלטניסען און אלס דורכאוים אפהענגיג פון די פראדוקציאנס מיטלען און פון דער מעגליכקייט איינעם דעם אנדערען צו עקספלואטירען, מוז מען אויף דעם גאנצען קאמף צווישען די איצטיגע קלאסען קוקען ווי אויף א קאמף, וואס צילט בלויז דערצו, אז די מיטלען פון פראדוקציאן זאלען איבערגענומען ווערען פון דער געזעלשאפט, און דערמיט זאל ניט מעגליך זיין מער דאס רייך ווערען פון איין קלאס, וואס באזיצט יא די פראדוקציאנס מיטלען, דורך דעם אנדערען קלאס, וואס באזיצט זיי ניט. און אין דעם דאזיגען קאמף מוזען פון אויג ארויסגעלאזען ווערען די גייסטיגע און נשמה'דיגע באציהונגען צווישען די מיטגליעדער, וואס שטעלען צענויף די, פון בלויז ארבייטער באשטעהענדע, געזעלשאפט, און וואס געפינען זייער אויסדרוק אין די אידעאלען וועלכע גיבען א זין דעם מענשליכען לעבען.

עס איז אויך נאטירליך, אז ווער עס איז דורכגעדרונגען מיט דער אבסאלוטער זיכערהייט, אז אזוי איז דער גאנג פון דער געשיכטע, אז קיין אנדערער איז ניטא און קאן ניט זיין, זאל נאכדעם אפילו, ווי ער זעהט מיט זיינע אייגענע אויגען ווי שלעכט עס ארבייט די נייע ארדנונג, ווי גרוים עס איז די אונצופרידענהייט מיט איר, און ווי אומגליקליך דער מענש פיהלט זיך אונטער איר, זאל ווארפען די שולד אויף אויסערליכע און צייטווייליגע אומשטאנ־

דען, אויף די פערזאָנען, וואָס שטעהען גראָד איצט ביים רודער, אויף דער פאַלשער טאַקטיק דאָ און דאָרט, און ער זאָל זיך בשום אופן ניט כאַפּען, בשום אופן אויף קיין איין מאָמענט ניט אַ טראַכט טאָן, אַז אפשר איז שולדיג אין דעם דער פאַלשער בליק אויף דעם גאַנג פון די מענשליכע געשעהענישען, דער פאַלשער בליק אויף די ספּרוזשינעס, וואָס באַוועגען די מענשליכע נשמות, אויף די קרעפטען, וואָס ווירקען און באַאיינפלוסען די מענשליכע באַציהונגען פון איינעם צו דעם אַנדערען און שאַפען די מענשליך געזעלשאַפטליכע שייכות'ן.

אין אַנדרעיעוו'ס בוך „דעם שטן'ס טאָג בוך" קומען צו דעם שטן, וועלכער איז געוואָרען מענשליך און האָט אָנגענומען די געשטאַלט פון אַן אַמעריקאַנעם ביליאָנער — הערר הענרי וואַנדערגוד — אַ סך איינפלוסרייכע און מאַכט־האָבענדע פערזאָנען, און צווישען זיי אויך אַ געוועזענער קעניג. און דער קעניג זאָגט צום הערר וואַנדערגוד:

„פאַרשטעהסט: די דאָזיגע שוטים האָבען געדריינקט, אַז איך בין געוועזען פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַלע זייערע אומגליקען. איז דאָס ניט געוועזען נאַריש, הערר וואַנדערגוד? און איצט איז זיי ערגער ווי עס איז זיי ווען עס איז געוועזען. און זיי שרייבען: קום צוריק אום גאָטעס ווילען, מיר געהען פאַרלאָרען".

„איך האָב", זאָגט דער שטן, „געקוקט אויף דעם קעניג. עס איז געוועזען אַזוי קלאָר צו אים, אַז די מענשען קאָנען ניט עקזיסטירען אָהן אים, אַז אַלע באַשטעטיגונגען וועגען דעם, האָבען אויסגעזעהן צו זיין איבעריג. און איך האָב געפיהלט אַזוי מאָדנע. פון וואַנען נעמט דער דאָזיגער מיזעראַבלער מענש אַזוי פיעל גליקליכען צוטרוי? עס איז ניט געוועזען קיין ברעקעל ספק, אַז דער דאָזיגער פויגעל, וואָס איז ניט ביכולת צו קריגען קיין ברעקעלע שפּייז פאַר זיך אַליין, גלויבט ערנסט אין די ספּעציעלע קוואַליטעטען פון זיין פערזאָן, וועלכע קאָן מזכה זיין אַ גאַנץ פאָלק מיט וואונדערליכע וואוילטאַטען".

און דער קעניג האַלט אין איין טענה'ן, אַז די רעוואָלוציע איז געוועזען אַ מיספאַרשטענדניס, „די צייטונגען רופען עס אַ רעוואָלוציע. אָבער גלויבט מיר, איך קאָן מיין פאָלק, עס איז פשוט אַ מיספאַרשטענדניס. ווי קאָנען זיי אויסקומען אָהן אַ קעניג? עס וואָלט דאָך יעמאָלט גאָר קיין קעניגען איני־

גאנצען ניט געווען. דו פארשטעהסט? וואס פאר אומזין. זיי רעדען דאך איצט אויך וועגען דעם, אז עס איז אפילו קיין גאט ניטא. ניין, מיר מוזען א קאפעלע אונטערשיסען, א קאפעלע אונטערשיסען!"

דער קעניג איז אזוי שטארק ארייגעכאפט געווארען צווישען די שרויפען און צייגער פון דער אויטאקראטישער רעגיערונגס מא־שין, אז זיין גאנצער דיינקונגס־אפאראט איז צעריבען געווארען, און עס איז מער ניט געבליבען קיין כח א טראכט צו טאן: און אפשר איז פאראן אנאנדער וועג, וואס זאל פירען צו דעם גליק און גליקזעליגקייט פון דער מענשהייט. צו וואס זיך מאטערען און טראכ־טען, ווען עס איז פאראן אן אויבענאויפיגער ענטפער, וואס ליגט זיך אהן שוועריגקייטען אויף דעם גלאטען שכל פון דעם מעכאניזירטען טייל פון דער מענשהייט? דער ענטפער איז א קורצער און א שארפער: אנדערש איז אומ־מעגליך. מיט דער זעלבער הארציגקייט ווי דער קעניג גלויבט אין דער אומ־מעגליכקייט פאר א פאלק בפרט און פאר דער מענשהייט בכלל, צו זיין אהן א קעניג, גלויבען די סאציאליסטען אין דער אוממעגליכקייט פון צו לאזען אהן א קאנטראל דאס ווארט און די שריפט, אדער אין דער אוממעגליכקייט פון אפצושאפען אלע עקאנאמישע גרעניצען, אלע גראדען פון פריווילעגיעס. צו זיי זעהט אויס די פרייהייט און גלייכהייט פונקט אזא אוממעגליכקייט ווי צו דעם געוועזענעם קעניג די דעמאקראטיע.

דער באגריף פון אוממעגליכקייט איז בכלל איינער פון די געפערליכ־סטע באגריפען וואס באציהט זיך אויף די שייכות'ן צווישען מענש און מענש. אלץ וואס דער מענש איז ניט צוגעוואוינט צו טאן, אדער אלץ וואס ער גלויבט, א דאנק זיין דערציהונג אדער טראדיציע, אדער א דאנק דעם איינפלוס וואס דער גייסט פון דער צייט האט אויף אים געהאט, אז עס דארף ניט געטאן ווערען, וועט ער אוועקשטעלען אין דער קאטעגאריע פון אוממעגליכקייטען.

גלויבט א מאן, אז די בייטש דארף און מעג באנוצט ווערען אויף צו מאכען דאס ווייב פאר א לייט, וועט ער באשטעהן מיט זיין גאנצער ארגו־מענטאטיווער קראפט, אז אנדערש קאן עס ניט זיין. נעמט אוועק די בייטש און איר שטעלט אין געפאר די שייכות'ן פון מאן צו ווייב. האבען עלטערען געגלויבט און גלויבען נאך איצט, אז קינדער קאנען ניט אויסוואקסען קיין מענשען, ווען מען הויבט ניט קיין רוט איבער זייערע „זייט מיר מוחל'ס",

איז בּאַ זיי די דערציהונג פון קינדער אָהן פּעטש און שמיץ אַ זאַך פון דער אוממעגליכקייט.

האָבּען לערער און לערערינס געגלויבּט, אַז דיסציפּלין איז אַ טייל פון דער בּילדונג, און זי קאָן ניט אײַנגעפּירט ווערען אָהן דער ווירע און דעם קאַנטשיק, האָבּען פאַר אַ לאַנגער צייט אַלע די, וואָס גיבּען זיך אָפּ מיט בּיל־דונג און דערציהונג, געהאַלטען, אַז עס איז אוממעגליך, אַז די שול זאָל אויס־קומען אָהן פיזישער גוואַלט.

דער בּאַגריף פון אומבּאַגרעניצטע מעגליכקייטען און אומדערוואַרטעטע און אומפאָראויסגעזאָגטע ערשיינונגען און פּאַסירונגען אין די ספערען פון לעבּען און גייסט האָט נאָך קיין מאָל ניט דערגרייכט אַזאַ הויכען און אינ־טענסיווען גראַד, ווי אין דעם אינטואיטיווען אידעאַליזם פון האַנרי בּערגסאָן, וועלכער האָט אידענטיפיצירט לעבּען און גייסט מיט דער אומבּאַגרעניצטער שאַפונגס מעגליכקייט, און וועמענס אַנטוויקלונג און פּראָגרעס בּאַדייט בּלויז איין זאַך, און דאָס איז אַלץ גרעסערע זיגען פון דעם גייסט איבּער דער מאַ־טעריע, אַלץ אַ גרעסערע און גרעסערע בּאַפרייאונג פון די נויטווענדיגקייטען און אייזערנע אוממעגליכקייטען, וואָס די מאַטעריע לייגט אַרויף אויף דעם גייסט.

אַזאַ בּאַגריף אָבּער, האָט ניט געקאָנט האָבּען דעם מינדסטען אײַנפלוס אויף דעם געדאַנקען גאַנג פון די סאָציאַליסטען, וועלכע האַלטען זיך שטאַל און אייזען אין דעם מאַטעריאַליזם, וועלכער איז שוין לאַנג פאַר־שוואונדען פון דער אויבּערפלאַך פון דעם קולטור קוגעל. זיי מוזען נאָך אַלץ בּויגען די מענשליכע שייכות'ן אַזוי, אַז זיי זאָלען זיך אַריינפּאַסען אין די מאַטעריעלע און עקאָנאָמישע פּאַרהעלטניסען. זיי שניידען נאָך אַלץ די פיס, בּכדי צוצופּאַסען דעם מענשען צום בּעט, אַנשטאָט זיך אָנצושטרענגען מיט אַלע כחות אויף צו קריגען אַ בּעט, וואָס זאָל זיין גרויס גענוג פאַר דעם מענ־שען, אַזוי אַז מען זאָל איהם ניט דאַרפען קריפּלען און קאַליעטשען.

אויף אַלע פראַגען וועגען פרייהייט און גלייכהייט, אויף אַלע פראַגען וועגען מענשליכער שטאַלץ און ווירדע ענטפערען זיי היינט מיט דער זעל־בּער לייכטזיניגקייט, וואָס זיי האָבּען אַלע מאָל געענטפערט: עס וואָלט אודאי ניט געווען זיך צו רעכענען מיט די דאָזיגע אַלע גוטע זאַכען, עס איז אָבּער ניט מעגליך: די עקאָנאָמישע מאַשין האָט געגעבּען איר קאַטעגאָרישען נייז

דערצו. און מיט דעם געוועזענעם קעניג גלויבען זיי, און וועלען אלע מאָל גלויבען, כל זמן זיי וועלען בלייבען מאַטעריאַליסטען, אז מען מוז א קאפּעלע אונטערשיסען אום צו ראַטעווען דאָס פאָלק, און א היבש ביסעל, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען ראַטעווען די גאַנצע מענשהייט...

עס איז אויך נאַטירליך, אז די מאַטעריאַליסטישע וועלט אַנשויאונג זאָל האָבען געווען דערפירט דעם באַגריף פון אוממעגליכקייט ביז צום העכסטען גראַד. דען די מאַטעריע מיט אַלע אירע אייזערנע געזעצען צווינגען דאָך גלייך אַרויף אויף אונז דעם איינדרוק פון באַגרעניצקייט, באַשטימטקייט און נויטווענדיגקייט, און שטעלען אוועק „די זיך אַליין דרעהענדיגע שווערד" בא די טויערען פון לאַנד, וואו די אוממעגליכקייט ווערט מעגליך.

און מהאי טעמא, אפשר האָבען די גרויסע פילאָזאָפען און קינסטלער קיין מאָל ניט געקאָנט זיך אונטערשרייבען אונטער דער מאַטעריאַליסטישער וועלט אַנשויאונג, דען זיי האָבען געמוזט פיהלען, אין די מאָמענטען פון זייער אינטענסיווער שאַפונג, א כח אין זיך, וואָס איז ניט באַגרעניצט, און וואָס קאָן, בשום אופן ניט, אונטערוואָרפען ווערען צו באַשטימטקייט און נויטווענדיגקייט, וועלכע ליגען פאַרבאָרגען אין א וועלט, וואָס איר תוך און תמצית איז שטאָף וועלכער אָטעמט ניט, און קראַפט, וועלכע דיינקט ניט און פיהלט ניט, און האָט ניט קיין ווילען, און ממילא קיין ציעלען און צוועקען—קורץ, אין א וועלט, וואָס ווייסט ניט פון זין און ווערט.

אַלגין דערציילט אונז, אז אין רוסלאַנד האָט מען איינגעפירט, אז די אייזענבאַן אַרבייטער און מעטאַל אַרבייטער זאָלען קריגען מער און בעסערע שפּייז. פאַר וואָס? ווייל זיי זיינען אָם וויכטיגסטען פאַר דער מלוכה. באַאמטע זיינען וויכטיגער פאַר אלע, ווייל אָהן זיי קאָן זיך ניט רירען דער מעכאַניזם פון פאַרוואַלטונג. איז נאַטירליך, אז באַאמטע זאָלען באַקומען א ביסעל מער איידער דער געוואוינלאַכער בירגער. עס איז, זאָגט אונז אַלגין, א טרויעריגע זאַך, אָבער וואָס קאָן מען טאָן, עס איז אַן אומנאָרמאַלע לאַגע, און מען קאָן ניט איינהאַלטען קיין גלייכהייט. עס איז אוממעגליך.

דער זעלבער אַלגין און מיט אים צענדליגע טויזענדע אַנדערע, וועלען ניט א טראַכט טאָן, אז ווי גוט דער מעכאַניזם פון דער מלוכה זאָל ניט אַרבייטען, וועט זי צענויפברעכען אויב זי באַקומט איר ווירקזאַמקייט אויף דעם חשבון פון דער אומצופרידענהייט פון דעם גרעסטען, אָדער באַדייטסטען

גרויסען טייל, פון דער באפעלקערונג. אזא אומצופרידענהייט קאן ניט גע־שטילט ווערען, כל זמן עס הערשט די אומגערעכטיגקייט פון דער סאָציא־לער און עקאָנאָמישער אומגלייכהייט און פון דער פּאָליטישער אונטערדריקונג, וואָס האָט אַלע מאָל שטאנדהאפטיג און טריי באגלייט די סאָציאַלע אומגלייכהייט.

ער און די אנדערע פון דעם מארקסיסטישען חדר ווילען ניט איינזעהן, אז די ווירקזאמסטע און ארבייטזאמסטע רעגיערונגס מעכאניזמען זיינען, א סברא, גאָר געווען די דעספּאָטישע, ווי די רעזשימען פון די צארען און קסרים. זיכער איז עס, אז דעמאָקראטישע רעגיערונגען צייכענען זיך ניט אויס מיט פאָרטרעפליכקייט פון זייערע אדמיניסטראציעס, און פון דעסטוועגען וועט קיינעם ניט, פון דעם פראָגרעסיווען טייל פון דער מענשהייט, איינפאלען א טראכט צו טאָן אפילו וועגען א בייט פון בורזשואזען דעמאָקראטיזם אויף אן אריסטאָקראטישען דעספּאָטיזם. מחמת אינסטינקטיוו שטעלט יעדער מענש — דערהויפּט דער, וואָס האָט נאָך ניט געהאט די געלעגענהייט אוועק־געשטעלט צו ווערען אונטער דער שליטה פון ציוויליזאציע — די גייסטיגע רירעוודיגקייט העכער איבער דער גייסטיגער איינגעשרופּענקייט, מעג די לעצטע האָבען אויף איר חשבון צוגעשריבען פון דער סטאטיסטיק און פון דעם שכל הישר וויפיעל נאָר נוצען איינעמ׳ס פאנטאזיע קאָן זיך אויסמאָלען. דער ניט איבערגעשפיצטער מענש, און גאנץ אָפט דוקא ער, ווייסט, אז די נוצען פון א זאך קאָנען ניט אויסשעפּען די גאנצע ווערט פון א זאך, און אז די ווערט פון א זאך קאָן ניט אַלע מאָל איבערגעזעצט ווערען אין די נוצען, וועלכע קאָנען אויף א מאטעמאטישען אופן אויסגערעכענט ווערען.

א מאמע, וואָס זיצט זיך ערגעץ וואו אין א פאר׳חושך׳ט ווינקעלע פון א קליין און אָרים הייזעלע און ווערט צעשמאָלצען און צעגאָסען פון נחת, וואָס א שמייכעל אויף די קליינע ליפּעלאך פון איר, פאר פיעלע גאָר ניט מיינענ־דיג, קינד פארשאפט איר, ווען מען זאָל זי א פרעג טאָן, וואָס פאר נוצען ברייננט איר דער דאָזיגער שמייכעל, וואָלט זי געענטפערט: דער שמייכעל, וואָס ברייננט ניט מיר און ניט קיין אנדער וועזען קיינע נוצען און קיינע גליקען, איז ווערט צו מיר אזוי פיעל און פארשאפט מיר אזא גליקזעליגקייט, אזא נחת רוח, וואָס קאָן ניט אָפּגעשאצט ווערען פון קיין איינעם א חוץ דעם, וועמענס געפילען קאָנען צענויפפאלען און צענויפשטימען מיט מיינע.

דאס זעלבע וואלט געענטפערט דער ליבענדער און געליבטער אויף דער פראגע וועגן די נוצען פון זייער ליבע.

און דער, וואס שטעלט זיך איין פאר דער פרייהייט און גלייכהייט, דער וואס איז גרייט זיין לעבען אוועקצוגעבען פאר א שענערער און בעסערער געזעלשאפטליכער ארדנונג, ווען מען זאל אים פלוצלונג און אומערווארטעט א פרעג טאן: פאר וואס גיסטו אוועק עפעס, וואס וועט קיינמאל צוריק ניט קומען, פאר דעם, וואס וועט קומען ערשט, ווען דו וועסט שוין מער צווישען די לעבעדיגע ניט זיין? וואלט ער ניט געקאנט געבען קיין בעסערען ענטפער, איידער דעם וואס קנוט האמסון'ס א העלד גיט אויף דער פראגע: „וואס איז ליבע?" פרעגט, זאגט ער, די שטערען אין הימעל און די חדשים אין יאר.

דער מענש איז אין דער אמת'ן נאר אויף אזוי פיעל מענש, אויף ווי־פיעל ער איז פעהיג פון צייט צו צייט טאן זאכען און באגעהן טאטען, וועלכע ברייגען אים קיין נוצען, וואס האבען אבער א ווערט, וואס קאן אפ־געשאצט ווערען נאר פון די יעניגע, פאר וועלכע דאס ווארט, אדער אויסדרוק „נשמה" איז פול מיט זין און באטייט, מיט ממשות'דיגקייט און ווירקליכקייט. ווער עס האט זיך אבער ניט פארטיפט אין דעם אפגרונד, וואס ליגט צווי־שען נוצען און ווערטען, דער וועט זיך ניט רעכענען מיט דער אומצופרידענ־הייט און דער אומגערעכטיגקייט, ווען עס האנדעלט זיך וועגען א פאלקא־מענער מעכאנאציע און אן ארבייטזאמער אדמיניסטראציע.

דער גלויביגער מארקסיסט וועט קיינמאל ניט באגרייפען, אז די אומגע־רעכטיגקייט איז שרייענד ניט נאר, ווען איין קלאס לעבט אויף דער אר־בייט פון דעם אנדערען קלאס, נאר אויך יעמאלט, ווען איין קלאס אין דער געזעלשאפט לעבט עקאנאמיש בעסער, פאליטיש פרייער און סאציאל העכער איידער דער אנדערער קלאס. די אנהענגער פון דעם עקאנאמישען דעטער־מיניזם וועלען זיך ניט נעמען די מיה א קלער צו טאן, אז די מיליאנען וואס דער בורזשוא קלייבט פון דער פראצע פון דעם ארבייטער, מיינען צו אים אזוי פיעל, ניט צוליעב דעם, וואס זיי מאכען מעגליך פאר אים צו פירען א לעבען פון לוקסוס, נאר צוליב דעם, וואס זיי מאכען אים צו פילען מעכ־טיגער, העכער און איינפלוסרייכער פאר דעם אנדערען.

„הגם אין דער לעצטער פאזע פון דער אנטוויקלונג", זאגט וועבלין —

דער אמעריקאנער גרויסער סאציאלאג, אין זיין בוך „דער ניט באשעפטיגטער קלאס" — „איז די ניצליכקייט פון זאכען פאר געברויך געווארען דער אויפ־דרינגליכסטער עלעמענט פון זייער ווערט, פונדעסטוועגען האט עשירות נאך פאר קיין פאל ניט פארלארען איר אוטאליטעט אלס א בכבוד'יגער צייכנים פון דער הערשענדער מאכט פון דעם, וואס באזיצט די עשירות. דער מא־טיוו, וואס ליגט ביים מקור פון אייגענטום, איז דער באשטרעב אריבער־צושטייגען".

אין דעם זעלבען זין רעדט אויך בערטראנד ראסעל.

„די גאנצע פאליטיק", זאגט ער, „איז באהערשט פון מענשליכע פאר־לאנגען. מענשען גלוסטען נאך מאכט, זיי ווילען צופרידענשטעלען זייער גאוה און זעלבסטאכטונג. דער באגער צו זיגען איבער זייערע ריוואלען איז אזוי טיעף, אז זיי וועלען אויסטראכטען די ריוואליטעט מיט דעם אומבאוואוסטען צוועק צו מאכען א זיעג.

און דאס, וואס ראסעל זאגט, לייגט זיך גאנץ גוט אויפ'ן שכל. ווייסען מיר דאך פון פאלען, וואו מיידלאך טראכטען אוים געליבטע און שרייבען אפט אפילו בריעף צו זיי, און שטעלען אויף אזא אופן מער אדער ווייניגער צופריעדען זייערע שטארקען באגער נאך ליבע. און ווער ווייס אויב דער באגער נאך מאכט איז ניט אזוי שטארק אויב נאך ניט שטארקער, ביי אייניגע מענשען אם וויינינגסטען, איידער דער באגער נאך ליבע.

אויב אלזא עס איז סאציאלאגיש און פסיכאלאגיש אמת, אז דער פער־לאנג און באגער נאך מאכט, כבוד און אנגעזעענקייט איז אונגעהויער שטארק אין דעם מענשען, און דאס יאגען זיך נאך געלד איז אזוי ווילד און משוגנה'דיג גרויס, ווייל עס איז דער צוגענגליכסטער מיטעל דערצו, מיינט עס דאך, אז ווען די מעגליכקייט צו האבען מיליאנען וועט איינ־גאנצען אפגעשאפט ווערען, וועט די מאכט און הערשאפט פון מענש איבער מענש פארבלייבען דער קוואל און ווארצעל פון אלע אונטערדריקונ־גען און אומגערעכטיגקייטען, אזוי לאנג ווי איין מענש אדער איין גרופע פון מענשען וועט ניט זיין עקאנאמיש, פאליטיש און סאציאל גלייך מיט די אנדערע מענשען אדער מיט דער אנדערער גרופע פון מענשען. וואלטען די מארקסיסטען דאס איינגעזעהן, וואלטען זיי דעם אפאראט פון דער

מלוכה ניט געשטעלט העכער פאר דער צופרידענהייט פון די, וואס אין זייע־רע אינטערעסען כלומרשט, באלעבאטעוועט די מלוכה.

דאס אלץ אבער איינצוזעהן מיינט צו שטעלען זיך אויף דעם שטאנד־פונקט פון קולטור אנשטאט ציוויליזאציע. עס מיינט צו באטראכטען דעם גאנצען קלאסען קאמף אין א נייעם ליכט, אין דעם ליכט ניט נאר פון פראָ־דוקציאנס מיטלען און עקאנאמישע פארהעלטניסען, נאר אויך אין דעם ליכט פון אלע גייסטיגע כחות, וואס באוועגען די אוניווערס און דעם מענשען אין איר; אין דעם ליכט פון די שייכות'ן פון מענש צו מענש, פון מענש צו דער נאטור, און אפשר צו עטוואס וואס איז נאך העכער...

4.

פיער הויפט טעסטען, דיינקט ראסעל, קאנען אנגעווענדעט ווערען אין דעם אורטייל איבער אן אינדוסטריעלען סיסטעם, סיי איבער דעם, אונטער וועלכען מיר לעבען איצט, סיי איבער דעם, וואס ווערט פארגעשלאגען פון די, וואס ווילען איבעראנדערשען די געזעלשאפט.

עס דארפען גענומען ווערען אין באטראכט די פיער פאלגענדע פראַ־גען:

1) פארזיכערט דער דאזיגער סיסטעם א מאקסימום פון פראדוקטיוויטעט?

2) פארזיכערט ער גערעכטיגקייט פון דער פאנאנדערטיילונג?

3) שאפט ער אן ערטרעגליכע עקזיסטענץ פאר די פראדוצירער?

4) גאראנטירט ער די גרעסטע מעגליכע פרייהייט און אנטרייב צו וויטאלי־טעט און פראגרעס?

פאר דעם מארקסיסטישען סאציאליזם אין דער טעאָריע, און פאר דעם באלשעוויזם אין דער פראקטיק, איז וויכטיג, ווי מיר האבען געזעהן, בלויז צוויי זאכען אין דעם סאציאלען סיסטעם, און דאס איז: די מאקסימום פון פראדוקציע און די ערטרעגליכע עקזיסטענץ פון די פראדוצירער. אין דעם בוך „דער אלף בית פון דעם קאמוניזם“ זאגען אונז די מחברים, באקאנטע רוסישע באלשעוויקעס — בוכארין און פרעאבראזשענסקי — אז די קאמו־ניסטישע פארם פון פראדוקציע וועט באטייטען אן אומגעהויער גרויסע אנט־

וויקלונג פון פּראָדוקטיווע כחות. דאָס מיינט, אַז אויף דעם חלק פון יעדען אַרבייטער פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וועט אויסקומען ווענִיגער אַרבייט איידער פריהער. דער אַרבייטס טאָג וועט זיך פאַרקירצען, און מענשען וועלען זיך באַפרייען אַלץ מער פון די קייטען, וואָס די נאַטור האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט.

דער מאַרקסיזם און באָלשעוויזם אָדער קאָמוניזם פאַרגעסען אָבער, און אפשר האָבען זיי דאָס גאָר קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז פון אַ קולטור שטאַנד־פּונקט, פון דעם שטאַנדפּונקט, וואָס רעכענט זיך מער מיט דער נשמה פון דעם מענשען איידער מיט זיין גוף, מיט זיין גייסטיגען נעמיט מער איידער מיט זיין עקאָנאָמישען צושטאַנד, — פון אַזאַ שטאַנדפּונקט זיינען די קייטען, וואָס די נאַטור לייגט אַרויף אויף דעם מענשען ניט אַזוי שווער ווי די קייטען, וואָס די געזעלשאַפט, אָדער אַ טייל פון איר לייגט אויף אים אַרויף. צרות רבים חצי נחמה איז אַ גרויסער, גרויסער אמת. און אויב די צרות פון פיעלע זיינען אַ האַלבע טרייסט, זיינען די צרות פון אַלע אַ גאַנצע טרייסט.

און אויב די רעליגיע האָט מיליאָנען מענשען געהאָלפען גרינגער אַרי־בער צו טראָגען זייערע ליידען און שמערצען, איז עס אויך געווען דערפאַר, וואָס דער גלויביגער האָט מיט זיין פולען באַוואוסטזיין און רוהיגען געווי־סען געקאָנט זאָגען: „גאָט וויל דאָס אַזוי, מסתמא דאַרף עס אַזוי זיין". אין דעם דאָזיגען גלויבען, אַז עס איז גאָטס האַנט, וואָס שטראָפט, און ניט די האַנט פון דעם מענשען וואָס איז זיך נוקם, האָט ער אַ גרויסע טרייסט און דערלייכטערונג געפונען.

קיין וואונדער ניט דעריבער, וואָס אַלע ביוראָקראַטישע רעגירונגען און פאָרשטעהער פון קאַפּיטאַליזם זיינען אַלע מאָל געווען זעהר באַזאָרגט וועגען דעם, אַז דער המון, דער גרעסטער עולם, וואָס דאַרף ליידען פון דער געזעלשאַפטליכער אומגלייכהייט און אומגערעכטיגקייט, זאָל זיין אַ גלויבי־גער. און אַזוי לאַנג ווי געזעלשאַפטליכע אומגלייכהייט וועט נים, מיט דעם וואָרצעל אויסגעריסען ווערען פון צווישען די מענשען, אַזוי לאַנג וועלען די, וואָס וועלען שטעהן אין דער שפּיץ פון דער געזעלשאַפט זאָרגען זעהר שטאַרק פאַר דעם, אַז די מאַסע זאָל גלויבען אויב ניט אין קיין גאָט, איז אין עפּעס אַנדערש, וואָס זיי וועלען דערקלערען אַלס הייליג. צו איין צייט וועט עס זיין די סאָציאַלע רעוואָלוציע, צו אַנאַנדער צייט דאָס נאַציאָנאַלע הייליג־

טום, צו א דריטער צייט די דיקטאטור פון דעם פראלעטאריאט, און גאר צו לעצט, דער שווער געוואונענער, דורך בלוט דערוואָרבענער סאָציאַלער רוה און פרידען. דאָס וועט געטאָן פון די געזעלשאפטליכע טוער, און זעהר אָפט אויף אַ גאנץ אומבאוואוסטען אופן, און נאָך אָפטער מיט די ערליכסטע און איידעלסטע אבזיכטען אין דער וועלט, בלויז כדי צו בארעכטיגען די אונ־טערדריקונגען און אומגערעכטיגקייטען, וועלכע מוזען באגאנגען ווערען אין אַ געזעלשאפט, וואָס בויט נ י ט איר אָרדנונג אויף די יסודות פון אבסאָ־לוטער פרייהייט און גלייכהייט — די צוויי העכסטע אויסדרוקען פון גע־רעכטיגקייט און מענשליכקייט.

מאָלענדיג פאר אונז די אָרימקייט, אונטער וועלכער די מענשען פון דער כאָוויעטען רעפובליק לעבען, דערציילט אונז אָלגין, אז „די זעלבע מענשען ליידען אַ סך ווייניגער דערפון, ווי דערפון וואָס אנדערע ערגעץ וואו אין דער רעפובליק האָבען יאָ.“

דאָס איז זעהר נאטירליך, און דערפאר זאָגען מיר, אז מעגען מענשען ארבייטען ווי ווייניג שטונדען אַ טאָג אונטער דער הויכער און אינטענסיווער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות, מעגען זיי האָבען ווי גענוג פאר דער צופרידענשטעלונג פון זייערע נויטיגע באדערפנישען, וועלען זיי זיך גליקליך און צופרידען ניט פילען, אויב נאָר אין דערזעלבער געזעלשאפט וועלען זיין מענשען, וואָס וועלען ארבייטען נאָך ווייניגער און נאָך גרינגער, און ביי אַן ארבייט, וואָס איז ניט אַזוי ריזיקאַליש, און אויב נאָר עס וועלען זיין אין דער געזעלשאפט מענשען, וואָס וועלען קאָנען מער און בעסער צו־פרידענשטעלען זייערע באדערפנישען, און אודאי און אודאי וועלען זיי ניט זיין צופרידען און גליקליך אויב עס וועלען זיין אין דער געזעלשאפט אַזעל־כע, וואָס וועלען האָבען די דעה און די מאכט, און אַזעלכע, וואָס וועלען עס ניט האָבען, און די וואָס וועלען האָבען די דעה און די מאכט וועלען, אויף אַ נויטוועגדיג לאָגישען און פּסיכאָלאָגישען אופן אויסנוצען זיי אויף צו אונ־טערדריקען די מיינונגען און איבערצייגונגען פון די, וואָס האָבען ניט די דעה און ניט די מאכט.

קיינער אחוץ די, וואָס וועלען זיין אין מאכט, וועלען זיך ניט טרייסטען מיט דעם טרייסט פון אָלגין'ען אז „דער קוימענקערער קען ווערען מאָרגען אַ בעאַמטער, און ער וועט דערפאר לעבען אין דער בעסטער דירה, און נעכ־טיגער בעאַמטער געהט אראָפּ אין קעלער.

דאָס קאָן פאַר אים ניט זיין מער קיין טרייסט ווי עס איז אַ טרייסט פאַר דעם שניי־שאַרער אין אַמעריקאַ, אַז קיינער שטערט אים ניט צו ווערען אַ ראָקעפעלער, ער דאַרף נאָר האָבען דערצו אביסעלע מער שכל און דערהויפּט מער מזל. דאָס איז פאַר אים, אויב ער זאָל נאָר אַ טראַכט טאָן וועגען דעם ענין, ניט קיין טרייסט, מחמת ער ווייסט אַז קאָנען קאָן ער אפשר ווערען אַ ראָקעפעלער, אָבער ווערען וועט ער ווארשיינליך ניט, און דער קוימען־קערער אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט וויסען, אַז קאָנען קאָן ער ווערען אַ בעאַמטער, דערצו איז בלויז נויטיג, אַז ער, אַנשטאַט יענעם, זאָל אויסדערוועהלט ווערען. צי וועט ער אָבער אויסדערוועלט ווערען, איז אַ פראַגע, און אויב ניט ווערענדיג קיין בעאַמטער, דאַרף ער זיצען אין קעלער און געהן צופוס, און דער בעאַמטער וועט זיצען אין אַ שעהנער דירה און פאָרען אין אַן אוטאָמאָביל, ווייל דאָס פאָדערט אזוי דער מלוכה אַפּאַראַט, וועט ער, אונזער קוימענקערער, הייסט עס, טאַקע ניט וועלען ליידען, און וועט עס לאַנג ניט וועלען דולדען, און וועט מיט זיין גאַנצער נשמה שפּירען, אַז דאָס איז ניט, ווי אַלגין דיינקט, אַ פראַגע פון אמט, נאָר טאַקע אַ פראַגע פון קלאַס. עס איז טאַקע אַ פראַגע פון קלאַסען געגענזאַץ און קלאַסען פּריווילעגיע, וואָס וועט מיט זיך ברייינגען דעם אַלטען קלאַסען אַנטאַגאָניזם.

פאַראַן, לויט אונזער מיינונג נאָך, און ווי מיר דענקען מוז דאָס זיין די מיינונג פון אַלע די, וואָס קוקען אויף דער וועלט געשעהענישען דורך די ברילען פון קולטור, נאָר איין און איינציגער וועג, ווי אזוי נאָך אַ סאָציאַלען איבערקער פּטור צו ווערען פון דעם קלאַסען אַנטאַגאָניזם. פאַראַן, ווי מיר דיינקען, נאָר איין און איינציגער וועג, ווי אזוי צו מאַכען די קומענדע רעוואָלוציע פאַר אַן אמת'ר סאָציאַלער רעוואָלוציע, און דאָס איז, אַז העכער איבער אַלץ, זאָל אוועקגעשטעלט ווערען דער לאָזונג פון פרייהייט און גלייכהייט. אין דער נייער אָרדענונג, נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, זאָל הויפּט געוויכט געלייגט ווערען ניט אויף דעם מאַקסימום פון דער פּראָדוקציע און ניט אויף דער ערטרעגליכער עקזיסטענץ פון די פּראָדוצירער, נאָר קודם כל אויף דער גערעכטיגקייט פון דער פאַנאַנדערטיילונג פון די פּראָדוקטען, וואָס דאָס מיינט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די גלייכע פאַנאַנדערטיילונג, און אויף דער אַבסאָלוטער פרייהייט פון אויסדרוק פון מיינונגען און איבערצייגונגען, וואָס אָהן איהר קאָן קיין געזעלשאַפט ניט לאַנג לעבען און פּראָגרעסירען.

דער קאמוניסטישער מאניפעסט זאגט אונז, אז דער חילוק צווישען א בורזשואזער געזעלשאפט און א קאמוניסטישער באשטעהט דארין, וואס אין דער בורזשואזער געזעלשאפט איז די לעבעדיגע ארבייט נאר א מיטעל אויף צו פארמערען די אנגעזאמעלטע ארבייט, אין דער קאמוניסטישער געזעל־שאפט איז זי נאר א מיטעל אויף צו פארברייטערען, רייכער און שענער צו מאכען די עקזיסטענץ פון די ארבייטער.

מיר קאנען זיך שוין אבער היינט צו טאג פארשטעלען, אז אין די אינטערעסען פון דער אנגעזאמעלטער ארבייט גופא, אין די אינטערעסען הייסט עס פון קאפיטאל אליין, זאל זיך עס לוינען דער בורזשואזער געזעל־שאפט, אזוי צו פארברייטערען, אזוי הויך און שעהן מאכען דעם ארט לעבען פון די ארבייטער, ווי וועלכע עס איז סאציאליסטישע געזעלשאפט וועט עס ווען עס איז קאנען באווייזען. פונדעסטוועגען, וועט די בורזשואזע געזעל־שאפט פון א קולטור שטאנדפונקט אלע מאל פארדאמט ווערען, ווייל דער קולטור געהט עס ניט אין דעם אויסערליכען פראכט און גלאנץ, אין דעם מער אדער ווייניגער פון באקוועמליכקייטען און לוקסוסען; איר געהט עס אין דער אינערליכער איבערלעבונג, אין דעם אינערליכען פילען פון גליקזעליגקייט אדער קללה'דיגקייט. אויף אזוי פיעל וויפיעל עס איז אמת, אז דער געזונטער גייסט נויטיגט זיך אין א געזונטען קערפער, אויף אזוי פיעל איז אויך די קולטור פאראינטערעסירט דערין, אז די געזעלשאפט זאל האבען גענוג ברויט מיט פוטער און קארטאפעל מיט שמאלץ פאר אירע מיטגלידער. די קולטור לאזט אבער אויך פון אויג ניט ארויס דעם פאקט, אז דער גוף פון א הער־קולעס איז דוקא ניט קיין גייסטיגער מעדיום, וואס דורך אים זעצט זיך דורך דער גייסט פון א שפינאזא אדער א קאנט, פון א געטהע אדער א טא־גאר. און דערפאר דארף דער גייסט גאנץ באזונדער צוגעזעהן ווערען, ער דארף ווי דער שווארץ־אפעל פון אויג אפגעהיט ווערען, כדי די ליכטיגקייט פון דער וועלט זאל ניט אויסגעלאשען ווערען... עס איז דאריבער זעהר נויטיג און דרינגענד, אז דאס ביסעל ברויט מיט פוטער און קארטאפעל מיט שמאלץ, וואס די געזעלשאפט פארמאגט, זאל גלייך פאנאנדערגעטיילט ווערען צווי־שען אירע מיטגלידער, ווייל אויב ניט, ליידט דערפון דער פרינציפ פון גע־רעכטיגקייט און, וואו אומגערעכטיגקייט איז פאראן, דארט מוז אויך זיין אונטערדריקונג, און בעת די גרעסטע ציוויליזאציע קאן געמאלט זיין אונטער אומגערעכטיגקייט און אונטערדריקונג, קאן אבער דארט קיין קולטור ניט גע־

מאַלט זיין. די קולטור איז ניט, ווי די ציוויליזאציע, בלויז אַ פּראָדוקט פון דעם אינטעלעקט. זי איז עפּעס אַזעלכעס, אין וואָס אַלע אויסגוסען און אַלע אויסדרוקען פון דער נשמה טרעפען זיך צונויף. קולטור אידענטיפי־צירט זיך מיט אַזעלכע אויסדרוקען פון גייסט ווי גערעכטיגקייט און פריי־הייט, מאָראַל און עסטעטיק, אמת און גוטסקייט — און מיט דער גוטסקייט אפשר מער איידער מיט אַלע איבעריגע אויסדרוקען.

דאָס גוטס אין דעם פּלאַטאָנישען זין איז די מהות און דער תוך פון דער קולטור.

פּלאַטאָ זאָגט: „דאָס וואָס פאַר'אמת'ט די דערקענטניס, און גיט די קראַפט צו וויסען צו דעם דענקער, דאָס איז, וואָס איך וואָלט גע־וואָלט, אַז דו זאָלסט אָנרופען די אידעע פון גוטס און דאָס זאָלסטו באַ־טראַכטען אַלס די אורזאַך פון וויסענשאַפט און אמת, אויף אַזוי ווייט ווי דער לעצטער ווערט דער געגענשטאַנד פון דער דערקענטניס. און איך וואָלט אויך געוואָלט, אַז צווישען זיי ביידע, אמת און דערקענטניס, זאָלסטו פונדעסטוועגען באַטראַכטען דאָס גוטס אַלס עפּעס, וואָס איז שעה־נער פאַר ביידע. און אַזוי ווי אין דעם פריהערדיגען ביישפּיעל האָט מען געקאָנט זאָגען, אַז דאָס „ליכט“ און דאָס „זעהן“ זיינען באמת ווי די זון, און דאָך זאָלען זיי ניט זיין די זון, אַזוי קאָן מען אויך אין דער דאָזיגער אַנדערער ספערע אָננעמען, אַז וויסענשאַפט און אמת זיינען ווי דאָס גוטס, אָבער ניט דאָס גוטס. דאָס גוטס האָט אַ בכבוד'דיגען אָרט ערגעץ וואו נאָך העכער.“

אויף וויפיל עס איז אין דעם משך פון די לעצטע עטליכע צענדליג יאָר געפאַלען די אַכטונג פון דעם מענשען פאַר דאָס גוטעס, וואָס קאָן אויך אין דעם רובריק אדער אין דער קאַטעגאָריע פון עטיק און מאָראַל אריינ־געהן, אויף אַזוי פיעל האָט אויך די גאַנצע מענשליכע קולטור געמאַכט אַ שריט ריקווערטס, און אויף אַזוי פיעל איז זי מער און מער באַהערשט און פאַרשלונגען געוואָרען פון דער ציוויליזאַציע, וואָס רעכענט זיך מיט אַ מציאה'דיגען האַנדעל מער איידער מיט אַ שעהנער האַנדלונג.

גאַנץ נייע קלאַנגען האָבען זיך דערהערט מיט דעם אָנקום פון דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט אין דעם אָרקעסטער פון דעם מענשליכען דיינ־קען, קלאַנגען, וואָס דערמאָנען אָן די פילאָזאָפען פּלאַטאָ, שפּינאָזאַ און קאַנט.

די פּאָעטען און פילאָזאָפען פון דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט שטעלען זיך איין פאר דער מאָראַל און פאר דער עטיק אלס א זעלבסטשטענדיגע און ווירקזאַמע קראַפט, וואָס קאָן ניט, ווי די מאַטעריאַליסטען האָבען געדיינקט, צו שטאָף קייקעלאך רעדוצירט ווערען, אָדער אין פיזישער און כעמישער ענערגיע פארוואַנדעלט ווערען.

„דער מענש", זאָגט מעטערלינק, „איז אין תוך און תמצית אויף אזא נויטווענדיגען אופן א מאָראַלישער וועזען, אז ווען ער לייקענט אפּ די עקזיסטענץ פון דער גאַנצער מאָראַל, ווערט די עצם אָפּלייקענונג גופא תכף ומיד דער פונדאמענט פון א נייער מאָראַל... די, וואָס פארזיכערען אונז, אז דער מאָראַל אידעאַל מוז פארשווינדען, מחמת די רעליגיאָנען פארשווינדען, זיינען זיך שטארק טועה. עס איז ניט געווען די רעליגיע, וואָס האָט געבילדעט דעם אידעאַל, נאָר עס איז דער אידעאַל, וואָס האָט געבאָרען די רעליגיאָנען, און איצט, ווען די לעצטע ווערען שוואך אָדער פארשווינדען, בלייבען זייערע קוואַלען איבער און זוכען אַנאַנדער קאַנאַל."

אין אוניסאָן מיט די ווערטער פון פּלאַטאָ און מעטערלינק קלינגען די ווערטער פון דעם גרויסען דיינקער — פּאָעט טאַגאָר: „ווי דאָס קינד אין זיין מוטערס־טראַכט קריגט זיין דערנעהרונג דורך דער פאראייניגונג פון זיין לעבען מיט דעם גרעסערען לעבען פון זיין מוטער, אזוי ווערט אונזער נשמה דערנערט בלויז דורך דעם גוטען, וואָס איז די אַנערקענונג פון איר אינווענינגסטער קרוב'שאפט, דער קאַנאַל וואָס בינדט זי צונויף מיט דער אומענדליכקייט, וואָס פון איר איז זי ארומגערינגעלט און געשפּייזט."

און אין זיין ארטיקעל וועגען רוסלאַנד „דער פּויער איוואַן אַנדראַנאָוו" דערציילט אונז אַלגין וועגען א דיסקוסיע וואָס האָט אָנגעהאַלטען א גאַנצע נאַכט צווישען אָט דעם פּויער אַנדראַנאָוו, וואָס קאָן כמעט זיין נאָמען ניט אונטערשרייבען, און „א באוואוסטען אויף זיך זעלבסט" קאָמוניסט איבער דער פראַגע צי איז יאָ אָדער ניט פאראַן א גאָט. אין דער דאָזיגער דיסקוסיע ברייגגט ארויס דער פּויער דעם געדאַנק, אז א מענש ווייס וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט, כאָטש קיינער האָט עס אים ניט געזאָגט. עס איז א לעבעדיגע קראַפט אין אונז. עס איז „דאָס געזעץ פון גאָט".

מיר ווילען דאָ ברייגגען אַן אויסצוג פון קאַנט'ן וועגען דעם ענין פון מאָראַל, און זאָל דער לעזער זעהן פאר זיך אליין, ווי ענליך דעם פּויער'ס

גערדאנק איז צו דעם געדאנק פון דעם ריזען פילאָזאָף קאנט, הגם דער פויער האָט קאנטען זיכער ניט געלעזען.

קאנט זאָגט: „פאראן צוויי זאכען, וועלכע וואָס אָפטער און לענגער איך טראכט וועגען זיי, פילען זיי אָן מיין גייסט מיט שטענדיג פרישער און שטענדיג וואקסענדיגער באוואונדערונג און יראת הכבוד: די שטענדיגע הימלען איבער מיר און דער מאָראלישער געזעץ אינעווייניג אין מיר. קיינע פון זיי איז ניט איינגעהילט אין מיסטעריע אָדער פארלאָרען אין אומ־ערמעסטליכקייט אזוי, אז איך זאָל זיי דארפען זוכען פון יענער זייט פון מיין זעהונגס קרייז, און זיך משער זיין, אז זיי זיינען פאראן. איך זעה זיי פאר מיר און בינד זיי באלד צענויף מיט דעם באוואוסטזיין פון מיין עקזיסטענץ."

דער דאָזיגער צוריקקער פון דעם מענשליכען דיינקען און פילען צו פלאטאָ און צו קאנט באטייט אָן אויפלעבונג פון דער קולטור און, פריהער אָדער שפעטער, א טויט־קלאפ פאר דער ציוויליזאציע. און מיט דער אויפלעבונג פון דער קולטור ווערט צוריק אויפגעשטעלט אין איר פולען פראכט און גלאַנץ די ממשלה פון דעם גייסט און זיין געוועלטיגונג איבער און באהערשונג פון דער מאטעריע, און, וואָס מער די מאטעריע פארלירט איר פרעסטיזש, אַלץ מער באנקראָט איז דער מארקסיזם.

עס ווערט קלאָרער פון טאָג צו טאָג פאר די, וואָס זיינען מער אָדער ווייניגער באקאנט מיט די נייע ריכטונגען און ווענדונגען פון די טיעפערע מענשליכע נאטורען, מיט די לעצטע שטרעבונגען און אָנרעגונגען פון די צווייגען פון דער מענשליכער קולטור, ווי פילאָזאָפיע, וויסענשאפט און קונסט — עס ווערט פאר זיי קלאָר, אזוי ווי די זון איז אין מיטען טאָג, אז אויף אזוי ווייט ווי דער זין פון די ווערטער פון ענגעלס און מארקס, דער־הויפט דאָרט, וואו זיי האָבען זיך פארמאָסטען צו פילאָזאָפירען, איז ווייט פון דעם זין פון די ווערטער פון א פלאטאָ, א קאנט און א בערגסאָן אָדער א טאגאר, א מעטערלינק און א קנוט האמסאן, אויף אזוי ווייט איז דער מארק־סיזם א שעהנער און א גראנדיעזער דורכפאל. ניט ווייניגער קלאָר איז עס, אז אויף אזוי ווייט ווי דער קלאסען קאמף ווערט געפירט אין דער ליניע פון דעם עקאָנאָמישען דעטערמיניזם און מאטעריאליסטישען ראציאָנאַליזם און ניט אין דער ליניע פון גייסטיגער באשטימונג און אינטואיטיווען אידעאליזם,

אויף אזוי ווייט ווי דער דאזיגער קאמף ווערט באגאסען מיט די שטראלען פון דעם ליכט פון ציוויליזאציע אנשטאט מיט די שטראלען פון דעם ליכט פון קולטור, אויף אזוי ווייט וועט דער דאזיגער קאמף ניט פירען צו דעם סאציאליזם, צו וועלכען די מאסע שטרעבט אינטואיטיוו, און אויף וועלכען זי האפט אינסטינקטיוו, צו דעם סאציאליזם, וואס דארף און מוז ברייגגען פריהער פון אלץ פרייהייט און גערעכטיגקייט, גלייכהייט און ברידערליכ־קייט. און אויף אזוי ווייט ווי דער באלשעוויזם געהט, ווי מיר האבען גע־זעהן, אין די פיס־טריט פון מארקס און ענגעלס, אויף אזוי ווייט ווי ער קוקט דורך די זעלבע ברילען אויף די שייכות'ן אין דער אומענדליכער דרייעקיג־קייט פון מענש, נאטור און גאט, אויף אזוי ווייט וועט ער ניט קאנען זיין דער יעניגער, וואס וועט ארויספירען דאס רוסישע פאלק, אדער גאר די גאנצע וועלט, פון דער מדבר אין דעם לאנד וואס „טריפט מיט מילך און האניג", ניט ער וועט עס קאנען זיין דער יעניגער, וואס וועט ברייגגען די סאציאליסטישע גאולה אויף דער וועלט.

די רעוואלוציעס, וואס זיינען ארייגגעבראכט געווארען לעצטענס אין דער פילאזאפיע, קונסט און וויסענשאפט פאדערען, אז א גאנץ נייע בא־גרינדונג זאל געגעבען ווערען צו אלע סאציאלע ענדערונגען און איבער־קערענישען, גאנץ נייע גרונדלאגען פאר אלע טעאריען און היפאטעזען פון א נייער סאציאלער ארדענונג.

אונזער קריטיק אבער אויף דעם באלשעוויזם—אויף ווי ווייט ער, דער באלשעוויזם, האט זיך געסטארעט אנצואווענדען און צו צופאסען אויף א ממשות'דיגען און קאנקרעטען אופן די מארקסיסטישע פרינציפען צום לעבען —טאר אונז ניט בלינד מאכען פון צו זעהען די גרויסע פארדינסטען, וואס די געשיכטע וועט זיכער שרייבען אויף דעם חשבון און אין דער קאנטע פון באלשעוויזם.

די פארדינסטען פון דעם באלשעוויזם, ווי מיר זיינען דערין זיכער, ווע־לען זיין אם גרעסטען דארט, וואו ער האט זיך ניט פעסט געהאלטען אין דעם מארקסיזם, דארט, וואו ער איז אביסעל אראפ פון דעם מארקסיסטישען דרך הישר. דא וועלען מיר זיך אבער ניט ארייגלאזען אין די איינצעלהיי־טען פון דעם דאזיגען אנאליז. דא וועלען מיר בלויז קאנסטאטירען דעם פאקט, אז מיט איר זיעג האט די גרויסע רוסישע רעוואלוציע צו פארדאנ־קען די מעטאדען פון די באלשעוויקעס. די מעטאדען, וואס די באלשעוויקעס

האבען אנגעווענדט אויף דער דורכפיהרונג פון דער צווייטער גרויסער רע־וואלוציע אין דער וועלט, זיינען ניט געווען, ווי גאר א סך ווייסען עס שוין איצט, אין אנקלאנג מיט דער מארקסיסטישער טעאריע און מיט דעם מארק־סיסטישען בליק אויף די קרעפטען און פראספעקטען, וואס באוועגען מענשען צו האנדלען אין אנטשיידענע מאמענטען.

די רוסישע רעוואלוציע וואלט זיכער ניט געווארען קיין פאקט, ווען די באלשעוויקעס וואלטען, ווי א סך אנדער סאציאליסטען, געקוקט אויף א רעוואלוציע ווי אויף א רעזולטאט פון א לאנגזאמער און בהדרגה'דיי־גער אנטוויקלונג פון אלע עקאנאמישע און סאציאלע קרעפטען אין דער גע־זעלשאפט; ווען זיי וואלטען, ווי אנדערע סאציאליסטען, געווארט ביז דער קאפיטאליזם און אינדוסטריאליזם וועלען דערגרייכען די נויטיגע, מאטעמא־טיש אויסגערעכענטע שטופע פון הויכער און אינטענסיווער אנטוויקלונג; די רעוואלוציע וואלט געווען א זיכערער דורכפאל, ווען די באלשעוויקעס וואל־טען ווי אנדערע מארקסיסטען, זיך געווען גערעכענט מער מיט די עקאנא־מישע קרעפטען אין רוסלאנד איידער מיט דעם גייסט פון דעם רוסישען פאלק. די באלשעוויקעס זיינען אין דעם מאמענט פון דער רעוואלוציע, ערב דעם רעוואלוציאנערען אקט, דורכגעדרונגען געווארען מיט דעם גלויבען פון א טאל־סטאי און א קראפאטקין אין דער איניציאטיוו און אין דעם ווילען, אין דעם געזונטען פארשטאנד און אין דער דערפארונג פון דער גרויסער און ברייטער מאסע. דער דאזיגער גלויבען האט מער, איידער פיעלע אנדערע פאקטארען, מעגליך געמאכט פאר זיי זיך צו שטעלען אין דעם שפיץ פון דער רעוואלוציא־נערער באוועגונג.

די אלע סאציאליסטען פון אנדערע ריכטונגען, וועלכע זיינען געווען אין א באדייטענדער צאל אין רוסלאנד, האט געפעלט דער דאזיגער גלויבען אין דער קראפט און אין דער מאכט פון ספאנטאנע כחות, וואס דער מא־מענט רופט ארויס, פון קוואלען, וואס קיינער האט פריהער ניט געזעהן, און גאנץ אפט אפילו וועגען זיי ניט גע'חלומ'ט. ניט האבענדיג דעם דאזיגען גלויבען, האבען זיי אויך ניט געהאט די אנטשלאסענהייט, וואס איז אומבא־דינגט נויטיג צו יעדער צייט, ווען מען ווערט געשטעלט פנים אל פנים מיט טאט און האנדלונג, וואס קאן ניט אויף קיין איין רגע אפגעלייגט ווערען.

אין אן ארטיקעל „איינע פון די וויכטיגסטע פראגען פון דער רעווא־לוציע" האט לענין געשריבען: „עס איז אבער געווען גענוג, אז א נייער

ווינטעל זאָל אַ בלאָז טאָן, עס איז געווען גענוג, אַז קאָרנילאָוו זאָל זיך אַרויסרוקען אין פאָדער גרונד, און דאָס פארשימעלטע און אָפּגעשטאַנענע, וואָס איז געווען אין די סאָוויעטען, איז פארשארט געוואָרען אין אַ זייט און די איניציאַטיוו פון דער רעוואָלוציאָנערע מאַסען האָט זיך ארויסגעוויזען מיט איר פולער קראַפט.

„דערפון מעגען זיך אָראָפּנעמען אַ מוסר די אַלע פארשווינען, וואָס גלויבען ניט אין די כחות פון די רעוואָלוציאָנערע מאַסען. זאָלען זיך שע־מען אָט די אַלע פארשווינען, וואָס זאָגען, אַז מיר האָבען נאָך ניט אַזאַ אַפּאַ־ראַט, וואָס זאָל קאָנען פארנעמען דעם פּלאַץ פון דעם אַלטען רעגירונגס אַפּאַראַט, וועלכער דינט די אינטערעסען פון דער בורזשואזיע. דאָס וואָס זיי זאָגען איז ניט אמת, ווייל מיר האָבען יאָ אַזאַ אַפּאַראַט, און דאָס זיינען די סאָוויעטען. שרעקט אייך ניט אַזוי פאַר דער איניציאַטיוו און פאַר דער זעלבסטשטענדיגקייט פון די מאַסען. איר פארלאָזט זיך נאָר אויף די רע־וואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פון די מאַסען, און איר וועט אין אַלע צווייי־גען פון דעם מלוכה־לעבען דערזעהן אַזאַ מאכט, אַזאַ ריזיגקייט, אַזאַ אומבאַ־זיגבארען כח פון די ארבייטער און פויערים, ווי זיי האָבען ארויסגעוויזען, פאַראייניגען זיך געגען די שווארצע כחות פון קאָרנילאָוו'ן".

„די פירער פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און מענשעוויקעס באַגעהען דעם גרעסטען פאַרברעכען דערמיט, וואָס זיי גלויבען ניט אין די כחות פון די מאַסען, ציטערען פאַר זייער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע און שרע־קען זיך פאַר זייער זעלבסטשטענדיגקייט. אנשטאָט דעם, וואָס זיי ציטערען אַזוי פאַר דער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע פון די מאַסען, וואָלטען זיי בעסער באַדארפט שטיצען און זיי אונטערגעבען מוט; און ווייל זיי ציטערען אַזוי פאַר די מאַסען, מוזען זיי שוין געהן אויף דעם גליטשיגען וועג, זיין ניט אַנטשלאָסען, זיך ווארפען אין אַלע זייטען, זיך וואקלען אהין און אהער, טאָן איין נארישקייט גרעסער פאַר דער אַנדערער, און זיך אָפּגעבען מיט אַזאַ נישטיגער און אומווירדיגער ארבייט ווי פּראָוועןן אריינגיסען נייעם ווייַן אין דער פארשימעלטער כלי פון'ם ביוראָקראַטישען רעגירונגס אַפּאַראַט."

אין די דאָזיגע ווערטער, וואָס דריקען אויס די שטעלונג פון די באָל־שעוויקעס אין דעם רעוואָלוציאָנערען מאָמענט צו דער פּסיכאָלאָגיע, צו דעם

גייסט פון דער רויער און גראָבער מאַסע, ליגט, לויט אונזער מיינונג, דער שליסעל פון דעם ערפאָלג פון דער, אויף דעם באָלשעוויסטישען אופן, גע־פירטער רעוואָלוציע.

דער ערפאָלג פון די מארקסיסטישע באָלשעוויקעס איז געקומען דער־פון וואָס זיי (די באָלשעוויקעס) האָבען זיך אויף א וויילעטשקע פארגעסען אין דעם מארקסיזם, און זיי האָבען מיט אמאָל אינטואיטיוו אָדער אינסטינקטיוו דערשפירט דעם כח פון דעם גייסט, וואָס קאָן מאָמענטענוויין וועלטען איבערקערען, און אויף איין הרף־עין האָבען זיי מיט אלץ, וואָס איז אין זיי, אָנגעהויבען גלויבען אין דעם כח פון אבסאָלוטיזם. די מאכט און קראפט פון דער איניציאטיוו, פון דעם ווילען און פון דער זעלבסטשטענדיגקייט איז געוואָרען פאר זיי אַן אַבסאָלוטהייט, און ווער עס האָט אין איר אויף א האָר גע־וואגט צו צווייפלען איז געוואָרען אין זייערע אויגען א פארברעכער און א נאַר.

די סאָציאליסטען רעוואָלוציאָנערען ווידער, מיט א פּראָגראַם וואָס אונטערשיידט זיך ניט זעהר פיעל פון דער באָלשעוויסטישער, זיינען אראָפּ פון דער ארענא פון רעוואָלוציאָנערע טוער און ווירקער, וויל זיי האָבען זיך אויף קיין איין רגע ניט באפרייט פון דעם רעלאטיוויזם, וועלכער, ווי אונז דוכט זיך איז אריבער געגאַנגען צו זיי דורך דר. זשיטלאָווסקי׳ן, דעם שטאַרקע אַנהייננגער פון קאנט׳ס „קריטיק פון דער ריינער פארנונפט“.

דער דאָזיגער רעלאַטיוויזם איז אַן ענטפער אויף דער פראגע וואָס נאָר א סך האָבען זיך גיזשטעלט, און דאָס איז: פאר וואָס האָט די פּארטיי סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען, וועלכע איז געווען אזוי שטאַרק און מעכ־טיג אין רוסלאַנד, אַזוי גרויס און איינפלוסרייך, אזוי רעוואָלוציאָנער און אָפּפערווילליג, און אַזוי שטאַרק געגלויבט אין דער ווירקזאַמקייט פון דעם מענשליכען געדאַנק און ווילען — פאר וואָס האָט די דאָזיגע פּארטיי, וועלכע האָט געשפּיעלט די ערשטע פידעל אין דעם רוסישען רעוואָלוציאָ־נערען אָרקעסטער, מיט אמאָל פארלאָרען איר גאַנצען פּרעסטיזש, איר איינפלוס און ווירקונג, און דוקא אין דעם מאָמענט, ווען עס האָט זיך גע־פאָדערט לגמרי צו פארגעסען אין עוואָלוציע און טראכטען בלויז וועגען רעוואָלוציע?

ניט באוויזען האבען די סאציאליסטען רעוואלוציאנערען צו שטעלען זיך אויף דער נויטיגער הויך פון דעם רעוואלוציאנערען מאמענט דער־פאר, וואס זיי האט אויסגעפעלט אט דער גלויבען אין דעם קאטעגא־רישען אימפעראטיוו, צום וועלכען קאנט איז געקומען, ווען ער איז פון דער בריק פון דער ריינער פארנונפט אריינגעשפרונגען אין דעם אפגרונד פון דער פראקטישער פארנונפט, וועלכע קאן ניט אויסקומען אהן אבסא־לוטהייטען.

דער שטאנדפונקט פון אבסאלוטיזם האט עס געמאכט די באלשעוויקעס פאר די פארטיידיגער פון א גוואלטזאמער רעוואלוציע, און פון א גענצליכען איבערדרייס פון אלע שייכות'ן צווישען דער בורזשואזיע און דעם ארבייטער קלאס, און דעם קלאס פון פויערים.

„מען מוז", האט געשריבען לענין, „איין מאל פאר אלע מאל פטור ווע־רען פון די אויסקומענישען מיט דער בורזשואזיע און אינגאנצען אריבער־געהן אויף דער זייט פון די רעוואלוציאנערע ארבייטער. בלויז זיי, די רעוואלוציאנערע ארבייטער, מיט דער שטיצע פון די ארימסטע פויערים, זיינען אימשטאנד צו צוברעכען דעם ווידערשטאנד פון די קאפיטאליסטען, פירען דאס פאלק דערצו, אז עס זאל ערא̈בערען די ערד אהן אויסקויף, צו פולער פרייהייט, צו א זיעג איבער דעם הונגער און איבער דער מלחמה. בלויז זיי קאנען ברייגגען אויף דער וועלט אן אמת'ן דויערהאפטען און פעס־טען שלום".

דער זעלבער אבסאלוטיזם האט זיי אויך געפירט צו דער פראקלאמי־רונג פון דער דיקטאטור פון דעם פראלעטאריאט. „אדער צוטרייבען די סאוויעטען און זאלען זיי שטארבען מיט א מיאוסען טויט, אדער די גאנצע מאכט צו די סאוויעטען!" אזוי האט לענין געזאגט אויפ'ן אל־רוסישען צוזאמענפאר אנפאנג יוני, 1917.

און אין דעם אויבעי דערמאנטען ארטיקעל האט לענין געשריבען, אז בלויז די דיקטאטור פון דעם פראלעטאריאט און פון די ארימסטע פויערים קאן צוברעכען דעם ווידערשטאנד פון די קאפיטאליסטען, ארויסווייזען א וויקליך גרויסע געוואגטקייט און אנטשלאסענהייט און זיך פארזיכערען מיט א מעכטיגער, באמת העלדישער שטיצע פון די מאסען אין דער ארמעע און צווישען די פויערים.

„די מאכט צו די סאָוויעטען, דאָס איז די איינציגע תרופה אויף צו באַ־פרידיגען די באַדערפניסען פון די גרויסע פאָלקס־מאַסען און אויסנוצען זייער אייגענע ערפאַהרונג. די מאכט צו די סאָוויעטען מיינט — איבערגעבען די גאַנצע פארוואלטונג פון לאַנד אין זייערע הענט; דאָס מיינט איבער־געבען די גאַנצע פארוואלטונג פון דער מלוכה און דעם קאָנטראָל איבער דער מלוכה־ווירטשאַפט אין די הענט פון די אַרבייטער און פויערים, געגען וועמען קיינער וואָלט ניט געסמייעט זיך שטעלען אַנטקעגען, און וועלכע וואָלטען זיך גאַנץ שנעל, דורך אייגענער ערפאַרונג, אליין אויסגעלערענט פאַנאַנדערצוטיילען די ערד, די פּראָדוקטען און די תבואות.”

מיט אַזאַ אויסטייטשונג פון דער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט, מיט אַזאַ זין און באַטייט ווי לענין האָט געגעבען דער דאָזיגער דיקטאַטור אין דער צייט ווען די רעוואָלוציע איז געלעגען אין אירע ווינדעלאך, האָט איינגעשטימט און וועט איינשטימען יעדער איינער, וואָס פיהלט און גלויבט, אַז די יסודות פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג זיינען אונטערדריקונג און אומגערעכטיגקייט, און אַז דערפאַר האָבען אַרבייטער און פויערים, דאָס הייסט, אַלע אונטערדריקטע און, פון דער אומגלייכהייט, ליידענדע מענשען אַ רעכט, אין נאָמען פון פרייהייט און גערעכטיגקייט, מאכען אַ סוף צו דער עקאָנאָמישער, מאָראַלער און אינטעלעקטועלער עקספּלואַטאַציע פון איין קלאַס דורך דעם אַנדערען קלאַס, פון איין מענשען דורך דעם אַנדערען מענ־שען, און צו דער אומגלייכהייט, וואָס מאכט איין מענשען פאַר דעם אַלץ אין דער געזעלשאַפט, און דעם אַנדערען פאַר דעם גאָרניט.

עס איז אויך ניט פאראַן קיין ברעקעל ספק דערין, אַז די אַלע, וואָס געניסען פון דער אָרדענונג, וועלכע האָט זיי אוועקגעשטעלט עקאָנאָמיש, סאָציאַל און אינטעלעקטועל אין אַ בעסערער לאַגע פון אַנדערע, דאַרפען זיין די יעניגע, וואָס זאָלען ליידען פון דער רעוואָלוציע. זיי דאַרפען מיט גוואַלט געצוואונגען ווערען אָפּצוגעבען זייערע גוטע פּאָזיציעס אין דער גע־זעלשאַפט און ווערען אין דעם געזעלשאַפטליכען זין גלייך צו אַלע אַנדערע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. געגען דעם ווידערשטאַנד, וואָס זיי, אין אַלע היגזיכטען פּריווילעגירטע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט, וועלען אויף אַ נאַטירליכען אופן ארויסשטעלען, דאַרף אוועקגעשטעלט ווערען די גאַנצע פיזישע און גייסטיגע מאכט און קראַפט פון די ליידענדע מאַסען, דער

גאַנצער פלאַם און ברען פון דעם פאַנאַטישען גלויבען פון דעם המון אין די אידעאַלען פון פרייהיים, גלייכהייט און גערעכטיגקייט.

עס איז דאריבער קיין וואונדער ניט, וואָס די דיקטאַטור פון דעם פראָלעטאַריאַט איז פאַר א ווייַלע געוואָרען א צויבער־וואָרט פאַר דעם פאָרט־געשריטענעם און באוואוסטזיניגען טייל פון דעם פראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט, און וואָס דער באָלשעוויזם גופא האָט ווי א מאַגנעט געצויגען צו זיך אַלע הערצער און נשמות פון דער ליידענדער און שווער ארבייטענ־דער מאַסע פון יעדען לאַנד פון דער וועלט, און האָט אָנגעצונדען דאָרט פייער־לאַך פון גלויבען און האָפנונג. די באָלשעוויסטישע לאָזונגען: „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט“, „איניציאַטיוו און זעלבסטשטענדיגקייט פון די אָרימ־סטע און עלענדסטע“, „קיינע קאָמפּראָמיסען מיט דער בורזשואַזיע“, „רע־וואָלוציע ביז גרונט“, האָבען אָפּגעפרישט דעם סאָציאַליזם אביסעל און האָבען מיט די וואָרצלען ארויסגעריסען דעם אָפּאָרטיוניזם, וואָס האָט אים ווי א וואָרים געטאַטשעט און ביז דעם ביין צו פרעסען.

צו לאַנג אָבער לעבען אויף קיין ניט אויסגעהאַלטענעם שטייגער, צו־לאַנג עובר צו זיין אויף דער קאָנסעקוועניץ, וואָס איז איינגעוואָרצעלט אין דער לאָגיק, קאָן קיינער ניט, סיי א יחיד סיי א פּאַרטיי. אז די פּראַקטיק זאָל בלייבען א סך הינטערשטעליגער פאַר דער טעאָריע, אז די ווירקליכקייט זאָל ווייט אוועק אין דער נידער פון דעם אידעאַל, איז גאַנץ מעגליך און פּאַסירט טאָקע זעהר אָפט. פּאַרקעהרט אָבער, אז אין דער פּראַקטישער האַנדלונג זאָל דער יחיד אָדער גרופּע פאַר א לענגערער צייט זיך שטעלען העכער איבער דער וועלט אנשויאונג אָדער דער גרונדלאַגע, וואָס דאַרף זיין וועגווייזער זיין—אזא זאך איז ניט מעגליך, און עס האָט טאָקע קיינמאָל ניט פּאַסירט.

עס האָט דאריבער געשעהן דאָס, וואָס האָט געמוזט געשעהן. די באָל־שעוויקעס האָבען זיך גאָר שנעל אָפּגעטרייסעלט פון דעם אבסאָלוטיזם, און אַלס א פועל יוצא דערפון האָבען זיי גלייך געמוזט פאַרלירען זייער גלוי־בען אין דער איניציאַטיוו און אין דעם ווילען פון דער מאַסע און, דאָס האָט אויף א לאָגיש נויטווענדיגען אופן געמוזט ברייגנען מיט זיך גאָר א נייע אַרט פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור איידער די, וועגען וועלכער לענין האָט גע־שריבען.

געשריבען האָט לענין וועגען א דיקטאַטור, וואָס וועט אויסגענוצט פון דעם פּראָלעטאַריאַט אויף צו פאַרוואַנדלען עקספּלואַטאַטאָרס, פּאַראַזי־

טען און לעדיגגעהער, און כל המינים פון דעם קאפּיטאַליסטישען רעזשים געקינצעלטע מיוחסים און מענשען, וואָס זאָלען טאָן פּראָדוקטיווע אַרבייט און, וואָס זאָלען זיך באַטראַכטען, אין יעדער געזעלשאַפטליכער הינזיכט, אַלס אבסאָלוט גלייכע מיט אַלע איבעריגע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. דעם הויפּט אונטערשייד צווישען אַ פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע און אַ בורזשואַזער האָט געזאָלט באַשטעהן דערין, וואָס בעת אין דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע האָבען אַלע דאָס גלייכע רעכט בלויז צו שטימען, איז אין דער פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע דאָס סאַמע ערשטע רעכט פון יעדען איינעם אין דער געזעלשאַפט צו האָבען פאַר זיין געניס אַלץ דאָס, וואָס דער אַנדערער האָט, און טאַקע אַ האָר ניט ווייניגער. און אַזוי שנעל ווי דאָס ווערט מיט דער הילף פון דער נאָך ניט אָרגאַניזירטער, נאָך ניט סיסטעמאַטיזירטער און נאָך ניט לעגאַליזירטער קראַפט און מאַכט פון דעם פּראָלעטאַריאַט איינגעפירט, איז שוין אייגענטליך אַ סוף צו דער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט. צווישען אַלע די, וואָס אַרבייטען גלייך און געניסען גלייך איז ניט שייך מער קיין קראַפט און מאַכט, וועלכע זאָל צווינגען און אונטערדריקען, ערלויבען אָדער פאַרבאָטען. דערמיט, וואָס יעדער איינער האָט דאָס מאָראַלע און געזעלשאַפטליכע רעכט צו האָבען ניט ווייניגער פאַר דעם אַנדערען, און דער אַנדערער טאָר ניט האָבען מער פאַר אים, און דערמיט, וואָס יעדער איינער, וועלכער אַרבייט, האָט אַ רעכט פריי און אומגעשטערט אונטער אַלע אומשטענדען און צו אַלע צייטען ז י י ן מיינונג אויסצודריקען און ז י י ן איבערצייגונג צווישען אַנדערע צו פאַרשפּרייטען, וועט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, גלייך נאָך דעם ווי די גלייכהייט ווערט פעסטגעשטעלט, ניט נאָר אַן איבעריגע, נאָר אויך אַן אוממעגליכע זאַך.

נאַאיוו און אומשולדיג האָט לענין, אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע, געפרעגט: „וואָס איז די סאָוויעטען מאַכט אויב ניט קיין אָרגאַניזירטע פאָרמע פון דעם פּראָלעטאַריאַט'ס דיקטאַטור, פון דער דיקטאַטור פון אַ פאָרטגעשריטענעם קלאַס, וואָס דערהויבט זיך צו אַ נייער דעמאָקראַטיע און שטרעבט צו דעם, אַז אין דער אַדמיניסטראַציאָן פון דער מלוכה זאָלען זיך אומאָפּהענגיג באַטייליגען צענדליגע מיליאָנען אויסגעבויטעטע אַרבייטער, וועלכע אַנטדעקען דורך זייער ערפאַרונג, אַז דער דיסציפּלינירטער און קלאַסען באַוואוסטער אוואַנגאַרד פון דעם פּראָלעטאַריאַט איז זייער זיכערסטער פירער?"

מיט אַזאַ גייער דעמאָקראַטיע, מיט אַזאַ דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס זאָל מאַכען צענדליגע מיליאָנען אַרבייטער פריי און אומאָפּהעניג זיך צו באַטייליגען אין דער פאַרוואַלטונג פון געזעלשאַפטליכע ענינים וואָלט יעדער איינער, וואָס שטרעבט צו אַ סאָציאַלען איבערקער, איינגעשטימט. קיינער וואָלט אויך ניט געהאַט אַנטקעגן דעם, אַז דער קלאַסען באַוואוסטער אַוואַנגאַרד זאָל ווערען דער פירער, ווען די פירערשאַפט זאָל קומען אַ דאַנק דעם, וואָס די צענדליגע מיליאָנען אַרבייטענדע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט האָבען דורך זייער אייגענער ערפאַהרונג אַנערקענט, אַז דאָס איז די זיכערסטע פירערשאַפט אין לאַנד און אין דער וועלט, און ווען די דאָזיגע פירערשאַפט זאָל נאָך דערצו ניט אַוועקגעשטעלט ווערען עקאָנאָמיש און סאָציאַל אין אַ פּריווילעגירטע לאַגע. און ועל כולם ווען די דאָזיגע פירערשאַפט, אָדער בעסער געזאָגט, ווען די דאָזיגע, פריי אָהן שטערונג און אָהן צוואַנג, אויסדערוועלטע פירער, וואָלטען געקאָנט פירען צו אַלץ אין דער וועלט, אָבער אין קיין פאַל ניט צו דער אונטערדריקונג פון מיינונגען, ווען די לעצטע ווילען קומען צום אויסדרוק.

מיט אַ דיקטאַטור אָדער אַ דעמאָקראַטיע, וואָס אונטער איר זאָלען אַרבייטער, און, פאַר יאָרען אַנערקענטע, פריינד פון אַרבייטער זיצען אין תפיסה בלויז דערפאַר, וואָס זיי ווילען קריטיקירען די איצטיגע אָנפירונג פון די, וואָס פירען די רעוואָלוציע, וועט קיין אַרבייטער, אין וועמענס גייסטיגע אָדערען עס פליסען נאָך ניט דער עקאָנאָמישען דעטערמיניזם און היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, ניט איינשטימען. די ברייטסטע מאַסען ווילען אויף דעם ניט איינגעהן, ווייל זיי, די ניט איבערגעשפּיצטע ברייטע מאַסען, ווייסען ניט פון קיין ווען און ווי אַזוי, זיי זיינען פרעמד פּלפּולים, איינפאַלען און סברות. די מאַסע איז ווי די מאַראַל גופא, און ווי אַלע תמצית'ן און מהות'ן פון דער וועלט, קאַטעגאָריש און אַבסאָלוט געשטימט. איז חזיר טריף פאַר איר, איז קיין ברעקעל נפקא מינה ניט פאַראַן צי איז ער אַ בורזשואַזער חזיר צי אַ סאָציאַליסטישער חזיר. ביידע, סיי דער בורזשואַזער, סיי דער סאָציאַליסטישער חזיר ווילען זיך קוויקען מיט אַ שמוציגער און שטינקענדער לוזשע. האָט די מאַסע בטבע פיינט אַ שפּיאָן, וועט זי אים פיינט האָבען סיי ווען ער טוט די שמוציגע און עקעלהאַפטיגע אַרבייט פאַר דעם בורזשואַזען קלאַס, סיי ווען ער טוט זי פאַר דעם אַרבייטער קלאַס. האָט די מאַסע אינסטינקטיוו פיינט אַ דעספּאָט און אַן אונטערדריקער וועט זי אים האַסען ווען ער

פארטרעט אָדער דינט די אינטערעסען פון די ארבייטער, גראָד אזוי שטארק ווי ווען ער פארטרעט אָדער דינט די אינטערעסען פון די ארבייטערס אויסגע־שפּראָכענע שונאים. האָט די מאַסע איר בלוט פאַרגאָסען פאר פרייהייט און גלייכהייט, וועט זי זיך אלע מאָל פילען אומצופרידען מיט האלבע פריי־הייטען און פאפירענע גלייכהייטען. און אויב ניט איצט — מחמת אייגען בלוט צו פארגיסען איז נאָך אלעמען ניט קיין איינגענעמע און געשמאקע שטיקעל ארבייט, וואָס מען זאָל עס וועלען טאָן אלע מיטוואָך און דאָנער־שטאָג, ווען עס זאָל אפילו זיין א מיטוואָך און א דאָנערשטאָג איין מאָל אין צען יאָר — אויב ניט איצט אלזאָ, איז מיט פופציג אָדער הונדערט יאָר שפּעטער, וועט די מאסע ווידער בלוט פארגיסען, ווייטער מקריב זיין קרבנות אויף דעם מזבח פון אבסאָלוטער פרייהייט און גלייכהייט. ניין צענטעל פון דער רוסישער באפעלקערונג איז אומצופרידען מיט דעם קאָמוניסטישען רעזשים נאָך דערפאר, וואָס די באפעלקערונג שפּירט די גרויסע אנטוישונג אין באצוג צו דער פרייהייט און גלייכהייט, וואָס אויף זיי האָט זי געהאָפט און וועלכע מען האָט איר צוגעזאָגט.

וואָלט די דיקטאטור פון דעם פּראָלעטאריאט געווען אויסגענוצט גע־וואָרען אויף איין און איינציגער זאך, און דאָס איז אויף אריינברייננגען גלייכהייט און פרייהייט אין יעדער צעלע און געוועב פון דעם רוסישען פאָלקס אָרגאניזם, וואָלט, מיט אנדערע ווערטער, די דיקטאטור אויסגענוצט געוואָ־רען אויף אָפּצושאפען אין רוסלאנד אויף אייביג די דיקטאטור און דעספּאָ־טיזם אין אלע זיינע פאָרמען, וואָלט דאָס רוסישע פאָלק זיך דערפילט גליק־ליך אין דער נשמה, זעל'יג אין גייסט, און ער וואָלט ווירקליך געוואָרען דער קולטורעלער און גייסטיגער ריז, וואָס קיין וועלט־מאכט אין דער וועלט וואָלט אים ניט געקענט באזיגען.

אזא שטעלונג צו דער דיקטאטור האָט מען ניט געקאָנט ערווארטען פון די תלמידים פון מארקס און ענגעלס, וועלכע האָבען אלע מאָל גע־טענה'ט, אז דער פּראָלעטארישער שטאט מוז פון זיך אליין אָפּשטארבען.

„אָהן א גוואלדזאמער רעוואָלוציע", זאָגט לענין „איז לחלוטין אוממעגליך אז דער בורזשואזער שטאט זאָל ארונטער און דער פּראָלעטארישער זאָל פארנעמען זיין אָרט. זעהט איר, די פארניכטונג פון דעם פּראָלעטארישען שטאט, דאָס הייסט, די פארניכטונג פון דעם שטאט בכלל, איז אוממעגליך סיידען דורך אָפּשטארבען."

די דאָזיגע שטעלונג צו דעם שטאַט, ווי יעדע אַנדערע שטעלונג פון דעם מאַרקסיסט צו געזעלשאַפטליכע איינפירונגען און אינסטיטוציעס איז, א שטעלונג פון א רעלאַטיוויסט, ד. ה. פון איינעם, וואָס גלויבט, אַז אַלץ אין דער וועלט איז ווי די פאַרב, א פועל יוצא בלויז פון דעם עפּעס, וואָס אין אים שלאָגען זיך די לענגערע אָדער די קירצערע נייטראַלע אַרויסשטעלונגען פון דער זון, אַרויסשטראַלונגען, וואָס אַליין באַזיצען זיי ניט קיין פאַרב און קיין קאָליר.

קיין וואונדער ניט דעריבער, וואָס די מענשעוויקעס און אפילו די אַנטי־מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, וועלכע הערען ניט אויף ביטער צו אַטאַקירען די באָלשעוויקעס, ווען זיי ווערען צום וואַנט צוגע־קוועטשט מיט דער פראַגע: „וואָס וואָלט איר מיט אייער קלאָר אויסגע־שפּראָכענער פּראָגראַם געטאָן אויף זייער אָרט, אין דעם דאָזיגען קריטישען און געפערליכען מאָמענט, האָבען זיי ניט וואָס צו ענטפערען. וואָס צו ענט־פערען האָבען זיי ניט דערפאַר, ווייל זיי זיינען א האָר ניט ווייניגער רע־לאַטיוויסטיש פאַר די באָלשעוויקעס און קאָנען אַזוי ווייניג טראַכטען וועגען אַבסאָלוטער פרייהייט און גלייכהייט ווי די באָלשעוויקעס. זיי קאָנען זיך ניט העלפען צו פילען טיעף באַ זיך אין האַרצען, אַז ווען זיי זאָלען זיין אין מאַכט אַנשטאָט די באָלשעוויקעס, וואָלטען די לעצטע, דאָס הייסט די באָלשעוויקעס, ניט בעסער אָפּגעשניטען אין זייערע הענט ווי זיי שניידען איצט אָפּ אין די הענט פון די באָלשעוויקעס.

עס איז אודאי גאַנץ נאַטירליך, אַז זיי זאָלען גלויבען, ווי אַן אמת'ער פרומער ייד האָט אַמאָל געגלויבט אין גאָט, אַז עס וואָלט געווען א סך בעסער, ניין, אַז עס וואָלט געווען דער גרעסטער גליק פאַר רוסלאַנד, פאַר דער גאַנ־צער מענשהייט, און פאַר דעם פּראָגרעס פון דער גאַנצער וועלט בכלל, אַז זיי, און ניט די באָלשעוויקעס, זאָלען האָבען צו זאָגען איבער דעם שיקזאַל פון רוסלאַנד. זיי זיינען זיכער בארעכטיגט צו דעם דאָזיגען גלויבען. ניט ווייניגער אָבער זיינען די באָלשעוויקעס בארעכטיגט צו גלויבען פאַרקערט.

דער דאָזיגער קאַמף, וועט מוזען אָנגעהן ביז די מענשהייט וועט איינזעהן דעם אמת פון דעם איראַציאָנאַליסטישען שטאַנדפּונקט, פון דעם שטאַנדפּונקט וואָס נעמט אָן: אַז קיין מענש איז ניט קלוג און באַהאַ־וועגט גענוג צו זאָגען אַז די מיינונג אָדער די איבערצייגונג און וועלט אַנשויאונג איז ראַדיקאַל און פּראָגרעסיוו, און ממילא איז זי גוט, די אַנדערע

איז קאָנסערוואַטיוו און רעאַקציאָנער, ממילא איז זי ניט גוט און דאַרף, ווען נאָר מעגליך, אונטערדריקט ווערען אַזוי, אַז זי זאָל די שיין פון דער וועלט ניט זעהן. און היות, ווי עס קאָן ניט געבען קיין אמת'ע און פאָלקאָמענע אָפּשאַצונג וועגען דעם, וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט פאַר אַ קלאַס, פאָלק אָדער מענשהייט, אָדער פאַר דעם גאַנג און לויף פון די צוקונפטיגע געשעהענישען, לכן מוז אומבאַדינגט, בנוגע מיינונגען און איבערצייגונגען, עקזיסטירען אַן אַבסאָלוטע פרייהייט פאַר זייער אויסדרוק און אַנטוויקלונג.

דער זעלבער אַרגומענט קאָן, ווי ער שטעהט און געהט, אַריבערגעטראָגען ווערען אויף דער גלייכהייט.

דער ווערט פון דער מענשליכער אַרבייט, פון דער מענשליכער ענערגיע, דער ווערט פון דער מענשליך אינדיווידועלער עקזיסטענץ פאַר דער געזעלשאַפט בכלל, קאָן ניט פון קיין חכם און פון קיין למדן אין דער וועלט געשאַצט ווערען. זי קאָן ניט געוואויגען און געמאָסטען ווערען. צו רעדען וועגען אַ מאָס און אַ וואָג פאַר איר איז פּונקט ווי צו רעדען פון אַ טערמאָמעטער, וואָס זאָל מעסטען די הייסקייט און קאַלטקייט פון דער ליבע, וואָס ווערט געמאָלען פון אַ דאַנטע, אַ שעקספּיער און אַ געטהע; און זאַכען וואָס לויט זיין נאַטור נאָך, קאָנען ניט אויף קיין וואָגשאָל געלייגט ווערען, מוזען אין נאָמען פון רעכט און גערעכטיגקייט, אַבסאָלוט גלייך פאַנאַנדער געטיילט ווערען צווישען אַלע מיטגליעדער, וואָס האָבען זיך באַטייליגט אין דער פּראָדוקצירונג פון זיי. דאָס דוכט זיך אונז דאַרף זיין אַזוי קלאָר ווי עס איז למשל קלאָר, אַז זאַכען וואָס זיינען אַלע מאָל דאָ לרוב און קאָנען זיך קיין מאָל ניט אויסשעפּען, ווערען אָהן שום שוועריגקייטען פריי פאַר אַלעמען.

נאָר די, וואָס איך וואָלט אָנגערופען, איראַציאָנאַליסטישע אידעאַליסטען וואָס קאָנען, אַ דאַנק זייער איראַציאָנאַליזם, אָדער זייער גלויבען אין דער דרייאייניגקייט פון געדאַנק, געפיל און ווילען, זיך שטעלען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון אַבסאָלוטער פרייהייט און גלייכהייט, קאָנען איצט דרייסט און אומדערשראָקען ענטפערען אויף דער פראַגע „וואָס וואָלטען זיי געטאָן ווען זיי וואָלטען געוואָרען די קאַפּיטאַנען פון דער ,רעוואָלוציע שיף“ אויף דעם „ים“ פון געזעלשאַפטליכע געשעהענישען“. „מיר“, וואָלטען זיי געענטפערט, „וואָלטען דעקלאַרירט און אין לעבען אַריינגעבראַכט באַלד נאָך דעם איבערקער, די אַבסאָלוטע פרייהייט פון וואָרט און שריפט און אַבסאָלוטע גלייכהייט פון עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַשטאַנדען און שייכות'ן“.

זיי וואָלטען עס געטאָן דערפאַר, וואָס אַזא אבסאָלוטע גלייכהייט און פרייהייט איז די איינציגע גאַראַנטי אַנטקעגען דעם, אַז די, וואָס שטעהען אין דעם שפּיץ פון א וועלכען עס איז סאָציאַלען איבערקער, די, וואָס טרעטען ארויס אין דער פאַרטיידיגונג פון אונטערדריקטע, אָרימע, עלענדע און פאַרוואָגעלטע, זאָלען מיט דעם זעלבען ברען און פאַנאַטיזם, מיט וועלכען זיי האָבען געקעמפט פאַר זייער באַפרייאונג, אַרבייטען דערנאָכדעם מיט אַלע כחות אין דעם נאָמען כלומרשט פון דעם אידעאַל, וואָס צוליעב אים איז דער איבערקער געמאַכט געוואָרען, פאַר דער מאָראַלישער און אינטעלעקטועלער אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג פון אַלע די, וואָס וואַגען צו דיינקען און רעדען אַנדערש ווי זיי, אויך די נייע אונטערדריקער און פאַרשקלאַפער אַרט גאָר ווייניג דאָס, וואָס די וועמען זיי ווילען איצט אונטערדריקען און פאַרשקלאַפען דיינקען און רעדען, אַרבייטען און אָפּפערען זיך פאַר דעם וואוילזיין פון דעם זעלבען כלל, וואָס וועגען אים דיינקען און רעדען זיי, ד. ה. די, וועלכע זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרען ביים רודער פון דער געזעלשאַפט.

די איראַציאָנאַלע אידעאַליסטען וועלען אַלע מאָל געדיינקען, אַז דער פאַנאַטיזם פון די, וואָס קעמפען פאַר פרייהייט קעגען די אונטערדריקער און פאַרשקלאַפער איז שעהן און דערהאַבען. דער פאַנאַטיזם אָבער פון די, וואָס, האָבענדיג שוין געוואונען דעם קאַמף און, האָבענדיג מיט זיך שוין די גאַנצע לעגאַליזירטע מאַכט, ווענדען זיי אָן די דאָזיגע מאַכט אויף צו אויסוואָרצלען און אויסראָטען אַלץ, וואָס שטימט ניט צענויף מיט זייער גייסט און זייער געמיט—דער פאַנאַטיזם פון אַזעלכע איז העסליך און נידעריג.

די לעקציע וואָס קריסטענטום האָט אין דער הינזיכט געגעבען דער וועלט טאָר פון קיין אמת'ן פרייהייט ליבענדען מענשען ניט פאַרגעסען ווערען. דער פאַנאַטיזם, מיט וועלכען די קריסטען האָבען געקעמפט געגען דער אונטערדריקונג פון קריסטענטום איז געווען שעהן, הערליך און דערהאַבען, און אַלע פרייהייט ליבענדע מענשען פאַרבויגען זיך פאַר אים. די שענקייט, הערליכקייט און דערהאַבענקייט פון דעם דאָזיגען פאַנאַטיזם האָט אָנגעהאַלטען בלויז אַזוי לאַנג, ווי עס איז געווען א קאַמף פון אונטערדריקטע געגען אונטערדריקער, א קאַמף פון די, וואָס האָבען דעם אידעאַל געגען די, וואָס האָבען די מאַכט. אין דעם מאָמענט ווען די קריסטען זיינען געוואָרען די אונטערדריקער אַנשטאָט די אונטערדריקטע, אין דעם

מאָמענט, ווען די מאַכט איז איבערגעגאַנגען אויף זייער זייט, אין דעם זעלבען מאָמענט האָט זייער פאַנאַטיזם פערלאָרען יעדען ברעקעל שענקייט, הערליכקייט און דערהויבענקייט. און מיט וואָס מער פאַנאַטיזם זיי האָבען ארומגערינגעלט זייערע טהאַטען, אלס העסליכער זיינען זייערע מעשים געוואָרען, און אַלץ א גרעסערע פאראכטונג האָבען זיי ארויס־ גערופען. קיין אנשטענדיגער מענש היינט צו טאָג פארבויגט זיך ניט פאר דעם פאַנאַטיזם, וואָס האָט אין דעם ניינצענטען פעברואר פון דעם יאָר 1600 באַגלייט דזשאָרדאַנא ברונאָ אויף דעם שייטערהויפען. מחמת א פאַנאַטיזם, וואָס האָט שוין הינטער זיך די סיסטעמאַטיש אָרגאַניזירטע פיזישע גוואלט, די געזעצליכע מאַכט און די שטאַטליכע רעכט, רופט שוין מער ניט ארויס אין די הערצער פון די מענשען אַכטונג און סימפּאַטיע.

דער וואָס הערט אויף צו גלויבען אין דעם אבסאָלוטען אמת פון זיין אידעאַל און אין דער אידעאַלער מאַכט פון זיין אידעע, און ווערט דורך גייסטיגער הילפלאָזיגקייט געטריבען צו שטעלען זיך אויף דעם שטיין פונקט פון שטאָל און אייזען, דער, מעג ער זיין א קריסט, א באָלשעֿ וויק, א מענשעוויק, א סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער אָדער אַן אנארכיסט, ווערט ער „איפסא פאַקטאָ" א דעספּאָט, און פון אים פטור צו ווערען ווערט די גרעסטע מצוה און די הייליגסטע פליכט אין דער וועלט.

אויף אזוי פיעל וויפיעל דער באָלשעוויזם מיט זיין אונגעהויער שטאַרקער אָנשטרענגונג צו רעאַליזירען דעם מאַרקסיסטישען אידעאַל וועט עפענען די אויגען פון אַלעמען צו דער פאַלשקייט פון דעם עקאָנאָמישען דע־ טערמיניזם, צו דער פוסטקייט און אינהאַלטסלאָזיגקייט פון דעם קאָסמישען און היסטאָרישען מאַטעריאַליזם, צו דער נשמה־און־זאַפטלאָזיגקייט פון דעם ראַציאָנאַליזם און דעם רעלאַטיוויזם, אויף וויפיעל ער וועט דינען אַלס אַן אָנשטויס פאַר דעם, אַז דער קלאַסען קאַמף זאָל אין דער צוקונפט געפירט ווערען אין די ליניע פון קולטור אַנשטאַט ציוויליזאציע, אויף אזוי פיעל קאָן ער בעטראַכט ווערען אלס א פּראָגרעסיווע באַוועגונג. ער איז עס דאָס ריקווערטס־געהענדע פּאַסיקעל אין דער זיג־זאַג ליניע פון דעם מענש־ ליכען פּראָגרעס. דער באָלשעוויזם וועט פריהער אָדער שפּעטער צווינ־ גען אַלע סאָציאַל פּאָליטיקער און רעוואָלוציאָנערען פון די מענשעוויקעס ביז צו די אַנאַרכיסטען — און די אַנאַרכיסטען גופא אריינגערעכענט — צו רעוועדירען די גרונדלאַגען פון זייערע וועלט אַנשויאונגען. מיר זאָגען

„פריהער אָדער שפּעטער“, ווייל עס איז דאָך גאנץ מעגליך, אז פון דעם עקספּערימענט אין רוסלאנד אליין בלויז וועלען די סאָציאליסטען, דער־הויפּט די מארקסיסטיש־געזאָנענע, נאָך ניט וועלען זיך אראָפּנעמען קיין מוסר. אין רוסלאנד, וועלען זיי טענה'ן מיט זיך אליין, האָט עס אלץ אזוי פּאסירט, ווייל רוסלאנד איז לכתחילה ניט געווען, פון אָן עקאָנאָמיש־דע־טערמיניסטישען שטאנדפּונקט, דאָס לאנד, וואו דער סאָציאליזם זאָל צום ערשטע מאָל איינגעפירט ווערען. עס וועט אָבער מסתמא ניט נעמען זעהר לאנג און עקספּערימענטען פון דעם זעלבען שניט וועלען געמאכט ווערען אין נאָך א פּאָר לענדער און די רעזולטאטען וועלען, אין אלגעמיין גענומען, זיין די זעלבע, און די רעוויזיע פון די גרונדלאגען פון די ראדיקאלע סאָציאלע אנשויאונגען וועט מיט גרויס אימפּעט אריינדרינגען אין די מוחות פון די מכל המינים סאָציאליסטען. אין דעם ליכט פון דער נייער ווענדונגען אין דעם מענשליכען געדאנקען גאנג, איז אזא רעוויזיע אומפאר־מיידליך...

.5

זינט עס איז געשריבען געוואָרען דארווינ'ס בוך „די אנטשטעהונג פון מינים“ און מארקס' בוך „דאָס קאפּיטאל“, און די ביכער אפילו פון קראָפּאָטקינ'ען ווי „אנארכיסטישע מאראל“, „אנארכיזם און וויסענשאפט“ און „דער אידעאל און פילאָזאָפיע פון דעם אנארכיזם“ האָבען זיך געביטען די באגריפען וועגען קולטור און אלע אירע צווייגען, ווי פילאָזאָפיע, רעליגיע, קונסט און וויסענשאפט. אין אנקלאנג מיט דעם בייט פון די דאָזיגע באַ־גריפען, וועלען זיך אויך מוזען בייטען די השערות וועגען דער אנטשטעהונג און אנטוויקלונג פון אלע לעבעדיגע באשעפענישען בכלל און פון דעם מענשען בפרט, ווי אויך אלע השערות וועגען דעם געזעלשאפטליכען צוזאמענלעבען פון מענשען אין דער נאָהענטער און אין דער ווייטער צוקונפט.

אין זיין פאָררעדע צום קאָמוניסטישען מאניפעסט זאָגט ענגעלס, אז „דעם מארקסיזם איז באשערט אויפצוטאָן פאר דער געשיכטע דאָס וואָס דאר־ווין האָט אויפגעטאָן פאר דער ביאָלאָגיע“. אויך פיעלע אנדערע האָבען גע־צויגען פּאראלעלען צווישען דעם דארוויניזם און דעם מארקסיזם, דער הויפּט אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל דער דארוויניזם איז אויסגעטייטשט געוואָרען אין א מאטעריאליסטישען זין, ד. ה., אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל דער נאטור

אויסקלייב איז פאַרשטאַנען געוואָרען צו זיין רעגולירט פון פאַרשיידענע פי־זישע און כעמישע קראַפטען אין דעם וועלט־אַל. ניט וועניג איינפלוס האָט דער דאַרוויניזם געהאַט אויך אויף קראָפּאָטקינ'ען, וועלכער האָט זיך לגמרי באַפרייט פון דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם, אָבער בשום אופן ניט פון דעם פילאָזאָפישען, אָדער קאָסמישען מאַטעריאַליזם.

שטאַרק צוטרייסעלט ווערען אָבער איצט די זיילען פון דעם דאַרוויניזם פון דעם שטויס, וואָס זיי האָבען באַקומען פון די נייע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען און פון די נייע פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען. דאָס זעלבע וועט אויך איצט פאַרקומען מיט די זיילען פון דעם מאַרקסיזם, וועלכע זיינען, דעם אמת געזאָגט, קיינמאָל אַזוי פעסט ניט געווען ווי די זיילען פון דעם דאַר־וויניזם. דאָס זעלבע וועט פאַרקומען מיט יעדער טעאָריע, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף דער מאַטעריאַליסטישער אויסטייטשונג פון דעם דאַרווי־ניזם.

דער באַגריף פון עוואָלוציע און די דאַרוויניסטישע באַגריפען, וואָס האָבען פיעל בייגעטראָגען צו דער עוואָלוציאָנס טעאָריע ווערען אָוועקגע־שטעלט אין אַ שפּאָגעל נייעם ליכט פון די פילאָזאָפען און וויסענשאַפטליים פון אונזער צייט.

מיט זיין באַגריף למשל פון קרעאַטיווער עוואָלוציע, אַנשטאַט סתם עוואָלוציע, האָט בערגסאָן מעגליך געמאַכט דאָס גלויבען אין אַ ספּאָנטאַנער אַנטשטעהונג פון זאַכען, דאָס הייסט אין דער אַנטשטעהונג פון זאַכען, וואָס זיינען ניי, ניט נאָר אין זייער פאָרם, ניט נאָר אין זייער פאַרשיידענאַרטיגער קאָמבינאַציע פון אַלטע עלעמענטען, נאָר פון זאַכען, וואָס זיינען ניי טאַקע דערפאַר, וואָס נייע עלעמענטען זיינען צום ערשטען מאָל אַרויסגעבראַכט געוואָרען, טאַקע דערפאַר, וואָס עפּעס איז אויף דער וועלט געקומען, וואָס איז ניט געווען איינגעוויקעלט אין עטוואָס, וואָס האָט עקזיסטירט פון אייביג אָן — אַן עפּעס, וואָס וואָלט ניט געקאָנט קומען דורך קיין אַרויסוויקלונגס קראַפט, נאָר וואָס האָט געמוזט פון דאָס ניי צום ערשטען מאָל געשאַפען ווערען.

דער באַגריף פון ספּאָנטאַנער אַנטשטעהונג אידענטיפיצירט דעם לע־בענס פּראָצעס מיט באַוואוסטזיין און מאַכט אוממעגליך צו באַטראַכטען מאַטעריע אַלס אורזאַך פון דעם אורשפּרונג פון דעם לעבען. אויף אַזאַ אופן

ווערט די אינערליכע קראפט פון דעם לעבענס פראצעס, און אינאיינעם מיט אים, אלץ וואס נעהט אונטער דעם נאמען פסיכיק, געדאנק און באוואוסטזיין, — קורץ, אלץ, וואס מיר פארשטעהען אונטער דעם אויסדרוק — גייסט, ווערט אוועקגעשטעלט העכער איבער אלע אויסערליכע קרעפטען, העכער איבער אלץ, וואס מיר רופען אן אומשטאנדען. אומשטאנדען ווערען פון דעם לעבען גופא געשאפען, און בעת זיי קאנען באאיינפלוסען און מאדיפי־צירען א געוויסען טייל פון לעבען, קאנען זיי אבער בשום אופן ניט ווערען די בעלי־בתים איבער דעם גאנצען לעבען. און דער דאזיגער באגריף איז בא בערגסאנ׳ען ניט בלויז ריינע פילאזאפישע ספעקולאציע, נאר דאס איז בא־אים א היפאטעזע, וואס שטיצט זיך אויף די לעצטע און בעסטע פארשונ־גען פון די נאטור־וויסענשאפטס מענער.

„דארווין״, זאגט בערגסאן, „האט גערעדט וועגען אומבאדייטענדע וואַ־ריאציעס, וואס זאמלען זיך אן דורך דעם נאטירליכען אפקלייב. ער איז ניט געווען אומוויסענד וועגען די פאקטען פון פלוצלינגער וואריאציע, ער האט אבער געדיינקט, אז די דאזיגע „ספארטס״, ווי ער האט זיי אנגערופען, זייַ־נען בלויז פארזעהענישען, וועלכע זיינע ניט פעהיג זיך גופא צו פאראייביגען, און ער האט ערקלעהרט דעם אפשטאם פון מינים דורך דער אנזאמלונג פון אומעמפינדליכע וואריאציעס. און דאס איז נאך אלץ די מיינונג פון פיעלע נאטוראליסטען. די דאזיגע מיינונג אבער מאכט אלץ מער און מער וועג פאר דער געגענזעצליכער אידעע, אז די מינים קומען ארויס אלע מיט א מאל דורך דעם, וואס עס באווייזען זיך איינצייטיג עטליכע נייע כאראקטערען, וואס זיינען אלע פארשיידען איינע פון די אנדערע... די דארווינישע אידעע פון צופאסונג דורך דער אווטאמאטישער עלימינירונג פון די ניט צוגעפאס־טע, איז אן איינפאכע און קלארע אידעע, אבער טאקע דערפאר, וואס זי שרייבט צו דער אויסערליכער אורזאך, וואס קאנטראלירט די עוואלוציע, בלויז א נעגאטיווען איינפלוס, איז זעהר שווער פאר איר צו דערקלערען די פראגרעסיווע און, אזוי צו זאגען, גלייך ליניגע אנטוויקלונג פון אזא קאמ־פליצירטען אפאראט ווי דעם, וואס מיר געהען אונטערזוכען״.

ניט נאר דער דארוויניזם, נאר אויך דער נעא־דארוויניזם ווערט פון בערגסאנ׳ען שטארק קריטיקירט.

„צי מיר ווילען יא, צי ניין״, זאגט בערגסאן, „מוזען מיר אפעלירען צו א געוויסען אינוועניג דירעקטירענדען פרינציפ, בכדי צו דערקלערען די שטור־

פענווייזע צענויפטרעפונג פון די ווירקונגען. אזא צענויפטרעפונג זעהט ניט אויס צו זיין מעגליך ניט על פי דער דארווינישער, און דער עיקר, ניט על פי דער נעאָ־דארווינישער טעאָריע פון פלוצלאכע צופאליגע וואריאציעס, און ניט אפילו על פי דער טעאָריע, וואָס שרייבט צו א באשטימטע ריכטונג צו דער עוואָלוציע פון פארשיידענע אברים דורך א מין מעכאנישער קאָמפּאָזיציע פון די אויסערליכע מיט די אינערליכע קרעפטען".

און ניט נאָר בערגסאָן, דער כמעט שוין פון אלעמען אנערקענטער גרעס־טער פילאָזאָף פון אונזער צייט, נאָר אויך דער נאָר וואָס פארשטאָרבענער גרויסער אמעריקאַנער נאטוראליסט דזשאָן בוראָוס פארגינט זיך צו זאָגען אין דעם זשורנאל „אטלאנטיק מאָנטלי" פון אויגוסט, 1920, אז דארווינ'ס לעהרע וועגען דעם נאטירליכען אפקלייב ווערט בטל ומבוטל אין דעם ליכט פון די נייע ביאָלאָגישע באגריפען. די ביאָלאָגען, דיינקט בוראָוס, האָבען מער ניט קיין גרונד צו גלויבען, אז בלינדע פיזישע קרעפטען זיינען פאראנט־וואָרטליך פאר דער אנטשטעהונג און אנטוויקלונג פון לעבעדיגע באשעפע־נישען, פון דער איינפאכסטער אין דער נידעריגסטער, ווי די אמעבא, ביז דער העכסטער און פיעלפאכסמער, ווי דער מענש. זיי קאָנען מער ניט צולאָזען דעם געדאנק, אז אזא קאָמפּליצירטער מעכאניזם ווי דער מענשליכער קער־פער מיט אלע זיינע וואונדערבארע אברים איז א רעזולטאט פון בלינדען צופאל, א צווישענשפיעל פון פיזישע קרעפטען, וואָס ארבייטען אָהן א ציעל און אָהן א צוועק.

„זאָלען מיר גלויבען" פרעגט דזשאָן בוראָוס, אז מיר לעבען אין א גענצ־ליך מעכאנישער און צופעליגער וועלט — א וועלט וואָס האָט ניט קיין אי־נערליכקייט, און וואָס איז בלויז א לאַבירינט פון ווירקונג, געגענווירקונג און צווישענווירקונג פון פיזישע קרעפטען?" ניט קאָנענדיג גלויבען מער אין אזא השערה, קומט ער, ווי פיעלע אנדערע נאטוראליסטען און ביאָלאָגען, צום שלום, אז אלע טיילען און אברים פון דעם לעבעדיגען קערפער האָבען איצט, אָדער האָבען אלע מאָל געהאַט א זין און א צוועק פאר זייער אנטשטעהונג און אנט־וויקלונג... „די נאטור, איז בלינד, אָבער זי ווייס וואָס זי וויל, און זי קריגט עס. זי איז בלינד, זאָג איך, דערפאר וואָס זי איז דורכאויס אויג, און זי זעהט דורך די שפּראָץ־אויגעלאך פון אירע בוימער און די וואָרצלען פון אירע פלאנצונגען אזוי גוט, ווי דורך די אַפּטישע נערוועו פון אירע חיות".

מערקווירדיג, ווי די דאָזיגע לעצטע ווערטער, געשריבען אין אָנהויב פון

צוואנציגסטען יאָרהונדערט, שטימען צענויף מיט די ווערטער פון שעלינג, וואָס זיינען געשריבען געוואָרען אין אָנהויב פון דעם ניינצענטען יאָרהונ־דערט.

„די נאַטור", זאָגט שעלינג, „איז ניט בלויז אַ פּראָדוקט פון אַן אומפאַר־שטענדיליכען אַקט פון שעפּפונג. זי איז די שעפּפונג גופא. זי איז ניט נאָר דער שיין אָדער אויסדרוק פון דעם אייביגען, זי איז אויך דאָס אייביגע גופא.. וואָס מיר רופען אַן נאַטור איז אַ פּאָעמא, געשריבען אין מיסטישע העראָגלי־פען, וואָס איר זין איז באהאַלטען פון אונז. ווען זי זאָל אָבער קאָנען דעשיפי־רירט ווערען, וואָלטען מיר אין איר דערקאָנט די אָדיסעע פון דעם גייסט, ווי ער זוכט זיך גופא, אנטלויפט פון זיך גופא, און מאַכט דורך וואונדערבאַרע אילו־זיאָנען".

סיי דאָס, וואָס דער נאַטור וויסענשאַפטס מאַן בעראוס זאָגט איצט, סיי דאָס, וואָס דער נאַטור פילאָזאָף שעלינג האָט געזאָגט לאַנג צוריק, קלינגט אין יוניסאָן מיט דעם געדאַנק פון בערגסאָן, אַז ביי דעם אורשפּרונג פון לעבען שטעהט דער באוואוסטזיין, אָדער דער איבער באוואוסטזיין, ד. ה. אַ באַ־וואוסטזיין, וואָס שטייגט אין אַלע הינזיכטען אריבער דעם מענשליכען באַ־וואוסטזיין. „באוואוסטזיין אָדער איבערבאוואוסטזיין, איז דער נאָמען פון דער ראַקעטע, וואָס אירע אויסגעשלאָסענע פראַגמענטען פאַלען צוריק אלס מאַטעריע. באוואוסטזיין אָדער איבער באוואוסטזיין איז דער נאָמען פאַר דעם, וואָס בלייבט צו עקזיסטירען אין דער ראַקעטע גופא, וואָס געהט דורך די פראַגמענטען און פאַרוואַנדעלט זיי אין אָרגאַניזמען."

דער באוואוסטזיין אַליין און מיט איהם די גאַנצע פסיכיק איז, על פּי בערגסאָן, די תּמצית, די מהות און דער מקור פון אַלץ אין דער וועלט וואָס לעבט, האָט געלעבט און וואָס האָט קיין מאָל קיין לעבען ניט באַזעסען. דאָס איז פּונקט דער הפך דערפון, וואָס די מאַטעריאַליסטען און מיט זיי די מאַרקסיסטען האָבען געדיינקט, און דאָס איז, אַז דער באוואוסטזיין און אַלץ, וואָס מיר באַצייכנען מיט דעם וואָרט לעבען, איז אַ מדרגה אין דעם אַנט־וויקלונגס פּראָצעס, וואָס זיין מקור און אורשפּרונג איז, אין תוך גענומען, ניט קיין פסיכישער, און אודאי און אודאי ניט קיין גייסטיגער אָדער נשמה'דיגער.

אויף בערגסאָן'ס זייט איז אָבער היינט צוטאָג ניט נאָר די ריינע פי־לאָזאָפיע און די גאַנצע וויסענשאַפט, נאָר אויך די פילאָזאָפישע קונסט.

אגב איז די נייע פילאָזאָפיע מיט דער מיינונג, אַז די קונסט איז נאָך מער איידער די פילאָסאָפיע מסוגל צוצוקומען צו דעם סאַמע גרונד פון דער וועלט, אַז זי קאָן בעסער פאַר דער פילאָסאָפיע אַ בליק טאָן פון צייט צו צייט אין דעם עצם מהות פון דער וועלט, אין דער רעאַליטעט פון דער אוניווערס. די קונסט, ווי בערגסאָן למשל דיינקט, האָט גאָר קיין אַנדער צוועק ניט, קיין אַנדער אויפגאַבע ניט, ווי אין אַ זייט אַוועקצונעמען אַלץ, וואָס פאַרדעקט די רעאַליטעט פון אונז, זי דאַרף אַראָפּרייסן אַלע שלייערס און מאַנטלען, וועלכע פאַרדעקן און וויקלען אַרום דיווירקליכקייט, בכדי די מענשען זאָלען געבראַכט ווערען פנים אל פנים מיט דער רעאַליטעט גופא.

פון גרויס באַדייט זיינען דערפאַר פאַר אונז די פאָלגענדע ווערטער פון דעם גרויסען פילאָזאָפישען קינסטלער מעטערלינק, אין וועלכער ער דריקט אויס זיין בליק אויף דער קוואַליטעט פון דער וועלט מהות.

„עס וועט ניט זיין, דוכט מיר, צו דרייסט צו באַהויפּטען אַז עס איז ניטאָ מער אָדער ווייניגער אינטעליגענטע וועזענס, נאָר אַז עס איז פאַראַן אַ צער־ישפּרייטע אַלגעמיינע אינטעליגענץ, אַזאַ מין אוניווערסאַלע פליסיגקייט, וואָס דרינגט דורך אויף פאַרשיידענע אופנים די אָרגאַניזמען, וועלכע זי טרעפט אָן, לפי ערך צו דעם, אויף וויפעל זיי זיינען גוטע אָדער שלעכטע קאָנדוקטאָרען פון דעם פאַרשטאַנד. דער מענש, אויף אַזאַ מין אופן וועט רעפּרעזענטירען ביז איצט, אויף דער דאָזיגער ערד דעם מאָדוס פון לעבען, וועלכער האָט אַרויסגעוויזען דעם מינדסטען ווידערשטאַנד צו דער דאָזיגער פליסיגקייט, וועלכע די רעליגיאָנען רופען אָן געטליך. אונזערע נערוועז זיינען אויף אַזאַ אופן די פעדים, וואָס דורך זיי שפּרייט זיך פאַנאַנדער די מער סובטילע עלעקטריציטעט. די צונויפוויקלונגען פון אונזער מאַרך בילדען אויף אַ געוויסען אופן דעם אינדוקציאָנס אַפּאַראַט, וואָס אין אים ווערט פאַרפיל־פאַכט די קראַפט פון דעם שטראָם; זי איז אָבער ניט פון קיין אַנדער נאַטור, קומט ניט אַרויס פון קיין אַנדער קוואַל ווי דער שטראָם, וואָס געהט דורך דעם שטיין, דעם שטערן, די בלום און די חיה.“

מיר ברייגגען ווערטערליך די מיינונג פון די וויסענשאַפטסלייטע, און קינסטלער דערפאַר, ווייל מיר ווילען, אַז דער לעזער זאָל מיט זיינע אייגענע אויגען זעהן ווי וויט די גרונדלאַגען פון די ראַדיקאַלע באַוועגונג זיי־נען אַוועקגעגאַנגען פון דעם גאַנצען נייעם געדאַנקען־גאַנג. דאָס איז דערפאַר,

וואס די דאזיגע גרונדלאגען זיינען געשאפען געווארען אין דער צייט ווען דער מאטעריאליזם, אין זיינע אלע פארשיידענע פארמען און געשטאלטען, האט בּאהערשט די גייסטער און די נשמות פון א גרויסען טייל פון דער מענשהייט, און בתוכם, די טעארעטיקער פון דעם סאציאליזם — מארקס און ענגעלס, ווי אויך, ווי מיר וועלען אין דער קומענדער ארבייט ווייזען, הגם ניט אזוי שטארק און ניט אויף דעם זעלבען אופן, דעם טעארעטיקער פון דעם אנארכיזם, פעטער קראפּאטקין.

קראפאטקין, אמת, איז ניט לאנג געשטארבען. מען טאר אבער ניט פארגעסען, אז די גייסטיגע געשטאלטונג פון דעם מענשען דערגרייכט איר פאלקאמע אנטוויקלונג אין די פערציגער יאהרען, אזוי, אז אלע ארבייטען פון קראפאטקין, אפילו זיינע סאמע לעצטע, זיינען געשריבען געווארען אלץ אונטער'ן דרוק און איינפלוס פון דער מאטעריאליסטישער וועלט אנשויאונג, וועלכע האט געהערשט גאנץ ברייטליך אין דער צייט ווען ער און אלע גרינגדער פון די פארשיידענע סאציאלע „איזמען" האבען געקאנט אם שטארקסטען און אם בעסטען אריינזאפּען און אסימילירען אלץ, וואס איז נויטיג געווען פאר זייערע ווייטערדיגע שאפונגען. אזוי, אז צווישען דעם ראדיקאליזם און מאטעריאליזם איז ווי מיר זעהען, ניט געווען, קיין לאגישע פארבינדונגען פון אידעען נאר, ווי דר. זשיטלאווסקי רופט עס אן, א ריין היסטארישע אידעען־פארבינונג.

אונטער דער ווירקונג אבער פון דעם נייעם שוואונג פון דעם מענשליכען גערדאנק, אונטער דעם איינפלוס און אונטער דער ווירקונג פון דעם נייעם אידעאליסטישען בליק, וואס דרינגט דורך די פילאזאפיע, וויסענשאפט, קונסט, רעליגיע, קורץ—אלע צווייגען פון דער מענשליכער קולטור, און דערלאזט ניט אויף אזא אופן, אז די קייט פון דעם אידעאליזם, אין געגענזאץ צו דעם מאטעריאליזם, זאל איבערגעריסען ווערען — אונטער דעם דרוק, זאג איך, פון דער נייער אידעאליסטישער און דורכאויס אנטי־מאטעריאליסטישער וועלט אנשויאונג, וועט מוזען געשאפען ווערען א נייער מין ראדיקאליזם. א גאנץ שטארקע רעוואלוציע וועט סוף כל סוף מוזען אריינגעבראכט ווערען אין אלע ראדיקאל־סאציאלאגישע טעאריעז און אנשויאונגען; א גאנץ נייער גייסט וועט מוזען באהערשען אלץ, וואס געהט אונטער דעם נאמען ראדיקאלע באוועגונג.

דער ביז איצטיגער ראדיקאליזם מיט זיין מאטעריאליזם האט פאר'סם'ט די מוחות פון די מענשען, וואס דארפען ברייננען א נייע אָרדנונג אויף דער וועלט, מיט א גלויבען אין דער מאכט און קראפט פון טויטער און בלינ־דער מאטעריע, מיט א גלויבען אין דער גרויס און אין דעם פראכט פון אלץ, וואס קאן נאר דעם גוף צופרידענשטעלען. דער דאזיגער גלויבען ווידער האט אוממעגליך געמאכט פאר זיי דורכצולעבען און דורכצופילען א גליק־זעליגקייט, וואס פילט אַן די נשמות פון די, וועלכע שפירען און פיהלען ווי זיי וואלטען געוועזן ארומגערינגעלט מיט א וועלט, וואס לעבט און זעהט, מיט א וועלט, וואס איז פול מיט אינערליכקייט און גייסט, פול מיט מיס־טעריען און אנטפלעקונגען.

און מעגען אלטע אָרדנונגען חרוב ווערען איינע נאָך די אנדערע און מעגען אויף זייערע חורבות נייע און זאגאר גראנדיעזע אָרדנונגען אָהן א צאָל אויפגעשטעלט ווערען, וועט אָבער דאָס מענשליכע לעבען אין זיין וועזענליכקייט, אויף קיין איין האָר ניט באנייט ווערען, און דער מענשלי־כער גליק וועט אויף קיין איין גראד ניט שטייגען אזוי לאנג, ווי דער מענש וועט זיין בארויבט פון דעם נחת רוח, וואָס נאָר א וועלט־אל מיט אַן אידעאלע אָדער גייסטיגע מהות, וואס נאר אַ אוניווערס מיט א נשמה אין איר קאָן אים געבען.

דאָס איז אונזער אינערליכסטע איבערציינונג, וואָס נאָר די צוקונפט און אפשר, נאָר די גאָר ווייטע צוקונפט, וועט קאָנען עדות זאָגען צו איר אמת אָדער פאלשקייט.

מיר ווילען דאָ איבערגעבען פון דעם אינדישען פילאָזאָפישען פאָעט טאגאָר, אין זיינע אייגענע ווערטער—אַן איבערלעבונג, וואָס ברייננט ארויס אויף אַן אויסערגעוועהנליך שעהנעם און עכט קאָנקרעטען אופן דעם חילוק צווישען די צוויי וועלטען — דער גשמיות'דיגער, פאר וועלכער דער ביז איצטיגער, און נאָך אויך דער איצטיגער, ראדיקאליזם שטעלט זיך איין און דער רוחניות'דיגער, פאר וועלכען, ווי מיר דיינקען, פילען און גלויבען, דער נייער ראדיקאַליזם וועט זיך מיט זיין גאנצער מאכט און קראפט איינ־שטעלען.

אזוי דערציילט טאגאָר: „איינמאָל בין איך ארויסגעפאָהרען אויף א שיפעל אויף דעם טייך גאנגעס. עס איז געווען א שעהנער פארנאכט אין

הערבסט, די זון איז נאר וואס אונטערגעגאנגען. דאס שווייגען פון הימעל איז געווען פול מיט רוה און שענקייט, וואס קאן ניט איבערגעגעבען ווערען אין ווערטער. קיין מורמעל האט זיך ניט געהערט אויף דעם גרויסען און אומגעהויערען פלאך פון וואסער, וואס האט אפגעשפיגעלט אלע שאטירונגען פון דעם פייערדיגען רויטען זון־אונטערגאנג. דער, אויף מיילען און מיילען, איינזאמער זאמד־ברעג, איז געלעגען ווי א גרויסער אמפיביעזער רעפטיל פון פאר די מבול'דיגע דורות, שימערירענדיג מיט זיינע שופען אין זיינע שיינענדיגע קאלירען. אונזער שיף האט זיך אזוי שטילשווייגענד געגליטשט ביי דעם שארף משופע'דיגען ברעג, וועלכער איז געווען דורכגעלעכערט פון א פויגעל קאלאניע. פלוצלונג איז א גרויסע פיש ארויפגעשפרונגען אויף דער אויבערפלאך פון דעם וואסער און איז באלד פארשוואונדען, ארויסווייזענדיג אויף זיין פארגעהענדער פיגור אלע קאלי־רען פון א נאכט הימעל. ער האט פאר א ווייליטשקע א ציה געטאן אין א זייט דעם פיעל קאלירטען שירם, הינטער וועלכען עס איז געווען א שטילע וועלט פול מיט דער פרייד פון לעבען. ער איז געקומען פון די טיעפענישען פון זיין מיסטעריעזער וואוינונג מיט א שעהנער טאנצענדי־גער באוועגונג, און ער האט צוגעגעבען זיין אייגענע מוזיק צו דער סימ־פאניע פון דעם שטארבענדיגען טאג. איך האב געפיהלט ווי איך וואלט געהאט א גרוס פון א פרעמדער וועלט אין איר אייגענער שפראך, און דאס האט אנגערירט מיין הארץ מיט איין אויפגליהונג פון פרייד. פלוצלונג האט דער מאן ביי דעם שטייער רודער אויסגעשריען מיט א באשטימטען קלאנג פון באדויערונג, אה. סארא גרויסע פיש! דאס בילד פון א פיש, וואס מען האט געפאנגען און צוגעגרייט פאר זיין אוועקט מאלצייט איז פאר זיינע אויגען געשטאנען. ער האט געקאנט קוקען אויף דער פיש נאר דורך זיין באגער, און ער האט אויף אזא אופן פארפעהלט צו זעהן דעם גאנצען אמת פון דער עקזיסטענץ פון דעם פיש."

ווי מיט דעם פיש אזוי איז מיט דעם גאנצען וועלט־אל: איינער קוקט אויף איהם דורך דעם באגער, וואס דער מאגען רופט ארויס, דער אנדערער דורך דער פארטיפונג און באגייסטערונג וואס קומען פון די טיעפענישען פון דער נשמה.

מער פון אלע אנדערע ראדיקאל־סאציאלע טעאריען, האט דער מארק־סיזם געזינדיגט, און מיט איהם זינדיגט איצט דער באלשעוויזם, דערמיט,

וואָס ער קוקט אויף דער וועלט אַלס גאַנצעס, און דעם מענטשען אַלס טייל פון איר מער דורך באַגער איידער דורך וואָס ניט איז אַנדערש, און דערהויפּט דורך דעם באַגער, וואָס דער מאָגען און די פיזיאָלאָגישע באַדערפענישען בכלל דיקטירען.

איבערראַשט איז געוואָרען דער גרעסטער טייל מיט דעם, וואָס ראַדי־קאַלען האָבען אָנגערופען, „נייעם קורס פון דעם באָלשעוויזם אין רוס־לאַנד“. דער נייער קורס איז באַשטאַנען דערין, וואָס די באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט באַשלאָסען צו מאַכען גרויסע הנחות צום קאַפּיטאַליזם, און אין די אַלע אָנשטרענגונגען, וואָס זי האָט געמאַכט און וועט מאַכען בכדי צוריקצושטעלען קליין בירגערטום און אָנצוהאַלטען מיט אַלע כחות דעם איצטיגען קליין האַנדעל, פון וועלכען עס וועט זיך מיט דער צייט אַנטוויק־לען דער גרויסער האַנדעל און די גרויסע אינדוסטריע.

ווי מיר האָבען שוין פריהער אָנגעוויזען, נאָך איידער מיר זיינען געוואָר געוואָרען וועגען דעם נייעם קורס פון דעם באָלשעוויזם, דאָס הייסט, פון זייער בוקען זיך בפני כל עם ועדה פאַר דעם קאַפּיטאַליזם, האָט די איבערראַשונג געדאַרפט זיין ניט איצט, נאָר דוקא יעמאָלט, ווען דער באָלשעוויזם האָט מעשה גרוים רעוואָלוציאָנער — און ווי איינער, וואָס קוקט אויף דעם גאַנג פון דער געשיכטע מיט די אויגען פון אַ לאַוראָוו און ניט פון אַ מאַרקס—דערקלעהרט דער בורזשואַזיע אין רוסלאַנד אַ קאַמף אויף לעבען און טוידט, און האָט מיט פייער אין מויל געטענה'ט, אַז עס איז ניט נויטיג, ווי די מענשעוויקעס דיינקען, צו אַנטוויקלען גרוים קאַפּי־טאַל, אָדער צו העלפען זיין אַנטוויקלונג, בכדי ער זאָל דערנאָכדעם אין סאָציאַליזם פאַרוואַנדעלט ווערען. צוליעב וואָס, האָבען זיי געפרעגט, איהם העלפען זיך צו אַנטוויקלען און נאָכהער אים שטירצען, אַז מיר קאָנען לכתחילה אונז שפּאָרען די מיה פון דעם גרויסען קאַמף מיט אים, דערמיט, וואָס מיר וועלען אים ניט דערלאָזען די לעבעדיגע וועלט צוזעהן.

דער באָלשעוויזם האָט אַלזאָ, ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, זיך גערעכענט מער מיט דער פסיכיק איידער מיט דער עקאָנאָמיק, מער מיט דעם גייסט פון פאָלק איידער מיט די אומשטענדען פון לאַנד, וואָס דאָס באַטייט אין דער אייגענער צייט אַן אָבווייכונג פון דעם מאַרקסיזם. דער לעזער וועט זיך דערמאָנען, אַז מיר האָבען די דאָזיגע אבווייכונג באַ־טראַכט אַלס איינער פון די פאַלען, וואו די פּראַקטיק פון אַ פּאַרטיי שטעלט

זיך אויף א ווײלע העכער איבער איר טעאָריע, וואו די האנדלונג פון אן איינצעלנעם קאָן אין א געוויסען מאָמענט זיך דערהויבען איבער זיין לעבענס פילאָזאָפיע. עס קאָן אָבער קיינמאָל ניט לאנג אָנהאַלטען. אזא פאל קאָן צוגעשריבען ווערען צו דער קאטעגאָריע פון פסיכישע „ספּאָרטס" וואָס האָבען א גרויסע ענליכקייט צו די דארווינישע ביאָלאָגישע „ספּאָרטס".

עס פרעהט אונז איצט זעהר שטארק צו זעהן, אז אונזער, אזוי צו זאָגען, פסיכאָלאָגישער אנאליז איז געווען א ריכטיגער, ווייל לענין אליין, וועלכער האָט זיך אלע מאָל אויסגעצייכענט מיט זיין פעהיגקייט צו קוקען דעם אמת גלייך אין די אויגען, באטראכט, ווי מיר געפינען עס איצט אויס, די דאָזיגע אָפּווייכונג אלס א צו הויכען פליה איבער דער טעאָריע. ער זאָגט אויסדריקליך: מיר זיינען אוועקגעגאנגען ווייטער איידער עס איז געווען נויטיג טעאָרעטיש און פּאָליטיש, און עס וואָלט געווען דער גרעסטער פארברעכען דאָס ניט צו זעהן און ניט צו פארשטעהן, אז מיר האָבען איבערגעכאפּט די מאָס*)

האלטענדיג זיך פעסט אין דער טעאָריע פון מארקס'ן, מוזען די באָלשעוויקעס קוקען אויף אלץ דורך די ברילען פון פיזישען און פיזיאָלאָגישען פארלאנג און באגער, און די גרויסע אינדוסטריע מוז דאריבער פארגעטערט ווערען, און זי מוז אינאיינעם מיט דעם קאפּיטאליזם, וועלכער האָט זי אויף דער וועלט געבראכט, באטראכט ווערען אלס דער סינע קווא נאָן, אלס דער „עפּעס", וואָס אָהן זיי קאָן אויף דער וועלט דער סאָציאליזם ניט קומען. און אזוי האָט טאקע לענין בפירוש געזאָגט נאָך דער רעוואָלוציע: „דער ווירקליכער און דער איינציגער יסוד... צו שאפען די סאָציאליסטישע געזעלשאפט איז נאָר די גרויסע אינדוסטריע, און נאָר זי. אָהן דער קאפּיטאַליסטישער גרויסער פאבריק, אָהן א הויך געשטעלטער גרויסער אינדוסטריע, קאָן קיין רייד ניט זיין פון סאָציאליזם בכלל, און נאָך ווייניגער קאָן מען וועגען אים רעדען אין א לאנד, וואו די פויערים זיינען די מעהרהייט. מיר, אין רוסלאנד, ווייסען עס איצט א סך מער קאָנקרעט ווי פריהער... איך חזר אָבער איבער נאָך א מאָל, אז אָהן דער גרויסער אינדוסטריע קאָן וועגען קיין ווירקליך סאָציאליסטישען פונדאמענט פון אונזער

---

*) זעה די ארטיקלען פון יצחק אייזיק הורוויץ אין „צייט" פון דזשולײ דעם 24טען און אויגוסט דעם ערשטען, 1921, וועגען דער דאָזיגער און די פאָלגענדע ציטאטען פון לענינען.

עקאָנאָמישען לעבען קיין רייד ניט זיין, דאָס בלייבט גאַנץ אומבאַשטרייט־באַר... אז מיר וואָלטען געהאַט אַ שטאַט, אין וועלכען די גרויסע אינדוס־טריע וואָלט געהאַט די אויבערמאַכט, אָדער, לאָמיר זאָגען, זי האָט ניט די אויי־בערמאַכט, נאָר זי איז שטאַרק אַנטוויקעלט, און עס איז זעהר אַנטוויקעלט די גרויס פּראָדוקציאָן אין דער לאַנדווירטשאַפט, דאַמאָלט וואָלט אַ די־רעקטער איבערגאַנג צום קאָמוניזם זיין מעגליך. אָהן דעם איז דער אי־בערגאַנג צום קאָמוניזם אוממעגליך עקאָנאָמיש... איר מוזט קוקען אויף די זאַכען ווי זיי זיינען. פרייער האַנדעל מיינט זיכער די תחית המתים פון קאַפּיטאַליזם. קיין זאַך וועט אונז ניט העלפען דאָס אָפּצוּוועגדען, און ווער עס דיינקט, ווי עס איז, זיך אויסצודרייהען דערפון אָדער דאָס אויס־צומיידען, וועט זיך נאָר טרייסטען מיט ווערטער. אויב קליין אינדוסטריע און פרייער אויסטויש זאָלען עקזיסטירען, מוז דער קאַפּיטאַליזם זיך דער־פון אַנטוויקלען".

און רעדענדיג וועגען קאָנצעסיעס זאָגט לענין: אַ „קאָנצעסיאָנער איז אַ קאַפּיטאַליסט, ער פירט דעם געשעפט קאַפּיטאַליסטיש, צוליב פּראָ־פיט. ער געהט איין אויף איין אָפּמאַך מיט דער פּראָלעטאַרישער רעגיע־רונג, כדי צו קריגען אַן עקסטרא פּראָפיט איבער דעם געוועגליכען, אָדער צו קריגען אַזעלכע רויע מאַטעריאַלען, וועלכע ער קאָן אַנדערש ניט קריגען, אָדער עס איז אים שווער צו קריגען. דער צוועק, וואָס עס קומט אַרויס דערפון פאַר דער סאָוועט רעגיערונג איז, די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוק־טיווע קרעפטען, די פאַרמירונג פון די מאַסע פּראָדוקטען, באַלד, אָדער אין נאָר אַ קורצער צייט."

פון אַ מארקסיסטישען שטאַנדפּונקט קאָן עס אַנדערש בשום אופן ניט זיין. אַלץ מוז געריכטעט ווערען צו דעם ליכט פון פּראָדוקטיווע קרעפטען. די מאַסע פּראָדוקטען, דאָס איז דער איינציגער פייער־זייל, וואָס טאָר קיין מאָל ניט אַרויסגעלאָזען ווערען פון די הענט פון די, וואָס דרעהען דעם רודער פון דעם סאָציאַלען איבערקער. דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פון דעם, וואָס זעהט די גאַנצע עקזיסטענץ פון דעם מענשען זיך וואָרצ־לענדיג אין עפּעס אַזעלכעס, וואָס אָטעמט ניט מיט לעבען און וואָס שפּריצט ניט מיט קיין גייסט, אין עפּעס אַזעלכעס, וואָס קאָן ביז דעם גרונט פון דער פיזיק, כעמיע און עקאָנאָמיע צוגלידערט ווערען. אַזוי קאָן טראַכטען

גאר דער, וואס זעהט איין פאלוס פון דעם מענשליכען זיין און ניט ביידע פאלוסען, ווי סע זעהט זיי, למשל, דער דיינקער טאגאר.

טאגאר זאגט: „ביי איין פאלוס פון מיין זיין בין איך איינס מיט די קלעצער און שטיינער. דארט מוז איך אנערקענען די הערשאפט פון אוניווערסאלען געזעץ. דאס איז, וואו דער פונדאמענט פון מיין עקזיסטענץ ליגט אין דער נידער. זיין שטארקייט ליגט דערין, וואס ער ווערט שטארק איינגעקלאמערט פון דער אומפאסענדער וועלט, און אין דער פולקייט פון זיין אייגענעם לעבען מיט אלע זאכען.

„ביי דעם אנדערען פאלוס פון מיין זיין בין איך אפגעזונדערט פון אלץ; דארט האב איך דורכגעבראכען דעם קארדאן פון גלייכהייט און שטעה אליין אלס אינדיוויד, איך בין אבסאלוט איין איינציג. איך בין איך, איך בין אומפארגלייכבאר. די גאנצע געוויכט פון דעם אוניווערס קאן ניט גובר זיין די דאזיגע אינדיווידואליטעט מיינע. איך דערהאלט זי אויף צו להכעים פון דער מורא'דיגער גראוויטאציע פון אלע זאכען. זי איז קליין אין אויסזעהן, אבער גרויס אין דער ווירקליכקייט".

אט וועגען דעם צווייטען פאלוס פון דעם מענשליכען זיין, וועגען דער גייסטיגער און נשמה'דיגער זייט פון דער מענשליכער עקזיסטענץ, וואס קאן זיך שטעלען אנטקעגען, און איבער יעדער מאטעריעלער און פיזישער עקזיסטענץ, האט דער מארקסיזם גאר ניט א חוץ נעגאטיוועס צו זאגען, און דער אנארכיזם האט נאך ניט גענוג געזאגט וועגען דעם, ווייל אויך זיין גרעסטער רעפרעזענטאנט, פעטער קראפאטקין, האלט, ווי מיר וועלען עס זעהן אין דער שפעטערדיגער ארבייט, אז גייסט איז סוף כל סוף רעדוצירבאר, אויף אזא אדער אנאנדער אופן, צו שטאף און קראפט.

די צייט קומט איצט, ווען וועגען דעם גייסטיגען אנבליק פון דעם מענשליכען זיין, דארף און מוז געזאגט ווערען אזוי הויך און שטארק, אז עס זאל אפקלינגען איבער דער גאנצער וועלט, און זאל אריינדרינגען אין דער סאמע טיעפעניש פון דער נשמה פון מיליאנען און מיליאנען מענשען. אויב מיליאנען מענשען האבען איינמאל געקאנט דערהערען און ענטפערען אויף דעם רוף פון א קריסטוס: „נידער מיט אלעם ערדישעם, גאטס קעניגרייך ווארט אויף דיר!" וואס אויף דעם מאדערנעם לשון וואלט עס געוויינטליך געמיינט: „נידער מיט ציוויליזאציע, לעבען זאל קולטור!" און אויב אן אומגעהויער

גרויסער טייל פון דער מענשהייט האָט געקאָנט איין מאָל אזא רוף פארנעמען און ענטפערען מיט מעשים אויף אים, פארוואָס קאָן אזא זאך זיך ניט איבער־חזר׳ען, ווען אזא רוף מיט אנאנדער אינהאלט נאַטירליך וועט קומען פון צענד־ליגע הונדערטע אָדער טויזענדע קולטור שעצער און קולטור טרעגער, פון טוי־זענדע, וואָס וועלען קלאָר איינזעהען, אז ווען די ציוויליזאציע ווערט א ציעל אן און פאר זיך, אנשטאָט א מיטעל בלויז, מוז דער מענש ווערען א מיטעל אנ־שטאָט ער זאָל זיין, ווי קאַנט האָט עס געפאָדערט, א צוועק אין זיך זעלבסט, אין דעם זעלבסט, וואָס אנערקענט נאָר די העכסטע אוניווערסאלע קראַפט פאר זיין האר. אין דעם זעלבען מאָמענט ווען דער מענש הויבט אָן זיך אליין צו באַ־טראַכטען און פון אנדערע באטראכט צו ווערען אלס א מיטעל צו עפּעס, וואָס איז ווייניגער און אייגפאכער פון גייסט, און וואָס גרעניצט זיך ניט מיט דעם אלעם העכסטען אין דער וועלט, הויבט ער, דער זעלבער מענש, אָן צו ווערען ווייניגער מענש, און די זיכערקייט, אז ער וועט ווערען אוים מענש אין גיכען, פארנעמט דאָס אָרט פון דער האָפנונג, אז ער וועט ווען עס איז ווערען איבער מענש...

„פאראן״, זאָגט פּרץ, „אייביגע פראגען, אייביגע רעטענישען.. וועלט — לעבען און טויט — ליעבע און האַס...״ אָט דאָס זיינען די פראגען... דאָס זיינען די קלאַנגען פון אונטער דער ערד פון איבער די וואָלקען, פון אלע וויטען און ברייטען, וואָס וועקען אונז פון טיעפסטען שלאָף, וואָס טרייבען די שעהנסטע אָדם וחוה׳ס פון גן עדן ארויס, וואָס יאָגען אונז אָהן אויפהער אויף דעם ברייטען אומענדליכען לעבענס־וועג פון פאַרשטעלונג צו פאַרשטעַ־לונג, פון פאָרם צו פאָרם, וועלטען צו וועלטען, און אפשר פון חלומות צו חלומות, פון זייפען בלאָזען צו זייפען־בלאָזען — ווער ווייס?

„אָבער אונזער לעבען וואָלט א זומפּ געוואָרען, ווען נאָטס ווינטיגער אָטעם זאָל נישט בלאָזען איבער דעם וואסער און טרייבען אונזער שיפעל אלץ ווייטער און ווייטער צום קוים גע׳חלומ׳טען ברעג...״

„...וואָס טרייבט? וואָס איז וועלט? וואָס איז לעבען און טויט, ליבע און האַס? וואָס בויט און צושטערט? וואָס רופט צוזאמען און צוטרייבט? דאָס זיינען די אייביגע פראגען. מיט דער צייט ענדערט זיך די פאָרם. עס טוישט זיך דער אָרקעסטער, עס טוישען זיך אויך די אינסטרומענטען, די סימפאָניע בלייבט די זעלבע...״

קריסטוס מיט זיין געשריי צו דער מענשהייט, אז זי זאל נאר וועגען גאטס קעניגרייך טראכטען, אז זי זאל נאר די וועלט, וואס איז פון יענער זייט פון אונזער וועלט אין זינען האבען, האט אוועקגענומען דעם גאנצען אינטערעס ביי דעם מענשען צו פארשענערען און פארבעסערען דאס לעבען פון דעם מענשען אויף דער דאזיגער זינדיגער וועלט. דערמיט וואס קריסטוס האט צוגעזאגט דעם מענשען אלע פרייהייטען און גלייכהייטען אין דעם קעניגרייך פון גאט, האט ער אוממעגליך געמאכט דעם קאמף פון דעם מענשען פאר פרייהייט און גלייכהייט אין דער וועלט, וואו דער מענש מוז זיין קורצען לעבען פארברייינגען.

דער מאניזם אבער פון א בערגסאן, אונטער וועלכען די מאטעריע און דער גייסט זיינען צוויי באוועגונגען פון איינער און דער זעלבער געטליכער קראפט, די מאטעריע, א ריקווערטס-געהענדיגע באוועגונג, אדער א צעשטרויאונג צושטאנד, און דער גייסט א פארווערטס-געהענדע באוועגונג אדער א צושטאנד פון קאנצענטרירונג און געשפאנטקייט — דער דאזיגער מאניזם שאפט אפ די קינסטליכע איינטיילונג פון דעם אוניווערס אדער וועלט־אל אין צוויי וועלטען, וואס איינע איז דיאמעטראל אנטקעגענזעצט צו דער אנדערער. אויף אנדערע וועגען און דורך אנדערע מעטאדען קומט בערגסאן צו א מאניזם, וואס איז אין זיין תוך און תמצית א ספינאציסטישער. אין א זין איז א געוויסער מאניזם די אייגענשאפט פון דעם גאנצען אידענטום אין געגענזאץ צו דער צוויי וועלטיגקייט פון דעם קריסטענטום. דער אידישער אידעאליזם אין זיין ריינעם פארם איז קיינמאל ניט באשטאנען אויף דעם אפזאגען זיך אדער צוריקציהען זיך פון דער ערדישער וועלט אלס א מיטעל אויף צו ווערען א תושב אין די העכסטע הימלען. די נשמה טאר זיך חלילה קיינמאל ניט אראפלאזען צום גוף, דער גוף אבער מעג, און דארף אפגעהיט ווערען, ער דארף אויך געריינינגט און געליטערט ווערען, בכדי צו זיין א פאסענדער דראט פאר דער דורכגעהענדן גייסט — עלעקטריציטעט.

ווי זאגט דארט ר׳ שכנא אין פרץ׳ס דערציילונג „א שמועס“: „לא תסגיר! אין גאנצען איבערגעבען דעם גוף צו דער נשמה טאר מען אויך נישט. די פייערדיגע נשמה וואלט אים פארברענט, אש פון אים געמאכט. און, ווען דער רבונו של עולם זאל וועלען נשמות אהן גופים, וואלט ער קיין וועלט ניט באשאפען! און דעריבער האט דער גוף אויך זיינע זכות׳ען...“

פון דעם שטאנדפונקט פון דעם אידענטום זיינען, ווי אחד העם זאגט

אונז, די צוויי עלעמענטען אין דעם מענשען, דער פיזישער און דער ספּי־ריטועלער, אין פרידליכע באציהונגען איינער מיט דעם אנדערען. זיי קאָ־נען און מוזען לעבען אין פאָלקאָמענער צענויפשטימונג, ניט ווי פיינד. און די דאָזיגע צונויפשטימונג איזי ניט קיין וואפען־שטילשטאנד צווישען די צוויי אַנטקעגענזעצטע קרעפטען, וואָס איז באזירט אויף א קאָמפּראָמיס און נעגענזייטיגער צופּאסונג, נאָר א ווירקליכע אינוועניגסטע פאראייניגונג. דער גייסטיגער עלעמענט דארף דורכדרינגען דאָס הארץ פון דעם מאטע־ריעלען לעבען, ער דארף עס לייטערען און רייניגען און מאכען זיין גאנצע קאָמפּליצירטע פולקייט א טייל פון דעם ספּירימועלען לעבען, אזא פאראיי־ניגונג דערגראדירט ניט דעם גייסט, זי דערהויבט דאָס פלייש און באהויכט עס מיט א געטליכע שכינה.

דאָס שעהנסטע בילד, פון א שייכות צווישען צוויי וועלטען אין דעם וועלט אַל, וואָס זאָל אין דערזעלבער צייט ניט איבעררייסען אויף קיין איין מאָמענט און ניט אויף קיין איין האָר, די איין און איינציגקייט פון דער אומענדליכער אוניווערס — איז דאָס בילד, וואָס בערגסאָן מאָלט, אין וועל־כען אַלץ אין דער וועלט זעצט ארויס פון א ראקעטא, וואָס איז אָנגעלאָדען מיט גייסטיגער ענערגיע. מאטעריע ווערט אויף אזא אופן באטראכט אלס אַן אָפּזאַץ פון גייסט. דורכצוזעצען וואָס מער גייסט און מיט א מעגליך גרעסערען אימפּעט דורך דער מאטעריע, צו געווינען וואָס מער אומאָפּהע־ניגקייט פאר דעם גייסט, צו באפרייען דעם גייסט אַלץ מער און מער פון דער לאַסט פון זיין מאטעריעלען אָפּזאַץ, וואָס דאָס מיינט מיט אנדערע ווער־טער, צו ספּיריטואליזירען די מאטעריע — דאָס איז די אויפגאבע פון דעם מענשען. אין דער איין און איינציגער אומענדליכער וועלט מוז דער מענש, אין דעם מאָמענט פון זיין שטארקסטער און אינטענסיווסטער קאָנצענטרא־ציע פון אַלע זיינע גייסטיגע כחות, טאָן, דאָס וואָס אפשר גאָט אליין טוט אויף א גרעסערען און פאָלקאָמענערען מאסשטאב, און דאָס איז: שטרעבען צו דער העכסט מעגליכער ספּיריטואליזירונג. און, ווי ווייט דער מענש געהט, באטייט עס א שטרעבען צו לעבען אין א וועלט פון מעגליכסטער פרייהייט און גלייכהייט, שענקייט און דערהויבענקייט, גערעכטיגקייט און שטרענגקייט.

ווי מיט דעם איינציגען מענשען, אזוי אויך מיט א גאנץ פאָלק. איז א פאָלק שוין איינמאָל געקומען צו דעם גרויסען באוואוסטזיין פון פרייהייט

און גלייכהייט, האט עס שוין איינמאל, ווי קיינמאל פריהער, געקעמפט אונטער די זעגלען פון פרייהייט און גלייכהייט, האט עס שוין איינמאל אזוי הויך און טייער געשטעלט דעם גייסט, און אזוי נידריג און ביליג, אין פארגלייך מיט אים דאס פלייש, האט עס שוין יא אזוי פיעל בלוט פארגאסען און קרבנות געבראכט אויף דעם מזבח פון אזעלכע ריין גייסטיגע אויסדרוקען, ווי פרייהייט און גערעכטיגקייט, מוז עס, אום צודערגרייכען דעם אנגעצייכענטען ציעל, איבעררייסען איין מאל פאר אלע מאל אלע פעדים, וואס האבען איהם געהאלטען געבונדען מיט אלע אנדערע פעלקער, וועלכע האבען נאך ניט קאנצענטרירט זייערע גייסטיגע כחות פאר דער קומענדער רעוואלוציע, און עס מוז איינמאל פאר אלע מאל ברעכען מיט אלע פריהערדיגע עקאנאמישע פארהעלטניסען רעגלען און מעטאדען. א גייסטיגע קאנצענטרירונג און דערהויבונג, וואס אהן איר איז א רעוואלוציע ניט מעגליך, און ווען אפילו יא מעגליך, איז זי ווערטלאז, מוז מיט זיך ברייגגען א געוויסע אונטערשאצונג, און ביז א געוויסען גראד, א גלייכגילטיגקייט צו דעם מאטעריעלען און פיזישען וואוילזיין.

די שטארקייט פון א פאלק, וואס מאכט דורך א רעוואלוציע, אין פארגלייך מיט די פעלקער, וואס האבען די דאזיגע מדרגה נאך ניט דערגרייכט, דארף אנהויבען צו באשטעהן אין דער פארקלענערונג ביז צום מינימום אלע זיינע מאטעריעלע און פיזישע פארלאנגען און באגערען, און ניט אין דער פארגעסערונג פון די מאסען פראדוקטען. מחמת די פארקלענערונג פון די באדערפנישען, פירט אומבאדינגט צו א באלדיגער און זיכערער פרייהייט און אומאפהעניגקייט פון אלע אינערליכע און אויסערליכע כחות, וואס ארבייטען געגען דער רעוואלוציע, בעת די אנשטרענגונג צו טרייבען אלץ אויף א גרעסערען מאסשטאב און מיט מער אימפעט און אינטענסיוויטעט, מוז גלייך פון אנהויב אונטערווארפען דאס פאלק צו א גרעסערער פארשקלאפונג און א שטארקערער אפהעניקייט פון מאטעריעלע קרעפטען, וואס שטארקען זיך אויף דעם חשבון פון דעם גייסט, און וואס ממילא ארבייטען זיי געגען דער רעוואלוציע, וועלכע געווינט, ווען דער גייסט שטייגט, און פארלירט, ווען דער גייסט פאלט.

קארלייל זאגט ערגעץ וואו, אז א ברוך־טייל פון אן איינהייט קאן אויף צווייערליי אופנים פארגרעסערט ווערען. מען קאן אדער אויף אזוי פיעל מאל פארגרעסערען די אויבערשטע צאל פון דעם ברוך טייל, אדער מען

קאָן אַקוראַט אויף אַזוי פיעל מאָל פאַרקלענערען די אונטערשטע צאָל פון דעם זעלבען ברוך־טייל. דאָס זעלבע, דיינקט ער, קאָן געטאָן ווערען מיט דעם לעבען, ד. ה. מיט דעם מענשליכען לעבען, וועלכער איז אין זיך אַ ברוך־טייל פון דעם אוניווערסאַלען לעבען, פון דעם לעבען, וואָס איז אידענטיש מיט דער רעאַליטעט.

פאַר די לעצטע עטליכע צענדליג יאָר האָט די מענשהייט געפּרואווט מיט אַלע כחות און מעגליכקייטען צו פאַרגרעסערען דאָס לעבען דורך דער פאַגרעסערונג פון דעם ערנענער אָדער נאָמינאַטאָר פון לעבען, דורך דער פאַרגרעסערונג פון דעם מאַטעריאַלען טייל זיינעם, פון דעם טייל, וואָס איז אויבען אויף דער ליניע וואָס שפּאַלט דאָס לעבען פאַנאַדער, דאָס איז דער טייל, וואָס געפינט זיין אויסדרוק אין דער ציוויליזאַציע. זי האָט אין דער צווייטער העלפט פון דעם נייינצענטען יאָרהונדערט געטריבען די עראָבערונגען פון דער ברייטער אויסערליכער וועלט, ביז צום העכסטען גראַד. און אַ דאַנק זיי האָבען זיך אָהן אַ שיעור געמערט די קערפּערליכע פאַרגעניגענס און צופרידענשטעלונגען פון ערדישע באַגערען און פאַרלאַנגען.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז אַזאַ פאַרגרעסערונג פון לעבען האָט זיך שלעכט אָפּגערופען אויף דער פאַרטיפונג פון גייסט. די אויסערליכע פאַרגרעסערונג פון לעבען האָט זעהר שטאַרק פאַרמינדערט די אינערליכקייט פון לעבען.

וואָס מער עס איז געוואַקסען אין פּראַכט און גלאַנץ די אויסערליכקייט פון לעבען, אַלץ גרעסער און גרעסער איז געוואָרען דער קאָנטראַסט צווישען די, וואָס פאַרמאָגען און די, וואָס פאַרמאָגען ניט, צווישען די, וואָס ווייסען ניט וואָס צו טאָן מיט זיך אויס וואוילטאָג, און די, וואָס ווייסען ניט וואָס צו טאָן מיט זיך אויס דחקות; צווישען די, וואָס זיי האָט די ציוויליזאַציע געגעבען שטאַרקייט און מאַכט, און די, וואָס זיי האָט די ציוויליזאַציע געמאַכט אוממעכטיג און הילפלאָז, צווישען די, וואָס האָבען ניט קיין אַנדערע ציעלען און צוועקען אויסער דער פאַרמערונג פון אויסערליכער רייכקייט, און ברייטקייט, און די, וואָס זיינען געצוואונגען, אויס

מורא פאַר דעם „קעניג הונגער“ צו דינען בלויז אַלס מיטעל פאַר דער גייסטיגער צוועקלאָזיגקייט און קולטורעלער זין־און־ווערטלאָזיגקייט פון די אַנדערע.

און וואָס גרעסער דער דאָזיגער קאָנטראַסט איז געוואָרען, אַלץ שווערליכער איז געוואָרען די אומגעריכטיקייט, אַלס אומערטרעגליכער די אונטערדריקונג, אַלץ העסליכער דער צוזאַמענלעבען פון מענש מיט מענש, אַלץ מער ווערט דער אינהאַלט פון לעבען געאָפּפערט אויף דעם מזבח פון זיין אויסערליכער פאָרם און געשטאַלט, אַלס מער ווערט די ציוויליזאַציע דער ציעל, אַנשטאָט דער מיטעל, אַלץ מער ריקווערטס געהט דער קולטורעלער לעבען פון דער געזעלשאַפט.

„האָסטו ווען עס איז געפּרואווט מיט דיין כח הדמיון צו באַגרייפען וואָס דאָס מיינט ווירקליכער עלענד און נויט?“ פרעגט איוואַן מיכיילאָוויטש בעקער, דעם הויפּט העלד—קריסטשיאַן, פון וואַסערמאַן׳ס גרויסען ראָמאַן „קריסטיאַן וואַנשאַפע“, „איז דיין פאָרשטעלונג קראַפט שטאַרק גענוג צו באַגרייפען? האָסטו ווען עס איז געזעהען דעם פנים פון אַ מענשליכען וועזען, וואָס האָט געליטען הונגער? אָט איז די דאָזיגע פרוי. זי האָט געבאָרען פינף קינדער און זי ליבט די דאָזיגע קינדער אַקוראַט אַזוי ווי דיין מאַמע האָט ליב געהאַט אירע קינדער. גאַנץ גוט. די שופלאָדען זיינען ליידיג. דאָס הארץ איז קאַלט. דאָס בעטגעוואַנט איז פאַרזעצט, זייערע קליידער זיינען שמאַטעס, זייערע שיך צעריסען. די דאָזיגע קינדער זיינען מענשליך. יעדער איינער פון זיי, פונקט ווי איך און דו, זיי זיינען מענשליך. זיי האָבען די זעלבע אינסטינקטיווע פאַרלאַנגען פאַר ברויט, רוהיגען שלאָף און ריינע לופט ווי דו אָדער הערר פאָן קראַמאַן, אָדער אָהן אַ שיעור אַנדערע האָבען, וועלכע האָבען קיינמאָל ניט אַ טראַכט געטאָן וועגען דעם, אַז די דאָזיגע אַלע זאַכען זיינען זייערע. גאַנץ גוט. גוט, ניט נאָר וויל די וועלט ניט וויסען קיין זאַך וועגען דעם, ניט נאָר איז זי געגען דעם אַז מען זאָל איר דערמאָנען וועגען דעם, נאָר זי געהט אַזוי ווייט ווי ווירקליך צו פאָדערען פון די דאָזיגע וועזענס, אַז זיי זאָלען זיין שטיל, אַז זיי זאָלען אָננעמען און איבערטראָגען הונגער, נאַקעטקייט, קעלט, קראַנקהייט, די גנבה פון זייערע נאַטירליכע רעכט און די דאָזיגע אומפאַרשעמטע אומגע־

רעכטיגקייט פון דעם אלעמען, אלס עטוואס וואס איז נאטירליך און אומפאר־מיידליך. האסטו ווען עס איז געטראכט וועגן דעם?"

וועגן דער אומגערעכטיגקייט, וועלכע ליגט טיף איינגעגראבען אין יעדער עקסטרעמער עלענד און נויט, אין יעדען בוכשטעבליכען נויט, הונגער און דורשט האבען די סאציאליסטען זעהר פיעל געטראכט, און אויף אזוי פיעל זיינען זיי געווארען די האפנונג פון דעם ליידענדען טייל פון דער מענשהייט. זיי האבען קלאר באגריפען די עולה און די רציחה, מיט וועלכע עס איז דורכגענומען יעדע צעלע פון א געזעלשאפטליכען ארגאניזם, אין וועלכען איין גליעד זיינער ליידט הונגער און נויט. זיי זיינען אבער ניט געגאנגען וויט גענוג אין זייער טראכטען און באגרייפען. זייער ניט וויט געהענדיגקייט האט געפירט דערצו, אז זיי זאלען האנט אין האנט מיט דער האפנונג ארויסרופען אויך א שרעק אין פיעלע פון די, וואס קאנען זיך בשום אופן ניט צופרידענשטעלען בלויז מיט דעם אפשאף פון נויט און עלענד, הונגער און דורשט.

די וואס האבען זיך אריינגעטראכט אין די ווערטער פון בעקער, וועגען דער ליבע פון יעדער מוטער צו איהרע קינדער און וועגען דער מענשליכקייט, וואס זעצט זיך דורך, דורך דער נשמה פון יעדען קינד, פיהלען מיט אלע פיבערען פון זייער נשמה, אז די דאזיגע מענשליכקייט, וואס האט זיך דורכגעבראכען דורך יעדען מיטגליעד פון דער געזעלשאפט, און וועלכע קאן ניט פון קיין בר דעת און יולד אשה געוואוינען און געמאסטען ווערען — די דאזיגע מענשליכקייט פאדערט אבסאלוט און קאטעגאריש, אז קיין איינציגער מיטגליעד פון דער געזעלשאפט זאל האבען די מעגליכקייט אדער געלעגענהייט צו געניסען מער באקוועמליכקייטען, מער וואוילטאג, מער פריי־ווילעגיעס פאר דעם אנדערען מיטגליעד פון דער געזעלשאפט, און כל זמן די דאזיגע פאדערונג איז ניט צופרידענגעשטעלט אין איר פולער גאנצקייט, בלייבט די אומגערעכטיגקייט, וועלכע, פונקט ווי די מענשליכקייט, ווייסט ניט פון קיין אביעקטיווער מאס און וואג, אין דער איצטיגער ארדנונג און אין דער צוקונפטיגער איינע און די זעלבע. אין יעדער מינדסטער עקאנא־מישער אומגלייכהייט אנטפלעקט זיך די שרייענדסטע אומגערעכטיגקייט אין דער וועלט, און אזוי לאנג ווי די מינדסטע אומגערעכטיגקייט אפילו, געהט אריבער אין דער נייער ארדנונג, הייסט עס, אז די נייע ארדנונג האט געביטען בלויז איר פארם און ניט איר אינהאלט.

דערצו קומט נאך צו די געפאר, אז די מינדסטע אומגלייכהייט, וואס ווערט אוועקגעלייגט אלס א יסוד פון א נייער געזעלשאפטליכער ארדנונג זאל זיך גאר אין גיכען צו וואקסען אזוי, אז די אונטערדריקונג און פרעמד־קייט פון איין מענשען צום צווייטען זאל זיין אזוי שטארק און אפשר נאך שטארקער א דאנק דער גרויס׳ער צענטראליזאציע פון עקאנאמישע קרעפטען און שטאטליכער מאכט. לא״ען מיר איבער נאך דער רעוואלוציע וועלכע עס איז עקאנאמישע אומגלייכהייט, מוז זי גאר אין גיכען אומבאדינגט פירען צו סאציאלער אונטערדריקונג. לאזען מיר איבער די מינדסטע גרעניץ־ליניע צווישען פריווילעגירטע און נים פריווילעגירטע, האבען מיר נים קיין גא־ראנטיע, אז אין דער צוקונפטיגער סאציאליסטישער ארדנונג וועלען נים פון דאס ניי אנטשטעהן צוויי באזונדערע קלאסען מיט צוויי באזונדערע וועל־טען. אמת, יעדער קלאס וועט האבען א גאנץ אנדער אויסזעהן פון די קלאסען, וואס די געזעלשאפט פארמאגט אונטער א קאפיטאליסטישער אר־דענונג, דער קאנטראסט אבער, די אנטקעגענזעצקייט צווישען די קלאסען וועט זיין דער זעלבער. דער נים פריווילעגירטער קלאס, יעדער איינער מיט־גליעד זיינער, וועט זיך פיהלען אין דער אנוועזענהייט פון די מיטגליעדער פון דעם פריווילעגירטען קלאס ווי אמאדעאום פאס, נאך א העלד פון וואַ־סערמאנ׳ס גרויסען ראמאן, פיהלט זיך ווען ער קומט אין באריר מיט די רייכע און מעכטיגע פון דער היינטיגער ארדענונג.

פאס זאגט צו קריסטשיאן: „ווען דער דאזיגער רוסישער פרינץ אדער דער דאזיגער לעגאט גיט מיר די האנט, פיהל איך מיך פונקט ווי איך וואלט האבען געפעלשט אן אנווייזונג, און אט די מינוט וועט מען מיך כאפען. ווען די דאזיגע דאמע געהט פארביי מיר מיט איר אומבאשרייבליך איינגענעמען ריח און שארך פון אירע קליידער, הויבט מיר אן שווינדלען אין קאפ ווי איך וואלט געהאנגען הויך איבער אן אפגרונד, און מיין גאנצע נשמה וואלט זיך געקרימט אין אין אייגענער דערנידערונג און קנעכטשאפט. זי קרימט זיך און קרימט זיך און איך קאן זיך נים העלפען. איך בין אזוי געבארען געווא־רען. דאס איז נים מיין וועלט, און זי קאן מיינע נים ווערען".

די עקאנאמישע און סאציאלע אומגלייכהייט אין וועלכער עס איז פארם, מוז, אהן דער מינדסטער נפקא מינה צו וועמען די מיטלען פון פראדוקציע זא־לען נים באלאנגען, שפאלטען די געזעלשאפט אין צוויי וועלטען, וואס איינע זאל זיין פול מיט קנאה און שנאה אויף דער אנדערער. די נערעכטיגקייט קאן

אזא שפּאַלטונג ניט סובל זיין, און וואו די גערעכטיגקייט איז ניט צופרידענ־געשטעלט, קאָן קיין ליבע און קיין ברידערליכקייט ניט הערשען.

די גערעכטיגקייט, וואָס אָהן איר קאָן די קולטור ניט קומען צו איר אויסדרוק, פאָדערט אַן אבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט.

עס איז גאַנץ מעגליך אז אזא עקאָנאָמישע גלייכהייט וועט א דאנק דעם, וואָס זי וועט אוועקנעהמען די פּערזענליכע איניציאַטיוו וועלכע טרייבט אָן דעם האַנדעל און וואַנדעל, פיהרען צו א פערקלענערונג פון די פּראָדוק־טיווע כחות. דאָס דארף אָבער ניט שרעקען די, וועלכע זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז עס איז שוין סיי ווי געקומען די צייט ווען אין די אינ־טערעסען פון קולטור, אין די אינטערעסען פון דעם וואוקס און אנטוויקלונג פון דעם מענשליכען גייסט, אין די אינטערעסען פון א פולערן אינערליכען לעבען, זאָל די מענשהייט פּרואווען צו פאַרקלענערן די אונטערשטע צאָל פון דעם ברויך־טייל וואָס הייסט לעבען אַנשטאָט צו פאַרגרעסען דעם אויבער־שטען צאָל. זי זאָל טיילען דעם נענער אָדער דענאָמינאַטאָר אַנשטאָט צו כפל'ן בלויז דעם ערנענער אָדער נאָמינאַטאָר, זי זאָל זיך געבען די מיה צו פאַרקלענערן אלע פיזישע באַדערפנישען, זי זאָל שטרעבען צו זוכען פרייד אנשטאָט פאַרגעניגען און גליקזעליגקייט אנשטאָט גליק בלויז.

קיין פאַרמערונג פון פּראָדוקטען קאָן ניט געבען אזא נחת רוח דעם מענ־שען, ווי א גלייכע פאַנאַנדערטיילונג פון די פּראָדוקטען, דען נאָר א גלייכע פאַנאַנדערטיילונג מאַכט מעגליך אַן אמת ברידערליכע באַציהונג צווישען מענש און מענש, אָהן וועלכען דער מענש, מעג ער ווי שטייגען אויף דעם לייטער פון ציוויליזאציע, קאָן זיך ניט ארויסרייסען פון דעם, אין דעם מאָראַלי־שען זין, חיה'שען צושטאַנד. און כל זמן די ברידערליכע באַציהונג איז ניט איינגעפיהרט, און איין מענש איז סאָציאַל און פּאָליטיש איזאָלירט פון דעם צווייטען אין דער געזעלשאַפט, איז קיין פּאָלק, מעג די ציוויליזאציע זיינע דער־גרייכען ווי א הויכע אַנטוויקלונג, ניט זיכער אז עס וועט ניט, ווי דאָס גריכישע און רוימישע פּאָלק, צענויפברעכען און אָפּגעווישט ווערען פון דער אויבער־פלאַך פון גאַנס ערד, אָדער ווי דאָס אידישע פּאָלק, צעזייט און צעשפּרייט ווערען איבער גאַנס וועלט.

די שטאַרקייט פון דעם פאָלק אין צייט ווען עס ברענט דער רעוואָלו־ציאָנערער פייער, און די אומבאַזיגטבאַרקייט פון די רעוואָלוציאָנערע כחות

באשטעהען, פון דעם ערשטען ביז דעם לעצטען מאמענט פון דעם רעוואלוציאנערען פראצעס, אין דער גלייכער פאנאנדערטיילונג פון אלץ, וואס איז דא, און ניט אין דער פארמערונג פון דעם וואס איז ניטא, און וואס קאן באקומען ווערען נאר דורך קאמפראמיסען און פארשיידענע דערנידערונגען פון גייסט, וואס קאנען טויט ש'לאגען די אמת'ע צילען און צוועקען פון דער רעוואלוציע, די צילען און צוועקען וואס זיינען געשטאנען פאר די אויגען פון די, וואס זיינען געגאנגען אויף די באריקאדען.

אזא שטארקייט, אזא ריכטונג אין דער ליניע פון אומאפהעניקייט קאן א פאלק אין צייט פון א סאציאלען איבערקער אננעמען נאר יעמאלט, ווען זיינע פירער גלויבען אין דער מאכט און קראפט פון גייסט איבער אלץ, נאר יעמאלט, ווען זיינע פירער זיינען באהערשט פון א פעסטער איבערצייגונג, אז פרייהייט און גלייכהייט טארען ניט פארקויפט ווערען פאר קיינע אוצרות אין דער וועלט, מחמת אהן זייביידען קאנען קיינע אוצרות אין דער וועלט ניט געבען דעם פאלק קיין גליק, און קיין גליקזעליגקייט אודאי און אודאי ניט.

זעהען מיר דאך, אז ווען א גרויסער טייל פון דעם פאלק אדער פון דער מענשהייט איז איינמאל געקומען צו דער איבערצייגונג, אז „קייזערליכער" אבסאלוטיזם איז שרעקליך און שעדליך ווייל אזא אבסאלוטיזם, איז א דעגראדאציע פאר דעם מענשליכען גייסט, וועט שוין קיין רעוואלוציאנער זיך ניט פילען שולדיג, און קיין פראגרעסיווען מענשען וועט ניט איינפאלען צו באשולדיגען ווען עס איז, וואס האט אנטייל גענומען אין דער שטירצונג פון דעם צאריזם און קייזעריזם, אין א וועלכען עס איז פארברעך אדער זינד, ווען די דאזיגע שטירצונג זאל ברייגנען מיט זיך אלס א באלדיגע קאנסעקווענץ אפילו דעם שרעקליכסטען עקאנאמישען חורבן וואס א מענשליכער געדאנק קאן זיך פארשטעלען. האלט עס אבער ביי דעם פרואוו פון איינצופירען אביסעל מער פרייהייט, אדער אביסעל מער גלייכהייט, וועלען אייך די זעלבע רעוואלוציאנערען זאגען מיט א רחמנות פנים, אז עס וואלט אודאי געווען א גוטע און א וואוילע זאך, ווען עס זאל נאר מעגליך זיין. און ניט מעגליך איז עס דערפאר, וואס עס וואלט געפירט צו א גרויסער אומארדנונג, וועלכע וואלט זיך אפגערופען זעהר שלעכט קודם אויף דעם עקאנאמישען מצב פון דער באפעלקערונג, וואס דאס איז דער באזיס פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען. דאס ווייזט אבער בלויז אויף וויפיעל די מעגליכקייט אדער

אוממעגליכקייט פון א זאך, איר דורכפירבארקייט אָדער ניט דורכפירבאר־קייט, הענגט אָפּ פון דער אבסאָלוטהייט און זיכערהייט, מיט וועלכער איינער גלויבט אין דעם אידעאַל, צוליב וועלכען די אָדער יענע זאך דאַרף געטאָן ווערען.

וואָלטען נאָר מענשען אזוי שטאַרק געגלויבט אין דעם אידעאַל פון פרייהייט און גלייכהייט ווי זיי גלויבען שוין, למשל, אין דעם אידעאַל פון רעפּובליקאַניזם, וואָלטען זיי אזוי געגלויבט אין דער נויטיגקייט פון אָפּצור־שאַפען אונטערדריקונג אין יעדער פאָרם, און אין דער נויטיגקייט פון אריינ־צופירען די גלייכהייט אויף דעם סאָציאַלען און עקאָנאָמישען געביעט, ווי זיי גלויבען אין דער נויטיגקייט פון אָפּצושאַפען און אויף אייביג פּטור צו ווערען פון דעם פּאָליטישען אבסאָלוטיזם, וואָלט שוין די מעגליכקייט פאר פרייהייט און גלייכהייט באַלד נאָך דער רעוואָלוציע געוואָרען א פאַקט; שוין פשוט דערפאַר, וואָס זי וואָלט איינגעפירט געוואָרען, ניט רעכענענדיג זיך מיט קיינע רעזולטאַטען און קאָנזעקווענצען; ווי דאָס ווערט געטאָן מיט דער איינפירונג פון יעדען סיסטעם און מיט דער פארווירקליכונג פון יעדען אי־דעאַל,אין וועלכען עס איז נאָר פאַראַן דער אבסאָלוטער זיכערער און פעס־טער גלויבען.

דער גלויבען אָבער אין דער אבסאָלוטער פרייהייט און גלייכהייט אַלס אין עפּעס, וואָס בילדעט דעם תוך און תמצית פון דער סאָציאַלער רעוואָ־לוציע, קאָן קומען ערשט יעמאָלט, ווען דער ראַדיקאַלער און פּראָגרעסיווער עלעמענט פון דער געזעלשאַפט וועט זיך באפרייען פון דעם מאַטעריאַליזם; ווי אויך פון דעם ראַציאָנאַליזם און רעלאַטיוויזם, אין וועלכען ער איז ביז איצט געווען ווי אין קייטען געשמידט.

6.

קורץ אָבער שטאַרק, צייטווייליג אָבער איינפלוסרייך, איז געווען די ווירקונג פון דעם מאַטעריאַליזם. ער האָט פארמאָגט עטוואָס, וואָס האָט אפּעלירט צו דעם וויסענשאַפטסמאַן אזוי גוט ווי צו דעם דורכשניטס־מענשען. דעם וויסענשאַפטסמאַן האָט דער מאַטעריאַליזם צוגעצויגען מיט דער האָ־פענונג אויף קלאָרקייט, זיכערקייט און באשטימטקייט. און דעם פּשוט'ען מענשען האָט דער מאַטעריאַליזם געפאַנגען מיט זיין אויבענאויפיגער איינ־

פאכקייט, מיט דער ממשותדיג׳קייט און קאנקרעטהייט, וואס שאפען א באַ־דען פאר די, וואס געהען ניט אוועק, סיי אין דער ברייט און סיי אין דער טיעף, ווייטער פון זייערע חושים.

דער מאטעריאליזם, דערמיט, וואס ער האט צוגעזאגט צו ווייזען מיט דער צייט שווארץ אויף ווייס, ווי אלץ וואס מיר באנעמען מיט אונזערע חושים, באגרייפען מיט אונזער געדאנק און לעבען דורך מיט אונזערע געפילען ווערט אויף אזא אָדער אנאנדער אופן, אין דער, אָדער אין אנאנדער לאבאראַ־טאָריע פארוואנדעלט אָדער רעדוצירט צו עפעס, וואס קאן געוואויגען און געמאסטען ווערען, האט געוועקט האפענונגען אין די הערצער פון די גע־טרייע דינער פון דער וויסענשאפט, אז פריהער אָדער שפעטער וועט די ווי־סענשאפט באהערשען אלע ווינקעלאך פון דער אוניווערס און מאכען אויף אזא אופן א סוף צו אלין, וואס שטיצט זיך אויף אומדערקענטקייט און אויף דעם גלויבען אין וואונדער און אוממעגליכקייטען.

דאס וואס דער וויסענשאפטסמאן האט פאר זיך אלס אידעאל געהאלטען און האט בלויז געהאפט אויף זיין פארווירקליכונג אין דער ווייטער צוקונפט, איז שוין א ווירקליכקייט געווארען ביי א גרויסען צאל מענשען, דערהויפט בא די, וואס האבען געאטעמט מיט דער לופט פון דעם ראדיקאליזם. דער אטאם איז פאר זיי געווארין דער מיטעלפונקט פון דער גאנצער וועלט, אָדער די אקס, וואס ארום איר דרעהט זיך די גאנצע אוניווערס. און זיי האבען דער־פילט אין אים א שטיץ פונקט פאר אלע זייערע ספקות און אומקלארקייטען. גלויבענדיג „אין די מענשען פון ליכט, וואס געהען אין וועג צום ליכט” האבען זיי געגלויבט, אז דאס איז די ליכטיגקייט גופא. דער וויסענשאפטס מאן איז אין זייערע אויגען א כשוף מאכער געווארען, און ער האט זיי טאקע פאר־כשופ׳ט.

א כשוף מאכער איז ער!
לייגט קוילען האלבע צוזאמען
נישט איבער־צו־רייסען!
זומער, אין שטוב מאכט ער שניי!
און א סיני וויל ער מאכען
מיט דונערען און בליצען.

און לייקענט אין הימעל —
גאָר שטערען פאַראַן,
אַזוינ'ע ערדען...
און קיין ניסים...
און קיין תפילה העלפט...
נאָר געזעץ...

(פּרץ'ס „גאָלדענע קייט")

דער עולם האָט אַלזאָ ניט אויפגעהערט צו גלויבען, נאָר אַנשטאָט אין גאָט צו גלויבען, האָט ער אינאיינעם מיט דעם וויסענשאַפטס מאַן אָנגעהויבען צו גלויבען אין געזעץ. ווי זאָגט דאָרט יוחנן דער מלמד ביי פּרצ'ן: אז מען גלויבט שוין גאָר ניט, גלויבט מען אין געטער. יעדער האָט זיך זיין רבי'ן, זיין אמונה, כמעט זיין עבודה זרה.

אין די אינטערעסען פון די קומענדע סאָציאַלע רעוואָלוציעס, בכדי אין דער צוקונפט צו פאַרקלענערען די צאָל קרבנות, וואָס זיינען זיך מקריב אוים ליבע צו פרייהייט און גלייכהייט, בכדי צו פאַרקלענערען דעם לייד און שמערץ און די בלוט פאַרגיסונג פון דעם געבורט פון דער אמת'ער און לעצטער, אויב ניט סאָציאַלער, איז לפּחות, דער עקאָנאָמישער רעוואָלוציע, מוז דער באַנקראָט פון דעם פילאָזאָפישען מאַטעריאַליזם, וואָס דאָס וועט שוין ממילא מיינען, דער קראַך פון דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם, געבראַכט ווערען פאַר די אויגען און אויערען פון דעם גרויסען און ברייטען עולם.

„די וועלט", זאָגט פּרץ'ס יוחנן דער מלמד, „איז גרוים אָהן א שיעור, טאָקע אָהן סוף, און אונזער מוח איז אזוי קליין, אז מיר זעהען אוים ווי א מענש וואָס געהט ארום אין א פינסטערער נאַכט, אין א וויסטען פינסטערען מדבר מיט א גראָשענדיג ליכטעל אין דער האַנד, וואָס לייכט קוים „ד על ד".

זאָלען אַלע די, וואָס ווילען צולייגען א האַנט צו דער ארבייט פאַר די סאָציאַלע איבערקערענישען, וויסען און געדיינקען, אז דער מאַטעריאַליזם מיט אַלע זיינע גרויסע אויפטואונגען האָט נאָך אַלץ ניט ארויסגענומען פון אונזערע הענט דאָס גראָשענדיג ליכטעל, און אז די גרויסע אומענדליכע וועלט איז נאָך, היינט צו טאָג, א וויסטער, פינסטערער מדבר, וואָס אין אים בלאָנ־דזשען ארום ווי אין א פינסטערער נאַכט די גרעסטע דיינקער און וויסענ־שאַפטסלייט פון דעם צוואַנציגסטען יאָרהונדערט.

נאך אין 1872 האט דו בוים רעמאנד אין זיין ווערק „די גרעניצען פון דער נאטור דערקענטנים" געפרעגט:

„וואס פאר א פארבינדונג, וואס לייגט זיך אויף דעם מענשליכען שכל, איז פאראן צווישען די באשטימטע באוועגונגען פון באשטימטע אטאמען אין מיינע געהירען פון איין זייט, און פון דער אנדערער זייט די טאט־זאכען, וועלכע זיינען פאר מיר אורשפרונגליך, און וואס זיי קאן איך ווייטער ניט דעפי־נירען און אויך ניט אפלייקענען? וואס זיינען די שייכות'ן צווישען אזעלכע פאקטען למשל ווי: איך פיל א וועהטאג, איך פיל א לוסטיגקייט, איך פיל א זיסקייט, איך שמעק דעם ריח פון רויזען, איך הער די טענער פון אן ארגעל, איך זעה קאלירען, און צווישען דער אוממיטעלבאר פון זיי ארויספליסענדער געוויסהייט: „איך בין?" מען קאן בשום אופן ניט איינזעהן ווי אזוי באַ־וואוסטזיין זאל אנטשטעהן פון דער צוזאמענווירקונג פון אטאמען. וואלט איך אליין שוין דעם אטאם מיט באוואוסטזיין אויסגעשטאטעט וועט דאס אבער ניט דערקלערען דעם באוואוסטזיין בכלל, און אויך וועט דערפון קיין זאך ניט געוואונען ווערען פאר דער פארשטענדיגונג פון דעם איינהייטליכען באַ־וואוסטזיין פון דעם אינדיווויד".

און דער פאפולער־ער וויסענשאפטמאן העלמהאלץ האט שוין לאנג צו־ריק איינגעזעהן, אז די מאטעריע, ווי אויך די קראפט זיינען ניט מעהר ווי אויסטראכטונגען אדער צוטראכטונגען פון אונזער געדאנק, אדער ווי ער האט זיי אנגערופען געדאנקליכע אבסטראקציעס. און ער האט געפרעגט: „פאר וואס קענען מיר ניט, אנשטאט צו דיינקען, אז לעבען איז אנטשטאנען פון מאטעריע, אננעמען, אז דאס לעבען איז אזוי אלט ווי די מאטעריע גופא, און דאס קערענדעל פון לעבען האט זיך אריבערגעטראגען פון איין וועלט קערפער צום אנדערען, און האט זיך אנטוויקעלט אומעטום, וואו נאר עס האט געפונען א גינסטיגען באדען?"

אין דעם בוך „לעבען און מאטעריע" געשריבען אין אנהויב פון דעם צוואנציגסטען יאהרהונדערט, איז דער גרויסער פיזיקער סער אליווער לאדזש, ווי מיר האבען געזעהן, אוועק נאך ווייטער. ער פרעגט, אויב עס איז פאראן אין דער גאנצער וויסענשאפט עפעס אזעלכעס, וואס זאל רעדען דאגעגען א היפאטעזע, וועלכע זאל דערקלערען, אז לעבען איז געווען פריהער פאר מאַ־טעריע, און ער ענטפערט, אז אין קיין איינער פון די וויסענשאפטען, און ניט

אין אלע וויסענשאפטען צוזאמען גענומען, קאן ווער עס איז געפינען עטוואס, וואס זאל קאנען אויסגענוצט ווערען אלס אן אויסזעצונג צו אזא היפאטעזע.

אזא באגריף וועגען די שייכות'ן צווישען לעבען און שטאף מאכט שוין מעגליך פאר אים און פאר אנדערע וויסענשאפטליים פון אונזער יארהונדערט, צו טראכטען וועגען אן אוניווערס, וואס זאל זיין פעהיג אויף אן אומענדליכען אופן זיך צו אנטוויקלען, און וואס זאל זיין פול מיט נאבעלער נאכדיינקונג און דערהויבענער פרייד לאנג נאך דעם, ווי דער גאנצער זון־סיסטעם זאל שוין האבען דערפילט זיין שיקזאל־קרייז, און זאל זיך קאלט און לעבענסלאז האבען צריקגעצויגען אויף זיין אומענדליכען וועג. . .

אנשטאט צו רעדען צום ראדיקאלען און סאציאליסטיש־געזאנגענעם עולם וועגען גאטלאזיגקייט און געזעצמעסיגקייט, וועגען אטעאיזם און מאטעריאליזם און וועגען די אלע אנדערע פורפורנע הייטעלאך פון א גייסטלאזיגען כאראקטער, וואס זיינען אויף א קינסטליכען אופן, אהן א ברעקעל לאגישער און פסיכאלאגישער בארעכטיגונג, ארויפגעצוואונגען געווארען אויף דעם סאציאליזם, דארף מען ליבערשט מאכען אים צו פארשטעהן און צו פיהלען, צו באנעמען און דורכצולעבען די ווערטער פון אלבערט לאנגע, צום סוף פון זיין בוך „די געשיכטע פון דעם מאטעריאליזם".

ער ברענגט דארט דעם וויסענשאפטסמאן ראקיטינסקי'ן וועלכער זאגט: „ווי די מאטעריע איבערהויפט, אזוי זיינען די אטאמען, וועלכע שטעלען זי צענויף. זיי זיינען — ערשיינונג און פארשטעלונג. און ווי מיט דער אויגענשיינליכער מאטעריע, אזוי איז אויך מיט די אטאמען. וועגען די אטאמען, אזוי גוט ווי וועגען דער מאטעריע, זיינען מיר בארעכטיגט צו פרעגען: וואס זיינען זיי מחוץ דער ערשיינונג, מחוץ דער פארשטעלונג? וואס זיינען זיי אן און פאר זיך — וואס איז אין זיי פון דער אייביגקייט פאראן, וועלכע קומט דא צום אויסדרוק?"

„מיט די דאזיגע ווערטער", זאגט לאנגע, „האט ראקיטינסקי צוגעגרייט די דערקלערונג, אז עס איז גראד די אטאמיסטישע לעהרע, וואס שטיצט א אידעאליסטישע וועלט אנשויאונג. דערצו דארף נאר צוגעגעבען ווערען, אז גראד די צוריקפירונג פון אלעם פסיכישעם אויף דעם מעכאניזם פון די געהירען און די נערוועז, איז דער זיכערסטער וועג אויף איינצוזעהן, אז דא שליסט זיך דער בויגען פון אונזער דערקענטניס, ניט בארירענדיג, וואס דער גייסט איז אן און פאר זיך".

„די חושים גיבען אונז, ווי העלמהאָלץ זאָגט, ווירקונגען פון זאַכען, ניט קיין געטרייע בילדער פון די זאַכען, אָדער גאָר די זאַכען גופא. צו די דאָזיגע ווירקונגען געהערען אָבער אויך די חושים גופא אינאיינעם מיט די געהירען און די באוועגונגען פון מאָלעקולען, וואָס געהען אָן, ווי מען שטעלט זיך פאָר, אין די געהירען. מיר מוזען אַלזאָ אָנערקענען די באשטענדיגקייט פון א טראַנסצענדענטאַלער וועלט אָרדענונג".

די, אַלזאָ, וואָס האָבען זיך פארטיפט אין דעם שטודיום פון דעם מאַטעריאַליזם זיינען אַלץ מער און מער איבערצייגט געוואָרען, אַז עס איז ניט פאַראַן און קאָן ניט זיין קיין איין און איינציגע ליניע, וואָס זאָל פירען פון דער מאַטעריע צום גייסט. זיי ווייסען, אַז עס איז ניט פאַראַן און עס איז קיינמאָל ניט געווען אין דער וועלט אַזאַ פאַנטאַזיע, וואָס זאָל אַזוי מאָלען דעם איבער־גאַנג פון שטאָף צו גייסט, פון קראַפט צו נשמה, פון טויט צו לעבען, אַז עס זאָל זיך ווענדען עס איז דיינקענדען מענשען לייגען אויף דעם שכל אָדער אויף דעם געמיט. בכדי אַ דערקלערונג וועגען דער מאַטעריע און אַלץ, וואָס קומט פון איר אָדער מיט איר אַרויס, זאָל אין זיך טראָגען כאָטש אַ שמץ פון באַגרייפליכקייט פאַר דעם שכל הישר, מוז מען אָננעמען, אַז עס איז פאַ־ראַן אַן „עפּעס", וואָס איז העכער און איבער דער מאַטעריע. פון דעם דאָזיגען „עפּעס", וואָס איז אַנדערש פון דער מאַטעריע, הויפּטזעכליך דערמיט, וואָס עס טראָגט אין זיך גופא די אורזאַך פון זיין אַנטשטעהונג, שלאָגען אַרויס די וואָרצלען פון דער מאַטעריע, וועלכע איז אייגענטליך דערזעלבער „עפּעס", נאָר אין אַן אַנדער צושטאַנד אָדער אין אַנאַנדער פאָרם.

און ווי מיט דער מאַטעריע, אַזוי אויך מיט דער גאַנצער נאַטור, ווי זי שטעהט און געהט, און ווי מיר ווערען זי געוואָר מיט אונזערע חושים און ווי מיר באַגרייפען זי מיט אונזער שכל. אויך זי, די נאַטור, די נייעסטע עבודה זרה פון דעם ראַדיקאַל, פאַר וועלכער ער האָט זיך געקניט און געבוקט און געהאָפט, אַז זי וועט אים סוף כל סוף סוף אויסלייזען פון יעדען שמאַרץ און פיין — אויך זי די „הייליגע" נאַטור, איז ניט „דאָס אַלץ" פון דער אוניוועערס, ניט דאָס גאַנצע, וואָס קאָן אַרומנעמען, פאַרפאַלקאָמען און צופריי־דענשטעלען אונזער גייסטיגען ווזען, אונזער נשמה'דיגען תוך און תמצית.

בערגמאַן, איינער פון די העלדען פון פרצ'ס „גאָלדענע קייט", איינער, וואָס רעפּרעזענטירט די וויסענשאַפט, גלויבט, ווי אַלע אירע רעפּרעזענ־טאַנטען, זעהר שטאַרק אין דער נאַטור.

יונתן זאָגט וועגען אים גיפטיג:

די נאַטור!

און געזעץ...

און זאָגט ער דאָך: די „נאַטור"..

און לאה, די העלדין אין דער דראמע, וואָס סימבאָליזירט מיט זיך מסתמא, דעם אויף א ווײלע, פון איר שיין פארבלענדעטען עולם, האלט א וועלט פון בערגמאנען. גלויבט אין אים ווי אין א הייליגען.

זי שרייט:

פינסטערער עולם, האלט!
א ווארע מאך!
לאָזט דורך די מענשען פון ליכט
וואָס געהען אין ווייטען
וועג צום ליכט!

עס נעהמט אָבער ניט לאַנג און לאה, דאָס הייסט דער פשוט'ער, ניט מיט צופיעל בראָשורען געקאָרמעוועטער, עולם דערפילט, אז

נאַטור...

אָהן רחמנות פאלש!

געזעץ איז א קייט!

נאַטור איז א שטריק אופן האלז,

ווערגט, שטיקט, לאָזט ניט עטעמען, דער שטריק!

לאה דערשפירט אינטואיטיוו אָדער אינסטינקטיוו, אז ווען די נאַטור זאָל זיין, חלילה, דער גאַנצער אמת, ווען די מאַטעריע זאָל ווירקליך זיין דער אָנהויב פון אַלע אָנהויבען, דער סאַמע לעצטער סוף און די גאַנצע מהות פון דעם וועלט־אַל, ווען לעבען זאָל טאַקע קאָנען, ווי דער וויסענשאַפטסמאַן האָט זיך פאָרגעשטעלט, רעפראָדוצירט ווערען אין דער כעמישער לאבאראַטאָריע, וואָלט יעדער ברעקעל זין, יעדער פיצעלע ווערט, וואָס אונזער פאַנטאַזיע שרייבט צו צום לעבען, ווי מיט'ן רויך פון אים אוועק,

און מיר וואלטען זיך דערפילט ווי האלאוועשקעס, וואס ברענען האבען מיר ניט צוליב וואס, און אויף אויסלעשען זיך האבען מיר ניט גענוג קראפט און מוט. וואלט זי אבער דאך געווען דער אמת, אין זיין גאנצער פולקייט, וואלטען מיר פאר איר, אלס פאר דער פארקערפערונג פון דעם אמת, זיך געמוזט בויגען. זי איז דאס אבער נים. זי איז בלויז א טייל פון דער רעאליטעט, און, ממילא, בלויז אן אויסדרוק פון דעם אמת, און בשום אופן ניט דער גאנצער אמת. זי, אין איר גאנצער טיעפקייט און ברייטקייט, לייזט נאך ניט אלע פלאגענישען פון דער מענשליכער נשמה; זי פארענטפערט ניט דעם „פארוואס" און „ווי אזוי", וואס עגבערען דעם מענשליכען מוח און דעם „צוליעב וואס"—אודאי און אודאי ניט.

דאס איז דער געדאנק וואס אויף אים באשטעהט זעהר שטארק, דער לעצטער גרעסטער דיינקער פון ענגלאנד, ברעדלי.

„די נאטור", זאגט ער אין זיין בוך „שיין און ווירקליכקייט", „איז נאר איין טייל פון דעם פילענדען גאנצען. דעם דאזיגען טייל האבען מיר מיט אונזער אבסטראקציע אפגעזונדערט און אים פארגרעסערט דורך טעארעטישער נויטווענדיגקייט און סכעמא, און דערנאכדעם האבען מיר דעם דאזיגען פראגמענט אוועקגעשטעלט אלס עטוואס וואס עקזיסטירט פאר זיך זעלבסט. און די וויסענשאפט, אדער דאס, וואס ווערט אמאל אנגערופען וויסענשאפט, געהט ארויס פון אירע ראמען צו מאכען א גרויסען טעות. זי נעמט אן אן אינטעלעקטועלע קאנסטרוקציע פון די באדינגונגען פון דער ערשיינונג, פאר אן אומאפהענגיגער רעאליטעט, און זי וואלט ארויפגעווארפען אויף אונז די דאזיגע פיקציע אלס די איינציגע זאך, וואס האט א סאלידעם וועזען".

„די נאטור אליין איז ניט רעאל. די נאטור איז בלויז אן ערשיינונג אינוועניג אין דער רעאליטעט... זי איז א טיילווייזער און אומפאלקאמענער אויסדרוק פון דעם אבסאלוט. די פיזישע וועלט איז אן אבסטראקציע, וואס צוליב געוויסע צוועקען ווערט זי ווי געהעריג אן און פאר זיך באטראכט; ווערט זי אבער גענומען אלס עפעס, וואס קאן אלע מאל איר אייגען שטעטעל באשטעהן, ווערט זי תכף ומיד זעלבסט ווידערשפרעכענד".

און איז די נאטור ניט די רעאליטעט גופא, און איז זי פול מיט אינערליכע ווידערשפרוכען, איז שוין זעלבסטפארשטענדליך, אז קיין נאטור-ווי-

סענשאַפט און ניט אַלע נאַטור־וויסענשאַפטען אינאיינעם גענומען, קאָנען פאַרענטפערען וועלכע עס איז פראַגע, וואָס האָט אַ שייכות צו דעם עצם מהות פון דעם זיין און ווערען פון דער וועלט.

און דער דאָזיגער געדאַנק, אַז די נאַטור דערקענטניס, מעג זי זיך אַראָפּ־לאָזען ווי טיעף און אויסקלאָזען זיך ווי ווייט, וועט קיינמאָל ניט פירען צו דער רעאַליטעט, דער געדאַנק, אַז די נאַטור איז ניט אידענטיש מיט דער רע־אַליטעט, האָט זיך דורכגעזעצט דורך דעם אומציוויליזירטען קאָפּ פון דעם רוסישען פויער אַנדראָנאַוו, וועגען וועמען מיר האָבען שוין פריהער גערעדט. דער דאָזיגער פויער איז פון זיך אַליין געקומען אויף דעם וועג, אין וועלכען עס געהט די נייעסטע פילאָזאָפיע. אַליין, מיט אייגענע ניט פּאָלירטע קול־טור כחות, האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויף די געדאַנקען, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט אין די נייעסטע שווערע און גרויסע מעטאַפיזישע ביכער.

„די וויסענשאַפט“, זאָגט אַנדראָנאַוו (אַזוי ניט איבער אַלגין) „קאָן דער־קלערען ווי אַזוי די וועלט האָט זיך אַנטוויקעלט פון אַ נעבעל־פלעק, און ווי אַזוי אַלצדינג טוט זיך אויף אַ נאַטירליכען אופן, אָבער פון וואַנען האָט זיך גענומען דער נעבעל־פלעק? ווער האָט אים באַשאַפען?“ און אַנדראָנאַוו וויל זיך ניט אָפּשטעלען ביי דעם סתם „איך ווייס ניט“, וואָס אויף דעם אָפיציעל פילאָזאָפישען לשון וואָלט עס געהייסען, ביי דעם אַגנאָסטיציזם. אפשר אויך דערפאַר, וואָס ער פיהלט, אַז דער „איך ווייס ניט“ גופא איז שוין אין זיך כולל אַ גרויסע שטיק וויסען וועגען דעם וואָס מיר זאָגען, מיר ווייסען ניט.

קאָלומבוס' טראַכטען גופא וועגען אַנאַנדער וועג קיין אינדיע, זיין גוואַלדיגע אומצופריעדענהייט מיט די וועגען, וואָס האָבען געפיהרט קיין אינדיע ביז צו יענער צייט, האָט שוין באַטייט אַ זיכערע עקזיסטענץ פון אַ וועג ערגעץ וואו דרויסען פון זיין אייגענער און אַנדערע מענשענס דערפאַרונג. פאַר דער פליג, וואָס האָט קיין שום אהנונג ניט וועגען דעם, אַז זי ווייס ניט וואָס עס טוט זיך אויף דער אַנדערער זייט פון אַ קיילעכדיג איי, בעת זי שטעהט אויף איין זייט איי, עקזיסטירט טאַקע ניט די אַנדערע זייט פון דעם איי. האָט שוין אָבער עמיצער אַ באַגריף אָדער אַ שפּירונג וועגען אַ יענער זייט אָדער וועגען אַ העבער און אַן איבער, איז די שפּירונג גופא, די שטאַרקסטע גאַראַנטי, אַז איך ווייס יאָ עפּעס וועגען דעם, וואָס מיר ווילט זיך

זאָגען, ווען איך זאָל אַלץ לאָזען צום שכל, אז איך וויים ניט. די דאָזיגע שפּירונג האָט עס געטריבען קאנט׳ן, אויף דעם גרונד פון דער פּראַקטישער פארנונפט, אריינצוגעבען אין זיין טראנסצענדענטאַל א זיכערען אינהאלט וואָס זאָל גאָר א סך זאָגען דער מענשליכער נשמה.

שוין אין זיין „קריטיק פון דער ריינער פארנונפט” געפינען מיר א פּאַראגראף פון אומגעהויער וויכטיגקייט וועגען דער ראָלע פון די אידעען אין דעם מענשליכען לעבען, וועגען דער ווירקונג און איינפלוס פון די אידעען, וועלכע שטייגען אריבער יעדע זינליכע ערפארונג. און ווי קאנט שטיצט זיך אין דעם דאָזיגען פאראגראף אויף פּלאטאָ, אזוי שטיצט זיך די פילאָזאָפיע פון דעם אָנהויב פון דעם צוואנציגסטען יאָרהונדערט אין דעם קאמף געגען דעם ענגלישען אַגנאָסטיציזם, אויף דעם פאראגראף פון קאנט׳ן און אזוי ארום פיהלט זיך ווייטער די אומאיבערגעריסענקייט פון דער אידעאַליסטישער קייט אין דער פילאָזאָפיע, וועלכע ציהט זיך פון פּלאַטאָ ביז בערגסאָן. און, פריהער אָדער שפּעטער, וועט, אויף אזא אָדער אנאנדער אופן, מוזען אָנגעטשעפּעט ווערען אין דער דאָזיגער קייט דער צוג פון דער ראדיקאלער סאָציאָלאָגיע, וועלכער לויפט אין דער ריכטונג פון וואוילזיין פאר דער גאַנצער געזעלשאפט, פאר דעם גאנצען פאָלק און פאר דער גאנצער מענשהייט.

„ניט נאָר”, זאָגט קאנט, „אין דער ספערע פון עטיק, נאָר אויך אין דער נאטור גופא האָט פּלאטאָ אנטדעקט קלאָרע באווייזען וועגען איר אנטשטעהונג פון אידעען. א פלאַנץ, א חיה, דער רעגולערער פּלאַן פון קאָסמאָס (און דאַריבער אפשר דער גאנצער סדר פון דער נאטור) ווייזען קלאָר, אַז זיי זיינען מעגליך נאָר לויט אידעען... און הגם קיין איינציגע באַשעפעניש קאָן ניט, אונטער די באַזונדערע תנאים פון איר עקזיסטענץ, פאָלשטענדיג צענויפשטימען מיט דער אידעע פון דעם, וואָס איז העכסט פאָלקאָמען אין זיין מין, פונדעסטוועגען ווערען די דאָזיגע אידעען באַשטימט דורכאויס פאר זיך גופא אַלס אומפארענדליכע אין דעם העכסטען פארשטאנד, און זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט די אָריגינעלע אורזאכען פון זאכען...”

„פיעל אכטונג פארדינט די אָנשטרענגונג פון דעם פילאָזאָף צו שטייגען אויף א טעלעאָלאָגישען אופן פון דער בעאָבאכטונג און קאָפּירונג פון דער פיזישער זייט פון דער נאטור צו אַן ארכיטעקטאָנישער סיסטעם פון איר, ד. ה. אין אנקלאַנג מיט אידעען. אזא אָנשטרענגונג איז ווערט אַז מען זאָל

איר נאָכמאַכען. אומגעהויער פיעל זיינען ווערט די אָנשטרענגונגען פון דעם פילאָזאָף, ווען עס האנדעלט זיך וועגען די פּרינציפּען פון מאָראַל, געזעצע און רעליגיע, וואָס זיי זיינען עס די אידעען גופא, וועלכע מאַכען מעגליך די דערפאַרונג, כאָטש זיי קאָנען קיינמאָל ניט פאָלשטענדיג רעאַליזירט ווערען אין דער דערפאַרונג... אין באַצוג צו דער נאַטור — איז עס בלי ספק די דערפאַרונג, וועלכע גיט אונז די רעגעלען, און זי עס דער פונדאַמענט פון דעם גאַנצען אמת. אין באַצוג אָבער צו די מאָראַלישע געזעצען איז דאָס פאַרקערט: דאָרט איז די דערפאַרונג בלויז דער קוואַל פון אילוזיע! און שטרענג געטאַדעלט דאַרף ווערען יעדער פאַרזוך, וואָס ווערט געמאַכט אויף צו באַגרעניצען די געזעצען פון דעם, וואָס מיר דאַרפען טאָן, לויט דערפאַרונג פון דעם, וואָס מיר האָבען געטאָן.״

די קראַפט אין אונז, וואָס לאָזט זיך אונז בשום אופן ניט אָפּשטעלען ביי דעם „איך ווייס ניט״, און פון די טיעפסטע טיעפענישען שרייט צו אונז: זענגעל ווייטער, זענגעל ווייטער! — די דאָזיגע קראַפט, וואָס טרייבט פון צייט צו צייט קליין און גרויס, געלערנטע און נישט קיין געלערנטע, צו זוכען און צו גריבלען זיך אין דעם, וואָס דער שכל הישר האָט ערקלערט אַלס אומדערקענטבאַר, זאָגט עדות, אַז עס זיינען פאַראַן פעדים, וואָס ציהען זיך צווישען אונז און צווישען דער רעאַליטעט, וואָס זי קאָנען מיר צייטענווייז, אויב ניט פאַרשטעהן, פיהלען, אויב ניט זעהן, איז שפּירען.

מיין קליין זונעלע, פינף יאָר מיט זיבען חדשים אַלט, ליגט איין מאָל אין בעט גרייט איינצושלאָפען. מיט אויגען שוין האַלב צוגעמאַכט הויבט ער זיך אויף און זאָגט צו מיר: „פּאַפּאַ, ווייסט, איך טראַכט שוין לאַנג, לאַנג, וועגען עפּעס און איך קאָן ניט אויסטראַכטען״.

„וועגען וואָס״ פרעג איך אים „טראַכסטו דאָס אַזוי לאַנג?״

„איך טראַכט״ זאָגט ער „ווי אַזוי איז דער ערשטער מענש געקומען אויף דער וועלט, ער האָט דאָך קיין מאַמע ניט געהאַט״.

„פאַרוואָס האָסטו מיך ניט געפרעגט? דו פרעגסט דאָך מיך אַלע־מאָל?״ פרעג איך אים, און ער ענטפערט מיר שנעל און קורץ: „ווייל די ווייסט ניט, דו קאָנסט אַזאַ זאַך ניט וויסען, קיינער קאָן עס ניט וויסען. קיינער איז דאָך יעמאָלט ניט געווען״.

„טא פאר וואסזשע טראכסטו וועגען דעם? לאז איך ניט אפ. „ווייל" טוט ער א זאג, „איך קאן זיך ניט העלפען. איך וויל עס וויסען. עס טראכט זיך אליין".

און אט דער דאזיגער „עס טראכט זיך אליין" ביי קינדער, פויערים און פילאזאפען, טרייבט אונז צו גלויבען, און באַרעכטיגט דעם גלויבען, אין אן אבסאלוטער פאלקאמענער קראפט, וואס איז דורכגעדרונגען מיט אן אי־בערבאוואוסטזיין, מיט אן איבער־געפיהל, און אן איבער־ווילען. דער דא־זיגער „עס טראכט זיך אליין" לאזט קיין ארט ניט פאר דעם אגנאסטיציזם פון א ספענסער, א האקסלי און א דארווין.

„צו זאגען", שרייבט ברעדלי, „אז די רעאליטעט איז אזא, אז אונזער דערקענטניס קאן זי ניט דערגרייכען, מיינט צו פרעטענדירען, אז מיר וויסען די רעאליטעט; צו דרינגען, אז אונזער דערקענטניס איז פון אזא מין, וואס איז ניט אין אירע כחות אריבערצושטייגען די וועלט פון ערשיינונגען, הייסט שוין אנצודייטען אויף אן איבערשטייגונג. מחמת ווען מיר זאלען ניט האבען קיין אידעע פון א יענער זייט, וואלטען מיר זיכער ניט געוואוסט וועגען ערפאלג אדער מיסערפאלג. און דער טעסט, וואס דורך אים אונ־טערשיידען מיר זיי, מוז אויגענשיינליך זיין א וועלכע עס איז באקאנטשאפט מיט דעם כאראקטער פון אונזער ציעל".

און דא געהט ווייטער די מעטאפיזיק מיט אונ׳ער פויער איוואן אנדרא־נאוו.

אנדראנאוו זאגט: „יעדער מענש פיהלט מיט זיין הארץ, ניט מיט׳ן מח, נאר מיט זיין הארץ, אז עס איז דא א וועזען, א גרויסע קראפט, א גע־היימניספולעס עטוואס, וואס רינגעלט אונז ארום און ריהרט אונז אן מיט אומגעזעהענע פינגער. געה אריין אליין אין קירך און הער זיך איין, וואס עס טוט זיך אין דיין הארץ. געה ארויס אין פעלד אין א שעהנעם פרי־מארגען און דערפיל דעם ציטער פון דיין נשמה. שפירסטו ניט, אז אימי־צער איז מיט דיר, אימיצער רעדט אין דיינע אויערען, אימיצער גיסט א הייליגען סוד אין דיין הארץ? טא ווער איז דאס?"

און אנדראנאוו׳ס ענטפער צו דער פראגע איז: „אהן א גאט קאנסטו ניט דערקלערען דעם אנהויב, פארוואס זאלסטו ניט אננעמען אז גאט איז געווען אין אנהויב פון אלץ".

די פילאָזאָפיע, אלזאָ, ווי די וויסענשאַפט, די וויסענשאַפט ווי די קונסט און די קונסט ווי די פשוטע און אייגפאַכע נשמות פון פויערים און קינדער, וואָס האָבען זיך נאָך אין דער ציוויליזאַציע ניט פיעל געטונקען, און וואָס זיינען נאָך ניט באַטרונקען געוואָרען פון די אלע באַקוועמליכקייטען, וואָס שטאָל און אייזען, דאַמף און עלעקטריק האָבען דער מענשהייט געגעבען — זיי אלע רעדען בקול רם געגען דעם מאַטעריאַליזם און נעגען, ווי פּרצ׳ס לאה וואָלט געזאָגט, א הפקר וועלט—אַ וועלט אָהן א הארץ און אָהן א נשמה, אָהן א בעוואוסטזיין און אָהן א ווילען, אָהן א זין און אָהן א צוועק.

ווי לאַנג נאָך וועלען געזעלשאַפטליכע טעאָריען, און דער עיקר טעאָריען פּראָגרעסיווע און ראַדיקאַלע, זיך ניט רעכענען מיט דער וויסענשאַפט, קונסט און פילאָזאָפיע פון דער נייער צייט? ווי לאַנג נאָך וועלען זיי קאָנען אָטעמען מיט א לופט, וואָס אין איר ווערט דער אקסיגען ווענינער פון מאָמענט צו מאָמענט? ווי לאַנג נאָך וועלען זיי קאָנען לעבען אין אַן אַטמאָספּערע, וואו אַלטקייט און פאַרשימעלטקייט רוהט אויף יעדער זאַך, וואָס האָט נאָך א שטיקעל פּרצוף, וואָס פאַרמאָגט נאָך אַ שטיקעל אויסזעהען?

אונז דוכט זיך, ניין מיר זיינען דערין זיכער, אַז דער איצטיגער ראַדי־קאַליזם, און מיט אים די גרונדלאַגען פון די ראַדיקאַל סאָציאָלאָגישע „איז־מען" צעהלען זייערע לעצטע מינוטען. צו אַלט איז שוין דער מאַטעריאַליס־טישער און אַטעאיסטישער ראַדיקאַליזם, ער מוז אַראָפּגעהן פון דער ביהנע, און מיט אים צוזאַמען זיין פאַרשייטע און אויסגעשפּילטע מאַטרעסע, די ציוויליזאַציע.

אויף אַ ראַדיקאַליזם, וואָס זאָל לייקענען אַלע אַלטע ווערטען, און זאָל אליין ניט נאָר ניט שאַפען, נאָר זיך אפילו ניט רעכענען מיט די, פון אַנ־דערע געשאַפענע ווערטען — אויף אזא ראַדיקאַליזם האָט די מענשליכע נשמה לאַנג לעבען ניט געקאָנט.

נאָר א סך מענשען הויבען איצט אָן אוועקגעהן פון דער וועלט מיט דעם נעפיל פון א „מאָריץ בענדיטזאָן־זון", דעם געפיהל, אַז זיי געהן אוועק פון דער וועלט נישט פאַר נחת, נישט פאַר עגמת נפש, נאָר פון לערקייט. זיי פיהלען, אַז זיי האָבען קיין זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיי איינהאַל־טען און צובינדען צו איר, זיי פילען אַז זיי זיינען אַן עקר סיי מיט דעם גוף, סיי מיט דער נשמה".*)

* פּרצ׳ס: פיר דורות, פיר צוואות.

„נישטאָ קיין פונדאמענט אין לעבען! נישטאָ קיין אינהאלט אין דעם איצטיגען לעבען!“ שרייט דער רוסישער פויער איוואן אנדראָנאָוו און מיט אים, גלויבען מיר, מיליאָנען מענשען פון דער גאנצער וועלט.

דער סקולפּטאָר ווארקהארט, אין וואסערמאנ'ס „קריסטשיאן וואנ־שאפּע“, זאָגט: „די מענשהייט האָט איצט איר גלויבען פארלאָרען. דער גלויבען האָט ארויסגערונען ווי וואסער פון א צעפּלאצטער גלאָז. אונזער דור איז טיראניזירט פון מאשינעריי... ווער וועט אונז ראטעווען פון מאשינעריי און פון געשעפט? דער גאָלדענער קאַלב איז געוואָרען פארריקט. דער גייסט פון מענשען קניט און בוקט זיך פאר לאגערען מיט סחורה. ער נויגט זיך צו דער אויסערליכקייט — צום אויסדרוק, צו דער ליניע, צו דער ארע־בעסקע, צום זשעסט און צו דער מאסקע. אַלץ איז פארקאָכט אין דער אר־בייט פון אָנזאַמלען און אָנקלייבען, און אַלץ איז באלויכטען מיט דעם ליכט פון די עלעקטרישע לאָמפּען. אויף אזא אופן פליהט די נשמה אוועק, די גוטסקייט הערט אויף, די פאָרם ברעכט צענויף און די יראת הכבוד שטארבט אָפּ. שווידערסט עס דיך ניט ווען דו טראַכטסט וועגען דעם דור, וואָס וואקסט איצט אויף? די לופט איז איצט אזוי, ווי זי איז געוועזן אין די צייטען פון פאר דעם מבול“.

א נייער ראדיקאליזם מוז קומען אויף דער וועלט, אָדער אפשר גאָר א ראדיקאלער קאָנסערוואטיזם, וואָס זאָל פארנעמען דאָס אָרט פון דעם קאָנ־סערוואטיווען ראדיקאליזם. דער נייער ראדיקאליזם וועט מוזען ארבייטען פאר דער קאָנסערווירונג פון אַלץ אין דעם אַלטען, וואָס איז געוועזן שעהן, דערהאבען און הערליך. ער וועט מוזען אין לעבען אריינברייננגען, אלס א ווירקענדע קראפט, אַלץ פון דעם אַלטען, וואָס איז אייביג, אבסאָלוט און פאָלקאָמען, און וואָס, ווען עס בייט אין פארלויף פון צייט אויף טויזענדערליי אופנים זיין פאָרם, בלייבט עס אָבער אין זיין וועזענטליכסטער ווזענהייט, אין זיין תוך און תמצית'דיגען אינהאלט, אַלע מאָל דאָס זעלבע. די מענשהייט קאָן אויף א ווייליטשקע, ווי זי האָט עס געטאָן פאר די לעצטע עטליכע צענ־דליג יאָר, פארגעסען זיך אין דעם אייביגען ווערט, וואָס ליגט אין שפּילקעלע, וואָס מיט איר „שפּיליעט זיך א אידישע טאָכטער צו די זוים פונ'ם קלייד צו די פּיס און שטעקט מיט אריין די שפּילקעס זיך אין לייב — עס זאָל איר לייב ניט אנטפּלעקט ווערען, ווען דאָס פערד וועט זי שלעפּען אין די גאסען...“*

*) פּרצ'ס: דריי מתנות.

די מענשהייט קאָן פון אויג אַרויסלאָזען אויף אַ קורצער צייט דעם ווערט וואָס ליגט אין אַ ביסעלע ארץ ישראל ערד, וואָס דער גביר האָט גע־וואָלט ראַטעווען פון פרעמדע הענט און אויגען, און ער האָט עס מיט זיין בלוט באַשפּריצט..."**

די מענשהייט קאָן אַמאָל זיך ניט ווימענדיג מאַכען, אָדער אפשר גאָר אַ מאָל גוטמוטיג אַ שמייכעל טאָן, ווען מען רעדט צו איר וועגען דעם ווערט וואָס ליגט אין דער יאַרמולקע, וועגען וועלכער דער פרומער איד, געהענדיג אין סטרוי, איז זיך מישב און באַשליסט: „ער וועט ניט געהן בגלוי ראש, און ער געהט צוריק ביז צום אָרט, וואו די יאַרמולקע ליגט, ער בויגט זיך איין און הויבט זיך אויף און דרעהט זיך צוריק אויס און געהט ווייטער רוהיג, רויט פאַרבלוטיגט, נאָר מיט דער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, אַזוי געהט ער, ביז ער פאַלט..."***

דאָס זיינען אָבער ווערטען, וואָס קאָנען ניט צונישט געמאַכט ווערען, און צו לאַנג קאָן די מענשהייט אָהן זיי ניט אויסקומען.

דער ראַדיקאַלער און פּראָגרעסיווער עלעמענט, דער גאַנצער יונגער דור, וועט פון דאָס ניי מוזען דערשפּירען, דערפיהלען און איבערלעבען די גרויסע ווערטען, די גרויסע קולטור טיעפענישען, וואָס ליגען פאַרבאָרגען אין זאַכען, וועלכע אין ליכט פון ציוויליזאַציע האָבען זיי קיין מאָס און קיין וואָג ניט, קיין נוץ און קיין דיענסט ניט, און ממילא קיין באַטרעף ניט.

פריהער, איידער דאָס וועט געשעהען, קאָן ניט קומען די אמת'ע סאָציאַלע רעוואָלוציע, די רעוואָלוציע וואָס מוז איבעראַנדערשען ניט נאָר פאָרמען פון לעבען, נאָר אויך אַ סך אינהאַלטען. נייע שייכות'ן צווישען מענש און מענש, שייכות'ן, וואָס זאָלען ברענגען נשמה־פרייד און נשמה־גליק דעם מענשען, קאָנען ניט אַנטשטעהן יעמאָלט, ווען מענשען פאַרלירען זייער חוש פאַר די שייכות'ן צווישען מענש און איבערמענש, פאַר די שייכות'ן, וואָס זיינען פול, ניט נאָר מיט לאָגיק און געזונטען מענשען פאַרשטאַנד, ניט נאָר מיט דער קלאָרקייט פון שניי און פעסטקייט פון אייזערנע בריקען, נאָר מיט כאַאָס און זעלבסט פאַרלאָרענקייט און מיט דער מטושטש'קייט און באַ־

** פּרצ'ס : דריי מתנות.

*** פּרצ'ס : דריי מתנות.

דענלאזיגקייט, וואס גרעניצט זיך פון איין זייט מיט געניאליטעט און פון דער אנדערער זייט מיט משוגעת.

די וועלט מיסטעריע, וואס פילט אן יעדעס פאלדעלע און יעדען קנייטשעלע פון דער וועלט נשמה, מוז פון דאס ניי זיך דורכרייסען דורך די אברים, צעלען און געוועב פון דער מענשהייט, וועלכע געהט אוים פון קולטור הונגער, און ערשט דערנאכדעם וועט קאנען קומען די רעוואלוציע, וואס אויף איר ווארט, ווי אויף משיח'ן, דער ליידענדער טייל פון דער מענשהייט.

„פאראנען", — זאגט טאגאר, „מענשען וואס פארלירען דעם געפיהל פון מיסטעריע, וואס ליגט ביים ווארצעל פון אלע אונזערע אנטציקונגען, ווען זיי אנטדעקען די איינהייטליכקייט פון געזעץ צווישען דער דיווערזיטעט פון דער נאטור. אזוי ווי גראוויטאציע וואלט ניט געווען מער מיסטעריע איידער דאס פאלען פון אן עפעל, אזוי ווי עוואלוציע פון איין גראד פון דעם זיין צו אנאנדערען, וואלט געווען ניט עפעס, וואס קאן נאך ווייניגער דערקלערט ווערען, איידער די איינע נאך דער אנדערער קומענדע באשאפונג. די צרה איז, וואס מיר שטעלען זיך זעהר אפט אפ בא אזא געזעץ, ווי עס וואלט געווען דער סוף פון אונזער זוכעניש, און דערנאכדעם געפינען מיר אוים, אז עס הויבט אפילו ניט אן צו באפרייען אונזער גייסט, ער גיט נור א צופרידענשטעלונג צו אונזער אינטעלעקט, און אזוי ווי ער אפעלירט ניט צו אונזער גאנצען וועזען, טוימעט ער אפ בלויז אין אונז דעם חוש פאר דעם אומענדליכען".

פון דער דאזיגער אפטויטונג וועט דער מענש צו זיך קומען ניט נאר ווען ער וועט זיך לגמרי באפרייען פון די אלערליי מאטעריאליסטישע וועלט אנשויאונגען, נאר אויך פון דעם ראציאנאליזם, מיט וועלכען אויך דער אידעאליזם האט ביז ניט לאנג צוריק געהאט גאר א שטארקע און ענגע פארבינדונג.

7.

דער ערשטער און גרעסטער פארשטעהער פון דער אידעאליסטישער פילאזאפיע, דער אומפארגעסליכער פלאטא אליין, האט אהן א שיעור פארגעטערט די ראציא. פלאטא האט געגלויבט, אז נאר דורך איר, דורך דער פול מיט אויג פארנונפט, קאן דער מענש דערזעהען דאס טיפסטע און רעאלסטע אין זיך אליין און אויך אין דער גאנצער וועלט.

„בכדי צו זעהן זי (די נשמה)“, זאָגט פּלאַטאָ אין זיין „רעפּובליק“, ווי זי איז פאַרדאָרבען פון דעם פאַרקער מיט דעם קערפּער און אַנדערע שלעכטס־קייטען, מוזטו זי באַאָבאַכטען מיט דעם אויג פון דער פאַרנונפט אין איר אָרי־גינעלער ריינקייט, און יעמאָלט וועט זיך איר שיינקייט אַנטפּלעקען“.

עס איז דער ראַציאָנאַליזם, וואָס האָט געמאַכט פּלאַטאָ'ן צו דיינקען אַזוי ווענינ, און אַזוי צו קליין געלט צו מאַכען די פאַרדינסטען און די ווער־טען פון דער קונסט. פּלאַטאָ האָט בשום אופן ניט געגלויבט, אַז די קונסט קאָן ווען עס איז נאָהענט צוקומען צו דער רעאַליטעט און זי פאַר אונז אַנט־פּלעקען אָדער אָפּשפּיגלען. קונסט אין אַלע אירע פאָרמען איז געווען פאַר אים ניט מער ווי אַ נאָכאַמונג. און נאָר דערפאַר וואָס פּלאַטאָ איז געקומען צום שלום, ווי ער דערציילט אונז אין דעם נאָמען פון סאָקראַטעס'ן אין דער „אַפּאָ־לאָגיע“, אַז די פּאָעטען שאַפען ניט מיט זייער פאַרנונפט — מחמת גאַנץ אָפט פאַרשטעהען זיי אַליין ניט דעם זין און באַטייט פון זייער שאַפונג, — נאָר מיט אַ באַזונדערער, דורך דער פאַרנונפט ניט דערקלערטער, אינספּיראַציע און געניאַליטעט—און דערפאַר האַלט ער זיך אַליין אַלס פילאָזאָף, וועלכער אַר־בייט, ווי ער דיינקט, דורכאויס מיט חכמה און שכל, אַ סך העכער פאַר אַלע פּאָעטען. און אין זיין „רעפּובליק“ געהט פּלאַטאָ אַזוי ווייט, ווי ניט צו דערלוי־בען די אַנטוויקלונג פון פּאָעטען אין אַ גוט איינגעאָרדענטען שטאַט אויף דעם גרונד וואָס זיי, די פּאָעטען, „דערוועקען, דערנעהנטערען און שטאַרקען די געפילען און שוואַכען אָפּ די פאַרנונפט“.

„קוים“, זאָגט פּלאַטאָ, „דערלויבט איר די האָניג־זיסע מוזע אַריינצו־טרעטען אין עפּישע אָדער לירישע פּערזען, וועלען אין אונזער שטאַט שוין הערשען לוסט און אומלוסט, און ניט דער געזעץ און די פאַרנונפט, וועלכע זיינען פון אַלע מאָל אָן פון אַלעמען אַנערקענט געוואָרען אַלס די בעסטע“.

גאָר אַנדערש האָט די פילאָזאָפיע אָנגעהויבען קוקען אויף דער קונסט זינט שאָפּענהויער איז געקומען אויף דער וועלט: שאָפּענהויער האָט געגעבען דעם שטאַרקסטען און טיפסטען אויסדרוק צו דעם איראַציאָנאַליזם, וועלכען שעלינג האָט בלויז אָנגעהויבען צו אַנטוויקלען. די קונסט ארבייט טאַקע, ווי פּלאַטאָ האָט עס איינגעזעהן, אויף אַן איראַציאָנאַלען אופן. די דירעקטע און באַלדיגע אַנשויאונג אָדער אינטואיציע, און ניט די לאָגיק אָדער פאַרנונפט, שפּילט בא איר די גרעסטע ראָלע. און דוקא דערפאַר, האָט שאָפּענהויער גע־דיינקט, איז זי מער פאַר אַלע אַנדערע צווייגען פון קולטור מסוגל אונז צו

געבען דעם טיפסטען איינבליק אין דעם הארץ פון דער אוניווערס. מחמת נאר יעמאלט, ווען דער מענש ווערט אויפגעטרייסלט ביז זיינע טיפסטע טיפעני־שען, אזוי, אז ער פערלירט זיין אנהאלט אין דער, ווי שטאל און אייזען שטארקער, און ווי אייז, קאלטער לאגיק, קומט ער אין באריר מיט דער מהות פון דער וועלט, וועלכער איז „ו ו י ל ע ן" אין אלע פארמען און געשטאל־טען.

שאפענהויער גיט צו, אז קאנט איז געווען גערעכט, ווען ער האט אוועק־געשטעלט א גרעניץ פאר דער מענשליכער דערקענטניס, וואס איבער איר קאן די ריינע פארנונפט ניט אריבערגעהען. פון יענער זיינער גרעניץ איז דאס אומדערקענטבארע, די זאך אין זיך אליין.

אבער די ריינע פארנונפט נעמט נאך ניט ארום דעם גאנצען מענשליכען גייסט, פיהלט נאך ניט אויס זיין גאנצע נשמה. זי, די נשמה, איז דאך פול אויך מיט באגערען און באשטרעבונגען, מיט פארלאנגען און נייגונ־גען, שטימונגען און געמיטען, וואס אלע אינאיינעם גיבען זיי דעם מענשען זיין תענוג און עגמת נפש, זיינע שרעקען און זיינע האפענונגען, זיינע אינ־ספיראציעס און זיינע אנשטרענגונגען, און אין דעם דאזיגען תוהו ובוהו פון דער מענשליכער נשמה אנטפלעקט זיך דער תמצית פון דעם וועלט־אל, און זיכער אונטער דעם איינפלוס פון שאפענהויער, האט ניטשע אין זיין „אזוי רעדט זאראטוסטרא" געשריבען, „איך זאג אייך: מען מוז נאך האבען א סך תוהו ובוהו אין זיך כדי צו קאנען געבארען א טאנצענדען שטערען".

דער גרויסער קאנטראסט צווישען ראציאנאליזם און איראציאנאליזם ווערט ארויסגעבראכט אין זיין גאנצער שטארקייט און קלארקייט, ווען מען פארגלייכט די מיינונגען וועגען דערציהונג פון דעם ערשטען ראציאנאליסט, פלאטא און דעם ערשטען אנזאגער פון איראציאנאליזם, רוסא.

נאכדעם ווי פלאטא האט אויסגעפונען, ווי מיר האבען געזעהן פריי־הער, אז יעדע רעגיערונג איז אן און פאר זיך שלעכט, און אז אירע געזעצען זיינען אן אויסדרוק פון אומגערעכטיגקייט און דינען אלע מאל די פריוואטע אינטערעסען פון די רעגיערער, איז ער נאך א לאנגען טראכטען ווי אזוי אויסצומיידען די שלעכטסקייט, געקומען צום שלוס, אז דאס וועט געשעהען נאר יעמאלט, ווען אין דער שפיץ פון דער געזעלשאפטליכער פאליטיק וועלען אוועקגעשטעלט ווערען די בעסטע מענשען, וואס די מענשליכע דערציהונג קאן געבען.

זיין פּלאַן איז דארום געווען, אַז די קינדער פון דעם רעגיערענדען און פּריווילעגירטען קלאַס זאָלען פון זייערע עלטערען אַוועקגענומען ווערען און זאָלען פון ספּעציאַליסטען אין דערציהונג, דערצויגען ווערען פון קליינוויז אָן אַלס רעגירער און פּאָליטיקער. ד. ה., אַז פון דעם ערשטען טאָג אָן זאָלען זיי באַרויבט ווערען פון אַלץ, וואָס האַרץ און נשמה, ליבע און געטריישאַפט קאָנען געבען, און זאָלען אַרומגערינגעלט ווערען מיט אַן אַטמאָספערע, וואָס ווערט פון אָנהויב ביז סוף דיקטירט פון לאָגיק און פאַרנונפט. און אויף דעם זעלבען אופן ווי מען לערנט אויס אַ בער טאַנצען און לאָשעקלאַך זיך ניט צו שרעקען, זאָל מען אויך אויסלערענען די מענשליכע קינדער פאַר קיין זאַך ניט מורא צו האָבען, און צו אַרבייטען אַלע מאָל אין די אינטערעסען פון דעם כּלל, און ניט אין די אייגענע אינטערעסען. און בכדי צו זיין נאָך זיכערער, אַז די רעגיערער וועלען ניט אין זינען האָבען זיך אַליין, שלאָגט פּאַר פּלאַטאָ פאַר זיי אַ קאָמוניסטישען לעבען ניט נאָר פון אייגענטום, נאָר אויך פון פאַמיליע, אַזוי אַז קיינער פון זיי זאָל ניט קאָנען זאָגען דאָס איז מיין ווייב, און קיינער פון זיי זאָל ניט וויסען וואָסער אַ קינד איז זיינס.

אינטערעסאַנט איז דאָ צו מערקען ווי אַזוי דער אידעאַליסטישער ראַציאָנאַליזם געהט זיך דאָ צענויף מיט דעם מאַטעריאַליסטישען ראַציאָנאַליזם. אויך דער מאַרקסיזם, אַ דאַנק זיין מאַטעריאַליסטישען ראַציאָנאַליזם, האָט זיך קיין מאָל ניט געשראָקען, ווי די לעזער פון דעם קאָמוניסטישען מאַניפעסט וויסען עס, פאַר אַ קאָמוניזם פון פאַמיליעס. און דער אידעאַל פון דעם באָלשעוויזם איז, אַז די גאַנצע דערציהונג פון קינדער זאָל אַריבערגעהן מער און מער אין די הענט פון דער רעגיערונג. אין דעם בוך „דער א״ב״ פון דעם באָלשעוויזם" רעדען די מחברים מיט גרויס באַגייסטערונג וועגען דער צייט, ווען דאָס קאָמוניסטישע הויז וועט פאַרנעמען דאָס אָרט פון דעם פּריוואַטען הויז, „הונדערט אָדער מער פאַמיליעס ביי איין טיש", זאָגען זיי דאָרט, „מיינט צו שפּאָרען אַזוי פיעל ענערגיע, ווי עס וואָלט געדאַרפט פאַרשווענדעט ווערען אויף יעדען טיש מיט אַ פאַמיליע אַרום אים.

די שייכות'ן צווישען די עלטערען און די קינדער און צווישען די קינדער און דער געזעלשאַפט ווערט פון פּלאַטאָ'ן אַזוי גוט ווי פון די מאַרקסיסטען באַטראַכט פון אַ ריינעם פאַרנונפט שטאַנדפּונקט, אין דעם ליכט פון לאָגיק און מאַטעמאַטיק.

גאר אנדערש האט געקוקט אויף די דאזיגע שייכות'ן רוסא. ער וויל האָ־בען פאר דעם קינד פריהער פון אלץ און מער פון אלץ, אן אומגעבונג, וואס זאל זיין דורכגענומען און אנגעזעטיגט מיט ליעבע, איבערגעבענהייט און געטריישאפט. קיין חכמה, קיין וויסען און קיין טאלאנט, דיינקט ער, קענען טאן פאר דעם קינד דאס, וואס די הייסע ליבע געפילען קאנען טאן פאר אים, און היות, ווי קיינער אין דער וועלט קאן דעם קינד ניט געבען די ליבע, וואס די מוטער אדער פאטער אטעמט אריין אין דעם קינדס סביבה מיט יעדעס אטעם צוג אירען אדער זיינעם, ממילא קאן קיינער ניט זיין דער דערציהער פון דעם קינד אויסער די עלטערען, אויב מען וויל ניט, אז דאס קינד זאל אויסוואקסען א גייסטיגער קריפעל.

„דאס קינד", זאגט רוסא אין זיין בוך „עמיל" וועט זיין בעסער דער־צויגען פון א פארשטענדיגען, הגם אומוויסענדען פאטער, איידער פון דעם געשיקטסטען לערער אין דער וועלט, מחמת שטארקע איבערגעבענהייט וועט בעסער אויספילען דעם ארט פון טאלאנט, איידער טאלאנט—דאס ארט פון שטארקער איבערגעבענהייט.

„...בכדי צו בילדען א מענשען מוז איינער ווירקליך זיין אדער א פאטער, אדער אן איבערמענש".

רוסא גלויבט אויך ניט, אז דער דערציהער דארף אין זינען האבען די ראלע, וואס דעם קינד וועט אויסקומען צו שפילען, ווען ער וועט אויסוואקסען אין לעבען. זיין אויפגאבע דארף זיין ארויסצוברייננגען אלע כחות און פע־היגקייטען, מיט וועלכע גאט אדער די נאטור האט דאס קינד באגאבט. ער דארף שטרעבען צו מאכען פון דעם קינד אן אנטוויקעלטען מענשען אין דעם פולסטען זין פון ווארט.

„אזוי ווי אלע מענשען" זאגט רוסא „זיינען אין דעם נאטירליכען סדר פון זאכען גלייך, איז דערפאר מענשליכקייט זייער אלגעמיינער בארוף, און ווען נאר עס איז גוט ערצויגען פאר דעם דאזיגען בארוף, וועט עס שוין ממילא—דערפילען יעדען אנדערען בארוף, וואס איז מיט אים פארבונדען. מיך געהט זעהר ווענינ אן פאר וואס מיין תלמיד איז באשטימט, צי פאר דער ארמעע, צי פאר דעם קלויסטער, אדער פאר אדוואקאטור. די נאטור רעכענט זיך ניט מיט דעם בארוף פון זיינע עלטערען, און זי רופט אים צו די פליכטען פון דעם מענשליכען לעבען. צו לעבען—איז די מלאכה וואס איך

וויל אים לערנען. איך גיב צו אז ווען ער וועט ארויס פון מיינע הענט, וועט ער ניט זיין קיין מאגיסטער, א סאָלדאט, אָדער א גלח. פריהער פון אלץ וועט ער זיין א מענש, און אלץ, וואָס א מענש דארף זיין, קאָן ער זיין, ווען די געלעגענהייט פאָדערט עס, אקוראט אזוי גוט ווי ווער עס איז אנדערש".

דער באגריף וועגען דערציהונג, מיט וועלכען עס איז דורכגעדרונגען די גאנצע מארקסיסטיש־סאָציאליסטישע ליטעראטור, און וועלכע ווערט אין לעבען אָנגעווענדעט אין אלע זונטאגדיגע, ווי אויך אין די טאָג־ און אָווענט־סאָציאליסטישע שולען, איז אזוי ווייט פון רוסאָ'ס באגריף, ווי ווייט דער איראציאָנאליזם פון רוסאָ'ן איז ווייט פון דעם אידעאליסטישען ראציאָנאליזם פון פלאטאָ'ן און פון דעם מאַטעריאליסטישען ראציאָנאליזם פון מארקס'ן, און אויף אזוי ווייט ווי די קולטור, וועמענס מליץ יושר רוסא איז אלע מאָל געווען, איז פון דער ציוויליזאציע, — וועלכע האלט אין אירע הענט דאָס טעגליכע און פראקטישע לעבען פון די מענשען, — אויף אזוי ווייט זיינען אלע איצטיגע באגריפען וועגען דערציהונג, אין דער טעאָריע און אין דער פראקטיק, ווייט פון רוסאָ'ס באגריפען וועגען דער דערציהונג פון דעם יונגענד דור.

„עמיל" איז געווען דאָס בוך, וואָס האָט גוואלדיג שטארק באאיינפלוסט קאנט'ן און וואָס האָט אויף א באדייטענדען אופן געהאָלפען צו פיהרען קאנט'ן פון דעם ראציאָנאליזם אין דער „קריטיק פון דער ריינער פארנונפט" צו דעם איראציאָנאליזם אין דער „פראקטישער פארנונפט".

ווי א רויטע שנור ציהט זיך דער איראציאָנאליזם פון „עמיל'ן" דורך דער „פראקטישער פארנונפט" ביז צו דער ראָמאנטישער פילאָזאָפיע אין דייטשלאנד, און פון איר דורך שאָפּענהויער און ניטשע ביז צו איר גרעסטען, טיעפסטען און שטארקסטען פאָרשטעהער — דעם פראנצויזיש־אידישען פילאָזאָף בערגסאָן.

ער איז דער ערשטער, וואָס, שטיצענדיג זיך אויף אלע לעצטע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען, און אויף אלע נייעסטע ווענדונגען פון דעם מענשליכען געדאנק, האָט קלאָר און דייטליך ארויסגעבראכט דעם שארפען קאָנטראסט צווישען איראציאָנאליזם און ראציאָנאליזם, אָדער צווישען אינטואיציע און פארנונפט, און האָט קלאָר פעסטגעשטעלט די ראָלען און פונקציעס, וואָס יעדער פון זיי קאָן און דארף אויספירען אין דעם מענשליכען באַנעם און אין דעם מענשליכען דערקענען פון אלץ, וואָס איז אינווענדיג אין אים און אויסווענדיג פון אים.

ער איז דער ערשטער, וואס האט געגעבען א ממשות'דיגען באטייט און קאנקרעטע געשטאלטונג צו דעם, ביז איצט נעפעלדיגען און מטושטש'דיגען אויסדרוק — אינטואיציע.

„אונטער אינטואיציע", זאגט בערגסאן, „ווערט פארשטאנען דער מין פון אינטעלעקטועלער סימפאטיע, וואס דורך איר פארזעצט זיך איינער אין דעם געגענשטאנד, בכדי צונויפטרעפען זיך דארט מיט דעם, וואס איז איין־און־איינציג אין אים, און וואס קאן פאלגליך ניט אויסגעדרוקט ווערען."

אלעם גרויסער און באמת נייעס, וואס איז געשאפען געווארען פון די פילאזאפען אויף דעם געביט פון דער מעטאפיזיק, איז געשאפען געווארען, ווי בערגסאן דיינקט, נאר א דאנק דער דאזיגער אינטואיציע, נאר א דאנק דער דאזיגער ספאנטאנער און ניט רעפלעקטיווער צענויפגיסונג אדער באהעפטונג פון דעם פילאזאף מיט דעם טייל אדער דעם אנבליק פון דער וועלט, וואס איז ווי מיט א געדיכטען פארהאנג פארהאנגען פון די, וואס זיינען ניט באשטימט געווארען צום פילאזאפירען. די פילאזאפען זיינען אבער קיינמאל ניט געוועזן געניגט באוואוסט אויף דער דאזיגער קראפט אין זיי, וואס וואלט געקאנט, ווען מען זאל זיך מיט איר ווי געהעריג באנוצען, ברייינגען א סך נעהנטער צו דער רעאליטעט, ווי זיי זיינען ביז איצט געבראכט געווארען.

„אדער", זאגט בערגסאן, „פילאזאפיע איז אינגאנצען ניט מעגליך, און אונזער גאנצע דערקענטניס פון זאכען איז א פראקטישע, וואס צילט צו די נוצען וועלכע קאנען פון זיי געצויגען ווערען, אדער פילאזאפיע באשטעהט דערין, וואס זי פארזעצט זיך אין דעם געגענשטאנד גופא דורך אן אנשטרענגונג פון איטואיציע".

די פילאזאפיע, אזוי לערענט בערגסאן, קאן זיך ניט באגעהן אהן אינטואיציע, אקוראט ווי די וויסענשאפט קאן זיך ניט רירען אהן דעם אינטעלעקט. מיט דער אינטואיציע קאן מען זיך אריינרייסען אין די טיפסטע טיפענישען פון לעבען און גייסט, מיט דעם אינטעלעקט אבער קאן מען ארבייטען נאר דארט, וואו דאס לעבען און דער גייסט האבען זייערע שפורען איבערגעלאזען און אליין זיך אויפגעהויבען אויף די פליגלען פון דער עוואלוציע, וועלכע שאפט אהן אן אויפהער און מיט גרוים אימפעט. דער אינטעלעקט אדער די פארנונפט איז, לפי בערגסאן, א צוריקוויקלונג, א צע־

שטרויאונג אָדער אַן אָפּשוואַכונג פון דעם גייסט. דאָס זעלבע איז אויך אַלץ דאָס, וואָס מיר באַצייכענען מיט דעם וואָרט מאַטעריע. די מאַטעריע און דער אינטעלעקט לויפן פאַראַלעל איינע צו די אַנדערע אין דער ריקווערטס געהענדער באַוועגונג פון דעם וועלט־אַל גייסט. דער אינטעלעקט קאָן דאַריבער אויפטאָן, ווי ער האָט עס ביז איצט געטאָן און ווי ער וועט עס ווייטער טאָן, גרויסע וואונדער אויף די געביטען פון פיזיקע און כעמיע, אַסטראָנאָמיע און מאַטעמאַטיק, ד. ה. אויף אַלע די געביטען, וואו עס האַנדעלט זיך נאָר וועגען מאַטעריע, וועלכע איז א מין רוה צושטאַנד פון דעם גייסט, אָדער א מאָמענט, ווען דער גייסט לאָזט זיך אָפּ פון זיין אינטענסיווער געשפּאַנטקייט. דער פולם אָבער פון לעבען און דער אָטעם צוג פון גייסט וועלען אויף אייביג בלייבען טערא אינקאָגניטא פאר דעם אינטעלעקט, און ממילא אויך פאר דער וויסענשאַפט.

„אונזער געדאַנק", זאָגט בערגסאָן, איז ניט ביכולת אין זיין ריין לאָגישער פאָרם פאָרצושטעלען די אמת'ע נאַטור פון לעבען, דעם פולען באַטייט פון דער עוואָלוציאָנערער באַוועגונג. פון לעבען באַשאַפען צו ווירקען אין באַשטימטע אומשטענדען אויף באַשטימטע זאַכען, ווי קאָן ער אַרומנעמען דעם לעבען וואָס פון אים איז ער בלויז אַן אַרויסשטראַלונג אָדער אַן אָנבליק? דעפּאָנירט פון דער עוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פאַרלויף פון איר גאַנג, ווי קאָן ער אָנגעווענדעט ווערען צו דער עוואָלוציאָנערער באַוועגונג גופא? עס איז פונקט ווי צו באַהויפּטען, אַז דער טייל איז גלייך צו דעם גאַנצען, אַז די ווירקונג קאָן אין זיך אַריינזויגען די אורזאַך, אָדער אַז דער זאַמד שטיינדעל, וואָס איז איבערגעלאָזען געוואָרען אויף דעם זאַמד־ברעג ווייזט אָן אויף דעם פאָרם פון די כוואַליעס, וואָס האָבען איהם אהין געבראַכט... דאָך שטעלט זיך די עוואָלוציאָנערע טעאָריע ניט אָפּ פון אָנצואווענדען אויף די זאַכען פון לעבען די זעלבע דערקלערונגס מעטאָדען, וואָס האָבען זיך אַרויסגעוויזען צו זיין אַן ערפאָלג אין פאַל פון ניט אָרגאַניזירטער מאַטעריע. זי הויבט אָן דערמיט, וואָס זי ווייזט אונז אין דעם אינטעלעקט א לאָקאַלע ווירקונג פון עוואָלוציע, א פלאַם, אפשר א צופעליגען, וואָס באַלייכט דאָס קומען און געהן פון לעבע־דיגע וועזענס אין א שמאָלען דורכגאַנג וואָס איז אָפען פאר זייער ווירקונג. און זעה! באַלד פאַרגעסט זי, וואָס זי האָט נאָר וואָס געזאָגט, און מאַכט פון דער לאַמטערנע, וואָס גלימערט אין א טונעל, א זון, וואָס קאָן אילומינירען די וועלט."

די דאָזיגע לעצטע ווערטער פון בערגסאָן דערמאָנען אונז זעהר שטאַרק אין די ווערטער פון פּרץ'ס יוחנן דער מלמד וועגן דעם גראָשענדיג ליכטעל, וואָס פּרעטענדירט אריינצוברייגנען ליכטיגקייט אין אַלע ווינקעלאַך פון דעם גרויסען פינסטערען מדבר. דאָס ווייזט, אַז ניט נאָר די נייע פילאָזאָפיע נאָר אויך די נייע קונסט, ניט נאָר דער פילאָזאָף, נאָר אויך דער קינסטלער, דערהויפּט דער דיינקער קינסטלער פון אונזער צייט, איז דורכגעדרונגען מיט דעם איראַציאָנאַליזם. פיעלע פון די ווערק פון אַזעלכע שרייבער ווי טאַגאָר, מעטערלינק, האַמסון און פּרץ קאָנען לגמרי ניט פאַרשטאַנען ווערען, ווען מען האָט זיך ניט אויסגעלערענט זיי צו באַטראַכטען אין דעם ליכט פון קאַמף צווישען איראַציאָנאַליזם און ראַציאָנאַליזם, אין דעם ליכט פון דעם טריאומף פון דעם ווילען איבער דעם טראַכטען, פון די טיעף פערבאָרגענע געפילען איבער די קלאָרע און אָפענע געדאַנקען, פון דעם אַלץ, וואָס ווערט אַרומגע־נומען מיט דעם וואָרט נשמה, איבער דעם, וואָס קאָן אַריינגעפּאַסט ווערען אין דעם באַגריף לאָגיק.

אין שלמה'ס איינגעשפּאַרטקייט ניט צו מאַכען קיין הבדלה, אין זיין עקשנות'דיגען באַשטעהן: שבת זאָל זיין, שבת! איז ניט פאַראַן קיין ברע־קעל לאָגיק, און פול מיט ווילדקייט און קאַפּריז איז דער ענטפער זיינער צו דעם היימישען חסיד:

> תרוב זאָל ווערען די וועלט!
>
> און מיר —
>
> מיר שבת'דיגע,
>
> מיר יום טוב'דיגע
>
> מיר נשמה־יתרה'דיגע אידען
>
> וועלען איבער אירע חורבות געהען.

ווער ווייס? עס קאָן דאָך אָבער זיין, אַז נאָר אין די מאָמענטען פון אַזאַ גייסטיגען עקסטאַז, אַז נאָר אין דעם מאָמענט פון אַזאַ געגנצליכער באַפריי־אונג פון אַלעם ערדישעס, אַז נאָר אין דעם הרף עין, ווען די אוממעגליכקייט ווערט ווי אייז און שניי פון דער זון, פון דעם פלאַם פייערדיגען „אַלץ איז מעגליך" ענטוזיאַזם, צוגאַנגען — אַז נאָר אין אַזאַ, און ניט אין קיין אַנדער

צושטאנד פון גייסט, קאָן זיך איינער באמת דערפילען איינס מיט דער מהות און דער תמצית פון דער וועלט, און ער זאָל דערשפירען דאָס סאמע העכסטע, דאָס סאמע פאָלקאָמענסטע און דאָס סאמע שענסטע, וואָס די וועלט־מהות באזיצט און קאָן פון זיך ארויסברייינגען.

שרייט דאָך דער זינדיגער קלויזניק אין פרצ׳ס „אין פאָליש אויף דער קייט“, בעת ער ווערט מיעד רייסענדיג די קייט מיט די הענט און מיט די ציין:

„אזוי אָהן קראפט,

און צו דער העכסטער קראפט

אזוי עהנליך!“

און עס איז די דאָזיגע קראפט, די קראפט אָהן מאכט, וואָס גיט אים שטארקייט גענוג צו זאָגען צו ברכיה׳ס טאָכטער, צו דער, וועמען ער האָט ליעב געהאט און ליבט נאָך איצט ביז וואנזין:

„שווייג,

ווי ברענענדיגע דערנער שטעכט מיך יעדער קלאנג!

דיין אמאָליג הייליג בילד,

פון ליכטיגע שטערען צוזאמענגעשטעלט

שטראהלט אין מיר

און פון דעם פארשוועכטען בליק

לעשט זיך א שטערען נאָך א שטערען —

געה!“

און ווען ברכיה׳ס טאָכטער פרעגט אים: „וואוהין?“ ענטפערט ער: „צום טייך, צום טייך...“

„עס איז משוגעת“, וועלען א סך זאָגען—יאָ, אודאי, ענטפערט די נייע פילאָזאָפיע און די נייע קונסט, עס איז אָבער נשמה׳דיג, און אויב עס איז ניט מענשליך, שמעקט עס אָבער אביסעל מיט איבערמענשליכקייט. און

ניטשע האָט דאָך שוין אונז לאַנג געזאָגט, אַז דער העכסטער געדאַנק און די העכסטע באַשטרעבונג פון דעם מענשליכען לעבען דאַרף זיין די מענשליכ־קייט אריבערצושטייגען און אוועקטראָגען זיך פון איר אַזוי ווייט און אַזוי הויך, ווי דער מענש האָט זיך פון דער חיה אוועקגעטראָגען.

„און דאָס קאָן ניט געטאָן ווערען בלויז דורך דער פאַרנונפט", אַזוי טענה'ט מעטערלינק און מיט איהם אַ סך אַנדערע.

„עס זיינען פאַראַן אַנדערע זאַכען", זאָגט מעטערלינק „אַ חוץ דעם גע־דאַנק, און עס איז ניט דער געדאַנק אַליין, וואָס בינדט אונז צו דער אוני־ווערס. עס איז שוין צייט, אַז מען זאָל ניט צונויפמישען דעם געדאַנק מיט דער נשמה... פאַראַן אין דעם מענשען אַ סך רעגיאָנען, וואָס זיינען מער פרוכטבאַר, אַ סך טיעפער און מער אינטערעסאַנט איידער די רעגיאָנען פון זיין פערנונפט אָדער זיין אינטעליגענץ. אונזער באַוואוסטזיין פאַרמאָגט מער איידער איין מדרגה, און די גרעסטע חכמים שיינקען זייער אויפמערק־זאַמקייט צו דעם טייל פון אונזער באַוואוסטזיין, וואָס איז כמעט אומבאַ־וואוסט, מחמת דאָס אומבאַוואוסטע האַלט ביים ווערען געטליך".

און נאָר אין דעם זין און אין דעם ליכט פון די דאָזיגע ווערטער פון מע־מעטערלינק און פון זיינע פילאָזאָפישע עסיים בכלל, קאָן מען ארויסלייענען די געדאַנקען, וואָס זיינען פאַרבאָרגען אין מעטערלינק'ס טיעף און וואונדערבאַר שעהן קונסט ווערק „זשואַזעל".

מיר ווילען דאָ בריינגען נאָר איין קליינינקען אויסצוג פון דעם געשפּרעך, וואָס מערלין האָט מיט אַריעל'ן. מערלין זאָגט: „דו שלאָפסט, מיין אַריעל, דו, מיין אינערליכער כח, מיין פאַרנאַכלעסיגסטער כח וואָס דרעמעלט אין יעדער נשמה, ווען איך אַליין נאָר האָב ביז איצט געקאָנט אויפוועקען, ווען איך האָב געוואָלט נאָר... דו שלאָפסט, מיין געהאָרכזאַמע באַקאַנטע מכשפה, און דיינע האָר, שלענגלענדיג זיך ווי אַ בלויער נעבעל, פון מענשען ניט געזעהן, גיסען זיך צענויף מיט דער לבנה, מיט די פּערפיומען פון דער נאַכט, מיט די שטראַלען פון די שטערען, מיט די רויזען, וואָס שיטען מיט בלומען בלעטער, מיט דעם אויסגעשפּרייטען הימעל, כדי אונז צו דערמאָנען, אַז קיין זאַך טיילט אונז ניט אָפּ פון קיין אַנדער זאַך, וואָס עקזיסטירט אין דער וועלט, און אַז אונזער געדאַנק וויים ניט, וואו עס הויבט זיך אָן דאָס

ליכט אויף ועלכען ער האפט, און וואו עס ענדיגט זיך דער שטן ,וואס פון אים אנטלויפט ער.״

ליכט און שאטען, דאס איז פארנונפט און די געפיהלען, די לאגיק און דער קאפריז, דער געזעץ און דער כאאס, די ראציא און אירראציא, דאס באַוואוסטע און אומבאוואוסטע, דער אינטעלעקט און די אינטואיציע, קורץ, די צוויי קרעפטען פון דעם מענשליכען גייסט —די טאג און די נאכט קראפט, אויב מען קאן זיי אזוי אנרופען — וואס ארום זיי און צוליב זיי, זיינען געשאפען געווארען פארשיידענע סיסטעמען אין דער פילאזאפיע און פארשיידענע ריכטונגען אין דער קונסט.

דער גאנג פון דער פילאזאפיע, ווי אויך פון דער קונסט אין אלגעמיין גענומען, איז געגאנגען פון טאג צו נאכט. גאר גרויס געוויכט האבען זיי לכתחילה געלייגט אויף דעם שכל. אין פארלויף אבער פון זייער אנטוויקלונג האבען זיי אלץ מער און מער פארקלענערט דאס געוויכט פון שכל, און האבען זיך ביסלעכווייז גענומען רעכענען מיט דעם גייסט אלס גאנצעס, וואס פון אים איז דער שכל בלויז א טייל אדער אן אויסדרוק. און ווי עס זעהט אויס פון דעם גאנצען געשיכטליכען פילאזאפישען גאנג, איז די צוקונפט אויף דער זייט פון דעם חסיד — דעם ביאלער רבין און ניט אויף דער זייט פון דעם מתנגד — דעם בריסקער רב.

ווי זאגט דארט שמעיה ,,אין צווישען צוויי בערג״: אויב די תורה איז א ים איז ער (דער בריסקער רב) דער לויתן אין ים; מיט איין תנועה גיט ער א שווים דורך צען מסכתות, מיט איין תנועה מישט ער אויס ש״ס ופוסקים! אז עס הילכט און שפריצט, זידט און קאכט, טאקע ווי מען דערציילט פון דעם אמת׳ן ים... דעם קאפ האט ער מיר צעשרויפט... נאר ,,לב יודע מרת נפשו״ דאס הארץ מיינס האט פארט נישט געהאט קיין שמחת יום טוב.. מיר איז געוועז קאלט, קאלט ווי אייז, און דארטען (ביים ביאלער רבין), האב איך געוואוסט, זאגט מען אנאנדער תורה — דארטען איז ליכטיג און ווארים, יעדעס ווארט איז דורכגעוועבט און דורכגעווייקט מיט אהבה און דבקות... מלאכים פיהלט מען פליהען ארום שטוב, ממש מען הערט ווי עס רוישען די גרויסע ווייסע פליגעל.

מיט שמעיה׳ן ביינקט איצט גאר, גאר א גרויסער טייל פון דער מענשהייט נאך די גרויסע ווייסע פליגעל, וואס נאר אויף זיי קאן מען זיך טראגען

אין די הויכע עולמות, אָהן וועלכע די נידעריגע וועלטען, דער צייט־ווייליגער וואוינ־אָרט פון דעם מענשען, האָבען ניט קיין זין, און קאָנען דער־פאר ניט געבען דעם מענשליכען לעבען קיין ווערט.

אלץ מער און מער וויכטיגקייט ווערט דאריבער געלייגט פון דער איצטי־גער פילאָזאָפיע און פון דער איצטיגער קונסט, אויף דעם אומקלאָרען און אומ־באוואוסטען, אויף דעם איראציאָנאלען און אינטואיטיווען. ווי דער אמאָ־ליגער דייטשער ראָמאַנטישער דיכטער נאָוואליס, דיינקען היינט אלע פי־לאָזאָפען און קינסטלער, אז די נאַכט עפענט אין אונז מיליאָסען אויגען.

זיין אָפּהאַנדלונג וועגען חלומות, ענדיגט בערגסאָן מיט די פאָלגענדע ווערטער: „אויסצופאָרשען די סידות'דיגע טיפענישען פון דעם אומבאַוואוס־טען, צו ארבייטען אין דעם, וואָס איך האָב נאָר וואָס אָנגערופען, אונטער־באָדען פון באוואוסטזיין—דאָס וועט זיין די הויפּט אויפגאַבע פון דער פסי־כאָלאָגיע אין דעם קומענדען יאָרהונדערט. איך צווייפעל ניט, אז איר (דער פסיכאָלאָגיע) דערוואַרט דאָרט וואונדערליכע אנטדעקונגען, אזעלכע וויכ־טיגע, אפשר, ווי עס זיינען געוועזען די אנטדעקונגען פון די פיזישע און נאטור וויסענשאפט, דורך די פריהערדיגע יאָרהונדערטען".

איצט פרעגט זיך: ווי לאַנג נאָך וועלען ראַדיקאַלע און פּראָגרעסיווע גע־זעלשאַפטליכע דאָקטרינען קאָנען האָבען אַ ברעקעל ממשות, שטיצענדיג זיך אויף דעם אַלטען און פארשימעלטען ראַציאָנאַליזם פון אַזאַ אָדער אַנאַנדער פארב? ווי לאַנג נאָך וועלען טעאָריען פון סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם און פּועלי־ציוניזם קאָנען ווירקען אויף דעם גאַנג פון סאָציאַלע געשעהענישען, זייענ־דיג אין גייסט אַזוי ווייט אַוועק פון דעם גייסט, וואָס נעמט אַרום אַלע צווייַ־גען פון דער מענשליכער קולטור אין דעם מאָמענט? ווי לאַנג נאָך וועלען אידעאַלען וועגען די גרינדליכסטע סאָציאַלע איבערקערענישען, קאָנען פאַנ־גען די הערצער און די נשמות פון די, וואָס דאַרפען פון אַלץ זיך אָפּזאָגען און מיט אַלץ מקריב זיין, ווען זיי אַליין, די דאָזיגע אידעאַלען. ציהען זייער חיונה פון קולטור און גייסט אויסגעטריקענטע קוואַלען?

עס קאָן דערין ניט זיין קיין ברעקעל ספק, אז די סאָציאָלאָגיע בכלל, און די ראַדיקאַלע סאָציאָלאָגיע בפרט, וועט מוזען אָננעמען די זעלבע ריכ־

טונג, וועט מוזען אַריינפאַלען אין דער זעלבער שטימונג, וואָס אין איר געפינט זיך שוין, פאַר אַ לענגערע צייט, די פילאָזאָפיע, די קונסט און די אַלטע וויסענשאַפט. דאָס מיינט, אַז דער איראַציאָנאַליזם וועט מוזען ווערען די גרונדלאַגע פון אַלע אויבענדערמאָנטע טעאָריען, און אין אַנקלאַנג מיט אים וועלען די אויבען אויסגערעכענטע איזמען מוזען אָננעמען אַן אַנדער געשטאַלטונג, זיי וועלען מוזען אָנגעפילט ווערען מיט גאַנצע אַנדערע אינהאַלטען.

אין אונזער אַרבייט: „קולטור און דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם“ וועלען מיר אָנווייזען, ווי די באַגריפען וועגען פּאָליטישער דעמאָקראַטיע זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט אָדער געלאָפען פּאַראַלעל צו דעם וואוקס פון איראַציאָנאַליזם, אָדער צו זיין שטייגען איבער דעם ראַציאָנאַליזם אין דער ספערע פון דעם מענשליכען דיינקען און פיהלען.

וואָס מער עס ווערט אָנערקענט די ווערט פון געפילען און טיפע איבערלעבונגען, וואָס זיי קאָן דורכמאַכען און דורכפילען יעדער איינציגער מענש, אַלץ מער מוז מען קומען צום שלוס, אַז די ראָלען און די פונקציעס פון יעדען איינציגען מענשען, ווי פאַרשיידען זיי זאָלען ניט זיין איינע פון די אַנדערע, זיינען זיי אָבער גלייך ווערט, און דערפאַר טאָר קיין איין מענש ניט אוועקגעשטעלט ווערען העכער אָדער בעסער פאַר דעם אַנדערען. וואָס מער די לאָגיק, און מיט איר די מאַטעמאַטיק, פאַרלירט איר השפּעה אויף לעבעדיגע און גייסטיגע דערשיינונגען פון דער וועלט, אַלץ מער איינגעפונדעוועט וועט ווערען דער באַגריף, אַז די אַרבייט פון אַ גייסטיג לעבעדיגען וועזען קאָן ניט אויסגערעכענט ווערען, און זי טאָר דאריבער ניט געוואויגען און געמאָסטען ווערען. און דער איינציגער אויסוועג פאַר אַ גערעכטער פאַנאַנדערטיילונג פון געזעלשאַפטליכע פּראָדוקטען איז, אַז זיי זאָלען אויף אַ גלייכען אופן פאַנאַנדערגעטיילט ווערען, מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז עס ווערט הויך און שטאַרק פּראָקלאַמירט דאָס רעכט פון יעדען איינעם אויף אַלץ, וואָס דער אַנדערער פאַרמאָגט מער פאַר אים.

די שטאַרקע אויסזעצונג, וואָס איז ביז איצט געמאַכט געוואָרען געגען אַזאַ גלייכהייט איז, אַז זי קאָן חלילה אָוועקנעמען די איניציאַטיוו און סטימול פאַר אַרבייט, און דאָס קאָן שאַדען ברייננגען דער אינטענסיווויטעט פון דער פּראָדוקציע. דאָ העלפט אונז אָבער ווייטער אויס אונזער ראַציאָנאַליזם, וועלכער זאָגט: בעסער אַ וועלט אין לאַפּטשעס, ביי דעם ליכט פון קליינע

קינעלאך, וואו קיינער האט ניט מער פאר דעם אנדערען, און וואו קיינער איז ניט געטריבען זיין נשמה פאר גופ'יגע באקוועמליכקייטען צו פארקויפען, איידער א וועלט מיט לאקירטע שיך ביי דעם בליץ שנעלען און אויגען רייסענדיגען ליכט פון עלעקטריציטעט, וואו איינער, אדער איינציגע געהען אין גין-גאלד, און דער אנדערער, אדער די גאר גרויסע צאל, זאל אויף זיך קיין אנשטענדיגען, פון א ציוויליזאציע שטאנדפונקט, בגד ניט האבען.

„פאראן צוויי זאכען", זאגט אמאדעאוס פאס, „וואס האבען מיך זיך געמאכט צו פארטראכטען און זיך צו וואונדערען נאך ווען איך בין א קינד געווען. ערשטענס די זעהר פילע ארעמע באשעפענישען, וואס מיין פאטער האט פארקלאגט ווייל זיי האבען גע'גנב'ט אביסעל האלץ, און וואס מען האט זיי דערפאר אין תפיסה אריינגעזעצט... צווייטענס, די פילע רייכע, וואס לעבען אין דעם טייל פון לאנד אין זייערע שלעסער, אויף זייערע פארמעגענס אין זייערע יאגדביידלאך, און וואס קאנען זיך פארגינען אלץ, וואס זייער ווילדעסטע אימפולסען פאדערען. צווישען די דאזיגע צוויי שטעהט איינער, ווי צווישען צוויי גרויסע, זיך דרעהענדע שטאלענע צילינדרען. זיכער, וועט ער סוף כל סוף אויף שטיקלאך צוריבען ווערען."

און צוריבען ווערט צווישען די דאזיגע צוויי שטאלענע צילינדרען דער מענש. . . .

דער מענש אין דעם בורזשוא אזוי גוט ווי אין דעם פראלעטאריער.

אין די ווערטער פון דעם מיליאנער אלברעכט וואנשאפע, אין דעם זעלבען ווערק, דריקען זיך אויס די געפיהלען און די שטימונגען, וואס הויבען אן צו באהערשען דעם גאנצען קלאס, וועלכען ער רעפרעזענטירט. ער זאגט:" ווען איינעמס פעהיגקייט פאר ארבייט ווערט אזוי שטארק עקספלואטירט ווי מיינע איז געווארען, מוז עס מיט זיך ברייגנען א זעלבסט־אנטזאגונג פון אלע אנדערע זאכען. איינער ווערט ווי אן אקער, וואס שניידט אויף די ערד און זשאווערט, אדער איינער איז ווי א ברענענדע סובסטאנץ, וואס גיט ליכט און ווערט אבער אליין פארברענט. הייראט, פאמיליע, פריינדשאפט, קונסט און נאטור, אזעלכע זאכען עקזיסטירען קוים פאר מיר. איך האב געלעבט ווי א קוהלען גרעבער אין זיין שאכט, און וואס פאר א דאנק באקום איך דערפאר? די דעמאגאגען זאגען צו די, וועמען זיי פארפירען, אז איך בין א וואמפיר, וואס זויגט אויס דאס בלוט פון די אונטערדריקטע. די דאזיגע,

פון אונזער עפענטליכען לעבען געפאנגענע, ווייסען ניט אָדער ווילען ניט וויסען וועגען מיינע ליידען און צוטרייסלונגען, וועגען די פיעל און פילע זאכען פון וועלכע איך האָב מיר געמוזט אָפזאָגען, וועגען וואָס דער לוין ארבייטער האָט קיין בעגריף ניט׳.״

אקערם וואָס זשאווערען זיינען געוואָרען די מענשען פון ביידע קלאַסען, פון דעם רייכען אזוי גוט ווי פון דעם אָרימען. און דאָס אַלץ אין די הענט פון דער ציוויליזאציע, וועלכע שטאַלצירט אזוי שטארק מיט די רעזולטאטען פון איר איניציאַטיוו און סטימול פאר ארבייט, וואָס זי האָט געגעבען דעם מענשען. אויף דער פראגע: אפשר וועט חלילה די גלייכהייט אוועקנעמען די איניציאַטיוו? אפשר וועט זי חלילה דעם חשק פאר ארבייט אָפשוואכען? ענטפערט דער איראציאָנאַליזם גאַנץ קאַטעגאָריש: אנטוועדער א וועלט, וואו איין מענש איז עקאָנאָמיש און פּאָליטיש פונקט אזוי פיעל ווערט וויפיעל דער אנדערער, ווי דאָס פאָדערט די גערעכטיגקייט, אָדער חרוב מעג ווערען די וועלט! אנטוועדער א וועלט, וואָס אין איר איז מענשליכקייט, און דער מענש אלס זעלבסטצוועק, העכער איבער אַלץ, אָדער—חרוב מעג ווערען די וועלט! אנטוועדער ציוויליזאציע בלויז אלס א מיטעל פאר דער קולטור, אָדער אינגאַנצען אָהן ציוויליזאציע! אנטוועדער יעדער איינציגער מענש מיט אַלע אנדערע מענשען צוגלייך, אָדער א וועלט אָהן מענשען...

מיט דעם איראציאָנאַליזם איז אייגענטליך דאָס זעלבע, ווי מיט דער אינטואיציע, ווי בערגסאָן דיינקט וועגען איר. יעדער איינער, און מער פאר אַלעמען די רעוואָלוציאָנערען, לעבען מיט דעם איראציאָנאַליזם. ווען דער מענש, וואָס דערפילט אין זיך די נויטיגקייט פאר א סאָציאַלען איבערקער, ווען דער מענש, וואָס דערשפּירט אין זיך א געפיל פון פאראדרום און עקעל צו דער אָרדנונג אין וועלכער ער לעבט, זאָל ניט זיין בכח גובר צו זיין זיין פארשטאַנד און זיין פארנונפט, ווען ער זאָל ניט קאָנען זיך אינגאַנצען פארלירען און פארגעסען אין אַלץ, וואָס ארבייט פאר דער דערהאַלטונג פון זיין לעבען, וואָלט ער קיינמאָל ניט געהאַנדעלט ווי עס האַנדלען אַלע די, וואָס מאַכען מעגליך א רעוואָלוציע, ער וואָלט קיינמאָל ניט, מיט גרויס אימפעט און אָהן א ברעקעל אָפּהאַלט זיך געוואָרפען אין דעם פלאַם און פייער, וואָס ער ווייסט וועט אים פארצערען. דער באַגריף וועגען דעם, אז נאָך אים אָדער דורך אים, ד. ה. דורך זיין זעלבסט צערשטערונג און זעלבסט פארניכטונג, וועט קומען אַן אָרדנונג, וואו אַלע וועלען האָבען אַלץ, וואָס זייער

הארץ גלוסט, ווייל די פראדוקטיווע קרעפטען וועלען זיך ביז דער גרעס־טען גראד אנטוויקלען, וואלט קיינעם אין דער וועלט ניט געקאנט באַ־וועגען אזא זאך צו טאן. די אייזערנע לאגיק אין אזא פאל זאגט אויף אן אומבאשטרייטבארען אופן: וואס געהט עס מיך אן, אז ווען איך וועל שוין מער ניט זיין, וועלען אלע מענשען קאנען לעבען א גוטען טאג.

ניין, ניט די באגריפען וועגען דעם טאג נאך דעם איבערקער שטעהען הינטער די אקטען פון זעלבסט אפפערונג, נאר די געפילען פון דער אומ־מעגליכקייט צו לעבען אין דעם טאג ערב דער רעוואלוציע, און ניט אזוי די געפילען פון דער אוממעגליכקייט פאר מיר צו לעבען, ווייל אזעלכע געפי־לען רופען ניט צו קיין קאמף, נאר דערהויפט די געפילען, אז דער אנדערער האט אלע מעגליכקייטען און געלעגענהייטען יא צו לעבען, ד. ה. מיט אנדערע ווערטער, דער געפיהל פון דער גוואלדיגער אומגערעכטיגקייט. אט דער דאזיגער געפיל אדער די געפילען, טרייבען די מענשען אין דער פייער פון דער רעוואַ־לוציע.

און ווער עס איז פון אזעלכע געפילען באהערשט, דער, ווי שלמה אין דער „גאלדענער קייט", שרעקט זיך אפילו ניט פאר דעם געדאנק, אז די וועלט וועט חרוב ווערען. די אויסלייזונג פון דעם וועלט-גייסט מוז קומען, און מען קאן זיך דערפאר ניט רעכענען מיט דעם חורבן פון דער מאטעריאַ־לער וועלט. דאס איז זיכער דורך און דורך איראציאנאליזם. אהן דעם דאזיגען איראציאנאליזם אבער איז קיין מאל ניט פארגעקומען קיין גרויסע געזעלשאפטליכע געשעהעניש, און וועט אויף ווייטער אויך ניט פארקומען.

עס איז אבער אומבאדינגט נויטיג, אז דער ראדיקאלער טייל פון דער געזעלשאפט, דער טייל, וואס באשטעהט פון די, וואס באטראכטען זיך, אזו צו זאגען, פאר די אויסטרעטער פון נייע וועגען, איינברעכער פון נייע לעבענס פארמען, זאלען ווערען באוואוסט אויף דער גוואלטיגער קראפט און השפעה פון דעם איראציאנאליזם, פון וועלכען זיי ווערען בלינדערהייד גע־פירט, און זיי זאלען אים מאכען פאר א באשטאנד־טייל פון זייער סאציאלען אידעאל און פון זייער באוואוסטזיניגער רעוואלוציאנערער טעטיגקייט. דאס וואלט זיכער פארשנעלערט דעם אנקום פון דער סאציאלער רעוואלו־ציע, מחמת, אויסנוצענדיג דעם איראציאנאליזם באוואוסטערהייד, און ביז דער גרעסטער מעגליכקייט זיינער, אין אלץ וואס האט א שייכות מיט'ן קאמף, וואלט דער קומענדער סאציאלער איבערקער געמוזט פעסטשטעלען

אין לעבען דאס, וואס איז שוין פעסטגעשטעלט געווארען איצט אין דער טעאריע, און דאס איז די גלייכע סאציאלע ווערט פון יעדען מענש, פון א „באנצי שווייג" ביז א „בריסקער רב".

און מיט וואס מער איראציאנאליזם, די פילאזאפיע און די קונסט ווערט דורכגעדרונגען, אלץ מער האפענונג איז פאראן, אז באלד וועלען זיי אויך אנשטעקען אלע אנדערע צווייגען פון קולטור, אלע אנדערע טעטיגקייטען פון דעם מענשליכען גייסט. אין דער פילאזאפיע און אין דער קונסט גופא האט דער איראציאנאליזם די גרויסע מעלה, וואס אויך דארט ברייננגט ער אריין אויף א דירעקטען און אומדירעקטען אופן די שטימונג פון גלייכהייט. אויף אזא אופן צווינגט ער דעם פילאזאף און דעם קינסטלער צו פיהלען, אז פאר דער אלערהעכסטער קראפט זיינען אלע מענשען, אביעקטיוו גענומען, גלייך אין ווערט, און אז פאר דער עקזיסטענץ און אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט, וואס צו איר נאפעל איז יעדער שטערבליכער צוגעבונדען מיט דער זעלבער שנירעל, איז דער שנייהער, דער שוסטער און דער בעקער, דער לערער, דער דאקטאר און דער אינזשעניר אזוי נויטיג, ווי ער, דער פילאזאף, אדער דער קינסטלער.

דער באוואוסטזיין ווידער, אז פאר דער שטארקערער און אומאויפהערליכער אנטוויקלונג פון פילאזאפיע, קונסט און וויסענשאפט איז אומבאדינגט נויטיג א באשטענדיגער שטייגען פון דעם קולטורעלען מצב פון דער גאנצער געזעלשאפט, וועט טרייבען דעם קינסטלער ווי דעם פילאזאף, און דעם פילאזאף אזוי גוט ווי דעם וויסענשאפטסמאן, דערצו, אז זיי זאלען אנווענדען אלע זייערע כחות אויף דער פארגעזעלשאפטליכונג פון זייערע שאפונגען, ד. ה. דערויף, אז זייערע אנטדעקונגען, אנטפלעקונגען פון דער רעאליטעט און זייערע באהעפטונגען מיט דער זעלבער רעאליטעט, זאלען פארשטאנען ווערען און איבערגעלעבט ווערען פון דער מעגליך גרעסטער צאל מיטגלידער פון דער געזעלשאפט. זיי מוזען ווערען א טייל פון די וואפען, וואס מיט זיי וועט די מענשהייט קעמפען פאר א בעסערער און שענערער נאציאנאלער און סאציאלער עקזיסטענץ.

וואס גרעסער די צאל מענשען, וואס וועלען דורכגענומען ווערען מיט דעם גייסט, וואס באהערשט איצט, און וואס האט אלע מאל באהערשט די טיפערע נשמות פון דעם מענשליכען מין, אלץ מער אוממעגליך וועט ווערען צוצוקומען צו דער געזעלשאפט אדער צו וועלכען עס איז טייל פון איר

מיט טעאָריען און אידעאַלען, וואָס באַזיצען ניט די רוחניות'קייט, מיט וועלכער עס אָטעמט די גאַנצע אוניווערס, וואָס דאָס מיינט ממילא מיט אי־דעאַלען, וואָס אין זייער תמצית געהט ניט אַריין די אַבסאָלוטע גלייכ־הייט.

מער איראַציאָנאַליזם, אַלזאָ, מיינט מער גלייכהייט אויף אַלע געביטען פון דער מענשליכער טעטיגקייט און מענשליכען לעבען.

אונטער דעם איראַציאָנאַליזם, ווערען „העכער" און „נידעריגער" ריין סוביעקטיווע געפילען און באַגריפען, וואָס האָבען אָביעקטיוו קיין ממשות ניט, מחמת זיי אונטערוואַרפען זיך ניט דער לאָגיק און דער מאַטעמאַטיק, און זיי טאָרען דערפאַר ניט צוגעלאָזען ווערען אין דער איינאָרדנונג פון דעם פּראַקטישען צוזאַמענלעבען פון מענשען, אויב מען וויל, אַז דער געזעל־שאַפטליכען לעבען זאָל ניט געהן להפוך צו די פאָדערונגען פון דער גערעכ־טיגקייט, וואָס אָהן איר קאָן די געזעלשאַפט לאַנג ניט פּראָגרעסירען בכלל און קולטורעל אודאי ניט.

אין זיין פאָרוואָרט צו דעם טיעף מעטאַפיזישען ווערק „שיין און ווירק־ליכקייט" זאָגט ברעדלי:

„איך בין געצוואונגען געוואָרען צו רעדען וועגען פילאָזאָפיע, ווי וועגען אַ צופרידענשטעלונג פון דאָס, וואָס מען קאָן אָנרופען די מיסטישע זייט פון אונזער נאַטור — אַ צופרידענשטעלונג, צו וועלכער איינציגע פּערזאָנען האָבען ניט קיין צוטריט אויף אַן אַנדער אופן. און איך האָב אפשר געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דער מעטאַפיזיקער קאָן אַריינגעפירט ווערען אין עפּעס, וואָס איז אַ סך העכער, איידער דאָס, וואָס דער געוואוינליכער המון באַזיצט. אַזאַ דאָקטרין וואָלט זיך באַרוהט אויף אַ העכסט קלעגליכען טעות: אויף דעם פאָראורטייל, אַז דער אינטעלעקט בלויז איז די העכערע זייט פון אונזער נאַ־טור, און אויף דעם פאַלשען באַגריף, אַז אין דער אינטעלעקטועלער וועלט איז די אַרבייט, וואָס ווערט געטאָן אויף העכערע געגענשטאַנדען שוין מהאי טעמא גופא אַ העכערע אַרבייט. זיכער קאָן דער לעבען פון איין מענשען אין פאַרגלייך מיט דעם לעבען פון אַנאַנדער מענשען זיין פולער מיט געטליכקייט, אָדער איינער קאָן רעאַליזירען די געטליכקייט מיט אַ מער אינטענסיווען באַ־וואוסטזיין פאַר דעם אַנדערען. עס איז אָבער ניט פאַראַן אַזאַ באַרוף אָדער אַזאַ באַשטרעב, וואָס זאָל זיין דער פּריוואַטער וועג צו דער גאָטהייט. און

דער וועג דורך ספעקולאציע איבער די אלערלעצטע אמת'ן, הגם ער איז פאר־שיידען און בארעכטיגט, איז ער אָבער זיכער ניט העכער פאר די אנדערע וועגן."

און וואָס דער מעטאַפיזיקער ברעדלי זאָגט אונז דאָ, האָט גוט פאַרשטאַנען פּרץ'ס ליטוואַק. זעהענדיג ווי דער רבי האָט זיך כעלות השחר אויפגע־הויבען צו געהן אין וואלד אריין, אום א ביסעל האָלץ אָנהאַקען אויף איינצו־הייצען דעם אויוון פאר די אָרימע, האָט ער ניט נאָר איינגעשטימט מיט דעם חסיד, אז דער נעמיראָווער הויבט זיך אויף סליחות צייט יעדען פרימאָרגען און געהט ארויף אין הימעל אריין, נאָר ער האָט נאָך צוגעגעבען: אויב ניט נאָך העכער.

און פאר וואָס איז דער ביאַלער רבי אזוי אומצופרידען געווען מיט דעם בריסקער רב'ס תורה אויב ניט דערפאר, וואָס זי, דעם בריסקער רב'ס תורה, דאָס הייסט אויף דעם פילאָזאָפישען לשון, די תורה פון דעם ראַציאָנאַליזם, גיט גאָר ניט פאר דעם כלל ישראל.

„וואָס האָט איר", פרעגט דער ביאַלער דעם בריסקער, „פאר דעם קצב, פאר'ן האָלץ העקער, פאר'ן בעל מלאכה, פאר'ן פּראָסטען יוד? בפרט—פאר א זינדיגער יוד? וואָס, רבי, האָט איהר פאר נישט לומדים?"

ווייט אוועק איז די פילאָזאָפיע און די קונסט, א דאַנק דעם איראַציאָנאַ־ליזם, אויף דעם וועג פון דעמאָקראַטיע, אויף דעם וועג פון גלייכהייט, און דער דאָזיגער איראַציאָנאַליזם מוז אוועקגעלייגט ווערען אַלס א פונדאמענט פון אַלע ראדיקאלע און פּראָגרעסיווע סאָציאַלע אנשויאונגען. מחמת, אָהן דעם דאָזיגען פונדאמענט קאָן ניט קומען די אָרדנונג פון סאָציאַלער גלייכ־הייט, וואָס איז פאר דעם אמת'ן פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפט אזוי נויטיג, ווי דאָס וואַסער איז פאר'ן פיש.

8.

מיט דעם ראַציאָנאַליזם פאלט שוין אויך אוועק דער רעלאַטיוויזם, דער דריטער פאַלשער יסוד פון דעם מאַרקסיזם. דאָרט וואו עס האַנדעלט זיך וועגען אינסטינקט, געפיהל אָדער אינטואיציע, דאָרט איז ניט שייך קיין באַגרענצונג אָדער פאַרהעלטניסמעסיגקייט, דער אינסטינקט איז דירעקט,

ספאנטאן און אבסאלוט, און דער געפיהל שפירט גאנץ גוט דעם פונקט, וואס ווייטער פון אים קאן מען שוין ניט געהן.

ווען ראמעא שרייט אויס: אזוי ארום שטארב איך מיט א קוש! מוז ער זיכער אין דעם מאמענט זיין באהערשט פון א געפיל, וואס שפירט גלייכצייטיג די פאלקאמענהייט, די אבסאלוטהייט, און די אייביגקייט. און דאס זעלבע מוז דורכלעבען דזשוליעט, ווען זי שרייטט אויס: א גליקליכער קינזשאל!

אהן אזא שפירונג וואלטען אזעלכע אקטען ניט מעגליך געווען.

נאר דערפאר וואס די וויסענשאפט לייט און די פילאזאפען האבען פארזעהן די אינטואיציע, האבען זיי געקאנט רעדען ועגען דער רעלאטיוויטעט פון דער וויסענשאפטליכער דערקענטניס. „וואס איז יא רעלאטיוו", זאגט בערגסאן, „איז די סימבאלישע דערקענטניס פון די פריהער עקזיסטירענדע באגריפען, וועלכע געהען אריבער פון דעם פיקסירטען צו דעם באוועגענדען, און ניט די אינטואיטיווע דערקענטניס, וועלכע גיסט זיך אריין אין דעם, וואס באוועגט זיך און נעמט אן דעם עצם לעבען פון זאכען. די דאזיגע אינטואציע דערגרייכט דאס אבסאלוטע".

דער דאזיגער אבסאלוטיזם מאכט מעגליך אויף דעם סאציאלען געביט צו טראכטען ניט נאר וועגען סתם גלייכהייט און פרייהייט, נאר טאקע וועגען אבסאלוטער גלייכהייט און אבסאלוטער פרייהייט, און ניט נאר צו טראכטען, נאר אויך צו ארבייטען פאר דעם, אז די קומענדע רעוואלוציע, אין וועלכען לאנד זי זאל ניט אויסברעכען, זאל זיי — די גלייכהייט און די פרייהייט — מיט דער פולער מאכט און שטארקייט פון דער מאראל און געערכטיגקייט אין לעבען אריינפירען, אין זייער אבסאלוטער פארם. און דאס ערשט וועט זיין די סאציאלע רעוואלוציע.

האט דאך שוין די סאציאלע איינשוויאונג אדער טעאריע, וואס געהט אונטער דעם נאמען אנארכיזם, אנגענומען דעם אבסאלוטיזם, און צו א געוויסען גראד אויך דעם איראציאנאליזם, און אויף אזוי פיעל איז ער אוועק א סך ווייטער פאר דעם מארקסיזם, און ער האט געקאנט דאריבער וואגען, זיך איינצושטעלען, אויב נאך ניט פאר דער פולער עקאנאמישער גלייכהייט, איז אם וויינינגסטען פאר דער פולער און אומבאדינגטער פרייהייט. דער אנארכיזם אבער אין זיין סאציאלער געשטאלט, וועלכער ער האט אנגענומען למשל ביי קראפאטקינ'ן און ניט אין דעם ריין פילאזאפישען געשטאלט, וואס א

טאָלסטאָי, אָדער א שטירנער, האָט אים געגעבען, קאָן ניט מיט זיין אבסאָלוטיזם און איראציאָנאליזם גענצליך פאַרענטפערען די סאָציאלע פראגע, ווייל זיי ביידע, דער אבסאָלוטיזם און דער איראציאָנאליזם זיינער געהען ביי אים אינאיינעם מיט א האלבען אידעאליזם בלויז, מיט א היסטאָרישען, און ניט קיין אוניווערסאלער אידעאליזם.

דער אנארכיזם, וואָס האָט באוויזען א שטיקעל סאָציאלע באוועגונג צו שאפען, און דאָס מיינט נאטירליך דער אנארכיזם פון קראָפּאָטקין, האָט אנגענומען די זעלבסטשטענדיגקייט און די איניציאטיווע ווירקענדע קראפט פון דער אידעע, אָדער פון דעם געדאנק און גייסט. די אידעע אָבער, אָדער דער גייסט הויבט זיך ביי אים אָן ערשט מיט דעם מענשען. ווייטער פון דעם מענשען אין דער אומענדליכער פארגאנגענהייט איז פאראן א סך נידעריגערעס און אומבאדייטענדערעס, אָבער בשום אופן ניט קיין העכערעס און מעהר באדייטענדערעס. ווענען עטוואָס, ערגעץ וואו, וואָס איז אלע מאָל געווען און איז העכער פאר דעם מענשען, ווענען אַן איבערמענשליכקייט, וואָס שטעלט צענויף די מהות און דעם תמצית פון דער אוניווערס און גיט א זין און אינהאלט דעם מענשליכען לעבען, ווענען אזא מעגליכקייט, האָט דער שטארקסטער מענשען-ליבענדער מענש, דער שארפסטער און אויסגעשפראָכענסטער סאָציאלער אנארכיסט, פעטער קראָפּאָטקין, אָדער קיינמאָל ניט געטראכט, אָדער אלע מאָל געריכטעט זיין דיינקען אויף דער נעגאטיווער זייט פון דער פראגע.

די אבסאָלוטע סאָציאלע פרייהייט און די אבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט שטיצען זיך דורכאויס אויף דעם דראנג פון דעם מענשען נאָך אינדיווידואליטעט און גערעכטיגקייט. זיי טרייבען דאָס דעם מענשען מיט אלץ צו ריזיקירען. די דאָזיגע אנטשלאָסענהייט, מיט אלץ צו ריזיקירען, וואָס נאָר זי אליין מאכט מעגליך נאציאָנאלע זיגען און סאָציאלע איבערקערען, פארלירט אָבער יעדען באדייט, אויב די מענשליכע אינדיווידואליטעט זאָל ניט זיין, אויף אזא, אָדער אנאנדער אופן, מיט אזעלכע אָדער אנדערע פעדים, אינטים געבונדען מיט דער אוניווערסאלער אינדיווידואליטעט און גערעכטיגקייט, וועלכע שטעהען הינטער אלץ, וואָס איז מענשליך, און וואָס צוליב זיי האָט דער אָפּפער מיט אלץ, וואָס איז ניט מער ווי מענשליך, א זין און א ווערט.

דער אנארכיזם דאריבער, אָדער וועלכע עס איז אנדערע טעאָריע, וואָס איז וועט באשערט זיין צו שפּילען אַן אנטשיידענע ראָלע אין דער סאָציאלער

רעוואָלוציע, וועט מוזען שלאָגען די טיפסטע, וואָס איז נאָר מעגליך, וואָרצ־לען אין דעם באָדען פון דעם אידעאַליזם. דער פילאָזאָפישער אָדער אוני־ווערסאַלער אידעאַליזם, אין זיין פולסטער טיעף, וועט מוזען ווערען איר בלוט און זאפט.

אונז וועט נאָך אויסקומען גאָר לאַנג אָפּצושטעלען זיך אויף דער קריטיק פון קראָפּאָטקינ׳ס אַנאַרכיזם פון דעם שטאַנדפּונקט פון די נייעסטע פאָרשונגען און ווענדונגען אין דער פילאָזאָפיע און אין דער וויסענשאַפט, און מיר וועלען פּרואווען באווייזען, אַז די פילאָזאָפיש וויסענשאפטליכע, אָדער וויסענשאַפטליך־פילאָזאָפישע גרונדלאַגע פון קראָפּאָטקינ׳ס אַנאַרכיזם איז, אין גרונד גענומען, אַקוראַט אַזוי פאַלש ווי די האַלב פילאָזאָפישע און האַלב וויסענשאַפטליכע גרונדלאַגע פון מאַרקס׳ סאָציאַליזם, און דערפאַר, קאָן קראָפּאָטקינ׳ס אַנאַרכיזם, זיין אַזוי ווענינ ווי מאַרקס׳ סאָציאַליזם דער אָנשפּאַר פּונקט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס דאַרף געבען דער מענשהייט אַבסאָלוטע פרייהייט און גלייכהייט, וואָס אָהן זיי קאָן די סאָציאַלע פּראָבלעם ניט געלייזט ווערען.

די אמת׳ע סאָציאַלע רעוואָלוציע, דער געזעלשאַפטליכער איבערקער, וואָס וועט באמת ברייננען דער מענשהייט דעם גליק, וואָס א גרויסער טייל פון איר מאָלט זיך אין זיין פאַנטאַזיע אַלס מעגליך, און דאָס איז דעם גליק, וואָס נאָר אַ ברידערליכער צוזאַמען לעבען פון מענש מיט מענש קאָן געבען, אַ גליק, וואָס נאָר אַ געפיל פון עקאָנאָמישער און סאָציאַלער גלייכהייט קאָן געבען, אַ גליק, וואָס נאָר אַ געפיל, אַז די גערעכטיגקייט אויף אַזוי ווייט ווי זי האָט שוין איר אויסדרוק געפונען אין דער מענשליכער נשמה הערשט אין אַלע ווינקעלאך פון מענשליכען צוזאַמענלעבען — אַזאַ רעוואָלוציע קאָן ערשט קומען יעמאָלט, ווען דער מענש וועט דערשפּירען פון דאָס ניי, אַז די גרויסע און ברייטע וועלט, וואָס שפּרייט זיך פאַנאַנדער פאַר אים און איבער אים, באַשטעהט אין איר תוך און תמצית פון אַן אינהאַלט, וואָס איז, אויף אַזאַ אָדער אַנאַדער אופן, גענליכען צו דעם, וואָס שטעלט צענויף דאָס העכסטע און בעסטע אין דעם מין מענש גופא.

„פאַראַן“, זאָגט סער אָליווער לאָדזש, „א טענדענץ, צו באַצייכענען מיט דעם נאָמען אַנטראָפּאָמאָרפיזם דעם אַרגומענט, אָדער די באַשטימונג, אַז וואָס פאַר אַ פעהיגקייט דער מענש באַזיצט, מוז אויך די געטליבקייט באַזיצען. דאָס זעהט אָבער אויס צו זיין צו מיר אַ פאַלשער נאָמען און עס

דריקט אויס גאנץ פאלשע אידעען. דער ארגומענט, וואָס אנטהאלטען די פראגען: „ער, וואָס האָט געבילדעט דאָס אויג זאָל ניט זעהן? ער, וואָס האָט געפלאַנצט דעם אויער זאָל ניט הערען?“ דארף ניט אָננעמען, אז גאָט האָט חושים, וואָס זיינען ענליך צו די חושים פון דעם מענשען, אָדער אז די עטער און לופט צוטרייסלונגען מיינען צו אים דאָס זעלבע וואָס צו דעם מענשען. דאָס איז ניט קיין באהויפּטונג וועגען ענליכקייט צווישען גאָט און מענש, נאָר דאָס איז בלויז אָן אנערקענונג, אז דאָס, וואָס באַלאַנגט צום טייל, מוז זיין איינגעשלאָסען אין דעם גאַנצען... דאָס איז א וואָרנעמונג, אז די פעהיגקייטען און כחות, וואָס זיינען צו דער עקזיסטענץ געקומען און זיינען אקטועל באַ דער ארבייט אין דער אוניווערס, האָבען ניט געקאָנט אנטשטעהן אָהן דער דערקענטניס, סימפּאַטיע און פולער פאַרשטענדניס פון דעם, וועלכער האלט אלץ אויס און פאסט אלץ צוזאמען... מען קאָן אויך ניט דערוואַרטען קיינע פונקציעס אין דער באַשעפעניש וואָס זאָלען איבערשטייגען די מאַכט פון דעם באַשעפער. אלע אונזערע פעהיגקייטען, זינליכקייטען און עמאָציעס מוזען דאריבער פארשטאַנען ווערען פון דער גאָטהייט, זי, די גאָטהייט, מוז זיי אלע באזיצען אין א געוויסער טראַנסצעדענטאלער פאָרם, וועלכע מיר קאָנען זיך ניט פאָרשטעלען מיט אונזער כח הדמיון“.

דער באגריף וועגען דעם, וואָס טאַגאָר רופט אָן וועזענטליכע איינהייט פון דער וועלט מיט דער באוואוסטזיניגער נשמה פון דעם מענשען, וועט מוזען טיעף ארייננדרינגען אין דער מיט פון דער געזעלשאפט בכדי די סאָציאלע רעוואָלוציע זאָל מעגליך ווערען. דער קלאסען קאמף וועט מוזען פון אָנהויב ביז׳ן סוף געפירט ווערען אין דעם ליכט פון דער איינהייט, וועלכע, ווי טאַגאָר זאָגט, „ווערט געהאלטען פון דעם איינאונאיינציגען אייביגען גייסט, וואָס זיין קראפט האָט באשאפען די ערד, דעם הימעל און די שטערען, און וואָס באַשטראַלט אין דערזעלבער צייט אונזערע גייסטער מיט דעם ליכט פון באַוואוסטזיין, וואָס באוועגט זיך און עקזיסטירט אין אָן אומאונטערבראָכענער קאָנטינואיטעט מיט דער אויסענוועניגסטער וועלט“.

די סאָציאלע רעוואָלוציע, וואָס וועגען איר טרוימט פאר דעם לעצטען יאָהרהונדערט די ליידענדע און אונטערדריקטע מאסע, קאָן קומען נאָר יעמאָלט, ווען די פסיכיק און ניט די עקאָנאָמיק וועט ווערען דער דירעקטירענדער מאָטיוו פון די געזעלשאפטליכע שייכות׳ן און רעוואָלוציאָנערע טענדענקייטעז. מעגען זיך זיין וויפיעל רעוואָלוציעס, די ברענענדסטע קעמפער

ווילען נאר, און מעגען זיי אננעמען אזא אדער אנאנדער פארם, וועט קיין איינע פון זיי נית זיין די סאציאלע רעוואלוציע, כל זמן זי וועט נית, באלד נאכדעם, ווי זי וועט פראקלאמירט ווערען, אפשאפען אלע מעגליכקייטען פאר דעם פארקויף פון דער נשמה צו דעם גוף, אלע מעגליכקייטען פאר דעם, אז דער אויסערליכער פראכט און גלאנץ זאל איינשלינגען די אינערליכע שענקייט און דערהאבענקייט, אלע מעגליכקייטען פאר דעם, אז די נוצען פון ציוויליזאציע זאלען העכער געשאצט ווערען און מער אנערקענט ווערען איידער די ווערטען פון קולטור.

דער קאפיטאליזם האט געפירט דערצו, אז יעדע אנטדעקונג, וואס איז געמאכט געווארען פון דעם מענשליכען געדאנק, זאל, אנשטאט מיט איר אנטפלעקונג פון מער און מער נאטור סודות, פארטיפען די מענשליכע נשמה און רייכער מאכען דעם מענשליכען גייסט, פארקערט, פארפלאכען די נשמה און בדיל הדל שטעלען דעם מענשליכען גייסט.

„די ציוויליזאציע גופא", זאגט זייקען, „האט דערגרייכט א קריזיס, וואס פון אים קאן זי ראטעווען נאר א ראדיקאלע פארטיפונג פון לעבען און א אינערליכע באנייהונג פון דעם מענשען. אלץ מער און מער ווערען מיר געטריבען צוריק פון די אומאויפהערליכע אקטיוויטעטען פון ציוויליזאציע צו די פראבלעמען פון דער נשמה, צו דעם קאמף פאר מאכען דאס לעבען באדייטענד, און פאר דער דערהאלטונג פון א ספיריטועלער עקזיסטענץ."

כאראקטעריסטיש און מערקווירדיג איז דאס, וואס דער קלאסען־קאמף איז ביז איצט אנגעפירט געווארען פון מענשען, וואס זיינען געשטאנען אינגאנצען פון ווייטען פון דעם קאמף פאר דער ספיריטועלער עקזיסטענץ. זיי איז לגמרי פרעמד געווען דער גייסט, וואס האט באהערשט די נייע פילאזאפיע, די נייע קונסט און די נייע וויסענשאפט. פאר זיי איז געווען גענוג צו זיין מאטעריאליסטיש, בכדי צו קרוינען זיך מיט דעם טיטעל „וויסענשאפטליך" און נאך עד היום דיינקען זיי, אז די פארבינדונג איז א לאגישע.

דער אמת איז אבער, אז צווישען דעם פילאזאפישען מאטעריאליזם און דער וויסענשאפטליכקייט, אז נית פאראן קיין ברעקעל אינערליכער צוזאמענהאנג. דער באגריף פון די מאטעריאליסטען, אז וואס עס איז וויסענשאפטליך מוז זיין מאטעריאליסטיש, האט זיך גענומען דערפון, וואס זיי האבען זיך פארגעשטעלט, אז אלץ, צו וואס די וויסענשאפט רירט זיך צו,

ווערט אויף דעם באלד ארויפגעגאָסען א ים מיט ליכט, וואָס מאכט אַלץ קלאָר, דייטליך און זיכער, און זיי האָבען בשום אופן זיך ניט געקאָנט אויס־מאָלען קיין זיכערקייט, און ממילא אויך ניט קיין קלאָרקייט און דייטליכ־קייט דאָרט, וואו די סאמע לעצטע גרונדלאגע איז ניט קיין מאטעריאליס־טישע, ד. ה. ניט אזעלכע וואָס שטיצט זיך אויף די, ווי זיי האָבען געדיינקט, ביז דעם גרונד דערגרייכענדע זיילען פון שטאָף און קראפט. דער באגריף איז אָבער געווען, און איז איצט נאָך, ניט מער ווי אַן אילוזיע.

נאָך אין 1884 האָט קארל דו פרעל אין זיין טיעפען בוך „די פילאָזאָפיע פון מיסטיציזם“ געשריבען:

„עס איז בלויז אַן אילוזיע פון די מאטעריאליסטען צו דענקען, אַז אין דער וויסענשאפטליכער באהאנדלונג פון זאכען ווערט יעדע דונקעלהייט אין ליכט אויפגעלייזט. זיי נעמען אָן, אַז קראפט און שטאָף איז פארשטענדליך —גייסט איז פאר זיי ניט פארשטענדליך—דערפאר שטרעבען זיי אים אויפ־צולייזען אין קראפט און שטאָף, און פונדעסטוועגען איז גראָד דער הפוך דער־פון דער אמת. אויב עטוואָס איז אין אַלגעמיין פארשטענדליך איז עס דער גייסט, דיער באוואוסטזיין, וואָס אים דערקענען מיר אויף אַן אוממיטעלבארען אופן, בעת די גאנצע נאטור איז נאָר אויף אַן אומדירעקטען אופן דערקענט־באר, דאָס הייסט אויף אַזוי ווייט ווי זי קאָן באווירקען אונזער צושטאנד פון באוואוסטזיין... עס קאָן קלינגען גאנץ הארמאָניש צו פארלייקענען דעם גייסט, מחמת מען קאָן אים מיט די הענט ניט גרייפען, און צו באטראכטען אלס רעאל די מאטעריע, ווייל מען קאָן זיך אין איר מיט דעם קאָפּ אָנקלאפען. דאָך מוזען מיר אָננעמען דאָס אנטקעגענגעזעצטע. אפילו האַקסלי, ווי נאָהענט ער שטעהט צום מאטעריאליזם, געפינט זיך געצוואונגען צו פּראָטעסטירען גע־גען אים. ער זאָגט:

„ווען די מאטעריאליסטען קריכען אראָפּ פון זייער דרך הישר און הויבען אָן צו רעדען וועגען דעם, אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדער זאך אין דער אוניווערם אחוץ שטאָף און קראפט און נויטווענדיגע געזעצען, זאָג איך מיך אָפּ פון נאָכצופאָלגען זיי... מאטעריע און קראפט זיינען, אויף ווי ווייט מיר קאָנען וויסען, בלויז נעמען פאר געוויסע פאָרמען פון באוואוסטזיין... אויף אַזאַ אופן איז דאָס אַן אמת, וועלכער איז ניט צום דיסקוטירען, אַז דאָס וואָס מיר רופען די מאטעריעלע וועלט איז צו אונז דערקענט נאָר אונטער די פאָר־

מען פון אן אידעאלער וועלט, און, ווי דעקארט זאגט אונז: אונזער דערקענט־ניס פון דער נשמה איז מער אינטים און מער זיכער איידער די דערקענטניס פון דעם קערפער".

ניט נאר האקסלי, נאר אויך אלע וויסענשאפטס־מענער פון העכסטן ראנג, האבן שוין אין די אכטציגער יארען פון דעם ניינצעטן יארהונדערט, זיך אויפגעהערט, ווי דו פרעל זאגט, אידענטיפיצירען מיט דעם מאטעריאליזם, פארקערט, זיי האבן שוין צו יענער צייט אים אנגעהויבן צו באקעמפען. פארווערטס געטריבען דעם מאטעריאליזם האט אלע מאל און איצט אויך ניט די וויסענשאפט אזוי שטארק ווי די פאפולאריזאציע פון די וויסענשאפטען.

די טיף וויסענשאפטליכע ביאלאגען למשל, וואס אויף זייער שטיצע, האט דער מאטעריאליזם געלייגט גאר א סך האפנונגען, האבן אים גאר שנעל אנטוישט. זיי האבן גיך איינגעזעהן, אז די כעמישע און פיזישע שייכות'ן, וואס האלטען אין זייערע נעצען דאס לעבען געפאנגען אזוי, אז אויסענוועניג פון דער נעץ קאנען מיר בשום אופן קיין לעבען ניט זעהן, ערקלערען אבער נאך ניט די אנטשטעהונג פון לעבען, פונקט ווי וואסער, אהן וועלכער פיש קאנען ניט לעבען, ערקלערען נאך ניט דעם אורשפרונג פון דער פיש.

„ווען דאס ארגאנישע זיין, וואלט זיין אורשפרונג געהאט בלויז אין פיזישע און כעמישע שייכות'ן", האט מיט פערציג יאר צוריק געשריבען ד. פרעל, „וואלט די לייזונג פון דעם פראבלעם פון לעבען געלעגען אין דער פראווינץ פון ביאלאגיע. זי איז אבער ניט דערוואקסען צו דער דאזיגער אויפגאבע. לעבען קאן ניט דערקלערט ווערען פון מאטעריע, נאר עס פאדערט זיך „לעבען" גופא פאר זיין דערקלערונג און ער זעצט פאראויס „אמנע וויאום עקס אווא". ניט פאראן אויך קיין האפענונג אויף דער צוקונפט, מחמת די ביאלאגיע אלס אזעלכע קאן אונז שטענדיג בלויז ווייזען די באדינגונגען, וואס אהן זיי אנטשטעהט ניט קיין לעבען".

און וועגען די שייכות'ן צווישען מאטעריע און גייסט שרייבט דער וויסענשאפט־מאן אליוועה לאדזש, שוין אין דעם צוואנציגסטען יארהונדערט, פאלגענדעס: „די מאטעריע איז אן איבערגעבונגס־מיטעל פון גייסט, זי ווערט אבער דאמינירט און איבערשטיגען פון אים. א קונסט בילד ווערט געהאלטען צוזאמען פון די צונויפקלעפענדיגע קרעפטען, וואס געפינען זיך צווי־

שען די אַטאָמען פון זיין פארב־שטאָף, און ווען די דאָזיגע קרעפטען וואָלטען רעבעלירט און וואָלטען געוואָרען צוריקשטויסענד, וואָלט דאָס בילד דיסאינ־טעגרירט און צושטערט געוואָרען, דאָך האָבען די דאָזיגע קרעפטען ניט גע־מאַכט דאָס בילד. אַ קאַטעדראַלע ווערט צוזאַמענגעהאַלטען פון אומאָרגאַני־שע קרעפטען, און אין געהאַרכזאַמקייט צו זיי איז זי געבויט געוואָרען, אָבער זיי דערקלערען ניט די קאַטעדראַלע — זי האָט צו פאַרדיינקען איר עק־זיסטענץ און דעם פּלאַן דעם געניאַנק פון איינעם, וואָס האָט קיינמאָל ניט אַנגערירט קיין שטיין, און אפשר פון איינעם, וואָס איז געווען נאָר איידער זי האָט אָנגעהויבען געבויט צו ווערען. און אין איר סימבאָל רעפּרעזענ־טירט זי איינעם, וואָס איז היגגעריכטעט געוואָרען מיט הונדערטער יאָרען צוריק... זיינען מיר זיכער, אַז ווען מיר שרייבען צו אַ זון־אונטערגאַנג, אָדער דאָס קרייזלען זיך פון דער לבנה־שיין אויף דעם ים צו די כעמישע און פיזישע אַקטיוויטעטען פון מאַטעריעלע קרעפטען — צו די צוטרייסלונגען פון מאַטעריע און עטער ווי מיר ווייסען זיי — האָבען מיר דערשפּירט דעם גאַנצען אמת פון זאַכען? ניט איין דיינקער האָט, פאַרטיפענדיג זיך אין די דערשיינונגען פון דער נאַטור, געפילט, אַז זיי שטעלען מיט זיך פאָר די גע־דאַנקען פון דאָמינירענדען אומבאַקאַנטען גייסט, וועלכער האָט זיך טייל־ווייז אין זיי פאַרקערפּערט".

אַלע וואָס איז פאַרגעקומען אויף אַלע געביטען פון דער וויסענשאַפט, זינט דו פּרעלס בוך איז אַרויס פון דרוק, האָט באַשטעטיגט אין אַלע איינצעל־הייטען די באַהויפּטונגען פון דו פּרעלען, וועגען דעם גאַנג פון דעם וויסענ־שאַפטליכען דיינקען אין דער צוקונפט.

אַז דאָס איז אַזוי, ווייזט די גרויסע אַרבייט פון פּראָפעסאָר אַליאָטאַ. אין זיין בוך „די אידעאַליסטישע געגענווירקונג געגען דער וויסענשאַפט" נעמט ער דורך אַלע וויסענשאַפטען און ווייזט, אַז יעדע איינציגע פון זיי זאָגט זיך אָפּ, און ווערט פון דער פילאָזאָפיע מיט יעדען טאָג מער געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגען, פון דעם מאַטעריאַליזם און אָננעמען אַלס איר גרונדלאַגע דעם אידעאַליזם, אָדער ספּיריטואַליזם אין זייער ברייטסטען און טיעפסטען זין. ער ווייזט למשל, אין דעם דאָזיגען בוך, ווי אַזוי די עוואָלוציע, די קרוין פון אַלע ביאָלאָגישע פאָרשונגען, האָט לעצטענס אינגאַנצען מבטל געמאַכט דעם מעכאַניזם, דעם אַנשפּאַר פּונקט פון דעם מאַטעריאַליזם.

פאַר דער וויסענשאַפט איז קלאָר געוואָרען, אַזוי דערציילט אונז פּראָ־פעסאָר אַליאָטאַ, אַז „דער מעכאַניזם און די עוואָלוציע זיינען צוויי באַגריפען וואָס קאָנען ניט אַרויסקומען איינער פון דעם אַנדערען, מחמת זיי שטימען צענויף מיט צוויי פאַרשיידענע אָנבליקען פון דער נאַטור: איינער איז קוואַנ־טאַטיווע פּערמאַנענץ און אַבסאָלוטער דעטערמיניזם פון מאַטעמאַטישען גע־זעץ, דער אַנדערער איז, אַ קוואַליטאַטיווע אומשטאַלטונג און אַ פּרוכטבאַרע באַשאַפונג פון איינצעלנע פאָרמען, וואָס קיין גאַנג פון אַבסטראַקטע פאָרמו־לען קאָן זי ניט פאַרשטעהן אין דער פולקייט פון איר לעבעדיגער רעאַלי־טעט".

אַליאָטאַ נעהמט דורך אַלע גייסטע השערות פון דער פיזיק און ער שטעלט זיך אָפּ זעהר לאַנג אויף דוהעמ'ס נייער מעכאַניק, וועלכע האָט געמאַכט דעם וויכטיגסטען שריט פאָרווערטס, דערמיט, וואָס ער, דוהעם, האָט זיך דורכאויס געשטעלט אויף דעם קוואַליטאַטיווען שטאַנדפּונקט אין דער פיזיק, און דאָס מיינט, אַז ער האָט איינגאַנצען זיך באַפרייט פון דעם מאַטעריאַליזם, וואָס שטרעבט די איכות אין כמות אויפצולייזען.

אָבער אפילו, מיט דוהעמען איז אַליאָטאַ נאָך ניט צופרידען. ער וויל האָבען, און ער דיינקט, אַז אַלע גייסטע פלוסען און וועגדונגען פון מענשליכען געדאַנק און גייסט, באַרעכטיגען זיין וועלען, אַ מער פּאָזיטיוו אידעאַליסטישע שטעלונג, מצד פון די געלערנטע, אין דער פיזיק.

„דוהעם", זאָגט ער, „איז פּאַלקאָם גערעכט, ווען ער קעמפט געגען דער אומבאַוואוסטער מעטאַפיזיק, וועלכע טרייבט פיעלע נאַטור פילאָזאָפען פעסט צושטעלען פיעלע באַגריפען אַלס אמת. און, אַלס געהעריגע, רעאַלע ווע־זענהייטען פאַרגעטערען זיי זיי כמעט, און מאַכען זיי פאַר דעם אַלערלעצטען תמצית פון זאַכען. ער איז גערעכט, ווען ער פירט מלחמה געגען די אויפהאַל־טער פון אַ מעכאַנישער טעאָריע, וואָס קניהען און בוקען זיך פאַר די אומ־זיכטבאַרע באַוועגונגען פון די מאַטעריעלע אַטאָמען אָדער פאַר דעם אומבאַ־וועגבאַרען עטער".

ער איז אָבער אין כעס אויף דוהעמ'ען דערפאַר, וואָס ער וויל ניט צוגע־בען אַז די פיזיקאַלישע ערשיינונגען גיבען אונז ניט נאָר קיין פאָרשטעלונג, נאָר אויך אַ דערקלערונג פון דער רעאַליטעט.

„מיר מוזן,„ זאָגט פּראָפעסאָר אַליאָטאַ, „קלאָר פאַרשטעהן דעם באַ־דייט פון ווערטער: צו דערקלערען מיינט בשום אופן ניט צו פּאַסען די זאַך אין זיך גופא, דורכצודרינגען דעם אבסאָלוט און אריבער צושטייגען די גרעניצען פון דער דערפאַרונג. עס מיינט ליעבערשט צו מאַכען די וועלט פון דערשיינונגען פאַרשטענדליך. נו, ווי קאָן עס אָפּגעלייקענט ווערען, אז די פיזיקאַלישע טעאָריע מיט איר לאָגישען אָרגאַניזם, שטעלט פאָר פאר אונז די נאַטור רעאַליטעט אין אַ פאַרשטענדליכער פאָרם? ווערען דען ניט די לאָגישע פאָדערונגען פון דעם פּרינציפּ פון גענינגענדען גרונד — דער באַזיס פון אַלע דערקלערונגען—דערפילט, ווען מיר האָבען באַוויזען צו רעדוצירען איינצעלנע פאַקטען צו עקספּערימענטאַל געזעצען, און די דאָזיגע געזעצען ווייטער צו מער אַלגעמיינע פּרינציפּען פון דער טעאָריע? דאָס נאַטירליך דייטעט אָן, אַז די רעאַליטעט, דער אָביעקט פון וויסענשאַפטליכער דערקענטניס, באַזיצט אַ לאָגישע סטרוקטור: וואָלט זי געווען לגמרי פריי פון פאַרשטענדליכע עלעמענטען, וואָלט עס אוממעגליך געווען צו פאַרשטעהן ווי אזוי, דער מענשליכער גייסט וואָלט געקאָנט זי אריינוועבען אין אַ געוועב פון עקזאַקטע פאָרמולען און אינטעלעקטועלע קאַטעגאָריען. די אָביעקטיווע עקזיסטענץ פון אַ ראַציאָנאַלען סדר איז ניט קיין בלינדער אַקט פון גלויבען, אָדער בלויז אַ קאָנצעסיע צו דעם געזונטען פאַרשטאַנד, ווי עס דיינקט דוהעם, עס איז גיכער אַ נויטיגער פּאָסטולאַט פון יעדער דערקענטניס, וואָס זיין גערעכטפאַרטיגונג ליגט אין דער אוממעגליכקייט צו באַגרייפען אַ דערקענטבאַרע רעאַליטעט, וואָס זאָל ניט אַנטהאַלטען אין זיך גופא די תנאים וועלכע זיינען דורכאויס נויטיג בכדי צו ווערען דערקענט, ד. ה. בכדי איבערזעצט צו ווערען אין די טערמינען פון געדאַנק".

און ניט נאָר פאַר דעם געדאַנק, נאָר אויך פאַר דעם געפיל און דעם ווילען שטעלט זיך איין פּראָפעסאָר אַליאָטאַ אויף דעם גרונד פון זיין גרינדליכער שטודיום פון אַלע צווייגען פון מענשליכער דערקענטניס פון אונזער צייט. קונסט און מאָראַל זיינען פאַר אים ניט קיין געוועב פון אילוזיעס, נאָר טעטיגקייטס-געביטען פון באַוואוסטער רעאַליטעט, וואָס זייער עקזיסטענץ קאָן ניט אָפּגעפרעגט ווערען, און די פילאָזאָפיע מוז זיך רעכענען מיט זיי, אויב זי וויל געבען אַ טאָטאַלען באַגריף פון דער וועלט צום קרעדיט פון די ספּעקולאַטיווע שטראָמען פון געדאַנק פון אונזער צייט, וואָס זיינען

אנטשטאנען אין געגנזאץ צו דעם אינטעלעקטואליזם, מוז צוגערעכנט ווערען, דיינקט ער, דאס וואס זיי האבען מיט אן אומצווייפעלהאפטער שטים באהויפטעט, די רעכט פון דעם געפיל און דעם ווילען געגען די איבערטרייבונגען פון וויסענשאפטליכען מאטעריאליזם און דער קאלטער גלייכגילטיגקייט פון דעם אגנאסטישען פאזיטיוויזם.

פאר דער וועלט, וואס פארשט און זוכט, איז שוין איצט קלאר, אז דער ווילען האט גובר געווען די קראפט און ער וועט שוין אויף אלע מאל איר אויבען אן פארנעמען. מיט דו פרעל'ען, וועלכער האט עס געוואוסט נאך מיט פופציג יאר צוריק, ווייסט שוין איצט יעדער איינער, וואס איז ניט ערצויגען געווארען אויף דער פאפולאריזאציע פון די וויסענשאפטען, אז קראפט, דאס לעצטע ווארט פון דער וויסענשאפט, איז א מעטאפיזישער באגריף, און געהערט צו דעם „אלץ" אין דעם מענשען, וואס דיינקט, פיהלט און וויל, אזוי גוט ווי צו אלע נאטור זאכען אין דער וועלט.

„די וועלט", האט געשריבען דו פרעל, „איז אונזער פארשטעלונג. דער מאטעריאליזם איז זעלבסט ווידערלייגענד דורך זיינע לעצטע אויספארשונגען. ער האט אונטערגעזעגען דעם צווייג, אויף וועלכען ער איז געזעסען. און דאס, וואס דער מאטעריאליזם עקזיסטירט נאך אלץ, איז אן אנאכראניזם, און ער וואלט עס ניט געקאנט זיין, ווען יעדער איינער זאל דיינקען".

אויך נאך איצט דיינקט ניט יעדער איינער, אבער די וואס דיינקען יא, אפילו אויב ניט זעהר טיעף, ווענדען שוין ניט מער זייער געדאנק אין דער מאטעריאליסטישער ריכטונג, און עס וועט שוין ניט נעמען לאנג ווען די אנטי־מאטעריאליסטישע ריכטונג וועט אנהויבען פאפולאריזירט צו ווערען אזוי, אז אפילו די וואס דיינקען איז ניט זייער ספעציאליטעט, וועלען שוין אויך ניט מעהר זעהן וועלכע עס איז אינערליכע שייכות צווישען מאטעריאליזם און וויסענשאפט.

מיט צוויי געדאנקען וועט די געזעלשאפט מוזען דורכגעדרונגען ווערען אין איר ברייט, אזוי גוט ווי אין איר טיף. איין געדאנק איז, אז ווען עס ווערט אוועקגענומען באוואוסטזיין אדער גייסט פון דער וועלט־אל תמצית, ווערט דערמיט אוועקגענומען יעדע מעגליכקייט צו דערקלערען דעם מינדסטען צוזאמענהאנג צווישען די דערשיינונגען, אויף וועלכע מיר שטויסען זיך אן יעדע סעקונדע פון אונזער לעבען. דער צווייטער געדאנק איז, אז ווערענד מען

קאָן זיך פאָרשטעלען, אַז מאַטעריע זאָל אויף אַזאַ אָדער אַנאַנדער אופן, לויט די פאַרשידענע בילדער, וואָס זיינען צו פאַרשיידענע צייטען פון פאַרשידענע פילאָזאָפען געמאָלען געוואָרען, אויפגעלייזט ווערען אין פסיכישער אָדער גייסטיגע צושטאַנדען, קאָן מען דעם הפוך, ד. ה., אַז גייסט זאָל זיך אין מאַ־טעריע ארויסקריסטאַליזירען, בשום אופן זיך ניט פאָרשטעלען, און אַזעלכע בילדער פאַרמאָגט טאַקע די פילאָזאָפיע ניט. און היות ווי קיינעמס פאַנ־טאַזיע קאָן ניט געהן אַזוי ווייט ווי צו צושרייבען דער מאַטעריע דעם כח זיך זעלבסט צו פאַראורזאַכען, און בכלל צו שאַפען עפּעס פון דאָס ניי, דאַריבער האָבען די טיעפערע מאַטעריאַליסטען געמוזט, אָדער אָנהויבען, אָדער ענדי־גען מיט אַן „איך ווייס ניט", וואָס דאָס הייסט, אויף דעם פילאָזאָפישען לשון, אַגנאָסטיציזם. מיר האָבען שוין געזעהן, אַז דער „איך ווייס ניט" גופא אָבער, איז אין זיך כולל אַ געוויסען וויסען פון עפּעס, און דאַריבער האָט דער אַגנאָסטיציזם גאָר אין גיכען געמוזט אריבערגעהן אין אַ פּאָזיטיווען ספּירי־טואַליזם, ד. ה. אין דער אַנערקענונג פון אַן אַבסאָלוט באַוואוסטזיניגער עקזיסטענץ, וואָס אַ דאַנק איר גייסטיגער מהות, אַנטהאַלט זי אין זיך גופא די אורזאַך פון איר אַנטשטעהונג, און ממילא פון אַלע אַנדערע געשטאַלטען, וואָס ווערען געגעבען צו דער אוניווערס פון אונזער געפיל, ווילען און גע־דאַנק.

די שלוסען פון אַזאַ בוך ווי פּראָפעסאָר אַליאַטאַ'ס, וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַ שאַרפען און טיעפען אַנאַליז פון די גרונדלאַגען פון דער וויסענשאַפט אין דעם ליכט פון די נייעסטע פאָרשונגען און אונטערזוכונגען פונם מענש־ליכען גייסט, וועלען מוזען ווערען דאָס געמיינשאַפטליכע אייגענטום פון אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, אַזוי אַז די שייכות'ן פון דעם מענשען צו די כחות, וואָס רינגלען אים ארום, זאָלען אָננעמען אַנאַנדער פאָרם און אַנאַנ־דער אינהאַלט.

דאָ וועלען מיר איבערגעבען בלויז אייניגע פון זיי.

„די רעאַליטעט פון דער נאַטור זעצט פאָראויס די רעאַליטעט פון באַ־וואוסטזיין, אַלס אַ נויטווענדיגען, דערקענטניס־טעאָרעטישען באַזיס. מיר דרעהען זיך ארום אין אַ פאַרכשופ'טען קרייז, בלויז, ווען מיר פרואווען ארויס־צודרינגען געדאַנק פון דער וועלט פון מעכאַניק אָדער ענערגעטיק, מחמת, פון דער דאָזיגער וועלט בלייבט גאָר ניט נאָך דעם, ווי עס זיינען עלימינירט

געוואָרען די באַגריפען, פּרינציפּען און אידעען, וואָס מיט זיי האָט די באַוואוסטזיניגע אַקטיוויטעט זיך באַנוצט אין איר קאָנסטרוקציע... עס איז האָפּנונגסלאָז זיך צו באַמיהען צו באַגרייפען אַן עפּעס, וואָס זאָל זיין פריהער פאר געדאַנק, און וואָס פון אים זאָל געדאנק אַרויסקומען, מחמת אַזאַ עפּעס, ווען עס ווערט אין וועלכען עס איז זין באַטראַכט אַלס רעאַל, איז שוין אַרומגענומען מיט די פאָרמען פון געדאַנק און איז, אַזוי צו זאָגען, אַ פראַגמענט פון געדאַנק, וואָס איז פּראָיעצירט געוואָרען אין דער פארגאַנגענהייט. נאָכמער, די פאַרגאַנגענהייט גופא איז קאָנסטרואירט נאָר מיט דער הילף פון דער קאַטעגאָריע פון צייט, וועלכע איז אַ פונקציע פון געדאַנק. באַוואוסטזיין קאָן אַלזאָ ניט מאַטעריאַליסטיש אַוועקגעשטעלט ווערען אויף דער זעלבער מדרגה ווי אַנדערע זאַכען, דען ער איז דער לייכטענדער צענטער, פון וועלכען עס שטראַלט אַרויס די רעאַליטעט פון דער אוניווערס. לעשט אויס דאָס דאָזיגע ליכט און אַלץ פאַרשווינדט אין דער מרה־שחורה־דיגער טונקעלהייט פון גאָרניט."

רוים און צייט איז פון קאַנט'ן אַזוי שטאַרק אַריינגעזעצט געוואָרען אין די אומזיכטבאַרע ווינקלאַך פון דעם מענשליכען געדאַנק, אַז עס וועט שוין זעהט אויס, קיינעם ניט געלינגען פון דאָרט זיי אַרויסצורייסען און מאַכען דעם געדאַנק אָפּהענגיג פון דער נאַטור, ווי דאָס האָט זיך געוואָלט די מאַטעריאַליסטען, אַנשטאָט צו מאַכען נאַטור אין איר עצם תמצית אָפּהענגיג פון דעם געדאַנק, וועלכער זעצט זיך דורך, דורך דעם מענשען.

אין 1884 האָט דו פּרעל געשריבען: „אַז אַ חוץ דער פיזישער וועלט קאָן נאָך אויך זיין אַ מעטאַפּיזישע, וועט ניט צוגעגעבען ווערען פון אונזער דור, וועלכער איז פאַר'שכור'ט פון איינזייטיגער וויסענשאַפטליכער קולטור. פאַר קאַנט'ן איז דאָס אויך געווען גוט באַגרייפליך, אַז אַלס סוביעקט קאָנען מיר געהערען אין איינער און דערזעלבער צייט צו דער זיכטבאַרער און אומזיכטבאַרער וועלט, און דאָך אַלס פּערזאָן בלויז צו דער איינער. קאַנט זאָגט: „עס וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען עס וועט באַוויזען ווערען, איך ווייס ניט וואו און ווען, אַז די מענשליכע נשמה געפינט זיך אפילו אויף ד ע ר וועלט אין אַן אומאויפלייזליכער פאַרבינדונג מיט די ניט מאַטעריעלע נאַטורען פון דער גייסט־וועלט, אַז זי, די מענשליכע נשמה, אויף אַ געגענזייטיגען אופן, ווירקט אויף זיי און באַקומט פון זיי איינדרוקען, אויף וועלכע זי איז אין דער מענשליכער געשטאַלטונג ניט באַוואוסט, כל זמן אַלץ געהט כשרה".

אין 1914 שרייבט אליאטא: „דעם ערשטען סימן פון דער דערוואכונג פון דעם גייסט פון דער עקסטרעם נעגאטיווער שטעלונג פון די מאטעריאליסטען קאן מען זעהן אין דעם צוריקקעהר צו דער לערע פון קאנטען."

און דורך די זעלבע וועגען און מיטלען, וואס דורך זיי איז דער עולם, און באזונדערס דער ראדיקאלער עולם, געפירט געווארען פון קאנט'ן און העגעל'ן דורך די, וואס האבען אוועקגעשטעלט העגעלען מיט די פיס אין דער הויך, וועט ער, דער זעלבער עולם, נאר פון אנאנדער דור, געפירט ווערען צו קאנט'ן און העגעל'ן. געפירט וועט ער שוין ווערען פון די, וואס האבען שוין איינגעזעהן און וועלען איינזעהן מער און מער, אז אזוי שנעל ווי די וויסענשאפט הערט אויף צו יאגען זיך אין דער ברייט פון דער ציוויליזאציע און הויבט כאטש אביסעלע אן זיך ארפאלאזען אין דער טיעף פון דער קולטור, מוז זי אננעמען די אידעע אדער גייסט, די פסיכיק אין א וועלכער עס איז פארם, אלס איר שטיץ פונקט. און שטעלט זיך שוין דער וויסענשאפטסמאן אויף דעם אידעאליסטישען שטאנדפונקט, נעמט עס ניט לאנג און ער הויבט אן ווי קאנט צו פילען: „די אוימאויפלייזליכע פארבינדונג מיט די ניט מאטעריעלע נאטורען פון דער גייסט־וועלט".

ווי אנדערש ערקלערט זיך דער פאקט, וואס די גרעסטע וויסענשאפטסמענער פון צוואנציגסטען יארהונדערט האבען זיך געשטעלט אין דער שפיץ פון דער געזעלשאפט וועלכע האט זיך געשטעלט אלס איר אויפגאבע צו אונטערזוכען, אויף דעם שטרענגסטען וויסענשאפטליכסטען אופן, די פארבינדונגס־מעגליכקייטען צווישען די לעבעדיגע פון דער וועלט, און די, וואס מיר באטראכטען אלס טויט אויף יענער וועלט.

„דער וויסענשאפטסמאן", זאגט אליאטא, „וואס שטעלט זיך אלס זיין אויפגאבע צו פארשטעהן די נאטור, דריקט אוים זיין גלויבען אין דער ראציאנאליטעט פון דער וועלט דערמיט אליין, וואס ער ווענדט זיך צו איר אין דער בענקשאפט פון זיין נשמה, און ער ארבייט, אליין עס ניט וויסענדיג, פאר דער גלארי פון גאט, אפילו, ווען ער רופט זיך אליין אן מאטעריאליסט. ער איז דער אומבאוואוסטער פריסטער פון דער אומשטערבליכער רעליגיע, פון דעם גלויבען, וואס זיין טעמפעל איז די אוניווערס, און וואס זיין אומשטערבליכע אנטפלעקונג געפינט מען אין די אינעווייניגסטע טיפענישען פון דעם גייסט."

די בענקשאפט פון דער נשמה איז אייגענטליך דאס, וואס האט געמוזט פאראייניגען דעם וויסענשאפטסמאן מיט דער פילאזאפיע און מיט דער רעליגיע.

דער טיפער וויסענשאפטמאן האט געמוזט, אין זיין ביינקשאפט נאך דעם אמת, א בליק טאן אויף די פראבלעמען פון די אלערלעצטע אמת'ן, און דארט האט ער זיך שוין מער ניט געקאנט באגנוגענען מיט דער נאטור פילאזאפיע, נאר ער האט געמוזט טאקע קומען אין אינטימען און דירעקטען קאנטאקט מיט דער אלגעמיינער פילאזאפיע, אדער מיט דער מעטאפיזיק.

מיט דער מעטאפיזיק איז ווי מיט דער ערד; גאר א סך מענשען קאנען אויף גאר א לאנגער צייט ווייט אוועק פון דער ערד, און ווייט פון דער ערד אנטוויקלען א גראנדיעזע אינדוסטריע און פאבריקאציע, זאלען אבער אלע מענשען אויף איין רגע די ערד פארלאזען, און דער גאנצער געזעלשאפטליכער מעכאניזם און ארגאניזם געהט צו גרונד. און צוליב דער אויבערפלעכליכקייט און געקינצעלטקייט, וואס דאס זיין „ווייט אוועק" פון דער ערד האט אריינגעבראכט אין דעם לעבען פון דעם מענשען, הערט עס זיך פון צייט צו צייט דער געשריי פון אזעלכע געניען ווי טאלסטאי און רוסא: „צוריק צו דער ערד!" וואס דאס מיינט: צוריק צו דעם קוואל, וואס זעצט ארויס דירעקט פון דער רעאליטעט פון דער וועלט, און וואס גיט א דירעקטע דערהאלטונג צו די עלעמענטארסטע און פונדאמענטאלסטע אויסדרוקען פון לעבען.

אויף דעם שוים פון דער מעטאפיזיק איז געבארען געווארען די וויסענשאפט. פאר הונדערטע יארען האבען די גרעסטע וויסענשאפטסמענער אוועקגעגעבען די גרעסטע צייט פון זייער לעבען און ענערגיע צו דער מעטאפיזיק. די טיעפסטע ווארצלען פון דער וויסענשאפט ציהען זייער יניקה פון דעם מעטאפיזיש־פילאזאפישען באדען. א סך וויסענשאפטסלייט האבען געקאנט, און קאנען נאך איצט אויך, ארבייטען אויף זייערע געביטען אומאפהעניגג פון דער מעטאפיזיק, אויף א קירצערער אדער לענגערער צייט. דאס קאן אבער ניט געטאן ווערען פון קיין איין גרויסען וויסענשאפטמאן אויף אלע מאל, און פון אייניגע פון זיי קאן עס אפילו אויף קיין איין אויגענבליק ניט געטאן ווערען. שטארקער ווי אלע מאל הערט זיך איצט דער געשריי פון גאר א סך וויסענשאפטסלייט: „צוריק צו דער מעטאפיזיק!" און גאר א סך וויסענשאפטסלייט פון דעם טיעפסטען שניט האבען לעצטענס, אלס א צוגאב צו זייערע שאפונגען אויף דעם וויסענשאפטליכען געביעט, געגעבען דער וועלט גאנץ באדייטענדע פילאזאפישע ווערק. דא וועט זיין גענוג צו דערמאנען אזעלכע ווי לאדזש, דזשיימס, וואונט און מינסטערבערג.

און וואס נעהנטער די וויסענשאפט קומט צו דער פילאזאפיע, וואס אינ־טימער זי פארבינדט זיך מיט דער מעטאפיזיק, אלס מער באפרייט זי זיך פון דעם צייטווייליגען יאך פון דעם מאטעריאליזם, וועלכער האט אויף א קורצער צייט געגעבען די וויסענשאפט א שטוים פאָרווערטס, דערנאכדעם אבער, האט ער איז געהאלטען אין קייטען געשמידט און ניט געלאזט זי זיך רירען פון אָרט, און אויב די פיזישע וויסענשאפטען קאָנען ניט אויסקומען אָהן דער מעטאפי־זישער פילאזאפיע, אויב זיי האָבען פאר זייער אמת'ן פאָרוועטרס געהן גע־מוזט אנקומען צו דער מעטאפיזיק, וועלען די גייסטיגע וויסענשאפטען, און צווישען זיי די סאָציאלאָגיע, זיכער און זיכער קיין גרויסעס און באדייטענ־דעס ניט קאָנען אויפטאָן אָהן אַן אינטימער און דרינגענדער באקאנטשאפט מיט דעם מין מענשליכער דערקענטניס, וועלכע איז מער פאר אלע בארופען צו ווערען איינס מיט דעם לעבען און דעם גייסט, וואס שלאָגט ארויס פון דער רעאליטעט פון דעם וועלט־אל, און זעצט זיך דורך, דורך דעם מענשען.

9.

פריהער אָדער שפּעטער וועט די ראדיקאלע סאָציאָלאָגיע, וועלכער עס שטעהען פאר גרויסע אויפגאבען, מוזען, בכדי אנצוהאלטען דעם גאנג מיט אלע אויסדרוקען פון דער קולטור, אריינוואַרפען זיך אין די אָרעמס פון דער פאר־עקסעלענץ פאָרשערין פון דעם אבסאָלוטען אמת און מהות פון דער או־ניווערס, און זי וועט זיך יעמאָלט ניט קאָנען העלפען דורכגעדרונגען צו ווערען מיט דער ספּיריטואליטעט, וואס גיט דעם מענשליכען לעבען א זין און א תכלית, א טרייסט און א האפנונג. די קעמפער פאר א נייער אָרדנונג וועלען יעמאָלט ווערען, אין איינער און דערזעלבער צייט, די קעמפער פאר קולטור להפוך צו ציוויליזאציע אין אלגעמיין, און באזונדער צו דער ציוויליזאציע, וואס דער קאפּיטאליזם האט ארויסגעבראכט.

„ציוויליזאציע", זאגט טאגאר, „מוז גע'משפּט ווערען און אפּגעשאצט ווערען ניט לויט דעם, וויפיעל מאכט זי האט אנטוויקעלט, נאר לויט דעם, וויפיעל זי האט דורך אירע געזעצען און אינסטיטוציעס ארויסגעבראכט און אן אויסדרוק געגעבען צו דער ליבע פון דער מענשהייט. די ערשטע און לעצטע פראגע וואס זי דארף ענטפערען איז, צי אנערקענט זי, און ווי ווייט זי אנערקענט דעם מענשען מער אלס גייסט איידער אלס א מאשין".

איינע פון די כאראקטעריסטישע שטריכען פון דער קאפּיטאליסטישער אָרדנונג איז דאָס, וואָס דער מענש אונטער איר איז פריהער פון אַלץ אַ מאשין. וויל מען באמת א נייע אָרדנונג, ניי ניט נאָר אין פאָרם נאָר אויך אין אינהאַלט, מוז מען זיך גלייך פון אָנהויב אַזוי אוועקשטעלען, אַז דער גייסט פון דעם מענשען זאָל מער פאר אַלץ גענומען ווערען אין אַנבעטראַכט.

די רוסישע, צווייטע גרעסטע רעוואָלוציע אין דער וועלט, איז געווען אַן ערפאָלג און איז דורכגעפירט געוואָרען פון די באָלשעוויקעס און ניט פון די אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פארטייען נאָר דערפאר, וואָס די באָלשעוויקעס האָבען, ווי מיר האָבען דאָס שוין פריהער אָנגעוויזען, אין דער פּראַקטיק אויף אַ וויילישקע אויעקגעשטעלט זיך העכער איבער דעם מארקסיזם. זיי האָבען זיך גערעכענט מיט דעם גייסט פון דעם רוסישען פאָלק ווי אויך, אפשר מיט דעם גייסט פון דעם אידישען פאָלק, מער איידער מיט דער מאשין און אַלע אַנדערע זאַכען, וואָס שטעהען דרויסען פון דער פאָלקס נשמה. דער גייסט פון די צוויי פעלקער, וואָס האָט אינספּירירט די רעוואָלוציע, האָט זיי געטריבען צו פארגעסען אין אַלע געזעצען פון עוואָלוציע לויט וועלכע אַלע ענדערונגען דארפען געמאַכט ווערען אויף אַ לאַנגזאַמען און בהדרגה'דיגען אופן, און האָט זיי געמאַכט צו לערנען די מאסען און זיך אליין אויך, צו ארבייטען פאר א באלידגען געוואַלטזאַמען און ראַדיקאַלען איבערקער.

אויף דעם קאָנגרעס פון דעם דריטען אינטערנאַציאָנאַל אין אָקטאָבער, 1920, האָט לענין געזאָגט: „אין רוסלאַנד האָבען מיר טריאומפירט און טריאומפירט אָהן שווערינקייטען דערפאר, וואָס מיר האָבען געהאַט צוגעגרייט אונזער רעוואָלוציע בשעת דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. די צוגרייטונג איז באַשטאַנען אין דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי, ד. ה. אין דער פארשפּרייטונג פון דעם רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליסטישען געדאַנק. ווען איך זאָג „רעוואָלוציאָנערען", מיין איך ניט דעם געדאַנק פון עוואָלוציע. איך האָב פיינט ווען פרידליכע געזעצליבענדע בירגער טוען זיך אָן לכבוד יום טוב אין אַ רעוואָלוציאָנערע מיצקע, רעוואָלוציע איז איין זאַך און עוואָלוציע איז אַן אַנדער זאַך. די דייטשע סאָציאַל דעמאָקראַטישע פארטיי האָט אין די פופציג יאָר פון איר טעטיגקייט, געלערענט מיט די ארבייטער די תורה פון עוואָלוציע, און האָט דעם פאראַדנעם וואָרט „רעוואָלוציע" אויסגעטייטשט אַז דאָס איז

נאָר אנאנדער וואָרט פאר „אנטוויקלונג." די באָלשעוויסטישע ריכטונג פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראטישער פארטיי פארקערט, האָט שטענדיג גערעדט פון „רעוואָלוציע" אין זין פון א גוואַלדיגער איבערקערעניש".

די באָלשעוויקעס אָבער האָבען ניט געקאָנט ברייגגען די דאָזיגע רעוואָלוציע צו דער מדרגה פון א סאָציאַלער רעוואָלוציע, ווייל זיי האָבען באַלד חרטה געהאט דערויף, וואָס זיי זיינען צו ווייט אוועק פון דער טעאָריע, און זיי האָבען זיך גענומען, ווי זייער רבי מארקס האָט זיי געלערנט, צו שטעלען די טראָפּ אויף דער מאשין, און אויף די אויסגעוועניגסטע אומשטענדען, אַנשטאָט אויף דער נשמה אַז אויף די אינוועניגסטע געפילען און נייגונגען. און איצט שרעקען זיי זיך פאר דעם געשריי: די ציוויליזאציע איז אין געפאר! ניט וועניגער איידער די, וואָס זיינען געוועזן, און זיינען איצט, דער רוקען ביין פון דער קאפּיטאַליסטישער געזעלשאפט.

אין „סאָוויעט ראָשיא" פון נאָוועמבער, 1921 לעזען מיר לענין'ס אַן ארטיקעל אין וועלכען ער שרייבט: מיר טאָרען ניט פארגעסען, אַז דער איינציגער פונדאמענט פון אונזער עקאָנאָמישער פּאָליטיק איז די גרויסע אינזשיניער קונסט־אינדוסטרי. דער וואָס פארגעסט דאָס, איז ניט קיין קאָמוניסט... עס איז גאָרניט נויטיג חרטה צו האָבען דערויף, וואָס מיר וועלען דארפען צאָלען די קאפּיטאַליסטען הונדערטער מיליאָנען קילאָגראמען אויל פאר דעם, וואָס זיי וועלען אונז העלפען עלעקטריפיצירען אונזער לאַנד."

אונטער די דאָזיגע ווערטער פון דעם אפּאָסטאָל פון קאָמוניזם, וואָלט זיך אונטערגעשריבען יעדער איינציגער קאפּיטאַליסט, ווען עס זאָל זיך האַנדלען וועגען קאפּיטאַליזם אַנשטאָט קאָמוניזם. און אויף אזוי פיעל, וויפיעל דער קאָמוניסט און דער קאפּיטאַליסט פאלען ביידע גלייך כורעים פאר דער ציוויליזאציע, וועלכע איז, אַזוי צו זאָגען, די נשמה פון דער גרויסער אינדוסטריע, אויף אזוי פיעל מוז דער קאָמוניסט, צוגלייך מיט דעם פארטיידיגער פון קאפּיטאַליזם, אויף א גאַנץ ערנסטען אופן ארויסטרעטען געגען דער אבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט, און, ממילא, געגען דער אבסאָלוטער סאָציאַלער פרייהייט.

דער שרעק טאָמער וועט חלילה די ציוויליזאציע אונטערגעהן האָט געטריבען דעם טיפער פארטיידיגער פון דער קאפּיטאַליסטישער אָרדנונג, וויליאם ה. מאלאק, זיך איינצושטעלען אזוי שטארק פאר דער

עקאנאמישער אומגלייכהייט. אין זיין בוך „סאציאלע גלייכהייט״ טענה׳ט ער אז די אומגלייכהייט, וואס רינגעלט איצט אונז ארום, איז ניט קיין צופעליגער חסרון, וואס מיר מוזען ווי ווייט מעגליך פארקלענערען, נאר פארקערט, די דאזיגע אומגלייכהייט איז די ווירקענדע אורזאך פון ציווילי־זאציע, די אורזאך פון איבערפלוס אבער איז ניט די אורזאך פון מאנגעל, און ווען די אומגלייכהייט זאל אפגעשאפען ווערען וואלט דער מאנגעל פאר־גרעסערט געווארען, און ניט פארקלענערט געווארען״.

און דער פארברענטער קאמוניסט פיער פאסקאל, צוגיסט זיך פון נחת דערפון, וואס די באלשעוויקעס אין רוסלאנד האבען ניט איינגעפירט אוטאפיסטיש עקאנאמישע גלייכהייט, וועגען וועלכער די אנארכיסטען טרוי־מען.

אין זיין אפהאנדלונג „די עטישע רעוואלוציע״ אין „סאוויעט ראשיא״ פון יאנואר, 1922, שרייבט ער: „דו זעהסט אלענפאלס קיין סמן ניט פון דער אוטאפיסטישער גלייכמאכונג, וואס געוויסע אנארכיסטען ווילען. יעדע פערזאן בלייבט אויף זיין ארט; יעדער איינער פון זיי, סיי דער פאלקס קא־מיסאר פון זיין אפיס, דער וועכטער פון דער טיר, דער פראפעסאר פון זיין אוניווערסיטעט, אדער דער ארגאניזאטאר, ווען זיין צייט איז פון גרויס ווערט, וועט פארען וואוהין ער באדארף אין אן אטאמאביל אדער אין א קא־רעטע. דער פראפעסאר איז בארעכטיגט ניט נאר צו א שלאף צימער, נאר אויך צו א שטודיר צימער. דער אינזשיניער פארדינט מער פאר דעם גע־שיקטען ארבייטער, און דער געשיקטער, מער פאר דעם ניט געשיקטען. אזוי שנעל אבער ווי די שטונדען פון פרייער־צייט מאכען א סוף צו די דיפערענ־צען, וואס אנטשטעהען פון דער פארשיידענארטיגקייט פון די באשעפטי־גונגען, קומט ווידער אמאל צום אויסדרוק די אמת׳ע גלייכהייט. דער ניט געשיקטער ארבייטער און דער פאלקס קאמיסאר טרעפען זיך, ווען זייער גע־זונט פאדערט עס, אין דעם זעלבען סאניטאריום. די קינדער פון דעם אינ־זשיניער און פון ארבייטער באזוכען די זעלבע שול״.

אין דער זעלבער צייט כמעט, ווען די דאזיגע שורות זיינען געשריבען געווארען, האט לענין געהאלטען א רעדע, אין וועלכער ער האט דערקלערט, אז ביז צוויי הונדערט טויזענד קאמוניסטען ווילען, ווי ער האפט, אויסגע־שלאסען ווערען פון דער פארטיי דערפאר, וואס זיי נעמען כאבאר. דאס מיינט, אז אין דעם זעלבען סאניטאריום קאנען שוין ניט אויף דעם זעלבען

אופן באהאנדעלט ווערען די, וואָס באקומען א העכערע באלוינונג פאר זייער ארבייט מיט די, וואָס באקומען א נידעריגערע באלוינונג, מחמת די ערשטע זיינען בכח צו געבען א גרעסערען כאבאר פאר די לעצטע. עס פאלט אויך פאסקאל'ן ניט איין א טראכט צו טאָן וועגען דעם, אז די דיפערענ־צען, וואָס אַנטשטעהען פון דער פארשיידענארטיגקייט פון די באשעפטיגונ־גען, און וואָס, אונטער דעם באָלשעוויסטישען קאָמוניזם, פיהרען דערצו, אז איינער זאָל פארדינען מער פאר דעם צווייטען, מוזען אויך ברייגנען דערצו, אז איניגע זאָלען אביסעל שנעלער נויטיגען זיך אין דעם אידעאלען סאניטאריום פאר די אַנדערע, אָדער אז איניגע זאָלען צוליב דער אידעאלער באשעפטי־גונג זייערער, זייער גאַנצען לעבען קאָנען אויסקומען אָהן דעם מוסטער־האפטען קור־אָרט, און די אַנדערע זאָלען צוליב זייער, צו טיעף אין דער ערד, באשעפטיגונג, מוזען נעבאך א שעהן ביסעל פון זייער לעבען פארברייגנען אין דעם, אויף אבסאָלוט גלייכע יסודות, אוועקגעשטעלטען סאניטאריום. וואָלט פאסקאל דאָס איינגעזעהן, וואָלט ער דאָך ניט געוואגט צו שרייי־בען אין דער זעלבער אָפּהאנדלונג, אז דער קאָמוניזם אנטהאלט א עטישע פּראָגראם, וואָס באשטעהט אין דער אָפּשאפונג פון קלאסען און פון דער עקאָ־נאָמישער אומגלייכהייט.

און וואָלט לענין געגלויבט אין דער נויטיגקייט פון איינצופיהרען די עקאָנאָמישע גלייכהייט אונטער אלע אומשטענדען, וואָלט ער דאָך אַנשטאַט דעם דעקרעט ארויסצוואַרפען אלע קאָמוניסטען, וואָס נעמען כאבאר, גע־רעדט ליבערשט וועגען א דעקרעט, וואָס זאָל פארבאָטען עקאָנאָמישע פּריווי־לעגיעס, וואָס מוזען פירען צו קאָרופּציע אזוי לאנג, ווי מענשען וועלען זיין מענשען און קיין מלאכים.

לענין שרעקט זיך אָבער פאר דער עקאָנאָמישער גלייכהייט ניט ווענ־גער, ווי עס שרעקט זיך פאר איר אונזער פארטיידיגער פון דעם קאפּיטאליזם, הער מאלאק, מחמתביידע זיינען זיי אזוי פארקאָכט אין דער ציוויליזאציע, אז זיי זעהען ניט, אז זי זויגט יעדען טראָפּען בלוט אוים פון דעם מענשליכען אָרגאניזם, און פון דער מענשליכער נשמה מאכט זי גאָר א מאָנטשיקע; דער זעלבער לענין דערפאר, וואָס האָט זיך, א דאנק, זעהט אוים, זיין שטארקער ענטשלאָסענהייט דורכצופירען א זאך ביז צום סוף, פארגונען צו שטעלען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע העכער איבער דער מארקסיסטישער טעאָריע, האָט באלד נאָך דער רעוואָלוציע, אוים שרעק פאר דעם אונטערגאנג פון דער

ציוויליזאציע, וועלכע איז נאך דערוויילע דער אפגאט פון אלע ראדיקאלען, חרטה געהאט אויף דעם שריט און האט זיך מיט דער זעלבער אנטשלאסענ־הייט געלאזט געהען בארג אראפ אפילו פון דער מארקסיסטישער הויך, וועל־כע איז, ווי מיר האבען געזעהן, ניט הימעל הויך, פון א קולטור שטאנד־פונקט.

„מיר שטעהען”, שרייבט לענין, אין דעם ארטיקעל וואס מיר האבען נאר וואס דערמאנט, „פנים אל פנים מיט דער פראקטישער פראגע פון צו לייזען די שייכות'ן פון דעם פראלעטאריאט צו דעם לעצטען קאפיטאליסטי־שען קלאס. פאר די מארקסיסטען איז די לייזונג פון דער דאזיגער פרא־גע טעארעטיש גרינג, אבער טעאריע איז איין זאך, און פראקטיק איז אנאנ־דער זאך.”

בכדי צו לייזען די דאזיגע שווערע פראגע געהט אוועק, דער ביז איצטי־גער, אין דעם מארקסיזם זיך שטאל און אייזען האלטענדיגער, לענין, פון זיין גרויסען רבי'ן, וועלכען נאר ער האט, ווי ער אליין האט עס מער ווי איין מאל איבערגע'חזר'ט, באמת פארשטאנען און ווי עס באדארף צו זיין אויסגע־טנעטייטשט, און ער טראכט אויס א שפאגעל נייעם קאפיטאליזם — א שטאט קאפיטאליזם, וואס, ער דיינקט, דארף איינגעפירט ווערען אין רוסלאנד, און אלץ כדי רוסלאנד זאל זיין מיט לייטען גלייך, וואס דאס מיינט, אויף לענין'ס לשון, צו האבען די זעלבע ציוויליזאציע, וואס אויף אירע מזבחות ווערען שוין מיט אזא פראכט און גלאנץ אזוי פיעל קרבנות געבראכט יעדע שעה אין טאג, און יעדע מינוט אין שעה.

„עס איז אמת”, שרייבט לענין, „אז די שפייז טאקסע מיינט פרייער־האנדעל. פרייער האנדעל באטייט פרייהייט צום קאפיטאליזם. מיר זאגען עס גאנץ אפען, דאס איז אבער א נייער פארם פון קאפיטאליזם — שטאט קאפיטאליזם. שטאט קאפיטאליזם אין א קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, און שטאט קאפיטאליזם אין א פראלעטארשער געזעלשאפט, זיינען צוויי גאנץ פארשיידענע זאכען. אין דעם ערשטען פאל מיינט עס, אז קאפיטאליזם איז אנערקנט און קאנטראלירט פון שטאט, אין די אינטערעסען פון דער בורזשואזיע און געגען דעם פראלעטאריאט, אין צווייטען פאל ווערט דער קאפיטאליזם געטריבען אין די אינטערעסען פון דעם פראלעטאריאט”.

ווי אזוי אינטערעסען פון קאפיטאליזם קאנען געמאכט ווערען צו הארמאנירען מיט די אינטערעסען פון די ארבייטער, זאגט אונז לענין ניט. פון דעם גאנצען ארטיקעל זעהט מען אבער, אז דאס ווערט בשום אופן ניט געטאן צוליב דער הארמאניע פון די ארבייטער אינטערעסען מיט די אינטערעסען פון דעם נייעם מין קאפיטאליזם, נאר צוליב דעם, וואס דאס פאדערט אזוי קאטעגאריש דער קאפיטאליזם, וואס הערשט אויסער רוסלאנד.

לענין האלט אין איין טענה'ן, אז די רעוואלוציאנערע רוסלאנד מוז צאלען צינז צו דעם אינטערנאציאנאלען קאפיטאליזם. און פון א ציוויליזאציאנס שטאנדפונקט איז ער זעהר גערעכט. ווער עס שטעלט אוועק די גרויסע אינדוסטרי אין צענטער פון דעם געזעלשאפטליכען פראגרעס, דער מוז, מיט דער אמת'ער רעוואלוציע אין זיין לאנד, ווארטען ביז די רעוואלוציע וועט זיך פאנאנדערפלאקערען אויך אין די הויך אנטוויקעלטע אינדוסטריעלע לענדער. און דערפאר איז דאס אונזער איבערצייגונג, אז אלע טענות פון די אלע אנדערע סאציאליסטען געגען די באלשעוויקעס זיינען ניט בארעכטיגט, מחמת די זעלבע סאציאליסטען וואלטען אויף קיין איין האר ניט געהאנדעלט אנדערש, ווען זיי זאלען זיין אויף דעם ארט פון די באלשעוויקעס, און גאט ווייסט, אויב אפילו די אנארכיסטען; ווארום אויך דעם אנארכיזם, ווי מיר וועלען עס זעהען, ווען מיר וועלען קומען צו אים, פעהלט נאך זעהר פיעל אויף צו באפרייען זיך גענצליך פון דער דינסט צו דער עבודה זרה, וואס האט אין דעם נייעצענטען יארהונדערט אנגענומען דעם נאמען—ציוויליזאציע.

און ביז וואנען עס וועלען ניט אויפשטעהן רעוואלוציאנערען, וואס וועלען אוועקשטעלען קולטור העכער איבער ציוויליזאציע, וועלען די, וואס וועלען אוועקגעשטעלט ווערען אין דער שפיץ פון דער רעוואלוציע, באטראכטען די מאכט האלטונג וויכטיגער פון אלץ. און אזוי לאנג ווי דער אנארכיזם איז נאך ניט דורכגעדרונגען מיט דער אידעע פון קולטור אנשטאט ציוויליזאציע, איז נאך אלץ פאראן א געפאר, אז ווען אנארכיסטען זאלען אוועקגעשטעלט ווערען ביי דעם רודער פון א געזעלשאפט, וואלטען זיי אויסגעטראכט א נייעם מין אנארכיסטישע רעגירונג, פונקט ווי די באלשעוויקעס האבען אויסגעטראכט א נייעם מין קאפיטאליזם. און זאלען די אנארכיסטען, וואס לאכען פון אזא שטיקעל נביאות, זיך דערמאנען ווי די סאציאליסטען פון אלע שאטירונגען האבען געלאכט, ווען די אנארכיסטען האבען מיט פופצעהן יאהר

צוריק נאך פאראויסגעזאגט, אז ווען די סאציאליסטען וועלען האבען די מאכט אין די הענט, וועלען זיי מיט איר זיך באגעהן אזוי איידעל, אויב ניט נאך איידעלער, ווי קאפיטאליסטען באגעהען זיך מיט איר. און איצט, זאגט לענין קלאר און שארף: „מיר זאגען ניט צו גיט קיין פרייהייט און ניט קיין דעמאקראטיע, מיר זאגען ניט דעם פויער אז ער קאן אויסקלייבען צווישען אונז און אנדערע. מיר זיינען גרייט אין געוויסע גרעניצען צו געבען זיי קאנ־צעסיעס, בכדי צו איינהאלטען די מאכט אין אונזערע הענט, און אויף אזא אופן פירען זיי צום סאציאליזם, אדער צו אן אפענער בירגערליכער מלחמה, אלעס איבעריגע איז דומהייט און די ריינסטע דעמאגאגיע“.

פיזישע מאכט, מאטעריאליסטישע מעכאניק און ציוויליזאציע געהען האנט אין האנט, און ווער עס גלויבט אין ציוויליזאציע, אין מעכאניק, דער וועט זיך קיין מאל ניט אפזאגען פון פיזישער מאכט, פונקט ווי ער וועט זיך, מעג ער זיין א סאציאליסט אדער אן אנארכיסט, ניט אפזאגען פון דעם געדאנק, אז דער ציעל הייליגט די מיטלען. אז פאלשקייט, אונטערדריקונג און נידערטרעכטיגקייט זיינען מיאוס, שלעכט און אוממענשליך, אפילו ווען זיי ווערען פראקטיצירט אין דעם נאמען פון די הייליגסטע אידעאלען, איז א שטאנדפונקט וואס נאר די, וואס גלויבען אין קולטור און אין אירע אייביגע ווערטען, וועלען אנעמען.

די באלשעוויקעס ווי אלע מארקסיסטען, האבען אלע מאל חוזק געמאכט פון די אייביגע ווערטען, און עס איז דארום קיין וואונדער ניט, וואס זיי שטע־לען זיך ניט אפ פאר קיינע מיטלען, וואס דורך זיי דיינקען זיי, וועלען זיי אויפהאלטען די מאכט, דורך וועלכער זיי האפען צו פארווירקליכען דעם הייליגען אידעאל פון סאציאליזם.

אין זייער אויפרוף פון דעם 12טען יאנואר, 1922, שרייבען עמא גאלדמאן און אלעקסאנדער בערקמאן, אז „די תפיסות פון רוסלאנד זיינען היינט צו טאג פול געפאקט מיט די בעסטע רעוואלוציאנערע עלעמענטען פון לאנד, מיט מענער און פרויען, וואס זיינען אנהענגער פון די העכסטע אידעאלען און ציעלען. אויף דעם געוואלדיגען שטח פון לאנד זיינען די געפענג־נישען פון דעם אלטען און נייעם רעזשים און די פינסטערע לעכער פון דעם „אסאבי אטדיעל“ פון דער „טשעקא“, אין וועלכע קיין נאכריכט פון דער אויסענוועלט קאן ארייננדרינגען, איבערפילט מיט רעוואלוציאנערען פון אלע

פּאַרטיי ריכטונגען און באַוועגונגען. איר געפינט דאָרט מאַקסימאַליסטען, קאָמוניסטען, אָנהענגער פון דער „אַרבייטער אָפּאָזיציע", אַנאַרכאָ־סינדיקאַ־ליסטען און אוניווערסאַליסטען; קורץ, אָנהענגער פון פאַרשיידענע שולען פון דער סאָציאַלער פילאָזאָפיע, אַלע אמת'ע רעוואָלוציאָנערען, פון וועלכע די מייסטע זיינען געווען באַגייסטערטע אָנטיילנעמער אין דער נאָוועמבער רעוואָלוציע.

דער דאָזיגער אויפרוף דאַרף פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ געשריי, ניט נעגען די פאַלשעוויקעס, נאָר נעגען אַלע סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען, נעגען אַלע די, וואָס ווילען ניט אַנערקענען די גרויסע ווערט פון אַבסאָלוטהייט אין דער אוניווערס בכלל, און אין די געזעלשאַפטליכע אידעאַלען בפרט, און ווילען זיך אין אַלגעמיין ניט רעכענען מיט די אַבסאָלוטע און אייביגע ווער־טען אַלס אַ באַזיס פאַר אַ געזעלשאַפטליכער טעאָריע, וועלכע וויל שאַפען מער גערעכטע באַציהונגען צווישען די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט.

דער ענטפער אויף אַלץ, וואָס קומט פאָר איצט אין רוסלאַנד, דאַרף זיין אַ טעאָריע, וואָס זאָל זיין אַזוי דורכגעדרונגען מיט דעם אוניווערסאַלען גייסט און זיינע אַבסאָלוטע אייביגע אויסדרוקען פון אמת, פרייהייט און גערעכ־טיגקייט, אַז עס זאָל אוממעגליך זיין אין דער צוקונפט פאַר וועלכע עס איז מענשען, וואָס באַצייכענען זיך מיט דעם נאָמען רעוואָלוציאָנערען, צו באַ־נוצען זיך מיט פאַלשקייט, אונטערדריקונג און אומגערעכטיגקייט, אַלס מיט־לען צו פאַרווירקליכען וועלכען עס איז סאָציאַלען אידעאַל, מעג ער זיין ווי שעהן און דערהאַבען. אין דער הינזיכט, וועט דער בריעף פון ראָמאַן ראָלאַנד צו הענרי באַרביס, דאַטירט דעצ. 1921 אין „ניישאָן" בלייבען אַ וויכטיגער היסטאָרישער דאָקומענט, ערשטענס צוליב דעם קורצען, אָבער זעהר שאַרפען וכוח וועגען ראַציאָנאַליזם און איראַציאָנאַליזם און צווייטענס, צוליב זיין טיעף שניידענדער קריטיק אויף דעם קאָמוניזם.

מיר ווילען דאָ ברייננען אַ פּאָר אויסצוגען פון דעם דאָזיגען בריעף.

„אַנטשולדיג מיר פאַר מיין פריינדליכען שמייכעל, ווען איך לעז אין דיין אַרטיקעל, אַז עס קאָן ניט זיין קיין פאַלשע אויסרעכענונג אין דער דאָזיגער געאָמעטריע פון סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועלכע די אַלגעמיינע פּרינציפּען פון דער „קלאַרטע" נעמען אַרום און באַגרעניצען. וואָס פאַר אַן אַבסטראַקטער באַגריף דאָס איז פון מענשען; פון מענשען—יענער קוואַל פון

אומבאוואוסטע ענערגיעס, פון פרימיטיווע קרעפטען, פון קאסמישע ארויס־שטראלונגען—וואס ווערט קיין מאל ניט אויסגענומען!... איך גלויב ניט אין דער „אומפעהלבארקייט“ פון די געזעצען פון דיין „סאציאלער געאמעטריע“, און איך יאג מיך ניט נאך איר אונטערשטיצונג... מיליטאריזם, פאליציי, טעראר, אדער ברוטאלע מאכט, ווערען ניט הייליג געמאכט פאר מיר דערפאר, וואס זיי זיינען געווארען די געצייג פון א קאמוניסטישער דיקטאטור, אנשטאט צו זיין די געצייג פון א פלוטאקראטיע... איך האב געשריבען אין „קלעראמבו“, און ביי דער דאזיגער מיינונג האלט איך מיך מער ווי אלע מאל: עס איז ניט אמת, אז דער ציעל גערעכטפארטיגט די מיטלען. די מיטלען זיינען נאך אלץ וויכטיגער פאר דעם אמת'ן פראגרעס פון דער מענשהייט, איידער די צילען, און דאס איז דערפאר, וואס דער ציעל, וואס ווערט אזוי זעלטען און שטענדיג אויף אזא אומפאלקאמענעם אופן, דערגרייכט, מאדיפיצירט נאר די אויסווענינגסטע שייכות'ן צווישען מענשען, בעת די מיטלען פארמירען דעם גייסט פון דעם מענשען, אדער לויט דעם ריטם פון גערעכטיגקייט, אדער לויט דעם ריטם פון גוואלט; און אויב לויט דעם לעצטען, וועט קיין פארם פון רעגיערונג קיינמאל ניט זיין בכח צו פארמיידען די אונטערדריקונג פון דעם שוואכען דורך דעם שטארקען. אט פאר וואס, איך באטראכט עס פאר אזוי וויכטיג, צו פארטיידיגען די מאראלע ווערטען, און צו פארטיידיגען זיי אין א רעוואלוציע נאך מער אפשר ווי אין געוואוינליכע צייטען, מחמת רעוואלוציעס זיינען עפאכעס וואס באוועגען די צייטען, ווען דער גייסט פון די מענשען איז על פי רוב גענייגט זיך צו ענדערען... אזוי לאנג ווי איך מערק ניט אין א פארטיי א ליידענשאפט פאר דעם אמת, וואס פון איר פאלגט ממילא אן אכטונג פאר פרייער קריטיק, אזוי לאנג ווי איך געפין דארט נאר דעם ווילען מנצח צו זיין, אום יעדער פרייז און דורך אלערליי מיטלען, און די צומישעניש פון די אינטערעסען פון דער באוועגונג מיט די פאדערונגען פון גערעכטיגקייט און אבסאלוטען גוט. קורץ, אזוי לאנג ווי דער גייסט פון די דינער פון דער רעוואלוציע, בלייבט שטרענג פאליטיש, און ער האסט די הייליגע פרעטענזיעס פון דעם פרייען געוויסען, אונטער דעם נאמען „אנארכיע“ אדער „סענטימענטאליזם“, אזוי לאנג האלט איך מיך פון דערווייטען אהן אילוזיעס, בנוגע דעם אויסגאנג פון דעם קאמף“.

ראמיין ראלאנד אלזא, פיהלט, און מיט רעכט, אז די פירער, וואס וועלען דערפירען די געזעלשאפט און די מענשהייט צו דער אמת'ער רעוואלוציע, וואס וועט ניט נאר פארבייטען איין קלאס פון אונטערדריקער אויף דעם

אנדערען, און איין מין קייט אויף דעם אנדערען, נאָר וואָס וועט טאַקע, מיט דער הילף פון דער אבסאָלוטער גלייכהייט, מאכען א סוף צו יעדער קייט, און צו יעדער פּאָליטישער און סאָציאַלער אונטערדריקונג — וועלען מוזען זיין מענשען פון גאָר אַנאנדער פילאָזאָפישען שניט. און מיט גאָר אנדערע באַגריפען וועגען די דריי יסודות פון דעם מענשליכען לעבען, אויף וויפיעל דער לעבען בכלל, שלאָגט זיינע וואָרצלען טיעף אין דעם אבסאָלוטען און אייביגען אוניווערסאַלען גייסט.

דאָס וועלען מוזען זיין מענשען, וואָס וועלען פאַר דער גראַנדיעזער ציוויליזאציע ניט נתפּעל ווערען, מחמת ביי זיי וועט דאָס גוטס אין דעם מאַ־ראַלישען זין שטעהן א סך העכער איידער דאָס גוטס אין דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען זין. אַזעלכע מענשען, וועלען האָבען צופיעל אכטונג פאַר זיך אַליין, אַז זיי זאָלען קאָנען אויף איין מאָמענט אפילו דיינקען, אַז דער מין מענש איז דאָס העכסטע, שעהנסטע און פאָלקאָמענסטע, וואָס איז ביז איצט געוועזען אין דער וועלט. אויף דעם מענשליכען גייסט וועלען זיי קוקען ווי נאָר אויף א שטראַל פון דער גרויסער זון, ווי נאָר אויף אַן עמאַנאציע פון דעם וועלט־אַל גייסט. אין יעדער אַנשטרענגונג פון דעם מענשליכען גייסט, זיך צו באפרייען פון יעדען אויסערליכען צוואַנג, און דער עיקר, אין זיין באַ־שטעהן אויף דעם רעכט פון אבסאָלוטען פרייען אויסדרוק, וועלען זיי זעהן א דערנעהנטערונג פון דעם מענשליכען גייסט צו זיין געטליכען אויסדרוק. אין דער דאָזיגער דערנעהנטערונג פון מענש צו גאָט, וואָס איז די תמצית פון קול־טור, וועלען זיי ווידער זעהן דאָס איינציגע, וואָס גיט דעם מענשענס לע־בען א זין און א ווערט, וואָס קיין ציוויליזאציע קאָן אים ניט געבען. די פריי־הייט פון גייסט, די אויסשפּרייטונג פון דעם געדאנק, די אנטוויקלונג פון דער נשמה; קורץ, די אבסאָלוטע אומגעשטערטקייט פון קומען צום אויסדרוק אויף א מינדליכען און שריפטליכען אופן, וועט ווערען פאַר זיי איינע פון די עיקר יסודות פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

זיי וועלען זיך אַליין און אַנדערע דערמאָנען אין די פאָלגענדע ווער־טער פון פיכטע: „מיר טאָרען קיינמאָל ניט פאָלגען די רעגלען וואָס ווערען אויף אונז פון אויסענוועניג ארויפגעלעגט, מיר טאָרען קיינמאָל ניט גלויי־בען אין אויטאָריטעט בלויז און אין טראַדיציע. אונזער אייגענע האנדלונג מוז זיין הינטער יעדער זאך, און מיר גופא מוזען זיין א טייל פון אונזער גאַנ־צער ארבייט. דער שטאַנדפּונקט פון פרייהייט, ווען מען נעמט אים אָן, איבט

אוים דעם טיפסטען איינפלוס אויפ׳ן שטאט, אויף דער געזעלשאפט און אויף דער רעליגיע. קולטור איז איצט דער תכלית פון די לעבענס קרעפטען, קול־טור, אין דעם זין פון בויגען יעדע מאכט, בכדי צו באקומען פאלקאמענע פרייהייט, פאלקאמענע אומאפהענגיקייט פון אלץ, וואס איז ניט אין דער אמת׳ן אונזער אייגענס".

די פיהרער פון דער קומענדער רעוואלוציע וועלען אויך פארשטעהן און באגרייפען דאס, וועגען וואס פיכטע האט גאר ניט געטראכט, און דאס איז, אז די פרייהייט קאן ניט קומען דארט, וואו עס איז ניט פאראן די אב־סאלוטע גלייכהייט אויף דעם עקאנאמישען געביעט. און זיי וועלען זיין אזוי שטארק דורכגענומען מיט דעם איראציאנאליסטישען אבסאלוטען אידעא־ליזם, אז זיי וועלען וואגען אלץ אין קאן צושטעלען, די גאנצע ציוויליזאציע אפילו, אויב נויטיג, אום דעם אידעאל פון אבסאלוטער פרייהייט און גלייכ־הייט צו פארווירקליכען מאמענטאל נאך דער רעוואלוציע. דאס וועט זיין בא זיי דער ערשטער און לעצטער ציעל און צוועק פון דעם קלאסען־קאמף און פון דער דיקטאטור פון דעם פראלעטאריאט. פון איין עק וועלט ביז דעם אנ־דערען וועט יעמאלט אפקלינגען דער לאזונג: אבסאלוטע פרייהייט פון מיי־נונג און אבסאלוטע גלייכהייט, עקאנאמישע, סאציאלע און פאליטישע פאר יעדען איינציגען מיטגליעד פון דער געזעלשאפט און פאר יעדען איינציג פאלק פון דער גרויסער פעלקער משפחה.

פאר די יעניגע אלזא, וואס האבען געפיהלט מיט דעם סאציאליזם און הא־בען זיין מארקסיסטישע גרונדלאגע ניט פארשטאנען; פאר די, וואס האבען גע־לייגט אזוי פיעל האפנונג אויף דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע, און זיינען איצט אנטוישט געווארען; פאר זיי, איז וויכטיג צו געדיינקען, זיי איז נויטיג צו דערמאנען, אז דער מארקסיזם און דער באלשעוויזם, אזוי גוט ווי דער מענשעוויזם און דער אנארכיזם, זיינען בלויז צווייגען פון דעם סא־ציאליזם אין דעם בריימסטען און טיעפסטען זין פון ווארט, פון דעם סא־ציאליזם אין דעם זין פון א געזעלשאפטליכער ארדנונג, וואו אייגענטום איז ניט קיין פריוואטע זאך, און גלייכהייט, פרייהייט און ברידערליכקייט, אהן קיין שום באגרענצונגען, פארנעמען דעם ארט פון אונטערדריקונג און אומ־גלייכהייט, פון האס און שנאה.

דער דאזיגער סאציאליזם, וואס פון אים זיינען א סך ראדיקאלע „איז־מען" בלויז אויסטייטשונגען, איז נאך ניט באנקראט. עס מוז דא איבער־

געחזר'ט ווערען, אַז דער שריט וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין רוסלאַנד, איז איינער פון די נויטיגע, ריקווערטס־געהענדע־זיגזאַגען, אין דער אומענדליך ווייט לויפענדער און שלענגעלדיגער ליניע פון פּראָגרעס. עס מוז קומען, און עס וועט זיכער קומען, דער פאָרווערטס־געהענדער־זיגזאַג, פון דער פּראָגרעס ליניע.

דער מארקסיסטישער סאָציאַליזם האָט צופיעל געבויגען דעם מענשען צו דער ערד, ד. ה. צו דער עקאָנאָמיק און ציוויליזאַציע. דער סאָציאַליזם וואָס וועט קומען, דער ניי סאָציאַליזם, וועט הויבען דעם מענשען צום הימעל, דאָס הייסט צו דער פּסיכיק און צו דער קולטור.

דער דאָזיגער סאָציאַליזם וועט אָבער ניט, ווי קריסטענטום האָט געטאָן, באַטראַכטען דעם הימעל און די ערד ווי צוויי באַזונדערע וועלטען, און ער וועט דערפאַר ניט ראַטהען דעם מענשען צו לאָזען דאָ אויף דער ערד אַלץ געהן ווי עס געהט זיך, ווייל דער אמת'ער גליק וועט ערשט קומען דאָרט ערגעץ וואו אין הימעל, ערגיץ וואו פון יענער זייט פון דער דאָזיגער ערדישער וועלט.

רעדענדיג וועגען דער פארצייטיגער דעמאָקראַטיע, זאָגט פּראָפּעסאָר סימס, אין זיין בוך „אַלטימייט דעמאָקראַסי״: עס איז שווער פאַר אונז היינט צו טאָג צו מעסטען די קראַפט פון „יענער־וועלטיגען״ איינפלוס אין דער רוימישער געזעלשאַפט, זי איז אָבער געווען אומגעהויער גרויס. ער האָט פארכאַפּט דעם רוימישען גייסט מיט דער גאַנצער מאַכט פון אַ נייער און שטאַרק באַגייסטערענדער האָפנונג און, באַפרייענדיג אים אין דער זעלבער צייט פון דער נויטיגקייט פאַר דעם שווערען קאַמף געגען די עקזיסטירענדע באַדינגונגען, האָט ער בוכשטעבליך פארשקלאָפט אַלע די, וואָס זיינען באַווירקט געוואָרען פון זיין כשוף. אין דעם ליכט פון דער פּאַרשפּרייטער ראַדיקאַלער אויסטייטשונג, האָט קריסטענטום געדאַרפט זיין אַן אָנרעגונג צו דעם אידעאַל פאַר דעמאָקראַטיע, עס האָט געדאַרפט זיין אַ גרויסע קראַפט פאַר סאָציאַלער גלייכהייט; אין דער ווירקליכקייט אָבער, האָט עס ניט געהאַט אַזאַ באַדייטונג. עס האָט זיכער געלערענט גלייכהייט, אָבער ניט סאָציאַלע גלייכהייט. עס איז ניט געווען קיין קריסטליכער באַגריף פון גלייכהייט אין דער רוימישער וועלט, עס איז געווען אַ באַגריף פון גלייכהייט אין יענער וועלט. און דער דאָזיגער „יענער־וועלטיגער״ אינטערעס האָט, זעהט אויס, אויף אַן אומרחמנות'דיגען אופן געמאַכט אַ סוף צום געזעלשאַפטליכען באַשטרעב, און

האט ווען ניט ווען, פארטגעזעצט זיין גאריש מאכענדע ארבייט ביז אויף היינטיגען טאג".

ניין, דער דאזיגער נייער סאציאליזם וועט געהן אין די וועגען פון דעם אידישען גייסט, אין די וועגען פון א שפינאזא און א בערגסאן, און פאר די וואס קאנען אפטיילען די קריסטליכע באוועגונג פון קריסטוס' לעהרע, וואלטען מיר אויך געזאגט, אין די וועגען פון קריסטוס.

„דאס קריסטענטום", זאגט פראפעסאר סימס, „וואס האט געמאכט א סוף צו דער רוימישער דעמאקרטיע, איז געווען ווייט ניט דאס זעלבע ווי די לעהרע פון ישוע הנוצרי. דער לעצטער איז געווען באמת דעמאקראטיש און וועלטליך אין זיין מעכטיגען אויסדרוק און, אין קיין זין ניט אן אנטי־סאציאלע קראפט. וואלט די באוועגונג, וואס איר איניציאטאר איז געווען דער מאן פון נצרת, זיך געווען פארשפרייט אין דער פרעמדר אויף א ניט קארופ־טירטען אופן, וואלט אונטער דער רעפארם פון אלטערטום ניט געווען אונטער געשריבען ש ל ו ם. עס איז אויך צו גלויבען, אז די וועלט וואלט שוין איצט ניט נעדארפט קיין סאציאלען משיח."

מיט א שפינאזא און א בערגסאן וועט דער נייער סאציאליזם באטראכ־טען דעם הימעל און די ערד, אדער דעם גייסט און דעם שטאף אלס צוויי פארשיידענע אויסדרוקען, אנבליקען אדער באוועגונגען פון איין גרויסער און טיעף אין זיך איינהייטליכער וועלט. און דערפאר וועט ער ניט אויפהערען שטרעבען דערצו, אז אויך די ערדישע וועלט זאל, ווי קריסטוס האט עס לכתחילה געמיינט, ארויסברייגנגען דאס שעהנסטע און דאס בעסטע, דאס ערעלסטע און דערהאבענסטע, וואס די מענשליכע פאנטאזיע איז זיך שוין בכח אויסצומאלען. דאס אלץ, וועט אבער געטאן ווערען האלטענדיג די אויגען אין דער הויך און ניט אין דער נידער.

אנשטאט צו בויגען דעם הימעל צו דער ערד, אדער אוים בלינדקייט איג־נאנצען ניט צו קוקען אויף דעם הימעל, וועט דער מענש, אונטער דעם נייעם סאציאליזם, מוזען הויבען די ערד צום הימעל, אויף אונזער לשון הייסט עס, הויבען די ציוויליזאציע צו דער קולטור אדער זעהן אין איר עפעס וויכטי־געס נאר אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל זי קאן געמאכט ווערען געטריי צו דינען דער קולטור אדער צו זיין בלוז א מיטעל פאר דער פארגרעסערונג און פארטיפונג פון דער קולטור. דער מענש וועט מוזען עפענען זיינע אוי־

גען און זיי ריכטען אזוי, אז ער זאל ניט נאר קאנען קוקען אויף דעם הימעל, נאר אויך טיעף אין אים ארייננבליקען און זעהן, און דערזעהן וועט ער יע־מאלט גאר א סך דערפון, וועגען וואס דער איצטיגער מענש האט אונטער דעם איינפלוס פון דער ציוויליזאציע, זיך שוין אפגעוואוינט צו טראכטען און צו חלומ'ן. אונטער דעם נייעם סאציאליזם וועט, אין די ווערטער פון דעם גרויסען נביא עמוס, די גערעכטיגקייט זיך צו פליסען ווי א וואסער, און יושר וועט זיך צוגיסען ווי א מעכטיגער שטראם! און יעדער איינער וועט פון דאס ניי פארברענט ווערען פון דעם דורשט צו הערען גאטסווארט...

אזא סאציאליזם וועט שוין ניט שרעקען די פרצ'עס און די ראלאנד'ס. ער וועט קיין פראגרעסיווען און מענשען ליבענדען מענשען ניט מאכען צו ציטערען, און אלע, אהן אן אויסנאהם, וועלען אהן שרעק און אהן ציטער, האפען און בעטען אויף זיין זיעג...

דריטער טייל

קולטור און די רעוואלוציאנער-סאציאליסטישע ריכטונג אין דעם סאציאליזם.

„... חלומות אָבער קומען ווידער, און פּיליכט וועט עס נקמה נעמען. פּיליכט וועט עס אין גיכען באַשאַפען אַנאַנדער געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וועלכע וועט ניט זיין אַזוי נידעריג אוטיליטאַריסטיש, און אַזוי פול מיט פאַראַכטונג צו דעם גייסט״.

—אַנאַטאָל פראַנס.

קולטור
און די רעוואָלוציאָנער-סאָציאַליסטישע ריכטונג אין דעם סאָציאַליזם

אין דער ארבייט „קלאסען קאמף אין ליכט פון קולטור״ האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט הויפּטזעכליך אויף דער מארקסיסטישער ריכטונג פון דעם סאָציאַליזם. דאָ, אין דער דאָזיגער ארבייט, וועלען מיר זיך אָפּשטעלען באריכות אויף דער רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער ריכטונג אין דעם סאָציאַליזם, און מיר וועלען פּרואווען צו באווייזען, אַז אויך די דאָזיגע ריכטונג איז געגאַנגען מער אויף דעם וועג פון ציוויליזאציע ווי אויף דעם וועג פון קולטור; א סך שטאַרקער זיך געהאַלטען אין דעם רעאַליטיוויזם ווי אין דעם אַבסאָלוטיזם, און אין דעם ראַציאָנאַליזם מער, איידער אין דעם איראַציאָנאַליזם, וואָס דאָס מיינט שוין ממילא, ווי מיר דיינקען, אַז זי האָט ניט געהאַלטען טאקט מיט דער נייער ווענדונג אין דעם מענשליכען דיינקען און פיהלען.

מיר ווילען, אַזוי גלויבען מיר, ניט טאָן קיין אומרעכט די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, ווען מיר וועלען אָננעמען אַלס דעם גרעסטען טעאָרעטיקער פון דעם רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם, דר. חיים זשיטלאָווסקי׳ן, מיט וועמענס שריפטען מיר זיינען בעקאַנט, און מיט וועמען אונז איז אויך אויסגע־

קומען אין דער עפענטליכקייט צו דעבאטירען וועגען פראבלעמען, וואס האבען א שייכות צו דער ראדיקאלער סאציאלאגיע.

די סאציאליסטען רעוואלוציאנערען זיינען געשיכטס־פילאזאפישע אי־דעאליסטען. זיי אנערקענען, אז דער עיקר, דער תוך און תמצות פון דער וועלט איז די אידעע, דער גייסט און ניט דער שטאף, די מאטעריע, ממילא קאנען זיי ניט באטראכטען די עקאנאמיק אלס דעם הויפ־שטאנג פון אלע געזעלשאפטליכע געשעהנישען, זיי קאנען ניט אננעמען, אז די עקאנאמיק איז דער באשטימענדער פאקטאר אין דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג.

בעת אבער דר. זשיטלאווסקי, און מיט אים די סאציאליסטען־רעוואלו־ציאנערען, שטעלען אוועק, ווי דאס פאדערט אונזער קולטור שטאנדפונגט, אין דעם מיטעלפונקט פון אוניווערסאלער און געזעלשאפטליכער אנטוויק־לונג דעם גייסט, געהען זיי זיך אבער לגמרי פאנאנדער מיט די נייעסטע ריכטונגען אין דעם מענשליכן באנעם פון דעם וועלט־אל און שטימען אינ־גאנצען ניט איין מיט דעם קולטור פילאסאפישען בליק אויף דער אוניווער־סאלער און מענטשליכער געשיכטע אין זייערע ענטפערס צו די פאלגענדע צוויי פראגען:

ערשטענס,—אין דעם גייסט גופא, וואס פארנעהמט דעם סאמע אויבען אן: דער געפיהל אדער די פארנונפט? די נשמה אדער דער געדאנק? אדער, אויף דעם לשון פון דעם ברייטען עולם, דאס הארץ, אדער דער מוח?

צווייטענס,—איז אלץ אין דער דאזיגער וועלט, וואס איז אין איהר מקור און אין איהר מהות א רוחניות'דיגע, רעלאטיוו, פארהעלטניסמעסיג און לפי ערך'דיג? אדער זיינען פאראן אין דער וועלט זאכען, ד.ה., אויסדרוקען, ארויסשטראלונגען פון דעם גייסט, וועלכע זיינען אבסאלוט, אומבאדינגט אומאפהענגיג פון וועלכע עס איז שייכות'ן אין רוים און אין צייט?

מיר שטעלען זיך אפ אויף די דאזיגע צוויי פראגען און אויף די ענט־פערס צו זיי, באריכות, דען מיר האלטען, אז אין דער פארשיידענקייט פון די ענטפערס צו די דאזיגע צוויי פראגען ליגט, ווי מיר האבען שוין געזעהן אין דער פריהערדיגער ארבייט, די אורזאך דערפון, וואס די סאציאליסטען רעוואלוציאנערען איז ניט באשערט געווען אוועקצושטעלען זיך און דעם שפיץ פון דער רוסישער רעוואלוציע, ווי אויך דערפון, וואס זיי וועט, ווי מיר זיינען דעריין איבערצייגט, אויך אין דער צוקונפט ניט אויסקומען צו

האָבען די פיהרערשאַפט אין דער פאַרווירקליכונג פון די ציעלען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דער חלוק אין די באַגריפען וועגען דער שייכות צווישען געפיהל און געדאַנק און די שטעלונג צום אַבסאָלוטיזם און רעלאַטיוויזם, זיינען, לויט אונזער מיינונג, פאַראַנטוואָרטליך פאַר די חלוקי דעות אין די ריכטונגען פון דעם סאָציאַליזם, וועלכע האָבען לעצטענס געפיהרט צו בלוטיגע קאַמפען אין די רייהען פון די סאָציאַליסטען.

צי זאָל דער סאָציאַליזם אין דער צוקונפט האָבען אַזאַ אָדער אַנאַנדער אויסזעהן, צי זאָל ער זיין דורכגעדרונגען מיט אַזאַ אָדער אַנאַנדער איינהאלט און צי זאָל ער אריינגעבראַכט ווערען אין לעבען אויף דעם שנעלסטען, ווירקזאַמסטען און אויף דעם בלוט־שפּאַרזאַמסטען אופן דורך אַזעלכע אָדער אַנדער וועגען און מיטלען, וועט זיך, ווי מיר דיינקען, דורכאויס ווענדען אין דעם, צי וועלען אלס זיינע יסודות אוועקגעלייגט ווערען דער ראַציאָנאַליזם און דער רעלאַטיוויזם אָדער דער איראַציאָנאַליזם און דער אַבסאָלוטיזם. דערפאַר קאָנען גאָר ניט אין דעם איצטיגען מאָמענט צופיעל ארומגערעדט און דיסקוטירט ווערען די סאָציאַלע באַדייטונגען פון די פילאָסאָפישע פּראָבלעמען פון דעם ראַציאָנאַליסטישען רעלאַטיוויזם און זיין הפוך דעם איראַציאָנאַליסטישען אַבסאָלוטיזם, דערהויפּט ווען מען דערמאָנט זיך, אַז פון אַלע באַדייטונגען פון דעם דאָזיגען פּראָבלעם איז די סאָציאַלע באַדייטונג זיינע אַם ווינציגסטען אָנגערירט געוואָרען אין דער ליטעראַטור.

בנוגע , אַלזאָ, דער ערשטער פראַגע געהט דר. זשיטלאָווסקי זיך פאַרנאַנדער מיט דעם נייעם שטראָם פון דיינקען דערין, וואָס בעת דער לעצטער, דער געדאַנקען־פלוס פון דעם צוואַנציגסטען יאָרהונדערט, לייגט מער געוויכט, שטעלט שטאַרקער די טראָפּ אויף דער געפיהל־זייט פון גייסט, טוט דר. זשיטלאָווסקי דאָס זעלבע מיט דער אינטעלעקט־זייט פון דעם גייסט.

אויף דער צווייטער פראַגע, ווידער, זיינען זיינע ענטפערס, אויף וויפיל מיר זיינען מיט זיי באַקאַנט דורך זיינע שריפטען, דורכאויס אַזעלכע, אַז ער קאָן באַצייכענט ווערען אלס רעלאַטיוויסט און דער רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם דאַריבער אלס אַ רעלאַטיוויסטישע וועלט אנשויאונג.

דער ענטפער פון דער אַבסאָלוטיסטישער וועלט אנשויאונג איז, אַז אַבסאָלוטהייט איז איינע פון די גרונדשטריכען פון דעם וועלט־אַל גייסט,

און אין אזעלכע אויסדרוקען פון גייסט למשל ווי אמת, יושר און שיינקייט איז פאראן א געוויסע תנאי־לאזיגקייט, א געוויסע פרייקייט פון צייט, ארט און אומשטענדען. דו טארסט ניט זאגען קיין ליגען צו דיין פריינד אין די אינטערעסען פון דיין וואוילזיין! איז אן אמת, וואס איז ניט אפגעלייקענט געווארען, זינט דער מין מענש איז אנטשטאנען אין דער וועלט, און וועט ניט אפגעלייקענט ווערען, כל זמן דער מענש וועט ניט אונטערגעהן.

ווען עס וועט זיך האנדלען וועגען באשטראפען איינעם, וואס האט יא געליגט צו זיין פריינד צוליב זיינע און ניט דעם פריינד'ס אייגענוציגקייט, וועלען אלע מאל זיין, פונקט ווי עס זיינען אלע מאל געווען, מיינונגס פאר־שיידענהייטען וועגען דעם, ווי אזוי ער זאל באשטראפט ווערען און צי עס קומט אים, אדער דארף מען אים גאר אינגאנצען באשטראפען. דער ווער־דיקט אבער, אז איינער וואס טוט עס, איז ניט קיין פיינער מענש—דער דאזיגער פסק דין, איז געבליבען און וועט אויף אייביג בלייבען איינער און דער זעלבער אונטער אלע אומשטענדען, וואס וועלען ניט אויסשליסען קיין מענשליכע עקזיסטענץ, אין דעם זין ווי מיר פארשטעהען זי איצט.

כדי קלארער צו מאכען אט דעם דאזיגען פונקט פון רעלאטיוויזם און אבסאלוטיזם וועלען מיר איהם אילוסטרירען מיט דריי זאצען פון דר. זשיט־לאווסקי'ס ארטיקעל. שוין דאס אליין, וואס די דאזיגע דריי זאצען געפינען זיך ניט אין אן ארטיקעל איבער אבסטראקטע פילאזאפישע פראגען, נאר טאקע אין דעם ארטיקעל, וואו דר. זשיטלאווסקי צעגלידערט די שטריכען, וואס שיידען אפ און ברייננען צענויף דעם באלשעוויזם מיט דעם רעוואָ־לוציאנערען סאציאליזם, — שוין דאס אליין, זאגען מיר, ווייזט אויף דער נאהענטער שייכות צווישען דעם „אבסאלוטיזם־רעלאטיוויזם" פראגע און דער סאציאלער פראגע.

זאץ נומ. 1. „די באלשעוויקעס, ווי די מארקסיסטען בכלל, און ווי דאס רוב פון די הערשענדע געדאנק־סיסטעמען, זיינען דאגמאטיקער, ד. ה. מענשען וואס גלויבען, אז דער מענשליכער שכל איז ביכולת ארויסצוברייננען דעם אבסאלוטען אמת אין אלע צווייגען פון דער מענשליכער דערקענטניס בכלל, און אין דעם צווייג פון דער סאציאלער וויסענשאפט בפרט".

אין דעם דאזיגען זאץ האט מסתמא דר. זשיטלאווסקי פארגעסען צו צוגעבען: „אין א באשטימטער תקופה פון דער אנטוויקלונג פון דער

וועלט בכלל, און פון דער מענשהייט בפרט״. דען דר. זשיטלאָווסקי ווייס דאָך גאַנץ גוט, אַז די מאַרקסיסטען גלויבען אזוי וועניג אין אַן אבסאָלוטען אמת פאַר אַלע צייטען ווי אין דער אבסאָלוטער גערעכטיגקייט. ער געדיינקט דאָך מסתמא, אַז ווען די דייטשע סאָציאַל דעמאָקראַטיע האָט אין 1875 אָנגענומען אַ פּראָגראַם, אין וועלכער זי האָט באַזירט אירע פאָדערונגען אויף אַ „גערעכטער פאַנאַנדערטיילונג״, האָט מאַרקס מיט ביטערקייט קריטיקירט די דאָזיגע פּראָגראַם און מיט שפּאָט האָט ער געפרעגט: „וואָס איז אַזעלכעס אַ „גערעכטע פאַנאַנדערטיילונג?״ באַטראַכט דען ניט די בורזשואַזיע דעם איצטיגען מאָדוס פון פאַנאַנדערטיילונג אַלס אַ „גערעכטען?״ און איז דען די דאָזיגע פאַנאַנדערטיילונג אין דער אמת׳ן ניט די איינציגע „גערעכטע״ אויף דעם גרונד פון דעם עקזיסטירענדען מאָדוס פון פּראָדוקציע? האָט דען ניט יעדע סאָציאַליסטישע סעקטע פאַרשיידענע באַגריפען וועגען דעם, וואָס עס הייסט אַ גערעכטע פאַנאַנדערטיילונג? דער געזעץ, וואָס רעגולירט די פאַנאַנדערטיילונג הייגנט אָפּ פון זיין עקאָנאָמישען באַזיס, און קאָן דאריבער ניט זיין פון קיין העכערען טיף ווי די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט קאָן גערעכטפאַרטיגען.*)

די גערעכטיגקייט, על פּי מאַרקס׳ן, האָט, אַלזאָ, אזוי וועניג אבסאָלוטהייט, ווי די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג. אַנטוויקלונג פון אַ מאַרקסיסטישען שטאַנדפּונקט מיינט קודם כל ענדערונג, און מיט דער ענדערונג פון דער עקאָנאָמיק — דעם באַזיס פון אַלעם געדאַנקליכעס, ענדערען זיך אַלע באַגריפען וועגען אַלע אויסדרוקען פון דעם גייסט. דער גייסט ווידער שטעהט אונטער דער שליטה פון דער מאַטעריע און איהרע אַרויסזעצונגען — די פּראָדוקציאָנס מיטלען.

דר. זשיטלאָווסקי אַליין שרייבט דאָך אין זיינע „היסטאָרישע אידעען פאַרבינדונגען״, אַז קאַרל מאַרקס האָט פון העגעל׳ן געלערענט „אַז די פילאָזאָפישע אמת׳ן, זיינען צו יעדער היסטאָרישער צייט פאַרשיידען: דאָס, וואָס איז אמת און לאָגיש אין איין געשיכטליכען פעריאָד הערט אויף צו זיין אמת און לאָגיש אין אַנאַנדער געשיכטליכער צייט״, אָבער, ווי עס זעהט אויס, איז אפילו אזא רעלאַטיוויזם ניט גענוג ווייט געהענד פאַר דר. זשיטלאָווסקי׳ן. ער וויל האָבען אַן „אבסאָלוטען״ רעלאַטיוויזם אָהן אַ ברעקעל אבסאָלוטהייט, אפילו אויף איין אויגענבליק אין דעם אומענד-

*) זעה: סימקאָוויטשעס בוך „מאַרקסיזם אין געגענזאַץ צום סאָציאַליזם״.

ליכען לויט פון דער אוניווערסאלער אנטוויקלונג. פאר אונזער שטאנדפונקט ווידער איז דער פון צייט באגרעניצטער אבסאלוטיזם פון די מארקסיסטען ניט געגוג. מיר באשטעהען מיט דער גאנצער קראפט פון אונזער גייסטיגען יש דערויף, אז עס זיינען פאראן אבסאלוטע אמת'ן פאר אלע פעריאדען פון דער געשיכטע. זיי קענען טאקע אפשר ניט, ווי דער טעארעטיקער פון די סאציאליסטען רעוואלוציאנערען דר. זשיטלאווסקי דיינקט, ארויס־געבראכט ווערען מיט דעם שכל, ווי עס ווילען עס האבען די מארקסיס־טען, דערפאר אבער קענען זיי אפט דערשפירט ווערען מיט די געפיהלען, און נאך מעהר מיט דעם גייסט אונזערען אלס גאנצעס, אין דעם מאמענט, ווען די געפיהלען דערהויבען זיך צו דער מדרגה, וואו זיי, מיט דער פולסטער און פאלקאמסטער צושטימונג און צופרידענהייט פון געדאנק, פאראייניגען זיך מיט איהם, גיסען זיך אזוי אריין אין איהם, שמעלצען זיך אזוי צו־נויף מיט איהם, אז עס ווערט אונמעגליך דורכצופיהרען א גרעניץ צווי־שען געדאנק און געפיהל.

מיר ווייסען גאנץ גוט, אז אין דער פראגע פון אבסאלוטיזם און רעלא־טיוויזם שטויסען מיר זיך אן אויף איינע פון די וויכטיגסטע און טיפסטע פילאזאפישע פראגען. מיר מוזען אבער, צי מיר ווילען עס צי מיר ווילען עס ניט, אזוי גרינדליך ווי נאר מעגליך פאנאנדערהגלידערען די דאזיגע, אין א זין, ריין פילאזאפישע פראגע, אויב מיר ווילען פארשטעהען, וואס עס זיינען געוועזן, און וואס עס דארפען זיין די יסודות פון דעם סאציאליזם. אין אונזער פריהערדיגער ארבייט האבען מיר שוין אנגעוויזען אויף דעם, אז עס ווערט פון טאג צו טאג שטארקער די אנערקענונג פון דער איינ־נער און אומאיבערגעריסענער שייכות צווישען דער פילאזאפיע און דער וויסענשאפט, און פון אלע וויסענשאפטען מוז די סאציאלאגיע האבען די אינטימסטע שייכות מיט דער פילאזאפיע. מיר וועלען דא ברייננגען בלויז נאך איין עדות פאר דער ריכטיגקייט פון אונזער באשטימונג, און דאס וועט זיין דער דייטשער דיינקער ערנסט קאססערער.

אין א וואונדערליך־קלארער און טיפער אפהאנדלונג איבער איינ־שטיינ'ס טעאריע פון רעלאטיוויזם, זאגט ער: „דער שייכות צווישען דער פילאזאפיע און עקזאקטער וויסענשאפט האט זיך לעצטענס פונדאמענטאל געביטען. מיט מער קלארקייט און מער דרינגליכקייט אנערקענען מיר

היינט צו טאָג, אַז דער ארכימעדישער פונקט, וואָס אויף איהם האָט זיך אָנגעשפּאַרט, און וואָס פון אים האָט ער זיך אונטערנומען אויפצוהויבען דעם גאַנצען סיסטעם פון דערקענטניס ווי מיט א הויב־שטאַנג, זעהט שוין ניט אויס מער צו זיין דער אומבאַדינגט פיקסירטער שטיץ־פונקט פאַר די פיס... די אַלגעמיינע רעלאַטיוויטעט׳ס טעאָריע זעהט אויס צו זיין דאָ, די איינציגע סאמע לעצטע קאָנסעקווענץ פון אַן אינטעלעקטועלער באַוועגונג, וועלכע האָט באַקומען איהרע אַנטשיידענע מאָטיוון צוגלייך פון דערקענטניס־טעאָרעטישע און פיזישע באַטראַכטונגען.. אַזאַ בליק אין דער געשיכטע פון פיזיקע ווייזט, אַז גראָד איהרע שווערסטע און פונדאַמענטאַלסטע אויספירונגען שטעהען אין אַן איינגער פאַרבינדונג מיט באַטראַכטונג פון אַלגעמיינעם פילאָזאָפישען כאַראַקטער״; און דאָ שטעלט זיך דער שרייבער אָפּ אויף די אויפטואונגען פון אַלע גרויסע פיזיקער ווי גאַלילעא, קעפּלער, ניוטאָן, העלמהאָלץ א. א. וו., און ער ווייזט, אַז אין דעם מאָמענט, ווען זיי האָבען זיך דערהויבען צו דער מדרגה פון אינטענסיווער שאַפונג, זיינען זיי, ווי זיי אליין האָבען עס צוגעגעבען, געשטאַנען דורכאויס אונטער דער שליטה פון דער פילאָזאָפיע, אין איהר דערקענטניס־טעאָרעטישען אויסדרוק, און דערביי ברייננגט ער די פאָלגענדע ציטאַטע פון היינריך הערצ׳ס ווערק „פּרינציפּען פון דער מעכאַניק״.

„דאָס וואָס איז ניי אין מיין ווערק און וואָס איך באַטראַכט באמת פון גרויסען ווערט איז דער סדר און די איינאָרדנונג פון דעם גאַנצען, דאָס הייסט די לאָגישע אָדער, אויב איינער וויל, די פילאָזאָפישע זייט פון דעם געגענשטאַנד״.*)

און אויב דאָס איז אַזוי אין די פיזישע וויסענשאַפטען, אין די וויסענשאַפטען, וואָס שטודירען דעם אומבאַלעבטען און דעם אומבאַזעלטען טייל פון דער אוניווערס, על אחת כמה וכמה מוז עס שוין זיין אַזוי אין א וויסענשאַפט ווי די סאָציאָלאָגיע, וועלכע וויל אַריינדרינגען אין א געוועב, וואָס דורך איהם זעצט זיך דורך, אויף אַן אומאויפהערליכען און שטאַרקען אופן, לעבען און גייסט, וואָס אין זייערע אַנטשטעהונגען איז די פילאָזאָפיע פאַראינטערעסירט מער פאַר אַלע אַנדערע צווייגען פון דער קולטור. און ווי מאַרקס האָט, פריהער איידער ער איז צוגעטראָטען צו דעם אַנאַליז פון

*) זעה: זשורנאַל „מאָניסט״ פון יאַנואַר, 1922.

די געזעלשאפטליכע קראפטען און געשעהענישען, געמוזט נעמען א שארפע און קלארע שטעלונג צו די ריכטונגען אין דער פילאזאפיע, אזוי וועט יעדער איינער, וואס וועט זיך אונטערנעמען צו פארמולירען אן „אני מאמין״ בנוגע דער צוקונפט פון דעם געזעלשאפטליכען אינאיינעם לעבען, מוזען קומען צו דער פילאזאפיע פאר זיין סאציאלאגישער גרונדלאגע.

אלע צוזאמענברעכונגען פון אלע עקאנאמישע פארמולירונגען, וואס שטעלען צענויף דעם מארקסיזם, וואלטען אים ניט געטריבען צו דעם באנ־קראט, פון וועלכען, ווי מיר דיינקען, קיין אפמאך מיט די קרעדיטארען וועט אים ניט ארויסשלעפען, ווען זיין פילאזאפישער בליק אין דער גע־שטאלט פון דעם היסטארישען מאטעריאליזם אדער עקאנאמישען דעטער־מיניזם, וואלט געווען א ריכטיגער, און וואלט געקאנט אויסהאלטען קרי־טיק, אין דעם ליכט פון די נייע ארייננבליקען אין דעם אנטוויקלונגס־גאנג פון דער אוניווערס. און אקוראט ווי דער אידעאליזם אין געגענזאץ צום מאטעריאליזם, ווען ער ווערט פארטגעשטעלט אויף דעם פילאזאפישען געביעט, נעמט ער דערמיט גופא אוועק דעם פונדאמענט פון דעם מארק־סיזם, אזוי דארף אויך בלויז דער אינטעלעקטואליזם באלעמפט ווערען אין דער פילאסאפיע פון דעם אנטי־אינטעלעקטואליזם, און דער רעלאטיוויזם פון דעם אבסאלוטיזם, און דער סאציאליזם וועט ווערען געצוואונגען אנ־צונעמען נייע יסודות און באקומען דורך זיי א גאנץ נייעם אינהאלט. די רעוואלוציאנער־סאציאליסטישע ריכטונג וועט אויף אזא אופן ניט אפ־שניידען פיעל בעסער איידער די מארקסיסטישע ריכטונג.

און אזוי איז עס טאקע געגאנגען פון צום סוף פון דעם ניינצענטען יארהונדערט ביז איצט. פריהער האט דער אידעאליזם, ווי מיר האבען עס שוין געזעהן, אין דער פריהערדיגער ארבייט, פארטריבען דעם מאטע־ריאליזם, און דער נאכדעם האט דער אינטואיטיוויזם אדער אנטיאינטעלעקט־טואליזם זיך געשטארקט אין פולער מאכט איבער דעם אינטעלעקטואליזם, און איצט מערקט זיך דער אנקומענדער זיעג פון דעם אבסאלוטיזם איבער דעם רעלאטיוויזם.

אין אן ארטיקעל „די ריכטונג פון דעם מאדערנעם געדאנק״*) זאגט דער נאר וואס פארשטארבענער פראנצויזישער דיינקער עמיל באטראו:

*) „מאניסט״, אפריל, 1922.

„ביז נים לאַנג צוריק איז דער מענשליכער גייסט געווען פאַרבלענ־דעט פון דער קלאָרקייט, דער ניצליכקייט פון דער וויסענשאַפט און איז געווען דאָמינירט פון איר, איצט איז די טענדענץ פון גייסט צו זעהן, אַז וויסענשאַפט איז העכסטער גראַד לעבען און אַקטיוויטעט, אַ שטויס אין דער ריכטונג פון עטוואָס בעסערס, און ער שטרעבט צוריק צוברייננגען די וויסענשאַפט צו יענעם אינוועניגסטען לעבען, פון וועלכען זי קומט באמת אַרויס. דאָס מיינט צו זאָגען, אַז דער מענשליכער גייסט איז אַנטשלאָ־סען דורכצוברעכען דעם ריינעם נאַטוראַליזם און בעת ער פאַרלאָזט זיך אויף דער נאַטור זוכט ער אָבער אין דער אייגענער צייט ציעלען, וואָס שטייגען אַריבער די נאַטור". .

אין דער קונסט אַזוי גוט ווי אין דער פילאָזאָפיע, און אין דער פי־לאָזאָפיע אַזוי גוט ווי אין דער וויסענשאַפט, איז דער אויסגאַנג פּונקט און דער ענד ציעל פון דער אוניווערס געוואָרען דער שאַפענדער גייסט אַנ־שטאָט דעם זיך בלויז עוואָלוציאָנירענען שטאָף.

אַלע גרויסע קינסטלער, אַלע טיעפע פילאָזאָפען און אַלע וויסענ־שאַפטסלייט, וואָס עפענען באמת נייע האָריזאָנטען וועלען זיך איצט אונ־טערשרייבען אונטער דער פאָלגענדער באהויפּטונג: „ווען מיר פאָלגען נאָך די שפּורען פון אַ נייעם טיפּ ווען ביז זיין אָנפאַנג, געפינען מיר אויף אַ נויטוועגדיגען אופן, אַז ער רוהט אויף עטוואָס, וואָס איז אי העכער אי ני־דעריגער פאַר אים גופא. אויף דער נאַטור־זייט האָט ער זיך אַרויסגעווי־קעלט פון עטוואָס, וואָס איז נידעריגער, ווי די חיה פון דער פלאַנץ, און אויף דער העכערער זייט, פון עטוואָס, וואָס איז נים וועניגער איידער דער אייביג־בריהענדער שאַפענדער גייסט. דער באַשאַף פון יעדען נייעם טיפּ פון לעבען, סיי פון דעם מענשליכען, סיי פון וועלכען עס איז אַנדער מין, האָט אַ געוויסע נידעריגערע נאַטור אויף דער מוטער'ס זייט, און אַן אַלע ווי־טאַליזירענדיגע קראַפט אויף דעם פאָטער'ס זייט. יעדער נייער טיפּ פון לעבען שליסט אין זיך איין דאָס, וואָס איז אונטען אַלס זיין באַזיס און הינטערגרונד, און עטוואָס מער. און דער דאָזיגער „עטוואָס מער" מוז קומען פון אויבען און פון יענער זייט פון דער נאַטור".*)

---

*) זעה „אָפען קאורט", אוגוסט, 1922.

אלזאָ גייסט אנשטאָט מאַטעריע, און דאָס מיינט, גייסטיגער אנשטאָט עקאָנאָמישער דעטערמיניזם. — דאָס איז איינשטימיג אָנגענומען. און איצט — איז די פראַגע: אין דעם גייסט וואָס? אינטעלעקט אָדער גע־פיהל? אינטעלעקטואליזם אָדער אינטואיטיוויזם?

וועגען דעם אינטעלעקטואליזם זאָגט באטראו: „זיכער באפרייט אונז דער דאָזיגער סיסטעם פון דער טיראַניי פון דעם, וואָס ווערט אוממיטעל־באַר געגעבען, דערמיט וואָס ער נעמט אָן אַ לעבען, וואָס איז אַנדערש איי־דער דער לעבען פון די חושים. אָבער די פּרינציפּען, וועלכע ער זוכט הינטער די זינליכע פאַקטען, זיינען אליין נאָך אַלץ פאַקטען אין דער רעאַ־ליטעט, רויע אומדורכדרינגליכע דאַטען, וואָס ווען מיר פּרואווען צו אַנט־דעקען די אורזאַך פון זייער עקזיסטענץ, פאַסירט מיט זיי דאָס זעלבע, וואָס מיט די אינערטישע סימבאָלען פון דאָס שרייבען, וואָס פיהרט זיי, די סימ־באָלען, אריין, אנשטאָט דעם לעבעדיגען געדאַנק: זיי האַלטען אָן אַ הייליגעס שווייגען... דער אינטעלעקטואליזם רעפּרעזענטירט די פאַרצווייפלונג פון גייסט, וועלכער טרעט צוריק פון אָן אומענדליכער אויפגאַבע, און פאָדערט רוה אַלס די פּרייז פאַר זיין אָנשטרענגונג. די רעאַליטעט ענטזאָגט אָבער זיין פאָדערונג, זי ווערט ניט מיעד שאַפענדיג, מעג דער מענש ווי מיעד ווערען באַגרייפענדיג...

„אריבערגעהענדיג אַלזאָ אויף יענער זייט פון דעם נאַטוראַליזם און אינטעלעקטואליזם, מוזען מיר געפינען אַ געזיכטספונקט, וואָס זאָל אָנהאַל־טען די רעאַליטעט און די ווערט פון דער נאַטור, ניט אריינוואַרפענדיג אין איהר דעם גייסט, און וואָס וועט פאַרזיכערען די אויבערהערשאַפט און די אַקטיוויטעט פון דעם גייסט, אַנערקענענדיג אין דער זעלבער צייט זיין פאַר־איינינונג מיט דער נאַטור".

און דער דאָזיגער געזיכטס פונקט, וועגען וועלכען באַטראָו רעדט, איז דער אינטואיטיווער אָדער אַנטיאינטעלעקטואַליסטישער, דאָס איז דער דער בליק אויף גאָט, וועלט און מענש, פאַר וועלכען בערגסאָן האָט זיך מיט זיין גאַנצער גייסטיגער מאַכט איינגעשטעלט —.

פילע פון די גרויסע פילאָזאָפען, וואָס האָבען געלעבט צווישען קאַנ־ט'ען און בערגסאָנ'ען, האָבען פילעס צוגעגעבען צו קאַנט'ס לעהרע, און אין פילע הינזיכטען זי מאָדיפיצירט. קיינער אָבער האָט ניט ביז

בערגסאָנען אריינגעבראַכט אין דעם קאַנטיאַניזם אַ ראַדיקאַלע און גרינד־ליכע ענדערונג, און דורך דעם געשאַפֿען אַ מעגליכקייט פֿאַר אַ גאַנץ נייעם בליק אויף די שייכות'ן צווישען דעם מענשען און דער רעאַליטעט.

די דאָזיגע ענדערונג האָט בערגסאָן אריינגעבראַכט דערמיט, וואָס ער האָט דערשפּירט דעם חילוק צווישען „צייט" און „דויער", צווישען דער „צייט", אין וועלכער עס ווערט רעגיסטרירט אַלץ, וואָס איז שוין פֿאַר־געקומען, און דער „צייט", וואָס מיט איהר קאָן אידענטיפיצירט ווערען דאָס, וואָס געשעהט; דאָס מיינט, אַלעם לעבעדיגע און געדאַנקליכע אין דעם צושטאַנד פֿון דער אינטענסיווער אַקטיוויטעט.

נאָך אין 1889 האָט בערגסאָן געשריבען: „צוויי באַגריפֿען פֿון צייט זיינען מעגליך, איינער איז פֿריי פֿון יעטווידער צומיש, דער אַנדערער ברייינגט בגנבה אריין די אידעע פֿון רוים. דויער איז די פֿאָרם, וועלכע די נאָכפֿאָלגונג פֿון אונזער באַוואוסטזיין־צושטאַנדען נעמען אָן, ווען דער איך לאָזט זיך גופא ל ע ב ע ן , ווען ער האַלט זיך צוריק פֿון אָפּצו־טיילען זיין איצטיגען צושטאַנד פֿון די פֿריהערדיגע צושטאַנדען".

און דער דאָזיגער חילוק צווישען רוימיזירטער צייט און ריינער דויער, פֿיהרט בערגסאָנען צו דער פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון דער דערקענטניס אין צוויי קאַטעגאָריען, איינע איז אַן אינטעלעקטועלע דערקענטניס, און די צווייטע איז אַן אינטואיטיווע. און אַלץ וואָס ווערט געזאָגט וועגען רעלאַ־טיוויזם באַציהט זיך, לויט בערגסאָנ'ס מיינונג, אויף דער אינטעלעקטוע־לער דערקענטניס, ווען די אינטואיטיווע דערקענטניס איז אַן אַבסאָלוטע; דורך איהם קאָן מען צוקומען צו דער דערשפּירונג פֿון דער רעאַליטעט ווי זיי איז. דאָס וואָס איז טראַנסצענדענטאַל פֿון אַן אינטעלעקטועלען שטאַנדפּונקט, דאָס וואָס שטייגט אריבער אונזער באַנעם פֿון זאַכען און מאַכט דאריבער אונזער דערקענטניס וועגען זיי רעאַליטיוו, דאָס ווערט קאָנקרעט, ווען מען פֿאַרזעצט זיך אין דער זאַך אויף אַן אינטואיטיווען שטייגער, און גיט אונז אַבסאָלוטע דערקענטניס וועגען איר.

„נאָך דעם", זאָגט בערגסאָן, „ווי קאַנט האָט איינמאָל פֿאַרזעהן די פֿעדים, וואָס ציהען זיך פֿון דער וויסענשאַפֿט און דער מעטאַפֿיזיק צו דער אינטעלעקטועלער אינטואיציע, האָט שוין קאַנט ניט געהאַט מער קיין שוועריגקייטען צו ווייזען, אַז אונזער וויסענשאַפֿט איז דורכאויס רעלאַטיוו, און

אז אונזער מעטאפיזיק איז דורכאויס ארטיפיציעל. היות ווי ער האט איבערטריבען די אומאפהענגיקייט פון דעם פארשטאנד איןביידע פאלען, היות ווי ער האט באפרייט אי די מעטאפיזיק, אי די וויסענשאפט פון דער אינטעלעקטועלער אינטואיציע, וועלכע האט זיי, די וויסענשאפט און די מעטאפיזיק, גענוצט פאר אן איגוועניגסטען באלאסט, האט לכן די וויסענשאפט מיט אירע שייכות'ן ניט פארגעשטעלט מער איידער א הייטעל פון שטאף, איז עס א וואונדער וואס די וויסענשאפט אנטפלעקט פאר אים נאר ראמען, וואס זיינען אנגעפאקט מיט ראמען, און די מעטאפיזיק בלויז פאנטאמען, וואס יאגען זיך נאך פאנטאמען?''

נאכדעם, אלזא, ווי בערגסאן גיט גוואלדיג גרויסען קרעדיט קאנט'ן פאר דעם, וואס ער האט אריבערגעטראגען דעם רוים פון דער אויסענוועניגסטער וועלט אין דער אינעווענינסטער וועלט אריין, און ער האט דערמיט, ווי עס זעהט אויס, אויף אייביג פארוואנדעלט דעם רוים אין א נעדאנקענליכער דערשיינונג, אין אן ארויסשטראלונג פון דעם מענשליכען גייסט; נאכדעם ווי ער דערקלערט זיך אין דער פולסטער איינשטימיגקייט מיט קאנט'ן בנוגע דעם בליק אויף דער וועלט, וואס לייזט אויף די גאנצע אביעקטיווע נאטור־וועלט און דעם גאנצען שטאף און די גאנצע ענערגיע, מיט וועלכע זי, זעהט אויס, צו זיין אנגעפילט, אין סוביעקטיוו אידעאלע קאנסטרוקציעס, אדער אין רעאל פסיכישע וועזענהייטען; נאכדעם ווי ער גיט די פולסטע אנערקענונג צו דעם גרויסען אויפטו פון קאנט'ן אין דעם מאמענט ווען ער האט, א דאנק יום'ס סקעפטיציזם, זיך אויפגעכאפט פון זיין דאגמאטישען דרעמעל, און האט אידעאליזירענדיג און סוביעקטיווירענדיג רוים און צייט, געשאפען א באזיס פאר אלע וויסענשאפטליכע אונטערזוכונגען און אויספארשונגען, וועלכע מוזען דויערען אזוי לאנג ווי דער מין מענש וועט עקזיסטירען, און מוז גרייכען איבעראל, וואו נאר דער מענש איז פאראן — נאך אלעם דעם, טרעט בערגסאן ארויס געגען קאנט'ן אויף א ראדיקאל רעוואלוציאניזירענדען אופן דערמיט, וואס ער רוימירט קאנט'ס צייט, און רופט די מענשהייט צו אן אינטואיטיווער דערשפירונג פון א צייט, וואס פאלט צענויף מיט דעם פלוס פון לעבען און גייסט, צו א צייט, וואס איז די סוביעקטיוויטעט אליין, צו א דויער וואס פאלט צענויף מיט דער רעאליטעט, אזוי, אז טראגענדיג זיך מיט דער

הילף פון דער אינטואיציע אויף די פליגלען פון דער דויער, וועט־רען מיר אריינגעטראָגען אין אַלע טיפענישען פון דער רעאַליטעט, און מיר שפירען און באַנעמען זי אַבסאָלוט און ניט רעלאַטיוו.

און דאָרום, ווען מיר רעדען וועגען דער מאַרקסיסטישער ריכ־טונג אין דעם סאָציאַליזם, מוזען מיר, ווי מיר האָבען אין אַ געוויסען גראַד עס שוין געטאָן, באַטאָנען, אַזוי שטאַרק ווי עס לאָזט זיך, די באַוועגונג אין דעם איצטיגען מענשליכען דיינקען, וואָס פיהרט צוריק צו קאַנט׳ן; צו דעם קאַנט׳ן, אָבער בלויז, וואָס האָט געשאַפען אַ אייביגע שוץ־וואַנד פאַר דעם אידעאַליזם געגען אַלע אָנפאַלען און אַטאַקעס פון געגנער אויף דעם מאַטעריאַ־ליזם.

אויף ווי ווייט עס האַנדעלט זיך וועגען דעם אידעאַליזם און מאַטעריאַ־ליזם, איז די דיינקענדע וועלט היינט צו טאָג איינינג מיט קאַנט׳ן און דורך איִם מיט פּלאַטאָ׳ן, און אויף אַזוי פיעל איז זי געגען דעם מאַרקסיזם מיט זיין היסטאָרישען מאַטעריאַליזם און עקאָנאָמישען דעטערמיניזם; דען עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז אויב דער קוואַל, וואָס פון איהם האָט אַרויסגעזעצט און זעצט איצט אַרויס שטאָף און ענערגיע איז איינער און דער זעלבער ווי דער קוואַל, וואָס פון איהם שלאָגען אַרויס געדאַנקען און געפילען, ווילענס און מעשים, קאָן עס בשום אופן ניט מעגליך זיין, אַז בלינדע עקאָנאָמישע קרעפטען, וואָס מוזען אַזוי אָדער אַנדערש רעדוצירט ווערען צו שטאָף און ענערגיע, זאָלען זיין די פאַקטאָרען, וואָס באַשטימען די אַנטוויקלונג פון אידע־ען. עס איז אַ פּשוט׳ער אומזין, פון אַזאַ שטאַנדפּונקט, צו געבען די פירער־שאַפט און די דירעקטירענדע ראָלע צום בלינדען שטאָף, אָנשטאָט צום זע־הענדיגען גייסט.

וועגען דער פולסטער איינשטימיגקייט מיט קאַנט׳ן און פּלאַ־טאָ׳ן אין דעם אידעאַליזם להפוך צום מאַטעריאַליזם, שרייבט וויסקאַונט האַלדיין אין זיין בוך „די ממשלה פון רעלאַטיוויזם״: ״די רע־לאַטיוויטעט טעאָריע אין די פיזישע מאָס־סיסטעמען מיינט, אַז אונ־זער מאָס־סיסטעמען זיינען דאָס וואָס זיי זייגען און ניט אַנדערש, צו־ליב די באַגריפען, וואָס פון זיי ווערען זיי באַווירקט דורך דער דערקענט־ניס. צי נעמען די דאָזיגע באַגריפען אָן די פאָרם פון קאָאָרדינאַטען, אַזעל־כע, ווי די, וואָס ווערען האַרמאָנירט פון די לאָרענץ גלייכונגען פאַר דער

אומבילדונג, וואָס מען האָט באַנוצט אין דעם ספּעציעלען פּרינציפּ פון רע־לאַטיוויטעט, צי זיינען זיי די „שטרעק־ליניען", וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען פון איינשטיינען פאַר דער אויסמעסטונג פון דער דויער אין איהר שייכות צו די פאָרמען פון יעדער אָרדנונג אין אַקטועלען רוים און צייט פון אונזער דערפאַרונג, קומען מיר אַלץ צו דעם זעלבען רעזולטאַט. מיר באַקומען אונזער דערקענטניס פון דער פיזישער נאַטור, דורך אַלגעמיי־נע פּרינציפּען, און ניט דורך אַ באַלדיגען געוואָרווערען אין איר איינפאַכ־קייט. און די רעאַליטעט, וועלכע מיר אַנטדעקען, איז אין כאַראַקטער פון דעם זעלבען ראַנג ווי דער ראַנג פון דער דערקענטניס, וואָס איז אַרום איר".

דאָס מיינט אין קורצען, אַז אַלע לעצטע וועגען פון דער וויסענשאַפט, פילאָזאָפיע און קונסט פירען צו אַן אַלץ אַרומנעמענדער וועלט, וואָס איהר תוך און תמצית איז ניט קיין מאַטעריעל ממשות'דיגער, נאָר אַן קאָנקרעט אידעאַליסטישער אָדער פּסיכיש רעאַליסטישער, און אויך אַזוי ווייט, הייסט עס, ווי עס האַנדעלט זיך וועגען אַן אוניווערסאַלען אידעאַליזם אָדער אוני־ווערסאַלער דערקענטניס אַלס דער מהות פון דער וועלט, וואָס וייטער פון איר איז ניט נויטיג צו געהן, זיינען מיר צוריקגעבראַכט געוואָרען צו קאַנט'ן און דורך אים מיט לייבניצע'ן, שפּינאָזאַ'ן און דעקאַרטע'ן צו פּלאַ־טאָ'ן.

אין דעם אידעאַליזם גופא, אין דער אַלץ דערקלערענדער דערקענטניס אליין, אָבער, פיהרט אונז דער נייער געדאַנק ווייט אוועק פון פּלאַטאָ און פון קאַנט'ן, ד. ה. פון אַ אינטעלעקטועלער דערקענטניס און אַ רעלאַ־טיווען וויסען, און עס ברייננט אונז דורך שאָפּענהאַואר'ען, האַרטמאַן און ניטשע'ן מער און מער צו בערגסאָנ'ען, דאָס הייסט צו אַ אינטואיטיווער דער־קענטניס און אַן אַבסאָלוטער שפּירונג און צענויפגיסונג מיט דעם מקור פון דער וועלט — דער רעאַליטעט.

און אויך אַזוי פיעל איז שוין דער נייער געדאַנקען־גאַנג, גענומען אין זיין גאַנצער ברייט און טיעף, נעגען, ניט נאָר דער מאַרקסיסטישער ריכטונג, נאָר געגען אַלע ריכטונגען, איינשליסענדיג אויך די אַנאַרכיסטישע, און אויך וויפיעל ער איז געגען די אַלטע ריכטונגען, אויך אַזוי פיעל איז ער פאַר אַ נייער ריכטונג אין דעם סאָציאַליזם, פאַר אַ ריכטונג, וואָס זאָל אַריינזוי־

גען אין זיך דעם אידעאַליזם אינאיינעם מיט דעם אינטואיטיווען אבסאָלוטיזם, וועלכער איז אזוי פרעמד דער נשמה פון דעם טעאָרעטיקער פון דעם רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם, דר. זשיטלאָווסקי.

2.

אין 1903 האָט בערגסאָן געשריבען אין זיין „אריינפיר צו מעטאַפיזיק‟: „די גאַנצע קריטיק פון דער ריינער פארנונפט ענדיגט זיך דערמיט, וואָס זי שטעלט פעסט, אז דער פּלאטאָניזם, וועלכער איז ניט לעגיטים, אויב אידעען זיינען זאכען, ווערט לעגיטים אויב אידעען זיינען שייכות'ן. און ווי באַלד די פארטיגע אידעע ווערט אויף אזא אופן אראָפּגעבראַכט פון דעם הימעל אויף דער ערד, איז זי, אין דער ,אמת'ן ווי פּלאטאָ האָט געהאלטען, דער אַלגעמיינער באַזיס צוגלייך פון געדאַנק און פון נאַטור. די גאַנצע קריטיק אָבער פון דער ריינער פארנונפט, רוהט אויף דעם דאָזיגען פּאָסטולאַט, אז אונזער אינטעלעקט איז ניט פעהיג אויף קיין אַנדער זאַך ווי צו פּלאַטאָניזירען — ד. ה., אויף אריינצוגיסען יעדע מעגליכע דערפאַרונג אין א פריהער־עקזיסטירענדען פורם‟. אז דאָס זיינען די פונקציעס פון דעם אינטעלעקט און אז, אלס אזעלכער, איז ער ניט בכח צו באַגרייפען דעם עצם תמצית פון דער רעאַליטעט, גיט בערגסאָן גערן צו; ער באַשטעהט אָבער דערויף, אז דער אינטעלעקט איז נ י ט די איינציגע פאָרם פון דער דערקענטניס, און אז ער נעמט ניט ארום אונזער גאַנצע דערקענטניס־פעהיגקייט, פונקט ווי די „צייט‟, וואָס מיט איר באַנוצט זיך די פיזיקער אין זייער פאָרמולען, און יעדער מענש אין זיין טאָג־טעגליכען לעבען, איז ניט די „צייט‟ פון אונזער מאָמענטענווייז אינטואיטיווען לעבען, און זי נעמט דערפאַר ניט ארום די גאַנצע „דויער‟.

און בעת בערגסאָן לייקענט ניט די גרויסע נוצען, און די גרויסע ווערט פון דער אינטעלעקטועלער דערקענטניס, א דאַנק, וועלכער די מאַטעריעלע וועלט איז אזוי שטאַרק עקספּלאָרירט און עקספּלואַטירט געוואָרען, דיינקט ער אָבער, אז דער פילאָזאָף און דער קינסטלער קאָנען זיך ניט באַגנוגענען בלויז מיט דער אינטעלעקטועלער דערקענטניס, נאָר ער מוז באַוואוסטזיניג ווערען אויף דער אינטואיטיווער דערקענטניס, וועלכער אַרבייט אין איהם אפילו, ווען ער ווייסט עס ניט, און ער מוז זיך אָנשטרענ־

נען זי אזוי צופארטיפען און אזוי זי אינטענסיפיצירען, אז זי זאל גרייכען
אין דעם מיטעל פונקט פון דעם אוניווערסאל שאפענדען גייסט, און אינ־
איינעם מיט אים, זיך טראגען אויף די כוואליעס פון דער אומאויפהערליך פליי־
סענדער דויער.

זיין „אריינפיר צו מעטאפיזיק” ענדיגט בערגסאן מיט די פאלגענדע
ווערטער: „די מייסטערס פון דער מאדערנער פילאזאפיע זיינען געווען מענ־
שען, וואס האבען אסימילירט די גאנצע וויסענשאפטליכע דערקענטניס פון
זייער צייט, און די אורזאך דערפון, וואס די מעטאפיזיק האט פאר דעם
לעצטען האלבען יארהונדערט טיילווייז פארלארען איר גלאנץ איז, זעהט
אויס, ניט קיין אנדערע ווי די אויסערגעוועהנליכע שוועריגקייט, אויף וועל־
כער דער פילאזאף שטויסט זיך אן, ווען ער וויל קומען אין באריר מיט דער
פאזיטיווער וויסענשאפט וועלכע איז געווארען אזוי שטארק ספעציאלי־
זירט. הגם אבער די מעטאפיזישע אינטואיציע קאן באקומען ווערען נאר
דורך מאטעריעלער דערקענטניס, איז זי אבער גאנץ אנדערש פון בלויז
דעם סכום אדער דעם סינטעז פון יענער דערקענטניס. זי איז, חזר איך
איבער, אזוי אנדערש פון זיי, ווי דער מאטאר אימפולס איז אנדערש פון
דעם וועג, וואס דער באוועגענדער קערפער מאכט דורך, ווי די שפאנונג פון
דער ספרוזשינע איז אנדערש פון די זיכטבארע באוועגונגען פון דעם פער־
פענדיקעל.. אין דעם דאזיגען זין האט מעטאפיזיק קיין זאך ניט געמיינזאם
מיט א גענעראליזאציע פון פאקטען, און דאך קאן זי דעפינירט ווערען אלס
א פאלקאמענע און אינטינראלע דערפארונג”.

בערגסאן׳ס באנריף וועגען אינטואציע, און דערמיט אים איינג פאר־
בונדענעם באגריף וועגען דויער, ווערען פון טאג צו טאג אלץ גרעסערע און
שטארקערע באשטאנד־טיילען פון די נייעסטע אונטערזוכונגען, פארשונגען
און אנטפלעקונגען אויף אלע געביטען פון דער קולטור.

רעדענדיג וועגען איינשטיין׳ס טעאריע, זאגט ווייטער וויסקאונט האל־
דיין אז „די צייט אויסמעסטונגען פון דעם באאבאכטער אויף דער זון זא־
לען זיין פארשיידען פון זיין רוים־סיסטעם איז קיין וואונדער ניט... די
וואס האבען שטודירט בערגסאן׳ען ,וועלען געדיינקען זיין פרינציפ, אז די
צייט, וועלכע מיר באאבאכטען, איז שטענדיג רוימיזירטע צייט, און אלס
אזעלכע, האט א זי א באשטימטען כאראקטער פאר דעם באאבאכטער, וועל־

כער זוכט צו מאַכען די צייט פאַר אַ געגענשטאַנד פון דער וויסענשאַפט־ליכער דערפאַרונג. עס איז די דאָזיגע רוימיזירונג אין צייט, וואָס גיט צו דער צענויפפאַלונג און צענויפשטימונג אין צייט זייערע מאָס־סיסטעמען. מיר מעסטען צייט דורך דעם, וואָס מיר באַטראַכטען זי אין איהר שייכות צו רוים, און בלויז אין די טערמינען פון רוים, קאָנען מיר זי מעסטען. מיט ריינער דויער האָט דאָס מעסטען, על פי בערגסאָן, גאָר ניט וואָס צו טאָן".

דער מאָס־סיסטעם פון יעדער אויסגע'חשבנ'טער צייט מוז זיך דאַריבער בייטען מיט דעם כאַראַקטער פון יעדען באַזונדערען רוים־סיסטעם, און דאָס אָפּטיילען די ריינע דויער פון דער רוימיזירטער צייט אין דער וויסענ־שאַפטליכע אויספאָרשונג, האָט שוין פון זיך אַליין געמוזט פירען פון איין זייט צו דעם שטאַרקסטען רעלאַטיוויזם, וואָס מיר האָבען ווען עס איז גע־האַט, אין אַלע געביטען פון דער וויסענשאַפט, אין אַלע אונטערזוכונגען און אויספאָרשונגען, וואו עס ווערט געאַרבייט מיט סאָלידע און באַשטימטע באַ־גריפען, וועלכע קאָנען איבערזעצט ווערען אין לאָגישע און מאַטעמאַטישע טערמינען, און פון דער אַנדערער זייט צו שטאַרקסטען אַבסאָלוטיזם, וואָס די דיינקענדע וועלט האָט געזעהן, אויף אַלע געביטען, וואו עס ווערט געאַרבייט מיט דערשפירונגען און אַנטפּלעקונגען, וואָס שטייגען אַריבער אַלערליי באַגריפען, און וואָס לאָזען זיך בשום אופן אונטערוואַרפען צו לאָ־גישע פאָרמולען און מאַטעמאַטישע אויסרעכענונגען. דעם דאָזיגען אינ־טעלעקטועלען רעלאַטיוויזם און אינטואיטיווען אַבסאָלוטיזם האָט בערג־סאָן אַם קורצסטען און אַם שטאַרקסטען אויסגעדריקט און די עטליכע זאַצען פון זיין „אַריינפיר צו מעטאַפיזיק", אַ ווערק וואָס האָט שוין באַאיינפלוסט, און וואָס, ווי מיר זיינען דערין זיכער, וועט נאָך אַלץ מער און מער באַאיינפלוסען, וועט נאָך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער ווירקען, אויף דעם גאַנצען גאַנג פון דעם מענשליכען דיינקען אין דעם צוואַנציג־סטען יאָרהונדערט.

דאָרט זאָגט ער: „אונזער אינטעלעקט, ווען ער געהט נאָך זיין נאַ־טירליכער נייגונג, פאַרנעמט זיך פון איין זייט מיט סאָלידע עמפינדונגען און פון דער אַנדערער זייט מיט שטאַנדהאַפטיגע באַגריפען. ער הויבט אָן מיט דעם אומבאַוועגליכען, און ער באַגרייפט און דריקט אויס באַוועג־גונג אַלס אַ פונקציע פון דעם אומבאַוועגליכען. ער נעמט אָן זיין פּאָזיציע

אין די פארטיגע באגריפען, און ער זוכט צו כאפען אין זיי ווי אין א נעץ, עטוואס פון דער פארבייגעהענדער רעאליטעט. און דאס ווערט זיכער ניט געטאן בכדי צו באקומען אן אינעווענינגסטע און א מעטאפיזישע דערקענט־נים פון דעם רעאלען, נאר פשוט אום אויסצונוצען דאס רעאלע, דען יע־דער באגריף (ווי אויך יעדע עמפינדונג) איז ניט מער ווי א פ ר א ק ־ ט י ש ע פ ר א ג ע, וואס אונזער אקטיוויטעט שטעלט דער רעאליטעט, און וואס אויף איר ענטפערט די רעאליטעט, ווי דאס ווערט געטאן אין געשעפט, מיט א „יא" אדער „ניין"... אזוי טוענדיג אבער לאזט ער אנ־טרינען דאס, וואס איז דער עצם תמצית פון דעם רעאלען".

אז דער עצם תמצית פון דעם רעאלען, וואס דאס איז איינס און דאס זעלבע וואס דאס אבסאלוטע, קאן נאר דערגרייכט ווערען דורך אינטואי־ציע, ווערט בערגסאן גאר ניט מיעד איבער'חזר'ענדיג אין יעדען איינציג ווערק זיינס. —

און די דאזיגע מעגליכקייט פון צו דערגרייכען דאס אבסאלוטע, די דאזיגע זיכערהייט, אז עס איז פאראן אן אבסאלוטעס הינטער און אי־בער אלע רעלאטיווע דערשיינונגען אין אלע רעלאטיווע דערקענטניסען — דאס איז, וואס דארף איצט, ווען מען רעדט און מען שרייבט אזוי פיעל וועגען רעלאטיוויטעט, מער איידער אלע מאל באטאנט ווערען.

די וואס הערען, אדער די וואס לעזען וועגען רעלאטיוויזם און רעלא־טיוויטעט מוזען געדיינקען, זיי מוזען שטענדיג אין זינען האבען, אז דארט האנדעלט עס זיך אלץ וועגען באנעמונגען פון דער אוניווערס, וואס פאסען זיך אריין אין די אינטעלעקטועלע קאנצעפציעס, עס האנדעלט זיך וועגען די דערשיינונגען, וואס קאנען ארומגענומען ווערען מיט די מאס־סיסטעמען פון דער רוימיזירטער צייט, און ניט פון די, וואס פאלען צענויף מיט דער ריינער דויער.

היות ווי דער רעלאטיוויטעט'ס באגריף איז פארבונדען מיט איינשטיין'ס נאמען מער איידער מיט וועלכען עס איז אנדערענס נאמען, וועלען מיר ווי־דער ברייינגען פון ערנסט קאסירער'ס אפהאנדלונג איבער איינשטיינ'ס רע־לאטיוויטעט'ס טעאריע, איינינע פאראגראפען, וואס באציהען זיך אויף דער שייכות צווישען רעלאטיוויזם און אבסאלוטיזם.

„...די רעלאַטיוויטעטס טעאָריע גערט צוריק צו דעם אופן פון מעסטען צייט און צו דער פונדאַמענטאַלער ראָלע, וואָס די געשווינדקייט פון ליכט שפּילט אין אַלע פיזישע צייט אויסמעסטונגען, און זי אַנטדעקט די רעלאַטיוויטעט פון דער גלייכצייטיגקייט פון צוויי פּראָצעסן, און זי פירט ווייטער צו דעם אַריינבליק, אַז די גרויס פון דער לענג פון אַ קערפּער, זיין מאַססע, זיין פאָרם, זיין ענערגיע און טעמפּעראַטור, א. א. וו., דאַרפן, אַלס רעזולטאַטן פון די פאָרמולען פון דער לאָרענץ־אומבילדונג, אָנגענומען ווערן אַלס פאַרשיידענע, לויט דער אויסדערוועלונג פון דער שייכות סיסטעם, אין וועלכען די אויסמעסטונג קומט פאָר.

„אָבער די דאָזיגע „רעלאַטיוויזאַציעס" זיינען ניט אין ווידערשפּרוך מיט דער דאָקטרין פון דער דויערהאַפטיגקייט און איינהייט פון דער נאַטור; גיכער ווערן זיי געפאָדערט און אויסגעאַרבייט אין דעם נאָמען פון דער דאָזיגער עצם איינהייט. די אָבווייכונג פון די אויסמעסטונגען פון רוים און צייט שטעלען צענויף דעם נויטוועגדיגען באַדינג, וואָס דורך אים ווערען אַנדעקט און פעסטגעשטעלט די נייע אומפאַרענדליכע וועזענהייטען פון דער טעאָריע. אַזעלכע אומפאַרענדערליכקייטען געפינט מען אין דער גלייכער גרויס פון געשווינדקייט פון ליכט פאַר אַלע סיסטעמען, און אין דער טעריע פון אַנדערע מאַסען, ווי למשל, די פאַרוואַנדלונג פון דער באַוועגונגס־ענערגיע פון אַ קערפּער אין וואַרימקייט, זיין עלעקטרישע אָנלאָדונג אין דער מעכאַנישער עקוויוואַלענץ פון היץ, וועלכע ווערען ניט געענדערט פון דער לאָרענץ־אומבילדונג, און וואָס באַווייזען אויף אַזאַ אופן די זעלבע ווערט אין אַלע גערעכטפאַרטיגטע שייכות־סיסטעמען. אָבער מער פון אַלץ מוזען מיר אַנערקענען אַלס די רעאַלע אומפאַרענדערליכע וועזענהייט, און אויף אַזאַ אופן אַלס די רעאַלע, לאָגישע ראַם וואָס נעמט אַרום די נאַטור בכלל, די אַלגעמיינע פאָרם פון דער נאַטור געזעצ... אין דער אמת'ן ווערט די רעלאַטיוויטעט'ס טעאָריע, ווי אַ נעהעגטערע באַטראַכטונג צייגט עס, כאַראַקטעריזירט דורכאוים דורך אַן אַנטגעגענגעזעצטער טענדענץ. זי לערנט אונז אַז בכדי צו דערגרייכען אַן אָביעקטיווען און עקזאַקטען אויסדרוק פון אַ נאַטור פּראָצעס, קאָנען מיר ניט אָננעמען, אַהן אַ ווייטערער באַטראַכטונג, די רוים און צייט ווערטען, וועלכע מען באַקומט פון דער אויסמעסטונג אין אַ געוויסען רעפערענץ סיסטעם, אַלס די איינציגע און אוניווערסאַלע ווערטען, נאָר, אַז מיר מוזען אין דער וויסענשאַפטליכער אָבשאַצונג פון די

דאָזיגע אויסמעסטונגען, אָננעמען דעם באַוועגונגס־צושטאַנד פון דעם סיס־
טעם פון וועלכען די אויסמעסטונג ווערט געמאַכט. נאָר ווען דאָס ווערט
געטאָן, קאָנען מיר פארגלייכען אויסמעסטונגען, וואָס זיינען געמאַכט גע־
וואָרען פון פארשיידענע סיסטעמען. נאָר אזעלכע שייכות׳ן און איינצעלנע
מאסען קאָנען באמת אָנגערופען ווערען אָביעקטיוו, וועלכע האַלטען אויס
דעם דאָזיגען קריטישען טעסט, ד. ה. וועלכע האַלטען זיך גופא אויף ניט
נאָר פאר איין סיסטעם, נאָר פאר אלע סיסטעמען. אַז ניט נאָר זיינען פא־
ראַן אזעלכע שייכות׳ן און ווערטען, נאָר אַז עס מוזען זיין אזעלכע, אויף
אזוי ווייט ווי אַ נאַטור־וויסענשאַפט קאָן מעגליך זיין, דאָס איז איינגענט־
ליך, פונקט דאָס, וואָס די דאָקטרין פון דער רעלאַטיוויטעט טעאָריע שטעלט
אַוועק אַלס אַ פּאָסטולאַט״.

און דאָס אַלץ מיינט, אַז דער אינטעלעקטועלער רעלאַטיוויזם מוז אויף
אַזאַ אָדער אַנאַנדער אופן זיך אָנשטויסען אין אַן אַבסאָלוטיזם, אַלע ווי־
סענשאַפטליכע השערות, אַלע היפּאָטעזען וועגען רעלאַטיווע דערשיינונגען
אין וועגען די זיך שטענדיג בייטענדע שייכות׳ן, מוזען, אום זיך ניט צו גרע־
ניצען מיט דער זינלאָזיגקייט, האָבען פאר זייער אוניווערסאַלער געשטאַל־
טונג, אין דעם פאָרם פון אַ נאַטור געזעץ, אַ וועלכע עס איז, אין שפּינאָזאַ׳ס
זין, סובסטאַנציעלע סובסטראַטום—אַן אונטערשלאַג פון פּערמאַנענץ און
איינהייטליכקייט. און צי באַזיצט די דאָזיגע אוניווערסאַלע איינהייטליכ־
קייט אַן אייביגקייט, ווי דאָס האָט זיך פאָרגעשטעלט שפּינאָזאַ, אָדער זי
באַזיצט אַ דויער ווי בערגסאָן האָט זיך עס געמאָלען, אין אַנדערע ווער־
טער, צי איז די דאָזיגע איינהייטליכע אוניווערסאַלע וועזענהייט אַ געגע־
בענע פון אייביג ביז אייביג, אָדער זי האַלט זיך אין אַן אומאויפהערלי־
כער באַנייאונג דורך אַ שטענדיגען שאַפונגס פּראָצעס, איז אַ פראַגע וואָס
ריהרט ניט אָן דעם פאַקט, אַז סיי פון שפּינאָזאַ׳ס שטאַנדפּונקט, סיי פון
בערגסאָנ׳ס איז די דאָזיגע אוניווערסאַלע מהות אַן אַבסאָלוטע און מען
קאָן צו איר, אויף אַן אַבסאָלוטען אופן, דורך אַן אינטואיטיווער דער־
קענטניס צוקומען.

אויף וויפיל דער נייער געדאַנקען־גאַנג געהט אין דער ריכ־
טונג פון דעם אינטואיטיווען אַבסאָלוטיזם, זעהט מען אויך דערפון, וואָס
האַנט אין האַנט מיט בערגסאָנ׳ען ווערט אויך איצט אין דער פילאָ־
זאָפישער ליטעראַטור אַזוי אָפט דערמאָנט שפּינאָזאַ. כאַראַקטעריסטיש איז

אין דער היגזיכט דער פאַקט, צו וועלכען מיר האָבען שוין דוכט זיך געצוי־גען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם לעזער, און דאָס איז, אַז אַזאַ ווערק ווי „די ממשלה פון רעלאַטיוויטעט" ענדיגט דער שרייבער מיט דעם וואָס ער דערמאָנט דעם לעזער אין שפינאָזאַ'ס אבסאָלוטיזם. און אין אַ ריין שפּי־נאָזיסטישען גייסט זיינען אויך געשריבען זיינע ווערטער: „אונזער דער־נעהנטערונג צום אידעאַל קאָן זיך זיין אַסימפּטאָטיש. פאַלש איז אָבער די פאַרשטעלונג וואָס מאַכט, אַז דער אידעאַל זאָל אויסזעהען צו זיין באמת, עטוואָס וואָס איז ווייט און אומדערגרייכבאַר. גאָט איז פאַראַן אין אונז, און עס איז אין גאָט, וואָס אין אים מוז אונזער פול אַנטוויקעלטע רעאַליטעט איהר מיטעל־פונקט געפינען".

און ווי מיט דעם אידעאַל פון דער סובסטאַנץ, אוניווערסאַלען גייסט, דעם „אַל־אַרומנעמענדען און פון קיינעם ניט ארומגענומען ווערענדען „איך", קורץ, ווי מיט דעם אידעאַל פון דער טאָטאַליטעט, וואָס געהט אונ־טער דעם נאָמען גאָט אָדער רעאַליטעט, אַזוי אויך מיט אירע, אָדער זיינע אומיטעלבאַרע אויסדרוקען פון שענקייט, גוטסקייט, אמת און גערעכטיג־קייט. אויך זיי זיינען אבסאָלוט אין זייער תוך און תמצית, אָדער בעסער געזאָגט, אויך זיי האָבען אין זיך אַ תוך און אַ תמצית, אויך זיי באַזיצען אַ טיפע אינערליכקייט, וואָס בלייבט, ווי די אינירליכקייט פון דער גאַנצער רעאַליטעט, אומפאַרענדערבאַר צווישען אַלע פאַרענדערונגען, פערמאַנענט און דויערהאַפט צווישען אַלץ, וואָס געהט און פאַרגעהט, און די דאָזיגע אינערליכקייט גיט זיי אַן אבסאָלוטען ווערט — און דעם מענשליכען לע־בען אַן אבסאָלוטען זין.

.3

דער דאָזיגער שטאַנדפּונקט רעדט לגמרי געגען דעם צווייטען זאַץ פון דר. זשיטלאָווסקי'ס אויבענדערמאָנטען אַרטיקעל.

דער דאָזיגער זאַץ לייענט זיך: „יעדע מיינונג איז אַן אינדיווידועלע פלאַנץ, וואָס וואַקסט אַרוים פון פּערזענליכע סוביעקטיווע אייגענשאַפטען פון דעם, וואָס גלויבט אין איהר, און איז אַן „אמת" נאָר פאַר איהם און זיין גלייכען".

עס איז אמת, אז אונזערע פערזענליכע סוביעקטיווע אייגענשאפטען זיינען דער באָדען, וואָס אויף איהם וואקסט אויס ווי אן אינדיווידועלע פלאַנץ יעדע מיינונג. אָבער טיעף אין דעם באָדען ליגט דאָך דאָס קערענדעל, וואָס פון איהם וואקסט ארויס די פלאַנץ. און פארזייען מיר אן עפעל קער־רענדעל אויף די פארשיידענאַרטיגסטע באָדענס אין דער וועלט, וועט אויסוואקסען, אויב עס וועט נאָר בכלל עפּעס אויסוואקסען, אן עפּעלבוים. וועלען מיר פארזייען א פלוימען־קערענדעל וועט ארויסקומען א פלוימען־בוים, און פון א ווייכשעל־קערענדעל וועט קיין אנדער בוים ווי א ווייכשעל־בוים אויף קיין באָדען אין דער וועלט ניט ארויסקומען. די פארשיידענע באָדענס וועלען פאראורזאכען א פארשיידענקייט אין אויסזעהען פון איי־נעם און דעמזעלבען מין בוימער, אָבער אין דער וועזענטליכקייט זייערער וועלען די עפּעל־בוימער זיין עפּעל־בוימער, פלוימען־בוימער — פלוימען־בוימער, און ווייכשעל־בוימער — ווייכשעל־בוימער.

דאָס קערענדעל, וואָס איז דירעקט פאראַנטוואָרטליך פאר א מיינונג אָדער אן איבערציינונג, ליגט ערגעץ וואו, איבער אונז אָדרע אונטער אונז, אָבער בשום אופן ניט אין אונז. מיר זענען דאָך נאָך אַלעמען ניט מער, ווי דראָטען, וואָס דורך זיי געהט דורך ווי עלעקטרי־ציטעט, דער וועלט גייסט. און דערפאר קאָנען די אויסדרוקען פון דעם גייסט אין די פאָרמען פון אמת'ן, זיין איינע און די זעלבע ניט נאָר פאר „איהם", נאָר פאר זיי, ד. ה. פאר גאָר א סך מענשען, און אמאָל באציהט זיך דער „לכם ולו" אויף אַלע מענשען, אַלע פעלקער און אַלע לענדער. ממילא איז שוין לויט אונזער מיינונג ניט ריכטיג אויך:

זאַץ נומער 3*) וועלכער באַהויפּטעט: „אז דער יחיד איז דער איינ־ציגער מאָס נעמער און מאָס געבער פון אַלע אמתן אין דעם פּראָצעס פון דער געזעלשאַפטליכער אנטוויקלונג, וועלכער קיין בר דעת קאָן ניט פאר־אויסזעהן".

. שוין דאָס אַליין, וואָס עס איז צו יעדער צייט פאראַן מער איידער איין יחיד, וואָס ניט צענויפרעדענדיג זיך אפילו, נעמען זיי אָן איינע און די זעלבע מאָס פון אמת'ן, באווייזט, אז ניט דער יחיד איז דער מאָס געבער פון אַלע אמת'ן אין דעם געזעלשאַפטליכען אנטוויקלונגס פּראָ־

*) זעה: „צוקונפט" יוני, 1920.

צעס. די מאָס פון אַלע אמת'ן ווערט געגעבען פון דער קראַפט, וואָס טרייבט אָן די אַנטוויקלונג פון דער וועלט בכלל, און פון דער געזעלשאַפט בפרט. זי ווערט געגעבען פון דער קולטור, וואָס שליסט אין זיך איין אַלע אינדיווידועלע אויסדרוקען. און אויף אַזוי פיעל, וויפיעל די יחידים זיי־נען אַן אויסדרוק, אָדער אַן ארויסשטראַלונג פון איינער און דער זעלבער קראַפט, פון איינער און דער זעלבער אוניווערסאַלער קולטור, פון איינעם און דעם זעלבען אוניווערסאַלען עצם מהות אָדער עצם מקור, אויף אַזוי פיעל איז זייער אַלעמענס מאָס פון אמת אין א סך פאַלען, און אין אַהן א שעור פרטים, איינע און די זעלבע.

מיר האָבען געפונען פאַר נויטיג זיך אָפּצושטעלען אַזוי לאַנג אויף דר. זשיטלאָווסקי'ס אינטעלעקטועלען רעלאַטיוויזם, אין קאָנטראַסט צו אונ־זער אינטואיטיווען אַבסאָלוטיזם, מחמת מיר זיינען איבערצייגט, אַז דער פאָרשריט און די אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער קולטור געהט אין דער ריכ־טונג פון אינטואיטיווען אַבסאָלוטיזם, און ניט אין דער ריכטונג פון דעם אינטעלעקטועלען רעלאַטיוויזם, און אַז דער סאָציאַלער פּראָגרעס, דער פאָרשריט אין די שייכות'ן בין אדם לאדם, איז געטריבען געוואָרען, פּראָ־פּאַגאַנדירט און אין לעבען אַריינגעבראַכט געוואָרען, ניט פון די אינטע־לעקטועלע רעלאַטיוויסטען, ווי גרויס זייער אויפטו האָט געמאָגט זיין אויף אַנדערע געביטען, נאָר פון די אינטואיטיווע אַבסאָלוטיסטען, האָבען זיי גע־מאָגט ווי ווייניג אונז געבען אויף אַלע אַנדערע פעלדער, וואָס זיינען פון דעם מענשליכען גייסט באַאַרבייט געוואָרען.

אונזער פאָרמולע איז, אַז וואָס מער אינטואיטיווער אַבסאָלוטיזם אַלץ אינטענסיווער איז די אַנטוויקלונג פון דער קולטור, און אַלץ פעסטער איז דאָס טעמפּאָ, מיט וועלכען עס געהט דער סאָציאַלער פּראָגרעס.

מיר ווילען זיך פריהער פון אַלץ אָפּשטעלען אויף דעם סאָציאַלען פּראָ־גרעס און דערנאָכדעם ווילען מיר צוקומען צו דער קולטור אַנטוויקלונג אַלס גאַנצעס, וואָס פון איר איז דער סאָציאַלער פּראָגרעס אַן אויסדרוק אָדער א באַדייטענדער טייל.

מענשליכער פּראָגרעס אין אַלגעמיין באַשטעהט, לויט דער דע־פיניציע, וואָס דר. זשיטלאָווסקי האָט איהם געגעבען אין זיינע שריפטען, פון פיער יסודות, נעמליך, פון פערזענליכע פרייהייט, קולטורעלער רייכ־

קייט, סאָציאַלער גערעכטיגקייט, און אינטערנאַציאָנאַלער ברודערשאַפט. מיר וועלען דאַריבער נעמען פאַר דעם סאָציאַלען פּראָגרעס בלויז די יסודות פון סאָציאַלער גערעכטיגקייט און אינטערנאַציאָנאַלער ברידערשאַפט און די אַנדערע צוויי יסודות פון פּערזענליכער פרייהייט און קולטורעלער רייכקייט וועלען מיר איבערלאָזען צום אַלגעמיינעם פּראָגרעס און מיר וועלען שפּעטער זיך אָפּשטעלען אויף יעדען יסוד באַזונדער, ממילא, הייסט עס, וועלען מיר האָבען באַהאַנדעלט דעם גאַנצען מענשליכען פּראָגרעס, אין דעם ליכט פון אַבסאָלוטיזם אין געגענזאַץ צום רעלאַטיוויזם, אַ געגענזאַץ וואָס לויט אונזער מיינונג, פיהרט צו דעם געגענזאַץ צווישען קולטור און ציוויליזאַציע.

מיר הויבען אָלזאָ אָן מיט דעם סאָציאַלען פּראָגרעס.

ביידע יסודות זיינע: די סאָציאַלע גערעכטיגקייט און די אינטערנאַציאָנאַלע ברודערשאַפט, דריקען זיך אויס הויפּטזעכליך, און אפשר גאָר איין און איינציג, אין סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער גלייכהייט. אויף דעם געזעלשאַפטליכען געביט מיינט עס די אָנערקענונג פון דער געזעלשאַפט, אַז יעדער איינציגער מיטגליעד אירער איז גלייך בארעכטיגט צום באַזיץ און צום גענוס פון אַלע געזעלשאַפטליכע פּראָדוקטען, און אויף דעם נאַציאָנאַלען געביעט מיינט עס, די אָנערקענונג פון דער מענשהייט, אַז יעדעס פאָלק האָט איינע און די זעלבע עקזיסטענץ רעכט.

לאָמיר אַ וואָרף טאָן אַ קורצען בליק אויף אייניגע מייל־זיילען פון דעם וועג, וואָס די מענשהייט האָט דורכגעמאַכט געהענדיג פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אומגערעכטיגקייט צו סאָציאַלער און אינטערנאַציאָנאַלער גערעכטיגקייט, אויף דעם וועג, וואָס האָט געפירט פון אַן אומגעהויער אומגלייכהייט, צו אַן אַבסאָלוטער גלייכהייט.

אלס דעם ערשטען זייל וועלען מיר נעמען דעם גריכישען ריז פילאָזאָף פּלאַטאָ. און וואָס לערענט אונז דער דאָזיגער גיגאַנטישער ליבהאָבער פון חכמה וועגען די באַציהונגען פון מענשען אין דער געזעלשאַפט? ארויסגעהענדיג פון אַן אינטעלעקטועל רעלאַטיווען שטאַנדפּונקט, קומט ער אין זיין „רעפּובליק", אין איינע פון די פיער אָדער פינף שעהנסטע און בעסטע ווערק אין דער וועלט, צום שלום, אַז אין דער סאמע אידעאַלסטער געזעלשאַפט, וואָס זיין פאַנטאַזיע קאָן זיך נאָר אויסמאָלען, וועלען די מיטגלי־

דער איהרע באַשטעהען פון קלאַסען, וואָס איין קלאַס וועט פון דער נאַטור זיין אַנדערש פון דעם אַנדערען, און די דאָזיגע קלאַסען וועלען דערפאַר דאַר־פען באַטראַכטען פאַרשיידענע שטאַפּלען, העכערע און נידריגע אין דעם סאָ־ציאַלען לייטער. אָט איז אַ ביישפּיעל אָדער אַ מאָדעל פון אַ דרשה, וועלכע די אַגיטאַטאָרס וועלען דאַרפען האַלטען אין דער דאָזיגער אוטאָפּיסטישער געזעלשאַפט, בכדי פעסטצוהאַלטען יעדען מיטגליעד אין זיין קלאַס, אַזוי, אַז די קלאַסען זאָלען זיך חלילה ניט צונויפמישען.

„בירגער, וועלען מיר זאָגען צו זיי... „איהר זענט ברידער, דאָך האָט אייך גאָט פאַרשיידענאַרטיג געבילדעט. אייניגע פון אייך האָבען די קראַפט צו באַ־פעהלען, אין דער קאָמפּאָזיציע פון די דאָזיגע האָט ער פאַרמישט גאָלד, און דערפאַר האָבען זיי אויך דעם גרעסטען כבוד; אַנדערע האָט ער געמאַכט פון זילבער, אַז זיי זאָלען זיין דער חיל, אַנדערע ווידער וועלכע דאַרפען זיין פאַר־מער און בעלי מלאכות האָט ער צונויפגעשטעלט פון מעש און אייזען; און בכלל גענומען, וועלען די מינים זיך דערהאַלטען אין די קינדער. היות אָבער ווי אַלע זיינען פון דער זעלבער אָריגינעלער אָפּשטאַמונגס ליניע, וועט אַ מאָל אַ גאָלדענער פאָטער האָבען אַ זילבערנעם זוהן, אָדער אַ זילבערנער פאָטער אַ גאָלדענעם זוהן. און גאָט פּראָקלאַמירט אַלס זיין ערשטען פּרינציפּ צו די מושלים, און פריהער פאַר אַלץ, אַז עס איז ניט פאַראַן קיין זאַך, וועלכע זיי זאָלען מיט אַזאַ אַנגסט היטען, אָדער וואָס פון איהר זאָלען זיי זיין אַזעל־כע גוטע שומרים, ווי פון דער ריינקייט פון דער ראַסע. זיי זאָלען אַכטונג געבען, וועלכע עלעמענטען ווערען פאַרמישט אין זייערע קינדער... דען אַן אָראַקעל זאָגט, „אַז ווען אַ מענש פון מעש און אייזען היט דעם שטאַט, וועט דער שטאַט צעשטערט ווערען".

און שאַצענדיג די פאַרנונפט העכער פאַר אַלץ, באַשטעהט פּלאַטאָ אויך דערויף, אַז, די קעניגען און פּרינצען פון דער וועלט, מוזען באַזיצען ביידע זאַכען, אי פילאָזאָפישע חכמה, אי פילאָזאָפישע גרויסקייט.

אין די וועגען פון פּלאַטאָ איז אויך געגאַנגען, אין דעם דאָזיגען זין, אַריסטאָטעל. פאַר אים איז אויך געווען די עקאָנאָמישע אומגלייכ־הייט, אַ זאַך וואָס איז באַשטימט מן השמים מעולם ועד עולם, אַז אַזוי מוז עס זיין, און אַנדערש קען עס ניט זיין. זיין אינטעלעקטואַליזם האָט אים געטריבען דערצו, אַז ער זאָל זיך ווי אַלע אינטעלעקטואַליסטען און ראַציאָ־

נאַליסטען, שרעקען פאַר באַס און אומאָרדנונג און ער איז געווען צופריר־דען צו אָפּפערען די גערעכטיגקייט אויף דעם מזבח פון דער סאָציאַלער אָרד־נונג.

„אַריסטאָטעל" זאָגט פּראָפעסאָר נ. ל. סימס, „האָט, זעהט אויס, בלויז אויף אַן אומקלאָרען אופן געזעהן די געפאַרען פון גרויסע עקאָנאָמישע עקס־טרעמען, ווען ער האָט באַמערקט, אַז עס וואָלט געווען בעסער, ווען די בירגער פון שטאַט וואָלטען געווען ניט צו רייך און ניט צו אָרעם. לויט זיין מיי־נונג איז אומגלייכהייט געווען נויטיג, און איהר אָפּשאַפונג וואָלט געמיינט די צעשטערונג פון דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג"*).

און אַט, וואָס וויסקאָנט האַלדיין זאָגט וועגען דעם העלעניסטישען דענקען בכלל:" דאָס העלעניסטישע דיינקען האָט ניט באַוויזען צו קאָנ־טראָלירען דעם מענשליכען גייסט, דען עטיש איז עס געווען אומאָרעקוואַט אין דעם באַנעם פון זיין זעהונגס־קראַפט.. עס האָט זיך ניט גענוג גערע־כענט מיט דעם אומענדליכען ווערט, וואָס עס באַזיצט די מענשליכע פּער־זענליכקייט, די נידעריגסטע ווי די גרעסטע... ניט סאָקראַטעס און ניט פּלאַטאָ, און ניט די, וואָס זיינען אין זייערע טריט געגאַנגען האָבען גענוג ערנסט גע־נומען די פונדאַמענטאַלסטע פּראָבלעמען פון דער עטיק. זיי האָבען זיך וועגען דעם עטישען פּראָבלעם געוואַקעלט, און האָבען אָפּגעטראָטען זייער אָרט צו די וואָס האָבען זיך ניט געוואַקעלט".

די עטיק איז געוואָרען דער צענטראַל פּונקט פון קריסטענטום.

די פּערזענליכקייט, שוין נאָר דערפאַר, וואָס זי איז דער אויסדרוק פון אַ מענשליכער געשטאַלט אָדער, אפשר בעסער געזאָגט, יעדע מענשליכע גע־שטאַלט, שוין נאָר דערפאַר אַליין, וואָס זי איז מענשליך, האָט על פּי קריס־טענטום געמוזט באַזיצען אויף אַזאַ אָדער אַנאַנדער אופן אַ פּערזענליכקייט, און אַלס אַזעלכע איז זי פון איס אוועקגעשטעלט געוואָרען אויף דעם העכ־סטען פּעדעסטאַל, און ניט קענענדיג אָנוועגדען צו איהר, ווי דער אינטע־לעקטואַליזם האָט עס געוואָלט, קיין וואָג און קיין מאָס, האָט קריסטענטום דערקלערט אַלע מענשליכע געשטאַלטען און אַלע פּערזענליכקייטען אַבסאָלוט

*) זעה זיין בוך אולטימאַטע „דעמאָקראַטיע".

גלייך פאר דעם האר פון דער וועלט. און ער האט ווירקליך נעפאנגען מיט דער דאזיגער גלייכהייט — דעם שטארקסטען אויסדרוק פון דער גערעכטיגקייט, — די הערצער פון די מענשען און די מיליאנען. ער האט אבער ניט געקאנט רעוואלוציאניזירען די סאציאלע ארדנונג, רען ער האט דעם „הימעל” און די „ערד” באטראכט אלס צוויי גאנץ באזונדערע וועזענהייטען, וואס האבען איינע מיט די אנדערע גאר קיין שייכות ניט, און ניט אלס צוויי פארשיידענע אויסדרוקען פון איין און דערזעלבער אוניווערסאלער עסענץ. און אין זין האבענדיג נאר דעם הימעל, האט ער אינגאנצען פארגעסען די ערד, און האט ניט אנגעריהרט די סאציאלע אומגלייכהייט און די אומגערעכטיגקייט, וואס שרייט ארויס פון יעדען שפעלטעלע פון דער ערד, וואס א מענשליכע פוס האט באטראטען.

לאזען מיר קריסטענטום אן א זייט און מיר געהן אריבער צום צווייטען גרעסטען פילאזאף אין דער וועלט נאך פלאטא'ן, וואס זיי טיילט אפ איינע פון דעם אנדערען א משך פון קנאפע צוויי טויזענד יאהר, געפינען מיר שוין אין דעם פילאזאפישען דיינקען א גאנץ באדייטענדען שריט פארווערטס אויף דעם וועג צו גלייכהייט, אבער וואס פאר א געפערליכע הינטערשטעליגקייט לגבי דער איצטיגער לאגע וועגען דעם זעלבען ענין. דער מחבר פון זעלטען שעהנעם און אונגעהויער טיפען און אריגינעלען ווערק „די עטיק”, דער גרויסער פילאזאף ברוך שפינאזא, נעהט אין זיין פאליטישען טראקטאט א סך ווייטער פאר פלאטא. ער רעדט שוין דארט וועגען דער נויטיגקייט פאר א דעמאקראטישער ארדנונג אין דער געזעלשאפט. זיין אינטעלעקטואליזם אבער וועלכער רייסט זיך צו וועגען און צו מעסטען אלץ, א חוץ גאט, וואס בנוגע איהם איז ער דער גרעסטער אבסאלוטיסט און אינטואיטיוויסט אין דער וועלט, דערלאזט איהם ניט צו קומען צו דעם באגריף פון אבסאלוטער דעמאקראטיע, און ער שליסט אויס די פרויען און די שקלאפען פון דער באטייליגונג אין דער פאליטיק.

און בכדי מיר זאלען זעהן בחוש ווי אזוי לאגיק קאן פארטונקלען די עלעמענטארסטע געפילען פון פאליטישער גלייכהייט, כדי מיר זאלען זעהן, ווי אזוי אזא גרויסער דענקער ווי שפינאזא האט ניט געקאנט שפירען די סאציאלע גערעכטיגקייט בנוגע צו די פרויען, וועלכע עס שפירט שוין איצט א קינד אין ווינעלע פון יעדען פראגרעסיווען הויז, און ווי אזוי ער האט

אויף דעם גרונד פון אן אינטעלעקטועלען רעלאטיוויזם, פארטיידיגט א שרייבער סאציאלע אומגערעכטיגקייט, און שליסליך, בכדי מיר זאלען זיך בכלל שטעלען אויף דער וואך געגען דער לאגיק אין דעם אינטעלעקטועלען רעלאטיוויזם, וואס וועט, ווי איך דיינק, אלע מאל פארטיידיגען אזא סאציאלע אומגערעכטיגקייט, ווי די עקאנאמישע אומגלייכהייט — צוליב אט די אלע טעמים אינאיינעם וועל איך ברייגגען דעם גאנצען פאראגראף אין שפינאזא'ס פאליטישען טראקטאט, וואו ער ארגומענטירט געגען פרויען רעכט אין דער פאליטיק.

„אפשר", זאגט ער, „וועט אבער עמיצער פרעגען: זיינען פרויען אונטער דער אויטאריטעט פון מענער, א דאנק דער נאטור אדער א דאנק אינסטיטוציעס? דען אויב עס איז געווען בלויז א דאנק אינסטיטוציעס, האבען מיר יעמאלט ניט קיין גרונד, וואס זאל אונז צווינגען אויסצושליסען פרויען פון דער באטייליגונג אין דער שטאטס־פארוואלטונג. ווען מיר באראטען זיך אבער מיט דער דערפארונג גופא, געפינען מיר, אז דער אורשפרונג דערפון ליגט אין זייער שוואכקייט. דען עס איז קיין מאל ניט געווען קיין פאל, וואו מענער און פרויען זאלען אינאיינעם געוועלטיגען. וואו נאר אויף דער ערד עס געפינען זיך מענער, דארט זעהען מיר, אז מענער רעגירען, און די פרויען ווערען רעגירט, און אז נאך דעם דאזיגען פלאן לעבען ביידע געשלעכטער אין הארמאניע. פון דער אנדערער זייט האבען די אמאזאנקעס, וואס וועגען זיי באריכטעט מען, אז זיי האבען אין די אלטע צייטען געוועלטיגט, ניט ערלויבט די מענער זיך אפצושטעלען אין זייער לאנד, נאר זיי האבען ערצויגען בלויז די מיידלאך סינדער, אויס'הרג'ענענדיג די זכרים וועלכע זיי האבען געבארען. ווען פרויען וואלטען אבער פון נאטור געווען גלייך צו מענער, און וואלטען זיך צוגלייך אויסגעצייכענט מיט קראפט פון כאראקטער און פעהיגקייט, וואס דערין באשטעהט דער עיקר די מענשליכע מאכט, און דאריבער אויף די מענשליכע רעכט, וואלטען זיך זיכער געפונען צווישען אזוי פיעל פעלקער פון אזא גרויסער פארשיידענארטיגקייט, אייניגע, וואו ביידע געשלעכטער זאלען רעגירען צוגלייך, און אנדערע, וואו מענער זאלען רעגירט ווערען פון פרויען, און אזוי ערצויגען, אז זיי זאלען קאנען ווייניגער אויסנוצען זייערע פעהיגקייטען. אזוי ווי אבער עס איז ערגעץ ניטא אזא פלאץ, קאן מען מיט דער פאלקאמענסטער ריכטיגקייט באהויפטען, אז פרויען האבען ניט פון דער נאטור קיין גלייכע

רעכט מיט מענער, נאָר אַז זיי בויגען זיך אויף אַ נויטווענדיגען אופן פאר די מענער, און אויף אַזאַ אופן קאָן ניט פּאַסירען, אַזביידע געשלעכטער זאָלען צוגלייך רעגירען, און נאָך ווייניגער, אַז מענער זאָלען רעגירט ווערען פון פרויען, ווען מיר ווייטער אריינטראַכטען זיך אין מענשליכע ליידענשאַפטען. ווי אַזוי מענער על פּי כלל, האָבען באמת ליב פרויען צוליב דער ליידענשאַפט פון תאוה, און שאַצען אָפּ זייער געשיקטקייט און חכמה לפי ערך צו דער פּאַרטרעפליכקייט פון זייער שענקייט און... אַנדערע פאַקטען פון דעם דאָזיגען סאָרט, וועלען מיר גלייך זעהן, אַז מענער און פרויען קאָנען ניט רעגירען צוגלייך אָהן גרויס היזק צום פרידען".

אַלץ וואָס שפּינאָזאַ זאָגט אונז דאָ וועגען די פרויען איז ריכטיג, זיינע שלוסען אָבער, וועלכע ער ציהט דערפון זענען פּאַלש, מחמת זיי זענען אַלע געבויט אויף דעם *פּאַלשען גרונד זאַץ אַז פרויען האָבען פון דער נאַטור ניט קיין גלייכע רעכט מיט די מענער*. עס איז אמת, אַז די פרויען האָבען פון דער נאַטור ניט די זעלבע שטריכען פון כאַראַקטער ווי די מענער, האָבען זיי אָבער דערפאַר אַנדערע פעהיגקייטען און געוויסע אַנדערע שטריכען פון כאַראַקטער, וואָס מענער באַזיצען ניט. און ווערענד, דאָס וואָלט געקאָנט מיינען, אַז די פרויען דאַרפען זיך ניט יאָגען צו טאָן גראָד די זעלבע אַרבייט וואָס דער מאַן טוט, און צו פאַרנעמען די זעלבע ערטער און עמטער, און צו שפּילען דוקא די זעלבע ראָלען וואָס דער מאַן אין דער געזעלשאַפט, קאָן דאָס אָבער בשום אופן ניט מיינען, אַז דאָס גיט די מענער דאָס רעכט ניט צו דערלאָזען די פרויען אַ דעה צו זאָגען אין דער איינאָרדנונג פון דער געזעלשאַפט און זיך אַקטיוו צו באַטייליגען, אויב זיי ווילען עס, אין דעם פאַרוואַלטונגס אַפּאַראַט פון דער געזעלשאַפט.

אָפּצוזאָגען אַ וועזען, אין דער געשטאַלט פון אַ מענשען, אין וועלכע עס איז רעכט, קאָן מען נאָר יעמאָלט ווען מיר נעמען אָן אַז לעבען און גייסט, און זייערע אויסדרוקען, געפיל, ווילען און דיינקען לאָזען זיך לעגאַליזירען און מאַטעמאַטיזירען, נאָר יעמאָלט ווען מיר שטעלען זיך פאָר, אַז מיר קאָנען געפינען אַן אָביעקטיווען סטאַנדאַרד וואָס זאָל געבען אַ מעגליכקייט צו מעסטען זייער אינטענסיוויטעט, זייער הויכקייט און נידעריגקייט און זייער ווערטפולקייט און ווערטלאָזקייט אין דעם סכום פון אוניווערסאַלע

געשעהנישען. און דאָס איז אייגענטליך וואָס דער אינטעלעקטואַליזם האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אַלס מעגליך, און דערפֿאַר האָט ער געקאָנט ערלויבען אַ געזעלשאַפֿט, וואָס זאָל זיין ווי אַ לייטער אין שטאַפּלען איינגעטיילט, אויף רען באַנעם פֿון בירגער און פֿעלקער גלייכהייט.

נעמען מיר איצט דעם דריטען, פֿון גלייכען שוואונג טיפֿקייט און אָריגינאַליטעט, פֿילאָזאָף, דעם גרויסען דענקער קאַנט, און מיר געפֿינען ביי איהם שוין אַ סך אַ טיפֿערען חוש פֿאַר סאָציאַלער גערעכטיגקייט אַ סך אַ ברייטערען באַנעם פֿון בירגער און פֿעלקער גלייכהייט.

נאָכדעם ווי קאַנט איז אין זיין „קריטיק פֿון דער ריינער פֿאַרנונפֿט" געקומען צום שלוס, אַז מיט אונזער שכל קאָנען מיר ניט דורכדרינגען דעם תוך און די מהות פֿון דעם וועלט־אַל, און אַז די זאַך, ווי זי איז, מוז בלייבען אַן אייביגע רעטעניש פֿאַר דער ריינער פֿאַרנונפֿט אונזערער, פֿאַרלאָזט קאַנט דעם ריינעם שכל און די גאַנצע „מונדוס סענסיבילים", די זינליכע וועלט, און טוט זיך מיט זיין גאַנצער פֿילאָזאָפֿישער קראַפֿט אַ וואָרף אויף דער איבערזינליכער וועלט, „מונדוס אינטעליגיבילים", וואָס אין איהם, ווי ער דענקט, געוועלטיגט שוין די פּראַקטישע פֿאַרנונפֿט. מיט אַנדערע ווערטער, קאַנט געהט אַריבער פֿון דעם אינטעלעקטועלען רעלאַטיוויזם צו דעם אינטואיטיווען אַבסאָלוטיזם. דער מיסטיציזם פֿאַרנעמט ביי קאַנטע'ן אין זיין „קריטיק פֿון דער פּראַקטישער פֿאַרנונפֿט" דעם אָרט פֿון דעם ראַציאָנאַליזם. קאַנט זאָגט אונז אויסדריקליך, אַז פֿון אַן עטישען שטאַנדפּונקט איז דער מיסטיציזם וועניגער געפֿעהרליך איידער דער ראַציאָנאַליזם.

אויף דעם גרונד פֿון אַן אינטואיטיווען אַבסאָלוטיזם, וועניגסטענס אין דער עטיק, ברענגט קאַנט אַרויס דעם קאַטעגאָרישען אימפּעראַטיוו, דעם אַבסאָלוטען און אומבאַדינגטען באַפֿעל, וואָס קומט ניט פֿון שכל נאָר פֿון די טיעפֿסטע טיעפֿעניש פֿון אונזער נשמה, פֿון די, פֿאַר דעם שכל פֿאַרבאָרגענע, ווינקעלאַך פֿון אונזער גאַנצען גייסט, אַ באַפֿעל, וואָס איז גילטיג פֿאַר אַלע צייטען, פֿאַר אַלע מענשען אויף דעם גאַנצען ערד קוגעל. איינער אַזאַ אימפּעראַטיוו לויט קאַנט'ן איז: „אַלץ וואָס דו טוסט, טהו אַזוי, אַז די מענשהייט, סיי אין דיין פּערזאָן, סיי אין דער פּערזאָן פֿון יעדען אַנדערען, זאָלסטו קיין מאָל ניט ברויכען בלויז ווי אַ מיטעל, נאָר אַלע מאָל ווי אַ צוועק".

אין דער דאָזיגער אויסטייטשונג פון דעם קאַטעגאָרישען אימפּעראַ־טיוו געפינען מיר דעם גרונד טאָן פאַר דער דאָזיגער אבסאָלוטער פּאָליטי־שער גלייכהייט, וועלכע איז צו א גרויסען טייל פאַרווירקליכט געוואָרען אַ דאַנק דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. און עס איז דער דאָזיגער קאַנט, דער מחבר פון דער „קריטיק פון דער פּראַקטישער פאַרנונפט” וואָס האָט געהאַט א באַדייטענדען איינפלוס אויף דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

זעהר כאַראַקטעריסטיש אָבער פאַר א שייכות צווישען סאָציאַלער גע־רעכטיגקייט און וואָס מיר רופען אָן אינטואיטיווען אבסאָלוטיזם איז דאָס, וואָס פאַר דער גאַנצער צייט וואָס קאַנט האָט געאַרבייט אויף זיין עטיק, איז ער געשטאַנען אונטער דער ווירקונג און איינפלוס פון דזשאַן רוסאָ. דעם איינציגען טאָג, אין זיין גאַנצען לעבען, וואָס קאַנט האָט פאַר־פעהלט צו נעמען אַ שפּאַציר, איז געווען דער טאָג ווען ער האָט באַקומען רוסאָ׳ס בוך „עמיל”. „רוסאָ”, זאָגט העפדינג, „האָט געלערענט קאַנט׳ן א נייע אָפּשאַצונג פון דעם מענשען. פריהער — ווי ער אַליין האָט אונז דערצעהלט — האָט ער געמיינזאַם מיט זיין דור באַטראַכט די אויפקלערונג אַלס דאָס העכסטע גוטס, און ער האָט געהאַסט די אומוויסענדע מאַסען; רוסאָ האָט איהם געלערענט צו עהרען דעם מענשען אַלס אזעלכען”.

קאַנט, דער אַלוועלטליכער און אַלצייטיגער קעניג פון געדאַנק, ווערט באַאיינפלוסט פון דעם ניט גאַר טיעפען דענקער, דערפאַר אָבער אונגעהויער טיעף פיהלענדען, רוסאָ׳ן, און עס איז רוסאָ, און ניט קאַנט, וואָס ווערט דער אוממיטעלבאַרער גייסטיגער פיהרער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

זאָגט העפדינג ווייטער: „רוסאָ׳ס קרעפטיגע באַהויפּטונג וועגען די רעכט פון געפיהל און פון דער נפקא מינה צווישען גלויבען און דערקענט־ניס, האָט געהאָלפען צו רעוואָלוציאָניזירען קאַנט׳ס געדאַנקען־גאַנג. ביז איצט, געטריי צו די פּרינציפּען פון דער אויפקלערונג, האָט ער געזוכט די תמצית און די נאָבעלקייט פון מענשען אין דעם פאַרשטאַנד בלויז. איצט האָט ער אַנטדעקט נאָך אַ טיעפערען גרונד, געמיינזאַם צו דעם געלערנטען און דעם עם־הארץ, אין וועלכען דער אומוויסענדסטער פּויער קאָן זיין גלייך מיט דעם טיפסטען דיינקער”.

דאַ דערמאָנען מיר זיך אגב, אַז דער טיפער דיינקער און גרויסער קאָמענטאַטאָר פון קאַנט'ן, הערמאַן קאָהען, וועלכער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אַ עטישער גרונדלאגע פון דעם סאָציאַליזם, רעדט אין זיין איינלייטונג צו לאַנגע'ס „געשיכטע פון דעם מאַטעריאַליזם" וועגען אריסטאָטעל'ס גערעכטפאַרטיגונג פון דער שקלאַפעריי, און ער ברייגנגט דערביי ארוים דעם געדאַנק, אַז אויב שקלאַפעריי זאָל זיין דער איינציגער באַדינג פאַר ציוויליזאציע און קולטור, איז בעסער זיך צו באַגעהן אָהן זיי. ער קאָן זיך גאָרניט פאָרשטעלען, אַז עפּעס גוטעס און הויכעס פון אַ קולטור שטאַנדפּונקט, זאָל קענען דערוואַרבען ווערען אויף דעם חשבון פון מענשליכער דערנידערונג אָדער פון אַ דערנידערונג פון דעם מין מענש. פאַרגלייכען מיר די מיינונג פון אַ הערמאַן קאָהען מיט דער מיינונג פון דעם גרויסען דיינקער וויליאַם וואונדט, וואָס זיי ביידע זיינען קינדער שוין פון איין דור — אַ מיינונג וועגען דעם זעלבען ענין, וועלכע איז אין דער פולסטער איינשטימיגקייט מיט אריסטאָטעלען, קאָנען מיר זיך ניט העלפען, ניט קומען צום שלוס, אַז עס איז די אינטואיטיווע אבסאָלוטהיים, וועלכע איז צו איהר שטאַרקסטען אויסדרוק געקומען דורך דעם אידישען פאָלק, וואָס איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם, וואָס הערמאַן קאָהען שטעלט זיך אזוי שטאַרק איין אויף אַ ריין פילאָזאָפישען אופן פאַר דער ווירדע פון אַלץ, וואָס נעהמט אויף דער וועלט אונטער דעם נאָמען מענש..

קומענדיג צוריק איצט צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דאַרפען מיר ניט ארויסלאָזען פון זכרון דעם דריטען פון דער דרייאייניגקייט אין דער גייסטיגער פיהרערשאַפט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און דאָס איז וואָלטער'ען אליין. ער איז אויך איינער פון די, וואָס ווערט פון די ביאָגראַפען באַשריבען אלס אַ גוטער, מיט אַ ליבענדעס הארץ, פול מיט עמאָציעס, מיט אַ קערפער זעהר אַ סענסיטיווען און אַ געדאַנק פול מיט פאַנטאַזיעס.

אויך ער האָט, ווי רוסאָ, זיך איינגעשטעלט פאַר די רעכט פון געפיהל, און פאַר דעם אָפּשאַף פון פריווילעגיעס. ער האָט ווייניג געגלויבט אין דער ראָלע פון דער פאַרנונפט אין אין איהר ווירקונג אויף דעם געזעלשאַפטליכען איבערקער, און ער האָט דאריבער ווייניג דרך ארץ געהאַט פאַר די גרויסע און רייכע ביכער.

„וואס פאר א שאדען", האט ער גע'טענה'ט, „קאן א בוך טאן וואס קאסט א הונדערט קראנען? צוואנציג בענד פאליא וועלען קיין מאל ניט מאכען קיין רעוואלוציע. עס זיינען די קליינע קעשענע בראשורען פון דרייסיג סו, וואס פאר זיי דארף מען מורא האבען!"

אין וואס, אלזא, איז באשטאנען דער גרויסער אויפטו פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע, וועלכע איז גייסטיג געטריבען געווארען פון קאנט, רוסא און וואלטער? בלויז דערין, וואס זי האט אויף אייביג פראקלאמירט און אין לעבען אריינגעבראכט די מאטעמאטיש־פאליטישע פארמולע, אז איין מ ע נ ש א י ז א י ן ד ע ר פ א ל י ט י ק ג ל י י ך צ ו א י י נ ס און א מיליאן מענשען, פון וואסערע פארשיידענארטיגע שייכות'ן זיי זאלען, יעדער איינער פון זיי, ניט באשטעהן, זיינע מיליאנען מאל איינס; דאס הייסט א מיליאן אבסטראקטע גלייכע איינסען, מיט אנדערע ווערטער: זי, די פראנצויזישע רעוואלוציע, האט פעסטגעשטעלט די אבסאלוטע פאליטישע גלייכהייט. און די גרויסקייט פון דעם דאזיגען אויפטו ווערט איצט אנערקענט פון יעדען איינציגען, מער אדער ווייניגער, פראגרעסיווען און אנשטענדיגען מענשען. און פאר וואס איז טאקי די אבסאלוטע פאליטישע גלייכהייט פון די מענער, אם וועניגסטענס, געווארען איצט אן אקסיאמע אין דער פאליטיק? ווי לאנג איז עס ווען זי האט, אין די ווערטער פון שרעגער, „ווי א שטיק דינאמיט צושמעטערט די גאנצע סאציאלע און פאליטישע פאבריקאציע?" פאר וואס איז דאס מיט אמאל איהר נויטיגקייט און איהר ריכטיגקייט און גערעכטיגקייט געווארען א זעלבסט פארשטענדליכע זאך?

איז דאס אפשר דערפאר וואס די חכמים, וויסענשאפטס־מענער און פילאזאפען, זענען נאך א לאנגער חקירה ודרישה געקומען צום שלום, אז דער וואוילזיין פון א פאלק אדער א לאנד איז א גרעסערער אדער א בעסערער דארט, וואו עס הערשט דעמאקראטיע? איך גלויב, אז דאס איז נאך פון קיין חכם ניט באוויזען געווארען, און ניט געקומען איז נאך צו אונז די חכמה, וואס זאל אזא ארבייט אונטערנעמען. ווען מיר נעמען אזעלכע צוויי דעמאקראטישע לענדער ווי פראנקרייך און אמעריקא פון איין זייט און די מאנארכיסטישע דייטשלאנד, ווי זי איז געווען אין די צייטען ווען ווילהעלם האט געקעניגט, פון דער אנדערער זייט, און מיר וועלען זיי פארגלייכען געביעט פאר געביעט — קולטורעלען, וויסענשאפטען, אינדוסטריעלען, עקאנאמישען

און אזוי ווייטער—גלויב איך ניט, אז מען וואלט געקאנט אויף א וועלכען עס איז געביעט אנווייזען מיט דעם פינגער און זאגען: אט דא איז די גרויסע הינטערשטעליגקייט, און אט צוליעב איהר, אט צוליעב די און די גראדען פון ווייניגער וואוילזיין האט עס זיך געלוינט צו פארגיסען אזוי פיעל בלוט, צו מקריב זיין אזוי פיעל קרבנות אויף דעם מזבח פון דעמאקראטיע.

און ניט גאר אומזיסט האבען זיך אזוי פיעל מענשען און ערנסטע מענשען אזוי שטארק געשראקען פאר דער דעמאקראטיע. פון א ריין לאגישען און מאטעמאטישען שטאנדפונקט, וואלטען זיי אפשר געווען גערעכט אפילו איצט, נאכדעם ווי די דעמאקראטיע איז שוין אויף דעם פאליטישען געביעט לאנג איינגעפירט געווארען. פונקט צו דעם הפוך פון דעם, וואס פלאטא האט מיט דער לאגיק און פארנונפט אין זיין „רעפובליק" אויסגערעכנט, האט די דעמאקראטיע געפירט. אנשטאט די בעסטע און איידעלסטע מענשען, אנשטאט די קליגסטע און געבילדעסטע ווערט יעדעס דעמאקראטישע לאנד און פאלק געפיהרט און רעגיערט פון די ערגסטע און גרעבסטע, פון די נארישסטע און אומוויסענדסטע, און ה. לעקי, דער ענגלישער היסטאריקער, איז געווען ניט אינגאנצען אומגערעכט, ווען ער האט באטראכט דעמאקראטיע אלס די פיהרונג פון דעם אומוויסענדען. און מיט הונדערט יאר צוריק האט דער פרעזידענט פון יעאייל אוניווערזיטעט דערקלערט בקול רם אז מיר האבען א לאנד, וואס ווערט רעגירט פון דומקעפ און אויסוואורפען. און אז די פארשטעלונג קען ניט אנווייזען אויף עטוואס שרעקליכערעס אויף דער זייט פון גהינום. און אין זיין „געשיכטע פון די פאראייניגטע שטאאטען" גיט ערעמס אין די פאלגענדע ווערטער אן אפשאצונג פון דער דעמאקראטיע, אונטער וועלכער, ווי ער דיינקט, גאר א סך אמעריקאנער וואלטען זיך אונטער געשריבען: „א דעמאקראטיע קאן קוים טאלערירט ווערען אין וועלכער עס איז תקופה פון דער געשיכטע פון א פאלק. איהרע פארצייכענס זיינען אלע מאל שלימזל'דיגע און אירע קרעפטען זיינען ניט קיין גינסטיגע. זי איז ביי אונז אויף א פראבע, און דער אויסגאנג וועט זיין בירגערליכער קריעג, פארוויסטונג און אנארכיע. יעדער קלוגער מענש זעהט איהרע אומפאלקאמענהייטען, יעדער גוטער מענש ציטערט אויף פון איהרע אומגליקען, יעדער עהרליכער מענש פראקלאמירט איהר באטרוג, און יעדער בראווער מענש ציהט זיין שווערד אנטקעגען איהר מאכט. די אינסטיטוציע פון אזא ראדיקאל פאראכטונגס-ווערטען פלאן אדער טאקטיק איז א מערקווירדיגער ביי-

שפּיעל פון דעם, וואָס די פאַרדאַרבענהייט פון איינציגע מענשען קאָן צוטראַכ־טען, וואָס די דומהייט פון אַנדערע קאָן אָננעהמען, און ביידע זאָלען זיי דאָס פעסטשטעלען אויף צו להכעיס דער פאַרנונפט, דער נאָכדיינקונג און עמ־פינדליכקייט".*)

אויף צו להכעיס אָבער א סך פאַרנינפטיגע און טיעף נאָכדיינקענדע מענשען, האָט די דעמאָקראַטיע, אויף דעם פּאָליטישען געביט, אויף דעם געביט פון אבסאָלוטער פּאָליטישער גלייכהייט, אויסגעהאַלטען פּראָבע און איז גע־בליבען אַן אינסטיטוציע, וואָס ווערט שוין איצט פון קיינעם ניט אָבגעפרעגט.

פאַראַן נאָר איין און איינציגער טעם פאַר וואָס די דאָזיגע אבסאָלוטע גלייכהייט ווערט פון קיינעם ניט אָפּגעפרעגט; פאַרוואָס איהר נויטיגקייט און ריכטיגקייט ווערט פון קיינעם ניט אָפּגעלייקענט, דער טעם איז, וואָס יעדער איינער פיהלט טיעף אין די סאַמע פאַרבאָרגנסטע ווינקעלאַך פון זיין נשמה, אז די סאָציאַלע גערעכטיגקייט, די מאָראַל און די עטיק פאָדערען אזא גלייכהייט, און ממילא איז זי דער סינע קווא נאָן, דאָס עפּעס, וואָס אָהן דעם קאָן קיין אמת'ער סאָציאַלער פּראָגרעס ניט געמאָלט זיין. און צו וואָס פאַר רעזולטאַטען — ממשות'דיגע, קאָנקרעטע, פון דעם שכל אויסגערע־כענט און פון די וויסענשאַפט אָפּגעוואויגענע און אָפּגעמאָסטענע—די דאָ־זיגע גלייכהייט זאָל ניט פיהרען, וועלען זיי שוין קיין מאָל קיינעם מער ניט באוועגען צו צווייפלען אין איהר גוטער השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, ווארום יעדערער שפּירט שוין, אז אין דער דאָזיגער גלייכ־הייט איז פאַרקערפּערט דער טריאומף פון דעם סאָציאַלען יושר, דער זיעג פון דעם גוטען איבער דעם שלעכטען אין די סאָציאַלע שייכות'ן, און דער נצחון פון אַן אייביגען אמת איבער א צייטווייליגען שקר.. דער דאָזיגעה געפיהל פון סאָציאַלער גערעכטיגקייט האָט שטום געמאַכט די לאָגיק. און די דאָ־זיגע גלייכהייט ווערט אַלץ ווייטער און ווייטער געטריבען. דעם צווייטען שריט אין דער דאָזיגער ריכטונג האָט געמאַכט די רוסישע רעוואָלוציע. אין איהר סאַמע אָנפאַנג האָט זי שוין פּראָקלאַמירט די אבסאָלוטע גלייכבארעכ־טיגונג פון יעדעם איינציג פאָלק.

---

*) זעה סירי'ס בוך „אילטיראַטען דעמאָקראַטיע".

וועגן דעם דאָזיגען ענין זאָגט לענין פאָלגענדעס: „ווען עס קומט צו דער פראגע פון נאציאָנאליטעטען, מוז די פּראָלעטאַרישע פּארטיי גלייך נע־בען פולע פרייהייט זיך אָפּצושיידען פון רוסלאנד צו אלע ראַסען אָדער נאַצי־אָנאַליטעטען, וועלכע זענען צו אונטערטעניגקייט געטריבען געוואָרען פון די קיסרים, און וואָס זיינען מיט געוואלד אנעקסירט געוואָרען, אָדער געצוואונ־גען געוואָרען איבערצובלייבען אין דער רוסישער אימפּעריע... די פּראָלעטאַרי־שע פּאַרטיי פּרובירט צו בויען אזא גרויסע נאציאָנאלע איינהייט ווי מעגליך, מחמת דאָס איז אין די אינטערעסען פון די ארבייטער, זי פּרובירט פעסט צו פאראייניגען די פעלקער, זי האָט אָבער ניט בדעה צו ברייגגען די דאָזיגע פארפאָלקאָמונג באנוצענדיג זיך מיט געוואלד, נאָר דורך דער פרייער ברידערליכער פאראייניגונג פון די ארבייטענדע מאַסען פון אלע נאציאָנאלי־טעטען...

פולע פרייהייט פון אָפּשיידונג, די ברייטסטע לאָקאלע אויטאָנאָמיע, פולע גאראנטיען פאר די רעכט פון מינאָריטעטען — דאָס איז די פּראָגראַם פון דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט.*)

אינטערנאציאָנאלע ברידערליכקייט אלס איינער פון די יסודות פון דעם פּראָגרעס קאָן מיינען בלויז איין זאך, נעמליך, פולע זעלבסטשטענדיגקייט פון יעדען פאָלק, און אבסאָלוטע גלייכע רעכט פון יעדען פאָלק, ווי קליין, ווי שוואך עס זאָל ניט זיין און אויך, וואָס פאר א נידעריגער מדרגה פון קולטור עס זאָל ניט שטעהן.

מיר אונטערשטרייכען דעם לעצטען פונקט, מחמת, אויף איהם האָבען גאָר א סך און א זעהר באדייטענדע סאָציאליסטען געזינדיגט. אונזער גרויסער קארל מארקס אליין, און טאקע אויך א דאנק זיין אינטעלעקטואַ־ליזם, האָט זיך פארגינט צו דענקען, אז פעלקער מיט א העכערער קולטור האָ־בען א רעכט צו ווייזען ווער עלטער איז צו די פעלקער מיט א נידעריגער קול־טור. און ערשט, מיט א פּאָר יאָר צוריק, האָט דר. זשיטלאָווסקי אויף דעם גרונד פון דעם פארנינפטיגען, אינטעלעקטועלען און לאָגישען רעלאטיוויזם געגעבען א מאנדאט צו די קולטורעלע פעלקער איבער לכל הפחות די „ניאָם־ניאָמס". רעדענדיג וועגען זיי, איז ניט שייך אין זינען צו האָבען אזעלכע הויך

*) זעה זיין „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע".

קולטורעלע אויסדרוקען ווי פרייהייט, זעלבסטשטענדיגקייט, ברידערליכקייט און פעלקער רעכט. מיר האָבען שוין אין אַן אַרטיקעל „אַן ענטפער צו דר. זשיטלאָווסקי"*) געצווינגען די אויפמערקזאמקייט פון דר. זשיטלאָווסקי צו דעם פאַקט, אַז דער באַדייטענדער שריפטשטעלער טשעמבערליין פון דייטש־לאַנד, אַרויסגעהענדיג פון דעם זעלבען שטאַנדפּונקט, וואָס דר. זשיטלאָווסקי, און באַנוצענדיג זיך, כמעט וואָרט פאַר וואָרט, מיט די אַרגומענטען וואָס דר. זשיטלאָווסקי ווענדעט אָן נעגען די ניאָם־ניאָם פעלקער, קומט צום שלוס, אַז עס איז געווען אַ גליק פאַר דער מענשהייט, וואָס דאָס אידישע פאָלק איז פאַרטריבען געוואָרען פון זיין אייגען לאַנד, און וואָלט דאָס חלילה ניט פּאַסירט, וואָלט דער מענשליכער און סאָציאַלער פּראָגרעס געווען אין געפאַר. אָט צו אַזעלכע פאַרפלאָנטערנישען, צו אַזעלכע מטושט'ישע שלוסען מוז מען קומען, ווען מען וויל קינסטליכע גרעניצען שאַפען צווישען מאַן און פרוי, מענש און מענש, פאָלק און פאָלק, ווען מען וויל, אויף דעם סמך פון מאַטע־מאַטיק און לאָגיק, מיט אַ בליישטיפט אויס'חשבונ'ען, ווער פון די מיטגלידער פון פאָלק אָדער געזעלשאַפט און, וואָס פאַר אַ פאָלק אין דער משפחה פון פעלקער האָט מער רעכט, אָדער וועמען קומט מער פּריוועלעגיעס פאַר דעם אַנדערען. די פּינקטליכקייט פון אַזאַ חשבון פאָדערט, אַז די גאַנצע נשמה פון דעם מענשען, אַזוי ווי פון דעם פאָלק, זאָל גענומען ווערען אין אַנבעטראַכט, אַלע זיינע געפילען און איבערלעבונגען, אַלע זיינע שטימונגען און אַנשווי־אונגען. איז אָבער די צרה, וואָס די נשמה מיט אַלע איהרע אויסדרוקען לאָזט זיך ניט מעסטען און וועגען, לאָזט זיך ניט אַריינקוועטשען אין קיינע מאַטעמאַטישע רובריקען.

מאַקסים גאָרקי אין זיין וואונדערבאַרען בוך „מיין קינדהייט" רעדענ־דיג וועגען די בעסטיאַלע אויפפירונג פון די מענשען, פון די רוסען, וואָס האָ־בען אים אין זיין קינדהייט אַרומגערינגעלט, און וועגען די שרעקען וואָס אַזעלכע אויפפירונגען און האַנדלונגען וואַרפען אַרויף אויף איידעלע און אינ־טעליגענטע מענשען, זאָגט: „הגם די דאָזיגע שוידערליכע האַנדלונגען זיי־נען אַזוי איבערדריסיג, הגם זיי דריקען אונז און מאַכען אַ תל פון פילע שעהנע נשמות, דאָך איז דער רוס נאָך אַלץ אַזוי געזונט און יונג אין גייסט, אַז ער קאָן זיך דערהויבען איבער זיי, און ער דערהויבט זיך טאַקע. מחמת

*) זעה ביילאַגען.

אין אונזער ערשטווינליכען לעבען בליהט און וואקסט ניט נאָר די חיה'שע זייט פון דער נאַטור, נאָר האַנט אין האַנט מיט דער דאָזיגער חיה'שקייט איז אויך אויסגעוואַקסען, איהר אויף צו להכעיס טריאומפירענדיג, אַ פולער, געזונטער, לויטערער און שאַפענדער גייסט — אַ מענשען־טיפּ, וואָס באַגייסטערט אונז מיט האָפנונג אויף אַ ווידער געבורט, און אויף אַ צייט ווען מיר וועלען אַלע לעבען רוהיג און מענשליך".

און מיר זיינען זיכער, אַז עס איז גאָר ניט פאַראַן אַזאַ פאָלק אין דער וועלט, וואָס וועגען אים וואָלט ניט געקאָנט געזאָגט ווערען דאָס זעלבע, אויף אַזאַ אָדער אַנאַנדער אופן, צוליב אַזעלכע אָדער אַנדערע שטריכען פון זיין גייסט, וואָס גאָרקי זאָגט וועגען זיין רוסיש פאָלק. די נשמה פון דעם פאָלק ווי די נשמה פון דעם אינדיווידי איז ניט קיין גרויס, נאָר אַ טיעף און ווי יעדער טיעף פון לעבען און גייסט איז אַ תהום, וואָס לאָזט זיך ניט פון לאָגיק און מאַטעמאַטיק דערגרונטעוועט.

ממילא בלייבט איין און איינציגער אויסוועג, איין און איינציגע אַלטערנאַטיווע, און דאָס איז—אָפּצושאַפען אַלע קינסטליכע פון דעם מענשליכען'ס קאָפּ אויסגעטראַכטע גרעניצען אויף דעם געביט פון נאַציאָנאַלע שייכות'ן אַזוי גוט ווי אויף דעם געביט פון פּאָליטישע שייכות'ן, און זאָל אויך די נאַציאָנאַלע מאַטעמאַטישע פאָרמולע ווי די פּאָליטישע זיך לעזען: איין פאָלק איז גלייך צו איינס.

4.

נון, און וואָס איז איצט מכח די עקאָנאָמישע שייכות'ן? האָבען מיר דען דאָ אַנאַנדער ברירה ווי אריינצופיהרען די אַבסאָלוטע גלייכהייט אויב מיר וויגען זיין קאָנזעקוועגט און געהען אַהין וואוהין עס טרייבט אונז באמת דער סאָציאַלער פּראָגרעס? פאַרוואָס דען ניט פון אונז די סאָציאַלע גערעכטיגקייט, וועלכע איז די נשמה פון דעם סאָציאַלען פּראָגרעס, אַז יעדער מיטגליעד אין דער געזעלשאַפט און יעדער גליעד פון דער מענשהייט זאָל געניסען נאָר אַזוי פיעל און ניט מער וויפיעל עס איז פאַראַן צום געניסען פאַר יעדען איינציגען אַנדערען גליעד און מיטגליעד? פאַרוואָס דען ניט פון אונז די זעלבע פּסיכאָלאָגישע אוממעגליכקייט פון אויסצורעכענען און אויסצורחשבונ'ען וויפיעל סאָציאַלע, אָדער עקאָנאָמישע, וואוילזיין עס קומט יעדען

איינציגען לויט זיין בייטראג צו דעם געזעלשאפטליכען אדער מענשליכען וואוילזיין — פאדערט דען ניט, זאג איך, די דאזיגע פסיכאלאגישע אוממעגליכקייט, אז אויך אין די עקאנאמישע שייכות׳ן זאל געוועלטיגען דער אויסדרוק פון דער אבסאלוטער גלייכהייט, די מאטעמאטישע פארמולע, אז י ע ד ע ר מ ע נ ש א י ז א י י נ ס , דארום געניסט ער וויפיעל נאר ער וויל און קאן, אויב עס איז פאראן איבערגענוג פאר אלעמען, און ווען עס איז ניט פאראן גענוג, ווערט עס אבסאלוט גלייך, אויף אזא אדער אנאנדער אופן, פונאנדערגעטיילט צווישען אלע מיטגליעדער אדער גרופען?

דעם ענטפער צו דער דאזיגער פראגע גיט אונז איינער פון די באדייטענדסטע אמעריקאנער פילאזאפען דזשאן דואי, וועלכער איז דוקא ניט קיין סאציאליסט, אדער אנארכיסט. זיין ענטפער איז דער פועל יוצא פון ז י י נ ע ריין עטישע באטראכטונגען: „דער איינפאכסטער און, אין דער אייגענער צייט, דער סאמע מעכאנישער און אבסטראקטער מעטאד וואלט געווען״, זאגט ער, „צו צעטיילען אלע סחורות און מטלטלים גלייך. דאס וואלט געמיינט צו איגנארירען אלע מאראלישע און אנדערע פארשיידענהייטען, ווי עס ווערט באמת פראקטיש געטאן אין שטימרעכט. אויב אלע מענשען ווערען פאררעכענט גלייך אין דעם שטאט, פאר וואס ניט אין פארמעגען? מען קאן צוגעבען, אז ווען די געזעלשאפט וואלט פאנאנדערגעטיילט, וואלט זי עס געדארפט טאן אויף א געוויסען סיסטעם וועלכער וואלט געקאנט אביעקטיוו פארוואלטעט ווערען. א ווייט מער מאראלישער מעטאד וואלט געווען צו צעטיילען פארמעגען לויט דעם פארדינסט, אדער לויט די אנשטרענגונגען, אדער לויט די באדערפניסען. עס איז אבער שווער צו זעהן ווי אזוי אין פאל פון מאטעריעלע גיטער וואלט אזא פארטיילונג געקאנט געמאכט ווערען ביי א וועלכען עס איז וועזען, וואס איז ניט אלוויסענד, אזוי גוט ווי אבסאלוט גערעכט. ווען מיר באטראכטען די פארטיילונג ווי זי וואלט פון דער געזעלשאפט פארוואלטעט געווארען, זעהען מיר אויס צו זיין רעדוצירט צו דער אלטערנאטיווע פון דעם איצטיגען סיסטעם, אדער א סיסטעם פון גלייכהייט״.

דאס מיינט, אז אזוי לאנג ווי דער מענש וועט ניט ווערען אלוויסענד און אבסאלוט גערעכט, אזוי לאנג וועט די סאציאלע גערעכטיגקייט באשטעהען דערויף, אז דארט, וואו דער אפשאץ און דאס פאנאנדערטיילען פון ראלען, ווערטען, גענוסען און פריווילעגיעס ליגט אין די הענד פון מענשען,

זאָל עס געטאָן ווערען אויף דעם גרונד פון אבסאָלוטער גלייכהייט, דעם איין און איינציג מעגליכען גרונד. און דעם אמת שנעלען טעמפּאָ וועט דער גאנג פון דעם סאָציאלען פּראָגרעס דערגרייכען ערשט יעמאָלט, ווען די דאָזיגע עקשנות'דיגע פאָדערונגען פון דער סאָציאלער גערעכטיגקייט וועט צופרידענגעשטעלט ווערען.

דאָס אָפּשאפען פון פּריוואט אייגענטום, וואָס געהט אריין אין דער פּראָגראם פון אַלע סאָציאליסטען אָהן אַן אויסנאם, איז נאָר אויף אַזוי פיעל אַ פּראָגרעסיווער פּאקטאָר אין דער סאָציאלער אַנטוויקלונג און אַ שריט פאָרווערטס אויף דעם וועג פון דער סאָציאלער גערעכטיגקייט, אויף וויפיעל אַזאַ ענדערונג וועט פיהרען ניט נאָר צו דער אָפּשאפונג פון עקספּלואטאַציע און אָרעמקייט, נאָר אויך צו דער אָפּשאפונג פון דער מעגליכקייט פאַר איינעם אָדער אייניגע אוועקגעשטעלט צו ווערען עקאָנאָמיש בעסער פאַר דעם אַנדערען אָדער אַנדערע, ד. ה., צו דעם איינפיהר פון אבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט. מחמת נאָר אַזאַ גלייכהייט מאכט אַ סוף צו דער דעגראַדאַציע, וואָס ווערט איינגעפלאַנצט אין דער מענשליכער נשמה פון אַן אומגלייכהייט, וועלכע נעמט זיך ניט פון די, אומדערקענטבארע פאַר אונז, געזעצען אין דער נאַטור, נאָר פון די קינסטליכע מענשליכע איינאָרדנונגען אין דער געזעלשאפט.

דער סאָציאליזם איז גערעכט ווען ער זאָגט, ווי דאָס פאָרמולירט ענריקאָ פערי, אַז מענשען זיינען ניט גלייך, זיי זיינען אָבער אַלע מענשען.*)

און גערעכט איז אויך פערי ווען ער גיט צו „אַז, הגם יעדער אינדיווידוום ווערט געבאָרען און אַנטוויקעלט אויף אַן אופן, וואָס איז מער אָדער ווייניגער פארשיידען פון דעם אופן, אין וועלכע אַנדערע אינדיווידוען ווערען געבאָרען און אנטוויקעלט — אַזוי ווי עס איז ניט פאַראַן אין קיין וואלד צוויי בלעטלאַך, וואָס זאָלען זיין אידענטיש גלייך, אַזוי איז אין דער גאנצער וועלט ניט פאַראַן קיין צוויי מענשען, וואָס זאָלען אין אַלע הינזיכטען זיין גלייך איינער צו דעם אַנדערען — דאָך האָט

*) זעה זיין בוך „סאָציאליזם און וויסענשאפט".

יעדער מענש נאר דערפאר בלויז, וואס ער איז א מענשליכעס וועזען, א רעכט צו דער עקזיסטענץ פון א מענשען און ניט פון קיין שקלאף אדער שווער־ארבייטענדיגער חיה״.

פאר וואס פרעגט, זיך אבער איצט, אזוי פיעל, און ניט מער? פאר וואס האט ער א רעכט אויף א לעבען בלויז פון ניט קיין שקלאף און פון ניט קיין חיה, און פאר וואס זאל ער אויף דעם זעלבען גרונד ניט האבען קיין רעכט צו אן עקזיסטענץ מיט יעדען איינציגען מענשען צוגלייך? פאר וואס אלס א מענשליכער וועזען זאל ער ניט זיין בארעכטיגט צו אלץ, וואס די געזעלשאפט קאן נאר באווייזען צו געבען, און פאר וואס זאל דער אנדערער, אלס א מענשליכער וועזען ניט זיין אזוי געבונדען פון דער סאציאלער גערעכטיגקייט, אז אז ער זאל ניט טארען האבען קיין זאך, וואס דער אנדערער קאן ניט האבען?

אויף די אלע פראגען קאן נאר זיין איין ענטפער, און דאס איז דער ביז איצטיגער רעלאטיוויזם אלס דער יסוד פון דעם סאציאליזם. פאר אבסאלוטער עקאנאמישער גלייכהייט שרעקען זיך אלע ביז איצטיגע ריכטונגען פון דעם סאציאליזם.

„עס איז ניט ריכטיג״ זאגט פערי, „צו באהויפטען אז דער סאציאליזם פאדערט פאר אלע בירגער א מאטעריעלע און אקטועלע גלייכהייט פון ארבייט און לוין.

„די איינציגע מעגליכע גלייכהייט, איז די גלייכהייט פון פליכט צו ארבייטען, כדי צו לעבען, מיט דער גאראנטי פון עקזיסטענץ באדינגונגען פאר יעדען ארבייטער, וואס זאלען ניט זיין אונטער דער ווירדע פון א מענשליכען וועזען. גלייכהייט על פי דעם סאציאליזם, ווי ענוי מאלאן זאגט, איז א רעלאטיווע זאך״.

מארקס האט חלילה ניט געלייקענט, אז די אבסאלוטע גלייכהייט איז א גוטע זאך, און אז זי וועט א מאל קומען, נאר שטיצענדיג זיך אויף דעם מאטעמאטישען רעלאטיוויזם האט ער אויסגערעכענט, אז פריהער דארף קומען דער סאציאליזם, און ערשט נאכדעם דער עקאנאמישער קאמוניזם.

די סאציאלע גערעכטיגקייט אבער איז אן אבסאלוטהייט, וואס וויל ניט וויסען פון קיין גרענעצען, און דערפאר איז איהר מאטא „אנטוועדער״, „אדער״

און דאָ איז דיואי, גאַנץ גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז פון אַן עטישען שטאַנד־פּונקט איז באַרעכטיגט אַנטוועדער אַ קאַפּיטאַליסטישע כאַפּ־לאַפּ אָרדנונג, אָדער אַן אָרדנונג פון אַבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט.

דער קאָלעקטיוויזם מיט זיין אָפּשאַף פון פּריוואַט אייגענטהום בלויז אויף די פּראָדוקציאָנס מיטלען, איבערלאָזענדיג דעם פולסטען אינדיווידואַ־ליזם בנוגע דעם גענוס און געברויך פון די פּראָדוקטען, איז דאָךווירקליך ניט מער ווי אַנאַנדער פאַרשלייערטע קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, דען די סאָציאַלע אומגערעכטיגקייט בלייבט דאָך אומבאַרירט.

אויף וויפיעל די אומגערעכטיגקייט באַשטעהט דערין, וואָס אַ גרויסע צאָל מענשען אין דער געזעלשאַפט אַרבייט צו שווער און האָט ניט וואָס צו עסען אָדער גענוג צו עסען, אויף אַזוי פיעל דאַרף מען ניט זיין קיין סאָצי־אַליסט אום צו אַרבייטען פאַר דעם, אַז צו אַזאַ צושטאַנד אין דער געזעלשאַפט זאָל נעמען אַ סוף. מיר האָבען שוין אין דער פריהערדיגער אַרבייט אָנגע־וויזען, אַז די צייט איז ניט ווייט, ווען די אַלע פאַרשטעהער פון דעם קאַפּי־טאַליזם וועלען איינזעהן, אַז די מענשליכע עקזיסטענץ, ווענגען וועלכער פּערי רעדט, איז אַן אַבסאָלוט נויטיגער באַדינג פאַר דער ווייטערדיגער אַנטוויק־לונג פון דעם קאַפּיטאַליזם. און מיר זיינען זיכער, אַז יעדער פאַרטיידי־גער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, מיט בלויז אַ ביסעל מאַרך אונטער דעם קאָפּ־שאַרבען, וואָלט געקאָנט באַווייזען שוואַרץ אויף ווייס, אַז דער קאַפּיטאַליזם וועט טאָן פאַר דער מענשהייט אַלץ דאָס, וואָס פּערי דיינקט, דער סאָציאַליזם דאַרף און וועט טאָן.

„דער סאָציאַליזם", זאָגט פּערי, „וועט פאַרזיכערען יעדער איינעם אַ מ ע נ ש ל י כ ע ן לעבען, ער וועט געבען יעדען איינציגען אינדיוויד אמת'ע פרייהייט צו מאַניפעסטירען און אַנטוויקלען זיינע אָדער איהרע אייגענע פיזישע און אינטעלעקטועלע אינדיווידואַליטעט, — אינדיווידואַלי־טעט, וועלכע זיי ברייגגען אין דער וועלט בעת זיי ווערען געבאָרען, און וועל־כע זיינען אָהן אַ שיעור פאַרשיידען און ניט גלייך. סאָציאַליזם לייקענט ניט די אומגלייכהייט אַלס איינע פון די פאַקטאָרען, וואָס פיהרען צו אַ פריי־ער, פּרוכטבאַרער און פיעל זייטיגער אַנטוויקלונג פון מענשליכען לעבען."

עס איז ניט פאַראַן קיין איין און איינציגע זאַך אין דער דאָזיגער גאַנצער פאַרזיכערונג וואָס, זאָל ניט מעגליך זיין פאַר דער פאַנטאַזיע פון דעם קלענ־

סטען פאַנטאַזיאָר זיך פאָרצושטעלען, אַז דער קאַפּיטאַליזם, ווען מען וועט איהם נאָר לאָזען זיך ווייטער אַנטוויקלען, וועט ער עס געבען דער מענשהייט. דאָס איינציגע, וואָס דער קאַפּיטאַליזם קאָן ניט געבען דער מענשהייט, איז אַבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט, וועלכע אָן אמת'ער מענשליכער לעבען פאָדערט, דען אַזאַ אומגלייכהייט איז דאָס קערענדעל פון דעם קאַפּיטאַליזם, די דאָזיגע אומגלייכהייט שאַפט עם די איניציאַטיווע, פאַר וועלכער דער קאַפּיטאַליזם איז צופרידען מיט אַלץ און אַלעם מקריב צו זיין.

און אַ סאָציאַליזם אָהן אַן אַבסאָלוט עקאָנאָמישער גלייכהייט איז אָדער קיין סאָציאַליזם ניט אָדער אַ ווידערשפּרוך אין זיך גופא.

דער ווידערשפּרוך צווישען אַ קאָמוניזם אין די פּראָדוקציאָנס מיטלען און אַן אינדיווידואַליזם אין דעם געברויך פון דעם, וואָס ווערט פּראָודצירט, האָט, אַזוי גלויבען מיר, אַם שטאַרקסטען ארויסגעבראַכט פּעטער קראָפּאָטקין...

ער זאָגט: „די קאָלעקטיוויסטען הויבען אָן מיט דער פּראָקלאַמירונג פון אַ רעוואָלוציאָנערען פּרינציפּ — דעם אָפּשאַף פון פּריוואַטען אייגענטום — און אַזוי שנעל ווי ער ווערט פּראָקלאַמירט, לייקענען זיי איהם אָפּ, דערמיט, וואָס זיי האַלטען אָן די אָרגאַניזאַציע פון פּראָדוקציע און פאַרברויך, וועלכע אַנטשטעהען פון פּריוואַט אייגענטום.

זיי פּראָקלאַמירען אַ רעוואָלוציאָנערען פּרינציפּ, און איגנאָרירען די קאָנסעקוועצען, וואָס ער מוז אויף אַ נויטוועגדיגען אופן מיט זיך ברייגגען. זיי פאַרגעסען, אַז דער עצם פאַקט פון אָפּשאַפען אינדיווידועלען אייגענטום אויף די פּראָדוקציאָנס מיטלען (לאַנד, פאַבריקען, קאָמוניקאַציאָנס מיטלען, קאַפּיטאַל) מוז צווינגען די געזעלשאַפט אָנצונעמען אַ נייע ווענדונג; אַז ער מוז בייטען פּראָדוקציע פון קאָפּ ביז די פיס, בייטען ניט נאָר איהרע מעטאָדען, נאָר איהר ציעלען; אַז אַלע טאָג טעגליכע שייכות'ן צווישען יחידים מוזען מאָדיפיצירט ווערען, אַזוי שנעל ווי לאַנד מאַשינערי און די איבעריגע פּראָדוקציאָנס מיטלען ווערען באַטראַכט אַלס געמיינזאַמער באַזיץ.

זיי זאָגען: „קיין פּריוואַט אייגענטום", און באַלד איילען זיי זיך אָנצוהאַלטען פּריוואַט איינענטום אין זיינע טאָג טעגליכע פאָרמען." „פאַר פּראָדוקטיווע צוועקען ביזטו אַ קאָמונע", זאָגען זיי, „די פעלדער, די געצייג,

די מאשינערי, אלץ וואס איז געמאכט געווארען ביז היינטיגען טאג — מאנר־פאקטורען, אייזענבאנען, ווערקשטאטען, מינען—געהערען צו אייך אלע גע־מיינזאם. דער מינדסטער אונטערשייד וועט ניט געמאכט ווערען בנוגע דעם חלק פון יעדען איינעם פון אייך, אין דעם דאזיגען קאלעקטיווען אייגענטום.

„פון מארגען אן אבער מוזטו מיט אלע פרטים דיסקוטירען דעם טייל, וואס יעדער איינער פון אייך מוז נעמען אין דעם מאכען פון נייע מאשינען, אין דעם גראבען פון נייע מינען...

דו דארפסט וועגען די מוסקול קראפט, די ענערגיע פון מארך, די ענער־גיע פון נערוועז, וואס איז אויסגעגעבען געווארען, און דאס אלע, נאכדעם ווי דו האסט דערקלערט, אז דו לאזט לגמרי ארויס פון דעם חשבון דעם חלק, וואס ער האט ביינעטראגען אין דער פארגאנגענהייט.

עס איז קלאר צו אונז, אז א געזעלשאפט קאן זיך זעלבסט ניט ארגא־ניזירען אויף צוויי אנטגעגענגעזעצטע פרינציפען, צוויי פרינציפען, וואס זיי־נען זיך סותר אויף יעדען שריט. און דאס פאלק, אדער קאמונע, וואס זאל געבען צו זיך אליין אזא ארגאניזאציע וועט זיין געצוואונגען ענטוועדער זיך צוריקקערען צו פריוואט אייגענטום, אדער תכף זיך צו טראנספארמירען אין א קאמוניסטישע געזעלשאפט".

אלזא, דער אנארכיסט קראפאטקין און דער פילאזאף דיואי, ארויסגע־העענדיג פון צוויי פארשיידענע שטאנדפונקטען, קומען דאך צו איינעם און דעם זעלבען שלוס, אז עס מוז זיין אנטוועדער פריוואט אייגענטום אין פול־סטען זין פון ווארט, אדער עקאנאמישע גלייכהייט אין איהר פולסטען אויס־דרוק, דעןביידע קאנען זיך ניט אויסדרעהען פון דעם פאקט, אז די דאזיגע עקאנאמישע גלייכהייט איז איינגעוויקעלט דורך און דורך אין אן עטישען פרינציפ, זי קאן נישט אנדערש ווי מאטיווירט און געפיהרט ווערען פון דער עטיק, און די עטיק האט קיין מאל ניט געוואוסט צופיל פון דער לאגיק און פון רעלאטיוויזאציעס אודאי ניט.

„די מאדערנע דעמאקראטי", זאגט פראפעסאר ל. סימס, „געפינט אז איהרע זינגען זיינען געווען אומזיסט, און אז זיי מוזען נאך אמאל געוואונען ווערען. דאך געפינט זי אויף נייעם קוראזש אין דער האפטינגקייט, מיט וועל־כע זאכען ווערען דורכגעפירט אין דעם דור פון אינדוסטריאליזם, און זי צוויי־

פעלט נים, אז ווערענד עס האָט געגומען הונדערטער יאָרען פאַר אירע נצחונות אין דער פאַרגאַנגענהייט, וועט עס נעמען בלויז צענדליגע יאָרען פאַר דעם זיעג איבער דעם נייעם פעאָדאַליזם. פאָלגליך, איז די מאָדערנע דעמאָקראַטי פול מיט האָפנונג און צוטרוי. איר גלויבען, אז אין דער צוקונפט וועט הערשען א פאָלקאָמענדע דעמאָקראַטי רוהט אויף דער האָפנונג, אז דער גערעכטער, סאָציאַלער געוויסען וועט פאַרטרייבען די אומגלייכהייט... און אויף דער זיכערהייט, אז אויסגלייכונג פון רייכקייט און געלעגענהייט, איז דער אומפאַרמיידליכער ציעל, וואָס צו אים איז געריכטעט דאָס שטרעבען פון דעם אויפגערעגטען און אויפגעקלערטען טייל פון דער מענשהייט".

מיר זעהען אלזאָ, אז סיי דער סאָציאַליסט סיי דער נים סאָציאַליסט מוז איינזעהן, אז פון דעם שטאַנדפונקט פון סאָציאַלער גערעכטיגקייט קאָן נאָר איין און איינציגע עקאָנאָמישע אָרדנונג פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער איצטיגע אינדיווידואַליסטישער אָרדנונג, און דאָס איז די אָרדנונג פון אבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט. נאָר דורך איהר קאָנען מיר קומען צו א סאָציאַלען פראָגרעס, וואָס צוליב איהם זאָל זיך האָבען געלוינט צו ברייגגען די קרבנות, וואָס זיינען שוין געפאַלען, און וועלען נאָך פאַלען ביז די עקאָנאָמישע גלייכהייט וועט שלאָגען אזעלכע טיפע וואָרצלען אין דער געזעלשאַפט ווי די פּאָליטישע גלייכהייט.

און וואָס מער מיר דערנעהנטערען זיך צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אלץ גויטיגער ווערט עס צוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די, וואָס וועלען האָבען דאָס וואָרט אין דער איבערבוי פון דער געזעלשאַפט, צו די פאָלגענדע ווערטער פון קראָפּאָטקין: „קיין פעסטע און באַשטימטע ליניע קאָן נים געצויגען ווערען צווישען דער ארבייט פון איינעם און דער ארבייט פון דעם אנדערען. צו מעסטען זיי לויט די רעזולטאַטען, פיהרט עס צו אבסורדיטעט. צעטיילען זיי אין פראַקציעס און מעסטען זיי לויט שטונדען פון ארבייט פיהרט עס אויך צו אבסורדיטעט; עס בלייבט איין קורס: אינגאַנצען זיי נים צו מעסטען, בלויז צו אנערקענען דאָס רעכט פון אלע, וואָס באַטייליגען זיך אין פּראָדוקטיווער ארבייט, פריהער פון אלץ צו לעבען, און נאָכהער הנאה צו האָבען פון די באַקוועמליכקייטען פון לעבען."

עס איז נים פאַראַן, אַזוי אָט וועניגסטען גלויבט זיך איז, קיין איין און איינציגער טעם פאַרוואָס די גלייכהייט, וועלבע איז שוין געוואָרען אַן אַקסיאָ־

מע. אויף דעם פּאָליטישען געביט, און וועלכע הויבט אָן מער און מער אָנערקענט ווערען אַלס נויטוועדיג און באַרעכטיגט אויף דעם נאַציאָנאַלען געביעט, פאַר וואָס זי, אַלס אַזעלכע, דאָס הייסט, אַלס אומבאַדינגטע גלייכהייט, זאָל ניט אַנערקענט ווערען אַלס אַ זיכערע און ווישענשאַפטליכע פּערספּעקטיווע פון דער נייער געזעלשאַפט אויף דעם עקאָנאָמישען געביעט. די זעלבּע קרעפטען, וואָס האָבען געטריבען די געזעלשאַפט צו אַן איבערקער אין דעם באַגריף פון פּאָליטישע באַציהונגען, צו אַן איבערקעהר אין דעם באַגריף פון נאַציאָנאַלע באַציהונגען, טרייבען זי אויך, ווי מיר האָבען געזעהן אין אונזער היסטאָרישען אַנאַליז, צו אַן איבערקער אין די עקאָנאָמישע באַציהונגען. און דער ציעל און צוועק פון דעם איבערקער אין יעדער באַזונדער אַרט פון די דאָזיגע סאָציאַלע באַציהונגען איז איינער און דער זעלבער, און דאָס איז אַ ברייטערע און טיעפערע רעאַליזירונג פון דעם פּרינציפּ פון סאָציאַלער גערעכטיגקייט און ממילא אַ שנעלערער סאָציאַלער פּראָגרעס.

זענען מיר שוין געגאַנגען אַזוי ווייט ווי ניט צו רעכענען זיך מיט קיינע פאַרשיידענאַרטיגקייטען, מיט קיין מער אָדער ווייניגער אין פעהיגקייטען, ווערטען און פאַרדינסטען פון איין יחיד געגען דעם אַנדערען, ווען עס קומט צו אַ דעה צו זאָגען אין דעם פיהר פון דער געזעלשאַפט, זיינען מיר שוין געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי ניט מאַכען קיין ברעקעל נפקא מינה צווישען אַ ברוך שפּינאָזא און אַ באָנצי שוויינ, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען שטים רעכט. און האָבען מיר זיך שוין דערהויבען צו דעם באַגריף פון גלייכער עקזיסטענץ באַרעכטיגונג פאַר יעדען פאָלק, לפּחות וואָס „ניאַם־ניאַמט'' שוין ניט, ניט רעכענענדיג זיך מיט קיינע זכות אבות פון פאָלק, לאָמיר זשע שוין, געהען אַ ביסעל ווייטער און זאָגען, אַז אויך אין דער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ טאָר באָנצי שוויינ ניט זיין קיין ברעקעל מער מיוחס פאַר ברוך שפּינאָזא, און אַז דערפאַר וואָס באָנצי שוויג'ס העכסטער אידעאַל איז אַ הייסע בולקע מיט פּוטער און שפּינאָזא'ס אידעאַל איז דערגרונטעווען די מהות פון דער געטליכקייט, איז נאָך באָנצי שוויינ ניט באַרעכטיגט צו האָבען מער עקאָנאָמישע גיטער איידער שפּינאָזא און צו געניסען אַזעלכעס פון די עקאָנאָמישע אוצרות פון דער געזעלשאַפט, וואָס שפּינאָזא זאָל ניט קאָנען, אפילו ווען ער וועט וועלען. און ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז גאָר ניט לאַנג צוריק איז די אַבסאָלוטע גלייכהייט, פּאָליטישע, אַזוי גוט ווי נאַציאָנאַלע, געווען ווייט פון צו זיין אַן אָנגענומענער באַגריף, און אַז

גרויסע דיינקער האָבען איהם ניט נאָר פאַרטיידיגט נאָר אפילו באַקעמפט, ווערט שטאַרקער אונזער האָפנונג, אַז הגם גרויסע דיינקער, צווישען זיי אויך דער טעאָרעטיקער פון דעם רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם, דר. זשיטלאָווסקי, טרעטען אַרויס געגען דער אַבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט, און זיי גלויבען ניט, אַז די אַבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט מוז פירען צום שנעלסטען סאָציאַלען און קולטורעלען פּראָגרעס, וועט עס דאָך גאָרניט לאַנג נעמען, דען די מענשהייט גאַלאָפּירט דאָך איצט אין איהר אַנטוויקלונג, און די אַבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט וועט פון די קלענסטע, אַזוי ווי פון די גרעסטע דענקער מער ניט אָפּגעפרעגט ווערען.

אַט זעהען מיר צום ביישפּיעל, אַז אַזאַ דענקער ווי משה העס, וואָס זינט ער איז געשטאָרבען זיינען נאָך קיין פופציג יאָהר ניט פאַרבייגעלאָפען, האָט זיך געפונען געצוואונגען אויסצוזוכען און אויסצורעכנען אַלע מעלות טובות פון דעם אידישען פאָלק, בכדי מיט אותות ומופתים צו באַווייזען, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט אַ רעכט אויף פרייע זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ.

און צום הונדערט יאָריגען יובילעאום פון משה העס'ס געבורטסטאָג פאַרלעמיזירט דר. זשיטלאָווסקי מיט איהם וועגען זיין באַשטרעב צו באַגרינדען די רעכט פון דעם אידישען פאָלק אויף זיין ווערט און זיינע אויפטואונגען. דר. זשיטלאָווסקי טענה'ט וועגען דעם ענין בזה הלשון:

„אין תוך אריין איז די דאָזיגע באַשטרעבונג זעהר אַן אידעלע און מענשליכע. דער מענש מוז זוכען אַ העכערען זין, סיי אין דעם אייגענעם לעבען, סיי אין דעם לעבען און אין דער באַדייטונג פון דער גאַנצער מענשהייט און אפילו פון דער גאַנצער וועלט. אָבער דאָס זענען אַלץ פילאָזאָפישע און רעליגיעזע פראַגען, וואָס מען טאָר בשום אופן ניט לאָזען אריינטראָגען, ניט אין די סאָציאַלע פּאָליטישע און ניט אין די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען פון דער צייט. די סאָציאַלע גערעכטיגקייט פאָדערט מען זאָל פאַרזיכערען דעם יחיד די מעגליכקייט פון אַ פשוט'ער „טריפה'נער" עקזיסטענץ, און זי לאָזט איהם אַליין איבער צו באַשטימען וואָס פאַר אַ זין ער וועט אויסגעפינען אין איהר אָדער אריינטייטשען אין איהר. דאָס אייגענע איז מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער גערעכטיגקייט. זי פאָדערט מען זאָל געבען יעדען פאָלק די מעגליכקייט צו אַ פשוט'ער עקזיסטענץ קודם כל. און יעדען איינעם פון דעם פאָלק מוז איבערגעלאָזען ווערען, דאָס

רעכט אויסצוטייטשען דעם זין פון זיין נאציאָנאַלער עקזיסטענץ ווי ער וויל. דער ווילען צו א „טרפה'נער'' עקזיסטענץ אליין — דאָס איז גענוג צו באַגרינדען דאָס רעכט אויף דער דאָזיגער עקזיסטענץ. און יעדע נייע באַדינגונג, יעדער צוגעטראַכטער „זין'' איז א געפאַר פאַר די רעכט פון דעם פאָלק, ווייל עס טראָגט אין זיך ממילא דעם געדאַנק, אַז דאָס נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ־רעכט פון א פאָלק דאַרף מיט עפּעס פאַרדינט ווערען, א געדאַנק, וואָס מוז אויסגעראָטען ווערען מיט'ן וואָרצעל. דאָס לעבען איז דער איינציגער רעכטס־טיטעל אויף'ן לעבען און אויף אלץ, וואָס איז נויטיג פאַר זיין אונגעשטערטער אנטוויקלונג — סיי פאַר דעם יחיד סיי פאַר דעם פאָלק''.*)

מיר האָבען געבראַכט דעם דאָזיגען אויסצוג ווי ער שטעהט און געהט אין דר. זשיטלאָווסקי'ס אָפּהאַנדלונג איבער משה העס צוליעב צוויי טעמים, ערשטענס; בכדי זעהן, אַז דר. זשיטלאָווסקי, דער רעלאַטיוויסט פאַר עקסעלענץ, ערלויבט זיך אַרויסצודרינגען א געוויסע רעכט פון דעם שטאַנדפּונקט פון סאָציאַלער גערעכטיגקייט אויף א געוויסען געביט דערפון, וואָס דאָס זעלבע רעכט איז פון דעם זעלבען שטאַנדפּונקט אַנער־קענט געוואָרען אויף אַנאַנדער געביעט. אויב זאָגט ער, עס איז רעכט פאַר דעם יחיד אין דער געזעלשאַפט, איז דאָס אויך רעכט פאַר א פאָלק אין דער משפחה פון פעלקער. און אויב דער רעלאַטיוויסט מעג עס, מעג דאָך, דער אבסאָלוטיסט אודאי און אודאי פיהרען א פאַראַלעל צווישען די אויסדרי־קען פון סאָציאַלער גערעכטיגקייט אויף דעם געביעט פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער פּאָליטיק און אַרויסדרונגען דערפון, ווי מיר האָבען עס מאַקע אַרויסגעדרונגען, אַז אויך אויף דעם סאָציאַל־און נאַציאָנאַל־ע קאַנאַמישען געביט מוז די סאָציאַלע גערעכטיגקייט קומען צו דעם זעל־בען אויסדרוק, וואָס צו איהם איז זי געקומען אין די אנדערע צוויי, נעמליך, צו אבסאָלוטער גלייכהייט. צווייטענס, קאָנען מיר ווייזען ווי אַזוי אונזער אבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט קאָן ווערען א דירעקטער פועל יוצא פון דר. זשיטלאָווסקי'ס גרונדזאצען אין דעם דאָזיגען אויסצוג, דען אויב עס איז אמת: 1) אַז די סאָציאַלע גערעכטיגקייט פאָדערט אַז מען זאָל פאַרזיכער־רען דעם יחיד די מעגליכקייט פון א פשוט'ער „טריפה'נער'' עקזיסטענץ, 2) אַז דער ווילען צו א „טריפה'נער'' עקזיסטענץ אליין איז גענוג צו באַ־

*) זעה געזאַמעלטע שריפטען ב. 3, ז. 211.

גרינדען דאָס רעכט אויף דער דאָזיגער עקזיסטענץ און 3) אז ד אָ ס ל ע ־ב ע ן איז דער איינציגער רעכטס־טיטעל אויפ'ן לעבען און אויף אַלץ, וואָס איז נויטיג פאר זיין אומגעשטערטער אנטוויקלונג — סיי פאר דעם יחיד, סיי פאר דעם פאָלק — פרעגט זיך, קאָן דאָס אנדערש, איידער אמת זיין, אז די דאָזיגע פשוטע, טריפ'נה עקזיסטענץ ט אָ ר ב ש ו ם א ו פ ן נ י ט זיין פשוט'ער און טריפ'ער פאר איינעם איידער פאר דעם אנדערען? עס קאָן ניט אנדערש זיין שוין נאָר דערפאר, וואָס מיר האָבען ניט קיינע מעגליכקייט פעסטצושטעלען א גרעניץ צווי־שען פ ש ו ט ' ע ר , ט ר י פ ' ע ר עקזיסטענץ און פ א ר ־ ו ו י ק ע ל ט ע ר , כ ש ר ' ע ר עקזיסטענץ. ווער פון די , וואָס וועלען ארויסגעבען די רעכט מיטלען אויפ'ן לעבען און אויף אַלץ, וואָס איז נויטיג פאר אַן אומגעשטערטער אנטוויקלונג, וועט עס זיין קלוג גענוג, ערליך גענוג צו וויסען און צו באַשטימען וואָס עס איז גענוג פאר זרח'ס און ברוך'ס אומגעשטערטער אנטוויקלונג? און ווער וועט עס זיך אונטערנעהמען צו וועגען און צו מעסטען אויף דער דאָזיגער זינדיגער וועלט די מעשים טובים פון א גאַנצי שוויינ און זאָגען, אז אויב ער וויל מיט זיינע הענט, אקסלען און פלייצעס ארבייטען נאָך א פאר עקסטרא שעה'ן א טאָג, איז ער דערפאר, פון שטאַנדפונקט פון סאָציאַלער גערעכ־טיגקייט, בארעכטיגט צו מער גשמיות'דיגען וואוילטאָג איידער א שפינאָזא, וואָס וויל בעסער די פאר עקסטרא שעה א טאָג ארבייטען מיט זיין מח, הארץ און נערוועןן? און ווער קאָן עס אונז מיט אַן אבסאָלוטער זיכערהייט גאַראַנטירען און קאווירען, אז דאָס ביסעל ווייניגער גשמיות'דיגע וואויל־טאָג, וואָס א שפינאָזא וועט קאָנען באַקומען אין פארגלייך מיט א גאַנצי שווייג, וועט ניט זיין קיין גוואַלדיגער שטער צו דער אומגעשטערטער אנט־וויקלונג, וואָס דאָס לעבען איז שולדיג צו א שפינאָזא'ן?

אַן אויסגעצייכענט ריכטיג און שעהן בילד פון דער אומבאַדינגטער אוממעגליכקייט אָפצושאַצען דעם פארדינסט און ווערט פון דעם חלק פשוט'ער און טריפ'ענער ארבייט, וואָס יעדער איינער טראָגט צו צו דער אַלגעמיינער פראָדוקציע פון עקאָנאָמישע גיטער אין דער געזעלשאַפט גיט אונז פעטער קראָפּאָטקין.. און איך ציטיר דאָס דאָזיגע בילד צום שלוס פון מיין אַרגומענטאַציע פון דער אבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט, אַלס א מיטעל פאר א שנעלען סאָציאַלען פראָגרעס, ווייל איך וויל אזוי

טיעף ווי נאָר מעגליך, טרייבען דעם איינדרוק אין דעם מח פון יעדען איינ־ציגען, אז יעדער אַנדערע עקאָנאָמישע אָרדנונג, יעדער אַנדערע עקאָנאָ־מישע שייכות אויסער דער אַבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט, איז אַ פארגוואלטיגונג פון דער סאָציאַלער גערעכטיגקייט.

,,געה ארונטער אין א קויהלען מינע'', זאָגט קראָפּאָטקין ,,און זעה יענעם מאַן, וואָס איז אַוועקגעשטעלט ביי דער ריזיגער מאַשין וועלכע ציהט ארויף און לאָזט אַרונטער די שטייג. אין זיין האַנט האלט ער א הויב־שטאַנג, וואָס מיט איהם שטעלט ער אָפּ אָדער דרעהט איבער די אַקציאָן פון דער מאַשינערי. ער לאָזט ארונטער דאָס הענטעל און אין א סעקונדע בייט די שטייג די ריכטונג פון איהר קאָפּ־שווינדלענדען לויפען ארויף און אראָפּ אין דער שאַכט. זיינע אויגען זענען אויפמערקזאָם אָנגעשטעלט אויף אַן אינדיקאַטאָר אין פראָנט פון איהם, וועלכער ווייזט גענוי דעם פונקט, וואָס די שטייג האָט דערגרייכט. אזוי שנעל ווי זי ריהרט אָן דעם געגעבענעם פונקט, בלייבט זי אויף זיין איידעלסטען דרוק מאָמענטאַל שטעהן, קיין איין פוס ניט העכער אָדער נידעריגער פון דעם אָרט וואָס האָט זיך געפאָדערט.. און קוים ווערען די פולע לאסט־וועגען אויסגעלאָדען אָדער די לעדיגע אָנגעלאָדען, ווענדט זיך שוין ווייטער, אויף דעם ריהר פון הענטעל, די שטייג ארויף און אראָפּ.

,,פאר אכט אָדער צען שטונדען דורכאנאנד קאָנצענטרירט ער אויף אזא אופן זיין אויפמערקזאמקייט. זאָל זיין מארך נאָכלאָזען נאָר אויף איין רגע, און די שטייג וואָלט געפלויגען ארויף, צעשטערט די רעדער, צובראָכען די שטריק, צוקוועטשט די מענשען, געבראכט די גאנצע ארבייט פון דער מינע צו א שטילשטאנד. זאָל ער פארלירען דריי סעקונדען אויף יעדען איבער־דרעה פון דער אויבערשטאַנג, און אין אַ מינע מיט אַלע מאָדערנע אויס־בעסערונגען, וואָלט די פראָדוקציע פארקלענערט געוואָרען אויף צוואנציג ביז פופציג טאָן אַ טאָג.

,,איז דאָס ער, אַלזאָ, וואָס לייסטעט די גרעסטע דינסט אין דער מינע? אָדער אפשר איז דאָס אינגעל, וואָס קלינגט פון אונטען דעם סיגנאַל פאר דעם אויפהויבען זיך פון דער שטייג? אָדער איז דאָס דער קויהלען גרע־בער, וואָס ריזיקירט זיין לעבען יעדען מאָמענט אין די טיפעניש פון דער מינע און וועט, אין א געוויסען טאָג, ענדיגען דערמיט וואָס ער וועט דער־

הרג'עס ווערען פון קויהלען־גנזי? אָדער דער אינזשיניר, וואָס וואָלט פאַר־לאָרען דעם קויהלען שיכט און געמאַכט מענשען צו האָבען נאַקעטען שטיין ווען ער וואָלט געמאַכט בלויז אַ טעות אין דעם חבור פון זיינע צענויפ־רעכענונגען? אָדער, ענדליך, איז דאָס, דער אייגענטימער וואָס האָט אריינ־געלעגט זיין גאַנצע ירושה־גוט אין דער אונטערנעמונג, און וועלכער האָט אפשר געזאָגט, אין געגענזאַץ צו אַלע פריהערדיגע דערוואַרטונגען: גראָד דאָרט, וועסטו געפינען אויסגעצייכענטע קויהלען.

„אַלע ארבייטער וואָס זיינען באַשעפטיגט אין דער קויהלען מינע, וויר־קען מיט אין דער פּראָדוצירונג פון קויהלען לפי ערך צו זייער שטאַרקייט, זייער ענערגיע, זייער וויסען, זייער אינטעליגענץ און זייער געשיקטליכ־קייט, און מיר קאָנען זאָגען, אַז אַלע האָבען אַ רעכט צו ל ע ב ע ן, צו פרידענצושטעלען זייערע באַדערפנישען, און אפילו, צו באַפרידיגען זייערע קאַפּריזען, נאָך דעם, ווי די דרינגענדע באַדערפנישען פון יעדען איינעם זע־נען צופרידענגעשטעלט. אָבער ווי קאָנען מיר גענוי אָפּשאַצען וואָס יעדע־רער פון זיי האָט געטהאָן? ווייטער, זענען די קויהלען וואָס זיי האָבען ארויס־געצויגען לגמרי דער רעזולטאַט פון ז י י ע ר א ר ב י י ט? איז עס אויך נים דער פועל יוצא פון דער ארבייט פון די מענשען וואָס האָבען געלייגט די אייזענבאַן וואָס פיהרט צו דער מינע, און האָבען געזועצט די וועגען וואָס פאַרצווייגען זיך אין אַלע זייטען פון די סטאַנציעס? און וואָס איז וועגען דער ארבייט פון די, וואָס האָבען געאַקערט און געזועט די פעלדער, וועלכע באַזאָרגען די קויהלען גרעבער מיט שפּייז, האָבען געגאָסען דאָס אייזען, געהאַקט דאָס האָלץ אין די וועלדער, געמאַכט די מאַשינען?"

גיבען מיר אַלזאָ נאָר צו, אַז דער ווילען צום לעבען באַרעכטיגט דעם מענשען צו פאָדערען, אַז זיין „טריפה'נע" עקזיסטענץ זאָל באַזאָרגט ווערען אײדער און פריהער ווי עס ווערט גענומען אין אנבעטראַכט עס־וואָס איז איבער א „טריפה'נער" עקזיסטענץ פון ועמען עס איז, מוזען מיר געהן נאָך ווייטער פון קראָפּאָטקינ'ען, נאָך ווייטער אפילו פאר דעם אנאַר־כיסטישען קאָמוניזם, און צוגעבען, אַז אין דער אבוועזענהייט פון וועלכע עס איז מאָס־שטעקענס, וואָס מען זאָל קאָנען מעסטען מיט זיי די לענג, ברייט און טיעף פון אַ מענשענס לעבען, פאָדערט פון אונז אוממיטעלבאַר די סאָ־ציאַלע נערעכטיגקייט, אַז קיין איין און איינציגער לעבעדיגער מענש זאָל נים קאָנען און זאָל נים טאָרען, אונטער קיין אויסרייד און אונטער

קיינע תנאים, אוועקגעשטעלט ווערען עקאָנאָמיש בעסער פאר דעם אנדערען, קיין איין און איינציגע לעבעדיגע מענשליכע גרופּע זאָל ניט געניסען מער פון די מאַטעריעלע און עקאָנאָמישע גיטער איידער די אנדערע, דאָס הייסט, אז פולע אומבאַדינגטע אבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט זאָל הערשען אין יעדען ווינקעלע פון דער מענשהייט אויף דעם ערד קוגעל. און היות ווי די סאָציאַלע גערעכטיגקייט איז דער עיקר און אפשר, דער איין און איינציגער יסוד פון סאָציאַלען פּראָגרעס, קומט ממילא אויס, אז דער שנעלסטער סאָציאַלער פּראָגרעס קאָן נאָר מעגליך זיין אונטער אַן אבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט, וואָס זי פאָדערט פון אונז די סאָציאַלע גערעכטיגקייט, און אויב דער סאָציאַליזם וויל זיך באמת אידענטיפיצירען מיט סאָציאַלען פּראָגרעס, וועט די אבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט מוזען ווערען דער אינהאַלט פון דעם קאַטעגאָרישען באַפעהל פאר יעדער איינער ריכטונג זיינער, די רעוואָלוציאָנער סאָציאַליסטישער ריכטונג פון דר. זשיטלאָווסקי אריינגערעכענט.

דער שטאַרקסטער ארגומענט, וואָס איז, לויט אונזער מיינונג, געמאַכט געוואָרען געגען דער אבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט, איז, נאָך אלעמען דער ארגומענט פון דער איניציאַטיווע, וועלכע איז אָרגאַניש פאַרבונדען מיט דער עקאָנאָמישער אומגלייכהייט. און די דאָזיגע אויסזעצונג געגען דער אבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט איז פאַראַנטוואָרטליך פאר דעם, וואָס אזוי פיעל פון די מענשען, וואָס נעמען אָן, אז עס איז ניט פאַראַן קיין אַנדער אלטערנאַטיוו ווי אַנטוועדער קאַפּיטאַליסטישע פאַנאַנדערטיילונג, וואָס דאָס מיינט אבסאָלוטע עקאָנאָמישע אומגלייכהייט, אָדער די אבסאָלוטע קאָמוניסטישע, וואָס נעמט אָן דעם דעקרעט פון אבסאָלוט גלייכער פאַנאַנדערטיילונג פון דעם געזעלשאַפטליכען אייגענטום, און וואָס שאַפט לגמרי אָפּ דעם אינדיווידועלען עקאָנאָמישען באַזיץ אין דעם פּאָליטישען זין — די דאָזיגע טענה וועגען דער איניציאַטיוו, דער שרעק, זאָגען מיר, אז מיט דער אָפּשאַפונג פון אומגלייכהייט וועט אוועקגענומען ווערען די איניציאַטיוו, איז פאַראַנטוואָרטליך פאר דעם, וואָס אזוי פיל פון די, וואָס זעהען איין דעם „אנטוועדער"—„אָדער" פון אבסאָלוטען קאַפּיטאַליזם אָדער אבסאָלוטען קאָמוניזם, בלייבען שטעהן ביי דעם קאַפּיטאַליזם.

אפילו וו. ה. מאלאָק, וועלכער אין זיין בוך „אַריסטאָקראַטיע און עוואָלוציע" לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט עטיש צוגערעכט-

פּערטינגען די רייכקייט פון איינציגע און די אָרימקייט פון פּיעלע, מוז אויך סוף כל סוף אָנקומען צום אַרגומענט, אַז, ווען ניט חלילה די אומגלייכהייט, וואָלט דער גאַנצער פּראָגרעס פון דער ציוויליזאַציע זיך אָפּגעשטעלט, און דאָ גלויבען מיר האָט ער ווירקליך געטראָפען, ווי מען זאָגט, דעם טשוואָק גלייך איבער דעם קאָפּ. אויף דעם דאָזיגען אַרגומענט זיינעם האָט קיין איינציגע סאָציאַליסטישע ריכטונג ניט געענטפערט אפילו די אַנאַרכיסטישע, און זי האָט דאָך שוין מער פאַר אַלע אַנדערע ריכטונגען אָפּגעגעבען מיט דער דאָזיגער פראַגע. קיינער קאָן נאָך אַלעמען ניט באַווייזען שוואַרץ אויף ווייס, אַז די עקאָנאָמישע פּראָדוקטיוויטעט ווערט ניט פאַרקלענערט מיט דער עטאַבלירונג פון אַבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט, א דאַנק דעם, וואָס עס וועט אוועקגענומען ווערען דער באַשטרעב פון דעם מענשען, איינעם דעם אַנדערען צו איבערשטייגען אין דער אינטענסיוויטעט פון דער פּראָדוקציע, בכדי אַרויסצובאַקומען אַלץ מער און מער געגוס פאַר זיך, מער און מער באַקוועמליכקייטען און פאַרגעניגען, א גרעסערען און א בעסערען וואוילזיין.

דער פאַקט איז אַז באַלד נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע האָבען ניט די אַרבייטער און ניט די פּויערים געטאָן דאָס, וואָס קראָפּאָטקין האָט זיך אין זיי־נע וויסענשאַפטליכע אונטערזוכונגען וועגען דער עקאָנאָמישער פּראָדוקטיווי־טעט פאָרגעשטעלט, אַז זיי וועלען טאָן. און ווען קראָפּאָטקין און הונ־דערטע אַנדערע מיט איהם, זאָלען אָנשרייבען הונדערט מאָל אַזוי פּיעל ביכער אויף צו באַווייזען, אַז די עקאָנאָמישע גלייכהייט וועט ניט אוועקנעמען די איניציאַטיוו, און די פּראָדוקטיוויטעט וועט דאַריבער ניט פאַלען, וועלען דאָס אַלץ זיין בלויז מעגליכקייטען, וואָס צו איינעם וועלען זיי אַפּעלירען און צו דעם אַנדערען ניט, און אַלע די, וואָס קאָנען זיך נ י ט פאָר־שטעלען קיין סאָציאַלען פּראָגרעס אָהן דער איצטיגער ציוויליזאַציע, אַלע די, וואָס אידענטיפיצירען פּראָגרעס מיט צוויליזאַציע, בלייבען ניט צופרידענגעשטעלט מיט די אַלע באַווייזען און זיי זיינען פון זייער שטאַנדפּונקט גאַנץ גערעכט, דען עס זיינען פאַראַן אַלע מעגליכ־קייטען אין דער וועלט, אַז מיט דעם אַריינפיר פון אַבסאָלוטער גלייכ־הייט זאָל די ציוויליזאַציע ניט נאָר שטייגען נאָר זאָגאַר פאַלען און, היות ווי דער קאַפּיטאַליזם האָט געגעבען אַלע מעגליכקייטען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציע, און היות ווי די ציוויליזאַציע אונטער זיין ממשלה

וואַקסט ווי אויף הייוועו, לכן מוז מען צווישען אבסאָלוטען קאַפּיטאַליזם און אבסאָלוטען קאָמוניזם אויסקלייבען דעם קאַפּיטאַליזם, אפילו ווען ער שטימט ניט אַזוי שטאַרק צענויף מיט דער עטיק.

און דערפאַר דיינקען מיר, אַז עס איז גאָר ניט שייך אַזאַ זאַך ווי צופיל צו באַטאָנען דעם פאַקט, אַז ניט נאָר דאַרפען דעם סאָציאַליזם נענעבען ווערען די יתודות פון אידעאַליזם, איררעאַציאָנאַליזם און אבסאָלוטיזם אַנשטאַט מאַטעריאַליזם, ראַציאָנאַליזם און רעלאַטיוויזם, נאָר אַז דער גאַנצער סאָציאַליזם מוז, ווי מיר האָבען דאָס שוין אָנגעוויזען, אוועקגעשטעלט ווערען אין דעם ליכט פון קולטור אַנשטאַט ציוויליזאַציע. און היות ווי אויף דער ציוויליזאַציע האָבען אַלע ביז איצטיגע ריכטונגען פון דעם סאָציאַליזם געזינדיגט, דער אַנאַרכיזם אַזוי גוט ווי דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם און דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם אַזוי גוט ווי דער מאַרקסיזם, דאַריבער מוז מען טראַכטען וועגען א נ י י ־ס אָ צ י א ל י ז ם.

דער סאָציאַליזם מוז זיך שטעלען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז דער סאָציאַלער געוויסען, אַלס דירעקטער און שטאַרקער אויסדרוק פון דער אוניווערסאַלער קולטור, איז אַ באַשטימענדער און אָנטרייבענדער פאַקטאָר פון דעם סאָציאַלען פּראָגרעס, און אויב דער סאָציאַלער געוויסען פאָדערט קאַטעגאָריש אַן אבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט אין די אינטערעסען פון דער סאָציאַלער גערעכטיגקייט, מוז די דאָזיגע פאָדערונג צופרידענגעשטעלט ווערען, מעגען די מאַטעריעלע און עקאָנאָמישע קאָנסעקווענצען פון דער דאָזיגער גלייכהייט זיין, וואָס זיי ווילען. די דאָזיגע פאָדערונג איז אַן אינטואיטיווע, ממילא אַן אבסאָלוטע. זי וויל ניט וויסען פון קיינע באַגרענצונגען, און זי לאַכט דער לאָגיק גלייך אין פּנים אריין.

„די שרעקען", זאָגט פּראָפעסאָר סימ׳ס, „אַז אויב מיר זאָלען נאָכאַמאָל דערגרייכען אַ טויט־פלאַכינע עקאָנאָמישע גלייכהייט, וועט אָנהויבען צו הערשען „מאַנגעל, שרעק און דערשלאָגענהייט", אַז די געזעלשאַפט, נאָכדעם ווי זי וועט דערגרייכען דעם טויטען מיטעל־פּונקט, וועט זיין מאַכטלאָז צו מאַכען וועלכען עס איז ווייטערדיגען פּראָגרעס, האָבען ניט קיין ברעקעל גרונד."

„אָבער צי זיינען זיי גרונדלאָז אָדער ניט, צי איז מאַלאַק גערעכט אָדער ניט, און צו איז די פאָלקאָמענע דעמאָקראַטי אָדער אבסאָלוטע גלייכהייט

געגען יעדער לאָגיק צי ניט, איז פון דער קלענסטער באַדייטונג; מחמת דער פונקט, אויף וועלכען דאָס אויג פון אונזער דור איז געריכטעט, איז עקאָנאָמישע גלייכהייט. די דעמאָקראַטיע שרעקט זיך ניט אָפּ פאַר לאָגיק, די לאָגיק איז אַלע מאָל געווען געגען איהר, און איצט איז זי געגען דער לאָגיק.

און אַזוי לאַנג ווי דער סאָציאַליזם וועט ניט אויפהערען, ווי ער האָט עס ביז איצט געטאָן, דינען דער לאָגיק, אַזוי לאַנג ווי ער וועט ניט איינזעהען, אַז ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דערשיינונגען, וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיט לעבען און גייסט, איז די לאָגיק — דער חומר און דער געפיהל — דער יוצר, און אַז דאָס האַרץ און די נשמה קאָנען שאַפען זייערע אייגענע לאָגיק, — אַזוי לאַנג וועט דער סאָציאַליזם זיך ניט קאָנען איינשטעלען פאַר דער אַבסאָלוטער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער דעמאָקראַטיע. ביז וואַנען דער סאָציאַליזם וועט ניט איינזעהען, אַז אַלע פאַקטען אין דער וועלט און אַלע שוואַרץ אויף ווייס באַווייזען קאָנען, פּונקט ווי שטערן און דערפאַר פון אַ ציקלאָן, אָבגעווישט ווערען פון איין און איינציגער אינטואיטיווער באַנעמונג, אין וועלכער עס געהט אַריין אַלץ וואָס שטעלט צונויף קולטור און גייסט, אַלץ וואָס איז געפיל ווילען און פאַרנונפט צוזאַמענגענומען, ביז וואַנען ער וועט ניט אָנערקענען די דאָזיגע אינטואיטיווע באַנעמונג, וועלכע איז די תמצית פון דער נשמה, העכער איבער דער לאָגיק, וועט ער, דער סאָציאַליזם, ניט קאָנען ברענגען אויף דער וועלט די פולסטע דעמאָקראַטיע אין דער געשטאַלט פון אַבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט, אין אַבסאָלוטער פּאָליטישער און סאָציאַלער פרייהייט. און מעג דער סאָציאַליזם אַלץ געבען, נאָר נישט די פולסטע דעמאָקראַטיע, בלייבט ער אַלץ בלויז אין דער פאָרם און אין דעם נאָמען סאָציאַליזם, אין דעם אינהאַלט אָבער—קאַפּיטאַליזם מיט אַלע קליפּערלאַך.

דער ביז איצטיגער סאָציאַליזם האָט דאָס האַרץ געשטעלט אין דער דינסט פון דער לאָגיק, און דערפאַר פאַרלאָזט ער זיך אויף פאַקטען און באַווייזען מער איידער אויף אינטואיציעס. און איבערצייגונגען, דיינקט ער, קאָנען פון אַרגומענטען אויסגעשעפּט ווערען.

אין „אַ פּאָר ווערטער צו די לעזער און אָנהענגער פון דעם אַלטען, דאָס נייע לעבען" זאָגט למשל דר. זשיטלאָווסקי, צווישען אַנדערעס, אויך פאָלגענדעס: „און ווי איז — אַז אונזער איבערצייגונג וועט ניט קאָנען גייסטיג

גובר זיין דעם נייעם ערנסטען, אריגינעלען, גיגאנטישען געגנער? ווי איז — חס וחלילה—אז זיינע נייע אומדערווארטע באווייזען קאנען בשום אופן ניט צוריק געשלאגען ווערען?

אויף דער שאלה מוזען מיר ענטפערען גאנץ קלאר און אומצווייודייטיג. אין אזא פאל וועלען מיר אריבערגיין אויף דער זייט פון אונזער געגנער... יע, מיר פאדערען פון אונז און פון יעדען איינעם טרייקייט צו די אייגענע איבערצייגונגען, טרייקייט ביז צו מסירת נפש. אבער מיר פאדערען אין דערזעלביגער צייט, אז דאס זאלען זיין איבערצייגונגען און ניט בלינדער גלויבען, און ניט פארקנעכטעטע דענק-געוואנהייטען".

דער דאזיגער אויסצוג איז, ווי אונז דוכט זיך, דער כאראקטעריסטי־שער וואס קאן געבען פאר דער אינטעלעקטועל רעלאטיווער וועלט אנשויאונג, וועלכע האט באהערשט די סאציאליסטען בכלל און די סאציאליסטען רעוואָ־לוציאנערען בפרט.

די גאנצע פראגע ווערט פון דר. זשיטלאווסקי אוועקגעשטעלט אזוי ווי עס זאל זיך האנדלען בלויז פון וואג און מאס, פון שווערקייט און לייכטקייט פון פאקטען, באווייזען און ארגומענטען—דער אמת אבער איז, אז אלע פאק־טען, באווייזען און ארגומענטען אין דער וועלט קאנען ניט מער דערקלערען אי־בערצייגונגען, ווי די אלע פיזישע און כעמישע עלעמענטען אין דער וועלט קא־נען דערקלערען דעם מינדסטען ליבע געפיל פון „איהם" צו „איהר". און אקוראט ווי מיר קאנען זיך ניט פארשטעלען, אז איינער, וואס איז אויף א לא־ראמעא שטייגער פארליעבט אין א דושוליעט, זאל, אין דעם מאמענט פון זיין עקסטאזער ליבע, טראכטען, אז עס איז גאנץ מעגליך אז אין א ווײלע ארום זאל אנאנדער מיידעל ארויסרופען אין איהם די זעלבע ליבע געפיהלען וואס די, אין וועמען ער איז איצט פארקאכט; אזוי קאנען מיר זיך בשום אופן ניט פארשטעלען אז איינער, וואס איז מיט לייב און לעבען איבערגעבען צו א אי־דעאל, אז איינער, וואס איז ביז מסירת נפש פארכאפט פון אן איבערצייגונג, זאל זיך קענען משער זיין אפילו, אז עס קאן קומען א צייט ווען די דאזיגע איבערצייגונג וועט ארויסגעשלאגען ווערען פון איר פאזיציע דורך שטאר־קערע באווייזען און פאקטען איידער די, וואס האבען זי אריינגעשלאגען.

לאמיר טאקע נעהמען דעם קאנקרעטען פאל, אין באצוג צו וועלכען דר. זשיטלאווסקי ברייננט ארויס זיין רעלאטיוויזם, מיר מיינען דעם פאל פון

אַסימילאַציע. און מיר זיינען צופרידען זיך מודה צו זיין, אַז אונזער כח הדמיון קאָן בשום אופן ניט אויסמאָלען פאַר אונז אַזאַ צייט אָדער אַזאַ סיטו־אַציע, ווען אַן אַסימילאַטאָר זאָל אונז גייסטיג גובר זיין, ניט חלילה דער־פאַר, וואָס מיר שפּירען אין אונז אַזאַ ריזיג לאָגישע קראַפט, נאָר פשוט דער־פאַר, וואָס מיר פילען און דיינקען, אַז די לאָגיק האָט ניט מער צו טאָן מיט אונזער אַנטי־אַסימיליאַציע ווי זי האָט למשל צו טאָן מיט אונזער ליבע צו דער מוטער אָדער צו דעם קינד אָדער צו דער ווייב, עס איז אַ נעפּיל מאַטפּעס־טאַציע, וואָס די לאָגיק האָט איבער איהר נאָר אַ קליינע שליטה. און מיר געהען נאָך ווייטער און זאָגען, אַז אין דעם מאָמענט זיינען מיר אַבסאָלוט איבערצייגט, אַז ווען פון אַלע חכמים אין דער וועלט זאָל ווערען איין חכם און פון אַלע לאָגישע־דיינקער אין דער וועלט—איין דיינקער, און ער זאָל קאָנ־צענטרירען אַלע פאַקטען, באַווייזען און אַרגומענטען פון דער וועלט אויף איין און איינציגען פּונקט — אויף דעם פּונקט אַסימילאַציע אין געגענזאַץ צו אַנטי־אַסימילאַציע—וואָלט ער אונז גייסטיג ניט גובר געווען, מחמת אונ־זער פלאַם־פייערדיגער נאַציאָנאַלער געפיהל וועט שוין מסתמא אויסגראָבען פון אונטער דער ערד נאָך אַ „פאַקטעל״, און נאָך אַן „אַרגומענטעל״, נאָך אַ „באַווייזעל״ און אַזוי וועט עס געהן עד לאין שעור, ער—אַן אַרגומענט און מיר—אַן אַרגומענט, ער אַ פאַקט—און מיר—אַ פאַקט. און דער סוף וועט זיין אַז ער, דער גרויסער דיינקער, וועט בלייבען אַן אַסימילאַטאָר און איך, דער קלענערער דיינקער—אַ נאַציאָנאַליסט און אַז מיר זיינען שוין געגאַנגען אַזוי וויט, וועלען מיר געהען נאָך ווייטער און זאָגען: אַז מיר פילען איצט ביז צום סאַמע גרונד פון אונזער נשמה, אַז ווען גאָט אַליין זאָל קומען און זאָגען: „אָדער דו נעמסט אָן די אַסימילאַציע אָדער איך פאַרלאָז דיך״, וואָלטען מיר אָהן דער מינדסטער וואַקלונג געענטפערט; „ליבערשט, גאָטעניו, לעבען אָהן דיר, אויב עס איז קיין אַנדער ברירה ניט פאַראַן, איידער לעבען מיט איהר—דער העסליכער און עקעלהאַפטער אַסימילאַציע, איין סעקונדע אפילו״.—

וועט דאָך מסתמא דר. זשיטלאָווסקי זאָגען, אַז דאָס איז שוין ניט קיין איבערצייגונג נאָר בלינדער גלויבען, זיינען מיר צופרידען און גרייט צו ענט־פערען: יע ליבער דאָקטאָר, און ווייסט איהר פאַרוואָס, ווייל צווישען איבער־צייגונג און בלינדען גלויבען אָדער אַ דענק־געוואוינהייט איז ניט פאַראַן קיין ברעקעל נפקא מינה.

ניט ביז וואנען אן אידעע ווערט א גלויבען, שטעהט צו איהר צו אונזער ווילען און ניט ביז וואנען דער ווילען קומט צו, קאן זי אנהויבען די ארבייט פאר איהר פארווירקליכונג; און ביז עס הויבט זיך אן די דאזיגע ארבייט, קאן זי קוים האבען א וועלכע עס איז סאציאלען נוץ און קוים וועלכען עס איז אינדיווידועלען ווערט.

אויף אזוי פיעל, וויפיעל אן אידעע ווערט אנגענומען ספאנטאן און נעמט ארום יעדעם ווינקעל פון דער מענשליכער נשמה, אויף אזוי פיעל ווערט עס איינענטליך געטאן אהן אונזער פארנונפט און ניט אנפרעגענדיג זיך נאר אינגאנצען ביי דער לאגיק. מיר זיינען זעהר צופרידען וואס מיר האבען אויף אונזער זייט אין דעם דאזיגען ענין ניט קיין קלענערען פילאזאף ווי האנרי בערגסאן. אין זיין בוך „צייט און פרייער ווילען", זאגט ער: „די אימפולסיווע איבערגעבענהייט מיט וועלכער מיר שטעלען זיך אויף דער זייט פון געוויסע פראגען, ווייזט, אז דער אינטעלעקט האט זיינע אינסטינקטען— און וואס קאן אזא מין אינסטינקט זיין, אויב ניט קיין אימפעט וואס איז גע־מיינזאם צו אלע אונזערע אידעען, ד. ה. זייער עצם צוזאמענגיסונג? די גלוי־בענס, וואס פאר זיי שטעלען מיר זיך איין אם שטארקסטען, זיינען גראד די גלויבענס, וואס איז אונז שווער אפצוגעבען דין וחשבון פאר זיי, און די ארגו־מענטען, דורך וועלכע מיר גערעכטפארטיגען זיי, זיינען זעלטען די ארגומענ־טען, וואס האבען אונז באוועגט אנצונעמען זיי. אין א געוויסען זין האבען מיר זיי אנגענומען אהן וועלכער עס איז פארנונפטיגקייט, דען דאס, וואס גיט זיי ווערט אין אונזער אויגען איז דאס, וואס זיי הארמאנירען מיט דער פארב פון אונזערע אנדערע אידעען, און וואס גלייך פון אנפאנג האבען מיר געזעהן אין זיי עטוואס פון אונז גופא".

און ניט נאר בריינגען מיר דא בערגסאן, דערפאר וואס עס ווילט זיך אנשפארען אין ארגומענטאציעס אויף א גרויסען דיינקער און פילאזאף, ווען עס מאכט זיך, אז זיינע געדאנקען שטימען צענויף מיט אייערע געפילען, נאר אויך דערפאר, וואס אונטער די ווערטער וואס מיר האבען געבראכט פון בערגסאן וועט זיך איצט אונטערשרייבען די גאנצע מאדערנע פילאזאפיע און דער גאנצער נייער געדאנקען־גאנג. און פאר אונזער סאציאלאגישען בליק איז דער דאזיגער געדאנקען־גאנג וויכטיג, דען פונקט אזוי, ווי ער נעמט ארום פון אונטער דעם מארקסיזם און קראפאטקיניזם דעם מאטעריאליס־טישען זייל, אזוי נעמט ער אויך ארום פון דעם רעוואלוציאנערען סאציאליזם

אין אַלע אַנדערע ריכטונגען זיינע, די רעלאַטיוויסטישע און אינטעלעקטו־עלע זיילען, און ער גיט אַ מעגליכקייט אוועקצושטעלען די קולטור העכער אי־בער דער ציוויליזאַציע און צו צווינגען די לעצטע צו דינען דער קולטור: צו ווערען בלויז אַ מיטעל פאַר אירע צוועקען, און ניט פאַרקערט. אויף אַזאַ אופן קאָנען מיר האָבען מוט צו אַרבייטען פאַר דער אַבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט, צו וועלכער עס קאָן ניט זיין קיין ברעקעל אויסזעצונג פון אַן עטישען שטאַנדפּונקט, און זיך ניט רעכענען מיט קיינע דראָהונגען בנוגע דעם אונטערגאַנג פון דער ציוויליזאַציע, און מיר קאָנען אויך זיין זיכער, אַז ווען דער סאָציאַלער געוויסען וועט טיעף דערפילען די גוואַלטיגע אומגערעכטיג־קייט און שרעקליכע אוממענשליכקייט, וואָס מיט זיי איז דורכגעדרונגען יעדע מינדסטע עקאָנאָמישע אומגלייכהייט, וועט די ראַזיגע גלייכהייט קומען צום פולסטען אויסדרוק, אויף צו להכעים אַלע לאָגיש־מאַטעמאַטישע אויסרעכע־נונגען, אויף צו להכעים אַלע עקאָנאָמישע דעטערמינירונגען און אינטעלעקטו־עלע רעלאַטיוויזירונגען, און זי וועט ווערען די קראַפט, וואָס וועט מיט דעם שנעלסטען טעמפּאָ אָנטרייבען דעם סאָציאַלען פּראָגרעס. און דער סאָציאַליזם, אַלס די פּראָגרעסיווסטע אידעע און באַוועגונג, וועט מוזען אָנהויבען צו באַ־דייטען אַבסאָלוטער קאָמוניזם.

.5

און ווי מיט דעם סאָציאַלען פּראָגרעס אַזוי איז אויך מיט דעם קולטור־רעלען פּראָגרעס. די אַבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט וועט אויך אים אָנ־טרייבען אַ סך שנעלער איידער די קאָנקורענץ, וואָס וואַרצעלט אין דער מינד־סטער עקאָנאָמישער אומגלייכהייט.

קודם כל, וואָס איז קולטור? מיר האָבען שוין געזעהען אַז קולטור נעמט אַרום גאָר אַ סך זאַכען, אַז גאָר פילעס קאָן אַרונטערגעהן אונטער דעם אויסדרוק קולטור. מיר האָבען געזעהן, אַז פון אַ פילאָזאָפישען שטאַנד־פּונקט קאָן זי אוועקגעשטעלט ווערען העכער און איבער דעם מענשען און דאַריבער אין אַ זין, גענצליך אומאָפּהעניג פון דעם מענשען, און אַז דער מענש מעג דאַרום, און גאַנץ אָפט איז ער מאָראַליש געטריבען, איינצושטע־לען אַלע, מקריב זיין מיט אַלע, אפילו מיט דער מענשהייט גופא, אויף דעם מזבח פון דער קולטור.

ריידענדיג אָבער פון קולטור אין איהר שייכות צו דער עקאָנאָמישער גלייכהייט, ווילען מיר אין זינען האָבען בלויז דעם סאָציאַלען זין פון קולטור. מיר ווילען זי, אין אזא פאל, באטראכטען ניט אלס עטוואס, וואס זעצט זיך דורך דעם מענשען, נאָר אלס עטוואס, וואס איז אַן ארויסווייקלונג אָדער אַן אויסדרוק פון דעם מענשען. מיר ווילען צילען הויפּטזעכליך דערצו, אז דאָס, וואס מיר ווילען באצייכענען מיט דעם טערמין קולטור, די כאראַקטעריסטיק וואס מיר ווילען איהר געבען, זאָל ניט קאָנען צוריק געווירען ווערען, זאָל פון קיינעם ניט קאָנען אָפּגעלייקענט ווערען.

אלע ווילען איינשטימען, גלויבען מיר, אז קולטור איז דער זיעג פון דעם מענשליכען גייסט, וואס יעדער איינער שפּירט אינווענינג אין זיך, איבער דער וועלט, וואס געפינט זיך אויסענווענינג פון אונז. און אין דעם גייסט גופא, וואס וואוינט אינוועניג אין אונז, איז קולטור דער זיעג פון אלץ, וואס מיר באצייכענען מיט דעם אויסדרוק „העכערעס" איבער אלץ, וואס געהט אונטערן נאָמען „נידעריגעס". קולטור איז אלץ דאָס, וואס פיהרט דעם מענשען אין זיין אנטוויקלונג פון דער חיה צו דעם איבערמענשען, אלץ דאָס, וואס מיר דערוואַרטען, אז עס זאָל אין דער צוקונפט שאַפען אזא תהום צווישען דעם איצטיגען מענשען און דעם איבערמענשען ווי עס איז געשאַפען געוואָרען צווישען דעם איצטיגען מענשען און דער חיה, פון וועלכער ער, דער מענש, שטאַמט, אָדער וואָס צו איהר האָט ער על כל פנים געהאט א גרויסע נאָהענטקייט און עהנליכקייט.

דער נצחון פון דעם גייסט, אין זיין קאַמף מיט דער וועלט אויסענוועניג פון איהם, פיהרט צו צוויי גאַנץ באַזונדערע רעזולטאַטען. איין רעזולטאַט איז דאָס, וואס דער גייסט דערקענט אלץ מער און מער פאַרבאָרגענע כחות אין דער נאַטור, וואס ער צווינגט די נאַטור איהם אויסצוזאָגען אלץ מער און מער זאַכען, וואס זי האָט עקשנות'דיג געהאַלטען אין זיך בסוד, און, וואס דורך דעם אנטפּלעקען זיך צו איהם אלץ נייערע און נייערע וועלטען. די דאָזיגע געוואָרוועררונגען, אנטדעקונגען און אנטפּלעקונגען, דערנעהנטערען דעם מענשען צו דעם מקור, מהות און תמצית פון דער וועלט, מאַכען איהם צו דערפילען אלס א טייל, און א באַדייטענדען טייל, פון דער באַשאַפענער וועלט־אַל קראַפט. אזא באַגריף פון נאָהענטקייט, אזא געפיהל פון אינטימליכקייט מיט דעם תוך פון דער וועלט שטאַרקט זיין נשמה, רעגט אָן דעם גייסט צו א שטאַרקער און טיפערער אנטוויקלונג, שאַפט א זין, א

ציעל און צוועק פאַר זיין לעבען, פאַרבינדט איהם מיט שטאַרקע פעדים צו דער אייביגקייט.

דער אַנדערער רעזולטאַט איז אַ ריין פּראַקטישער. דאָס איז די באַקוועמליכקייט און די פיזישע איינגענעמקייט, וואָס פילט אָן דעם מענשענס לעבען אַלץ מער און מער אַ דאַנק די אַלע אַנטדעקונגען, אַ דאַנק די אַלע אויפטואונגען פון דעם מענשליכען גייסט, דער עיקר, אויף דעם געביעט פון דער וויסענשאַפט. דאָס איז דער סכום פון אַלץ דאָס, וואָס ווערט גערעדט מיט דעם נאָמען ציוויליזאַציע, און וואָס איז מער אוממיטעלבאַר פאַרבונדען מיט דער אַזוי אָנגערופענער אָנווענדבאַרער וויסענשאַפט, איידער מיט די אַנדערע צווייגען פון קולטור, ווי רעליגיע, פילאָזאָפיע און קונסט.

פרעגען מיר זיך איצט: פון די דאָזיגע צוויי רעזולטאַטען פון קולטור, דעם ריין ספּעקולאַטיווען און דעם ריין פּראַקטישען, אָדער פון דעם רוחניות'דיגען און גשמיות'דיגען, וועלכער האָט ביז איצט געמאַכט מער פאָרשריט, וועלכער פון זיי האַלט ווי אין קייטען געשמידט דעם מענשליכען אינטערעס, די מענשליכע אויפמערקזאַמקייט? צו וועלכען פון זיי האָט זיך די מענשהייט איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען? אויף וועלכען פון זיי פאַרשווענדט זי איהר גאַנצע ענערגיע, מוזען מיר, בלי שום ספק, ענטפערען: דאָס איז דער ריין פּראַקטישער, דער גשמיות'דיגער. אין זיין ווענטקע וואַרפט זיך איצט דער מענש ווי אַ געפאַנגענע פיש.

פרעגען מיר ווייטער: ווי גרויס איז דער טייל פון דער מענשהייט, וואָס געניסט פון דער ציוויליזאַציע, פון דער מאַטעריעלער זייט פון דער קולטור, אין פאַרגלייך מיט דעם טייל, וואָס געניסט פון דער ספּעקולאַטיווער, אָדער ריין גייסטיגער זייט פון דער קולטור? באַקומען מיר אַלס ענטפער אַ פּראָפּאָרציע, וואָס איז פּשוט נשתומם צו ווערען פון איהר. וועהרענד מיליאָנען האָבען הנאה פון דער ציוויליזאַציע, ווי פון דער עלעקטריציטעט, אייזענבאַנען, דאַמפשיפען און פיעלע אַנדערע אַזעלכע זאַכען, ווען זיי האָבען נאָר אַביסעלע צייט דערפאַר, איז די צאָל פון די, וואָס האָבען די מינדסטע ידיעה וועגען אָט די אַלע כחות, וואָס טרייבען די קולטור און ציוויליזאַציע, אַ זעהר און זעהר אומבאַדייטענדע. די ציוויליזאַציע שלינגט רק מער און מער איין די קולטור אין די לעצטע דורות, און אַלס אַ פּועל יוצא דערפון ווערט די נשמה פון דעם מענשען אָרימער, לעדיגער, און אינהאַלטסלאָזער.

א קאמף געגען דער דאָזיגער נשמה־פארדארבענדיגער ציוויליזאציע איז אויפגעהויבען געוואָרען, ווי מיר האָבען שוין עס פריהער געזעהן פון רוסאָ, און ער איז פאָרטגעזעצט און דורכגעזעצט געוואָרען פון קארלייל, טאָלסטאָי, עמערסאָן, סטרינדבערג, מעטערלינק, און אויך פון אונזער אייגענעם פרץ, ד. ה., פון די אלע, וואָס האָבען אויפגעהערט צו פאלען כורעים פאר דער פאר־נונפט, פון די אלע, וואָס האָבען געפיהלט אָדער דערפיהלט, אז

קלאָר איז שניי —
און שניי איז קאלט, שניי איז טויט!

— — — — — — — — — — — — — — —

וואָס קלאָר איז קאלט
און ווי אייזען הארט
ווי שטאָל . . . .

(„די גאָלדענע קייט")

אינאיינעם מיט מאָריץ בענדיטזאָנ'ס אין פרץ'ס „פיער דורות — פיער צוואות", שרייט דער גאנצער איצטיגער דור: „א פארמעגען האָב איך גע'ירשנ'ט, און עס האָט געוואַקסען און געמערט זיך אָהן מיר, אָהן מיין ווילען", „עס האָט געוואַקסען ביז עס האָט מיך איבערגעוואַקסען", „איך געה אוועק פון דער וועלט נישט פאר נחת, ניט פון עגמת נפש, נאָר פון לעערקייט", מען האָט מיך א סך געלערנט, נאָר לעבען, און נישט איינשלינגען דאָס לע־בען, האָט מען מיך נישט געלערנט".

און ווילען מיר ,אז די קומענדע דורות זאָלען קאָנען לעבען און ניט איינשלינגען דאָס לעבען, מוזען מיר אָפּווענדען דעם מענשען פון זיין יאָגע־ניש נאָך עקאָנאָמישע, מאטעריעלע און גשמיות'דיגע זאכען, וואָס קאָנען צו־פרידענשטעלען און אָנזעטיגען זיינע אפעטיטען און פארלאנגען, וואָס קאָנען אָבער ניט שאַפען קיין דויערהאַפטען אינהאלט פאר זיין נשמה, און קאָנען ניט זיין דער תיונה קוואַל, וואָס זאָל שפייזען און דערנעהרען זיין גייסט.

און אזוי לאנג ווי די געזעלשאַפט וועט געבען מעגליכקייטען און גע־לעגענהייטען איינעם אָדער איינציגע צו האָבען מער מאטעריעלע גיטער פאר דעם אנדערען אָדער אנדערע, אזוי לאנג וועלען זיינע באַשטרעבונגען און באַ־גערען נאָך מער וואוילטאָג, מער לוקסוס, און מער מאטעריעלער רייכקייט, איינשלינגען זיינע גלוסטונגען און נייגונגען צו א העכערען גייסטיגען לע־

בען, צו אַלע די פּאַרטיפּונגנען אין זיך, און די באַטראַכטונגען וועגען אַלץ אַרום זיך, וועלכע ברייננען אַרויס אַלץ דאָס, וואָס מיר רופען קולטור.

אַ גרויסער פּסיכאָלאָגישער אמת איז אַנטהאַלטען אין פּושקינ׳ס מעשה וועגען דעם פישער און גאָלדען פישעלע. די טבע פון דעם פישער׳ס ווייב איז אויף אַ האָר ניט אַנדערש, ווי די טבע פון יעדען איינציגען מענשען. האָט ער אַ גאַנצע קאָרעטע, וויל ער אַ נייע הויז, האָט ער אַ נייע הויז, וויל ער זיין אַ פריץ, ווערט ער אַ פּריץ, וויל ער זיין אַ קיסר, איז ער אַ קיסר וויל ער די וועלט באַהערשען, ביז דאָס גאָלדענע פישעלע טוט אַ קלאַפּ מיט׳ן עק אין וואַסער און פאַרשווינדט אין טיפען ים אריין...

ווילען מיר מאַכען אַ סוף צו דער גייסטיגער לעערקייט און קולטורעלער אָרעמקייט, וואָס באַהערשט איצט די נשמות פון די מענשען, מוזען מיר מיט דעם וואָרצעל אויסרייסען די עקאָנאָמישע אומגלייכהייט, וועלכע האָט געטריבען דעם מענשען פון גייסט צו מאַטעריע, פון פּאָעזיע צו פּראָזא, פון ראָמאַנטיזם צו רעאַליזם, פון ספּעקולאַציע צו פּראַקטישקייט, פון קולטור צו ציוויליזאַציע.

אַבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט וועט ניט פּאַראַליזירען חלילה די באַשטרעבונגען און באַגערען פון דעם מענשען, זי וועט ניט אויסוואָרצלען ביי איהם די אַמביציע און די קנאה. זי וועט בלויז אריבערטראָגען זיי פון דעם עקאָנאָמישען און מאַטעריעלען געביעט אויף דעם גייסטיגען און קולטורעלען. און אויך אויף דעם דאָזיגען געביעט איז פאַראַן גענוג פּלאַץ פאַר דעם פרייעסטען שפּיעל און ברענענדיגסטען קאַמף פון די מענשליכע אינסטינקטען, עמאָציעס, באַגערען און פאַרלאַנגען. דערצו זאָגט עדות דער טעאָרעטיקער פון דעם רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם דר. זשיטלאָווסקי אַליין אין זיינע אָפּהאַנדלונגען איבער „די היסטאָרישע אידען פאַרבינדונגען".

„דער אינהאַלט פון דער גאַנצער מענשליכער געשיכטע", זאָגט ער דאָרט, „איז דער גרופּען־קאַמף — אַזוי דאַרף מען לייענען דעם פּסוק, וואָס איז ביי קאַרל מאַרקס אין מאַניפעסט פאַרגרייזט געוואָרען. „קלאַסען קאַמף" שטעהט ביי איהם געשריבען, „גרופּען קאַמף", דאַרף מען לייענען. דער קלאַס איז נאָר איינע פון יענע גרופּען, אין וועלכע די מענשליכע געזעלשאַפט צופאַלט, און ווערט פאַראייניגט. איהר איינהייט איז ניט פון אַ באַרג זאַמד, וואָס באַשטעהט פון קליינע זאַמדלאַך, זי איז אַ כמו אָרגאַניזם, וואו די

גרופען שפּילען די ראָלע פון כמו אָרגאַנען· רעליגיעזע סעקטען, פּאָליטישע פּארטייען, פילאָזאָפישע שולען, סאָציאַלע באַוועגונגען, עקאָנאָמישע קלאַסען, נאַציאָנאַלע קולטור ספערען, — דאָס זיינען אַלע פארשיידענע פאָרמען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס דער גרופּירונגס פּראָצעס פון דעם געזעלשאַפט־ליכען לעבען״.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז ווען די עקאָנאָמישע קלאַסען, און יעדער איינ־ציגער עקאָנאָמישער פאַקטאָר, וואָס רייצט די נערוון פאר דער גייסטיגער אַנטוויקלונג, אינסטינקטען און עמאָציעס, וואָלט לגמרי עלימינירט געוואָרען, וואָלטען נאָך אַלץ געבליבען איבערגענוג צום קאמף און צו איבערשטייגונג: סטימולירענדע און אַנטרייבענדע קראַפטען און פאַקטאָרען, מחמת דאָס פעלד פון קולטור, דער געביעט פון גייסט האָט ניט קיינע גרעניצען, ניט אין דער לענג, ניט אין דער ברייט און ניט אין דער טיעף. און אַלע אָנשטרענגונגען און באַמיהונגען אין דער וועלט צו איבערשטייגען איינער דעם אַנדערן אויף דעם דאָזיגען געביעט קאָנען זיך קיינמאָל ניט אויסלאָזען, דערמיט וואָס עס וועט געמאַכט ווערען אַ סוף צום פארלאַנג, איינצושלינגען איינער דעם אַנ־דערען, און זיי קענען דערפאר קיין מאָל ניט פיהרען ווי אויף דעם עקאָנאָ־מישען געביעט צו אַ ספּיריטועלער דעגראַדאַציע, צו אַ פאַרדאָרבענקייט פון דער נשמה.

אַ זעהר שעהן בילד וועגען די נייע האָריזאָנטען וואָס עפענען זיך פאַר אונז, וואָס העכערע שטאַפּלען פון קולטור לייטער מיט באַטרעטען, צייכענט אונז דר. זשיטלאָווסקי אין דער שוין פריהער דערמאָנטער אָפּהאַנדלונג. ער זאָגט: „דער „אַטאָם״ וואַקסט אויס צו אַ גאַנצער זעלבסטשטענדיגער וועלט, מיט נייע, נאָך ניט קיין אויסגעפאָרשטע ערשיינונגען און געזעצען. עס איז ניט ווייט די צייט, ווען מען וועט אין דער פיזיק דאַרפען אָברוימען אַ באַזונדער אָפּטיילונג פאר דער „אַטאָמאָלאָגיע״, פאַר יענע עקספּערימענ־טען און סברות, וועלכע וועלען האָבען צו טאָן מיט די רייכע און פאַרפּלאָנ־טערטע פּראָצעסען, וואָס קומען פאַר אין אַט דעם איינפאַכסטען און קלענ־סטען טייל פון דער, דאַכט זיך, איינפאַכסטער און פשטות׳סטער זאַך אין דער וועלט, דער „מאַטעריע״. און וואָס וועט זיך דאָס אָביסעל אָבטאָן, ווען דער מענש וועט אַריינדרינגען אין דעם לעבען און די פּראָצעסען פון יענעם מאַרך מאָלעקול, וואו עס ווערען באַשאַפען באַוואוסטע געדאַנקען!

גרענצלאָז איז די וועלט ניט נאָר אין דער ברייט נאָר אויך אין דער טיעף; גרענצלאָז איז אויך דעם מענשענ׳ס דערקענטניס פארלאַנג, דער ים איז אַ טראָפּען לגבי איהם.״

אם כן, אויב דאָס איז יאָ אַזוי, אויב עס איז ניט פאראַן די מינדסטע געפאַר, אַז מיט דעם אָפּטויטען דעם באַשטרעב און פארלאַנג צו באַזיצען און צו געניסען מאַטעריעל און עקאָנאָמיש מער פאר דעם אַנדערען, זאָל אַריינ־געבראַכט ווערען אַ שטילשטאַנד אין דעם מענשליכען גייסט, וואָס זאָל אָפּ־שטעלען זיין אַנטוויקלונג, קאָן דאָך קיין שום ספק מער ניט זיין וועגען דעם, אַז די אַבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט וועט ווערען אַ מעכטיגער פאַקטאָר, אַ שטאַרקע טרייב־קראַפט פון דעם פּראָגרעס פון דער קולטור. ווען מיר טוען אַ טראַכט וועגען דער אומגעהויער מאָס פון ענערגיע, פעהיגקייט, טאַלאַנט און געניאַליטעט, וואָס ווערט פארשווענדעט איצט פון דעם מענשען ניט אויף דעם, וואָס איז נויטיג פאר דער דערהאַלטונג, אויף אַ גאַנץ באַקוועמען אופן, פון זיין עקזיסטענץ, נאָר בלויז אויף דער דערוווערבונג פון אַלץ מער און מער פאר דער צווייטען; און ווען מיר זעהן איין, אַז פיעל מער געניאַליטעט פיעל מער פעהיגקייט, פיעל מער טאַלאַנט, פיעל מער געניאַליטעט וועט אונטער אַ סיסטעם פון אַבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט אַנגעווענדעט ווערען אויף פילאָזאָפיע, רעליגיאָן, וויסענשאַפט און קונסט, און ווען מיר דערמאָנען זיך דערצו, אַז אַלע אויסדרוקען פון דעם מענשלי־כען גייסט וועלען אונטער אַזאַ עקאָנאָמישער אָרדנונג קיין ברירה ניט האָ־בען ווי נאָך זיך קאָנצענטרירען אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם העכסטען, שענסטען און בעסטען אין דער מענשליכער נשמה, קאָנען מיר, מיט דער אומ־צווייפלהאַפטער זיכערהייט, זאָגען, אַז דער שנעלסטער קולטורעלער פּראָ־גרעס איז מעגליך נאָר אונטער אַן אָרדנונג פון אַבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט.

איצט קומען מיר צו דער לעצטער פראַגע בנוגע דער עקאָנאָמישער גלייכהייט. דראָהעט ניט די אַבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט מיט גע־פאַר פאַר דער פּערזענליכער פרייהייט? אונז איז די פּערזענליכע פרייהייט זעהר טייער. מיר באַטראַכטען זי פאַר איינעם פון די וויכטיגסטע יסודות פון פּראָגרעס, און מיר וואָלטען זיכער ניט געוואָלט מיט קיין מינדסטען טייל פון איהר מקריב זיין פאַר דער עקאָנאָמישער גלייכהייט.

ווען מיר פארטיידיגען אבער אזוי שטארק די עקאנאמישע גלייכהייט איז עס נאר דערפאר, וואס מיר זיינען איבערצייגט, אז נאר זי קאן אונז געבען נים נאר דעם שנעלסטען סאציאלען און קולטורעלען פראגרעס, נאר אויך, און אפשר מער פאר אלץ, די פערזענליכע פרייהייט, וועלכע איז אפשר נויטיגער פאר אונזער גייסטיגער עקזיסטענץ איידער אלץ אין דער וועלט.

אונטער פערזענליכער פרייהייט קאן, דאכט זיך אונז, קיין אנדער זאך נים פארשטאנען ווערען ווי די פולסטע מעגליכקייט און די ברייטסטע געלעגענהייט פאר דעם איינצעלנעם צו אנטוויקלען און ארויסצוברייגען מכח אל הפועל דאס טיעפסטע, דאס העכסטע, דאס בעסטע און שענסטע אין איהם. אויבענאויפיג גענומען קלינגט די דאזיגע דעפיניציע פאראדאקסאל, ווייל ממה־נפשך איז עס פערזענליכע פרייהייט, פאר וואס־זשע זאל דעם יחיד נים געגעבען ווערען די מעגליכקייט און געלעגענהייט צו אנטוויקלען, אויב איהם ווילט זיך, דאס ערגסטע און מיאוס'טע אין זיך? טראכטען מיר זיך אבער אריין אין דער טבע פון נידעריגע און שלעכטע מדות, געפינען מיר, אז עס איז נים פאראן קיין איין איינציגע שלעכטע מדה, וואס ווען פראקטיצירט פון איינעם, זאל, פריהער אדער שפעטער,—און על פי רוב איז דאס פריהער איידער שפעטער—נים ארויסקומען קיין שאדען צום צווייטען. סיי דאס גוטע, סיי דאס שלעכטע אין אונז איז, ערשטענס, זעהר און זעהר אנשטעקענד, און צווייטענס, מוזען על פי הכרח די אנדערע פון דעם שלעכטען אין יעדען איינציגען ליידען, אקוראט אזוי ווי זיי פראפיטירען פון דעם גוטען אין יעדען אינדיווידן געגען זייער אייגענעם ווילען. אזוי, אז עס איז די פרייהייט פון איינעם, וואס דערלויבט נים דעם אנדערען פריי צו אנטוויקלען זיינע טייוועלשע אייגענשאפטען, און ממילא מוז פערזענליכע פרייהייט באדייטען די פולסטע גאראנטיע פאר דער אומגעשטערטער אנטוויקלונג בלויז פון דעם העכערען, שענערען און בעסערען „איך" פון יעדען איינציגען יחיד אין דער געזעלשאפט.

דערביי מוזען מיר אויך שטארק אין זינען האבען, אז די אנטוויקלונג פון דעם יחיד איז זעהר און זעהר ענג און אינטים פארקניפט מיט דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט, פון וועלכער ער איז א מיטגליעד. ווען איינער מיט דעם נאמען סעריפיאן האט באליידיגט טעמיסטאקלען און ער האט איהם געזאגט אז ער, טעמיסטאקעל, איז בארימט געווארען נים פאר זיינע אייגענע פארדינסטען, נאר דערפאר וואס ער איז אן אטענער, האט

איהם דערויף טעמיסטאָקעל געענטפערט: „ווען דו וואָלסט געבאָרען געווארען אין מיין לאַנד, אָדער איך אין דיין לאַנד וואָלט קיינער פון אונז ניט געווען בארימט".

דער זעלבער זין איז פארבאהאלטען אין דעם ענטפער, וואָס וואָלטער האָט געגעבען צו זיין סעקרעטאר אויף דער פראגע: „וואָס וואָלט ער געטאָן ווען ער זאָל געווען געבאָרען ווערען אין שפּאַניע?" „איך" האָט וואָלטער געזאָגט „וואָלט געגאַנגען צו דער מעסע, געקושט די קליידער פון מאָנאַכען, און וואָלט אונטערגעצונדען זייערע מאָנאַסטירען".

וויפיעל פון דעם אַלץ, וואָס דער אינדיווידואום ברייגגט מיט זיך בעת ער קומט ארויס פון זיין מוטער'ס טראכט, און וואָס ליגט פאָטענציעל אין יעדען קנייטשעלע פון זיין מאַרך, אין יעדען באַזונדער פעדעמעל פון די מיליאָנען קעמערלאך וואָס שטעלען צונויף זיין קערפּער, וויפיעל, זאָג איך, דערפון זאָל האָבען אַ קינעטישע ווערט, וויפיעל דערפון זאָל זיין באמת אַ ווירקענדע רעאגירענדע מאכט און קראַפט, וואָס זאָל ברייגגען ממשות'דיגע און קאָנקרעטע רעזולטאַטען, ווענדט זיך זעהר און זעהר פיעל אין דעם סטאַטוס פון דער פּראָגרעסיווער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט אויף אַלע געביעטען.

אין זיין אַנאַליז פון די יסודות פון פּראָגרעס האָט, גלויב איך, דר. זשיטלאָווסקי ארויסגעלאָזט איינעם אַ זעהר וויכטיגען יסוד, דעם יסוד וואָס דאַרף קומען טאַקע באַלד נאָך דעם יסוד פון קולטור רייכקייט. איך מיין דאָ, דעם יסוד פון קולטור אויסברייטונג וואָס אויף איהם האָט זיך זעהר שטאַרק אָפּגעשטעלט באָקל אין זיין „געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע."

אַקוראַט ווי אַ לאַנד קאָן זיין אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג אומגעהויער רייך, און דאָך זאָלען מיליאָנען פון זיינע איינוואוינער לעבען אין דחקות און אָרעמקייט, אזוי קאָן אַ פאָלק אָדער געזעלשאַפט זיין קולטור רייך און דאָך זאָל דער גרעסטער טייל פון פאָלק, אָדער געזעלשאַפט זיין קולטור ארעם, צוליב דעם, וואָס ער האָט ניט געהאַט די געלעגענהייט זיך צו אנטוויקלען און זיך צו פארטיפען אין זיין אייגענעם זעלבסט און אין די שייכות'ן צווישען איהם און אַלץ, וואָס רינגעלט איהם ארום.

אַ געזעלשאַפט קאָן ניט צו וויט געהן אין איהר פּראָגרעס, אויב איהר קולטור הויפּקייט און קולטור טיעפקייט איז קאָנצענטרירט אין אַ קליינעם

קרייז מיטגליעדער, און ארום דעם קרייז איז די גרויסע מאסע, וואס אין איהרע רייהען הערשט א גייסטיגע פינסטערניש, וואס ווי די מצרים'דיגע קאן מען זי מיט די הענט אנטאפען; מעג א געזעלשאפט האבען די גרעסטע קולטור שאפער און קולטור טרעגער, האט זי אבער אין דער אייגענער צייט ניט געגעבען, צוליב אזא, אדער אנאנדער אורזאך, די מעגליכקייט איהרע גרויסע מאסען די קולטור איפצונעמען; אסימילירען זי און פון איהר אמת'ע הנאה צו האבען, אזא געזעלשאפט,—אזוי לערענט אונז די גריכענלאנד פון אמאל, און דייטשלאנד פון איצט,—מוז געהן צו גרונד אדער ווערען באנ־קראט. און צו וואס נוצט יעמאלט דעם יחיד אין אזא געזעלשאפט זיין פערזענליכע פרייהייט?

טראכט עמיצער וועגען זיין פערזענליכער פרייהייט, וועגען דער אנט־וויקלונג פון זייער העכערען „איך", אין ברייטסטען און טיעפסטען זין פון ווארט, קאן ער זיך בשום אופן ניט העלפען צו טראכטען ניט נאר וועגען דעם איצטיגען, באלדיגען אנטוויקלונגס גאנג פון דער געזעלשאפט, נאר אויך וועגען איהר ווייטער, ווייטער צוקונפט, וועגען איהר שיקזאל אין דער אומענדליכער אייביגקייט. דען דער העכערער „איך" איז באוואוסטזיניג אויף די דינענקע אונזיכטבארע פעדים, וואס וועבען זיך אומאויפהערליך צווישען איהם און דער אייביגקייט, און אלץ, דאריבער, וואס שמעקט מיט געפאר פאר דער דויערהאפטיגקייט פון זיין שאפען און ארבייט, איז דער גרעסטער שטער צו זיין אנטוויקלונג. וואס מער זיכערהייט, דאריבער, איי־נער זעהט פאר דעם סאציאלען און קולטורעלען פראגרעס פון דער געזעל־שאפט, אלץ מיט מער אייביגקייט ווערט ער זיכער פאר דאס שענסטע, בעסטע און העכסטע, וואס ער איז בכח ארויס צו ברייגנען, אלץ מער זין באקומען פאר איהם אלע זיינע אנשטרענגונגען און באמיהונגען צו טרייבען די אנטוויקלונג פון זיין העכערען „איך", אלץ העכער ווערט זיין פערזענ־ליכע פרייהייט.

נעמען מיר אלזא אן, אז די העכסטע פערזענליכע פרייהייט איז ניט מער און ניט אנדערש ווי די פולסטע און העכסטע אנטוויקלונג פון דעם העכערען „איך" אין יעדען איינציגען מענשען; אז די דאזיגע אנטוויקלונג קאן ניט קומען צו איהר פולסטען און העכסטען אויסדרוק אין א געזעלשאפט מיט א נידעריגען דורכשניט פון גייסטיגער אנטוויקלונג, און, שליסליך, אז די פולע און הויכע אנטוויקלונג פון יעדען יחיד, דער איינציגער אויסדרוק

פון זיין פערזענליכער פרייהייט, האָט ניט נאָר אַן אוממיטעלבאַרע שייכות צו דעם געגענוואַרטיגען צושטאַנד פון געזעלשאַפטליכען פראָגרעס, נאָר אַז זי איז אויך דירעקט אָפּהענגיג פון די אויסזיכטען פאַר דעם געזעלשאַפטליכען פראָגרעס אין אַזוי ווייט אַ צוקונפט, ווי אונזער פאַנטאַזיע קאָן זיך נאָר מאָלען — נעמען מיר אָן אַז די אַלע דריי זאַצען, וועלכע, איך דענק, אַז מיר מוזען אָננעמען, איז פון זיך שוין קלאָר און זיכער אַז די העכסטע פערזענליכע פרייהייט געהט האַנט אין האַנט מיט דעם שנעלסטען סאָציאַלען פראָגרעס, און ספּעציעל מיט דעם קולטורעלען פראָגרעס.

איז עס אַלזאָ מובן מאליו, אַז נאָר אין אַ געזעלשאַפט פון אַבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט, וואו דער סאָציאַלער און קולטורעלער פּראָגרעס איז דער שנעלסטער, איז מעגליך די העכסטע פערזענליכע פרייהייט.

און אויב צום רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם איז די פערזענליכע פרייהייט טייערער איידער דעם מאַרקסיסטישען סאָציאַליזם, וואָלט ער, ווי אונז דוכט זיך, געדאַרפט מיט זיין גאַנצער מאַכט זיך איינשטעלען פאַר דער אַבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט. בכדי אָבער די פערזענליכע פרייהייט זאָל קאָנען געהן האַנט אין האַנט מיט דער אַבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט, אָדער נאָך מער, בכדי די אמת'ע פערזענליכע פרייהייט זאָל ניט קאָנען זאָגאַר געמאָלט זיין אָהן דער אַבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט, מוז מען אַנערקענען די אַבסאָלוטע ווערט פון דער פערזענליכער פרייהייט, ד. ה. דער „איך" דאַרף גענומען ווערען אין איינבאַטראַכט ניט ווי ער שטעהט און געהט, נאָר אין זיין אינטימער פאַרבינדונג מיט אַלץ, וואָס איז געווען פאַר אים ווי אויך מיט אַלץ, וואָס וועט פּאַסירען נאָך אים, ד. ה., די פּערזאָן אין דעם פאַל, דאַרף באַטראַכט ווערען אַלס אַ רינגעלע אין דער קייט פון דער אייביגקייט, אָדער אַלס אַ וואָל אין דעם שטראָם פון דער דויער, און די גאַנצע פראַגע פון פרייהייט ווערט יעמאָלט ניט מער קיין פראַגע פון פערזענליכע נוצען פאַר דעם אינדיווידּ, נאָר פון אוניווערזאַלע ווערטען פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם מין מענש; די פראַגע ווערט יעמאָלט אַ ריינע קולטור פראַגע, און די ציוויליזאַציע ווערט אינגאַנצען פון אויג אַרויסגעלאָזט, די צייטווייליגע באַקוועמליכקייט טרעטען אינגאַנצען אָפּ איהר אָרט דער אייביגער גליקזעליגקייט.

דאָס איז אָבער ניט געווען דער שטאַנדפּונקט פון דעם רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם, און דאָס וועט ניט זיין דער שטאַנדפּונקט זיינער, כל זמן ער וועט שטעהן אויף די יסודות פון ראַציאָנאַליזם און רעלאַטיוויזם, וואָס זיי האָט די ציוויליזאַציע אַזוי שטאַרק ליב, און די קולטור אַזוי שטאַרק פיינט. און די דאָזיגע יסודות פון רעלאַטיוויזם און ראַציאָנאַליזם זיינען אויך פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם, וואָס דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם האָט ניט געגעבען די מעגליכקייט צו האַרמאָנירען פּערזענליכע פרייהייט מיט דער אבסאָלוטער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט און פאַר זיין איינשטעלען זיך אַזוי שטאַרק פאַר דער פּאָליטישער דעמאָקראַטי אין דער צייט ווען עס הערשט נאָך אין איהר פולער טרויעריגקייט די עקאָנאָמישע אומגלייכהייט.

אַנערקענען מיר אָבער די אבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט אלס דעם נייטווענדיגען פאַקטאָר אין דער אנטוויקלונג און פאָרטשריט פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען און דער מענשליכער קולטור, און אלס דעם סינע קווא נאָן פון דער פּערזענליכער פרייהייט, מוזען מיר קומען צום שלום אַז זי, די עקאָנאָמישע גלייכהייט, מוז פריהער פון אלץ איינגעפירט ווערען, זי מוז אומבאַדינגט און אונטער אלע אומשטענדען אריינגעבראַכט ווערען אין דעם סאָציאַלען לעבען, איידער מען רעדט און מען טוט עטוואָס אנדערש פאַר דער איינאָרדנונג און איינריכטונג פון א נייעם געזעלשאַפטליכען לעבען. און נאָר די, וואָס ליידען אַם ביטערסטען און אַמשטאַרקסטען פון דער אומגלייכהייט, מוזען זיין די יעניגע, וואָס זאָלען ביד חזקה, אויב עס איז ניטאָ קיין אַנדער ברירה, אריינפירען און אויף אייביג פעסט אוועקשטעלען די גלייכהייט.

עס איז דאָך קלאָר ווי קלאָר קאָן נאָר זיין, אַז וואָס נויטיגער די עקאָנאָמישע גלייכהייט איז פאַר דעם פּראָגרעס פון דעם יחיד און פון דער געזעלשאַפט, וואָס מער דרינגענד די סאָציאַלע גערעכטיגקייט פאָדערט אַז קיינע עקאָנאָמישע פּריווילעגיעס, קיינע בעסערע און גרעסערע עקאָנאָמישע מעגליכקייטען זאָלען געגעבען ווערען, אָדער געמאַכט ווערען פאַר איינעם אין דער געזעלשאַפט אין פאַרצוג צו דעם אנדערען, אלץ שרייענדער איז די אומרעכט און די אומגערעכטיגקייט פון דער איצטיגער שרעקליכער עקאָנאָמישער אומגלייכהייט.

אין אונזער ערשטע טעזע ריכטיג, זיינען יעמאָלט אויך ריכטיג די פאָלגענדע ווערטער, וואָס דער בארימטער פראַנצויזישער שרייבער ראמאַן ראלאַן לייגט אריין אין דעם מויל פון זיין העלד זשאַן קריסטאָף: „יעדער מענש, וואָס האָט מער איידער דאָס, וואָס איז נויטיג פאר זיין חיונה און פאר דער חיונה פון זיין פאמיליע און פאר דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון זיין אינטעליגענץ, איז א גנב און א רויבער. אויב ער האָט צופיעל מיינט עס, אז אַנדערע האָבען צו ווייניג". וועגען דער גרויס און דער ברייט פון דער גנבה און גזלה פון דער איצטיגער אָרדנונג אפילו אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, גיט אונז א באַגריף פּראָפעסאָר ראָס, וועלכער איז ניט קיין סאָציאַליסט. ער זאָגט פאָלגענדעס: „לויט די אונטערזוכונגען פון פּראָפעסאָר קינג, א סטאַטיסטיקער פון אומצווייפעלהאַפטער סענטעניש און אומפּאַרטייאישקייט, זענען פינף און זעכציג פּראָצענט פון אונזער באַפעלקערונג אָרעם, דאָס הייסט זיי האָבען זעהר ווייניג אָדער נאָר קיין אייגענטום ניט אַחוץ זייערע קליידער און א ביסעל בילינגען מעבעל. און זייער דורכשניטליכער יערליכער איינקונפט איז ווייניגער ווי צוויי הונדערט דאָלאַר פער קאַפּיטא. דריי און דרייסיג פּראָצענט פון אונזער פאָלק שטעלט צענויף דעם מיטעלען קלאַס, וואָס פון איהם לאָזט איבער יעדער איינער ווען ער שטאַרבט אַן אייגענטום, וואָס טרעפט אָן פון איינס ביז פערציג טויזענד דאָלאַר. די איבעריגע צוויי פּראָצענט נעמען אריין די רייכע, וואָס האָבען אין זייער באַזיץ כמעט אַנדערהאַלבען מאָל אזוי פיעל ווי די אַנדערע אַכט און ניינציג פּראָצענט אינאיינעם".

פרעגט זיך איצט: רבונא דעלמא כולא, פאר וואָס אזא גוואַלדיגער רעספּעקט פון אייניגע סאָציאַליסטען בכלל, ומצד דר. זשיטלאָווסקי בפרט, פאר דער איצטיגער פּאָליטישער רעמאָקראַטי, אונטער וועלכער עס איז מעגליך געוואָרען, אז צוויי פּראָצענט פון א באַפעלקערונג זאָל האָבען אַנדערהאַלבע מאָל אזוי פיעל ווי די איבעריגע אַכט און ניינציג פּראָצענט? פאר וואָס זיין אזוי געפערליך אין כעס אויף די סאָציאַליסטען, וואָס האָבען זיך אויף א ווייליטשקע ערלויבט צו דיינקען, אז די סאָציאַלע גערעכטיגקייט, וואָס באַטראַכט די איצטיגע עקאָנאָמישע אומגלייכהייט אָדער עקספּלואַטאַציע (גנבה און גזלה בלע"ז), פאר דער גרעסטער עולה אין דער וועלט, פאָדערט אז די פּאָליטישע פאָרמולע זאָל זיך ניט מער לעזען אז איין מענש איז אין פּאָליטיק גלייך צו איינעם, נאָר אז יעדער ניט עקס-

פלוטאקראַט און יעדער ארבייטער איז אין פּאָליטיק גלייך צו איינס; איז ער אָבער יאָ אַן עקספּלואַטאַטאָר, איז ער ניט קיין ארבייטער, ווען ער קאָן און דאַרף ארבייטען, זאָל ער זיין גלייך צו נול אין דער פּאָליטיק. פאַר וואָס טאָקע ניט איינפירען אַזאַ רוהיגע, שעהנע און אנשטענדיגע לאָזונג ווי: נול אין דער פּאָליטיק, אויב דו עקספּלואַטירסט און אַרבייטסט ניט? פאַר וואָס ניט איינזעהן, אַז די גרויסע מעלה פון דער דאָזיגער לאָזונג איז, וואָס זי וועט גאָר אין גיכען צווינגען יעדען איינציגען צו לערנען פשט, אַז היות ווען עקספּלואַטירען האָב איך ניט ווערען, ווען איך וויל, און עסען איז ניטאָ וואָס, ווען איך ארבייט ניט, לכן האָב איך קיין אַנדער ברירה ניט ווי ארבייטען מיט יעדען איינעם צוגלייך? און וואָס קען מען אויסזעצען פון אַן עטישען און סאָציאַל פּראָגרעסיווען שטאַנדפּונקט, ווי אויך אפילו פון שטאַנדפּונקט פון פערזענליכער פרייהייט, געגען אַ געזעלשאַפט, וואו יעדער איינער ארבייט און יעדער איינער האָט אַ רעכט צו שטימען, און די שטימע פון איינעם איז אַקוראַט אַזוי גוט ווי די שטימע פון אַנאַנדערען? אום גאָטעס ווילען, איז דאָס ניט די העכסטע און שענסטע פאָרם פון אַ דעמאָ־קראַטי, וואָס מיר קענען זיך נאָר פאָרשטעלען? פאַר וואָס־זשע, פרעגט זיך נאָך אַמאָל, שיטען שוועבעל און פעך אויף די באָלשעוויקעס דערפאַר, וואָס זיי האָבען ניט ארונטער גענומען די הוט פאַר איהר מאַיעסטעט, דער יעצטיגער דעמאָקראַטיע, וועלכע גיט אַלץ צו צוויי פּראָצענט, און גאָרניט, אָדער זעהר ווייניג, צו אַכט און נייַנציג פּראָצענט?

לאָמיר זיך איצט אַביסעל אָפּשטעלען אויף דר. זשיטלאָווסקי'ס פאָ־דערונג פון רעספּעקט פאַר דער איצטיגער דעמאָקראַטי.

אין דעם זעלבען ארטיקעל וואָס איך האָב שוין דערמאָנט, „די באָלשעוויקעס און די „עס־ער־ען" פיהרט דר. זשיטלאָווסקי די פּאָל־געגנדע פּאָלעמיק געגען די באָלשעוויקעס: „מענשען וואָס האָבען, ווי די באָלשעוויקעס, אַזאַ בליק אויף דער מהות פון דעם מענשליכען אמת, קאָנען כלל וכלל ניט נתפעל ווערען פון דעם אַנדערענס „פּערזענליכע פרייהייט" און קאָנען האָבען גאָר ווייניג דרך־ארץ פאַר דעמאָקראַטיע."

ווי זאָגט ביאַסאָלאַ אין אַנאַטאָל פראַנס'עס ראָמאַן, „העַר בערזשערע אין פּאַריז", „יענע סאָציאַליסטען וואָס באַהויפּטען ווענען זיך, אַז ער איז אַ סאָציאַליאַן, אַז זיין סאָציאַליזם איז אַ וויסענשאַפטליכער, אַז ער האָט

געהאט א קליין קעסטעלע מיט א קאלעקציע פון פאקטען, פאנאנדערגעטיילט אין רובריקען, וואס ערלויבען איהם מעטאדיש צו מאכען עקספערימענטען איבער דער רעוואלוציע.

„ניט אין דעם פאלק", זאגט ער, „נאר אין דער וויסענשאפט—ליעגט די העכסטע אויבערמאכט. א נארישקייט וואס ווערט איבערגע'חזר'ט אין זעקס און דרייסיג מיליאן מיילער, הערט נישט אויף צו זיין א נארישקייט".

מענשען וואס טראגען ווי ביאסאלא דעם אבסאלוטען אמת אין זייער בוזעמ־טאש און האבען נאך דערצו א קעסטעלע מיט רובריצירטע פאקטען, וואס ערלויבט זיי „מעטאדיש צו מאכען עקספער־מענטען איבער דער רע־וואלוציע", וועלען ניט איבערלאזען דעם גורל פון זייער אמת אויף דעם באשלוס פון א דעמאקראטישער גזעצגעבענדער קערפערשאפט, אפילו ווען יענע קערפערשאפט זאל זיך רופען „אוטשרעדיטעלנאיע סאבראניע" (קאנסטיטואירענדע פערזאמלונג).

וואס פאר א רעספעקט קאנען זיי האבען פאר א קאנסטיטואירענדער פארזאמלונג, ווען איהר מאיאריטעט איז ניט מסכים מיט זיי? אויב יענע מאיאריטעט געהט להיפך צו זייער אבסאלוטען אמת, קאנען זיי לכתחילה זיין זיכער, אז זי, די מאיאריטעט, איז צונויפגעשטעלט אדער פון שוטים אדער פון עם הארצ'ים אדער פון מנולים, אדער פון מטורפים, אדער פון קלאססען פארבלענדטע, אדער פון זיי אלעמען אינאיינעם.

זיי קאנען ניט האלטען פון דעם געדאנק, אז ניט די מענשען זענען צוליעב דעם סאציאליזם, נאר דער סאציאליזם איז צוליעב די מענשען, און אז דאריבער קאן מען דעם סאציאליזם ניט ארויפצווינגען אויף מענשען, אויב זיי ווילען איהם ניט."

דר. זשיטלאווסקי וואלט געווען גערעכט מיט יעדער איינציגער טענה זיינער געגען די באלשעוויקעס, ווען עס זאל זיך האנדלען וועגען א געזעלשאפט, וואו די עקאנאמישע גלייכהייט איז עטאבלירט, און ממילא זיינען די מעגליכקייט און געלעגענהייטען טאקע אויף אן אמת גלייכע. האנ־דעלט עס זיך אבער וועגען א געזעלשאפט, וועלכע, ווי די איצטיגע, האט אוועקגעגעבען דעם טאפ לינזען און איינעם מיט איהם די בכורה צו צוויי פראצענט פון דער געזעלשאפט, און די דאזיגע צוויי פראצענט, א דאנק

דעם וואס די לינזען זיינען ביי זיי אין די הענט, קאנען מאכען די אכט און נײַנציג פראצענט טאנצען לויט דעם, ווי זיי שפּילען,—ווען עס האנדעלט זיך וועגען אזא געזעלשאפט מיט אזא מין סארט דעמאקראטיע, זאגען מיר, אז די באלשעוויקעס זיינען געווען גערעכט, ווען זיי האבען אין דעם מאמענט פון רעוואלוציאנערען עקסטאז פארגעסען אין דעם מארקסיזם און האבען די רעכט פון דעם עקספּלואטירטען ארבייטער אוועקגעשטעלט העכער איבער דער פּאליטישער דעמאקראטיע. זיי האבען, זעהט אויס, אין דעם מאמענט אינסטינקטיוו דערפיהלט, אז עס איז פאראן אזא זאך ווי אבסאלוטע גע־רעכטיגקייט, וואס האט איהר אוממיטעלבארען אויסדרוק אין דער עקאנא־מישער גלייכהייט און כל זמן עס איז ניט פאראן קיין עקאנאמישע גלייכ־הייט, קאן דער שטים קאסטען בשום אופן ניט רעגיסטרירען דעם אמת'ן ווילען און באגער פון פאלק אדער פון דער געזעלשאפט.

עס איז אמת, אז היות ווי די וויסענשאפט אליין איז נאך ניט פולע הונדערט פראצענט אמת, און דערפאר אויך ניט היילעג, און היות ווי עס איז נאך א גרויסע, גרויסע פראגע אויף וויפיעל דער סאציאליזם איז ריין וויסענשאפטליך, ובכן טארען מיר ניט אזוי לייכטזיניג זיך באציהען צו עפּעס, וואס ווערט איבערגעג'חזר'ט פון זעקס און דרייסיג מיליאן מיילער, און זאגען: „עט! עס איז געווען א נארישקייט און עס בלייבט א נאריש־קייט.”

ווי איז אבער דער דין ווען מיר ווייסען, אז אלע זעקס און דרייסיג מיליאן מיילער חזר'ן איבער עפּעס דערפאר, וואס מען זאגט זיי: „חברה, וועט איהר וואגען אנדערש צו רעדען, וועט איהר גישט האבען אליין וואס צו פּיקען, און ניט וואס צו געבען אייערע ווייבער און קינדערלאך זאל לעבען און געזונד זיין”? אז דאס איז דער פּאל, פשיטו כמשמעו, אין אלע דעמאקראטישע לענדער, ווייסט דאך דר. זשיטלאווסקי, און מיט איהם אלע סאציאליסטען רעוואלוציאנערען, בעסער פאר אונז, ווייל נאך אין יאהר 1915 האט ער געשריבען אין זיין אפּהאנדלונג איבער די יסודות פון פּראגרעס, אז „מען דארף אונז, סאציאליסטען, ניט דערצעה־לען, וואס פאר א זין די „גלייכע גלעגענהייטען” האבען אין די רייד פון דעם בורזשואזען סאציאל רעפארמער און וואס פאר א פּנים די „איקוואל אפּארטוניטיס” האבען אין דעם איצטיגען לעבען.

„אויף א גרויסען יאַג פעלד שטעלט מען אוים אין איין גלייכער ליניע א מענשען אין אן אוטאָמאָביל, א מענשען אויף א לאָמער שקאַפּע און א מענשען צו פוס און מען זאָגט זיי: „איצטער זיינט איהר אלע גלייך" פליהט מיט וויפיל כוחות איהר האָט! און ווער עס וועט פריהער דערגרייכען דעם ציעל, דער וועט באַקומען דעם פּרייז".

וואָס פאַר אן אויסגעצייכענט בילד! און איז עס אין דער אמת'ן ניט אזוי? מען דערקלערט א וואל קאָמפּאַני, פאַר אלעמען גלייך. יעדער פּאַר־טיי קאן זיך גלייך אגיטירען, פּראָפּאַגאַנדירען, שרייבען און רעדען פאַר איהר פּאַרשטעהער אין די „אוטשרעדיטעלניע סאָבראַניעס", אָדער אין די פּאַרלאַמענטען. דאכט זיך גוט, הא? איז אָבער פאַראַן דערביי א נ אָ ר, און דאָס איז, בעת איין פּאַרטיי קאָן אויסגעבען לאָמיר זאָגען פופציג מיל־יאָן דאָלאַר פאַר דעם קאַמפּיין, פאַרמאָגט ניט די אנדערע אויסצוגעבען מער ווי פופציג טויזענד דאָלאַר, בעת איין פּאַרטיי קאָן די גאַנצע אינדוסטרי וועלכע איז אין איהרע הענד, א דרעה טאָן אזוי, אז דער ארבייטער זאָל דערפיהלען, אז מיט דעם ניט שטימען, ווי די דאָזיגע פּאַרטיי וויל, קאָן ער זיך אנפּרעגען א פינסטערען מזל אויף זיך, קאָן די אנדערע פּאַרטיי אזוי פיעל העלפען אין דעם פרט וויפיעל עס העלפט דאָס אָפּשפּרעכען פון א גוט אויג צו אן עין הרע.

און פון די פּאַרשטעהער וואָס קומען צו לויפען פון אזא יאַג פעלד, ווערט עס צענויפגעשטעלט די „דעמאָקראַטישע, געזעצגעבענדע קערפּער־שאַפט" וואָס צו איהר האָבען די באָלשעוויקעס ניט געוואָלט איבערלאָזען דעם גורל פון זייער אמת.

ניין, ניט דעם גורל פון זייער אמת האָבען זיי ניט געוואָלט איבערלאָ־זען צו דער דאָזיגער דעמאָקראַטישער קערפּערשאַפט, נאָר דעם גורל פון די אכט און נייינציג פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג ווילען זיי ניט אי־בערלאָזען איהר, דער קערפּערשאַפט, אין וועלכער די צוויי פּראָצענט יאָגען אריין מיט אוטאָמאָבילען, באַנען, שיפען און לופט שיפען גאַנצע הונדערט פּראָצענט פּאַרשטעהער.

אונז דוכט זיך דאַריבער, אז די עטיס, דער פּראָגרעס, די קולטור, די פּערזענליכע פרייהייט, קורץ, אלץ וואָס איז שעהן גוט און ערהאָבען איז

אויף דער זייט פון די, וואָס זאָגען, פריהער פון אלץ, עקאָנאָמישע גלייכהייט, מיט אַנדערע ווערטער: פריהער פון אלץ גלייכע יאָג־מיטלען אין דער גלייכער ליניע פון דעם גרויסען יאָג־פעלד, און נאָכדעם ערשט, רעספעקט פאר די, וואָס וועלען דערגרייכען דעם ציעל; נאָכדעם ערשט: הוט ארונטער! פאר דער דעמאָקראטישער קערפער־שאפט, וואָס וועט געהן אונטער דעם נאָמען אר־בייטער־ראטען, סאָוויעט אדער וועלכען עס איז אנדער נאָמען.

און דאָס מיינט בשום אופן ניט חלילה אז מען צווינגט סאָציאליזם ארויף אויף די מענשען, עס מיינט בלויז, אז מען צווינגט דאָס הייי־פעלע מענשען, וואָס זיי האָט די איצטיגע עקאָנאָמישע אָרדנונג געגעבען כל טוב און, וואָס זענען בלוטיג פאראינטערעסירט אויף אלע אופנים און אונטער אלע אומשטענדען אויף ווייטער אָנצוהאלטען דיזעלבע אָרדנונג, און, וואָס זיי האָט די דאָזיגע אָרדנונג געגעבען כחות, וועגען און מיטלען ניט צו דערלאָזען די גוואלדיג גרויסע מערהייט פון דער געזעלשאפט צו קומען צום אמת׳ן און אויפריכטיגען אויסדרוק—עס מיינט, זאָג איך: דאָס דאָזיגע הייפעלע צו צווינגען, ניט אוועקרויבענדיג ביי זיי אין דער זעלבער צייט, נאטירליך דאָס רעכט פון וואָרט און שריפט, אוועקצונעהן פון אלע איבערפלוסען פון אלע פריווילעגיעס, צו וועלכע זיי זענען אבסאָלוט ניט בארעכטיגט; און דערהויפט, מיינט עס זיי צו צווינגען, אז זיי זאָלען זיך אָפּזאָגען פון זייער ראָלע אלס עקספּלואטאטארס, און יע־דער איינער פון זיי זאָל ווערען א מענש מיט מענשען גלייך, דאָס הייסט אָן ארבייטער מיט אלע מיטגלידער־ארבייטער פון דער געזעלשאפט צו גלייך, ערשט יעמאָלט ווען די אָרדנונג פון גנבה, גזלה און עקספּלואטאציע ווערט א זאַך פון דער פארגאנגענהייט און אָן אוממעגליכקייט אין דער צוקונפט, קאָן דער, וועלכער האָט פון דער דאָזיגער אָרדנונג פּראָפי־טירט, זאָגען א גלייכע דעה מיט יעדען איינציגען אין דער איינאָרדנונג און אין דעם פיהר פון דער געזעלשאפט.

דאָס איז דער תוך און תמצית פון דער אבסאָלוטער דיקטאטור פון דעם פּראָלעטאריאט, וועלכע, ווי מיר האָבען געצייגט, זאָל און קאָן אריינ־פיהרען די אָרדנונג פון אבסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט.

און די דאָזיגע אבסאָלוטע דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע מוז, מיט איהר גאַנצער מאַכט און קראַפט, עטאַבלירען איין מאָל פאר אלע מאָל די אבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט, טאָר נאָר אויף איין זאַך ניט עובר זיין און דאָס איז, אויף דער אבסאָלוטער פרייהייט פון וואָרט און שריפט, דען ביידע, אין די אבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט אי די אבסאָלוטע פרייהייט פון וואָרט און שריפט, זיינען דירעקטע אויסדרוקען פון דער קולטור, ביידע ווערען זיי קאַטעגאָריש געפאָדערט פון דעם אבסאָלוטען אמת און פון דער אבסאָלוטער גערעכטיגקייט, און איין אבסאָלוטהייט טאָר ניט האָבען מער פּריווילעגיעס פאר דער אַנדערער און מען קאָן ניט און מען טאָר ניט מיט איינער מקריב זיין פאר דער אַנדערער, אָדער אויסנוצען איינע אין די אינטערעסען פון דער אַנדערער. און קוים האָט א געזעלשאַפט גאַראַנטירט אבסאָלוטע פרייהייט פון וואָרט און שריפט, האָט זי שוין דערמיט איפּסאָ פאַקטאָ געגעבען די מעגליכקייט פאר דעם פולסטען אויסדרוק פון דער פערזענליכער פרייהייט, דערהויפּט דאָרט וואו די עקאָנאָמיק איז אוועקגעשטעלט געוואָרען אויף דעם יסוד פון אבסאָלוטער גלייכהייט.

ניט גערעכט איז אויך דר. זשיטלאָווסקי און אַלע אַנדערע סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען, וואָס האָבען זיך געשטעלט געגען דעם סאָוויעטען פאָרם און דעם ראַטען סיסטעם. דען שטימען מיר איין אז די נייע פאָרמולע וואָס די דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט פיהרט איין איז א גערעכטע און א פּראָגרעסיווע, זיינען יעמאָלט די סאָוועטען פאָרם איהר איינציגער לאָגישער אויסדרוק, און עס איז דאַרום קיין וואונדער ניט וואָס אזוי שנעל ווי די באָלשעוויקעס האָבען חרטה געהאַט אויף דער עקאָנאָמישער גלייכהייט און אויף דער פרייהייט פון וואָרט און שריפט, אזוי שנעל ווי זיי האָבען פארלאָרען זייער גלויבען ניט נאָר אין פּאָליטישער דעמאָקראַטיע און דער מאָקראַטיע בכלל און יעדען אַנדערען אויסדרוק פון אמת און גערעכטיגקייט, אזוי שנעל איז דער ראַטען סיסטעם געוואָרען א גוף אָהן א נשמה.

אזוי באַלד ווי מיר קומען צו דעם שלום, אז איין מענש אָדער איין מיטגליעד אין דער געזעלשאַפט רעכענט זיך אלס א י נ ס נאָר יעמאָלט ווען ער איז אן אַרבייטער מיט דעם מאָרך אָדער מיט די מוסקולען, מוז דאָך ממילא אזוי אויסקומען, אז די דאָזיגע פּאָליטישע איינסען זאָלען צענויפגעשטעלט ווערען און גרופּירט ווערען לויט זייער ארבייט אָדער

באשעפטיגונג, ווייל נאר אין דער ארבייט אדער אין דער באשעפטיגונג פון דעם בירגער איז אן ארבייטער געזעלשאפט פאראינטערעסירט פון א פאליטישען שטאנדפונקט. די טעריטאריע געהט איהר, דער דאזיגער געזעלשאפט, אלס אזעלכער, ווייניג וואס אן. און דאס איז אייגענטליך דער טייטש און באדייט פון דער סאוועטען ראטען סיסטעם. אט וואס עס זאגט וועגען דעם פראפעסאר ראס, וועמענס נאמען איך האב שוין איינמאל דערמאנט.

„אונזער דעמאקראטיע (די אמעריקאנער, מיינט ער) איז געבויט אויף א רעפרעזענטאציע לפי דעם שטח. די באלשעוויקעס זענען פארדעכטיג אויף דער דאזיגער ניט קריסטאליזירטער סטרוקטור, דען זיי האבען דאך געזעהן ווי זי מאכט שלום מיט פלוטאקראטיע אין מערב אייראפא און אמעריקא. ניין, זאל דאס פאלק זיך גרופירען לויט דער באשעפטיגונג, ווען זיי קלייבען זייער פארשטעהער, און יעמאלט וועט ער באמת קאנען אויף עפעס באשטעהן. וואס אנבעלאנגט די וואס האבען ניט קיין באשעפטיגונג, וואס ארבייטען ניט פאר זייער חיונה, פאר וואס זאלען זיי צוגעלאזען ווערען צו פארפינסטערען אדער צו פארדארבען די דאזיגע גרינגע דעמאקראטיע? פאר וואס זאל דאס „פשוטע פאלק", ווען עס האט שוין יא די גאנצע מאכט, טאלערירען אין זייערע ראטען די באאומרוהיגענדע אנוועזענהייט פון שונאים, וואס מיט זיי קאנען קיינע קאמפראמיסען ניט געמאכט ווערען, און וואס זיי האט עס בדעה אונטערצואווארפען צו דעם שרעקליכען שיקזאל פון מוזען געהען אר[illegible] געוועזן א סך שטאטען, וואס זענען געפיהרט געווארען פון אייגענטום־באזיצער ביז צו דער פאלשטענדיגער אויסשליסונג פון ארבייטער, דער איצטיגער אבער סאוויעטען שטאט איז דער ערשטער אין דער וועלט געשיכטע געפירט צו ווערען פון ארבייטער ביז צו דער פאלשטענדיגסטע אויסשליסונג פון אייגענטום־באזיצער."

פון דעם דאזיגען אויסצוג פון פראפעסאר ראס, וועלכער איז ניט קיין סאציאליסט, זעהען מיר ווי איינג פארבונדען די סאוויעטען פארם איז מיט דער דיקטאטור פון דעם פראלעטאריאט, און ווי זייביידע זענען אנגעקניפט אן דעם באגריף, אז דער אייגענטום־באזיצער און דער ארבייטער קאנען אינאיינעם ניט בילדען קיין דעמאקראטישע געזעצגעבענדע קערפערשאפט אין דעם אמת'ן זין פון ווארט; און אז דאריבער מוז קודם כל, דעם איינענ־

טום־באַזיצער בעל כרחו באַפרייט ווערען פון זיין אייגענטום, און דער־נאָכדעם, אַלס אַרבייטער פון אַ געוויסען פאַך אָדער פון אַ בעשטימטער באַשעפטיגונג, און ניט, אַלס איינוואוינער פון אַ געוויסער טעריטאָריע, ווערען אַן אַנטייל נעמער און דעה זאָגער אין דער געזעלשאַפטליכער פאָ־ליטיק.

און ווען עס טוט אַמאָל פאַר אונזערע אויגען אַ בליץ דער אידעאַל פון אַ מענשהייט איינגעטיילט בלויז פון שטאַנדפונקט פון אַרבייט און פאַך, וואָס דאָס וואָלט געמיינט בלויז פון שטאַנדפונקט פון ציוויליזאַציע און קולטור, און ווען איך טו אַ טראַכט: אפשר איז די סאָוויעטען פאָרם, הגם ניט שוין מער אין הענט פון די באָלשעוויקעס, דאָס ערשטע קערענדעל פון דער פאַרווירקליכונג פון דעם דאָזיגען אידעאַל, וואָס יעמאָלט וואָלט בכלל פון טעריטאָריאַלע גרעניצען קיין רייד ניט געווען, ווערט מיין באַגייסטערונג פאַר איהר — דער סאָוויעטען פאָרם, גאָר אַ פלאַם־פייערדיגע, און מיר זאָגען צו אונז אליין: די באָלשעוויקעס וועלען טאַקע פאַרגעהן, די סאָ־וועטען פאָרם וועט אָבער בלייבען, און ווען עס וועט זיך נאָך אַרויסווייזען, אַז עס איז אמת, אַז דער סאָוועטען שטאַט, ווי פּראָפעסאָר ראָס רופט די איינציגע רוסישע פּאָליטישע אָרדנונג, פירט צו דער פאַרניכטונג פון יע־דען סאָרט שטאַט, ווי לענין האָט אַ מאָל געדיינקט, וועט דאָך די סאָוויעטען פאָרם ווירקליך זיין דער העכסטער אויסדרוק פון דעם פּראָגרעסיווסטען סאָציאַל־פּאָליטישען און נאַציאָנאַל־קולטורעלען געדאַנק.

ווענגען די סאָוויעטען האָט אַמאָל לענין געשריבען בזה הלשון: „די פאַרניכטונג פון דער רעגיערונגס מאַכט איז דער ציעל פון אַלע סאָציאַ־ליסטען, און אין דעם שפּיץ פון זיי—קאַרל מאַרקס. אָהן דער פאַרווירקליכונג פון דעם דאָזיגען ציעל קאָן דער אמת'ער דעמאָקראַטיזם, ד. ה., גלייכהייט און פרייהייט ניט פאַרווירקליכט ווערען, און צו דעם דאָזיגען ציעל פירט פּראַקטיש נאָר די סאָוועטישע און פּראָלעטאַרישע דעמאָקראַטיע, דען צוציה־ענדיג צו אַ באַשטענדיגער און אוממיטעלבאַרער באַטייליגונג אין דער פאַר־וואַלטונג פון שטאַט, די אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבייטענדע מאַסען, הויבט זי באַלד אָן צוצוגרייטען די פולע אַבשטאַרבונג פון יעדען שטאַט"*)

---

*) זעה: לענין'ס און בוכאַרין'ס בראָשורע אין רוסיש ווענגען דיקטאַ־טור פון פּראָלעטאַריאַט אין סאָוויעטען פאָרם.

לאָזט מען אָבער אַרויס אין גאַנצען די פראַגע פון שטאַט, ווי מיר טוען דאָס אין אונזער ערשטען באַנד, גלויבען מיר, אַז מען דאַרף גאָר ניט פאַרבינדען די סאָוויעטען פאָרם מיט די נאָר, נאָר ווייטע אידעאַלען, וואָס וועגען זיי חלום'ן מיר, ווען אונזער פאַנטאַזיע צושפּיעלט זיך זעהר שטאַרק, בכדי צו דערקלערען זי, אַלס די איינציגע פאָרם, וואָס איז ביכלת אַריינצוברייגנען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

אַלץ, וואָס מיר האָבען ביז איצט געזאָגט צווינגט אונז, אַזוי דענקען מיר, צו באַשליסען, אַז די אַבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכהייט, געטריבען פון דער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין דער פאָרם פון סאָוויעטען, מוז פיהרען צו דעם שנעלסטען סאָציאַלען און קולטורעלען פּראָגרעס און צו דער העכסט מעגליכער פערזענליכער פרייהייט.

און נאָר יעמאָלט, ווען דער סאָציאַליזם וועט זיך באַפרייען פון זיין מאַטעריאַליזם, און אויף דעם געביעט פון דעם אידעאַליזם וועט ער זיך שטעלען פעסט און אַנטשלאָסען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון אינטואיטיווען אַבסאָלוטיזם, וואָס נאָר ער וועט מעגליך מאַכען פאַר אים אָנצונעמען די לאָזונגען פון אַבסאָלוטער עקאָנאָמישער פרייהייט, אַבסאָלוטער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין דער פאָרם פון אַרבייטער ראַטען סיסטעמען, און פון אַבסאָלוטער פרייהייט פון וואָרט און שריפט אונטער אַלע אומשטענדען, צו יעדער צייט און אין יעדער אָרט, פאַר יעדען מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט אָהן וועלכען עס איז אויסנאַם — נאָר יעמאָלט, זאָגען מיר, ווען דער סאָציאַליזם וועט זיך אָפּזאָגען פון דעם רעלאַטיוויזם לטובת דעם אַבסאָלוטיזם, און פון דעם אינטעלעקטואַליזם לטובת דעם אינטואינטיוויזם, וועט ער זיך ווירקליך קאָנען אידענטיפיצירען מיט דעם סאָציאַלען און קולטורעלען פּראָגרעס. נאָר יעמאָלט וועט ער באמת ווערען אַן אוממיטעלבאַרער אויסדרוק פון קולטור, און אַלס אַזעלכער וועט ער קאָנען אוועקגעשטעלט ווערען אַלס עפּעס, וואָס איז העכער אפילו פאַר דער מענשהייט גופא, און מען וועט מעגען זאָגען, אַז די מענשהייט איז צוליעב דעם סאָציאַליזם, מחמת עס איז העכסט מענשליך צו פיהלען, צו דיינקען און צו זאָגען, אַז מיר ווילען האָבען אַ מענשהייט, וואָס אין איהר האָט געפונען אַן אויסדרוק אמת און גערעכטיגקייט, שיינקייט און ליבע, אָדער אַ וועלט אָהן אַ מענשהייט, און דער סאָציאַליזם איז, אָדער אַן אויסדרוק פון דעם

אבסאָלוטען אמת און גערעכטיגקייט, פון דער אבסאָלוטער שיינקייט און ליבע אָדער ער איז קיין סאָציאליזם נים. אזוי וועלען, לויט אונזער מיינונג דארפען פיהלען, דיינקען און האנדלען די, וואָס וועלען זיך איינשטעלען פאר דעם „ניי־סאָציאליזם".

און מיר זיינען אויך זיכער, אז ווענען עס זאָל נים באשערט זיין צו ווערען דער גרינדער און טאָן געבער פון דעם „ניי־סאָציאליזם" וועט מען ווענען איהם, אָדער ווענען זיי, קאָנען זאָגען דאָס זעלבע, וואָס אנאטאָל פראַנס זאָגט וועגען וויקטאָר הוגאָ:

„אה! איך וויים, אז פילע אנדערע האָבען פון דעם זעלבען פעלד תבואה געשניטען, עס איז אָבער גאָר ווען ער, וואָס האָט די גארבען געבונדען. ער איז געווען א מעכטיגער בינדער. ווען איינער פיהלט מיט אזא אינטענסיוויטעט ווי ער, איז שוין אינטעליגענץ נים נויטיג. אזעלכער האָט מער איינפלוס פאר די געשיקסטע לאָגיקער; אפילו די לאָגיקער טוען, א סברא, קיין אנדער זאך נים, ווי בלויז דאָס, וואָס זיי גיבען אויסדרוק אין גוטבאלאנסירטע סילאָגיזמס צו דעם אינטואיטיווען פליהען פון די פּראָפעטען, וואָס זיי פעהלט, ווי מען דיינקט, אינטעליגענץ."

און ווען דאָס וועט געזאָגט ווערען, וועט מען זיך זיכער דערמאָנען אין דעם, וואָס האָט געגעבען די טיעפסטע פילאָסאָפישע באגרינדונג פאר דעם אינטואיטיווען אבסאָלוטיזם—אין דעם גרעסטען דיינקער פון אונזער דור— האנרי בערגסאָן.

פערעטער טייך

ביילאגען

בײלאַגען

(וויליאַם דזשיימס און זיין פּראַגמאַטיזם.*)

דער פּראַגמאַטיזם איז ניט קיין פילאָסאָפישע שיטה, וואָס איז אויסגעארבייט געוואָרען אין קאָפּ פון איין פילאָסאָף, ווי דאָס איז, למשל, דער שפּינאָציזם, דער קאַנטיזם אָדער בערגסאָניזם. ווי דער אידעאַליזם אָדער מאַטעריאַליזם, אַזוי איז אויך דער פּראַגמאַטיזם א פילאָסאָפישע ריכטונג וואָס פליסט, ווי א וואסער־שטראָם, פון מעהר איידער איין קוואל און ווערט דארום ווייטער אַנטוויקעלט פון מעהר ווי איין פילאָסאָף.

די הויפּט־שאַפער פון דער דאָזיגער נייער שטרעמונג אין דער פילאָסאָפיע זיינען דריי אַנגלאָ־זאַקסען. איינער איז דער ענגלישער פילאָסאָף שילער, און די אַנדערע צוויי זיינען די אַמעריקאַנער פילאָסאָפען — דזשיימס און דיואי.

דזשיימס׳עס נאָמען איז צוליעב פיעלע טעמים אזוי שטארק פארבונדען מיט׳ן פּראַגמאַטיזם, דאָס א סך באַטראַכטען איהם פאַר דעם פאָטער פונ׳ם פּראַגמאַטיזם. דזשיימס אליין אָבער באַשטעהט זעהר שטארק אויף דעם, אַז דער ערשטער און באַדייטענדסטער מקור פון דער דאָזיגער נייער ווענדונג אין דער פילאָסאָפיע איז קארל פּיערס׳עס אַרטיקעל „ווי אזוי מאַכט מען אונזערע באַגריפען קלאָר?״

דער דאָזיגער אַרטיקעל, אויך פון אַ אַמעריקאַנער געשריבען, האָט דאָס דזשיימס׳ען געגעבען דעם ערשטען און שטאַרקסטען אַנשטויס צו זיין פאָרמולירונג פון פּראַגמאַטיזם. נאָכהער האָט שוין דזשיימס געפונען פיעלע אָנצוהערענישען אויף דעם פּראַגמאַטיזם אויך ביי די דייטשע פילאָסאָפען, ווי מאַך, אַסוואַלד און זימעל. דזשיימס וויל זאָגאַר האָבען אַז דער גאָר, גאָר דער ערשטער קוואל פונ׳ם איצטיגען רושם־מאַכענדען פּראַגמאַטיזם האָט אָנגעהויבען זיך צולאָגען נאָך אין דער גריכישער פילאָסאָפיע, באַ־

*) ערשינען אין דער „אידישער וועלט״, ניו יאָרק.

זונדערס דעמאָלט, ווען אויף איהר אויבערפלעך איז ארויסגעשוואומען פּראַ־טאגאָראַס, וועלכער האָט געהאלטען אין איין ארונטעררייסען די הימעל־הויכע טעאָרעטישע ספּעקולאציעס, אויב זיי זיינען ניט געגרינדעט אויף ערדישער פּראַקטישקייט און מענשליכער דערפאַהרונג... די באַהויפּטונג פון פּראָטאגאָראַס, אַז דער מענש איז די איינציגע מאָס צו מעסטען אַלע זאכען און געשעהניסען אין דער וועלט, איז דער צענטראַל־פּונקט פון זיין גאַנצער פילאָסאָפיע. און אַט די דאָזיגע באַהויפּטונג, וואָס איז באַקאַנט אין דער פילאָסאָפיע אונטער דעם נאָמען „האָמאָ מענשורא זאַץ" (ד. ה. אַז דער מענש איז די מאָס), איז, ווי דזשיימס דענקט, דאָס קערענדעל פון׳ם פּראַגמאַטיזם.

דזשיימס׳עס נאָמען איז געוואָרען אַזוי ענג פאַרקניפּט מיט דעם פּראַגמאַטיזם, און האָט אַזוי שטאַרק פאַרטונקעלט אין די אויגען פון דעם גרויסען עולם די נעמען פון די אַנדערע זעהר באַדייטענדע פילאָסאָפען־פּראַגמאַטיקער, אַ דאַנק הויפּטזעכליך דעם אומשטאַנד, וואָס דזשיימס איז געווען דער ערשטער אַנצואווענדען פּיערס׳עס פּראַגמאַטישען געדאַנקען־גאַנג צום פּראָבלעם פון רעליגיע — אַ פּראָבלעם, וואָס איז אַזוי אַבס־טראַקט פרעמד דעם מענשליכען געדאַנק, און, אין דער אייגענער צייט, אַזוי אינטים און קאָנקרעט נאָהענט צו דעם הארץ און דער נשמה פון מענשען.

אין זיין רעפעראַט „דער ווילען צו גלויבען", וואָס האָט מיט שטורם גענומען דעם גאַנצען אַמעריקאַנער עולם, האָט דזשיימס זיך באַמיהט צו באַווייזען, אַז פון אַלע שטאַנדפּונקטען ל ו י נ ט זיך (נאַטירליך, אין בעסטען זין פון וואָרט) צו גלויבען אין אַ גאָט. און מעג אַפילו אונזער לאָגיק זיך אָבזאָגען צו געבען אונז איין און איינציגען ארגומענט פאַר דער אומפאַרמיידליכקייט פון גאָט׳ס עקזיסטענץ, און מעג זי מתחייב זיין אַלע סאָרטען ספיקות אין דעם, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, זיינען מיר דאָך באַרעכטיגט צו גלויבען. און באַרעכטיגט זיינען מיר דערצו, על פּי דזשיימס, דערפאַר, ווייל דער ג ל ו י ב ע ן אין גאָט גיט אונזער גייסט, אונזער נשמה, אונזער פּסיכיק און אונזער אינטעלעקט אַ סך מעהר, איידער דער נ י ט ־ ג ל ו י ב ע ן; און ווייבאַלד אַז מיר ווערען נאַר זיכער, דאָס מיר קריגען ארויס אַ גרעסערען רוחניות׳דיגען רייכטום פון דעם גלויבען ווי פון דעם ניט־גלויבען, קענען שוין קיינע לאָגישע אַרגומענטען ניט ווידער־שטעהן דעם עקסטאַז צו גלויבען. דאָס געפיהל אַז עס ל ו י נ ט זיך בעסער צו גלויבען אין גאָט, צושמעטערט אויף פּיצלאַך די לאָגיק, ווייל יענע, ניט זייענדיג בכח אָבצולייקענען גאָט׳ס מהות, פיהרט בלויז צו אַ סקעפּטי־ציזם, וואָס פילט אָן דעם גייסט מיט יאוש און וואַרפט ארויף אויף דער נשמה אַ פוסטקייט, דורכגעדרונגען מיט פּחד.

די פרואוו צו גערעכטפערטיגען אויף דעם גרונד פון פראקטישקייט און ניצליכקייט אזא הייליג געפיהל, וואס איז אזוי ווייט פון נוצען ווי דאס רעליגיעזע, האט שנעל ווי א בליץ צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון דעם דיינקענדען טייל פון דער וועלט. און א פילאסאפיע, וואס האט אוועקגעשטעלט פאר איהר לעצטען ציעל די פראקטישקייט און ניצליכקייט אין דעם בעסטען, ברייטסטען און טיעפסטען זין פון די ווערטער, האט ערנסט אנגעהויבען צו פארנעהמען די מוחות פון א סך גאנץ באדייטענדע דענקער. דער רעפעראט, וואו די אמונה אין א גאט ווערט פון דזשיימס'ען אזוי ענטוזיאסטיש פארטיידיגט, איז געהאלטען געווארען אין 1896, דאס הייסט מיט אכצעהן יאהר נאך דעם, ווי קארל פיערס האט, מיט זיין אויבענדערמאנטען ארטיקעל געלעגט, ווי דזשיימס דיינקט, דעם פונדאמענט פון דעם פראגמאטיזם. פאר גאנצע 18 יאהר האט קיינער, אחוץ דזשיימס'ען, ניט באמערקט דעם פונדאמענט פון אזא גרויסען בנין. קיין איינציגער שטיין איז צו איהם פאר דער צייט ניט צוגעטראגען געווארען, און קיינער האט זיך ניט פארטראכט וועגען א פראגמאטישער וועלט-אנשויאונג, ביז דזשיימס האט זיך ניט גענומען אויף פראגמאטישע יסודות באפעסטיגען דעם רעליגיעזען גלויבען, פארטיעפען דעם רעליגיעזען געפיהל און פונאנדערפלאקערען וואס שטארקער דעם רעליגיעזען ברען אינ'ם הארץ פון מענשען.

דיואי און שילער קומען באלד נאך דזשיימס'ען און הויבען אן צו אנטוויקלען דעם פראגמאטיזם אויף א גאנץ אריגינעלען און אויף א סך ברייטערען און טיפערען אופן ווי דזשיימס. און הגם שילער, דיואי און דזשיימס, די דריי קאריפעען פונ'ם פראגמאטיזם, געהען זיך וועניג וואס פאנאנדער בנוגע צו די עיקר-פרינציפען און אנווענדונגען פונ'ם פראגמאטיזם, זיינען דאך זייערע אויסגאנגס-פונקטען, ווי אויך א סך פון זייערע אויספיהרונגען און ענד-פונקטען, פיעל פארשיידען איינע פון די אנדערע, און יעדען איינעמ'ס פראגמאטישע אנשויאונג פאדערט ספעציעלע אויפמערקזאמקייט און א באזונדערע אפהאנדלונג. שוין דאס אליין, וואס שילער רופט זיין אנשויאונג—הומאניזם; און דיואי רופט זיינע—אינסטרומענטאליזם, ווייזט אז יעדער איינער פון זיי באגרייפט און דערקלערט אויף אן אנדער, מעהר אדער וועניגער אייגענארטיגען שטייגער, די פראגמאטישע וועלט-אנשויאונג.

אונזער ארטיקעל באצוועקט איבערצוגעבען אין קורצע שטריכען די תמצית פון דעם פראגמאטיזם, לויט דעם, ווי דזשיימס האט איהם באנומען און דערקלערט אין זיינע פילאסאפישע שריפטען.

מיר וועלן אנהויבן מיט די ווייניגער וויכטיגע שטריכן און אזוי גיין כסדר, ביז מיר וועלן קומען צום לעצטן און סאמע וויכטיגסטן שטריך.

קודם כל, וויל דער פראגמאטיזם, אין זיינע באטראכטונגען וועגן דער וועלט, לגמרי אויסלאזן די שאלה מכח דער מהות פון קאסמאס. ער דיינקט, אז וואס דער עצם פון דער וועלט זאל ניט זיין, זיינען אבער אויסער אונזערע חושים און געפיהלען ניט פאראן קיין אנדערע וועגן, וואס זאלען אונז פיהרען צו דערקענען יענע מהות. אויסער דער מענשליכער דערפאהרונג איז נישטא קיין אנדער אופן אויף וועלכען דער יש פון דער וועלט (די רעאליטעט) זאל זיך אונז אנטפלעקען. ממילא קומט דאך שוין אויס אז יעדער איינציגער געפיהל, יעדער איינציגער חוש אונזערער איז א מין המשך אדער גאר א טייל פון דער אוניווערסאלער ווירקליכ־קייט. לכן, רעקאמענדירט דער פראגמאטיזם די פילאסאפען אויפצו־הערען זיך פארנעהמען מיט חקירה און פלפול און מיט ריין לאגישע סברות, און אנשטאט דעם, זיך בעסער צו פארטיעפען אין זייערע אייגענע געפיהלען און איבערלעבונגען, ווי אויך אין די איבערלעבונגען און דערפאהרונגען פון אנדערע לעבעדיגע ברואים. און אויב די פילאסאפען זאלען אפילו דיינקען אז זייער אויפגאבע און ציעל אין דער וועלט באשטעהט דוקא נאר אין דעם, צו קענען דערגעהן צו דעם עצם תמצית פון גאט'ס וועלט, וועט, טענה'ט דער פראגמאטיזם, אט דער סארט בליק אליין קיינמאל ניט קומען פון דער קאלטער טעארעטישער לאגיק. אויב אזא בליק איז שוין יא באשערט דעם פילאסאף, וועט עס ביי איהם קומען אין דער היץ פון דער פראקטישער טאג־טעגליכער דערפאהרונג.

דער פראגמאטיזם באשטעהט זעהר שטארק אויף דעם, אז אויב נאר מיר וועלען זיך שטעלען אין סימפאטישע און אינטימע באציהונגען צו די קאנקרעטע דערפאהרונגען, וועלען מיר זיך א סך גיכער און א סך זיכערער דערנעהנטערען צום מקור פון וועלט־אל, איידער דורך אלע חקירות און סברות וועגען דעם נאר לעצטן קוואל פון וועלט־שטראם: מחמת די דערפאהרונג, זאגט דער פראגמאטיזם, איז דאך די פארקערפערונג פונ'ם לעבענס־תוך און דער אויסדרוק פון דעם טיעפסטען און ווארעמסטען טייל פון דער מענשליכער נשמה, בעת די חקירות מיט אלע זייערע טעארעטישע לופט־שלעסער זיינען נאר פועל־יוצאות פונ'ם ריינעם שכל און אבסטראק־טער לאגיק, וואס זיי ביידע זיינען נאר די פלאכסטע אויסדרוקען פונ'ם מענשענ'ס גייסט.

אין דער פילאסאפישער טערמינאלאגיע ווערט די דאזיגע פאדערונג פונ'ם פראגמאטיזם אויסגעדריקט אומגעפעהר אזוי: דער פראגמאטיזם

ווייל אראפזועצען פון איהר הויכען פעאעסטאל די מעטאפיזיק. די מעטאַ־פיזיק איז דער טייל פון דער פילאסאפיע, וואס פארנעהמט זיך ספעציעל מיט דעם דערגרונטעווען, דערגעהן דעם תוך־שבתוך פון דעם וועלט־אל.

דער פראגמאטיזם ווארפט פאר דער מעטאפיזיק, אז ביי איהר שפיעלט קוריאזיטעט א סך גרעסערע ראלע איידער ניצליכקייט. דער פראגמאטיזם לייקענט ניט, אז עס קען זיך זיין זעהר אינטערעסאנט צו צייכענען א פלאן נאך וועלכען די וועלט האט געקענט אויפגעבויט ווערען, און איין פלאן מעג זיך זיין גראנדיעזער פאר'ן אנדערען. די פראגע וואס געהט אבער דעם פראגמאטיזם אין לעבען איז: וואס פאר א ממשות און וואס פאר א באדייט האבען די אלע פארשיידענע היפאָ־טעזען מכח דעם מאטעריאל און דעם בנין פון דער וועלט. אויב זיי פאר־ענטפערען ניט די פראגע, וואס אויף זיי שטויסט זיך אן דער מוח פון מענשען אין זיין קאמף פאר דער דערהאלטונג פון לעבען, און אין זיין שטרעבען צו געפינען דעם ווערטה, דעם צוועק און דעם זין פון זיין איי־גענעם לעבען? וואס פאר א ווערטה האבען די אלע מעטאפיזישע הימעל־שלעסער, אויב אין זיי זאלען ניט געפינען קיין אבקלאנג אלע מענשליכע איבערלעבונגען און דורכלעבונגען, אלע תאות און תשוקות וואס פיהלען אן די נשמה פון דעם קלענסטען און גרעסטען מענשען?

די אלע, ביז איצטיגע מעטאפיזישע גריבלערייען, האבען געשטרעבט צו באפרייען זיך וואס מעהר פון די זינדיגע געפיהלען, זיי האבען אלץ מעהר געוואלט זיך דערהויבען צום ריינעם שכל, צום אינטעלעקט אדער דער לאגיק, וואס זאל זיין ריין פון זינליכקייט, פריי פון ליידענשאפטען, געלייטערט פון די דורכשניטליכע טאג־טעגליכע דערפאהרונגען, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיט די הארציגסטע פארלאנגען און באגערען פון די זינדיגע בשר ודם'ען. דאס אלץ האבען די מעטאפיזיקער געטאן דער־פאר, ווייל זיי האט זיך געדוכט, אז די תמצית פון דער וועלט איז א לאגישע און דאריבער איז נאר די לאגיק ראוי נתגלה צו ווערען אין דער תמצית פון דער וועלט, נאר דורך איהר קען דער „נסתר" ווערען א „נגלה".

די ווערטער און די סיסטעמען פון די דאזיגע פילאסאפען זיינען געבארען געווארען אין דעם שוים פון לאגיק. ניט זייענדיג קיין „דברים היוצאים מן הלב" איז גאר קיין חדוש ניט, דענקט דער פראגמאטיקער, וואס זיי האבען אויפגעהערט להלוטין צו אפעלירען צו די מיליאנען מענ־שען, וועמענס לעבענס־אימפולס און הארצענס־בלוט קלאפט אזוי שטארק, אז עס איז אוממעגליך פאר'ן קאפ אויף איין רגע'לע צו איגנארירען דאס צאפלען זיך פון הארץ. די פראגמאטיקער טענה'ן דארום, דאס כדי די

פילאסאפיע זאל באמת ווערען א פאקטאר אין לעבען, און א נויטיגקייט, וואס אהן איהר זאל דער מענש ניט קענען אויסקומען, מוז זי אויפהערען זיך מתעסק זיין מיט דער רעאליטעט אדער מהות פון דער וועלט. אנשטאט דעם, זאל זי אוועקגעבען איהרע כחות אויף דער חקירה ודרישה פון די ווירקונגען און געגענווירקונגען, וואס קומען פאר צווישען דער רעאליטעט, מעג זי זיין וואס זי איז, און דעם מענשען ווי ער שטעהט און געהט, דאס הייסט מיט אלע זיינע זינליכקייטען, ליידענשאפטען און געפיהלען, מיט זיינע חכמות און נארישקייטען, מיט זיינע סתירות און הפכים, אזוי גוט ווי מיט זיינע אויסגעהאלטענקייטען און לאגישקייטען.

די ווירקליכקייט פאר זיך אליין, אויב אזעלכע עקזיסטירט, איז פאר דעם מענשען ניט וויכטיג אפילו ווען ער זאל זיין בכח זי צו דערקענען. א מענש, ווידער, פאר זיך אליין, אומאפהעניג פון דער ווירקליכקייט עקזיסטירט געוויס ניט, און דארום דארף דאס גאנצע געוויכט פון דער פילאסאפיע געלעגט ווערען *אויף די שייכות'ן צווישען דעם מענשען און דער ווירקליכקייט*. און אט דיך אזיגע שייכות'ן רופט דער פראגמאטיזם דערפאהרונג.

די דאזיגע שייכות'ן צווישען מענשען און רעאליטעט נעהמען אין זיך אריין ניט נאר דעם מענשענ'ס אינווענינסטע גייסטיגע וועלט, נאר אויך די אויסענווענינסטע פיזישע וועלט, ווייל דער מענש אהן דער אויסענווע־ניגסטער פיזישער וועלט קען דאך ניט מעהר געמאלט זיין ווי פייער אהן ליכט.

דער פראגמאטיזם באהאנדעלט דארום די גאנצע פיזישע אדער מאטע־ריעלע וועלט נאר ווי א רייהע פון פונקציעס. דער טיש איז פאר איהם ניט קיין גייסטיגע און ניט קיין מאטעריעלע זאך. ער איז אן „עפעס אזוינס", א יש, וואס ווערט אויסגענוצט פאר פארשיידענע צוועקען פון מענשען: מען שרייבט אויף איהם, מען עסט אויף איהם, מען האלט אויף איהם געוויסע זאכען. די דאזיגע צוועקען זיינען די פונקציעס פון טיש. און אלע פונקציעס צוזאמענגענומען שטעלען מיט זיך פאר א טיש. דאס זעלבע איז מיט'ן האלץ פון וואס דער טיש איז פון דעם געמאכט: כדי צו ענט־פערען פארנינפטיג אויף דער פראגע, וואס איז אזוינס האלץ, מוזט איהר אנגעבען דעם געברויך, וואס ווערט פון האלץ געמאכט, און אזוי כסדר מיט אלע עלעמענטען און זאכען, וואס שטעלען צענויף די אוניווערס. און דא־רום דעפינירט דער פראגמאטיקער די עקזיסטענץ פון דער מאטעריעלער וועלט, דאס גאנצע *זיין* פון דער פיזישער וועלט אין דעם זין פון פונק־ציעס, אין דעם זין פון נוצען און געברויכען, וואס די לעבעדיגע באשעפע־ניסען מאכען פון דער דאזיגער לעבלאזער וועלט.

די גייסטיגע וועלט ווידער איז ביי דעם פּראַגמאַטיקער ניט מעהר ווי אַ מין שטראָם פון האַנדלונגען, באַנעהמונגען און טאַטען. יעדער געפיהל, יעדע שטימונג, יעדע מחשבה איז אַ געוויסע באַוועגונג פון אַ מוסקול אָדער אַ נערוו.

אַלץ וואָס קומט פאָר, אָדער געהט אָן, צווישען דער גייסטיגער און פיזישער וועלט, אַלע געגענווירקונגען און צוזאַמענשטויסען צווישען די דאָזיגע צוויי טיילען פון וועלט־אַל באַצייכענט דער פּראַגמאַטיקער מיט דעם נאָמען דערפאַהרונג. אין דעם טיגעל פון דערפאַהרונג ווערען ביים פּראַג־מאַטיקער צושמאָלצען אַלע פיזישע אָביעקטען און געגענשטאַנדען, אַלע פּסי־כישע סוביעקטען און צושטאַנדען.

„דאָס פּ אַ פּ י ר", זאָגט דזשיימס, „וואָס מיר זעהן און אונזער ז ע ה ן דאָס פּאַפּיר זיינען בלויז צוויי נעמען פון איין אומצוטיילטען פאַקט. און דער ריכטיגער נאָמען פון דעם פאַקט איז דאַטע, פענאָמען אָדער דערפאַה־רונג".

דער ציעל און צוועק פון׳ם פּראַגמאַטיזם איז גרינדליך אויסצופאָרשען אַלע סאָרטען דערפאַהרונגען און אונטערוואַרפען זיי אונטער דעם שאַרפ־סטען אַנאַליטישען מעסער. און מהאי טעמא רופט זיך טאַקע די דאָזיגע פילאָסאָפיע פּראַגמאַטיזם. פּראַגמאַ איז דער טייטש: אוממיטעלבאַרע דערפאַהרונג. און מיט דעם, וואָס דער פּראַגמאַטיזם שטעלט די גאַנצע טראָפּ אויף דערפאַהרונג און אויף ווירקונגען פון דער זאַך אַנשטאָט אויף דער זאַך גופא, האָט ער דערקלערט אַ קאַמף אויף טויט און לעבען דער מעטאַפיזיק. ער זאָגט זיך גענצליך אָב צו קלערען ווי די רעאַליטעט זעהט אויס איידער מיר, מענשען דערקענען זי, ער איז מיט לייב און לעבען אַריינגעטאָן אין דער פראַגע, וואָס איז די רעאַליטעט ביכולת אונז צו געבען נאָכדעם ווי מיר דערקענען זי. און דערהמיט האָט ער זיך דערקלערט פאַר אַ שטאַרקען אָנהענגער, פאַר אַ זעהר געטרייען דיענער פון דער צוויי־טער אָבטיילונג פון דער פילאָסאָפיע, וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען דערקענטניס־טעאָריע אָדער עפּיסטאָמאָלאָגיע. „איינער פון די פאַר־דיענסטען פון׳ם פּראַגמאַטיזם, שרייבט דזשיימס, איז דער, וואָס ער איז אַזוי ריין עפּיסטעמאָלאָגיש. ער מוז משער זיין רעאַליטעט, ער מאַכט אָבער קיין השערות ניט בנוגע צו איהר אינהאַלט".

דעם פּראַגמאַטיקער הויבט ניט אָן צו אינטערעסירען דער אינהאַלט פון דער נאָך ניט דערקענטער אָדער ניט דערפאַהרענער רעאַליטעט, מחמת, וואָס מען זאָל ניט דיינקען וועגען דעם עצם־טבע פון דער רעאַליטעט, איז

דאָך איין זאַך זיכער, דאָס ניט ביז וואַנען די ניט־דערקענטע אָדער, אַזוי צו זאָגן, ר י י נ ע רעאַליטעט שטויסט זיך אָן אין וועלכער עס איז פאָרם אויף אימיצען פון וואָסער עס איז געשטאַלט, וואָס דערקענט אָדער דער־פאַהרט — ניט ביז יעמאָלט, הויבט זיך אָן דער רעאַליטעט׳ס ווירקונג. און ניט מעהר ווי אין דער דאָזיגער ווירקונג איז דאָך פאַראינטערעסירט דער פראַגמאַטיזם. דער פראַגמאַטיקער האַלט דאָך אין איין שרייען, אַז אויב פילאָסאָפיע איז עפּעס מעהר איידער אַ קוריאָז, דאַרף זי און מוז, און סוף כל סוף וועט זי, קאָנצענטרירען איהר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דער ו ו י ר ק ו נ ג פון דער רעאַליטעט און לאָזען צו־רוה דעם פּרצוף פון דער רעאַליטעט.

דאָ קומען מיר צום צווייטען שטריך פון דעם פּראַגמאַטיזם, וואָס קאָן פאָרמולירט ווערען אין דעם מאָטאָ: ״אל תסתכל בקנקן (לייען רע־אַליטעט) אלא במה שיש בו״, ניט די „דינג אָן זיך״, נאָר די ווירקונג, וואָס זי קאָן האָבען אויף דעם לעבען פון מענשען, איז וויכטיג. צו טראַכטען וועגען דעם אויסקוק פון אַ זאַך און פון דער זאַך אַלס גאַנצעס און דורך דעם זיך אויסמאָלען די פארשיידענע און באַזונדערע ווירקונגען, וואָס אַזאַ מין זאַך קאָן פּועל זיין, הייסט צו זיין אַבסטראַקט. און דאָס האָט דער פּראַגמאַטיזם פיינט בתכלית שנאה. פאַרקעהרט, צו זעהן אָדער צו פיהלען ווירקונג פאַר ווירקונג פון עפּעס און אויף דעם גרונד ערלויבען אונזער כח הדמיון פון צייט צו צייט צו מאָלען געשטאַלטען פאַר דעם דאָזיגען ווירקענדען עפּעס, הייסט צו זיין קאָנקרעט, און קאָנקרעטקייט איז דאָס ליעבלינג־וואָרט פון דעם פּראַגמאַטיקער.

דזשיימס געהט אַזוי ווייט ווי צו דענקען, אַז „די גאַנצע אָריגינאַ־ליטעט פונ׳ם פּראַגמאַטיזם און דער גאַנצער זין זיינער ליגט דערין וואָס ער באַנוצט אַ קאָנקרעטען וועג אויף צו זעהן זאַכען. דער פּראַגמאַטיזם הויבט אָן מיט קאָנקרעטהייט, קעהרט זיך צוריק אום און לאָזט אויס מיט קאָנקרעטהייט״.

דער פּראַגמאַטיזם דענקט, אַז זאָגאָר אַ סך פון די ריין־הימעלשע מעטאַפיזישע פּראָבלעמען וואָלטען גיכער געלעזט געוואָרען, ווען מען זאָל צוטרעטען צו זיי אויפ׳ן פּראַגמאַטישען אופן, דאָס הייסט, ווען מען זאָל זיי באַטראַכטען אין ליכט פון דער ווירקליכקייט אָדער פון דעם רעזולטאַט, וואָס אַזאַ אָדער אַנאַנדער לעזונג פון פּראָבלעם וואָלט מיט זיך געבראַכט. דערפאַר באַשטעהט דזשיימס זעהר שטאַרק אויף דעם, אַז דער פּראַגמאַ־טיזם איז גאָר ניט קיין פילאָסאָפישער ס י ס ט ע ם, נאָר בלויז אַ פילאָסאָפישער מעטאָד, און אויף דעם סמך אפשר דערלויבט זיך דזשיימס גאַנץ אָפט אַ רעש׳יגען פליה טאָן אין די הימלען פון דער מעטאַפיזיק.

ער לאזט זיך אבער באלד צוריק אראפ אין א פראגמאטישען עראפלאן און הויבט אן צו טענה'ן, אז 'אלע מעטאפיזישע ויכוחים דארפען דורך דעם פראגמאטישען מעטאד אנטשיידען ווערען, ווייל אנדערש וואלטען די ויכוחים אויף אייביג געבליבען אומבאשטימט. איז די וועלט מאניסטיש אדער פלוראליסטיש? איז זי פון שיקזאל פאראויסבאשטימט אדער איז זי פריי? איז זי מאטעריעל אדער ספיריטועל? דאס זיינען סברות וועגען דעם וועלט־אל, וואס איטליכע פון זיי קאן זיין ריכטיג פונקט אויף אזא לאגישען אופן, ווי זי קאן זיין ניט ריכטיג. און די דיספוטען וועגען אזעלכע באגריפען זיינען אומענדליך. דער פראגמאטישער מעטאד איין אזעלכע פאלען איז צו געפינען דעם באדייט פון יעדען באגריף און די באשטימטע פראקטישע רעזולטאטען, וואס צו זיי קאן דער אדער יענער באגריף פיהרען".

דאסווארט פראקטיש איז נאך א ווארט, וואס ווי די ווערטער ווירקונג און קאנקרעט, ווערט מעהר איידער איין מאל איבערגע'חזר'ט כמעט אויף יעדער זייטעל פון דער ליטעראטור איבער פראגמאטיזם. און מעהר, ווי אן אלע אנדערע ווערטער, האבען זיך די קריטיקער פון דעם פראגמאטיזם אנגעכאפט אן דעם ווארט פראקטיש. סטייטש, טענה'ן די קריטיקער, ווער, אויב ניט די פילאסאפיע, די קדשי־קדשים פון דעם מענשליכען גע־דאנק, דארף זיין די געדאנקליכע דיסציפלין, וואס זאל זיך שטעלען העכער פאר יעדער פראקטישקייט?

דזשיימס ענטפערט די קריטיקער בקול רם, אז ווי הויך די פילא־סאפיע זאל זיך ניט שטעלען, קאן זי זיך אבער ניט שטעלען העכער פאר דער צופרידענהייט, וואס יעדער דיסציפלין איז מחויב צו ברענגען דעם מענשהייט, כדי איהר עקזיסטענץ זאל האבען א זין און א בארעכטיגונג. און ווען מען פארשטעהט אונטער פראקטישקייט, ווי די פראגמאטיקער פארשטעהען, גייסטיגע אזוי גוט ווי מאטעריעלע און פי־זישע צופרידענהייט, קאן זיך די פילאסאפיע פון אזא סארט פראקטישקייט בשום אופן ניט אבשאקלען. אדרבא, ווען מען זאל די דאזיגע צופרידענהייט האלטען ווי א פעקעל אין דער האנד, בעת מען עפענט די טויערען פון דער מעטאפיזיק, וואלט זי, רעכענט דזשיימס, ווי א צויבער־ליכט בא־לויכטען גאר א סך פון די רעגיאנען אין דער מעטאפיזישער ממשלה, וואס איז עד היום באהערשט פון א געדיכטער פינסטערניש.

אט די דאזיגע צופרידענהייט ווערט ביי דזשיימס'ן, ווי ביי אלע פראגמאטיקער, באטראכט פאר דעם איינציגען אבשאץ־מאסשטאב פון אמת און שקר. געדאנקען און געפיהלען, זאכען און געשעהנישען, באהויפטונ־גען און היפאטעזען זיינען אויף אזוי פיעל וויכטיג אויף וויפיעל זיי האבען

פארשאפט דער מענשהייט, גענומען אלס גאנצעס, גליק און צופרידענהייט; און זייער פאלשקייט איז פראפארציאנעל צו דער מאס פון אומגליק און אומצופרידענהייט, וואס די מענשהייט האט, א דאנק זיי געליטען. דער אמת, אלזא, איז ניט א זאך פאר זיך אליין, נאר ער איז אפהענגיג פון די מענשליכע נויטען און באדערפנישען, און מיט דעם בייטען זיך פון די מענשליכע שטרעבונגען און פארלאנגען, בייט זיך אויך דער אמת. ער איז, אין קורצע ווערטער, רעלאטיוו און ניט אבסאלוט.

אט דא טרעפען מיר זיך אן אויף דעם דריטען שטריך פונ'ם פראג־מאטיזם, וועלכער איז דער עיקר און דער פאזיטיווסטער שטריך פון דעם פראגמאטישען וועלט־אל באגריף.

דער דאזיגער שטריך ברענגט ארויס אם שטארקסטען דעם קאנטראסט פון דעם פראגמאטיזם מיט די מעטאפיזישע סיסטעמען אין דער פילא־סאפיע, וועלכע זיינען אויך באקאנט אונטער דעם נאמען אבסאלוטע. און זיי רופען זיך אבסאלוטע טאקע דערהויפט צוליעב דעם, וואס ביי זיי איז דער אמת ניט רעלאטיוו נאר אבסאלוט.

די אבסאלוטיסטען גלויבען, אז ערגעץ־וואו אין דער וועלט איז פאראן אן אביעקטיווע אמת'קייט, וואס גיט דעם טאן און ווירקט אויף אלע מענשליכע אורטהיילען; אליין אבער ווערט זי, די מאיעסטעטישע אמת'קייט, פון קיין זאך און פון קיינעם ניט באווירקט און ניט באאייג־פלוסט. דעם דאזיגען אבסאלוטען אמת צו דערשפירען, דארף זיין — דענקען די אנהענגער פון אבסאלוטהייט—די אומאויפהערליכע שטרעבונג פון אלע דענקענדע מענשען און דער ענדציעל פון אלע הויכע און טיעפע חקירות און מחשבות. פאר די פראגמאטיקער אבער קוקט אויס די גאנצע אביעקטיוויטעט פון דעם אמת צו זיין ניט מעהר ווי אן אילוזיע. אזא מין אילוזיע כדומה ווי דער האריזאנט. „דאס אבסאלוט־אמת'ע", זאגט דזשיימס, „איז יענער אידעאלער פארשווינדונגס פונקט, וואס אין איהם דוכט זיך אונז וועלען זיך אין א געוויסען טאג אלע אמת'ן צענויפטרעפען". דער אמת, איז לויט די פראגמאטיקער א סוביעקטיווער, און די גראדען פונ'ם אמת־מעטער ווערען באשטימט, געמעהרט און פארקלענערט דורך די מענשליכע צוועקמעסיגקייט און צופרידענהייט.

דער סוביעקטיוויזם פיהרט אבער ניט דעם פראגמאטיזם צו א סקעפטיציזם, צו א ספיקות אדער צו א פארניינונג פון דעם אמת. ער איז ניט סקעפטיש, מחמת ער גלויבט אז קיין אנדערער אדער בעסערער וועג איידער דעם סוביעקטיווער אדער הומאנער איז ניט פאראן אויף צו דערקענען דעם אמת, און מעג דאס דערקענען זיין ווי ווייניג אבסאלוט.

און ווי ווייניק אביעקטיוו, איז דאס אבער, דאס זיכערסטע און פאזיטיווסטע, ווייל עס איז, דאס איינציגע און ממילא שוין דאס בעסטע. „דער אמת", שרייבט דזשיימס", איז בלויז אונזער גלויבען אין דער רעאליטעט און נ י ט די רעאליטעט אליין. נאטירליך מוז זי אנטהאלטען אין זיך מענש־ליכע עלעמענטען. די דאזיגע מענשליכע עלעמענטען אבער וועלען דער־קענען די ניט־מענשליכע עלעמענטען אין דעם איינציגען זין וואס זיי מא־כען מעגליך דערקענטנים בכלל".

א חוץ דעם, וואס די פראגמאטישע טהעאריע וועגען אמת איז סו־ביעקטיוו, איז זי אויך פסיכיש. על פי, דעם פראגמאטיזם, שלאגט דער אמת, אויף וויפיעל ער איז דא, זיינעווארצלען אין דער פסיכיק, דאס הייסט, אין דעם הארץ און אין די געפיהלען פון מענשען און ניט אין דער לאגיק, ניט אין דעם קאפ אדער אין דער פארנונפט, מעג די לעצטע זיין די ריינסטע. דער דאזיגער אנטי־אינטעלעקטואליזם איז דער פיערטער שטריך פון דעם פראגמאטיזם.

העכסט פאטעטיש שרייט דזשיימס אויס: „ווירקליכקייט, לעבען, דערפאהרונג, קאנקרעטהייט, אוממיטעלבארקייט — נוצט וואס פאר א ווארט איהר ווילט אליין—איבערטרעפט אונזער לאגיק, פליסט איבער איהר און רינגעלט זי ארום". און ארומגערינגעלט פון אוממיטעלבארקייט און קאנ־קרעטהייט, וועלכע ציהען זייער חיונה פון די געפיהלען און פון אלץ, וואס איז פארבונדען מיט'ן טערמין הארץ, קאן שוין די לאגיק ניט זיין דער מקור אדער דער וועג צו אונזערע אמת'ע דערקענטניסען, צו אונזערע ווארהאפטיגע גלויבענס, וואס ווערען דערנעהרט פון אונזער הארצענס־בלוט.

„ווי", פרעגט דזשיימס, „קאן אייער ריינער אינטעלעקט באשליסען? ווייל נאר אייער ה א ר ץ ניט קיין וועלט מיט א מאראלישער רעאליטעט, וועט א י י ע ר ק א פ זיכער קיין מאל ניט מאכען אייך אין אזא רעאלי־טעט צו גלויבען".

און היות ווי דזשיימס גלויבט, אז יעדען מענשען'ס הארץ, אפילו פון דעם פרייגעזאנפטען, ווען עס זאל זיך ניט שעהמען פאר דער לאגיק, וואלט זיך, ווי דזשיימס' הארץ גופא, מודה געווען, אז עס האט ניט איין מאל בשתיקה און בחדרי חדרים עובר געווען אויף דער עברה פון איבערגעבען זיך ליידענשאפטליך, כאטש אויף א ווייל'נקע, צום רעליגיעזען געפיהל; און היות ווי ער איז זיכער, אז א שטארקע ליידענשאפט איז א בעסערע גאראנטיע פאר דער עקזיסטענץ פון גאט, איידער די שארפסטע לאגיק, וואס קאן ניט ברענגען קיינע ארגומענטען פאר זיין ניט־עקזיסטענץ. ובכן קומט דזשיימס, ווי מיר ווייסען שוין, צום שלוס, אז פאר א דענקענדען

מענשען, וואס וויל זיין טריי צו זיין טיפען „זעלבסט״ איז ניטא קיין אנדער אויסוועג ווי צו גלויבען אין גאט.

אויף אזא אופן קומט א פינפטער שטריך צו צום פראגמאטיזם, על כל פנים צו דזשיימס׳עס, און דאס איז דער שטריך פון רעליגיעזיטעט. דער פראגמאטיקער גלויבט באמונה שלמה אין א גאט. ווי זיין אמת, איז אבער אויך זיין גאט, גאר אן אנדערער איידער דער גאט פון די אנדערע פילאסאפען. דער גאט פון דעם פראגמאטיקער איז רעלאטיוו. ער איז באגרענעצט אין זיינע כחות און אין זיינע מעגליכקייטען. זיין באוואוסטזיין אי, אמת, דער העכסטער און דער טיעפסטער און אין דעם זין אויך אן איבערמענשליכער. גאט אליין איז אבער אויך ארומגערינגעלט פון דער נייטראלער רעאליטעט, וואס דזשיימס שטעלט אוועק דרויסען פון איהם און וואס אין איהם שלאגט זיך גאט׳ס באוואוסטזיין אקוראט, אזוי ווי דער באוואוסטזיין פון יעדען שטערבליכען. און די דאזיגע ניט־פיזישע און ניט־גייסטיגע, נאר סתם רעאליטעט, וואס די קריטיקער קאנען זיך נאך עד היום ניט איינבייסען, אט די דאזיגע רעאליטעט נעהמט אוועק ביי גאט זיין אלמעכטיגקייט און זיין אבסאלוטיזם. דזשיימס ערקלעהרט גאנץ קאטעגאריש, אז „מעג דער איבערמענשליכער באוואוסטזיין זיין ווי אומערמעסליך, האט ער א דרויסענדיגע סביבה און פאלגליך איז ער באגרעניצט״. דער איבערמענשליכער באוואוסטזיין איז ביי דזשיימס׳ען נאר אן אנדער נאמען פאר גאט און די דרויסענדיגע סביבה, דאס איז די אריגינעלע רעאליטעט, וועלכע, צוזאמען מיט דעם אריגינעלען גאט, שטעלען צונויף דעם קאסמאס. דעם מענשען׳ס באוואוסטזיין, הגם ניט אזוי גרויס ווי גאט׳ס, איז אבער א „חלק אלוה ממעל״, א טייל פון גאט׳ס באוואוסטזיין, און ער שפילט דעריבער א גאנץ באדייטענדע ראלע אין דעם צוזאמענשטויס מיט דער רעאליטעט און אין דער אומאויפהערליכער אנטוויקלונג פון דעם וועלט־אל. דער מענשען׳ס ווילען איז ניט פון גאט נעגעבען, נאר ער איז א טייל פון גאט׳ס ווילען און אלס אזעלכער באזיצט ער דעם ניצוץ פון גאט׳ס אומערשעפענדע כחות צו קעמפען מיט דער רעאליטעט. ער פארמאגט א ניצוץ פון גאט׳ס פרייהייט. און דורך זיין ווילענס־פרייהייט העלפט דער מענש גאט צו רודערען די וועלט און צו מאכען זי, אויב ניט אין גאנצען גוט, איז יעדענפאלס בעסער און אנדערש פון טאג צו טאג.

דער בליק, וואס דער פראגמאטיזם בכלל, און דזשיימס בפרט, האט

אויף דער פראגע פון גאט און פרייען ווילען, איז העכסט שפאנענד־אינטערעסאנט און פארדיענט א באזונדער אבהאנדלונג.

דעם דאזיגען ארטיקעל וועלען מיר שליסען נאר מיט דער אנווייזונג, אז דער פראגמאטישער באגריף וועגען גאט און פרייען ווילען מאכט

גענצליך אוועק מיט דער מיינונג, אז דער מענש איז דורכאויס אין גאָט'ס הענד, אָדער אין די הענד פון אומשטאַנדען. דער מענש איז ביי איהם, ניט כחומר ביד היוצר, נאָר, פאַרקעהרט, ביז צו א גרויסער גראַד איז דער מענש דער יוצר פונ'ם חומר. אזא באַנעהמען פון דעם וועלט־אַל'ס אנטוויקלונגס־פּראָצעס, פילט אָן דעם מענשענ'ס נשמה מיט ווירדע, זעלבסט־רעספּעקט און שטאַרקען גלויבען אין די אייגענע כחות—א גלויבען, וואָס איז בלי ספק מסוגל ארויסצורופען און אַנטוויקלען אַלע, אין די קלענסטע און פיינס־טערסטע קאָמערלעך פאַרבעהאַלטענע כחות, אַלע פּאָטענציעלע פעהיגקיי־טען. און ווער ווייס, אויב אזא גלויבען אין זיך איז ניט ביכולת צו שאַפען נייע כחות און נייע פעהיגקייטען? . . .

נאַציאָנאַליזם און פּאַטריאָטיזם אין ליכט פון קולטור

. . . איז אָבער פאַראַן—זאָגט ער—עטוואָס העכערעס, עטוואָס הייליגערעס ווי א פאָלק. . . פאַראַן, פאַראַן — דאָס העכסטע, דאָס גרעסטע.—(י. ל. פּרץ, „דאָס פּראָבלעם").

דער איינצעלנער מענש איז דער פּילפאַכסטער און פאַרבאָרגענסטער עלעמענט אין דער וועלט, וואָס פון איהם, דורך אָרגאַניש־פּסיכישע פאַר־בינדונגען און צונויפשמעלצונגען, גיסען זיך אויס און ווערען צונויפגע־שטעלט פאַמיליעס, גרופּען, שבטים, געזעלשאַפטען, פעלקער, ראַסען—און די גאַנצע מענשהייט. דאריבער מוז יעדער אַנאַליז איבער די טאַטזאַכען און ערשיינונגען פון דעם כלל זיך אָנפאַנגען מיט א באַטראַכטונג און א שטודיום איבער דער טעטיגקייט און די אויסדרוקען פון דעם יחיד. דאָס קאָמפּליצירטע און רעטזעלהאַפטע געוועב פון יעדען סאָרט קאָלעקטיוו ווערט קלאָרער און דייטליכער פאַר אונז, וואָס מעהר מיר באַגרייפען די אייגענ־שאַפטען פון די פּעדים, פון די יחידים, וואָס פון זיי ווערט געשאַפען און געבונדען דער קאָלעקטיוו.

וואָס אזעלכעס דער יחיד איז, אין תוך גענומען, ווייסט נאָך עד היום קיינער ניט. דער מענשליכער געדאַנק פאַרנעמט זיך מיט דער דאָזיגער שאלה פאַר טויזענדער יאָהרען, און ער האָט נאָך אַלץ ניט באַוויזען צו געבען אויף איהר א קלאָרע תשובה. די פראַגע פון פּרץ'ס משוגענעם בטלן: „רבונו של עולם! ווער בין איך פאַרט?" וואַרט נאָך אַלץ אויף אַן ענטפער.

אַלץ וואָס מיר ווייסען וועגען מענשליכען איך, איז, ערשטענס, אז ער איז אַן אייגענשאַפט, וואָס נאָר דער מענש האָט זוכה געווען צו באַזי־צען. ביי קיין חיה אין דער וועלט האָט דאָס באַוואוסטזיין, ווי גרויס דאָס זאָל ניט זיין, ניט דערגרייכט די שטופע פון זעלבסט־באַוואוסטזיין. די

העכסט אנטוויקעלטע חיות לעבען אוים זייערע יאהרען מיט א באוואוסט־זיין, וואס איז עהנליך צום באוואוסטזיין פון א קינד אין דעם ערשטען יאהר פון זיין עקזיסטענץ. דאס איז א באוואוסטזיין, וואס קאנצענטרירט זיין אויפמערקזאמקייט אויף פיעלעס, וואס טהוט זיך ארום דעם וועזען, און אויף קיין זאך ניט, וואס קומט פאר אינערליך אין דעם וועזען.

צוויימענס ווייסען מיר, אז דער דאזיגער „איך" ביי יעדען איינצעל־נעם מענשען באשטעהט פון צוויי הויפט־טיילען—א ביאלאגישען און א פסיכאלאגישען.

דער ביאלאגישער טייל פאראלגעמיינט דעם מענשען מיט די חיות און פלאנצונגען. דער טייל נעמט ארום אלע פראצעסען און פונקציעס, וואס זיינען נויטיג פאר דעם פיזישען קיום פון דעם איינצעלנעם און זיין מין. דער טייל ווערט אפעריירט דורך די אינסטינקטען. ווי די אינסטיינקטען פון דערנעהרונג, געשלעכט, זעלבסט שוץ און אנדערע.

דער פסיכאלאגישער טייל, דורך זיין הויכער אנטוויקלונג ביי דעם מענשען, צייכענט אוים דעם לעצטען פון אלע אנדער לעבעדיגע באשעפע־נישען און שאפט פאר איהם אן אלץ מעהר אפגעזונדערטען און מעהר בכבוד'יגען ארט אין דער נאטור. דער דאזיגער טייל פון זיין „איך" לאזט ניט דעם מענשען זיך צופרידענשטעלען מיט דער פיזישער זייט פון זיין איך, מעג זי זיין ווי גוט. דער פארשטאנד, די געפיהלען און דער ווילען, וואס שטעלען צונויף דעם פסיכאלאגישען טייל פון דעם מענשליכען איך, רופען אין איהם ארוים אינטערעסען און שטרעבונגען, וועקען אין איהם האפנונגען און פארלאנגען פאר א באשטענדיגער פארפיינערונג פון זיין עקזיסטענץ, פאר א העכערען און רייכערען גראד פון וואהלזיין. זיי סטי־מולירען איהם צו א רוחניות'דיגען לעבען, צו א לעבען, וואו דאס מא־טעריעלע און פיזישע ווערט באטראכט נאר אלס א מיטעל צו דעם ציעל פון אן אמת'ן ריין־מענשליכען זיין אויף דער וועלט.

דער פארשטאנד איז די אויסערליכע, אביעקטיווע זייט פון דעם איך; די געפיהלען און דער ווילען זיינען די אינערליכע, סוביעקטיווע זייט פון דעם מענשען'ס פסיכיק.

דער פארשטאנד איז פאראינטערעסירט דערהויפט אין דער אויספאר־שונג פון דער דרויסענדיגער וועלט, וואס רינגעלט דעם מענשען ארום, און פאראינטערעסירט דערין איז ער אויף אזויפיעל, אויף וויפיעל ער קאן דאס אלץ אויסמעסטען און אפוועגען און דורך דעם באקומען די אויבערהאנד

און די קאָנטראָל איבער די אויסענווענינסטע נאַטור קרעפטען. ער שאַפט אַלץ, וואָס געהט אונטער דעם נאָמען ציוויליזאַציע, אַלץ וואָס פיהרט צו אַ בעקוועמערען און לייכטערען וואָהלזיין פון דער מענשהייט.

די געפיהלען און דער ווילען, אָדער ווי איינינע רופען זיי, דער גייסט אָדער נשמה־טייל פון דעם אינדיווידס פסיכיק, שענקט זיין עיקר אויפמערק־זאַמקייט דער ט י ע פ ע ר וועלט אינעווענינ אין דעם מענשען אנשטאַט דער ג ר ו י ס ע ר וועלט אויסענווענינ פון איהם. דורך דער אינעווענינסטער וועלט שטרעבט ער צו צוקומען צו דעם מקור, וואָס פון איהם שלאַנט לע־בען און גייסט.

דאַריבער גריבעלט זיך די נשמה אין דאָס, וואָס איז איבער דעם מענשען, און ניט אין דאָס, וואָס איז אַרום דעם מענשען. ניט, וואָס קאָ ן דער מענש אויפטאָן, נאָר, וואָס ד א ר ף דער מענש טאָן וויל די נשמה וויסען, וואָס פאַר אַ שטאַפעל מוז דער מענש פאַרנעמען אויף דעם לייטער פון דער וועלט־אַלס אַנטוויקלונג? וואָס איז דער זין און ציעל פון דער דאָזיגער אַנטוויקלונג? טראָגט זיך דער מענש דאָ אַרום ווי אַ שפענדעל אויף די כוואַליעס פון ים, אָדער איז ער, ווי דער קאַפּיטאַן פון דעם שיף אויפ׳ן ים, וועלכער האָט אַ געוויסע מיסיאָן צו ערפילען? אַזעלכע און אַנדער פראַגען פאַרנעמען דעם נשמה־טייל פון דעם מענשליכען איך. אָט דעם טייל האָט דאָס פּרץ אין זינען, ווען ער זינגט:

אין הארצען־ראַנד
שאַפט אַ פאַרבאָרגענע האַנד.
וואונדער־שטראַלען בינדט זי
בענקשאַפט ווערט געוועבט — — —

די דאָזיגע באַשטענדיגע בענקשאַפט נאָך העכערעס, שעהנערעס, הער־ליכערעס, איבערמענשליכעס און הייליגעס שאַפט קונסט, רעליגיע, מאָראַל און פילאָזאָפיע, שאַפט אַלץ, וואָס מיר באַצייכענען מיט דעם נאָמען קול־טור, אַלץ וואָס בינדט צונויף דעם מענש מיט דעם גייסט פון דעם וועלט־אַל.

דער קולטור שאַפענדער טייל פון דעם מענשליכען איך. אַלס דער העכ־סטער אויסדרוק פון דעם מענשענ׳ס פסיכיק, ברענגט אַריין אַ זין און אַ באַגייסטערונג אין אַלע טעטיגקייטען פון דעם מענשען, וויקעלט איין אין אַ ראָמאַנטישען גלאַנץ אַלע זיינע אימפולסען און אינסטינקטען. אין דעם דאָזיגען טייל ווערען אַלע פראַגמענטען פון דעם איך אין איין גאַנצעס

צונויפגעשמאָלצען. אָן איינהייט ווערט געבילדעט, וואָס פאַרמאָגט איהר אייגענעם אינהאַלט, איהר אייגענעם אויסדרוק, איהר אייגענעם בליק און שטעלונג צו אַלץ, וואָס דרעהט זיך אַרום איהם, און צו אַלץ וואָס שוועבט איינציג און צייכענט זיך אויס מיט זיין אומעהנליכקייט צו אַלע איבריגע איבער איהם. דער איך ווערט אינדיווידואַליזירט. ער ווערט איין און איד'ן אין דער וועלט.

וואָס טיפער און גרעסער די אינדיווידואַליטעט, אַלץ שטאַרקער די קולטור־טעטיגקייט, וואָס דורך איהר אַנטפּלעקט זיך די וועלט־נשמה צו דעם מענשן. די באַריהרונג מיט דעם וועלט־גייסט פאַרקלענערט ביי דעם מענשן די ווירדע פון דער פיזישער און ביאָלאָגישער זייט פון זיין איך, די ערדישע פאַרלאַנגען און באַגעהרען פאַרלירען דורך דעם זייער אינטענסיוויטעט און זינלאָז ווערט די אייגענגוצקייט. דער אינדיווידואַליזם שוואַכט אויף אַזאַ אופן אָפּ דעם עגאָיזם. וואָס מעהר דער עגאָיזם טרעט אָפּ זיין אָרט דעם אַלטרואיזם, אַלץ ווענינער שטערונג טרעפט דעם אינדיווידואַליזם אָן אין זיין אַנטוויקלונג צו פאָלקאָמענהייט.

וואָס גרעסער די צאָהל פון די איינצעלנע, וואָס באַזיצען דעם כח, די מעגליכקייט און נעלגענהייט אויפצוהאַלטען און אַנטוויקלען זייער אינדיווידואַליטעט, זייער אייגענעם קולטורעלען פּרצוף, אַלס רייכער און שענער איז די קולטור, אַלס מעהר טריאומפירט אין דער וועלט דער גייסט איבער דער מאַטעריע.

וואָס איז ריכטיג בנוגע דעם איך פון דעם איינצעלנעם איז אויך ריכטיג בנוגע דעם איך אָדער איינהייט פון א פאָלק — דעם בונד פון איינצעלנע, וואָס ווערט געשאַפען דורך מאַטעריעלע און גייסטיגע פעדים געוועבט פון א פאַרבאַנגענער האַנד דורך דורות און דורות. אויך דער נאַציאָנאַלער איך באַשטעהט הויפּטזעכליך פון צוויי טיילען — א פיזישען און א פּסיכישען. דער פיזישער טייל געפינט זיין אויסדרוק אין דעם לאַנד, וואָס דאָס פאָלק באַזיצט, און אין די אַלע מאַטעריעלע אוצרות, וועלכע דיענען די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון דעם פאָלק. דער פּסיכישער טייל אַנטפּלעקט זיך אין דער קולטור פון א פאָלק.

קולטור, זייענדיג אַלע מאָל דער אויסדרוק פון טיעפסטע און פאַרבאָרגענסטע ווינקעלאַך פון דער מענשליכער פּסיכיק, מוז אויך, אַלס א פאָלקס־פענאָמען, זיין די אינטימסטע און טיעפסטע שאַפונג פון דעם פאָלקס איך. דורך דער קולטור ווערט נתגלה די פאָלקס־נשמה. די קולטור שמעלצט צונויף אַלע טיילען פון פאָלקס איך און שאַפט דאַדורך א פאָלקס־אינדיווידואַליטעט, וואָס פאַרנעמט איהר אייגענעם אָרט אין דער וועלט־גייסט און

שפיעלט א באזונדערע ראָליע אין דער וועלט־געשיכטע. די דאָזיגע קול־טורעלע אינדיווידואַליטעט פון א פאָלק איז נאציאנאַליזם. אינדיווידואַ־ליזם און נאַציאָנאַליזם זיינען אלזאָ גייסטיגע צווילינגס. פון דעם טראַכט פון איין און דערזעלבער מוטער זיינען זיי ארויסגעקומען און זייער יניקה ציהען זיי פון איינע און די זעלבע ברוסט—די ברוסט פון דער „מוטער קולטור״.

קיין וואונדער נישט דאריבער אז וואָס מעהר די דענקענדע וועלט האָט אנגעהויבען איינצוזעהן די נויטווענדיגקייט פון אינדיווידואַליטעט אין דעם איינצעלנעם פאַר א מעהר הארמאָנישער און מעהר פולקאָמענער אנט־וויקלונג פון דער מענשהייט, אלץ מעהר הויבט די דאָזיגע וועלט אָן צו אנערקענען די נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט אלס א גרויסען פאַקטאָר אין דער בליהונג פון קולטור, אין דער פארטיעפונג פון גייסט און אין דעם רוחניות׳דיגען וואוילזיין פון דער מענשהייט בכלל.

יעדעס איינצעלנע פארשיעדענאַרטיגע גרעזעלע, בלימעלע אָדער בוי־מעלע בעהרט און פארפיעלפאכט די שעהנקייט פון דער נאַטור. און יעדער איינצעלנער מענש און נאָך מעהר יעדעס איינצעלנע פאָלק, ווי קליין עס זאָל ניט זיין פארשענערט און באַרייכערט דורך זיין אייגענאַרטיגער קולטור די אלגעמיינע קולטור און דעם אלגעמיינעם גייסט פון דעם וועלט־אַל.

זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער געדאַנק דאָ איז דער געשפּרעך צווישען אנאַטאָל פראַנס און א קאַפּיטאַן—א אידען דערצו—וועלכער איז געווען פארקאַכט אין דער אידעע פון עספּעראַנטאָ אלס אן אוניווערסאַלע, אינטערנאציאָנאַלע אָדער קאָסמאָפּאָליטישע שפּראַך.

„לאָמיר זיך פאָרשטעלען״, זאָגט אנאַטאָל פראַנס צום קאַפּיטאַן, „אז מען האָט דיר געגעבען א וואונדערליכע ליאַלקע אלס א מתנה. איהר גרויסע ווייכע אויגען ווערען באַדעקט מיט דעם שאָטען פון לאַנגע, געטליך נע־קרייזעלטע ברעמען. איהר מויל איז מחיה׳דיג רויט, און איז ווי דאָס אינגווענינסטע פון א ווינשעל. איהרע האָר זיינען די געשפּונענע זונען שיין, זי שמייכעלט צו דיר, זי רעדט צו דיר. זי רופט דיך: „מיין ליב־בענקער״. וואָלסטו זי ליב געהאַט?

לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אז דיר איז אויסגעקומען צו זיין מיט איהר א לאַנגע צייט איינער אליין אויף א וויסטען אינזעל, און פּלוצלונג האָט זיך באַוויזען א ווירקליכע פרוי, און גראַד א גאַנץ מיאוסע, אָבער נאָך אלעמען א לעבעדיגע פרוי. וואָלסטו דיין ליבעס־ליעד צו דער ליאַלקע אָדרעסירט?

„דיין עספעראנטא איז די ליאלקע, די פראנצויזישע שפראך, איז די לעבעדיגע פרוי. און די דאזיגע פרוי איז אזוי שיין, אזוי שטאלץ, אזוי באַ־שיידען, אזוי וואגענד, אזוי ריהרענד, אזוי תאוה׳דיג, אזוי צנועות׳דיג, אזוי דערהאבען, אזוי פאמיליאר, אזוי נאריש, אזוי קלוג, אז מען האט זי ליב מיט דער גאנצער נשמה, און מען בלייבט איהר אלע מאל געטריי. . . .

„מיין פריינד, די ווערטער „לאכען און וויינען" האבען ניט די זעלבע באדייטונג אין פראנצויזיש ווי אין אנדערע שפראכען, דען קיין מענש האט ניט אזוי געלאכט ווי מאליער, ווי רעגנארד אפע, ווי דיו־מארשאנס, קיין פרוי האט ניט אזוי געוויינט ווי געוויסע גרויסע פראנצויזישע פרויען, וועלכע האבען געליבט ווי מאדמאזעל דע לעספינאנס למשל. איך וויל אלזא, אז מיינע אידעען זאלען רוהען אויף ווערטער, וואס אין זיי לעבען נאך אלע די וואס זיינען שוין טויט".

אויך אין דער פעדאגאגישער וועלט הויבט אן געלעגט ווערען אלץ מעהר און מעהר געוויכט אויף נאציאנאלער אטמאספערע אלס א מיטעל אויף ארויסצוברענגען דאס בעסטע און דאס טיעפסטע אין דעם אינדיווי־דואליזם. אזוי לאנג ווי מען האט געדענקט, אז דעם מענשענס מארך, ווען ער ווערט געבארען, איז ווי א ווייס שטיקעל פאפיר, וואס אויף איהם שרייבט אן די וועלט אלץ, וואס די צושטאנדען און צופאלען דיקטירען, האט מען דאך געמאגט אריינברענגען דאס קינד אין אלערליי נייע סביבות, און אויב די לעצטע זיינען נאר געווען גענוג עסטעטיש און עטיש, האט מען געקאנט ערווארטען, אז דאס קינד זאל ערצויגען ווערען א מענש מיט מענשען גלייך.

לעצטענס ווערט אבער מעהר און מעהר באשטעטיגט די מיינונג, אז בעת דאס קינד ווערט געבארען, זיינען שוין אין די קאנוואלוציעס פון זיין מארך פאטענציעל איינגעקריצט אהנונגען און נייגונגען, וואס זיינען אויס־נעארבייט געווארען אין א טויזענד־יעהריגער פארגאנגענהייט. די סביבה קאן זיי נאר ארויסברענגען מכח אל הפועל. דורך די נערוועז פון דעם ניי־געבארענעם קינד שטראמען אימפולסען, דורך זיינע אדערען פליסט א טעמפ־עראמענט, וואס אלע ציהען זיי זייער דערנעהרונגס־זאפט פון אור־אלטע קוואלען, וועלכע קאנען קיינמאל ניט גענצליך אויסגעטריקענט ווערען, און אויב די אטמאספערע, וואס באגעגענט דאס קינד, ווען עס קומט אויף דער וועלט, זאל אין איהר אינוועניגסטען כאראקטער און גייסט זיין אנדערש ווי דאס, ווי דאס קינד האט געבראכט מיט זיך בירושה, מוז גאר גיך אין דער נשמה פון דעם קינד אויסברעכען א גוואלדיגער דיסאנאנס, זיין ער־ציהונג קאן ניט אנגעהן אויף א נארמאלען וועג, זיין אנטוויקלונג קאן ניט זיין קיין פאלקאמענע. און אויב אזא קינד ווערט יא אפט א גרויסער ווי־

סענשאפטסמאן, אויב עס ווערט יאָ אַ מאָל אַ גרויסער קינסטלער אָדער פי־לאָזאָף, ווערט עס אָבער קיין מאָל ניט קיין גאַנצער מענש, און דער־פאַר אויך ניט קיין גרויסער מענש.

דער גרויסער קינסטלער און פילאָזאָף ווידער, שפּיגעלט אָפּ אין זיינע שאַפונגען מעהר דעם גייסט, וועלכען ער האָט גע'ירש'ענט איידער דעם גייסט, אין וועלכען ער האָט זיך דערצויגען, ווי מיר זעהען דאָס, למשל, אין אזעלכע דיכטער ווי היינע אָדער אזעלכע פילאָזאָפען ווי האנרי בערגסאָן.

אין דער דערציהונגס וועלט הויבען אָן מער און מער אָנערקענט צו ווערען צוויי אוממעגליכקייטען: ערשטענס, די אוממעגליכקייט פון צו דערציהען אַ פאָלקאָמענעם מענשען אין אַ סביבה, וואָס שטימט ניט מיט די איינגעבאָרענע אייגענשאַפטען פון דעם, וועלכען מיר ווילען אָדער דאַר־פען דערציהען, און די אבסאָלוטע אוממעגליכקייט פון דער סביבה גענצ־ליך צו דערשטיקען דאָס, וואָס האָט פאַר דורות און הורות אויף אַ מיס־טעריעזען אופן דורכגענומען יעדער צעלע פון דעם געוועב, וואָס שטעלט צונויף דעם אינדיווידּ.

די אָנערקענונג פון די דאָזיגע אוממעגליכקייטען אויף דעם געביעט פון דערציהונג נעמט זיך דערפון וואָס די דערציהונגס וועלט ווערט שטאַרק באאיינפלוסט פון דעם אנטי־אינטעלעקטועלען שטראָם אין דער נייעסטער פילאָסאָפיע—פון דעם געדאַנקען שטראָם, וואָס שטעלט די טראָפּ מער אויף געפיל און ווילען איידער אויף אינטעלעקט, און וואָס מאַכט בכלל אוממעג־ליך אין דער אויסבילדונג פון דעם מענשליכען כאראַקטער אָפּצוטיילען איין אויסדרוק פון דעם גייסט פון דעם אַנדערען. און וואָס מער די טראָפּ ווערט געשטעלט אויף געפיל און ווילען, אַלס מער ווערט די מאראַל דער הויפּט באַשטאַנד־טייל פון דעם דערציהונגס פּראָצעס; אַלס מער ווערט די מענש־ליכע פאָלקאָמענהייט דער ציעל און צוועק פון דערציהונג, און אַלס מער ווערט אוממעגליך זיך פאַרצושטעלען מענשליכע פאָלקאָמענהייט דאָרט, וואו די נאַציאָנאַליטעט—דער שטאַרקסטער אויסדרוק און די פולסטע פאַר־קערפּערונג פון געפיל און ווילען—ווערט ניט גענומען אין אַנבעטראַכט.

אין דער הינזיכט איז פון גרויס באדייטונג דאָס נאָר וואָס דערשינענע בוך פון דזשיאָוואַני דזשענטילע „די רעפאָרם פון דערציהונג", דען אין קיין אַנדער בוך, דוכט זיך אונז, שפּיגעלט זיך ניט אָפּ אזוי שטאַרק דער איינ־פלוס און די ווירקונג פון דעם נייעם געדאַנקען־גאַנג אויף דעם דערציהונג פּראָבלעם, ווי אין דעם דאָזיגען טיפען בוך. דער באַגריף וועגען דעם, אַז פון אַ קולטור שטאַנדפּונקט דאַרפען שטרענגע פאַנאַנדערטיילונגס־ליניען דורכגעפירט ווערען צווישען בילדונג און אַנטוויקלונג, ווי אויך צווישען

נאַציאָנאַליזם און פּאַטריאָטיזם—דער דאָזיגער באַגריף, פאַר וועלכען מיר האָבען זיך איינגעשטעלט מיט יאָרען צוריק, קריגט די פולסטע אונטערשטי־צונגג אין דעם דאָזיגען בוך, וועלכער ווערט אויך שטאַרק געלויבט פון דעם גרויסען איטאַליענישען דיינקער קראָטשע אין זיין פאָרעדע צום בוך.

וועגען דעם אינטעלעקט און ווילען זאָגט דזשענטילע: „דער אינטע־לעקט און דער ווילען זיינען אויף אזוי ווייט איינע און דיזעלבע זאַך, אַז עס איז ניטאָ קיין אינטעלעקט, וואָס זאָל אין זיין אנטוויקלונג ניט זיין די אַנטוויקלונג פון א פּערזענליכקייט, די פאָרמירונג פון א כאַראַקטער, די פאַרווירקליכונג פון א ספּיריטועלער רעאַליטעט. און אויב דאָס איז אזוי, קאָנען מיר שוין פאַרשטעהן, פאַר וואָס די אידעען פון צוויי באַזונדערע אקטיווויטעטען אלס דער באַזיס פון דער געוועזענטליכער אונטערשיידונג צווישען מאָראַלער און אינטעלעקטועלער דערציהונג, זיינען בלויז אבסטראַק־ציעס, וועלכע שטערען אונז זעהר פיעל אין דעם באַנעם פון דער לעבעדיגער רעאַליטעט פון דעם גייסט. די דאָזיגע אונטערשיידונג צווישען אינטע־לעקט און ווילען זעהט אויס צו זיין זעהר שעדליך, דען פון א מאָראַלישען שטאַנדפּונקט איז קיין זאַך ניט אזוי קלעגליך, ווי צו באַטראַכטען מאָראַליש אינדעפּערענט וועלכען עס איז טייל פון דעם לעבען, וועלכען מיר דאַרפען פיהרען, און קיין זאַך איז ניט אזוי שעדליך פאַר דער שול ווי די איבערציי־גונג, אַז די מאָראַלישע פאָרמירונג פון דעם מענשען איז ניט דער גאַנצער צוועק פון בילדונג, נאָר אַז דאָס איז בלויז א טייל פון זיין אינהאַלט".

דזשענטילע באַשטעהט דורכאויס אויף דעם, אַז א גרינדליכער איבער־קער מוז פאָרקומען איצט אין די באַגריפען וועגען דערציהונג און בילדונג. די ביז איצטיגע באַגריפען זיינען, לויט זיין מיינונג, אלע ביז איינע פאַר־מירט געוואָרען אין צונויפשטימונג מיט דעם בליק, וועלכער האָט געזעהן אין בילדונג אַן אויסדרוק בלויז פון דעם אינטעלעקט, און אין דעם אינ־טעלעקט ווידער—אַן אויסדרוק פון גייסט, וואָס אונטערשיידט זיך אויף א געוויסען אופן פון ווילען, פון כאַראַקטער און פון מאָראַלער פּערזענליכקייט.

אויף ווי פיעל כאַראַקטער און מאָראַלע פּערזענליכקייט ווערט איצט דער ציעל און צוועק פון בילדונג און דערציהונג, מיט אַנדערע ווערטער, אויף וויפיעל די אַנטוויקלונג פון דעם טיפערען זעלבסט אין דעם אינדיוויד געהט איצט אריין אין דער פּראָגראַם פון דערציהונג, אויף אזוי פיעל מוז אין אַנבעטראַכט גענומען ווערען דער נאַציאָנאַלער זעלבסט, וואָס אין איהם שלאָגט דער אינדיווידועלער זעלבסט זיינע טיפסטע וואָרצלען.

מיט דער אַנערקענונג בכלל פון דער עקזיסטענץ פון א א אוניווערסאַ־לען זעלבסט, ווענט מוזען מער און מער אויפמערקזאַמקייט געשיינקט ווערען דעם נאַציאָנאַלען און אינדיווידועלען זעלבסט. ווי דער נאַציאָנאַלער

,,זעלבסט'' איז מיט זיין זין און באַדייט, מיט זיין ווערט און אינהאַלט אָפּהענגיג פון דעם אוניווערסאַלען זעלבסט, אַזוי איז אויך דער אינדיווידו־עלער ,,זעלבסט'' מיט זיין פולקייט און טיפקייט אָפּהענגיג פון דעם נאַ־ציאָנאַלען ,,זעלבסט'', און ווי אַ נאַציע איז אַן אויסדרוק און אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם אוניווערסאַלען גייסט, אַזוי איז אַן אינדיוויד אַן אויסדרוק און אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם נאַציאָנאַלען גייסט.

אין זיין בוך ,,די פּסיכאָלאָגיע פון נאַציאָנאַליטעט'', זאָגט פּילסבורי: ,,פאַראַן איין זין, אין וועלכען די נאַציע נעמט אָן פילע אַנבליקען פון אַ פּערזאָן. דאָס איז אַלס אַן אידעאַלער צענטער וואָס אויף אים באַרופען זיך די עמאָציעס. די נאַציע אַלס אַ באַגריף איז אַ רעאַליטעט, וואָס אַרום איר גרופּירען זיך די עמאָציעס פון די מיטגלידער. . . אין דעם דאָזיגען זין, איז די נאַציע עהנליך צו אַ גייסט. זי איז, אָדער זי האָט אַ ,,זעלבסט'' אין דעם זעלבען זין, וואָס אַ מענש איז אָדער האָט אַ ,,זעלבסט''.

און ווי מיט דער נאַציע אַזוי מיט דעם אינדיוויד. וואָס גרעסער און טיפער די נאַציע, אַלס מער נעמט זי אין זיך אריין פון דעם אוניווערסאַלען גייסט און אַלס טיפער דריקט זי אים אויס. וואָס גרעסער און שטאַרקער די אינדיווידואַליטעט פון דעם אינדיוויד, אַלס מער זאַפּט ער, דער אינדיוויד, אין זיך אריין דעם אוניווערסאַלען גייסט, און אַלס טיפער איז די אַנטפּלעקונג פון דעם דאָזיגען גייסט דורך אים. און אַזוי נויטיג ווי עס איז פאַר דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון דער נאַציע אַ טיפער און אינטענסיווער באַ־וואוסטזיין פון דעם אוניווערסאַלען גייסט, אַזוי נויטיג איז עס פאַר דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון דעם אינדיוויד אַ טיפער און אינטענסיווער באַוואוסטזיין פון דער נאַציע, פון וועלכער ער איז ביאָלאָגיש אַ מיטגליעד און קולטורעל אַן אויסדרוק.

די נאַציאָנאַלע קולטור־סביבה איז אַלזאָ דער סינע קווא נאָן, דאָס עפּעס, אָהן וועלכען דער אינדיווידואַליזם קאָן זיך ניט באַגעהן. נאָר די גייסטיגע זעלבסטשטענדיגקייט און אונאַבהענגיגקייט מאַכט מעגליך די פולע און פרייע פאַנאַנדערבליהונג פון די אינדיווידועלע גייסטיגע כחות. אַזוי אַז אויך פון אַ פּעדאַגאָגישען שטאַנדפּונקט פאַלט צונויף דער אינדיווידו־אַליזם מיט דעם נאַציאָנאַליזם.

,,די דאָזיגע נאַציע'', זאָגט דזשענטילע, ,,וועלכע מיר אַלע ווילען דער־הויבען צו אַליץ אַ העכערען שטאַנד פון כבוד און שעהנקייט. . . איז זי דען ניט די סובסטאַנץ פון אונזער פּערזענליכקייט—פון דער פּערזענליכקייט, וועלכע מיר באַזיצען ניט אַלס אינדיווידען, וואָס גענהן מיט דעם שטראָם,

נאָר אלס מענשען, וואָס באַזיצען אַ מעכטיגען זעלבסט־באַוואוסטזיין און וואָס קוקען אַרויף אויבען פאַר זיין שיקזאַל?

און אויב מיר פאַרשטעהען אויף אַזאַ אופן די נאַציע, פאָלגט דערפון, אַז ניט נאָר מוז יעדער מענש טראָגען דעם שטעמפּעל פון זיין נאַציאָנאַליטעט, נאָר אַז עס איז אויך ניט פאַראַן קיין אמת'ע וויסענשאַפט, קיין מענשליכע וויסענשאַפט, וואָס איז ניט נאַציאָנאַל. . . דער וואָס שיידט אָפּ זיין פּערזאָן פון זיין דערקענטניס, איז אומוויסענד וועגען דער טבע פון דערקענטניס. דער מאָדערנער לעהרער ווייסט ניט פון קיין וויסענשאַפט, וואָס איז ניט קיין אקט פון אַ פּערזענליכקייט. ער ווייס ניט פון קיין פּערזענליכקייט, וואָס זאָל דערלויבען, אַז מען זאָל זי אָפּרייסען פון אירע אידעען, פון אירע וועגען פון טראַכטען און פיהלען—פון יענעם גרעסערען לעבען, וועלכער איז די נאַציע. קאָנקרעטע פּערזענליכקייט איז אַלזאָ נאַציאָנאַליטעט און דאַריבער פאַרמאָגט ניט די שול און ניט די וויסענשאַפט אַ לעהרע, וואָס איז ניט נאַציאָנאַל. דאַריבער פאָדערען עס אונזערע דערציהונג־רעפאָרמען, וועלכע זיינען אינספּירירט פון די לעהרעס פון דער מאָדערנע אידעאַליסטישע פילאָסאָפיע, אַז די שול זאָל זיין באַלעבט און באַזעעלט מיט דעם גייסטיגען אָטעם פון דעם פאָטערלאַנד".

רעדענדיג וועגען דעם אינדיווידואַליזם האָבען מיר שוין אָנגעוויזען, אַז ער טאָר ניט אידענטיפיצירט ווערען מיט דעם עגאָאיזם. וועהרענד דער ערשטער איז דער אויסדרוק פון אַלץ, וואָס מיר באַצייכענען מיט דעם וואָרט נשמה, איז דער צווייטער דער אויסדרוק פון אַלץ, וואָס געהערט אונטער דעם נאָמען גוף. וועהרענד דער ערשטער—דער אינדיווידואַליזם—איז אַ שטרעבונג צו אַ קאַמף פאַר עפּעס אַזעלכעס וואָס לעבט לאַנג נאָך דעם ווי דער קעמפער אליין איז שוין טויט, פאַר עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט אַן אוניווערסאַלען און אייביגען ווערט, איז דער צווייטער—דער עגאָאיזם—אַ קאַמף פאַר עפּעס, וואָס ברענגט באַלדיגע און דירעקטע נוצען, אַ קאַמף פאַר פּערזענליכעס און צייטווייליגעס. און דאָרט וואו דאָס פיזישע און צייטווייליגע ווערט באַטראַכט ניט בלויז אלס אַ מיטעל צו אַלץ וואָס איז גייסטיג, אַלמענשליך און אייביג, נאָר אלס אַ ציעל אַן און פאַר זיך, דאָרט הערט אויף די אַנטוויקלונג, דאָרט וועבט זיך אוים די נשמה, דאָרט וועלקט די קולטור און רעגרעס הערשט אין זיין פולער אבשייליכקייט.

און ווי מיט דעם אינדיווידואַליזם און עגאָאיזם אַזוי איז אויך מיט דעם נאַציאָנאַליזם און פּאַטריאָטיזם. אַ שאַרפע פאַנאַנדערטיילונגס־ליניע מוז געצויגען ווערען צווישען די דאָזיגע צוויי באַגריפען. פאַר אונזער גייסטיג אויג מוז אַלע מאָל בולט אַרויסטרעטען די נפקא מינה צווישען דעם

ביאָלאָגיש־אינסטינקטיווען טייל פון דעם נאציאָנאַלען איך, און דעם פסי־כאָלאָגישען, נשמה׳דיגען טייל פון זעלבען איך. וועהרענדביידע טיילען זיינען נויטיג פאר אַ נאָרמאַלער, געזונטער אַנטוויקלונג פון דעם איך, פאַר־דערט אָבער דער פראַגרעס פון דער מענשהייט, דער פראַגרעס פון דעם וועלט גייסט, אַז דער פונדאַמענטאַלער נידריגער טייל זאָל דינען דעם הויך־גאָרענדיגען טייל. דאָס לאַנד און אַלע זיינע מאַטעריעלע אוצרות זיינען נויטיג פאר דער גייסטיגער אַנטוויקלונג פונ׳ם פאָלק. זיי מוזען אָבער באַטראַכט ווערען אַלס אַ מיטעל און ניט אַלס אַ ציעל אין זיך גופא. דער פאַטריאָטיזם טאָר קיין מאָל ניט נעמען די אויבערהאַנד איבער דעם נאציאָנאַליזם.

ווען אָבער אין קאַמף פאַר דעם פאָלקס־עקזיסטענץ ווערט דער עיקר געוויכט געלעגט אויף דער פאַטריאָטישער זייט, ווען דער ענטוזיאַזם פון קאַמף געהט אַזוי ווייט ווי עובר צו זיין אויף אַלע לאָו׳ן פון דער נאציאָנאַ־לער און מענשליכער רעליגיאָן, פילאָזאָפיע, און עטיק, אויף אַלע הייליג־קייטען פון דער נאציאָנאַלער און מענשליכער קולטור—יעמאָלט איז דאָס פאָלק אין געפאַהר צו פארלירען ניט נאָר זיין עולם הזה—דאָס לאַנד, נאָר אויך זיין עולם הבא—די קולטור. עס איז אין געפאַהר געגנצליך פארניכטעט צו ווערען ניט איבערלאָזענדיג קיין זכר וועגען זיך. אַ הויכע קולטור אָבער פון אַ פאָלק לעבט אפילו נאָך דעם, ווי דאָס פאָלק ווערט פארניכ־טעט. אַ פאָלק, שטאַרק אין גייסט, האַלט זיך אויף אפילו ווען פארטריבען פון זיין לאַנד.

די הויכע קולטור, געשאַפען פון דער טיפער גריכישער פאָלקס־נשמה לעבט נאָך איצט און וועט לעבען אַזוי לאַנג, ווי די וועלט וועט דויערען. דאָס אידישע פאָלק, פארטריבען פון זיין לאַנד, האָט באַוויזען, אַ דאַנק זיין שטאַרקען גייסט און הויכער קולטור, אויפצוהאַלטען זיין פאָלקס־איינ־הייט אין זיין צושפרייטקייט און צוזייטקייט, ניט פארלירענדיג די האָפנונג, און איצט שטעהענדיג ביי דער מעגליכקייט פון צוריקקעהרונג פון זיין לאַנד.

און דאַריבער האָט איבסען געזאָגט וועגען זיין פאָלק: „ווען מיר זאָלען אפילו פארלירען אונזער זעלבסטשטענדיגקייט, ווען מען זאָל אפילו צונעה־מען ביי אונז דאָס לאַנד, וועלען מיר דאָך בלייבען ווי אַ באַזונדער נאציע. איך גלויב פעסט, אַז דאָס, וואָס מיר האָבען אין זיך גוטס, וועט בלייבען, נאָר מיט דעם תנאי ווען אונזער נאציאָנאַלער גייסט וועט האָבען גענוג שטאַרקייט צו וואַקסען אין אומגליק״.

און וועגען זיין איטאַליעניש פאָלק זאָגט איצט דזשענטילע: „ניט נאָר קאָנען מיר זיך אָפטיילען פון אונזער לאַנד, נאָר מיר מעגען אפילו אויפגעבען אונזערע מנהגים, פארגעסען אונזער שפראַך, פארלאָזען אונזער

רעליגיע. . . . און דאך ענטפערען מיט דעם זעלבען סענטימענט און מיט דער זעלבער נשמה צו דעם קלאנג פון איין נאמען, צו די פארבען פון איין פאן, צו דעם רוף פון אן אלגעמיינער האפענונג אדער צו דעם לארם פון אלגעמיינע געפארען, און ערשט יעמאלט פיהלען מיר, אז מיר זיינען א פאלק, יעמאלט זיינען מיר א נאציע. . . . נאציאנאליטעט באשטעהט ניט אין אינהאלט, וואס קאן זיך ענדערען, נאר אין דער פארם, וואס א געוויסער אינהאלט פון דעם מענשליכען באוואוסטזיין נעמט אן ווען ער דערפילט, אז ער שטעלט צענויף א פאלקס כאראקטער".

אט אזוי טראכטען און פיהלען געטרייע זיהן פון א פאלק, וועלכע זיינען אין דער אייגענער צייט גרויסע אינדיווידואליסטען. די מעהרהייט אבער פון פאלק טראכט מעהר וועגען לאנד ווי וועגען גייסט. ווייל דאס לאנד רעדט צו די אינסטינקטען, דער גייסט צו די העכערע געפיהלען. דאס לאנד רעדט צו די ביאלאגישע אינטערעסען, וואס ווערען באגריפען פון פיעלע, דער גייסט צו די קולטורעלע אינטערעסען, וואס ווערען אפגעשאצט פון די ווענינע.

אט פאר וואס דער סאציאליזם, וועלכער, נאך אין זיינע ווינדעלאך, האט אוועקגעשטעלט אין פאדערגרונד פון דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג די מאטעריעלע און עקאנאמישע אינטערעסען,, איז געווען אזוי פארקאכט אין דעם קאסמאפאליטיזם. דער פאטריאטיזם, וואס זיין טענדענץ איז צו קלאסיפיצירען פעלקער לויט טעריטאריע אנשטאט קולטור, איז זעהר מסוגל פארוואנדעלט צו ווערען אין א קאסמאפאליטיזם, דערהויפט דארט, וואו דער טעריטאריאליזם באנקראטירט. דער זעלבער פאטריאטיזם, וועלכער איז פאראנטווארטליך פון איין זייט פאר דעם שטוויניזם, פאר דעם געפיהל: מיין פאלק איבער אלע פעלקער, מיין קולטור איבער אלע קולטורען, מיין הערשאפט איבער אלץ, וואס איך קאן באהערשען—דער אייגענער פאטריאטיזם פון דער צווייטער זייט פיהרט צום קאסמאפאליטיזם, צום געדאנק פון צונויפשמעלצען זיך מיט דער גאנצער מענשהייט, אום פטור צו ווערען פון די אלע וועהטאגען און צרות, וואס נעהמען זיך פון דעם קאמף פאר נאציאנאלער אפגעזונדערטהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, וועלכע איז נויטיג פאר דער דערהאלטונג פון דער נאציאנאלער קולטור.

פאר ביידען: סיי פאר דעם קאסמאפאליטיזם, סיי פאר דעם פאטריאטיזם איז פאראנטווארטליך די מאטעריאליסטישע וועלט אנשויאונג. ווער עס שטעלט די טראפ אויף מאטעריע אנשטאט אידעע, אויף שטאף אנשטאט גייסט, דער מוז שוין געהן ווייטער און שטעלען די טראפ אויף גוף אנשטאט נשמה, אויף אינטעלעקט אנשטאט געפיהל, אויף ציוויליזאציע אנשטאט

קולטור, אויף בילדונג אנשטאט אנטוויקלונג, אויף פאטריאטיזם אנשטאט נאציאנאליזם.

עס איז דאריבער קיין וואונדער ניט, וואס ווען דזשיאוואני דזשענטילע וויל אנווייזען אויף דער נויטיגקייט פון אן ענדערונג אין די מעטאדען און סיסטעמען פון דערציהונג, ווייזט ער פריהער פון אלץ אן אויף דער ענ־דערונג וואס איז לעצטענס פארגעקומען אין די באגריפען פון דעם מענשען וועגען גאט און זיין וועלט. און ער ווערט גאר ניט מיעד באטאנענדיג אז דער וואס וויל געוויסענהאפט דורכפירען זיין ראלע אלס לעהרער, מוז פריי־הער פון אלץ דורכגענומען ווערען אין דער ברייט און אין דער טיף מיט דער אידעאליסטישער וועלט־אנשויאונג, וועלכע ווערט פון טאג צו טאג אלץ מער אלהערשענד.

ער וויל ארויפדריגען אויף דעם לערער דעם באגריף, אז די גאנצע, אזוי אנגערופענע, אויסענוועניגסטע וועלט איז אין דער אמת'ן אין דעם באוואוסטזיין. אלץ אין דער וועלט, יעדע זאך און יעדע ערשיינונג, איז איינגעשלאסען אין דעם באוואוסטזיין, און קאן פון אים ניט ארויסגענומען ווערען, פונקט ווי מיר קאנען ניט ארויסגענומען ווערען פון דער וועלט, וועלכע רינגעלט אונז ארום.

„מיר זאגען", שרייבט דזשענטילע, „אז דער מארך איז אויסענוועניג פון דעם באוואוסטזיין, און אז דער שארבען גופא ווידער איז ארומגערינ־געלט מיט ליכטיגען און לופטיגען רוים. א רוים, וואס איז אנגעפיהלט מיט שעהנע פלאנצונגען און שעהנע חיות. דער פאקט בלייבט דאך אבער אז דער מארך און דער שארבען און יעדער אנדער זאך זיינען דער פאטענ־ציעלער אדער אקטועלער געגענשטאנד פון אונזער דיינקונגס־פעהיגקייט און ער קאן דאריבער ניט אנדערש ווי בלייבען אינוועניג אין יענעם באוואוסט־זיין, וואס פאר א מאמענט האבען מיר אנגענומען אז ער איז אויסענוועניג פון אים".

דער לערער, דיינקט דזשענטילע, טאר בכלל ניט ארויסלאזען פון אויג אז „זאכען זיינען בלויז גייסט אין דעם מאמענט, ווען מען קוקט אויף אים אויף אן אבסטראקטען אופן אין דער פילפאכקייט פון זיינע אויסדרוקען".

און די צייט קומט איצט ווען ניט נאר דער לערער, נאר אויך דער סאציאלער טוער, וועט ניט טארען אויף קיין מאמענט ארויסלאזען פון זיין זכרון דעם קאנקרעט אידעאליסטישען אדער ספיריטואליסטישען באגריף

וועגן דער וועלט, דעם באגריף, וואס דרינקט דורך איצט יעדעס ווינקעלע פון דער פילאסאפישער וועלט.

אין זיין בוך „געשיכטע, איהר אויסטייטשונג און אנטוויקלונג", שרייבט דער גרויסער איטאליענישער דיינקער קראטשע: „די רעאליטעט איז גייסט, נים א גייסט וואס איז איבער דער וועלט אדער וואס וואנדערט ארום דער וועלט, נאר אזעלכער וואס פאלט צענויף מיט דער וועלט, און די נאטור איז א מאמענט אדער א פראדוקט פון דעם דאזיגען גייסט גופא. און דאריבער ווערט באזייטיגט דער דואליזם (אמוועניגסטענס דער דואליזם, וועלכער האט געמאטערט דעם גערדאנק פון טהאלעס ביז ספענסער), און אינאיינעם מיט אים ווערט אויך באזייטיגט די טראנסצענדענס פון אלע מינים, סיי די וואס איז מאטעריאליסטיש, סיי די וואס איז אידעאליסטיש אין איר אנטשטעהונג."

די דאזיגע קאנקרעטע אידעאליסטישע וועלט אנשויאונג, וועלכע זעהט אין יעדער איינציגער זאך און ערשיינונג אין דער וועלט אן אויסדרוק אדער א מאמענט פון גייסט, וואס מיט אים אידענטיפיצירט זי די אוניווערס אלץ גאנצעס, האט טויט געשלאגען דעם ראדיקאלען קאסמאפאליטיזם, וועל־כער האט זיך געשטיצט אויף דער מאטעריעלער קוואנטאטיווער איינ־פארמיגקייט. די זעלבע אנשויאונג וועט פריהער אדער שפעטער מאכען א סוף צום קאנסערוואטיווען פאטריאטיזם, וועלכער האט זיך געשטיצט אויף דער טראנסצענדענץ און דער דואליטעט, וועלכע האט דער רוחניות געגעבען א בכבודיגען ארט אויף יענער וועלט און אויף דער וועלט האט זי געלאזען די גשמיות אין דער פארם פון טעריטאריע און ציוויליזאציע אומגעשטערט צו געוועלטיגען.

א סוף וועט מוזען נעמען צום פאטריאטיזם און זיין פליגעל־אדיוטאנט שאוויניזם, וועלכע זיינען פאראנטווארטליך פאר די בלוטיגע שלאכטען צוויי־שען פעלקער ווי אויך פאר דעם וואס אין די שלאכטען ווערען פון יעדעס פאלק מיט די פיס געטראטען די אוניווערסאלע פרינציפען און געבאטען פון ליעבע יושר און פרייהייט. אויף דעם מזבח פון ערדישע און קליינליכע אמביציעס ווערט געאפפערט דאס הערליכסטע און דאס הייליגסטע. אנ־געפילט ווערט די לופט מיט דעם לאזונג: פארגעס דיינע שייכות'ן צווישען דיר און גאט, צווישען דיר און דיינע מיטמענשען, ווארף זיך אריין אין דעם קאמף צווישען לאנד און לאנד, שטאט און שטאט, אויב נים מיט דיין זעלע איז מיט דעם לייב.

דער נאציאנאליזם שטרעבט אויך צו דעם אלגעמיינעם וואוילזיין פון פאלק ער וויל דאס אבער נים באקומען דורך ברוטאליטעט, אומרעכט און שקלאפעריי פון דעם איינצעלנעם אדער קאלעקטיוו.

דער נאציאנאליזם פאדערט אויך פון די געטרייע זיהן פון פאלק מקריב צו זיין זייער אייגענעם וואוילזיין, זייער אייגענעם לעבען פאר דעם וואוילזיין פון דעם פאלק. דער נאציאנאליזם וואגט אבער ניט צו פאדערען אז דער זוהן זאל זיין נשמה פארקויפען, זיינע איבערצייגונגען פארבויגען, זיין גאט ווידערשפעניגען, זיין היילינקייט פארשוועכען על פי א באפעהל, וואס שטיצט זיך אויף מאכט און אויטאריטעט.

נאציאנאליזם איז די אינדיווידואליטעט פון דעם פאלק'ס נשמה, און די נשמה איז דאך נאר א פונק פון דעם גרויסען פייער—דער וועלט נשמה.

הויך און הייליג איז א פאלק.

דער נאציאנאליזם שפירט אבער, אז עס איז פאראן דאס העכסטע און דאס הייליגסטע, וואס שטעהט איבער דעם פאלק, און וואס טאר אונטער קיינע אומשטענדען ניט פארשוועכט ווערען.

עס איז פאראן די קולטור פון א פאלק און די אוניווערסאלע קולטור, וועלכע זעצט זיך דורך פארשיידענארטיג דורך די פעלקער. און די דאזיגע קולטור, אין וועלכע דער אוניווערסאלער זעלבסט, דער אבסאלוטער גייסט, וויקעלט זיך גופא פאנאנדער איז, אין די ווערטער פון דזשענטילע, „ניט קיין אטריבוט פון דעם גייסט, וועלכער עקזיסטירט צווישען אנדערע גייס־טער און פנים אל פנים מיט דער אים ארומרינגלענדער נאטור, נאר זי, די דאזיגע קולטור, איז די סאמע ערשטע באדייטונג פון „אלץ".

אלעם צייטווייליגעס, אלעם נוצפולעס און אלעם בלויז מענשליכעס מוז זיך בויגען פאר דער דאזיגער וועלט מהות—פאר דער מאיעסטעט פון דעם גייסטיגען „אלץ".

און די הויפט, אויב ניט די איינציגע, נפקא מינה צווישען פאטריאטיזם און נאציאנאליזם איז דאס, וואס דער נאציאנאליזם האט גרוים דרך ארץ פאר דעם „אלץ", וואס איז פול מיט באדייטונג—מיט א באדייטונג, וואס אהן איהר האט קיין זאך אין דער וועלט קיין זין און קיין ווערט.

דער פראגרעס פון דער מענשהייט און די אנטוויקלונג פון דער קולטור מוזען פיהרען צו א נצחון פון דעם נאציאנאליזם איבער דעם פאטריאטיזם. און ווי דער אינדיווידואליזם נויטיגט זיך פאר זיין פולען אויסדרוק אין אלטרואיזם, אזוי נויטיגט זיך דער נאציאנאליזם פאר זיין אמת'ער פאנאנ־דערבליהונג אין דעם אינטערנאציאנאליזם.

געפיהלען און פליכטען*)

מלחמה שטעלט אוועק אין געפאהר די פיזישע און גייסטיגע עקזיסטענץ פון א פאלק און עס איז דאריבער גאנץ נאטירליך, אז ביי יעדען געטרייען זוהן פון פאלק זאל זיך, אין צייט פון מלחמה דערוועקען אם שטארקסטען זיין ליבע צום פאלק, און אז די פליכט צו קעמפען פאר די דערהאלטונג פון זיין פאלק זאל דורכדרינגען אלע ווינקעלאך פון זיין נשמה. די נאציאנאלע געפיהלען און פליכטען טוען זיך מיט אמאל א יאג צום אויבען אן.

ביי א סך מענשען הויבט זיך יעמאלט אן אן שארפער קאנפליקט צווישען די געפיהלען און פליכטען צו דער נאציאן, און די אנדערע געפיהלען און פליכטען, וואס ווילען בשום אופן ניט אויפגעבען זייער פרעטענזיע אויף א בכבוד'יגען ארט אין דער מענשליכער נשמה.

אט, למשל, קומט צו א געוויסען מענשען דער מענשהייט געפיהל, די ליבע צו דעם מיטמענש בכלל, און פטארעט זיך, אויף דעם סמך, וואס ער איז געוועזן א גאנץ אלטער תושב אין זייער נשמה, צו גובר זיין די ליבע צום פאלק, וואס איז אין צייט פון מלחמה מוז זיך אויסדריקען אין פארגיסען דאס בלוט פון די קינדער פון אנדערע פעלקער. אט דערהערען אייניגע מענשען א שטים, וואס רופט זיי זיך צו דערמאנען, אז איבער דעם פאלק, איבער דער מענשהייט און איבער דער גאנצער זיכטבארער וועלט געפינט זיך א קראפט אן אומזיכטבארע, א קראפט א געטליכע, אין וועמעס געבאט לא תרצח,—דו זאלסט ניט מארדען, זיי האבען אלע מאל געגלויבט—און א געבאט טאר ניט און קאן ניט האבען קיין אויסנאהמען.

אין די הערצער פון אנדערע ווידער גנב'ט זיך אריין אן איבערצייגונג, אז די מלחמה, וואס זייער פאלק פיהרט אן איז אן אומגערעכטע, אן אומבאגרינדעטע און א שעדליכע פאר זיין פאלק. זייער פליכט דיקטירט זיי יעמאלט ניט צו באטייליגען זיך אין דער מלחמה און צו קעמפען מיט אלע כחות פאר א שנעלען סוף צו דער מלחמה.

אלס אזעלכע, קאנען זיי זיך ניט רעכענען מיט דער ווירקונג, וואס זייער ארבייט וועט האבען אויפ'ן גאנג פון דער מלחמה, און קאנען ניט זיין צווי־

---

*) ערשינען אין „אידישען קעמפער", 1917.

שען די יעניגע, וואָס זאָלען שטרעבען און האָפען אויף אַ נאַציאָנאַלען זיעג.

אַ קאַמף אויף לעבען און טויט אַנטשטעהט דאַן צווישען די נאַציאָנאַלע און אַנדערע געפיהלען, צווישען די נאַציאָנאַלע פליכטען און די פליכטען צו דער מענשהייט, צו גאָט און צו דעם אייגענעם „איך״.

די לאַגע איז צו ערנסט, אַז דער קאַמף זאָל אַנהאַלטען לאַנג. נישטאָ קיין אָרט אין אַזאַ מאָמענט פאַר׳ן האַמלעטיזם. יעדער מוז גלייך באַשטימען „צו זיין אָדער ניט צו זיין״. און מיט וועמען צו זיין, און אַזוי ארום פאָרמירען זיך גלייך נאָך דעם, ווי מלחמה ווערט ערקלערט, צוויי לאַגערען, דער לאַגער פון מלחמה אַנהעננגער און דער לאַגער גון מלחמה געגנער.

וואָלט אין די הערצער פון די הורא שרייער פאַר קריעג געשלאָגען אַ געטליכער פונק, וואָלטען טיעף עטהישע באַגריפען ניט געוועזן גענצליך פרעמד צו זיי, וואָלטען זיי יעמאָלט ניט געהאַט די העזה צו באַשולדיגען אַלע, וואָס באַקעמפען מלחמה, אין אַנטי־פּאַטריאָטיזם, איז פאַרראַט, אין דומהייט וכדומה אַזעלכע אומגעלומפּערטקייטען. זיי וואָלטען דאַן פאַרשטאַנען, אַז אַ געטרייער זוהן צום פאָלק קאָן זיין נאָר דער, וואָס איז טריי קודם כל צו זיין אייגענער נשמה, צו זיינע אייגענע איבערצייגונגען. לעת־עתה ווייס דאָך נאָך קיינער ניט וואו דער אמת ליגט. די באַגריפען וועגען גערעכטיגקייט און אומגערעכטיגקייט זיינען דערוויילע רעלאַטיווע. אפילו די גרעניצען צווישען רעאַקציאָן און פּראָגרעס, ראַדיקאַליזם און קאָנסערוואַטיזם ווערען אָבגעווישט אין צייט פון מלחמה און קיינער קאָן ניט מיט זיכערהייט זאָגען וועמעס פּלאַטפאָרם איז אַ רעאַקציאָנערע און וועמעס אַ פּראָגרעסיווע, וועמעס שטרעבונגען זיינען ראַדיקאַלע און וועמענס קאָנסערוואַטיווע.

איבערצייגונגען און אידעאַלען זיינען איינע פון די זיכערע וועגען, וואָס פיהרען צום ריינעם אמת, צו דער אייביגער גערעכטיגקייט און צו שטענדיגען פּראָגרעס. עס איז דאַרום ניט פאַרהאַן אין דער וועלט אַזאַ מזבח, וואָס אויף איהם זאָל מען קעמען אָפּפּערען איבערצייגונגען און אידעאַלען. און די רעכט אויסצודריקען איבערצייגונגען, פּראָפּאַגאַנדירען אידעאַלען שטעהט העכער דאַריבער פון אַלע רעכטען, וועלכע זיינען אָדער וועלען ווען עס איז ווערען באַגריפען אין דער מענשליך עטישער באַנעהמונג פון דער וועלט. און די יעניגע, וואָס באַנוצען זיך מיט זייער מאַכט און אונטערדריקען אין דעם נאָמען פון נאַציאָנאַליזם אָדער פּאַטריאָטיזם אַזעלכען רעכטען, צייגען דערמיט ארויס אַ גוואַלדיגע עם־הארצות אין הלכות עטיק.

אינ׳ם נאמען פון נאציאנאליזם אפעלירען אויף ,,אנגעזעהענע אידען״ צו די קינדער פון אידישען פאלק, אז זיי זאלען ניט רעדען געגען מלחמה, אז זיי זאלען אין זיך דערשטיקען זייערע מלחמה־געגנערישע מיינונגען און נייגונגען. זייער טענה איז, אז דער פאציפיזם, מצד די אידען, אפילו ווען ער קומט פון יחידים און ניט פון כלל אידען, קאן חלילה ארויפוואַרפען א פלעק אויפ׳ן כבוד פון דעם אידישען פאלק, און מיט דער צייט זיך זעהר שלעכט אפרופען אויף דער לאגע פון דער גאנצער אידישער נאציע. לכן, טאר א איד ניט ארויסטרעטען אין דער עפענטליכקייט אלס א רודף שלום׳ניק.

דער דאזיגער אפיעל וועט אבער זיכער ניט געפינען קיין אבקלאנג אין די הערצער פון ערנסטע און עהרליכע קינדער פונ׳ם אידישען פאלק מחמת אזעלכע קינדער ווייסען און פיהלען, אז נאר זייענדיג טריי צום אייגענעם גייסטיגען ,,איך״, צו די אייגענע אנשויאונגען און איבערצייגונגען, קאן מען דינען געטריי דעם אייגענם פאלק.

די זעלבע טענות איז מסתמא אויסגעקומען צוהערען די אידישע יונגע לייט מיט טויזענדע יאהרען צוריק, ווען זיי האבען אנגעפאנגען צו באקעמפען געצענדינערייי. אויך די אידישע רעוואלוציאנערען אין רוסלאנד האבען געהאט געגנוג אויסצושטעהן פון די ,,אנגעזעהענע אידען״ פאר זייער באַטייליגען זיך אין דער רוסישער רעוואלוציע. די איצטיגע ,,אנגעזעהענע אידען״ אבער שטאלצירען מיט׳ן כבוד, וואס דער מאנטעאיזם אדער די רוסישע רעוואלוציע האט פארשאפען דעם אידישען פאלק. עס איז צו האפען, אז אויך דער איצטיגער אידישער פאסיפיזם וועט אין דער צוקונפט פארגרעסערען דעם פרעסטיזש פון דעם אידישען פאלק. דאס וועט קומען א דאנק די אידען, וואס פארשטעהען, אז די פליכט פון אלע פליכטען איז צו זיין טריי צו זיך זעלבסט און צו געבען א געלעגענהייט דעם ,,איך״, וועלכער איז א חלק אלוהי ממעל זיך אויסצודריקען אויף צו להכעיס אלע שוועריגקייטען און שטערונגען.

דר. זשיטלאָווסקי׳ס שטעלונג צום קריעג*)

אויפ׳ן גרונד פון א פּאָר פילאָזאָפיש־עטישע באַטראַכטונגען (אין זיין אַרטיקעל „אונזער שטעלונג צום קריעג״ אין דעם „אידישען קעמפער״ פונ׳ם 19טען אָקטאָבער) קומט דר. זשיטלאָווסקי צום שלוס, אַז ביז דער רוסישער רעוואָלוציע האָט די אידישע נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געדאַרפט זיין נייטראַל, נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע אָבער מוז זיך די דאָזיגע פּאַרטיי על פּי יושר און על פּי איהר פאַראַנטוואָרטליכקייט צום פּראָגרעס אָפּיציעל שטעלען אויף דער זייט פון די אַליאירטע.

מיר דוכט זיך, ערשטענס, אַז די אבסטראַקטע כּללים, וואָס פון זיי ציהט דר. זשיטלאָווסקי א קאָנקרעטען פּועל יוצא בנוגע דער שטעלונג פון דער פּאַר־טיי צום קריעג, זיינען לאָגיש ניט אויסגעהאַלטען, און ווייט ניט אין אַנ־קלאַנג מיט דער מאָדערנער עטהיק. און, דאַריבער וועט די פּאַרטיי ניט עובר זיין חלילה אויף אַן עטהישען געבאָט, אַדער זינדיגען געגען פּראָגרעס, ווען זי וועט אין דער פראַגע פון קריעג האָבען אַן אַנדער שטעלונג איידער די, וואָס דר. זשיטלאָווסקי האָט איצט.

צווייטענס, שיינט מיר, אַז די פראַגע, אויף וואסער זייט זאָל זיך עמי־צער שטעלען, אויף דער זייט פון די אַליאירטע אַדער אויף דער זייט פון די צענטראַלע מעכטע, האָט אינ׳ם איצטיגען מאָמענט שוין מעהר ניט קיין זין. איהר אָרט פאַרנעמט איצט א שפּאָגעל נייע פראַגע.
לאָמיר אַנאַליזירען די כּללים איינע נאָך די אַנדערע. כּלל נומער איינס: „דער סאָציאַליזם איז פּרינציפּעל געגען קריעג איידער דער קריעג ברעכט אויס און אויך דאָס ניט אַלע מאָל. . . . און ווערט דער קריעג א פאַקט, איז יעמאָלט הערט בכלל אויף צו שפּילען א ראָליע דער פּרינצי־פּיעלער שלום שטאַנדפּונקט״.

אויב דאָס זאָל זיין ריכטיג, האָן וועט דאַרפען געשאַפען ווערען א נייע באַדייטונג פאַר דעם באַגריף פּרינציפּ. ביז איצט אָבער האָט דער פּרינציפּ אַלע מאָל באַדייטעט אַן אוניווערסאַלע קראַפט, וואָס ווירקט אומ־אויפהערליך און אָהן אויסנאַהמען. עס קאָנען זיך בייטען מיינונגען און איבערצייגונגען. מען קאָן האָבען איין מיינונג אָדער איבערצייגונג איידער די זאַך אָדער פאַסירונג קומט פאָר און אַן אַנדער מיינונג אָדער איבער־

*) ערשינען אין „אידישען קעמפער״, 1917.

ציינונג נאָך דעם ווי די ערשיינונג ווערט אַ פאַקט. פּרינציפּען ווייסען אָבער ניט פון קיינע ענדערונגען און פון קיינע באַדינגונגען. אויב אַלזאָ דער סאָציאַליזם איז פּרינציפּעל געגען קריעג מוז ער דאָס זיין סיי איידער סיי נאָך דעם ווי דער קריעג ברעכט אויס. איז ער אָבער ווען עס איז פאַר קריעג, הייסט עס אַז בנוגע דעם קריעג האָט דער סאָציאַליזם קיין פּרינציפּ ניט. און דאַן איז ניט שייך אַזאַ זאַך ווי אַ סאָציאַליסטישע שטעלונג צו קריעג. דער געדאַנק פון די סאָציאַליסטען אין צייט פון קריעג ווערט דארום באַשטימט ניט אַלס אַ סאָציאַליסטישער, נאָר אַלס אַן אַלגעמיין מענשליכער.

דר. זשיטלאָווסקי גלויבט אָבער אין אַ ספּעציעלען סאָציאַליסטישען מלחמה געדאַנק און פאַר דעם דאָזיגען געדאַנק שטעלט ער אַוועק, ווי ער דיינקט, אַ פּשוט'ן קלאָרען כלל: „דער סאָציאַליסטישער געדאַנק נאָך דעם ווי די מלחמה ווערט ערקלערט, ווערט בעשטימט פון צוויי פאָדערונגען—פון דער פאָדערונג פון יושר און פון דער פאָדערונג פון פּראָגרעס.״

איך זעה בשום אופן ניט איין ווי אַזוי מען קאָן טראַכטען וועגען פּראָגרעס פון דער מענשהייט, ניט רעכענענדיג זיך דערביי מיט די פאָדערונגען פון יושר. דער מענשליכער פּאָרשריט שליסט דאָך אין זיך איין די אַנטוויקלונג און די פאַרפיינערונג פון דעם יושר־באַגריף, פּונקט אַזוי ווי די געזונדהייט פון קערפּער שליסט אין זיך איין די געזונדהייט פון האַרץ אָדער מאָרך. און אַקוראַט אַזוי ווי די אַלגעמיינע קערפּער צושטאַנד ווערט געטראָפען ווען עס ווערט געשעדיגט דאָס האַרץ אָדער דער מאָרך, אַזוי ווערט אַלע מאָל דער פּראָגרעס צוריקגעשטויסען ווען אַן עולה ווערט באַגאַנגען.

קאָן וועלכע עס איז געזעלשאַפט, וועלכער עס איז פאָלק פאָרטשריט מאַכען, קאָן עס זיך קולטורעל אַנטוויקלען און אַנהאַלטען זיין גייסטיגע בליהונג, אויב עס זאָל זיך ביי איהר אין דער אייגענער צייט ניט אַנטוויקלען דאָס געפיל פון גערעכטיגקייט?

קאָן די מענשהייט בכלל שטייגען אין איהר גייסטיגער אַנטוויקלונג, קאָן זי געהן אויפ'ן וועג פון גייסטיגער פאָלקאָמענהייט, וואָס דאָס איז אייגענטליך דער זין פון פּראָגרעס, אויב זי זאָל ניט שטעהן אויף דער וואַך וועגען יעדער פאַרגוואַלטיגונג פון גערעכטיגקייט?

ניין, גלויב איך, איז דער איינציגער ענטפער צו די פראַגען, ווייל יעדעס מאָל ווען די גערעכטיגקייט ווערט אָנגעגריפען, יעדעס מאָל ווען אומגערעכטיגקייט טריאומפירט, מוז דערפון שרעקליך ליידען דער פּראָגרעס, וואָס יושר איז זיין בלוט און פלייש.

און דערפאר בין איך זיכער, אז נאר נאר א סך סאציאליסטען און סתם מענשען וואלטען זיך יא איינגעשטעלט פאר די געקריוודעטע קאניבאלען ניאם־ניאמס, ווען זיי זאלען פלוצלונג — מיר נישט דיר נישט — באפאלען ווערען פון אן אייראפעאישע מאכט, אפילו ווען די מאכט זאל ניט זיין אנדערע ווי די „פראגרעסיווסטע" פראנקרייך. דערהויפט נאך ווען די לעצטע זאל וועלען צוזאמען מיט דער מענשענפרעסעריי אויך מאכען א סוף צו זייער פאליטישער זעלבסטשטענדיגקייט, מחמת דאס וועקרויבען פאליטישע זעלבסטשטענדיגקייט פון א פאלק איז געגען דעם פרינציפ פון יושר, און ממילא געגען די אינטערעסען פון פראגרעס. זאלען מיר נאר אזא זאך ערלויבען אין פאל פון ניאם־ניאם שבטים, וועט גאר יעמאלט ניט שווער זיין פאר די „פראגרעסיווסטע" פעלקער צו געפינען תירוצים פאר וואס אינ'ם נאמען פון פראגרעס עס דארף אוועקגענומען ווערען אויך ביי אנדערע פעלקער פאליטישע זעלבסטשטענדיגקייט.

אט האט זיך דאך געפונען אין דעם צוואנציגסטען יארהונדערט אזא דענקער ווי האוסטאן סטיוארט טשעמבערליין, וואס פרואווט מיט אותיות ומופתים צו באווייזען, אז די אמאליגע צושטערונג פון דער פאליטישער זעלבסטשטענדיגקייט פון דעם אידישען פאלק איז דאס גרעסטע גליק געווען פאר'ן פראגרעס פון דער מענשהייט.

לויט מיין באגריף וועגען עטהישע כללים קומט אויס, אז אויב אויף דער זייט פון די אליאירטע איז אנפאנג אן געווען דער גאנצער יושר, האבען אלע די, וואס האבען געגלויבט, אז דורך מלחמה און מיליטאריזם קאן יושר אויסגעקעמפט ווערען, זיך געדארפט אנשליסען אין די רייהען פון די אליאירטע מיט לייב און לעבען, ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם רוסישען צאריזם און מיט די אינטערעסען פון פראגרעס, וואס קאנען אונטער קיינע אומשטענדען ניט אויסגערעכענט ווערען.

די אידישע נאציאנאל־סאציאליסטישע פארטיי האט עס ניט געטאן. ווייל דר. זשיטלאווסקי, אז זי זאל עס איצט טאן, חדשים לאנג נאך דער רוסישער רעוואלוציע, ווייל איצט פאדערט עס אי דער פראגרעס, אי דער יושר.

„אלץ, זאגט ער, דיקטירט אונז אויף דעם שארפסטען אופן, מיר זאלען זיך אבזאגען פון אונזער אפיציעלער נייטראליטעט, זיך באוואוסטזיניג אוועקשטעלען אויף דער זייט פון די אליאירטע און איבערנעמען אויף זיך אלע קאנסעקווענצען פון אט דעם שריט".

דר. זשיטלאווסקי האט ניט גענומען קיין אנטייל אין די פרידענס טעטיגקייטען, און דארום, זעהט אויס, איז ער ניט באקאנט מיט דעם פאקט, אז איצט קאן אזא פראגע מעהר ניט אוועקגעשטעלט ווערען אויף דער טאגעס־ארדנונג, ווייל די הייסטע סימפאטייזער מיט די אליאירטע, די גרעסטע שונאים פון דייטשען מיליטאריזם און א דייטשען זיעג זיינען איצט אין די רייהען פון די אזוי־גערופענע „פאסיפיסטען״—א נאמען זעהר ניט קיין געלונגענער.

די פראגע וואס פארנעמט איצט די אויפמערקזאמקייט פון א גרויסער צאהל דענקענדע מענשען אין יעדען לאנד איז די: זאל אין די אינטערעסען פון פראגרעס, די שרעקליכסטע מענשען שלאכט, די שוידערליכסטע בלוטפערגיסונג אנגעהן אן אן אנשטרענגונג צו מאכען א סוף צו דעם, אדער זאלען אלע דענקענדע און צארט־פיהלענדע מענשען אנווענדען אלע קרעפטען און מיטלען אויף א ברייננגען א שנעלען שלום—א שלום אהן א זיעג, סיי פאר די צענטראלע מעכטע, סיי פאר די אליאריטע. עס איז איצט ניט מעהר קיין פראגע פון פרא־דייטשטום אדער פרא־אליאירטע, עס איז א פראגע פון פרא־שנעלען שלום אדער פרא־ לאנגער מלחמה.

מעגליך אז א פארטזעצונג פון דער מלחמה פאר נאך „דריי, פינף, צעהן יאהר״ וועט צוברעכען דעם דייטשען מיליטאריזם. זיכער איז אבער, אז פאר דער צייט וועט געשאפען ווערען אין יעדען לאנד פון די אליאירטע א מיליטאריזם, וואס קאן חלילה נאך ווערען פונקט אזא שטערונג צום פראגרעס ווי דער דייטשער מיליטאריזם. זיכער איז, אז קעמפענדיג אזא לאנגע צייט אויף אז שרעקליך בלוטיגען אופן פאר „גערעכטיגקייט״ און „פראגרעס״ וועט זיך אנטוויקלען ביי די מענשען אזא קאלט־בלוטיגקייט צו בלוט־פארגיסונג און מענשען־פארניכטונג, אז עס וועט אין זייער נשמה ניט בלייבען מעהר קיין ארט פאר די געפילען פון יושר און ליבע, אהן וועלכע פראגרעס איז אוממעגליך.

אלע די אליאירטע לענדער ווילען זעהן די חוט השדרה פון דעם דייטשען מיליטאריזם דורכגעבראכען. פיעלע ווערען אבער שטארק געריהרט דערפון, וואס אין דער אנשטרענגונג צו צוברעכען די דאזיגע חוט השדרה ווערט לעת עתה שוין צובראכען פאר אונזערע אויגען די חוט השדרות פון אלץ וואס איז הייליג און טייער דער מענשהייט, און ביי אלע די שטעלט זיך די פראגע, אפשר מוזען מיר איצט אינ׳ם נאמען פון יושר, ליבע און פראגרעס רעדען און ארבייטען פאר א שלום, וואס זאל ניט געבען די געלעגענהייט קיין לאנד און קיין צד צו פיהלען זיך אלס זיגער.

די פראגע, אלזא, פאר דער אידישער נאציאנאל־סאציאליסטישער פארטיי איז ניט, צי זאל זי בלייבען נייטראל אדער זיך שטעלען אויף דער זייט פון די אליאירטע, נאר צי זאל זי געבען איהר הסכמה צו דער טעטיגקייט פון די וואס זיינען פאר מלחמה ביז אן אויסגעשפראכענעם זיעג, אדער צו דער טעטיגקייט פון די, וואס ווילען אן אויסגעשפראכענעם שלום אהן א זיעג פאר וואסערען עס איז צד. עס בלייבט איהר נאך אויך די אויסוואהל פון בלייבען נייטראל, אויב דאס איז מעגליך צו זיין, אין אזא בראנד־פייערדיגער פראגע.

פרייהייט פון ווארט און שריפט

.1

איינע פון די האנדלונגען פון די באלשעוויקעס, וואס ווערען פון אן אומגעהויער גרויסען צאל מענשען פון אלערליי ריכטונגען געשטעמפעלט אלס א גרויסע עולה און אן אומפאראנטווארטליכער חטא, איז די אונטערדריקונג פון פרייע רעדע און פרייע פרעסע אין דער רוסישער סאוויעטען רעפובליק, אין דער ערשטער רעפובליק אין דער וועלט, וואו די הערשענדיגע מאכט פון דער געזעלשאפט ליגט אין די הענט פון דעם ארבייטער־קלאס.

עס איז ניט פאראן קיין מינדסטער ספק, אז אזא אונטערדריקונג הערשט אין סאוועט־רוסלאנד. דאס ווערט אלץ מער און מער באשטעטיגט ניט נאר פון די פיינט, נאר אויך פון די פריינט פון דעם באלשעוויזם.

אין דעם זשורנאל ,,ניישאן" פון דעם פערטען סעפטעמבער איז געדרוקט א קארעספאנדענץ, דאטירט דעם 17טען יולי, 1919, פון מאסקווא. דער קארעספאנדענט, הענרי אלסבערג, זעהט אויס צו האבען גרויסע אכטונג פאר די באלשעוויקעס און א געזונטען חוש פאר די געשעהנישען אין רוסלאנד. ,,עס איז מיין טיפע איבערצייגונג", אזוי שרייבט ער אין א פריערדיגער קארעספאנדענץ, ,,ווי אויך פון יעדען אינטעליגענטען מענשען, וואס האט באזוכט רוסלאנד, אז די רוסישע רעוואלוציע געהט אויפ'ן ריכטיגען וועג איז געווען אומפארמיידליך. אונטער דעם שרעק פאר א צוזאמענברוך, וואס האט צו זיך קיין גלייכען ניט, און פאר א צעריסען ווערען פון אינערליכע מעכטע—האט אנדערש ניט געקאנט זיין".

דער זעלביגער הער אלסבערג גלויבט אבער באמונה שלימה, אז ער קען זעהר פיל אויפטאן פאר רוסלאנד דערמיט, וואס ער וועט שרייבען דעם גאנצען און דעם ריינעם אמת וועגען אלץ, וואס קומט דארט פאר, ניט פארלייקענענדיג און ניט פארבארגענדיג קיין שום זאך. און דערפאר לייענען מיר אין דער אויבענדערמאנטער קארעספאנדענץ פאלגענדעס:

,,אודאי האט די דיקטאטור געבראכט מיט זיך זעהר א שטארקע אונטערדריקונג פון רעדע און פארזאמלונג. א חוץ רעגירונגס־צייטונגען עקזיסטירען ניט כמעט קיין שום אנדערע. פאר א צייט האט מען דערלויבט די מענשעוויקעס צו דרוקען א צייטונג, און די לינקע סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען גיבען ארויס א מין עקאנאמיש־סטאטיסטישע שריפט, וועו די

*) ערשינען אין דער ,,פרייער ארבייטער שטימע".

רעגירונג גיט זיי נאָר אביסעל פּאַפּיר פון זאַפּאַס, וואָס זי קאָנטראָלירט. זיי גיבען ארויס א ניט־לעגאַל בלעטעל, עטליכע קאָפּיעס פון וועלכען מען האָט מיר געגעבען. די אנארכיסטישע פּרעסע אין פּעטראָגראַד, וואָס האָט גע־דרוקט איניגע ק. אַפּאָטקינ׳ס ארטיקלען איז נאָר וואָס צייטווייליג צוגעמאַכט געוואָרען.

„פריי־הייט פון פארזאַמלונג עקזיסטירט ניט. אפילו צו די פאַרזאַמ־לונגען, וואָס זיינען ניט פאַרבאָטען, מוזען די רעדנער האָבען אַן ערלויבניש. דאָס איז זינט טשערנאָוו האָט ביי א פארזאַמלונג פון די שריפטזעצער אומ־ערוואַרטעטערהייט אַטאַקירט די רעגירונג״.

אָט די דאָזיגע מעלדונג, ווי פילע אנדערע פון דעמזעלביגען כאַראַק־טער, וועט זיכער פירען צו א ווידערהאָלונג פון די פּראָטעסטען און טענות קענען די באָלשעוויקעס פאַר זייער טיראַניי און דעספּאָטיזם.

און אין די דאָזיגע טענות, ווי אין די אַלע פריערדיגע, וועט עס נאַ־טירליך זיך ניט האַנדלען סתם וועגען דעם גרויסען פארברעכען, וואָס עס באַגייען די, וועלכע ערלויבען ניט קיין מינדליכען און שריפטליכען אויס־דרוק פון מיינונגען. מחמת אזוי ווייט ווי אַזאַ אונטערדריקונג איז אָדער זאָל זיין א פאַרברעך, ווערט דאָך דער זעלביגער פאַרברעך באַגאַנגען אין יעדען איינציגען לאַנד אין דער וועלט, אָהן א וועלכען עס איז אויסנאַם.

בערטראַנד ראָסעל, דער גרויסער ענגלישער מאַטעמאַטיקער און באַ־דייטענדער פילאָסאָף, וועלכער איז אויף א ריין פילאָסאָפישען אופן געבלי־בען אומצופרידען מיט דעם באָלשעוויסטישען רעזשים אין רוסלאַנד, קאָן דאָך ניט פאַרגעסען, אַז ער האָט פאַרבראַכט עטליכע חדשים אין תפיסה אין זיין אייגענער ענגלאַנד וועלכע איז דאָס פרייעסטע לאַנד אויף דעם גע־ביט פון רעדע און פּרעסע, נאָר דערפאַר וואָס ער האָט געשריבען און גערעדט דאָס, וואָס עס איז ניט געווען אין די אינטערעסען פון די, וואָס האָבען די דעה אין דער פּאָליטיק פון ענגלאַנד.

וועגען די סאָציאַליסטען און אַלע אַנדערע ניט־פילאָסאָפישע שונאים פון דער בורזשואַזער אָרדנונג איז דאָך שוין אָפּגערעדט. ווער נאָך ווייס אזוי גוט ווי זיי, אַז די פרייע פרעסע איז אַן אילוזיע אין יעדען איינציגען לאַנד פון דער וועלט: אין אַמעריקא אזוי גוט ווי אין יאַפּאַן, און אין יאַ־פּאַן אזוי גוט ווי אין פראַנקרייך.

דער צאָרן אָבער קעגען די באָלשעוויקעס פאַר זייערע רעפּרעסיעס בנוגע פרייער רעדע און פרייער פּרעסע איז גרויס דערפאַר טאַקע, וואָס זיי זיינען

קולטור און ציוויליזאציע

באָלשעוויקעס, דאָס הייסט, טאַקע דערפאַר וואָס זיי זיינען די יעניגע, וועלכע האָבען זיך געשטעלט די אויפגאַבע איינצופירען אין דער געזעלשאַפט די **סאָציאַליסטישע** אָרדנונג, אַן אָרדנונג, וואָס אין יעדען ווינקעל אירען מוז הערשען פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט.

די טענה קען זיין איז: סטייטש, איר, די אַפּאָסטאָלען פון א גענוס־און־גליק־פאַר־אַלעמען געזעלשאַפט, איר וואָס קעמפט אין נאָמען פון גערעכטיגקייט, און שטרעבט צו דער פרייהייט אלס אַן ענדציעל, איר זאָלט עס זיין די יעניגע וואָס זאָלען אזוי ווייניג דרך ארץ האָבען פאַר דער פרייהייט פון אויסדרוק פון מיינונגען און איבערצייגונגען! און אויב עס פעלט ניט קיין אונטערדריקונג פון געדאַנקען און באַגריפען אין א סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע, טאָ צוליב וואָס זיך אזוי שטאַרק איינשטעלען פאַר איר, פאַר וואָס זאָלען אויף איר מזבח אזוי פיל קרבנות געבראַכט ווערען? אזוי טענה'ן און פרעגען די ליבהאָבער און אַנהייננגער פון דער איצטיגער דעמאָקראַטיע. פאַרבלענדעט פון דער הייליגקייט פון דער דעמאָקראַטיע, און מורא האָבענדיג, אַז די טאַקטיק פון די באָלשעוויקעס אין באַצוג צו דער וואָרט־און־שריפט־פרייהייט, קאָן טאַקע חלילה וואַרפען א פלעק אויף דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע—האָבען אַלע ניט־באָלשעוויסטישע סאָציאַליסטען אין זייער צעטעל פון די באָלשעוויסטישע זינד און פאַרברעכען ניט פאַרגעסען אריינצושטעלען די אונטערדריקונגען פון פרייער פרעסע און רעדע.

עס פרעגט זיך איצט: זיינען די אַלע באַשולדיגונגען, די אַלע טענות און אַלע געשרייען קענען די באָלשעוויקעס פאַר זייער טרעטען מיט די פיס דאָס רעכט פון שרייבען און ריידען פריי און אומגעשטערט, באַרעכטיגט אָדער ניט? און בכדי דער ענטפער אויף דער פראַגע זאָל קלאָר און דייטליך פאַרשטאַנען ווערען, מוז עס באַטאָנט ווערען, אַז די דאָזיגע פראַגע באַציהט זיך אויף די באָלשעוויקעס, ניט אלס אויף סתם מענשען, וואָס האָבען באַקומען איינפלוס און מאַכט—דאָ האַנדעלט זיך נאָך דערווייל ניט וועגען דעם, צי איז עס סתם יאָ אָדער ניט א פאַרברעך, אונטער וועלכע עס איז אומשטאַנדען, צו פאַרווערען מענשען אויף אזאַ אָדער אַן אַנדער אופן איבער אזאַ אָדער אַן אַנדער ענין צו קומען צום אויסדרוק. לעת עתה האָבען מיר דאָ אין זינען די טענות, וואָס ווערען געשטעלט אַנטקעגען די באָלשעוויקעס: פאַר וואָס זיי, אלס **סאָציאַליסטען**, דערלויבען זיך אין דער פראַגע פון וואָרט און שריפט צו געהן אין די זעלביגע דרכים פון די פאַרשטעהער פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע? פאַר וואָס זיי, די פיאָנירען פון דעם סאָציאַליזם אין זייער רעאַלער, קאָנקרעטער און פראַקטישער געשטאַלט, זאָלען איינפירען דעקרעטען, וואָס זאָלען דערקלערען

ווער עס מעג אָדער טאָר ניט ריידען אָדער שרייבען, און וואָס מען זאָל מע־גען אָדער ניט טאָרען ריידען אָדער שרייבען.

פון די דאָזיגע טענות, גלויבען מיר, איז קיין איין און איינציגע ניט באַרעכטיגט. די באַהויפּטונג, אַז די אונטערדריקונג פון פרייער רעדע און פרייער פּרעסע איז ניט אין אַנקלאַנג מיט דעם סאָציאַליזם, איז דורך און דורך אַ פאַלשע. זי איז אַקוראַט אַזוי פאַלש, ווי עס וואָלט געווען אַ בע־הויפּטונג, אַז נעמען דאָס לעבען פון אַ מענשען, אָדער ווען נויטיג פון אַ סך מענשען, איז ניט אין אַנקלאַנג מיט דעם סאָציאַליזם.

דער סאָציאַליזם, ווי ער איז געגעבען געוואָרען צו דער וועלט פון מאַרקס און ענגעלס, האָט קיינמאָל ניט באַטראַכט די פרייהייט פון דעם יחיד אָדער פון גרופּעס אין דער געזעלשאַפט אַלס אַ פּרינציפּ אָדער אַלס מיטעל צו דער עטאַבלירונג פון דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג. די פריי־הייט, ווי די גלייכהייט און ברידערליכקייט איז על־פּי דעם סאָציאַליזם אַ פּועל־יוצא פון דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג, זי קומט ממילא אַזוי שנעל, ווי עס ווערט אין דער געזעלשאַפט אוממעגליך פאַר איין מענשען צו עקס־פּלואַטירען אַ צווייטען. די פרייהייט איז דאָס ענדציעל, וואָס אים קאָנען מיר ניט דערגרייכען פריער, איידער די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע האָט גע־שלאָגען זעהר טיפע וואָרצלען אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. פריער פון אַלץ מוז ראַדיקאַל געענדערט ווערען די עקאָנאָמישע שייכות'ן אין דער געזעלשאַפט און די דאָזיגע ענדערונגען וועט שוין פון זיך גופא פירען צו גאַנץ אַנדערע פּאָליטישע, סאָציאַלע און אַלגעמיין גייסטיגע פאַרהעלטנישען. ענגעלס, למשל, זאָגט אונז אויסדריקליך, אַז „די אַלטע מעטאָדען פון פּראָ־דוקציע מוזען פאַלשטענדיג רעוואָלוציאָניזירט ווערען און מען מוז קודם כל פּטור ווערען פון דער אַלטער פאָרם פון דער צוטיילונג פון אַרבייט. אויף איר אָרט וועט דאַרפען געשאַפען ווערען אַן אָרגאַניזאַציע פון פּראָדוקציע, וואָס אין איר וועט פון איין זייט קיין יחיד ניט קענען אַרויפוואַרפען אויף אַן אַנדערען זיין חלק פּראָדוקטיווע אַרבייט אין דער פאַרזאָרגען אַלץ, וואָס איז נויטיג פאַר דער מענשליכער עקזיסטענץ. און פון דער אַנדערער זייט וועט פּראָדוקטיווע אַרבייט, אַנשטאָט צו זיין אַ מיטעל צו שקלאַפעריי, זיין אַ מיטעל צו מענשליכער פרייהייט, דערמיט וואָס זי וועט געבען יעדען איי־נעם מעגליכקייט צו אַנטוויקלען זיינע אַלע כחות, פיזישע און גייסטיגע, אין יעדער ריכטונג". (זעה אַנטי־דיורינג, זייטען 240-1).

אין דעם מאָמענט, אַלזאָ, ווען דער פּראָלעטאַריאַט ווערט דער באַלע־באָס פון דער פּאָליטיק, דער אָנפירער פון דעם שטאַאַט, מוז ער אַלע זיינע כוחות אָנווענדען דאַרויף, אַז די מיטלען פון פּראָדוקציע זאָלען ווערען דער אייגענטום פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, אַז פון די פּריוואַטע קאַפּיטאַליס־

טישע אונטערנעמונגען זאָל קיין שריד ופּליט ניט בלייבען, און אַז פּאָר אַ מיטגליד פון דער געזעלשאַפט זאָל זיך רעכענען נאָר דער, וואָס אַרבייט. און דערמיט וואָס די געזעלשאַפט ווערט רעדוצירט צו איין און איינציגען קלאַס, צו אַ קלאַס וואָס אַרבייט און פּראָדוצירט און געניסט אירע פּרוכ־טען פון דער אַרבייט, ווערט פון זיך אליין אָפּגעשאַפט די נויטיגקייט פון אונטערדריקונג בכלל און פון דער אונטערדריקונג פון פרייער רעדע און פּרעסע בפרט, מחמת די אַלע אונטערדריקונגען נעמען זיך דערפון וואָס עס עקזיסטירען אין דער געזעלשאַפט צוויי קלאַסען: אַ קלאַס, וואָס לעבט אַ לעבען פון לוקסוס אויפ׳ן חשבון פון יענעמ׳ס אַרבייט, און אַ קלאַס, וואָס אַרבייט שווער און ביטער און האָט קוים צו לעבען.

„ווען דער שטאַט“, זאָגט ענגעלס אין דעם זעלביגען בוך „אַנטי־דיורינג“, „ווערט שוין יאָ דער ווירקליכער פאָרשטעהער פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, דאַן מאַכט ער זיך אליין פּאָר אַן איבעריגער זאַך. פון דעם מאָמענט אָן, וואָס עס וועט מער ניט זיין קיין איין געזעלשאַפטליכער קלאַס, וועמען מען דאַרף אונטערדריקען, פון דעם מאָמענט, וואָס עס וועט פאַרשווינדען די קלאַסען־הערשאַפט, צוזאַמען מיט דעם אינדיווידועלען קאַמף פאַר עקזיסטענץ, וואָס נעמט זיך פון דעם איצטיגען מיש־מאַש אין דער פּראָדוקציע—פון יענעם מאָמענט אָן וועט ניט זיין וואָס צו אונטער־דריקען, און ממילא וועט מען שוין ניט דאַרפען האָבען קיין באַזונדער מאַכט אויף צו אונטערדריקען, ממילא וועט מען שוין הייסט עס ניט דאַרפען האָ־בען דעם שטאַט. דער ערשטער אַקט, אין וועלכען דער שטאַט טרעט ווירקליך אַרויס אַלס דער פאָרשטעהער פון דער גאַנצער געזעלשאַפט—ווען ער נעמט איבער אין זיינע הענט די פּראָדוקציאָנס־מיטלען אינ׳ם נאָמען פון דער געזעלשאַפט—איז אין דער זעלביגער צייט אויך זיין לעצטער זעלבסט־שטענדיגער אַקט אַלס שטאַט. דאָס אריינמישען זיך פון דער שטאַטליכער מאַכט אין געזעלשאַפטליכע באַציהונגען וועט שוין זיין נויטיג, און ממילא וועט שוין אַרויסקומען אַזוי, אַז דער שטאַט וועט פון זיך אליין אָפּ־שטאַרבען. דער פּלאַץ פון אַ רעגירונג, וואָס הערשט איבער מענשען, וועט פאַרנומען ווערען פון אַזאַ פאַרוואַלטונג, וואָס וועט אָנפירען דעם גאַנג פון דער פּראָדוקציע“.

און דאָס, וואָס ענגעלס זאָגט, שטימט דורכאויס מיט דער פילאָסאָפישער גרונדלאַגע, וועלכע מאַרקס האָט געגעבען דעם סאָציאַליזם.

לויט דעם מאַרקסיסטישען סאָציאַליזם, אַלזאָ, אין וועלכען לענין, דער פאָטער פון באָלשעוויזם, האַלט זיך שטאַל און אייזען, קומט אויס אַז אויף דעם אַרבייטער־קלאַס ליגט איין און איינציגע פליכט, נאָכדעם ווי ער האָט אריינגענומען די לייצעס פון שטאַט אין זיינע הענט, און דאָס איז: מיט

דעם וואָרצעל צו צעשטערען דעם קאַפּיטאַליזם, פּאַרוואַנדלען אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן יעדען איינציגען מיטגליד פון דער געזעלשאַפט אין אַ פּליסיגען און פּראָדוקטיווען ארבייטער, דאָס הייסט, וואָס אַם שנעלס־טען אריינצוברייגען און אריינצופירען די סאָציאַליסטישע אָרדנונג, וואָס מיט איר רעאַליזירונג וועלען שוין אויך פאַרווירקליכט ווערען די אַלע אי־דעאַלען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט, צו וועלכע די מענש־הייט שטרעבט.

האָט מען נאָר אין זינען, אַז באָלשעוויזם איז ניט איינס און דאָס זעלביגע וואָס סאָציאַליזם, אַז דער באָלשעוויזם איז נאָר אַ טעאָריע וועגען די מיטלען און וועגען ווי אַזוי איינצופי־רען דעם סאָציאַליזם; לייענט מען מיט אויפמערקזאַמקייט די באָלשעוויסטישע ליטעראַטור, אין וועלכער די באָלשעוויקעס הערען ניט אויף צו מאָטאָנען, אַז די סאָוויעטען־רעפּובליק געפינט זיך איצט אין דער איבערגאַנג־פּאַזע פון׳ם קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם, מוז מען קומען צום שלום, אַז די אַלע טענות צו די באָלשעוויקעס אַז זייער אונטערדריקונג פון פרייער רעדע און פּרעסע איז ניט קיין סאָציאַליסטישע האַנדלונג, האָבען ניט אין זיך קיין גרונט און קיין באַרעכטיגונג.

„מיט דעם״, זאָגט לענין, „וואָס מיר האָבען באַשאַפען אַ נייעם טיפּ פון אַ שטאַט, אַ סאָוועטען טיפּ, וואָס גיט די אונטערדריקטע אַרבייטער מאסען די מעגליכקייט טיכטיג צו באַטייליגען זיך אין דער פרייער בויאונג פון אַ נייער געזעלשאַפט, האָבען מיר דורכגעפירט בלויז אַ קליינעם טייל פון דער שווערער אויפגאַבע. די הויפּט שוועריגקייט איז אַן עקאָנאָמישע, אַ ווירטשאַפטליכע. אונזער הויפּט אויפגאַבע איז צו פאַרגרעסערען די שאַפונגס פעהיגקייט פון ארבייט, איינצופירען אַ גענויען און אַלגעמיינעם קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע און דער פאַרטיילונג פון פּראָדוקטען— קורץ גערעדט, איינצופירען אַ סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט״ (זעה „ארביי־טער און פרייהייט״ פון נ. לענין, אידישע איבערזעצונג, ז. 32).

און כּל זמן די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט איז נאָך ניט איינגעפירט געוואָרען, קאָן, נאָך דער שיטה פון מאַרקס און ענגעלס, קיין רייד ניט זיין וועגען פרייהייט גלאַט אין דער וועלט אריין, און וועגען דער פרייהייט פון פּרעסע און פאַרזאַמלונג באַזונדערס.

די באָלשעוויקעס קאָנען דאריבער בשום אופן ניט באַשולדיגט ווערען, אַז מיט זייער פּאַרוועהרען דעם אויסדרוק פון געדאַנקען און געפילען זיי־נען זיי עובר אויף אַ וועלכען עס איז לאו פון דעם מאַרקסיסטישען סאָציאַליזם.

די אומצופרידענקייט מיט דער אונטערדריקונג פון פרייער רעדע און פרעסע אין סאוויעט רוסלאנד דארף אלזא גערעכטפערטיקט ווערן ניט קעגן די באלשעוויקעס נאר קעגן דעם גאנצן מארקסיסטישן און ענגעל'שן סאציאליזם. צו אים קאן מען האבן טענות, פארוואס ער וויל ניט באטראכטן די פרייהייט פון אויסדרוק אלס א פאקטאר אין דעם ארייננפיר־פראצעס פון דער סאציאליסטישער ארדנונג, פארוואס ער זעהט ניט אין דער דאזיגער פרייהייט גופא א קראפט, וואס וואלט געקאנט אומגעהויער פיל פארשנעלערן די איבערגאנג־צייט פון דעם קאפיטאליזם צום סאציאליזם, און וואס וואלט געקאנט פירן צו אזעלכע סאציאלע און גייסטיגע באציהונגען צווישן מענש און מענש, וואס די סאציאליסטישע ווירטשאפט אליין בלויז קאן מיט זיך ברענגען.

צווישן די, ביי וועלכע דער פארבאט פון פרייען ווארט און פרייער פרעסע האט ארויסגערופן א ווייטאג און אנטריסטונג, זיינען אויך פאראן אזעלכע, און איך וועל זיך מודה זיין, אז איך בין איינער פון זיי, וואס ווארפן ניט די שולד אויף די באלשעוויקעס און וואס נעמען זיך אן ניט פאר דעם סאציאליזם, נאר טאקע פאר דאס רעכט פון פרייען ווארט און שריפט גופא. דאס זיינען אזעלכע, וואס גלויבן, אז די פארגוואלטיגונג פון פרייען ווארט און שריפט איז אונטער אלע אומשטאנדן, אין יעדער איינציגער סאציאלער ארדנונג, אין יעדער איינציגע עפאכע פון געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג, א גרויסער פארברעך און א זינד, וואס קיין זאך קאן אויף איר ניט מכפר זיין. און דער גלויבן זייערער נעמט זיך דערפון, וואס זיי פילן אז דער גייסט פון דעם מענשען מיט אלע געדאנקען און באגריפען, נייגונגען און געפילען, מיינונגען און איבערצייגונגען, שטרעבונגען און האפענונגען—איז הייליג, און יעדער פארזוך, פון וועמען ער זאל ניט געמאכט ווערן, ניט צודערלאזען אים צום אויסדרוק איז—א פארשוועכונג.

אמת, עס זיינען פאראן מענשען, וואס זייער גייסט איז זעהר אפט אדער צייטענווייז, און ווער ווייס, אפשר אפילו כסדר פויל און דורכגעדרונגען מיט געדאנקען פארפלאנטערטע, פאגריפען פארדארבענע, נייגונגען און געפילען פארברעכערישע, מיינונגען און איבערצייגונגען שעדליכע, שטרעבונגען און האפענונגען פינסטערע. אבער ווער איז דער מענש, וואס זאל זיין אזוי קלוג און אלוויסענד אז ער זאל קאנען אורטיילען מיט אומצווייפעלהאפטיגער זיכערהייט וועגען די אלע אויסדרוקען פון דער מענשליכער נשמה, וואס צו אירע טיפענישען איז ניטא קיין גרונט און צו איר הויך און נידעריגקייט קיין שיעור און קיין סוף? נישטא נאך לעת־עתה אין דער וועלט, און עס איז א סברא, אז עס וועט קיינמאל ניט זיין קיין נשמה־כירורג, וועלכער זאל קאנען, ווי דער כירורג אויפ'ן קערפער, אנווייזען מיט

דעם פינגער אויף געוויסע טיילען פון דער נשמה פון דעם יחיד אדער פון דער געזעלשאפט און זאגען: דאס איז פויל און עס מוז אויסגעשניטען ווערען. נישט געוועז נאר דער מענש, און ער וועט אפשר קיינמאל ניט זיין, וואס זאל קאנען ציהען א פעסטע און באשטימטע ליניע צווישען פארפלאנטערטקייט און קלארקייט, פארדארבענקייט און ערליכקייט, שעדליכקייט און אומשעדליכקייט אין די אויסדרוקען פון דעם מענשליכען גייסט. און דערפאר טאר קיינער ניט לייגען קיין האנט אויף די אנטפלעקונגען און אויסדרוקען פון דעם גייסט פון דעם מענשען.

דאס רעכט פון דער געזעלשאפט דערפאר איבער דעם איינצעלנעם אדער גרופען, הויבט זיך אן ערשט דעמאלט, און נאר דעמאלט, ווען אט די אלע אויסדרוקען פון מענשענס גייסט און נשמה ווערען פארוואנדעלט אין האנדלונגען און טאטען, וואס פירען שוין צו דירעקטע און קאנקרעטע מעשים.

מחשבה כמעשה—דער געדאנק איז גלייך צו דער טאט—איז ריכטיג נאר אויף אזוי וויט, ווי דער זאץ באציהט זיך אויף דעם כאראקטער פון דעם מענשען גופא, וואס טראכט די מחשבה. א שלעכטער געדאנק קאן גאנץ אפט זיין גראד אזא גוטע אפשפיגלונג פון דעם גייסטיגען צענויפשטעל פון דעם יחיד, ווי א שלעכטע טאט, און די ווירקונג פון א שלעכטען געדאנק און א שלעכטען טאט אויף דעם כאראקטער און אנטוויקלונג פון דעם מענשען קאן זיין איינע און די זעלביגע. איז דאס אבער א פראגע וועגען אנדערען אנדערע, איז שוין צווישען דעם דענקען און טאן גאר קיין פארגלייך ניט פאראן. צווישען דעם זאגען אדער שרייבען: „איך דענק, אז מען דארף הרג׳ענען״, און דעם גיין טאקע און הרג׳ענען איז א תהום, וואס איבער אים קאן קיין בריק ניט איבערגעווארפען ווערען.

קיינער אין דער וועלט טאר דערפאר ניט אוועקנעמען דאס רעכט פון מענשען צו זאגען אדער צו שרייבען: „איך דענק, אז מען דארף הרג׳ענען״, אדער „איך דענק אז מען טאר פאר קיין פאל ניט הרג׳ענען״. ערשט דעמאלט ווען ער, אדער אנדערע אונטער זיין איינפלוס, גייען הרג׳ענען, האט די געזעלשאפט א רעכט אים צוריקהאלטען ווען עס איז ניט צו שפעט, אדער ווען עס איז שוין אחר המעשה צו האלטען דעם אדער די, וואס האבען גע׳הרג׳עט פאראנטווארטליך אויף אזא אדער אנאנדער אופן פאר דער טאט. ערשט דעמאלט ווען איינער זאגט: „איך וויל ניט הרג׳ענען און איך וועל ניט גיין הרג׳ענען״, איז די צייט פאר דער געזעלשאפט צו אונטערזוכען די מאטיווען, און צו באשליסען, צי ווערט עס געטאן אוים מורא פאר גאט, אדער אוים דער גרויסער ליבשאפט צו דער איינגענער פעל.

מחמת נעמען מיר זיך היינט דאָס רעכט ניט לאָזען יענעם צו זאָגען אָדער צו שרייבען, אַז מען דאַרף אָדער מען דאַרף ניט הרג'ענען, ווײַלען מיר מאָרגען זיך נעהמען דאָס רעכט ניט צו דערלאָזען איינעם צו זאָגען, אָדער צו שרייבען, אַז די ערד דרייט זיך ארום די זון, אָדער אַז ניוטאָנס גראַוויטאַציאָנס געזעץ איז קיין געזעץ ניט; האָבען דאָך שוין דייטשע פּראָפעסאָרען באַשולדיגט פּראָפעסאָר איינשטיינס טעאָריע וועגען גראַוויטאַציאָן אין באָלשעוויזם! דער איינציגער אויסוועג איז אבסאָלוטע פרייהייט פון וואָרט און שריפט.

די קלאָרסטע און בעסטע דערקלערונג וועגען דעם, וואָס מיינט אבסאָלוטע פרייהייט פון וואָרט און שריפט געפינען מיר ביי דר. יהודה לייב מאַגנעס.

אין זיין רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען אין שיקאַגאָ דעם 8טען פעברואר 1920 (געדרוקט פון אמעריקאַן פרידאָם פאָונדיישאָן), זאָגט ער: „איך האָב בלוטפאַרגיסונג. . . פונדעסטוועגען באַשטיי איך אויף דאָס רעכט פון יעדען מענשען און פון יעדער גרופּע צו פאַרשפּרייטען דעם געדאַנק וועגען אַ וועלכער עס איז פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און גייסטיגער ענדערונג, מעגען די דאָקטרינען, וואָס זיי פריידיגען זיין וואָס זיי ווילען און מעגען זיך זיין וואָס זיי ווילען די מעטאָדען, וואָס וועגען זיי שרייבען זיי און ריידען. איך בין אַקוראַט אַזוי קעגען דעם, אַז די ארבייטער אָדער דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך באַנוצען מיט מאַשין־ביקסען, באָמבעס, האַנטגראַנאַטען און גיפט־גאַז, ווי איך בין קעגען דעם, אַז די אָרגאַניזירטע רעגירונגען זאָלען זיך באַנוצען מיט די דאָזיגע געצייג פון האַס און מאָרד. אָבער איך גלויב, אַז יעדער מענש און יעדער פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע האָט דאָס רעכט צו פאָרמולירען זייערע לערען פריי, שריפטליך און מינדליך. בלויז ווען מען גייט אריבער פון דעם ריידען און שרייבען צו אקטועלע פאַרברעכערישע טאַטען גופא, צו פיזישע גוואַלטטאַט און בלוט פאַרגיסונג, האָט די רעגירונג אַ רעכט זיך אריינצומישען. מיר מוזען אונטער אַלע אומשטענדען אָנהאַלטען דאָס רעכט פון פרייער רעדע אָהן באַגרענצונגען, אָהן אָפּהאַלט אָדער שטער. די רעגירונג האָט קיין רעכט ניט אריינצומישען זיך אין אידעען, פּראָגראַמען און מיינונגען, וואָס זיינען פאָרמולירט אין וואָרט אָדער שריפט, וואָס די דאָזיגע אידעען און מיינונגען זאָלען ניט זיין".

און נאָר אַזעלכע מענשען, וואָס גלויבען מיט דר. מאַגנעס, אַז די פרייהייט פון וואָרט און שריפט איז אַזוי הייליג, אַזוי שטאַרק אָרגאַניש צוגעבונדען און צענויפגעקניפּט מיט דעם העכסטען און שענסטען אין דעם

מענשליכען לעבען, אז מען טאָר זי בשום אופן ניט מקריב זיין אויף דעם מזבח פון וועלכען עס איז אידעאל—נאָר אַזעלכע מענשען און נאָר זיי אליין זיינען בארעכטיגט און אויסגעהאלטען אין זייער פארביטערטקייט קעגען דער אונטערדריקונג פון פרייען אויסדרוק אין רוסלאנד, ווייל אַלע אַנדערע קאָן מען דאָך פרעגען די אַלטע שאלה: פארוואָס זעהסטו די שפּענדיל אין דיין ברודער׳ס אויג, און זעהסט ניט די קלאָץ אין דיינע אייגענע אויגען?

אַזוי לאַנג ווי עס האַנדעלט זיך שוין בלויז וועגען רעלאַטיווער פרייהייט פון וואָרט און שריפט, איז דאָך שוין ווידער אוממעגליך צו געפינען דעם אַלוויסענדיגען מענשען, וועלכער זאָל אונז קאָנען זאָגען און אויף וועמען מיר זאָלען זיך קאָנען פארלאָזען, ווען ער זאָגט אונז, אַז אין אַזאַ און אַזאַ מאָמענט און אונטער אַזעלכע און אַזעלכע אומשטענדען דאַרף מען אַזוי פיל און אַזוי פיל גראַדען פון פרייהייט, און אין אַן אַנדער מאָמענט, אונטער אַנדערע אומשטענדען, דאַרף מען מער אָדער וועניגער גראַדען.

אָט זאָגט אונז, למשל, דער הער אַלסבערג, דער קאָרעספּאָנדענט פון די „ניישאָן״, אַז די אונטערדריקונג פון רעדע פרייהייט אין רוסלאנד איז בארעכטיגט אויף דעם גרונט, וואָס אַ פאָלק, וואָס איז געווען דריי יאָר צייט כסדר אין געפאַר, מוז געראַטעוועט ווערען. „מיר״, זאָגט ער, „אין אַמע־ריקאַ, זיינען געווען פיר טויזענד מייל פון דעם שלאַכט־פּלאַץ און מיר האָבען פארשטאָפּט דאָס מויל אונזער פרעסע. איז עס אַ חידוש, וואָס אַ פאָלק, וואָס האָט געהאַט דעם שונא אַזוי נאָהענט צו דער הויפּטשטאָט, ווי אַלבאַני צו ניו יאָרק, זאָל פיליכט אַביסעל איבערשטייגען אונזער רעגירונג אין דער אונטערדריקונג פון פרייער רעדע?״

און נעמט מען נאָר אָן אַ רעלאַטיווען שטאַנדפּונקט בנוגע דער פראַגע פון רעדע־ און פרעסע־פרייהייט, און גיט מען צו, אַז עס זיינען יאָ אַמאָל פאַראַן אומשטענדען, וואָס בארעכטיגען די פארגוואַלטיגונג פון אַזאַ פריי־הייט, איז דעמאָלט רוסלאנד בלתי ספק דאָס לאַנד וואָס לעבט איצט אונ־טער די אויפערגעוויינליכסטע און שרעקליכסטע אומשטענדען אין דער וועלט. און די, וואָס זיינען ניט דאָרט, די וואָס קאָנען ניט טיילען רוס־לאַנד׳ס לייד און פרייד, האָבען אָ רעכט בלויז צו זעהן, הערען און. . . . שווייגען, ווייל די טיראַניי אין רוסלאַנד איז, ווי הער אַלסבערג זאָגט, אַ טיראַניי פון פּראָטעסטען.

אַנדערש אָבער איז עס מיט די, וואָס ווי דר. מאַגנעס, גלויבען אין דער אַבסאָלוטהייט פון פרייען וואָרט. זיי וועלען אויף די אַלע אַרגומענטען, אַז אונטער די איצטיגע אומשטענדען איז די אונטערדריקונג נויטיג ענט־

פערען, אז ערשטענס זיינען דאס ארגומענטען, וואס קאנען פון קיין ילוד אשה קיינמאל ניט באוויזען ווערען, ווייל עס איז דאך מעגליך פונקט פאר־קערט, אז די אבסאלוטע פרייהייט פון ווארט וואלט געווען א סך א שטאר־קערער מיטעל פאר דער רעטונג פון רוסישען פאלק איידער דאס מיטעל פון פארבאט און אונטערדריקונג. צווייטענס, ווען עס האנדעלט זיך וועגען אבסאלוטע פרינציפען, רעכענט מען זיך בכלל ניט מיט דער גוטסקייט אדער שלעכטקייט פון די רעזולטאטען, צו וועלכע דאס האלטען זיך אין די דאזיגע פרינציפען וועט פירען, ווייל די מענשליכע אפשאצונג פון גוטס און שלעכטס איז דאך א רעלאטיווע און וואו די אבסאלוטהייט טרעט אריין, איז שוין פאר דער רעלאטיוויטעט ניטא קיין ארט.

קאן שוין איצט דער מענש, אויס עטישע און עסטעטעטישע גרונדען מער ניט עסען קיין מענשען פלייש, איז שוין מער ניט שייך אזא זאך, ווי ו ו ע ן מעג מען י א און ווען מען טאר נ י ט פארזוכען א שטיקעלע מענשען פלייש. די חקירה ודרישה וועגען נויטיגקייט און ראטזאמקייט פון קאניבאליזם אונטער געוויסע אומשטענדען איז לגמרי אפגעשאפט געווארען, מחמת „דו זאלסט ניט עסען קיין מענשען פלייש" איז געווארען א קאטע־גארישער אימפעראטיוו.

פאדערט עס זיך דען אזא גוואלדיג גרויסע פאנטאזיע אויף פראצושטע־לען זיך דעם אנקום פון דער צייט, ווען דער פראגמאטיזם, די פראגע פון ניצליכקייט אדער אומניצליכקייט, נויטווענדיגקייט אדער ניט נויטווענדיג־קייט, גוטע אדער שלעכטע רעזולטאטען, וועט ניט האבען קיין שליטה אויף דער פראגע פון ווארט־ און שריפט־פרייהייט?

אונז דאכט זיך, אז די צייט איז גאר ניט ווייט, ווען א נייער אבסא־לוטער אימפעראטיוו וועט אריינטרעטען אין לעבען פון דער געזעלשאפט, וואס איר צו ווידערשפעניגען וועט קיין געזעלשאפט ניט וואגען. דער דאזיגער אימפעראטיוו וועט לויטען:

„דו זאלסט ניט פארווערען קיין איין און איינציגען מיטגליד דיינעם צו שרייבען און צו ריידען, וואס ער וויל, אויף זיין אייגענער פאראנטווארטליכקייט!"

און דער דאזיגער אימפעראטיוו וועט אויך פיל מיטהעלפען אין דעם אריינפיר־פראצעס פון א סאציאלסטישער ווירטשאפט און ארדנונג, וואס אונטער איר זאלען זיך די מענשען באמת פילען סאציאל־פריי, עקאנאמיש גלייך, און פון גאנצען הארצען ברידערליך איינע מיט די אנדערע.

פרייהייט פון שפּראַך איבער אַלץ

אין דעם בריף פון פּאַלעסטינא פון אַרמוני, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער „פּ. א. ש.״ פון דעם ערשטען אַפּריל, רעדט דער קאָרעספּאָנדענט בנשימה אחת וועגען דעם היינטיגען קאַמף, וואָס ווערט געפירט אין ארץ ישראל אַנטקעגען אידיש און אַנטקעגען סאָציאַליזם.

עס איז גאַנץ מעגליך, אַז אַלע, אָדער דער גרעסטער טייל פון די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען, וואָס געהען איצט אין ארץ ישראל אונטער דעם נאָמען פּועלי ציון, זיינען אידישיסטען. עס איז אפשר אויך גאַנץ נאַטירליך, אַז דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט זאָל זיך ניט וועלען בשום אופן אָפּזאָגען פון דער שפּראַך, וואָס איז פון די ברייטע אידישע מאַסען געשאַפען געוואָרען, פון זיי און דורך זיי דערהאַלטען געוואָרען. פון דער שפּראַך, וואָס אין איר האָבען זיך, ווי אין קיין אַנדער שפּראַך פון דעם אידישען פאָלק, אויסגעדריקט די פריידען און ליידען, די פאַרצווייפלונגען און האָפנונגען, די נידערלאַגען און טריאומפען פון דער ליידענדער אידישער מאַסע. און דערפאַר ווערט אין ארץ ישראל, אַזוי גוט ווי מחוץ לארץ דער אידישיזם גיין בדרך כלל האַנט אין האַנט מיט דעם רעוואָלוציאָניזם אָדער מיט דעם אַזוי גערופענעם לינקיזם.

ווען מען לעזט אָבער אויפמערקזאַם די אויבענדערמאָנטע קאָרעספּאָנדענץ, ווערט קלאָר אַז אין די אינטערעסען פון דעם ארץ ישראל'דיגען קאַמף צווישען העברעאיש און אידיש און צוליב דער איין־און־איינציגקייט און אויסערגעוויינליכקייט פון דעם כאַראַקטער פון דעם דאָזיגען קאַמף, מוז דער קאַמף אַנטוויקלען דעם סאָציאַלזם אָדער רעוואָלוציאָניזם.

מען האָט געקאָנט דערוואַרטען און מען קאָן אפילו, אויב מען איז ניט אין שטאַרקער גוט־ברודערשאַפט מיט דעם סקעפּטיציזם, זיכער זיין, אַז אַזוי שנעל ווי א אידישער קבוץ וועט דערשמעקען דעם קוים קוים שפּירבאַרען ריח פון א נאַציאָנאַלער היים, אַזוי שנעל ווי ער וועט מערקען א רמז בלויז פון א שטאַטליך אידיש־געזעלשאַפטליכען לעבען, זאָל ער באַלד זיך אָנהויבען אויסצייכענען מיט דעם שאַרפסטען קלאַסענקאַמף, מיט דעם אינטענסיווסטען קאַמף פאַר א נייער אָרדנונג, וואָס זאָל פאַרנעמען דעם אָרט פון דער איצטיגער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, וועלכע שטיצט זיך אויף עקספּלואַטאַציע פון איין קלאַס דורך א צווייטען. די דאָזיגע דער־

*) ערשינען אין דער „פרייער ארבייטער שטימע״.

וואַרטונג נעמט זיך פון דעם שטאַרקען שייכות צווישען דעם כאַראַקטער פון דעם סאָציאַליזם און דעם כאַראַקטער פון דעם אידישען פאָלק.

קיינע אויסטייטשונגען פון דעם מאַרקסיזם סיי רעכטס סיי לינקס, סיי רעכט צענטראַליסטיש, סיי לינק־צענטראַליסטיש, קאָנען ניט פאַרלייקענען דעם פאַקט, אז אחרי ככלות הכל, אז נאָך אַלע עקאָנאָמישע און מאַטעריעלע טרייב־קראַפטען פון דער געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג, בלייבט דאָך די שטאַרקסטע און אָנגעזעהנסטע קראַפט, וועלכע טרייבט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג און פירט זי צו דעם זיגרייכען סוף פון דער צעשטערונג פון דאָס אַלטע און אָפּגעלעבטע—די קראַפט פון דעם גערעכטיגקייט־חוש. די דאָזיגע קראַפט איז אַלע מאָל געווען און בלייבט די יעניגע וואָס פילט אָן מיט צאָרן די העכער פון די, וואָס מוזען מיט זייער לעבען באַצאָלען פאַר דעם מינדסטען טראָפּעלע זיג פון אומגערעכטיגקייט איבער גערעכטיגקייט. קיינע פרושים פון דער מענשליכער געשיכטע קאָנען שוין ניט פעסטער, דייטליכער און קלאָרער אַרויסברייגען דעם פאַקט, אז דער געפיל פון גערעכטיגקייט, וואָס שלאָגט זיינע טיפסטע וואָרצלען אין דער נשמה פון דער וועלט, איז געקומען צום שאַרפסטען און שטאַרקסטען אויסדרוק ביי דעם אידישען פאָלק. און דער דאָזיגער אומגעהויר שטאַרקער געפיל פון גערעכטיגקייט וועט זיכער פירען דערצו אז אין פאַלעסטינא זאָל דער קלאַסענקאַמף סיי אין אינהאַלט סיי אין פאָרם דערגרייכען דעם העכסטען פונקט אין זיין אַנטוויקלונג. עס איז אויך דעריבער ניטאָ קיין ברעקעל ספק, אז דער הייסער רוף פון דער רעוואָלוציאָנערער אידישער אַרבייטערשאַפט פון ארץ ישראל נאָך הילף אין דעם קאַמף פון רעאַקציע קעגען רעוואָלוציאָניזם וועט געפינען אַ שטאַרקען און מעכטיגען אָפּקלאַנג אין די הערצער פון די באַוואוסטזיניגע אידישע אַרבייטער פון דער גאַנצער וועלט.

מיר מוזען דאָך אָבער צוגעבען, אז ווי שטאַרק, שיין און אינטערעסאַנט דער קלאַסענקאַמף זאָל ניט געפירט ווערען אין דעם לאַנד פון די אבות, איז ער אָבער ניט ניי. ער קאָן זיך אונטערשיידען פון די קלאַסענקאַמפען אין יעדען אַנדער לאַנד בלויז אין דער פאָרם און אין דער מדרגה. דער איהאַלט מוז בלייבען דער זעלבער.

אַנדערש איז עס אָבער מיט דעם קאַמף קעגען אידיש. דאָס וואָס די העברעאיסטען, וועלכע זיצען איצט אין זאַטעל אין ארץ ישראל, ערלויבען זיך בנוגע דער אידישער שפּראַך, בנוגע די מענשען וואָס ווילען אויסדריקען זייערע געפילען און געדאַנקען אין אידיש דאָס דערלויבט זיך ניט קיין איין־און־איינציגע הערשענדע פּאַרטיי אין קיין לאַנד אין דער וועלט.

די האָזיגע לענדער פאַרגינען זיך צו אונטערדריקען דאָס וואָרט און די שריפט, צו אונטערדריקען געוויסע געדאַנקען און געוויסע געפילען. און מיר האָבען דאָ ניט לאַנג אָנגעוויזען, אַז עס איז גאָר ניט פאַראַן און עס קאָן בשום אופן ניט געבען אַזאַ אידעאַל אין דער וועלט, וואָס צוליב זיין רעאַליזירונג זאָל מען מעגען באַגיין איינעם פון די ערגסטע און שענדליכסטע פאַרברעכענס אין דער וועלט — דעם פאַרברעך פון דערשטיקען אַן אויסדרוק פון אַ געדאַנק, אַ ניצוץ פון דער וועלט־נשמה.

ניט צו דערלויבען אָבער איינעם צו באַנוצען זיך מיט דער שפּראַך, וואָס איז אים ליב און טייער איז אַ פאַרברעך, וואָס האָט ניט, ווי אונז דוכט זיך, קיין פאַרגלייך צווישען די פאַרברעכענס פון צוואַנציגסטען יאָרהונדערט. דאָס מיינט שוין ניט נאָר צו אונטערדריקען אַ געוויסען געדאַנק, אַ געוויסען אויסדרוק, נאָר טאַקע די גאַנצע נשמה מיט אַלע אירע געדאַנקען און געפילען. דאָס מיינט דאָך פשוט אויף אַ גאַנץ הוליגאַנישען אופן אַריינצורייסען זיך אין דאָס אינטימסטע פון דעם אינטימסטען, אין דאָס הייליגסטע פון דעם הייליגסטען פון דער פאָלק נשמה; דאָס מיינט צו וועלען ביד חזקה צווינגען די קולטור פון אַ פאָלק אָנצונעמען אַזאַ אָדער אַן אַנדער אינהאַלט, אַזאַ אָדער אַנאַנדער פאָרם. דאָס דערמאָנט זעהר שטאַרק אָן דער אינקוויזיציע. זי האָט געצוואונגען מענשען צו בוקען זיך אויף אַזאַ און ניט קיין אַנדער שטייגער, צו אַזאַ און ניט קיין אַנדער מין גאָט און דאָ צווינגט מען מענשען אויסצודריקען זייערע געדאַנקען און געפילען, זייערע איבערלעבונגען און אינספּיראַציעס דוקא אין אַזאַ פאָרם און ניט אויף קיין אַנדערען.

דער העברעאיש־אידישער קאַמף, ווי ער ווערט, לויט דער דערמאָנטער קאָרעספּאָנדענץ געפירט אין ארץ ישראל, גייט שוין איצטער אַרויס פון די ראַמען פון שפּראַכען קאַמף און גייט אַריבער אין אַ קאַמף פון רעכט און אומרעכט, גערעכטיגקייט און אומגערעכטיגקייט, פרייהייט און שקלאַפעריי.

דאָ האַנדעלט עס זיך שוין ניט מער צי איז די שפּראַך, וואָס אין איר האָבען געשאַפען מענדעלע, פרץ, שלום־עליכם, אש, רייזען, פינסקי, הירשביין, און וואָס אין איר ווערען איצט געשאַפען אוצרות און פּערעל פון ליטעראַטור, פאַר וועלכע עס איז נאָך פשוט קיין צייט ניט געווען זיי ריכטיג אָפּצושאַצען, — דאָ, זאָג איך, האַנדעלט זיך ניט מער צי איז אַזאַ שפּראַך פון אַזעלכע ריזיג־גייסטיגע שאַפונגען, וואָס נאָר אַזאַ ווערק ווי לייוויק׳ס „גולם״ בלויז וואָלט געווען גענוג צו דערמאָנען — איז אַ „זשאַרגאָן״ צי ניט.
דאָ האַנדעלט זיך שוין אויך ניט מער וועגען דעם, וואָס פאַר אַ שפּראַך זאָל זיין די אָפיציעל אַנערקענטע שפּראַך, און אויך ניט מער וועגען דעם צי

איז דאס יע, אדער צי איז דאס ניט איינע פון די גרעסטע אומגליקען פאר דעם אידישען פאלק, אז עס זאל געשאפען ווערען אן אייזערנע וואנט צווישען די העברעאיש „שפרעכענדיגע" אידען אין ארץ ישראל, און די אידען מחוץ לארץ. ניין, די פארם, וואס דער קאמף האט אנגענומען רעדוצירט די גאנצע שפראכען אנגעלעגענהייט צו איין און איינציגער פראגע, דאס איז: ווער האט דאס רעכט צו זאגען מיר, יאנקעלען, בערעלען, אדער יאסעלען, אז די שפראך וואס מיין פאלק האט געשאפען מיט דריי טויזענד יאר צוריק מוז איך יא ריידען אין מיין ארץ ישראל, און די שפראך, וואס מיין פאלק, די קינדס־קינדער פון דיזעלביגע אבות האט מיט דעם זעלביגען בלוט פון די אדערען און זאפט פון די נערוועז געשאפען מיט א יאר טויזענט צוריק און רעדט איצט—טאר איך ניט רעדען? ווער קאן זיך נעמען דאס רעכט צו באשטימען, אז דוקא די העברעאישע שפראך איז „איינע פון די וויכטיגסטע עקרים פון ארבייטער לעבען" און אז „די וואס ריידען אידיש האבען ניט קיין פלאין אין ארץ ישראל"?

ווען עס זאל אפילו באוויזען ווערען קלאר ווי די זון אליין, אז די העברעאישע שפראך שטייט אויף א סך העכערען שטאפעל פון דעם קולטור לייטער, איידער די אידישע שפראך, און ווען עס זאל אפילו ניט זיין דער מינדסטער ספק דערין, אז די גאנצע קולטור אין דער וועלט וואלט געווינען דערפון, וואס העברעאיש וועט ווערען דורכאויס און איבעראל די אידיש נאציאנאלע שפראך, וואלט דאס נאך אויך ניט געגעבען די העברעאיסטען מער רעכט צו „שטארקען זייערע הענט" קעגען די אידישיסטען, ווי עס וואלט געגעבען די קריסטען דאס רעכט צו באנייען די אינקוויזיציע, ווען עס זאל מאטעמאטיש דערוויזען ווערען, אז די קריסטליכע רעליגיע איז קולטורעל העכער פאר דער אידישער רעליגיע, ווייל דער מענש האט אזא אבסאלוטע רעכט, ווי מען קען זיך נאר פארשטעלען, אויף צו פירען אזא ארט לעבען און צו זיין אזוי אומקולטורעל ווי אים ווילט זיך, אזוי לאנג ווי ער שטערט ניט דירעקט און שטעלט זיך ניט אגרעסיוו אנטקעגען דעם ארט לעבען און לעבענס־פיר פון דעם אנדערען.

און נעמט מען אוועק מיט געוואלט דאס דאזיגע רעכט, באנייט מען אזא אונקולטורעלען אקט, וואס קאן פון די העכסטע קולטורעלסטע צוועקען אין דער וועלט פארניטיגט ווערען, מחמת אזא סארט רעכט איז דאס קעגענדעל פון קולטור גופא און דער „סינע קווא נאן" פון דער אנטוויקלונג פון קולטור, און דאס דאזיגע רעכט טאר פון קיינעם ניט צוגענומען ווערען. און אויב דאס איז אזוי אין פאל ווען מיר וואלטען האבען די אומבאדינגטע זיכערקייט וועגען דעם גרויסען גליק, וואסט שטייט פאר ניט נאר דעם אידישען פאלק נאר דער גאנצער מענשהייט א דאנק דעם וואס אידיש וועט

פארשווינדען ווערען פון צווישען די קינדער פון דעם אידישען פאלק, על אחת כמה וכמה, וויפיל מאל גרעסער איז שוין דאס אומרעכט, וואס ווערט באגאנגען, ווען מען באנוצט זיך מיט אן אייזערנער מאכט אויף צו אונ־טערדריקען עפעס אזעלכעס, וואס האט אין זיך אפשר אלע מעגליכקייטען, די גאנצע פאטענציעלע קראפט אויף צו דערגרייכען אזא הויכען שטאפעל אין קולטור און צו באגליקען די מענשהייט גראד אזוי גוט ווי דאס, אין וועמעס נאמען מען וויל עס דערשטיקען און עוקר מן השורש זיין.

דאס אומרעכט אלזא און די אומגערעכטיגקייט אין דעם קאמף קעגען אידיש אין ארץ ישראל מצד פון די העברעאיסטען איז אזא גוואלטיגע, אזא שפאגעל־נייע אין דער רעאקציאנערער כוואליע, וואס מאכט אלע אנ־שטריינגונגען צו פארפלייצען די וועלט מיט מאכט אנשטאט רעכט און מיט צוואנג אנשטאט גערעכטיגקייט, אז דער דאזיגער העברעאיש־אידישער קאמף דארף אוועקגעשטעלט ווערען גאנץ באזונדער פון דע קאמף אנטקעגען סאציאליזם און רעוואלוציאניזם. אויב עס איז אמת, אז די דר. מאסענזאנס בענשען די הענט, פון די וואס טרייבען פונאנדער פארזאמלונגען נאר דער־פאר, וואס אויף זיי וויל מען רעדען אויף אידיש: אויב עס איז אמת, אז לערער פון די גימנאזיעס רופען די גימנאזיסטען צום קאמף ביז דעם לעצטען טראפען בלוט אנטקעגען אידיש, דאן מוז אין דעם נאמען פון פריי־הייט און גערעכטיגקייט אלס ענטפער אויף דעם דאזיגען רוף זיך תיכף ומיד ארגאניזירען מחוץ לארץ די שטארקסטע ליגע וואס איז נאך ווען עס איז געווען אין דער אידישער ראדיקאלער גאס, א ליגע, וואס זאל האבען איין־און איינציגע אויפגאבע, און דאס איז, צו קעמפען אויף אלע מעגליכסטע אופנים פאר דער פרייהייט פון שפראכען — וואס דאס מיינט אין דעם איצטיגען פאל—פאר דער קולטורעלער גלייכבארקייט פון אידיש אין ארץ ישראל. זאלען די שפראכען גופא קעמפען צווישען זיך פאר זייער פאזיציע אין ארץ ישראל, זאל אבער פאר קיין פאל נישט דערלאזען ווערען דערצו, אז יעקב'ס קול זאל דערשטיקט ווערען פון עשו'ס הענט. אויפגעשטורמט דארף ווערען די גאנצע אידישע ארבייטערשאפט צו אן ענערגישען פראָ־טעסט קעגען דער פארגוואלטיגונג פון די עלעמענטארסטע רעכטען אין דער וועלט, קעגען דער אונטערדריקונג פון א שפראך.

אין אזא ליגע וועלען זיך אנשליסען ניט נאר פועלי־ציון, לינקע און און רעכטע, נאר אויך טויזענדער אנדערע אידישע ארבייטער, וואס זיי איז ליב און טייער די אידישע שפראך און די אלע שאפונגען אין דער אי־דישער שפראך פון דער „צאינה וראינה" ביז דער „קליאטשע", און פון דער „קליאטשע" ביז דע „גולם", און צו זיי וועלען קומען אויך די, וואס וועלען ניט פאר דעם כבוד פון דער אידישער שפראך זיך וועלען אננעמען,

נאָר זיי וועלען זיך וועלען איינשטעלען פאַר דער פרייהייט און גערעכטיגקייט, וואָס ווערט מיט די פיס געטראָטען אין דעם דאָזיגען קאַמף פון די העברעאיסטען אנטקעגען די אידישיסטען. אזא ליגע דאַרף זיין דער ערשטער און באַלדיגסטער ענטפער אויף דעם רוף פון די טעראָריזירטע ארבייטער אין ארץ ישראל און דער לאָזונג פון די דאָזיגע ליגע דאַרף זיין:
„פרייהייט פון שפּראַך איבער אלץ!"

דער איצטיגער וועלט קריזיס אין דעם ליכט פון בערגסאָנ'ס פילאָזאָפיע*)

די איצטיגע סאָציאַלע געשעהענישען אין אַלע טיילען פון דער וועלט צייכענען זיך אויס, צווישען אַלע איבעריגע, אויך מיט די פאָלגענדע צוויי שטריכען: ערשטענס, דערמיט, וואָס די דאָזיגע געשעהענישען קומען פאָר כמעט יעדען טאָג מער און מער להפוך צו דעם, וואָס די גרעסטע און בעסטע סאָציאָלאָגען און פּאָליטיקער האָבען ערוואַרט אזוי, אַז עס קאָן שוין גאָר קיין פראַגע ניט זיין וועגען פאָראויסזאָגען וואָסער עס איז וועגדונג אין דעם גאַנג פון די נאָהענטסטע געשעהענישען. צווייטענס דערמיט, וואָס אין דעם לויף פון די געשעהענישען האָבען מענשען אָנגעהויבען צו דערקלערען בפני כל עם ועדה, אַז דער געפיהל אלס מאָטיוו פאָר אַ געוויסער האַנדלונג, אָדער פאָר אַ געוויסער טאַט איז גראַד אזוי וויכטיג און גראַד אזוי הויך, און אָפט, וויכטיגער און העכער, איידער דער פאַרנונפט־מאָטיוו. מענשען האָבען זיך אָנגעהויבען רעכענען מיט דעם סוביעקטיווען דערשפירען און באַנעמען פון זאַכען, מער איידער מיט זייער אָביעקטיווער אָפּשאַצונג און צעגלידערונג.

אמת, אַז פילע האָבען ערוואַרטעט מלחמה, און איינִיגע האָבען פאָראויסגעזאָגט אַ גראַנדיעזע און שרעקליכע מלחמה. אָבער, ווער האָט ערוואַרט אַז אין דער מלחמה וועט זיך, למשל, דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט מער פאַר אַלע געליטען פון די מלחמות, און וועלכער מוז אויסלייזען די וועלט פון מלחמות, — אַז ער וועט זיך אריינוואַרפען מיט לייב און לעבען אין דער מלחמה? ווער האָט געקאָנט פאָראויסזאָגען. אַז דער קלאַסענקאַמף, די לאָזונג פון נייַנצענטען יאָרהונדערט, וועט פאַלען כורעים פאַר דעם נאַציאָנאַלען קאַמף?

און וואָס פאַר אַ גוואַלדיגע איבערמאַכט האָבען אין דעם דאָזיגען נאַציאָנאַלען קאַמף די אינערליכע און טיפע געפילען גענומען איבער דער ריינער און שטאַרקער לאָגיק! פילאָזאָפען, וויסענשאַפטסמענער און קינסטלער פון איין לאַנד האָבען ניט געקאָנט און קאָנען נאָך איצט ניט צונויפרעדען זיך מיט די פילאָזאָפען, וויסענשאַפטסמענער און קינסטלער פונ'ם צווייטען לאַנד, מחמות זייער לאָגיק איז איצט דערטרונקען אין דעם גרונדלאָזען ים פון זייער געפיהלען און די פאַרבינדונגען צווישען די דאָזיגע ימים זענען איבערגעריסען געוואָרען.

---

*) ערשינען אין די „שריפטען".

אמת, אז פיל האבען פאראויסגעזאגט א סאציאלען איבערקער, ווע־מען האט זיך אבער וועז עס איז געחלום׳ט, אז די ערשטע און שטארקסטע סמנים פון אזא איבערקער אין דער וועלט וועלען זיך באווייזען אין אזא אינדוסטריעל צוריקגעשטאנענעם לאנד ווי רוסלאנד? ווער האט עס געקאנט איינפאלען, אז דאס לאנד, וואס האט זיך אזוי ווייניג פארהעלט־ניסמעסיג אויסגעצייכענט אויף דעם געביט פון ציוויליזאציע, וועט זיין דאס לאנד, וואס וועט געבען דער גאנצער וועלט די שטארקסטע און ארי־גינעלסטע לעקציע אין דער סאציאלער עטיק?

ווער האט זיך עס געקאנט פארשטעלען, אז א לאנד מיט אזא רעוואָ־לוציאנערער טראדיציע ווי פראנקרייך, וועט שפילען אין דעם איצטיגען קריזיס די רעאקציאנערסטע ראָל אין דער וועלט?

דאס איז אלץ דערפאר, וואס דער געפיהל־שטראָם האט פארפלייצט די לאגיק, און דאס אביעקטיווע, דאס וואס גילט פאר פארשיידענע מענשען אין פארשידענע צייטען און לענדער, איז באזיגט געווארען פון דעם סוב־יעקטיווען, פון דעם, וואס איז איין און איינציג אין זיין ערשיינונג, און גילט דאריבער נאר פאר איין מענשען, פאר איין צייט און פאר איין לאנד

דער איצטיגער סוביעקטיוויזם, וואס האט דורכגענומען די מענשליכע נשמה, און די אומדערוואַרטונג פון געשעהנישען דארט, וואו עס האנדעלט זיך וועגען לעבען און גייסט, שטימען אין זייער גאנג און באנעם מיט דער וועלט אנשויאונג פון דעם פילאָסאָף האנרי בערגסאָן.

זעהר אינטערעסאנט, הגם ניט זעהר ניי, אין בערגסאָנ׳ס סיסטעם איז דער סוביעקטיוויזם. בערגסאָן דענקט, אז קיין זאך וועט אזוי ניט העלפען דעם מענשען צו דערקלערען די וועלט, אין וועלכער ער איז איינגעשלאָסען, ווי א רינגעל אין א קייט, ווי דאס וואס דער מענש וועט זיך פארטיפען אין זיין איינענער נשמה, זיך צוהערען צום פולס פון זיין אייגענעם גייסט און שענקען די גרעסטע אויפמערקזאמקייט צו די אנשטרענגונגען און פעהיג־קייטען, צו די פארלאנגען און באשטרעבונגען פון זיין אייגענעם איך. אקור־ראט ווי דאס רינגעל אין דער קייט, ווען עס וואלט געקאנט זיך א גריבעל טאן אין זיין אייגענער וועזענטליכקייט וואלט געקאנט האבען א באגריף וועגען דעם תוך און תמצית פון דער גאנצער קייט, אזוי וואלט אויך דער מענש, ווען ער זאל זיך דערגריבלען ביז׳ן גרונד פון זיין נשמה, פון זיין אייגע־נער מהות, געקאנט באקומען א גאנץ גענויען באגריף וועגען דער נשמה און וועגען דער מהות פון דעם גאנצען וועלט־אל.

אַט אַזאַ גריבלען זיך אין דער טיפעניש פון דער נשמה איז שטאַרקער פאַר דער אינטענסיוועסטער לאָגיק, פאַר דעם אַנגעשטרענגסטען דענקען, מחמת דאָס דענקען און די לאָגיק זענען נאָר א טייל פון דעם מענשליכען איך, בשעת דאָס זעלבע גריבלעריי פאָדערט דאָס אריינטאָן זיך פון דער גאַנצער פערזענליכקייט. אין דעם דאָזיגען פּראָצעס באַטייליגען זיך די חושים, די געפיהלען און דער ווילען אזוי גוט ווי דאָס דענקען.

און ווען דער מענש זאָל זיך צוגעוואוינען דורך אויסערגעוועגליכען צוואַנג צו אַרבייטען גייסטיג מיט אַזאַ אַנגעשטרענגטקייט און גאַנצקייט פון זיין זעלבסט, וואָלט ער דערשפירט אין זיך מאָמענטענוויז אַן איבער־מענשליכע פעהיגקייט צו באַנעמען זאַכען און פּאַסירונגען. דאָס איז די פעהיגקייט פון דער אינטואיציע, וואָס וועגען איהר האָבען ביז איצט זעהר ווייניג מענשען געהאַט די מינדסטע אהנונג. דאָס וואָס האָט זיך ביז איצט ניט איינגעגעבען דעם שכל צו באַנעמען און צו דערגרייכען, דאָס וואָלט זיך איינגעגעבען דער אינטואיציע, וועלכע איז א גייסטיגע צונויפשמעלצונג פון שכל, ווילען און געפיהלען. דער מענש דאַרף זיך נאָר אָנטאָן א כח ארויסצורופען אַט די דאָזיגע אינטואיציע פון די פאַרבאָרגענסטע ווינקלען פון זיין נשמה. מער פון אַלע מענשען דאַרף זיך וועגען דעם באַמיהען דער פילאָזאָף.

וואָלט, למשל, דער גרויסער פילאָזאָף קאַנט געווען געמאַכט אזאַ אָנ־שטרענגונג, וואָלט די אויפמערקזאַמקייט פון זיין באוואוסטזיין צוגעצויגען געוואָרען צו דער קראַפט פון אינטואיציע, וואָס האָט געאַרבייט אין איהם אומבאוואוסטערהייט, און וואָס איז בייגעשטאַנען איהם ביי יעדער גרוי־סער אַנטפּלעקונג וואָס ער האָט געמאַכט, שטודירענדיג דעם גאַנג פון קאָסמאָס—אין אַנדערע ווערטער, וואָלט קאַנט געווען געמערקט, אַז די לאָגיק איז נאָר א טייל פון דער אינטואיציע און, אַז דאָס אינטואיטיווע דערקענטניש שטייגט איבער דאָס לאָגישע דערקענטניש, און וואָלט קאַנט געווען זיך פאַרטיפט אין דער אינטואיטיווער דערקענטניש, ווי ער האָט זיך פאַרטיפט אין דער לאָגישער, וואָלט פאַר איהם שוין ניט געקענט מער עקזיסטירען די „דינג אַן זיך". פאַר אים וואָלט שוין מער ניט עקזיסטירט עפּעס אזעלכעס, וואָס פאַר דעם מענשען איז אוממעגליך תופס צו זיין, עפּעס אזעלכעס וואוהין דעם מענשענ'ס גייסט קאָן ניט אריינדרינגען. וואָרים דער מענש איז דאָך מאָמענטענוויז אַן א י ב ע ר ־ מ ע נ ש, און מיט זיין איבערמענשליכען גייסט קאָן ער דאָך אודאי אריינדרינגען אין דעם תוך פון אַלץ. „די אינטואיציע איז אַן אנשטרענגונג איבערצושטיי־גען די מענשליכע באַגרענצונגען און באַדינגטהייט" און אויב דער שכל קאָן ניט אריינדרינגען אין דער זאַך ווי זי איז, קאָן עס די אינטואיציע יאָ.

ארייגדרינגענדיג מיט דער הילף פון דער אינטואיציע אינ׳ם הארץ פון דעם קאסמאס, האט זיך בערגסאָן אָנגעשטויסען אויף עפעס אזעלכעס, וואס וועגען דעם האט קיין פילאזאף ביז בערגסאָן דיין שום אהנונג ניט געהאט. ער האט זיך אָנגעשטויסען אויף דער ד ו י ער פון דער רעאליטעט.

די דויער איז שוין ניט נאר ווי די אינטואיציע אַן אינטערעסאַנטער באגריף, נאר אויך, ווי מיר האבען שוין געזאגט, א שפּאָגעל נייער אין דער וועלט פון דענקען. און ווי יעדער אמת אָריגינעלער געדאנק, ברייגגט אריין אויך דער דאָזיגער נייער געדאנק א גאנצען איבערקער אין דער פילאָזאפישער און וויסענשאפטליכער וועלט.

פריש איז נאך אין אונזער זכרון די גרויסע רעוואָלוציע, וואס דער עוואָלוציאָנס באגריף האט ארויסגערופען אין אלע צווייגען פון קולטור, ווי אויך אין דעם סאָציאָלען לעבען. דער באגריף, אז אלץ אין דער וועלט, פון דעם זאמדעלע אויפ׳ן ברעג פון ים ביז די שטערען אין מיטען פון הימעל, פון דעם קוים וואס רירט זיך אמעבא, ביז צו דעם „זייגער־אומרוה״ ענליכען מענשען — האלט אויף קיין איין רגע ניט אָן זיין פאָרם, נאר איז אונטערוואָרפען אַן אומאויפהערליכען פּראָצעס פון ענדערונג און אומ־בייטונג, — אָט דער דאָזיגער באגריף האט געגעבען א נייעם שטויס צו אלע פאָרשונגען און אונערזוכונגען צו אלע האנדלונגען און באנעמונגען. ער האָ געצוואונגען די מאָראל און די רעליגיע, די פילאָזאָפיע און די וויסענשאפט צו רעווידירען זייערע גרונדלאגען.

נאך איידער מיר זענען געקומען צו זיך פון דער דאָזיגער רעוואָלוציע, זענען מיר שוין פון אַן אנדערער געטראָפען געוואָרען, דאָסמאָל ווערט די רעוואָלוציע ארויסגערופען דורך דעם, וואס דער עוואָלוציאָנס באגריף גופא ווערט רעוואָלוציאָניזירט.

ניט נאָר, זאָגט אונז בערגסאָן, בייט זיך די וועלט נאר זי שאפט זיך. ניט נאר ענדערען זיך די פאָרמען און די געשטאלטען אין דער וועלט, נאר עס ווערען געשאפען נייע אינהאלטען, נייע ווירקליכקייטען יעדע רגע, יעדען מאָמענט. צ י י ט, אין דעם אמת׳ן זין פון וואָרט, איז אידענטיש מיט שאפונג. און אָט דער דאָזיגער אמת׳ער „קאָנקרעטער״ צייט האט בערגסאָן א נאָמען געגעבען דויער.

דויער, דאס איז „ערפינדונג, די שאפונג פון נייע פאָרמען, דאס באַ־שטענדיגע ווערען פון דעם אבסאָלוטען״.

די אוניווערז דויערט, און דאָס מיינט, אַז „זי איז ניט געמאַכט, נאָר זי ווערט געמאַכט אומאויפהערליך. זי וואַקסט, גאָן אָהן אַ שיעור, אפשר, דורך דעם חיבור פון נייע וועלטען״. בערגסאָן מאָלט זיך די רעאַליטעט פון דער וועלט אַלס אַ צענטער, וואָס פון איהם שיסען ארויס נייע וועל־טען, ווי ראַקעטען פון אַ פייערווערק שפּיל.

בערגסאָן שטעלט אַזאַ אוועק אויף דעם אַרט פון אנטוויקלונג—שאַ־פונג, אויף דעם אַרט פון עוואָלוציע—קרעאַטיווע עוואָלוציע.

אנשטאָט צו זאָגען ווי קהלת, אַז „דאָס וואָס איז געווען איז דאָס־זעלבע וואָס וועט זיין, און דאָס וואָס איז געטאָן געוואָרען איז דאָסזעלבע וואָס וועט געטאָן ווערען, און ס׳איז גאָר קיין נייעס ניטאָ אונטער דער זון״—זאָגט אונז בערגסאָן, אַז דאָס וואָס וועט זיין מוז זיין אינגאַנצען אַנדערש איידער דאָס וואָס איז געווען, און דאָס וואָס וועט געטאָן ווערען מוז געטאָן ווערען אַנדערש איידער דאָס וואָס איז געטאָן געוואָרען. און נייעס אונטער דער זון קומט פאָר אָהן אַן אויפהער.

און נאָך מער, דאָס, וואָס וועט זיין, דאָס, וואָס וועט געטאָן ווערען, דאָס נייע וואָס וועט פאָרקומען איז פון קיין זאַך און פון קיינעם, אפילו פון גאָט אליין, פון פריער ניט באַשטימט. דאָס, וואָס געהט ערשט זיין איז ניט פון קיין פּראָדוקט אָדער פּועל יוצא פון פריערדיגע סיבות אָדער באַדינגונגען. עס איז ניט קיין בליהונג פון ערגעץ וואו פאַרבאַהאַלטענע קערענדלאַך, עס איז ניט קיין ווירקונג פון פּאָטענציעלע כחות, נאָר עס איז אַ ספּאָנטאַנע שאַפונג. די צוקונפט איז דאריבער ניט אָפּהעניג פון דער פאַרגאַנגענהייט, און זי איז דאריבער פון קיינעם ניט באַשטימט פאַראויס און קאָן ניט פאַראויסגעזאָגט ווערען. און דעריז באַשטעהט די גרויסע נפקא מינה צווישען קרעאַטיווער עוואָלוציע און סתם עוואָלוציע.

לויט דעם באַגריף פון עוואָלוציע קומט די צוקונפט ארויס פון דער פאַרגאַנגענהייט, מחמת ביידע, אי די צוקונפט, אין די פאַרגאַנגענהייט, זענען אַ טייל פון דער אייביגקייט, וואָס איז אומפאַרענדערליך. און דארום באַציהען זיך אַלע ענדערונגען פון דער וועלט נאָר אויף די פאָרמען פון דער רעאַליטעט און ניט אויף דעם אינהאַלט, אויף דער שאַלעכץ און ניט אויף דעם קערענדעל. די געזעצען, למשל, וואָס רעגולירען אַלע ענדערונגען זענען אייביג און אומפאַרענדערליך.

לויט דעם באַגריף פון קרעאַטיווער עוואָלוציע איז ניטאָ קיין אייביג־קייט, ניטאָ קיין אָפּגעשלאָסענהייט. די צוקונפט אנטהאַלט אין זיך דעם

עבר,, זי אליין אָבער איז אין קיין זאך ניט איינגעשלאָסען און איז פון קיין זאך ניט קיין טייל. זי שאפט זיך ספּאָנטאַן. דאָס געשאפענע ווערט אויפגעבאפט פון אונזער לאָגיק און אונטערוואָרפען אונטער געזעצען. דער שאפונגס־פּראָצעס גופא אָבער ווייסט ניט פון קיין לאָגיק און פון קיין געזעצען. אונזער לאָגיק העלפט אונז נאָר זיך צו אָריענטירען און צו רעאַגירען אויף דער היים־פלאָמענדיגער לאַווא, וואָס שיסט ארויס פון דעם אוניווערסאלען ווּעזאוויוס—דער רעאַליטעט פון דער וועלט. ווילען מיר אָבער אונז דערנעהנטערען צו דער רעאַליטעט פון דער וועלט, אונז באהעפטען מיט דער שאפונג, מוזען מיר אונז צוריקציהען פון דער לאָגיק און זיך גריבלען אזוי לאנג אין אונזער געפיהלען, אָנשטרענגען אזוי שטאַרק אונזער ווילען, ביז מיר קומען צו צו דער אינטואיציע, וואו עס טרעפט זיך צענויף אלע אויסדרוקען פון אונזער גייסט, די לאָגיק בתוכם. די אינטואיציע קאָן אָבער נאָר דערשפּירען דעם שאפונגס־פּראָצעס, זי קאָן ניט פאָראויסזאָגען ווי אזוי און וואָס עס וועט געשאפען ווערען, מחמת פרייוויליגקייט און אומבאשטימטקייט זענען די גרונד־אייגענשאפטען פון די שאפונגס־כחות.

מיט יעדען מאָל וואָס עס ווערט עפּעס נייעס געשאפען, עפּעס נייעס געטאָן, ענדערט זיך דאָס גאנצע אויסזעהן פון דער וועלט'ס רעאַליטעט. דאָסזעלבע קומט פאָר מיט דעם מענשען, וואָס איז א טייל פון דער רעאַליטעט. אויך זיינע האנדלונגען און זיינע טאַטען קאָנען ניט פאָראויסגעזאָגט ווערען, וואָרים מיט יעדער טאַט זיינער שאפט ער זיך אין געוויסען א זין פון דאָס ניי. ,,עס איז ריכטיג, זאָגט בערגסאָן, צו זאָגען, אַז מיר זענען אָפּהענגיג פון דעם, וואָס מיר זענען. עס איז אָבער אויך נויטיג צוצוגעבען, אַז מיר זענען אין א גרויסען גראד דאָס, וואָס מיר טוען, און אַז מיר שאַפען זיך אליין אומאויפהערליך.''

אזוי, אַז פון דעם בערגסאָנישען שטאַנדפּונקט דארפען מיר ניט נתפּעל ווערען דערפון, וואָס אין די איצטיגע געשעהנישען האָבען די געפיהלען מנצח געווען די לאָגיק. און מיר דארפען אונז ניט וואונדערען, וואָס די צוקונפט איז ווי אָפּגעשניטען געוואָרען פון דער פאַרגאַנגענהייט. על פי בערגסאָנ'ס מעטאַפיזיק קומט אויס, אז עס דארף אזוי זיין. עס איז אלע מאָל אזוי געווען און עס וועט אזוי זיין. ניט מער וואָס ביז איצט האָבען דאָס מענשען ניט איינגעזעהן, איצט אָבער איז דער קריזיס אזוי שטאַרק און גראַנדיעז, אַז זיי ווילען דאָס מוזען איינזעהן.

גלאָסאַר

גלאָסאַר

(דערקלערונגען פון די ניט אלגעמיין געברויכליכע ווערטער)

אגנאָסטיציזם. די לעהרע, וועלכע האלט זיך ביי דעם באגריף, אז די מענשליכע דערקענטניס קאָן ניט אין קיין איינע פון איהרע פאָר־מען צוקומען צו דער מהות פון דער וועלט אָדער צו דער אורזאך פון אלע אורזאכען. „איך ווייס ניט", מוז זיין דער ענטפער צו אלע פראגען וכח דער אנטשטעהונג און דעם פיהר פון דער וועלט.

אגנאָסטיקער. איינער וואָס האלט פון דעם אגנאָסטיציזם.

אגרעגאט. אַ זאמלונג. אַ פאראייניגונג פון עטלאכע פארשיידענע זאכען.

אָדיסעע. אַ העלדען־געדיכט פון דעם בארימטען גריכישען דיכטער האָמער וועגען דעם צוריקקומען פון דעם טראָיאנישען העלד אָדיסע־אוס (אוליסעס), וועלכער האט געוואנדערט צעהן יאָהר צו געפינען דעם וועג צו זיין היימאט נאָך דעם פאל פון טראָיא.

אוטיליטאריאניזם. די עטישע לעהרע, אַז דער יסוד פון יעדער מאָראל איז דער פרינציפ פון נוצליכקייט.

אידענטיש. וואָס איז דאָס זעלבע, וואָס מען קאָן נישט אונטערשיידען.

אידענטיפיצירען. ווערען איינס און דאָס זעלבע.

איזאָלירען. אבזונדערען.

אימאנענט. אינערליך; וואָס געפינט זיך ניט אויסענוועניג פון דער זאך, נאָר ליגט אין עצם פון דער זאך גופא.

אימיטאטיוו. נאָכגעמאכט.

אימפּאזאנט. וואָס ערוועקט אכטונג אָדער רעספּעקט.

אינדיקאטאָר. אַן אָנצייגער, אַן אָנווייזער.

אינטואיציע. אוממיטעלבארע דערקענטניס, דאָס זעהן קלאָר די ריכ־טיגקייט פון אַ זאך אָהן דער הילף פון באווייזען.

אינטיגראל. א גאנצע זאך אדער צאהל, וואס באשטעהט פון באַזונדערע טיילען.

איטענסיפיצירען. מאכען מער אנגעשטרענגט.

אינטראספעקציע. דאס פארטיפען זיך אין זיך (אין די אייגענע געפיהלען אדער געדאנקען).

אינטערפרעטאציע. א פארטייטשונג; דערקלערונג.

אינערטיש. ניט אקטיוו, וואס האט ניט קיין לעבען; אומבאוועגליך.

איפסא פאקטא. פאקטיש, טהאטזאכליך.

איראציאנאל. אומפארנינפטיג, אומלאגיש.

אמאזאנקע. א קריגערין אין גריכישער מיטאלאגיע; א פרוי וואס רייט אויף א פערד.

אמנא וויא עקס אווא. יעדער לעבען קומט ארויס פון אן איי.

אמעבא. דאס קלענסטע לעבעדיגע באשעפעניש.

אמפיביען. וואס איז שייך צו א חיה, וואס לעבט אויף דער יבשה און אין וואסער.

אנאכראניזם. דאס וואס פאסט שוין ניט צו דער צייט.

אנאלאג. ענהליכקייט.

אנטינאמיע. א כלל אדער פרינציפ וואס איז א געגענזאץ צו א צווייטען.

אנטראפאמארפיזם. די מיינונג אז גאט האט די געשטאלט פון א מענשען.

אסימפטאטיש. דערנעהנטערענד זיך, אבער קיינמאל ניט דערגרייכענד.

אפאטישקייט. גלייכגילטיגקייט, נישט־פילבארקייט.

אפטיש. וואס איז שייך צום זעה־ארגאן אדער צום אויג.

אפראפריאירען. אוועקנעמען פאר זיך.

אראבעסקע. אזא פאנטאסטישע באפוצונג אדער אויסשניצונג.

א ר ג ע ל. מוזיקאַלישער אינסטרומענט, אויף וועלכען מען שפּילט אין קירכען.

אַ ר ט י פ י צ י ע ל. קינסטליך; ניט נאַטירליך; נאָכגעמאַכט.

אַ ר כ י ט ע ק ט אָ נ י ש. לויט די געזעצען פון דער בוי קונסט.

ב אַ ל אַ ס ט. זעק מיט זאַמד אָדער אַנדערע שווערע זאַכען, וועלכע מען לייגט אויף אַ שיף אָדער אַ לופט באַלאָן, כדי צו דערהאַלטען דאָס גלייכגעוויכט.

ב אַ ר י ע ר. באַפעסטיגונג; שוץ־מויער.

ג אַ ל אָ פ י ר ע ן. שפּרינגען, לויפען.

ג ל אָ ר י רוהם, עהרע, הערליכקייט.

ג אַ נ ג ל י ע. אַ נערוועןְ־קניפּעל אָדער אַ נערוועןְ־פאַרדיקונג.

ד אָ ג מ אַ ט י ז ם. לעהר־סיסטעם, ביי וועלכען מען שטיצט זיך אויף זאַצען און מיינונגען אָהן באַווייזען, פאַר וואָס מען מוז זיי האַלטען אַלס ריכטיג.

ד אָ מ ע נ ע. געביעט.

ד י אַ ל ע ק ט י ק. אַ געוויסע פאָרם פון לאָגישען דיינקען, באַווייזען און דיסקוטירען.

ד י אַ מ ע ט ר אַ ל. גראַדע אַנטקעגען; גאַנץ געגענגעזעצט.

ד י ו ו ע ר ז י ט ע ט. פאַרשיידענהייט, פאַרשיידענאַרטיגקייט.

ד י ס י נ ט ע ג ר י ר ע ן. פאַנאַנדערטיילען אויף באַזונדערע שטיקער, צו־ברעכען, צופּיצלען.

ד י ס פ ע נ ס אַ צ י ע. באַפרייאונג פון שטראַף.

ד י ס פ אָ ז י צ י ע. נייגונג, שטימונג.

ד י פ ע ר ע נ צ י ר ו נ ג. דאָס בילדען זיך פון אונטערשיידען אָדער די אונטערשיידען גופא.

ד ע ט ע ר מ י נ י ז ם. די פילאָסאָפישע וועלט־אַנשויאונג, אַז עס עקזיס־טירט ניט קיין פרייער מענשליכער ווילען, נאָר אַלעס ווערט פריהער באַשטימט, און די מענשליכע מעשים קומען פאַר אַלס פאָלגען פון גע־וויסע באַשטימטע אומשטאַנדען, וואָס זיי קאָן דער מענש ניט ענדערען.

דענאָמינאַטאָר. די אונטערשטע צאָל פון א ברוך־צאָל.

דעפּאָנירען. נידערלעגען.

דעשיפרירען. איבערלעזען שיפרירטע שריפט; געפינען דעם שליסעל.

היערראכיע. הערשאפט פון גייסטליכע.

העמיספערען. האלב־קוגלען (פון מארד).

העקטאליטער. מאָס פון 100 ליטער.

וואריאַציע. פארענדערונג.

וויזאַ־ווערזאַ. אומגעקערט.

וויטאַליטעט. לעבענס־קראפט.

ווערדיקט. פסק־דין פון געשוואָרענע ריכטער.

טעאיזם. דער גלויבען אין גאָט.

טעלעאָלאָגיע. פילאָסאָפישע אנשויאונגען, אז די וועלט איז באשאפען געוואָרען מיט א געוויסען ציעל, און אלעס וואָס געשעהט אין איהר, האָט א באשטימטען צוועק.

טעלעסקאָפּ. רער מיט שטארקע פארגרעסער־גלעזער דורך וועלכע מען קאָן זעהן פארשיידענע הימעל דערשיינונגען.

טערא אינקאָגניטא. אן אומבאקאנטער געביעט.

טראַנסצענדענט. וואָס איז אוממעגליך צו פארשטעהן מיט דעם שכל און צו שליסען מיט הילף פון פילאָסאָפישע מעטאָדען.

לאַבאָראַטאָריע. כעמישעס ארבייטס־צימער.

לאַבאָרינט. הויז מיט פיעל צימערען און פארצימערען, אזוי איינגע־ריכטעט אז עס איז שווער צו געפינען אן ארייננאנג.

לאווא. געשמאָלצענע מאסע וועלכע גיסט זיך ארויס פון א ווולקאַן.

לעגאט. א פארטרעטער.

לעניטים. געזעצמעסיג.

לעטארגיע. לאנגער, אויף׳ן טויט ענליכער שלאָף.

מאדוס. אופן, שטייגער.

מאטאר אימפולס. די קראַפט וואָס ברייינגט די מוסקולען אין באַוועגונג.

מולטיפליצירען. פאַרמערען, דאָפּלען, כפל'ען.

מעדיאום. מיטעל.

מעטאמארפאזען. פאַרוואַנדלונגען.

מעטאפיזיק. פאַרשונגען פון זאַכען וואָס זיינען למעלה מן הטבע. חקירות מכח דער מהות פון דער וועלט.

נאטוראליזם. די טעאָריע, אַז אַלע דערשיינונגען אין דער וועלט ווערען פאַראורזאַכט דורך דער נאַטור און נאַטור־קרעפטען.

נאמינאטאר. אויבערשטער צאָל אין אַ ברוך צאָל.

סובסטאנץ. דער זעלבסטשטענדיגער עצם.

סובסטראטום. גרונדלאַגע, גרונדשטאָף.

סובטיל. געשיקט, שאַרף, חריפות'דיג.

סופיריאטעט. העכערקייט.

סטימול. אַן אַנטרייב, אַ מאָטיוו; עפּעס וואָס ערעגט צו אַ טאַט אָדער אויפפירונג.

סטאטוס. צושטאַנד.

סילאגיזם. לאָגישער שלוס.

סימפטאמאטיש. וואָס קאָנען דינען אַלס אַ סימן.

סינטאקס. לעהרע וועגען זאַצען־צוזאַמענשטעלונג.

סינטעז. פאַרבינדונג.

סכעמא. פאָרם; אַלגעמיינע פאָרשטעלונג.

סעקציע. אָפּטיילונג.

ספאנטאן. פרייפיליג, פון זיך אַליין.

ספיריטואליזם. פילאָסאָפישע לעהרע אַז אַלע נאַטור־ערשיינונגען האָבען זייער ערשטען גרונד אין דעם גייסטיגען לעבען פון די נאַטור־זאַכען.

עטיקעט. אַ צעטעל מיט אַן אויפשריפט.

עטער. פיינסטער שטאָף, וועלכער פיהלט אָן דעם גאַנצען מרחב פון דער וועלט.

עלימינירען. אויסשליסען, ארויסוואַרפען.

עמאָציע. שאַרקע אויפרעגונג.

עמאַנאַציע. אויסשטראַלונג, ארויסשטראַלונג, אויספליסונג.

עמפּיריציזם. די באַהויפּטונג, אַז אַלע אידעען שטאַמען אָפּ נאָר פון ערפאַרונגען.

ענערגעטיק. די וויסענשאַפט וועגען די געזעצען און ערשיינונגען פון מעכאַנישע און פיזישע קרעפטען.

עקוויוואַלענץ. דאָס זיין גלייך אין ווערטה.

עקסטראַוואַגאַנט. פאַרשווענדעריש.

עקספּלאָרירען. אונטערזוכען, פאָרשען, אויספאָרשען.

פּאָטענציעל. וואָס עקזיסטירט אין דער מעגליכקייט.

פּאַנטעאיזם. די לערע אַז גאָט און די וועלט איז איינס און דאָס זעלבע, און אַז אַלעס אין דער וועלט איז געטליך.

פּאָסטולאַט. אַ באַהויפּטונג וואָס פאָדערט קיין באַוויז, אַ זעלבסט־פאַרשטענדליכע וואַרהייט.

פּאַראַדאָקסאַל. וואָס זעהט אויס ווי אַן אבסורד אָדער ווי אַ מיינונג וואָס איז דער היפּוך פון די אָנגענומענע מיינונגען.

פּאַר־עקסעלענץ. אויסגעצייכענט.

פּאַראַלעל. גלייך לויפענד; וואָס געהט אין דער זעלבער ריכטונג.

פּיקוויקיש. וואָס איז ענהליך צו פּיקוויקען (דער העלד פון דיקענס'ס ראָמאַן „פּיקוויק'ס פּאַפּירען".

פּלאַזמע. דער פליסיגער באַשטאַנד־טייל פון בלוט, וואָס האָט אין זיך איי־ווייסע עלעמענטען און פון וועלכע עס בילדען זיך די פאַרשיידענע אָרגאַנישע געוועבען פון ערפּער.

פּלוטאָקראַטיע. די הערשאַפט פון געלט אריסטאָקראַטיע.

פערמאנענץ. דויערהאפטיגקייט, באשטענדיגקייט.

פער סע. אן און פאר זיך.

פראיעצירען. ארויסצובריינגען אין דער אויסענוועניגסטער וועלט די בילדער און באגריפען וואס ווערען אינווענינ אין זיך פארמירט.

פרעמיסע. א באהויפטונג, אויף וועלכער עס בויט זיך א לאגישער שלוס.

פאטאל. באשערט, אומאויסמיידליך.

פאנטאם. פאלשע פארשטעלונג, פאלש ביילד.

פיקסירען. באפעסטיגען, באשטימען.

פיקציע. אויסגעטראכטע זאך.

פעטיש. גראבע געטצען פון שטיין, האלץ, א. ד. ג.

פענאמענאל. וואס איז שייך צו זאכען אדער ערשיינונגען אויף וויפיל זיי ווייזען זיך אויס אין אונזער פארשטעלונג און ניט ווי זיי זיינען אן־און־פאר־זיך.

פראגמענט. שטיק, ברוך־שטיק.

ציטאטע. אויסצוג פון א ווערק צו באשטעטיגען א מיינונג.

ציקלאן. שטארקער שטורם ווינט.

קאארדינאטען. פעסטע גרעסען, וועלכע באשטימען די לאגע פון א פונקט.

קאדעקס. געזעצבוך.

קאטעגאריע. אבטיילונג, קלאס, א גרונד באגריף אין דער מעטאפיזיק.

קאטעדראלע. קירכע פון א בישאף.

קאמפלעקס. זאמלונג פון טיילען וועלכע שטעהען אין א צוזאמענ־האנג ווי די טיילען פון א סיסטעם.

קאנטינואיטעט. פארטזעצונג.

קאסמאס. וועלט־אל.

קארדאן. פארדעם, גארעז.

קאפאציטעט. פעהיגקייט, מעגליכקייט.

קווינטעסענץ. תמצית, דער קרעפטיגער אינהאלט פון עפעס.

קילאגראם. טויזענד גראם; קנאפע צוויי און א האלב פונט.

קינעטיש. וואס רופט ארויס באוועגונג, באוועגענד.

ראציאנאל. לויט דעם שכל אדער לאגיק.

ראקעטע. פייערווערק־שטיק.

רובריק. אבטיילונג אין א בוך אדער צייטונג.

ריוואל. קאנקורענט.

ריוואליטעט. קאנקורענץ, דאס נאכיאגען זיך מיט א צווייטען נאך דער זעלביגער זאך, וועלכע קען באלאנגען נאר צו איינעם.

רעקוויזירען. דאס איבערנעמען פון סחורות פון פריוואטע מענשען צו דער רעגירונג.

רעאליזם. די אנשויאונג אין דער פילאסאפיע אז אלע פיהלבארע אביעקטען עקזיסטירען אין דער ווירקליכקייט, אומאפהעניג פון דעם דערקענענדען סוביעקט.

רעגיאן. געגענד, געביעט.

רעליקוויען. איבערגעבליבענע זאכען פון הייליגע אדער היסטארישע וויכטיגע פארשטארבענע.

רעפטיל. קריכענדע באשעפעניש, שרץ.

רעפלעקטיוו. איבערלייגענד, נאכקלערענד.

נשמען-אנציינער

נעמען-אָנצייגער

א.

אויקען, 24, 64, 99, 117, 131, 137, 144, 271.

אווענאריאוס, 137.

אחד העם, 223.

איבסען, 405.

איוב, 21.

איינשטיין, 150, 304, 314, 316, 426.

אַלגין, 160, 166, 168, 174, 177, 183, 189, 190, 193, 240.

אליאטא, 274, 275, 276, 278, 280.

אלסבערג, 418, 427.

אנדרעעוו, 24, 180.

„אָפּען קאָרט", 307.

ארכימעדישער פּונקט, 305.

אריסטאָטעל, 137, 324, 330.

אש, 61, 62, 431.

ב.

באָטראָו, 306, 308.

באָקל, 123, 365.

באַראָוס, 212, 213.

באַרבוס, 290.

בארדאָ, 152.

בוכארין, 187, 377.

בערגסאָן, 14, 15, 25, 27, 28, 30, 31, 33, 40, 58, 59, 84, 85, 87, 99, 111, 137, 139, 140, 141, 148, 182, 194, 210, 211, 212, 213, 214, 223, 224, 241, 252, 253, 254, 255, 259, 262, 295, 308, 309, 310, 312, 313, 314, 315, 316, 318, 356, 379, 435, 436, 438, 439, 440.

בערקמאַן, 161, 289.

בראַנדעס, 103, 105.

ברונאָ, 208.

ברעדלי, 99, 137, 144, 149, 239, 243, 265, 266.

ג.

גאָלדמאַן, נחום, 61.

גאָלדמאַן, עמאַ, 161.

גאַלילעאָ, 305.

גאָרקי, 118, 119, 120, 335, 336.

געטהע, 84,88, 90, 191, 206.

גריכענלאַנד, 366.

ד.

דאַנטע, 61, 206.

דאָסטאָיעווסקי, 12, 85, 86, 87, 88, 89, 92, 98, 99, 104, 108, 109, 110.

דאַרווין, 13, 147, 209, 211, 212, 243.

דאַרוויניזם, 209, 210.

דוהעם, 275, 276.

דזשיימס, 24, 124, 137, 171, 281, 383, 384, 385, 389, 391.

דזשענטילע, 401, 402, 403, 405, 407, 409.

דואי, 40, 41, 43, 52, 74, 106, 110, 116, 337, 342, 383, 385.

דיורינג, אנטי, 154.

דייטשלאנד, 30, 331, 366.

דעקארט, 33, 137, 146, 312.

ה.

האלדיין, 15, 30, 48, 50, 75, 78, 79, 81, 82, 83, 311, 314, 324.

האקסלי, 243, 272, 273.

האמסון, 24, 52, 53, 99, 100, 101, 102, 103, 185, 194, 255.

הארטמאן, 137, 312.

הוגא, 379.

הורוויץ, 219.

הירשביין, 431.

העגעל, 15, 23, 30, 31, 137, 142, 143, 144, 145, 146, 153, 203, 280.

העגעליזם 142, 144.

העלמהאלץ, 235, 237, 305.

העס, 345.

העסע, 85, 88, 89, 104, 108.

העפדינג, 329.

העקעל, 44, 47, 50.

הערץ, 305.

וו.

וואונדט, 137, 281, 330.

וואלטער, 330, 331.

וואסערמאַן, 24, 53, 60, 83, 227, 229, 245.

וויטמער, 105.

ווילד, 65.

ווילהעלם, 331.

ווירכאָוו, 66, 69.

וועבלין, 185.

וועלס, 112.

ז.

זשיטלאָווסקי, 9, 10, 11, 21, 198, 215, 299, 300, 301, 302, 303, 304, 313, 319, 321, 334, 335, 345, 346, 350, 353, 354, 355, 361, 362, 365, 369, 370, 371, 372, 375, 413, 414, 415, 416.

זכריה הנביא, 10.

ט.

טאַגאָר, 24, 42, 51, 54, 55, 56, 68, 99, 133, 191, 193, 194, 216, 221, 247, 255, 270, 282.

טהאלעס, 408.

טהאָמסאָן, 13.

טורגענעוו, 87.

טעלעאָלאָגיע, 58.

טראָצקי, 168, 174.

טשעמבערליין, 415.

טשערנאָוו, 419.

י.

יום, 144.

ישעיה, 87.

ל.

לאבריאלא, 152.

לאדוש, 24, 45, 46, 47, 235, 269, 273, 281.

לאנגע, 236, 330.

לאפארג, 147, 148, 150.

לאק, 149.

לייבניץ, 146, 312.

לייוויק, 431.

לענין, 157, 158, 161, 166, 196, 199, 200, 201, 202, 219, 220, 283, 284, 285, 286, 287, 288, 289, 334, 377, 422, 423.

לעקי, 332.

מ.

מאגנעס, 426, 427.

מאללאק, 284, 286, 350.

מאלאן, 339.

מאנטעסקיו, 169.

„מאניסט", 305, 306.

מאסענזאן, 433.

מארקס, 31, 15, 135, 136, 138, 142, 143, 145, 146, 148, 150, 152, 153, 155, 156, 162, 164, 165, 195, 204, 209, 215, 218, 219, 252, 269, 303, 334, 329, 377, 422, 423.

מילל, 144.

מינסטערבערג, 70, 72, 75, 137, 281.

מירבא, 73.

מעטערלינק, 24, 62, 78, 99, 193, 194, 214, 255, 257, 360.

מענדעלע מוכר ספרים, 119, 120, 431.

נ.

נאוואליס, 259.

ניוטאן, 305, 426.

נאמבערג, 24, 25.

ניטשע, 88, 137, 249, 252, 257.

ס.

סאנטיאנא, 57, 67.

סטרינדבערג, 99, 360.

סימס, 294, 295, 324, 333, 342, 352.

סימקאוויטש, 303.

ספענסער, 71, 137, 144, 243, 408.

סאקראטעס, 33, 56, 57, 59, 77, 79, 146, 248, 324.

ע.

עדינגטאן, 78.

ערעמס, 332.

עמוס, 296.

עמערסאן, 21, 56, 114, 360.

ענגעלס, 135, 136, 142, 145, 153, 154, 155, 156, 158, 164, 165, 195, 204, 209, 215, 422, 423.

פ.

פאסקאל, 285, 286.

פושקין, 361.

פיערס, 383, 385.

פילסבורי, 107, 108, 403.

פינסקי, 431.

פלאטא, 57, 77, 79, 137, 146, 177, 178, 192, 193, 194, 241, 247, 248, 249, 250, 252, 311, 312, 322, 323, 324, 325, 332.

פריז, 21, 24, 60, 99, 114, 124, 129, 222, 223, 234, 237, 244, 245, 246, 255, 256, 266, 296, 360, 395, 397, 431.

פ.

פאראדי, 147.

פיכטע, 23.

פערי, 338, 339, 340.

פראנס, 299, 370, 379, 399.

פראטאגאראס, 384.

ק.

קאהען, 330.

קאוטסקי, 134, 139, 146, 147, 151, 155, 158, 166, 168.

קאוואריער, 147.

קאלאמבוס, 240.

קאנט, 11, 23, 30, 34, 113, 137, 141, 146, 148, 191, 192, 193, 194, 198, 199, 241, 249, 279, 280, 308, 309, 310, 311, 312, 328, 329, 330, 437.

קארלייל, 22, 56, 225, 360.

קארנילאוו, 197.

קאסארער, 304, 316.

קינג, 369.

קעפלער, 305.

קראטשע, 402, 408.

קראפאטקין, 11, 12, 13, 86, 196, 209, 210, 215, 221, 267, 268, 269, 341, 342, 343, 347, 348, 349, 351, 419.

קריסטום, 223, 295.

ר.

ראדין, 171.

ראלאנד, 290, 291, 296, 369.

ראם, 376, 377.

ראסעל, 153, 160, 163, 168, 173, 175, 186, 419.

ראקאטינסקי, 236.

ראקעפעלער, 190.

רוסא, 56, 85, 99, 152, 153, 249, 251, 252, 281, 329, 330, 360.

רוסלאנד, 22.

רוים, 24, 35, 37, 38, 39, 40, 137.

רייזען 431.

רעמאנד, 235.

ש.

שאָפּענהויער, 137, 248, 249, 252, 312, .
שטירנער, 268.
שילער, 383, 385.
שלום עליכם, 431.
שעלינג, 213.
שפּענגלער, 27, 29, 31, 40, 54, 88, 89, 104.
שעקספּיער, 84, 206.
שפּינאָזא, 23, 29, 33, 40, 41, 46, 58, 80, 81, 82, 137, 146, 148, 191, 192, 295, 312, 318, 319, 325, 326, 327, 344, 347.

דרוק-פעהלער

זייטע	שורה	וואָרט	געדרוקט	דאַרף זיין
16	4	2	איצטיגען	איצטיגע
16	10	9	סאָציאָלאָגישער	סאָציאַלער
63	6	3	ניט	דאַרף אינגאַנצען ניט זיין
63	29	1	צווייטען	צווייטע
68	27	8	אָפּהעניגקייט	אומאָפּהעניגקייט
73	11	10	זייט	צייט
14	25	4	רעאַליטעט	רעלאַטיוויטעט
75	7	7	נאָך	נאָר
82	19	3	קוואַנטיווער	קוואַנטאַטיווער
91	20	10	זעלבצושטערונג	זעלבסט צושטערונג
109	6	8	אַל־זיין	אַל־זיין.
196	7	7	אַנדער	אַנדערע
202	2	3	און	אין
205	5	2, 3, 4,	שלאָגען זיך די	שלאָגען זיך אָן די
221	11	7	איין איינציג	איין און איינציג
223	21	5	ריינעם	ריינער
224	4	4	איזי	איז
234	10	8	געטער	עטער
242	19	3, 4, 5,	פּאַרשטעהן, פיהלען	פּאַרשטעהן, איז פיהלען
242	25	11	איז	דאַרף אינגאַנצען ניט זיין
245	3	9	וועט	וועלט
250	7	6	דיטקירט	דיקטירט
266	17	2	זינדיגער	זינדיגען
304	26	9	באַשטימונג	באַהויפּטונג
327	4	2	פרויען,	פרויען.
327	5		דענשאַפטען.	דענשאַפטען,

דרוק-פעהלער

זייטע	שורה	וואָרט	געדרוקט	דאַרף זיין
328	4		דען באנעם פון בירגער און פעל־קער גלייכהייט.	דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטי־שען געביעט.
352	6	4	יתודות	יסודות
362	20		מיט	מיר
363	15	10, 11, 12	פיעל מער געניאליטעט	דאַרף אינגאַנצען ניט זיין